STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05769

# OYF DI VEGN FUN PARTIZANER KAMF

Nehemia Endlin

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

נחמיה אנדליז

# בדרכי המלחמה הפארטיזנית

עיצוב העטיפה: אלישע שמאלי

נחמיה אנדלין

# אויף די וועגן פון פּאַרטיזאַנער קאַמף

זכרונות

רעדאַקטאָר: יצחק אַלפּעראָוויטש

אַרויסגעגעבן דורך אַ קאָמיטעט פון געוו. יידישע פּאַרטיזאַנער
און אונטערגרונט־קעמפּער פון קאָוונער געטאָ

מיט דער מיטהילף פון פאַרבאַנד פון פּאַרטיזאַנער,
אונטערגרונט־קעמפּער און געטאָ־אויפשטענדלער אין ישראל

הוצאת ועד של פרטיזנים ולוחמי המחתרת מגיטו קובנה
בסיוע ארגון הפארטיזנים, לוחמי המחתרת ומורדי הגיטאות בישראל

תל־אביב, תש״ם — 1980

נחמיה אנדלין

# אויף די וועגן פון פּאַרטיזאַנער קאַמף

זכרונות

NEHEMIA ENDLIN

# MEMORIES OF A JEWISH GUERILLA FIGHTER

Editor: I. ALPEROWITZ

Published by:

A Commitee of ex-Guerilla Fighters from
the Kovno Ghetto

כל הזכויות שמורות למחבר

סודר ועומד — ב. צ. אריאלי
נדפס בדפוס „להב" בע"מ, ת"א

תל-אביב, תש"ם 1980

נחמיה אנדלין

די געפאַלענע פאַרטיזאַנער פון דער
קאָוונער יידישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע
— זייער הייליקן אָנדענק געווידמעט.

דער מחבר

# אינהאַלט

אַ קעמפער און וועגווייזער אין גורלדיקע טעג — פּראָפ' א. צ. בראון, ד"ר דב לוין . . . . . . . . א
הקדמה . . . . . . . . . 11

## פון יעקאַטערינאָסלאַוו ביז קאָוונע

יעקאַטערינאָסלאַוו . . . . . . . . 17
אין די יאָרן פון בירגער־קריג . . . . . . . 22
אין די עוואַקואַציע־עשאַלאָנען קיין ליטע . . . . . 28
אין דעם „בית־החינוך" אין טעלז . . . . . . 33
אין די ישיבות פון ריטעווע, ווילקאָמיר, טעלז און סלאָבאָדקע . . 36
זוימען פון מאַרקסיסטישן באַוווסטזיין . . . . . . 45
ערב אַ גורלדיקער תקופה . . . . . . . 55

## אין די יאָרן פון מלחמה־שטורעם (1944—1941)

אַזוי האָט זיך עס אָנגעהויבן . . . . . . . 61
אויף בלוטיקע וועגן . . . . . . . . 63
אין דייטשע הענט . . . . . . . . 66
אין אויסגעקוילעטע יידישע שטעטלעך . . . . . . 70
נע־ונד . . . . . . . . . 73
„באַרמהאַרציקייט" פון אַ דייטשן אָבערלויטענאַנט . . . . . 76
אין קאָוונער געטאָ . . . . . . . . 78
אַקציעס אין געטאָ . . . . . . . . 84
דער ערשטער גרוס פון וואַלד . . . . . . . 89
חיים יעלין און די אונטערערדישע געטאָ־אָרגאַניזאַציע . . . 91
מיין ערשטער געגנבעטער פּיסטאָלעט . . . . . . 96
אונדזערע סאַבאָטאַזש־אַקטן . . . . . . . 98
געווער אין געטאָ . . . . . . . . 102
דער געראַנגל פאַר אַ געאייניקטן קאַמף־פראָנט . . . . 105
נויטווענדיקייט פון אַקטיוון קאַמף אין וואַלד . . . . . 109

## דער מאַרש צו די אַווגוסטאָווער וועלדער

די טאַקטישע צוגרייטונג צום מאַרש . . . . . . 117
דער ערשטער ניט געלונגענער אַרויסמאַרש צו די אַווגוסטאָווער וועלדער . 121

פון קאָוונע צו אַווגוסטאָווע . . . . . . . 124
ספקות און וואַקלעניש . . . . . . . 136
צווישן יאוש און מאָראַלישער פעסטקייט . . . . . 139
געוואַגטקייט פון דעציזיע . . . . . . . 143
אין אַ פיינטלעכער סביבה . . . . . . . 145
דאָס איז אַווגוסטאָווע ! . . . . . . . 147
דער צוריקוועג אין געטאָ . . . . . . . 149
דער צווייטער שאָס פון מיין „וואַלטער" . . . . . 151
דאָרט ווו עס דראָט אַ געפאַר . . . . . . . 152
דער פרייז פון אַ דורכפאַל . . . . . . . 159
דער חשבון־הנפש פון דעם דורכפאַל . . . . . . 163

## געטאָ און וואַלד — צוויי אָפּשניטן פון איין פראָנט

המשך פון אַקטיוון קאַמף . . . . . . . 169
אינספּיראַציע פון ווילן צום קאַמף . . . . . . 172
די ערשטע גרופּעס דערגרייכן די פּאַרטיזאַנער־וועלדער . . . . 178
אויף פּאַרטיזאַנישע וועגן . . . . . . . 181
די שליחות פון וואַלד אין געטאָ . . . . . . 192
דער „תחית־המתים" פון מיין פרוי מאַשע . . . . . 202
ווי מען באַזאָרגט געווער פאַר די קעמפער . . . . . 206
דער פאַרבאַט אָנצונעמען פרויען אין אָטריאַד . . . . 208
דער פאַל משה גערבער . . . . . . . . 215
דער סטימולירנדיקער כוח פון אַקטיוון קאַמף . . . . 221
וויכטיקע כללים פון פּאַרטיזאַנישער טאַקטיק . . . . 227
פאַראייניקטע פלאַצדאַרמען פון געטאָ און וואַלד . . . . 230
די קאָוונער פּאַרטיזאַנער בריגאַדע . . . . . . 234
אין שליחות צום קאָוונער אונטערערדישן פּאַרטיי־קאָמיטעט . . . 241
גרישע קרוגליאַקאָוו — אַ קרבן פון אַ פאַרראַט . . . . 245
בעת דער קינדער־אַקציע אין געטאָ . . . . . . 247
ווען ס'ברענט די געטאָ — וואַכט אויף דער וואַלד . . . . 250
דאָרט ווו ס'פולסירט דער דופק פון קאַמף . . . . . 252
קרבנות פון שאַנטאַזש און פאַרראַט . . . . . . 260
אויסגעגלייכטע רוקנס... . . . . . . . 264
אויף דער פּאַרטיזאַנער־באַזע ביי פעטראָוויטשן . . . . 267
דאָרט ווו די מערהייט פּאַרטיזאַנער זיינען יידן... . . . . 272
דער רעצידיוו פון אַנטיסעמיטיזם . . . . . . 276
„פון דעם דאָזיקן אַווטאָמאַט האָסטו געדאַרפט פאַלן אַ קרבן"... . . 280

בילדער, עפּיזאָדן, פּאַסירונגען . . . . . . . 283
פּנים אל פּנים מיטן שונא . . . . . . . 288
6 יידישע פּאַרטיזאַנער זיינען געפאַלן . . . . . . 291
פּאַרטיזאַנישע טעג און נעכט . . . . . . . 292
דער מאַרש צו די קאָזלאָרודער וועלדער . . . . . 296
אין פּאַרטיזאַנישער שליחות . . . . . . . 308
„וואָלאָסאָוצעס, צי אייגענע ?" . . . . . . . 310
אויף די פרישע קברים פון חיים־דוד ראַטנער און יאַנקעלע לעווין . . 318
די שעה פון דערלייזונג האָט געשלאָגן . . . . . 323
פּאַרטיזאַנישע נקמה . . . . . . . . 326
ערב דעם סוף . . . . . . . . 327
דער זיגרייכער מאַרש אויף קאָוונע . . . . . . 331
אויף דער צעגליטער ערד פון דער באַפרייטער קאָוונע . . . 334


## אין ליטע נאָך דער מלחמה


אין פּאַרטייאישער שליחות . . . . . . . 341
אין זכות פון מיין פּאַרטיזאַנישן עבר . . . . . 345
ווער דאַרף אַ יידישן קאַמפּס־מוזיי ? . . . . . 348
„סיאָניזם", אָדער קאָנטררעוואָלוציע . . . . . . 351
סאָוויעטישע פּאַראַדאָקסן . . . . . . . 354
אויפן הויכן שטאַפּל פון מלוכהשן לייטער . . . . . 358
פּאַרטיזאַנישע סאָלידאַריטעט . . . . . . . 360
„פּאַרברעכן" און שטראָף . . . . . . . 362
ווען איז אומגעקומען חיים יעלין ? . . . . . . 365
אמתע און פאַלשע העלדן . . . . . . . 368
דער אַנטי־יידישער פּאָדעם וויקלט זיך... . . . . 371
דער ביטערער טעם פון אַ קאָמאַנדיראָווקע קיין פינלאַנד . . . 373
אַ סיורפּריז צו מיין 50־יאָריקן יובליי . . . . . 376
די אויסצייכענונג פון דער פּוילישער רעגירונג . . . . 378
„זוכט ביי אונדז ניט קיין לאָגיק" . . . . . . 381
דער אָפּקלאַנג פון 6־טאָגיקן קריג אין ישראל . . . . 383
צווישן „רויטן שטערן" און מגן־דוד . . . . . 385
„דיין פאָטערלאַנד איז דער ראַטנפאַרבאַנד" . . . . 390
זיי געזונט, לאַנד פון מיין פאַרגאַנגענהייט... . . . . 381

# אַ קעמפער און וועגווייזער אין גורלדיקע טעג

כמעט פיר צענדליק יאָר זענען שוין פאַרביי זינט דער מאוימ־דיקער נאַצי־תקופה און נאָך אַלץ שטוינען מיר וועגן דעם זין און באַדייטונג פון די געשעענישן פון יענער צייט — אַ צייט פון גרויל און מאַסן־מאָרד פון איין זייט, און אַ צייט פון איבערמענשלעכער גבורה פון דער צווייטער זייט.

די מיטגלידער פון דער יידישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע פון קאָוונער געטאָ, וואָס האָבן דורכגעלעבט די שווידערלעכקייטן פון יענער תקופה, האָבן אָבער בשעת־מעשה זיך ניט פאַרלוירן און אין די שווערסטע באַדינגונגען אַרויף אויפן וועג פון אָרגאַניזירטן ווידערשטאַנד, פרעגן זיך אַליין צומאָל: וואָס דאַרף זיין אונדזער געבאָט פאַר אונדזערע קינדער און פאַר די דורות וואָס וועלן קומען נאָך זיי?

בלי־ספק דאַרפן מיר זיי קודם־כל איבערגעבן דעם פאַקטאָ־גראַפישן סיפור־המעשה. און ווירקלעך איז דאָס פאַרליגנדיקע בוך איינע פון די שפּאַנענדיקסטע, באַגלויבטע און סאַמע אויספיר־לעכסטע ווערסיעס פון אונדזער סיפור־המעשה. דאָס בוך אַנטהאַלט אָבער פיל מער. פון צווישן די שורות זיינע קען מען אַרויסלייענען וויכטיקע אָנדייטונגען וועגן אַ טיפערן זין פון אונדזערע אויפטוען און דורכפאַלן. זאָל אונדז דאָ דערלויבט זיין אָנצוּוואַרפן עטלעכע שטריכן וואָס וועלן די דאָזיקע לקחים פון דער פאַרגאַנגענער צייט קלאָרער מאַכן.

צוערשט עטלעכע ווערטער וועגן פ אַ ר נ ע ם פון אונדזער קאַמפּס־באַוועגונג.

בשעת מעשה האָבן מיר זיך אַליין ניט אָפּגעגעבן אַ דין־וחשבון פון דעם פאַקט, וואָס זייענדיק פולשטענדיק איזאָלירט פון דער אַרוי־מיקער סביבה — אַן איזאָלאַציע וואָס דער צורר האָט אונדז אויפ־

געצוווּנגען — זײַנען מיר געווען אַ וועזענטלעכער באַשטאַנדטייל פון דעם אַנטי־נאַציִשן מלחמה־אָנשטרענג פון ליטווישן ייִדנטום. פאַר־שטענדלער, פון דעם ריין פאַקטאָגראַפישן שטאַנדפּונקט; נישט לויט אַ וועלכן ס'איז פאַרויס באַשטימטן פּלאַן.

פון די לעצטע פאָרש־אַרבעטן וואָס זענען אונדז באַקאַנט, ווערט איצט קלאָר, אַז דער קאַמף פון די ליטווישע ייִדן קעגן דער דײַטשער מלחמה־מאַשין האָט אַרומגענומען נישט ווייניקער ווי צען טויזנט פּערזאָן, און דאָס איז אַ רעזולטאַט פון זייער פּאַרזיכטיקע אויסרעכענונגען און אָפּשאַצונגען. פון דער דאָזיקער ציפער האָבן אַרום זעקס טויזנט ייִדן געדינט אין דער ליטווישער דיוויזיע פון דער סאָוויעטישער אַרמיי, בילדנדיק דעם קעמפנדיקן חוט־השדרה פון דער דאָזיקער מיליטערישער פאָרמאַציע. ביי צוויי טויזנט ליט־ווישע ייִדן האָבן געקעמפט אין פאַרשידענע אַנדערע פאָרמאַציעס פון דער רויטער אַרמיי ווי אויך פון די פּוילישע אַרמייען וועלכע האָבן זיך פאָרמירט אין ראַטן־פאַרבאַנד. נאָך צוויי טויזנט ייִדן האָבן געקעמפט אַלס פּאַרטיזאַנער אין פאַרשידענע וועלדער און אַלס אונטערערד־קעמפער אין די געטאָס און אַרבעטס־לאַגערן — אַ דריטל פון דעם אין קאָוונער געטאָ און אין לאַגערן וואָס האָבן געהערט צו אים.

די דאָזיקע ציפערן זענען זייער באַלערנדיק, דער זין פון די געשעענישן איז אָבער אין זיי פאַרבאָרגן און אונדזער חוב איז עס אויפצודעקן. די ערשטע טריט צו אָרגאַניזירן אַ ווידערשטאַנד אין קאָוונער געטאָ זענען געמאַכט געוואָרן שוין אין האַרבסט 1941, אין מיטן פון דער ערשטער כוואַליע פון סיסטעמאַטישן מאַסן־מאָרד. ממש שטוינענדיק איז דער פאַקט, וואָס צווישן די אָרגאַ־ניזאַטאָרן פון דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג האָט זיך אויך געפונען אַ גרופּע אָפיצירן פון דער געטאָ־פּאָליציי. דאָס זענען דאָך געווען מענטשן, וואָס די דײַטשן האָבן אויסגענוצט צו אונטערדריקן די געטאָ־באַפעלקערונג, דאַרונטער אויך צו אָרגאַניזירן די אַזוי גערו־פענע „סעלעקציעס" און גירושים. און די זעלבע האָבן זיך אין יענע גרוילעכע טעג באַטייליקט אינעם אויספורעמען די ערשטע ראַמען פון דער קעמפנדיקער אונטערערד.

מען קען זאָגן: אַ שרעקלעכע פּערזענלעכע דילעמע... געוויס! גלייכצייטיק אָבער, האָט זיך שוין דאַן אָנגעמערקט דער וועג אויף וועלכן ס'איז דערנאָך געגאַנגען דער עלטעסטנראַט (יודנראַט) פון קאָוונער געטאָ מיט אַלע זיינע אָפּטיילונגען: נישט אָפּן ווידערשפּעניקן די דייטשן, אָבער אויך ווי ווייט מעגלעך העלפן דער אונטערערד.

מיר זענען כלל נישט אויסן צו טענהן, אַז מיטן געבן אַ פּראַקטישע און מאָראַלישע אונטערשטיצונג דער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע, האָט די דורך די דייטשן באַשטימטע אָנפירונג פון געטאָ זיך ריינגעוואַשן פון דער אחריות — אויב איר ווילט: פון דער שולד — וואָס דריקט אויף איר צוליב דער געהאָרכזאַמער אויספירונג פון די דייטשע גרוילעכסטע באַפעלן. אַט די דאָזיקע שווערע פאַראַנטוואָרטלעכקייט וועט קיין שום מענטש, קיין שום פאַקטאָר נישט קענען אָפּמעקן. דאָס דאַרף געזאָגט ווערן אין דער זעלבער מאָס כלפּי די־יעניקע וואָס האָבן געמיינט דאַן, בעת דעם הויכפּונקט פון דער אימה'דיקער תקופה, אַז דאָס איז מעגלעך, ווי אויך כלפּי די היסטאָריקער, פאָרשער פון דעם חורבן א. א. וועלכע מיינען אַזוי היינט.

מיר האַלטן אָבער נישט, אַז ס'וועט זיין אַ סתירה אין אונדזערע רייד, אויב מיר וועלן זאָגן אויך דאָס: פון דער באַציונג פון דער קאָוונער געטאָ־אָנפירונג צו דער אונטערערד־באַוועגונג האָט אויפגעבליצט אַ ליכט־שטראַל, אפשר אַפילו פון אַ גבורה־טאַט. געווען איז דאָס בלי־ספק אַ ריכטיקער טאַט — און אורטיילנדיק לויט דער פאָרם ווי די זאַך איז אויסגעפירט געוואָרן — אויך אַ קלוגער טאַט אין וועלכן עס שפּיגלט זיך אָפּ די יידישע נאַציאָנאַלע סאָלידאַריטעט אין איינע פון אירע מערקווירדיקסטע פאָרמען.

די יידישע נאַציאָנאַלע סאָלידאַריטעט האָט געפונען אין קאָוונער געטאָ אַ ממשות'דיקן אויסדרוק נישט נאָר אין די באַציונגען צווישן דער אונטערערד און דער געטאָ־אָנפירונג און אויך נישט נאָר צווישן דער אונטערערד און דער געטאָ־באַפעלקערונג. זי האָט זיך אויך אַנטפּלעקט אין דער אונטערערדישער באַוועגונג גופא.

פון פּאָליטישן און אידעאישן שטאַנדפּונקט איז די אונטערערד

פון קאַווּנער געטאָ געווען ווייט נישט קיין איינהייטלעכע, און דאָס איז אויך נאַטירלעך. מערערע אָרגאַניזאַציעס און פּאַרטייען האָבן איר אויפגעשטעלט און מיט איר אָנגעפירט די גאַנצע צייט פון איר עקזיסטענץ. ס'איז געווען אין איר פאַרטראַטן דער ציוניסטישער לאַגער מיט זיינע פאַרשידענע גרופּירונגען און יוגנט־באַוועגונגען; דער קאָמוניסטישער לאַגער אין וועלכן מען האָט געקענט אונטער־שיידן ניואַנסן; ס'זענען אויך געווען אין איר פאַרטראַטן קרייזן, וועלכע מ'האָט באַצייכנט אַלס „נישט אידענטיפיצירטע", אָן אַ קלאָרן פּאָליטישן געשטאַלט, וועלכע האָבן זיך אָבער נישט געוואָלט אונטערגעבן דער דייטש־ליטווישער פאַרניכטונגס־מאַשין. טראָץ דער דאָזיקער פאַרשיידנאַרטיקייט איז קלאָר, אַז דער וועג פון דער קאַווּנער יידישער אונטערערד איז באַשטימט געוואָרן דורך די צוויי לאַגערן: דער ציוניסטישער און קאָמוניסטישער.

די חברים פון לינקן לאַגער האָבן זיך געהאַלטן אַלס אינטעג־ראַלער טייל פון דער אַלגעמיינער אַנטיפאַשיסטישער באַוועגונג אונטער דער אָנפירונג פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי און מאָס־קווע איז פאַר זיי געווען די העכסטע אינסטאַנץ. די דאָזיקע צוגע־העריקייט צו דער קאָמוניסטישער ווידערשטאַנדס־באַוועגונג האָט די אַנטיפאַשיסטן אין געטאָ געגעבן שטאַרקע פאָרצוגן: קאָנטאַקטן מיט קאַמפּס־גרופּן אויסערן געטאָ; אָרגאַניזאַציאָנעלע הילף ביים אַרויספירן קעמפער פון געטאָ און ברענגען זיי צו פאַרהעלטניש־מעסיק זיכערע פּאַרטיזאַנער באַזעס; אינטעגראַציע אין פּאַרטיזאַ־נער אָטריאַדן, וועלכע האָבן שוין באַזיצט דערפאַרונג אין פּאַרטי־זאַנער קאַמף און זענען אויך געווען אונטערוואָרפן דער קאָנטראָל פון אַ צענטער; מיליטעריש־פּאַרטיזאַנישע אויסשולונג און טיילווייז אויך מיליטערישע אויסשטאַטונג.

דעם ציוניסטישן לאַגער האָט פאַרשטייט זיך געפעלט אַזאַ קאַרט ווי די פאַרבינדונג מיט מאָסקווע. אדרבה, פון דעם דאָזיקן שטאַנדפּונקט איז געווען אַ חשש פון דיסקרימינאַציע און מיט דער צייט אויך פאַרפאָלגונגען. יעדנפאַלס, אין געטאָ גופא האָט דער ציוניסטישער לאַגער געהאַט מיט וואָס צו באַלאַנסירן דעם פאָרצוג וואָס די פאַרבינדונג מיט מאָסקווע האָט געגעבן די לינקע. געווען

זענען דאָס די קאָנטאַקטן מיט דער געטאָ־אָנפירונג און אַ היפּשע השפּעה אויף ברייטע קרייזן פון דער געטאָ־באַפעלקערונג. דער רעזולטאַט איז געווען אַזאַ, אַז אויסערן געטאָ האָט די קאָוונער יידישע קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע נישט געקענט פיל אויפטאָן אָן דעם קאָמוניסטישן לאַגער, אינעווייניק אָבער, אין געטאָ, האָט זי זיך נישט געקענט אַ ריר טאָן אָן די ציוניסטישע גרופּירונגען.

דער דאָזיקער אייגנאַרטיקער באַלאַנס פון כוחות־פאַרהעלטענישן און פאַרבינדונגען האָט דערמעגלעכט אַ צוזאַמענאַרבעט אינערהאַלב דער באַוועגונג, וועלכע האָט פאַרצייכנט אין איר קאַמפּס־טעטיקייט וועזנטלעכע דערפאָלגן — אַזעלכע וואָס יעדע אַנטי־נאַצישע אונטערערד וואָלט זיי געדאַרפט מקנא צו זיין. אין דעם שפּיגלט זיך ווידער אָפּ דער ריכטיקער פּנים פון דער יידישער נאַציאָנאַלער סאָלידאַריטעט...

אָבער אויך דאָס דאַרפן מיר גוט פאַרשטיין: מיט אָט די אַלע אויסדרוקן פון סאָלידאַריטעט אין געטאָ; מיט די פאַרשידנסטע פאַרבינדונגען מיט דער מכלומרשט־אָפיציעלער (מישטיינסגעזאָגט) געטאָ־אָנפירערשאַפט פון איין זייט און מיט דער אַלגעמיינער אַנטי־פאַשיסטישער באַוועגונג פון דער אַנדערע זייט — האָט די געטאָ אונטערערד אַוודאי נישט געקענט מצליח זיין ווען נישט די שיכט אַקטיוויסטן וואָס האָבן געבילדעט איר אייגענע אָנפירונג, האָבנדיק דעם פולן צוטרוי פון דער ברייטערער מאַסע פון אונטערערד־מיטגלידער: שרעקלאָזע, באַוווסטזיניקע יונגע מענטשן, וואָס זענען געווען איבערגעגעבן בלב־ובנפש דעם בשותפותדיקן קאַמף קעגן דעם נאַצישן צורר און זיינע ליטווישע משרתים.

די דאָזיקע שטאָלצע און פאַרהאַרטעוועטע יונגעלייט, וועלכע זענען אויך געווען באַשאָנקען מיט איינגעבוירענע לעבנס־חכמה, האָבן זיך גיך צוגעפּאַסט צו די שווערע, ספּעציפיש־קאָמפּליצירטע באַדינגונגען פון אַן אונטערערדישן קאַמף אין געטאָ גופא, אין די ליטווישע אָקופּירטע שטעט און דערפער און אין די פּאַרטיזאַנער וועלדער — ווי עמעצער וואָלט זיי באַצייטנס דערצו אויסגעשולט. איינער פון די באַגאַבסטע, אַממערסטן אויסגעפּרוווטע און פאַרהאַרטעוועטע אונטערערד־קעמפער פון דער יידישער קאָוונע אין

דער צווייטער וועלט־מלחמה איז דער מחבר פון פאַרליגנדיקן בוך, נחמיה אנדלין.

נחמיה איז אַ שורשדיקער „ליטוואַק", וואָס שטאַמט פון אַ משפחה פון רבנים און פאַרמעגלעכע סוחרים. זיין קינדהייט איז אַדורך אין יעקאַטערינאָסלאַוו (אַהין זענען אַרויסגעטריבן געוואָרן פיל יידן פון ליטע אין דער ערשטער וועלט־מלחמה). אין זיינע יוגנט־יאָרן האָט ער געלערנט אין די באַרימטע ישיבות פון טעלזש, ריטעווע און סלאָבאָדקע (נאָכן צוריקקערן זיך פון זיין משפחה צוזאַמען מיט די אַרויסגעטריבענע יידן קיין ליטע, אַנהויב די צוואַנציקער יאָרן). אַלס דערוואַקסענער בחור, האָט ער שטודירט אַלגעמיינע לימודים און סוף פון די דרייסיקער יאָרן איז ער געווען טעטיק אויפן געזעלשאַפטלעכן און פּאָליטישן געביט אין ליטע.

ביים אויסברוך פון דער דייטש־סאָוועטישער מלחמה, האָט ער געלעבט אין קאָוונע, פון וואַנען ער איז באַלד אַנטלאָפן צוזאַמען מיטן שטראָם פון פליטים אויף מזרח. ער האָט נישט געקענט שלום מאַכן מיטן געדאַנק, אַז ער וועט לעבן אונטערן יאָך פון דער דייטשער אָקופּאַציע. אויפן וועג איז ער צוגעשטאַנען צו אַ צעקלאַפּטער טייל פון דער רויטער אַרמיי, וועלכע איז אָפּגעטראָטן אונטערן דרוק פון דער פאַרויסמאַרשירנדיקער דייטשער אַרמיי. פיל טעג און נעכט האָט ער געבראָדיעט איבער די מלחמה־וועגן, ביז ער האָט זיך צוריק דערשלאָגן קיין קאָוונע.

די דערפאַרונג וואָס ער האָט באַקומען אין יענע מלחמה־טעג פון תוהו ובוהו אין ליטע און ווייסרוסלאַנד, איז אים גוט צונוצגעקומען ערשט מיט צוויי יאָר שפּעטער, ווען די אַנפירונג פון דער אונטערערדישער קאָוונער געטאָ־אָרגאַניזאַציע (צו וועלכער ער איז צוגעשטאַנען גלייך נאָך איר אַנטשטייונג), האָט אויף אים אַרויפגעלייגט אַ פאַראַנטוואָרטלעכע שליחות צו פירן אַ גרויסע גרופּע געטאָ־קעמפער אין דעם מאַרש צו די אַווגוסטאָווער וועלדער, אויף דעם צונויפטרעף פון די גרענעצן פון דייטשלאַנד, ליטע און פוילן. אין דעם דאָזיקן אומגליקלעכן מאַרש האָט נחמיה אַנדלין מצליח געווען צו דערגרייכן דעם ווייטן ציל צוזאַמען מיט זיין חבר שמואליק מאָרדקאָווסקי, אַלס איינציקע פון די קרוב 100

געטאָ־קעמפער, וועלכע זענען געשיקט געוואָרן דורך דער אָנפירונג צו דעם דאָזיקן מאַרש.

נחמיה אנדלינס גרויסע שעה אַלס פּאַרטיזאַן איז געקומען, ווען ס'האָבן זיך געשאַפן גינסטיקע באַדינגונגען פאַר די קאָוונער געטאָ־קעמפער אַרויסצוגיין אין די רודניצקער וועלדער, דאָרט ווו ס'האָבן זיך געפונען די באַזעס פון דער ליטווישער פּאַרטיזאַנער בריגאַדע.

ער איז באַשטימט געוואָרן אַלס וועגווייזער פון די אַרויס־גייענדיקע קעמפער פון געטאָ און גאָר גיך האָט ער זיך אַרויסגע־וויזן אַלס טאַלאַנטירטער און געניטער מורה־דרך, וואָס איז גע־בענטשט מיט נאַטירלעכע אייגנשאַפטן, וואָס האָבן אים שפּעטער דערהויבן צו דער הויכער מדרגה פון אַן אָנערקענטן בריגאַדע־פאַרבינדלער.

נישט ווייניקער ווי 94 מענער און פרויען פון אַלע פּאָליטישע ריכטונגען פון דער געטאָ־אונטערערד האָבן זוכה געווען אָנצו־קומען בשלום אין די וועלדער און ווערן פּאַרטיזאַנער, אַדאַנק זיין פּערזענלעכער אָנפירונג, וואָס איז געווען אַ האַרמאָניע פון דרייסטקייט, קאַלטבלוטיקייט און שנעלער אָריענטאַציע אין יעדן סכנותדיקן נייעם מצב, ביים פירן די מענטשן. אַזוי האָט ער דורכ־געמאַכט הונדערטער קילאָמעטער פון קאָוונער געטאָ צו דעם פּאַר־טיזאַנישן ראַיאָן אַהין און צוריק.

ווען זיין נאָמען אַלס באַגאַבטער וועגווייזער איז באַרימט גע־וואָרן, האָט די קאָמאַנדשאַפט פון דער בריגאַדע אַרויפגעלייגט אויף אים אויסצופירן געהיימע קאָמפּליצירטע אויפגאַבן און אַזוי איז ער, אגב, אויך בהדרגהדיק אַריינגעצויגן געוואָרן אין די סודות פון דער פּאַרטיזאַנישער טאַקטיק און סטראַטעגיע אין אירע פאַר־שיידענע ספּעציפישע פאָרמען. זיין פּראַקטיק האָט זיך מיט דער צייט באַרייכערט און ער האָט דערוואָרבן מיליטערישן וויסן און באַהאַוונטקייט, וואָס ניט פיל, אַפילו צווישן די אויסגעצייכנטע פּאַרטיזאַנער־קאָמאַנדירן זענען מיט דעם געווען געבענטשט.

דאָס איז געווען דאַן אין דער אימהדיקער תקופה פון גרויל און טויט. און איצט, נאָך דעם ווי ער האָט זוכה געווען עולה צו זיין קיין ישראל מיט זיין משפחה און ער האָט לויט דער בקשה פון

זיינע קאַמפּס־חברים אָנגעהויבן צו פאַרצייכענען זיינע זכרונות, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ער איז אַ טאַלאַנטירטער דערציילער, וואָס איז געבענטשט מיט אַ פענאָמענאַלן זכרון.

די ביידע אייגנשאַפטן: די רייכע דערפאַרונג פון יענער תקופה פון איין זייט און זיין זעלטענער טאַלאַנט צו רעקאָנסטרויִרן פאַרשיידענע עפּיזאָדן און אַרויסברענגען עס אין אַ פּליסיקער זאַפטיקער שפּראַך פון דער צווייטער זייט, — פאַרוואַנדלען די זכרונות פון נחמיה אַנדלין אין אַ דאָקומענט, וואָס נישט פיל אַזעלכע מענטן זענען פאַראַן אין דער חורבן־ליטעראַטור. זיינע זכרונות זענען אַ ווירדיקער ביישטייער צו דער פאַרשונג פון דער חורבן־תקופה.

*

דאָס דערשיינען פון נחמיה אַנדלינס בוך איז דערמעגלעכט געוואָרן דורך דער איניציאַטיוו פון זיינע קאַמפּס־חברים, געוועזענע מיטגלידער פון דער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע פון קאָוונער געטאָ, וועלכע לעבן אין ישראל. די חברים האָבן אויסגעקליבן אַ בוך־קאָמיטעט פון פאָלגנדיקן באַשטאַנד:

אברהם צבי בראון — פאָרזיצער; חיים גלעזין; ברוך גופר; ישראל גאָלדבלאַט; רבקה (אַלטקע) טעפּער; מיכאל יצחקי (געלבטרונק); זוניע שטראָם; די חברים האָבן אונטערגענומען די נויטיקע פינאַנסיעלע און טעכנישע מאָסמיטלען, אַז דאָס בוך זאָל אַרויסגעגעבן ווערן אין אַ פּאַסיקער פאָרם. לויטן אויפטראַג פון דעם בוך־קאָמיטעט, האָט די רעדאַקציע־אַרבעט אויסגעפירט יצחק אַלפּעראָוויטש.

אַלע פּערזאָנען און אינסטיטוציעס, וואָס האָבן געהאָלפן אַרויסגעבן דאָס בוך, ווערט דערמיט אויסגעדריקט די טיפסטע דאַנקבאַרקייט פון דעם מחבר און זיינע קאַמפּס־חברים.

**אברהם צבי בראון    דב לעווין**

ירושלים, סיון תש״ם (יוני 1980)

# הקדמה

עס איז אַ בוך זכרונות.

אָבער נישט דורכאויס נאָר פּערזענלעכע זכרונות. דאָס זענען זכרונות פון אַ וועלט, אין וועלכער איך האָב געלעבט און די מענטשן אין מײַנע זכרונות פאַרנעמען דאָס הויפּט־אָרט.

דאָס זענען געווען מענטשן, אַ גרויסער טייל פון זיי יוגנטלעכע, וועלכע זענען געווען באַהויכט פון אידעאַלן, אויסגעוואקסן, פאַר־האַרטעוועט און אויסגעפורעמט געוואָרן אין די רייען פון דער יידישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע פון קאָוונער געטאָ און אין די שעה'ן פון גרויסן נסיון, האָבן זיי זיך דערהויבן צו דער העכסטער מדרגה פון אחריות און אפּפּערוויליקייט.

צוזאַמען מיט אַט די מענטשן (אַ גרויסער טייל פון זיי געפינען זיך אין לאַנד), זענען מיר אַרויף אויפן וועג פון באַוואָפנטן ווי־דערשטאַנד, כדי צו קעמפן קעגן דעם בלוטיקן שונא, ווי אַ טייל פון דער מחנה קעמפער, וועלכע זענען נישט צעפרעסן געוואָרן פון יאוש אין יענע פינצטערע טעג, ווען די קאָוונער געטאָ איז אַפּגעגאַנגען אין בלוט. דאָס זענען געווען די, וועלכע האָבן גע־טראָגן דעם געדאַנק פון קאַמף און ווידערשטאַנד סיי אין געטאָ און סיי אין וואַלד.

דער דאָזיקער ווידערשטאַנד האָט ניט געקענט צושטאַנדקומען אָן דער אינספּיראַציע פון חיים יעלין — אַ קעמפער, וועלכער האָט פאַרשטאַנען, אַז ס'איז נישטאָ קיין צייט פאַר נשמה־גריב־לעניש. שוין אין דעם באַגין פון דער קאָוונער קאַמפּס־אָרגאַני־זאַציע, האָט ער זיך אַרויסגעוויזן אַלס מענטש פון לאָגיק, אַ מוס־טער פון דרייסטקייט און טרעגער פון אָפּטימיזם. ער איז געווען די נשמה פון אונדזער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע, איר קאָמאַנדיר און אַזאַ איז ער געפאַלן אין קאַמף.

דער צענטראַלער טייל פון מיין בוך איז די אָקופּאַציע־צייט אין ליטע אין די יאָרן 1944—1941. אין דעם דאָזיקן פּעריאָד, האָב איך אַלס הויפּט־פאַרבינדלער פון דער קאָוונער פּאַרטיזאַנער־בריגאַדע מיט דער אונטערערדישער געטאָ־אָרגאַניזאַציע, אָפּגעגעבן מיינע בעסטע כוחות פאַרן קאַמף קעגן נאַציזם, וואָס האָט פאַרגאָסן מיט בלוט און פייער גאַנץ אייראָפּע. אָבער די בעסטע סאַטיספאַקציע האָב איך געהאַט, ווען מיר — די געטאָ־קעמפער און פּאַרטיזאַנער, האָבן בייגעטראָגן צום זיג איבערן נאַציזם און דערלעבט זיין מפּלה...

אָבער נישט אַלע חברים, וואָס זענען אַרויס צום דאָזיקן קאַמף האָבן דערלעבט דעם נצחון איבערן היטלעריזם. די קברים פון אונדזערע געפאַלענע חברים זענען צעזייט און צעשפּרייט איבער די פעלדער און וועלדער פון ליטע, דאָרט ווו עס האָט געפלאַקערט די פּאַרטיזאַנישע מלחמה.

אין מיין דאָזיקן בוך זענען דאָ שטיקער פון מיין אויטאָביאָגראַפיע, אָבער בלויז אויף וויפל איך בין געווען אַ מיטבאַטייליקטער אין די געשעענישן. דאָס בוך איז נישט סתם אַ שילדערונג פון מיין לעבן, נאָר זיין אינטעגראַלער טייל.

מיינע זכרונות האָבן זיך געצאַפּלט אין מיין זכרון שוין פיל יאָרן און אַדאַנק דעם רוף און אינספּיראַציע פון מיינע קאַמפס־חברים פון דער אונטערערדישער קאָוונער געטאָ־אָרגאַניזאַציע, האָב איך זיך באַמיט זיי אַרויסצוברענגען פאַר דער עפנטלעכקייט.

מיין ציל צו שרייבן דאָס בוך איז געווען צו פאַראייביקן דעם פייער פון ווידערשטאַנד אין קאָוונער געטאָ און אין וואַלד. איך האָב זיך באַמיט דערציילן אמתדיק דעם מסירת־נפש פון אונדזערע קאָוונער חברים פון דער געטאָ־אָרגאַניזאַציע, וועלכע האָבן מיט אַן עקשנותדיקער שנאה נישט געגאַנגען אויף דעם איכה־וועג פון הכנעה, נאָר מיטן ברום פון „שפור־חמתך" זיך געיאָגט אויף די שפּורן פון די מערדער פון יידישן פאָלק. און אויב איך וועל מיט מיין דאָזיקן בוך דערגרייכן מיין ציל, וועט דאָס זיין פאַר מיר דער גרעסטער שכר...

*

איבערגעבנדיק דאָס בוך צום דרוק, וויל איך דאָ אויסדריקן מיין בעסטן דאַנק די אַלע, וואָס האָבן צוגעלייגט אַ האַנט צו זיין דערשיינען.

בראש וראשונה וויל איך אויסדריקן מיין בעסטן דאַנק די חברים פון בוך־קאָמיטעט — אַלע קאַמפּס־חברים פון דער קאָוונער אונטערערדישער געטאָ־באַוועגונג בראש מיטן פּאָרזיצער פון בוך־קאָמיטעט פּראָפ׳ אברהם צבי בראַון, וועלכע האָבן גענומען אויף זיך דעם שווערן עול צו מאָביליזירן די נויטיקע מיטלען אַרויסצוגעבן דאָס בוך.

אַ ספּעציעלן דאַנק ד״ר דב לעווין, וועלכער האָט מיך אינספּירירט צו שרייבן דאָס בוך און באַגלייט מיט זיין פאַכמענערישער קענטעניש אויף אַלע עטאַפּן פון שרייבן דאָס בוך.

אַ באַזונדערן דאַנק חיים גלעזן (געבטל), וועלכער האָט מיט זיין חברישער איבערגעגעבנקייט גענומען אויף זיך די איניציאַטיוו פון איבערשרייבן (עטלעכע מאָל) מיין כתב־יד אויף דער מאַשין און צוזאַמען מיט די איבעריקע חברים פון בוך־קאָמיטעט געטאָן אַלץ, כדי מיין בוך זאָל דערזען די ליכטיקע שיין.

מיין בעסטן דאַנק דעם קינסטלער אלישע שמאלי פאַר צוגרייטן די גראַפישע צייכענונג פון דער הילע פון בוך.

אַ ספּעציעלן דאַנק דעם פריינד יצחק אַלפּעראָוויטש — דעם רעדאַקטאָר פון מיין בוך, פאַר זיין איבערגעגעבענער אַרבעט ביים רעדאַגירן דאָס בוך און צוגרייטן אים צום דרוק.

מיין האַרציקן דאַנק אַלע חברים פון דער קאָוונער יידישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע, וועלכע האָבן מיט זייער באַשטייערונג דערמעגלעכט אַרויסצוגעבן דאָס בוך.

איך דריק אויס מיין דאַנק די אַלע מוסדות, וועלכע האָבן מיט זייער מאַטעריעלער אונטערשטיצונג דערמעגלעכט דאָס דערשיינען פון מיין בוך ובראש וראשונה דעם יד־ושם און דעם ארגון הפּאַרטיזנים, לוחמי המחתרת ומורדי הגיטאות בישראל. זיי אַלעמען מיין בעסטן דאַנק.

נחמיה אגדלין

חדרה, 1980

# פון יעקאַטערינאָסלאַוו ביז קאָוונע

# יעקאַטערינאָסלאַוו

די קינדהייט גילט אַלס די גליקלעכסטע צייט אין אַ מענטשנס לעבן. איצט, ווען איך פּרוּוו קאָנצענטרירן מיינע געדאַנקען און אָפּפרישן מיינע זכרונות, כדי אַרויסצוברענגען פון די טיפענישן פון עבר איבערלעבונגען, געשעענישן און איינדרוקן פון יענע ווייטע קינדער־יאָרן, וואָס אַ גרויסער טייל פון זיי זיינען שוין אָפּגעמעקט געוואָרן פון מיין זכרון, דערשיינט איצט אויף פאַר מיר ווידער פאַר מיינע אויגן ווי פון אַ פאַרנעפּלטקער ווייטקייט די שטאָט יעקאַטערינאָסלאַוו (היינט דניעפּראָפּעטראָווסק) אין אוק־ראַינע, וווּ איך בין געבוירן געוואָרן און ווו ס'זיינען אַדורך מיינע ערשטע קינדער־יאָרן...

פיל יאָרן זיינען שוין אַוועק, זינט איך האָב פאַרלאָזן די שטאָט און דאָך שטייט זי איצט פאַר מיינע אויגן, אַזוי ווי איך וואָלט דאָרט ערשט ניט לאַנג געווען. און געווען איז יעקאַטערינאָסלאַוו אַ גרויסע, שיינע שטאָט, וואָס ליגט אויסגעשפּרייט אין דער לענג פון אַלטן גרויען דניעפּר און איז אַרומגערינגלט מיט אַ שיינער לאַנדשאַפט, רייך אין פּרעכטיקע פּייזאַזשן און מיט אַ ווונדער באַרער נאַטור־פּאַנאָראַמע.

שוין אין יענער צייט, ווען איך בין דאָרט געבוירן געוואָרן, איז יעקאַטערינאָסלאַוו געווען אַ גרויסער, וויכטיקער אַדמיניס־טראַטיווער און קולטורעלער צענטער אין אוקראַינע מיט אַ גרויסן יידישן ישוב. אין שטאָט האָט פּולסירט אַ פּולבלוטיק, קאָכעדיק יידיש לעבן מיט פיל יידישע געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס און לערן־אַנשטאַלטן.

אין מיין דמיון גייט אויף דאָס ליכטיקע געשטאַלט פון מיין זיידן, וואָס איז געווען אין יעקאַטערינאָסלאַוו דער ראש בית־הדין און צוגלייך דער ראש־הישיבה. ער האָט געשמט אַלס גרויסער

תלמיד־חכם און איז געווען אַ באַקאַנטע און פּאָפּולערע פּערזענ־לעכקייט אין שטאָט.

מיין פֿאָטער האָט אַלס ישיבה־בחור געלערנט אין דער סלאָ־באָדקער ישיבה און האָט חתונה געהאַט מיט מיין מוטער, וואָס האָט געשטאַמט פֿון אַ קליין שטעטל אין ליטע כווידאַן. דאָרט, אין כווידאַן, זיינען געבוירן געוואָרן מיינע צוויי עלטערע ברידער. שפּעטער זיינען מיינע עלטערן איבערגעפֿאָרן לעבן צו מיין זיידן אין יעקאַטערינאָסלאַוו און דאָרטן בין איך געבוירן געוואָרן.

די גאַס ווו מיר האָבן געלעבט, האָט געהייסן לאַמאַנאַיאַ (געבראָכענע) און שטענדיק האָט זיך מיר געדוכט, אַז דער נאָמען פֿון דער גאַס הייסט צוליב דעם, וואָס איך האָב אַלס קינד ליב געהאַט אַראָפּצוּוואַרפֿן פֿון דריטן שטאָק פֿאַרשיידענע כלים און האָב שטאַרק הנאה געהאַט צו הערן דעם קלאַנג, ווען אַראָפּ־פֿאַלנדיק אויף דער ערד זיינען זיי צעשפּאָלטן געוואָרן אויף קליינע שטיקלעך...

ניט איין מאָל האָב איך אַריינגעכאַפּט קלעפּ פֿון מיין מוטער פֿאַר מיינע ווילדע שטיפֿערייען, אָבער דאָס האָט ניט געהאָלפֿן. איך האָב אויסגענוצט יעדע מינדסטע געלעגנהייט, כדי צו וואַרפֿן כלים פֿון דריטן שטאָק און מיט אומגעדולד געוואַרט אויפֿן קלאַנג...

אין אַ געוויסער צייט אַרום, זיינען מיר אַריבער לעבן אויף דער גאַס, יאַרדאַנסקאַיאַ, וואָס האָט זיך געגרענעצט מיטן דניעפּר. אַזוי ווי אויף דער גאַס האָט זיך געפֿונען די אוספּענסקע צערקווע, פֿלעגן פּסח־צייט גיין די פֿרומע קריסטן זיך טובלען אין דניעפּר.

דער הויף ווו מיר האָבן געלעבט איז געווען אַ גרויסער און איז באַשטאַנען פֿון דריי צווייִשטאָקיקע הייזער. אין דער ערשטער הויז פֿאַרן גאַס, האָט געלעבט די גרויסע פֿאַמיליע קאַפּיסקאַי. ער, דער ראש פֿון דער משפּחה, איז געווען דער בעל־הבית פֿון דעם הויף. אין דער צווייטער הויז אויפֿן ערשטן שטאָק, האָט געלעבט די פֿאַמיליע ראַבינאָוויטש און אויפֿן צווייטן שטאָק, האָט געלעבט דער שניידער ווילענסקי. אין דער דריטער הויז זיינען געווען 4 דירות: אין דעם אונטערשטן שטאָק האָט געלעבט אַ רוסישע פֿרוי אַנטאָנינאַ אַנטאָנאָוונאַ, וואָס קיינער אין הויף האָט ניט געוווּסט

פון וואַנען זי לעבט, אָבער אַלע אין הויף האָבן געוווּסט, אַז זי פירט זיך אויף ניט אַנשטענדיק...

אונטן האָט געלעבט דער וועכטער פון דער אוספּענסקער צערקווע מיט זיין פאַמיליע און אויבן האָבן מיר געוווינט. לעבן אונדזער דירה האָט געלעבט אַ געוועזענער פירשט אַלכאַוו מיט זיין פרוי אַנאַ באַריסאָווּנאַ, וועלכע איז געווען אין די יונגע יאָרן אַ שוישפּילערין פון אַ קאַבאַרעט. און ווייל דער פירשט האָט חתונה געהאַט מיט אַ פּשוטה אַרטיסטקע פון אַ קאַבאַרעט, און האָט פּוגע בכבוד געווען דעם יחוס פון זיין אַריסטאָקראַטישער משפּחה, האָבן זיינע עלטערן צוגענומען ביי אים דעם אַריסטאָקראַטישן טיטל „פירשט" און ער איז געוואָרן אַ פּשוטער בירגער.

די צייט ווען מיר זיינען אַריבער וווינען אין דער וווינונג, איז געווען דער ערשטער יאָר פון דער וועלט־מלחמה (1914—1918) און אין משך פון די 4 יאָר האָבן מיר געלעבט אין דאָזיקן הויף.

אונדזער הויף און אויך די שכנותדיקע הויפן אויף אונדזער גאַס, זיינען געווען גרויסע, און קינדער זיינען דאָרט געווען זייער אַ סך. אַזוי ווי עס איז געווען קריגס־יאָרן, איז פאַר די קינדער געווען אַ באַזונדערע פרייהייט, (יעקאַטערינאָסלאַוו איז געווען אָקופּירט פון די עסטרייכער). מיר, קינדער האָבן געפירט מלחמות מיט די קינדער פון דער שכנותדיקער גאַס, וואָס האָט געהייסן כאַרקאָווסקאַיאַ, ביים ברעג פון דעם דניעפּער, ווו עס איז געווען אַ פרייער לאַנגער פעלד. דאָרטן אויפן פעלד, האָבן מיר זיך גע־וואָרפן מיט שטיינער און ניט זעלטן האָט מען געשפּאָלטן קעפּ... אָבער אַזוי ווי דער גרעסטער טייל פון די דערוואַקסענע זיינען געווען מאָביליזירט אויף דער מלחמה, איז ניט געווען ווער עס זאָל זיך אַריינמישן אין אונדזערע קינדערשע מלחמות...

מיין ברודער נתן, וועלכער איז געווען מיט דריי אַ האַלבע יאָר עלטער פאַר מיר, איז געווען איינער פון די „קאָמאַנדירן" פון אונדזער גאַס. די קינדער פון אונדזער הויף זיינען ס׳רוב באַשטאַנען פון מיידלעך, דעריבער האָבן מיר, זיך געחברט מיט די יינגלעך פון די שכנותדיקע הויפן. מיין בעסטער חבר איז געווען שורקע טווערסקי.

די באַפעלקערונג פון שטאָט איז געווען פיינטלעך צום עסט־רייכישן מיליטער און די באַציאונגען צווישן די עסטרייכישע זעלנער און דער שטאָטישער באַפעלקערונג זיינען געווען אָנגעשטרענגטע, אַזוי ווי עס זיינען בכלל באַציאונגען צווישן אַ באַפעלקערונג מיטן אָקופּאַציע־מיליטער פון אַן אָקופּירטע שטאָט. אָבער צו אונדז, קינדער, זיינען די עסטרייכישע סאָלדאַטן געווען ביז גאָר חבריש און אין אַ געוויסער מאָס פריינטלעך, כאָטש מיר האָבן זיך ניט געקאָנט מיט זיי צוזאַמענריידן. זיי פלעגן אונדז באַשענקען מיט פאַרשיידענע נאַשערייען און שפּילצייג. איך האָב פון זיי באַקומען אַ מתנה אַ טאַשן־מעסערל און פאַרשיידענע זיסקייטן.

אויך די אוקראַינישע איינוווינער פון אונדזער גאַס, כאָטש זיי זיינען געווען גרויסע אַנטיסעמיטן, האָבן מיט אונדז, קינדער, געפונען אַ געמיינזאַמע שפּראַך. זייערע קינדער האָבן זיך מיט אונדז געשפּילט און אויף זייער פּסח, און אַנדערע יום־טובים, פלעגן זיי אונדז מכבד זיין מיט זייערע געבעקס און פאַרשיידענע זיסקייטן. די באַציאונגען צווישן אונדז מיט די קריסטלעכע קינדער זיינען געווען ווי בכלל באַציאונגען צווישן קינדער: אַמאָל האָט מען זיך געשלאָגן און אַמאָל האָט מען זיך קעגנזייטיק געזידלט. מען פלעגט גאַנץ אָפט הערן זידלערייען פון די אוקראַינישע קינדער, ווי „זשיד פּאַרכאַטי״, אָבער אויך מיר פלעגן זיי ניט בלייבן שולדיק און ענטפערן: „זשיד פּאַטשקאַיעט טעבע נאַ וויד, אַ זשידאָווקאַ נאַ גאַלאָווקו, אַ קאַטאַליק נאַ סטאַליק, אַ טאַטאַר וו סאַמאָוואַר״...

אויפן הויף פון דער אוספּענסקער צערקווע האָבן געוואַקסן גרויסע קאַשטאַנען־ביימער, אָבער רייסן קאַשטאַנעס, האָבן מיר ניט געקאָנט, ווייל ס'האָבן דאָרט געהיט גרויסע הינט. אָבער אַזוי ווי דער וועכטער פון דער צערקווע איז געווען אונדזערער אַ שכן, פלעגט ער ווען ניט ווען, ברענגען קאַשטאַנעס. קיין באַזונדערע פריינטשאַפט צו אונדז האָט ער ניט אַרויסגעוויזן. זיין זון וואָלאָדיאַ איז געווען אַ קאָזאַקן־אָפיציר. זייער גאַנצע משפחה זיינען געווען

אַנטיסעמיטן און האָבן פיינט געהאַט יידן. זיי פלעגן זיך מיט די יידישע שכנים קיינמאָל ניט באַגריסן. אויך אויף די יידישע קינדער פלעגט דער וועכטער זיין אין כעס, ווייל מיר פלעגן צוגיין צו אַ צלם און זאָגן: „יעסוס, טי מעניע זאַ אוס, יאַ טעבע זאַ באַראַדו — אידיאָם גוליאַט פּאַ־גאַראַדו"... פאַר אַזעלכע אָפּשפּאָטנדיקע ווער־טער פון זייער הייליקן כריסטוס, פלעגן מיר כאַפּן פון אים ניט ווייניק קלעפּ, אויב ס'פלעגט אים געלינגען איינעם פון אונדז צו כאַפּן... די קאַשטאַנעס פלעגט ער אונדז געבן בתנאי, אַז מיר זאָלן ניט אָפּלאַכן פון יעסוסן...

אויך אונדזערע שכנים אָלכאָוו — דער געוועזענער פירשט און זיין פרוי אַנאַ באַריסאָוונאַ זיינען ניט געווען קיין יידן־פריינט. ביי זיי אין שטוב איז געהאָנגען דער פּאָרטרעט פון צאַר ניקאָלאַי דעם צווייטן. אַלע אין דער פרי, פלעגן זיי ביידע זינגען „באָזשע צאַרא כראַני". אָלכאָוו, כאָטש ער איז שוין ניט געווען קיין פירשט, האָט זיך אָבער אויסערלעך געפירט ווי אַ פירשט. ער האָט ניט געהאַט קיין ספּעציעלע באַשעפטיקונג חוץ דעם, וואָס ער פלעגט יעדן פרימאָרגן גיין צום דניעפּר כאַפּן פיש. אמת, קיינער האָט אים ניט געזען, אַז ער זאָל פון דאָרטן ברענגען כאָטש איין פישל אויף אַ רפואה, אָבער עס האָט געמאַכט דעם איינדרוק, אַז ער פאַר־נעמט זיך מיט פישפאַנג... אַלס ספּאָרט... אין צערקווע פלעגט ער גיין נאָר אין זייערע יום־טובים, אָבער אין שטוב האָט ער געהאַט אַ גרויסן צלם מיט איקאָנעס (הייליקע בילדער), אַנטקעגן וועלכע ער פלעגט דאַוונען אַלע טאָג קניענדיק. נאָך יעדן מאָלצייט, פלעגט ער אויך עפּעס זאָגן אַ געבעט, פאַרמאַכנדיק די אויגן. שלאָפן פלעגט ער דריי מאָל אַ טאָג נאָך יעדן עסן און אין דער דאָזיקער צייט, פלעג איך ניט טאָרן לויפן אויף די טרעפּ אַרויפגייענדיק צו זיך אין שטוב, אָדער אַרויסגיין אין גאַס, ווייל די טרעפּ זיינען געווען אייזערנע און ביים לויפן איבער זיי פלעגט זיך הערן דאָס קלאַפּן פון מיינע טריט און דאָס האָט אים געשטערט צום שלאָפן... איך האָב זיך מיט דעם ניט גערעכנט און אָלכאָוון אויף צו להכעיס, פלעג איך דווקא לויפן, הין און צוריק ווען ער פלעגט שלאָפן, דערפאַר פלעג איך כאַפּן קלעפּ פון אַנאַ באַריסאָוונאַ. זי פלעגט זיך

אויך פאַרקלאַגן פאַר מיינע עלטערן און איך פלעג אויך פון זיי ווערן באַשטראָפט...

מיין פאָטער מיט זיינעם אַ געשעפטס־פריינט טשערייקין, האָבן געקויפט אַ באַרזשע און געפירט סחורות איבערן דניעפּר. דאָס האָט אים באַפרייט פון דער מאָביליזאַציע, ווייל מען פלעגט זיך מיט די באַרזשעס באַנוצן צו איבערפירן קריג־סחורות. ווען די באַרזשע פלעגט אָנקומען אין יעקאַטערינאָסלאַוו, פלעגט דער פאָטער אָפט קומען אין שטוב. מיר פלעגן אויך קומען צו אים צו גאַסט אויף דער באַרזשע.

כדי די קינדער זאָלן ניט ווערן צו פיל צעווילדעוועט פון גאָרניט טאָן, האָט מען מיינע עלטערע ברידער צוגעגרייט און אָפּגעגעבן זיי לערנען אין קאַגאַנס גימנאַזיע און מיר אין קאַבאַ־נאָווסקעס קינדער־גאָרטן. אַזוי ווי, אָבער, דער קינדער־גאָרטן האָט זיך געפונען ווייט פון אונדזער שטוב, פלעגט מיך אַהין פירן מיין זיידע, דער רב.

די ערשטע צייט פלעגט ער מוזן בלייבן מיט מיר זיצן אין קינדער־גאָרטן, ווייל איך האָב ניט געוואָלט בלייבן אַליין. אָבער שפּעטער פלעגט ער מיר אַריינשטעקן אין קעשענע אַ לעקעכל, אָדער אַנדערע זיסקייטן און איך פלעג שוין איבערבלייבן אָן אים. ווען דעם זיידן איז שווער געוואָרן דאָס פירן מיך אין קינדער־גאָרטן, האָט מיך געפירט אונדזער דינסט, דוניאַ. חוץ דעם, וואָס איך בין געגאַנגען אין קינדער־גאָרטן, האָט מען אויך געדונגען פאַר מיר אַ פּריוואַטן רבין, וואָס האָט מיט מיר געלערנט אין שטוב חומש.

## אין די יאָרן פון בירגער־קריג

אין יאָר 1917, נאָך קערענסקיס רעוואָלוציע, האָבן די עסט־רייכער פאַרלאָזן יעקאַטערינאָסלאַוו און אין שטאָט האָט זיך איינ־געשטעלט די מאַכט פון די אוקראַאינער. אין דער צייט פלעגן אַריינ־גיין שיכורע אוקראַאינישע־מיליטער־לייט צו אַנטאָנינאַ אַנטאָנאָוונאַ

און האָבן זיך דאָרט געוויילט... אַלע איבעריקע איינוווינערס פון דער שטוב, האָבן געהאַלטן זייערע דירות פאַרשלאָסן, אויס מורא פאַר די שיכורים, אָבער דאָס האָט ניט געהאָלפן. די שיכורים האָבן פאַגראָמירט קאָפּיסקאָיס שטוב, מען האָט די איינוווינערס צעשלאָגן און צוגערויבט ביי זיי אַ סך ווערטפולע זאַכן. זעענדיק, אַז די לאַגע ווערט פון טאָג צו טאָג אומדערטרעגלעך, האָט מיין פּאָטער באַ־שלאָסן צו פאַרלאָזן די דירה אין הויף און מיר זיינען אַוועק וווינען אין אַן אַנדער אָרט. ער האָט דאַן געקויפט אַן אייגענע הויז אויף פּערוואָזוואַנאַווסקאַיאַ גאַס ביי גאַרעליקס און לויטן קאָנטראַקט האָבן מיר זיך געקאָנט אַהין אַריינציען ערשט אין אַ יאָר אַרום.

אין דעם יאָר, האָט אין יעקאַטערינאָסלאַוו געהערשט אַ שטאַרקע עפּידעמיע, די „איספּאַנקאַ״. דאָס איז געווען אַזאַ מין גריפּע, וואָס איז פאַרשלעפּט געוואָרן, וואָרשיינלעך פון שפּאַניע. מיין זיידע און מיין פּאָטער זיינען דאַן קראַנק געוואָרן אויף דער גריפּע און אין דער זעלבער צייט האָט זיך נאָך צום זיידן צוגע־טשעפּעט אַ לונגען־אָנצינדונג און ער איז נפטר געוואָרן מוצאי יום־כיפּור 1917. די לוויה פון מיין זיידן איז געווען זייער אַ גרויסע. די גאַנצע שטאָט יידן האָבן געאַבלט. און ניט נאָר יידן; אויך קריסטן — אָנגעזעענע בירגער, זיינען געגאַנגען צו זיין לוויה. ער איז געווען זייער אַ געשעצטער רב אין שטאָט. אַפילו דער גרעסטער באַנקיר פון שטאָט — דער מיליאָנער זאַלאָטאַריעוו, פלעגט אויפן סמך פון דעם זיידנס מינדלעכע ערבות אַרויסגעבן הלוואות, וויסנדיק, אַז דער זיידע באַזיצט ניט קיין קאַפּיטאַלן. מיטן טויט פון מיין זיידן, האָב איך פאַרלאָרן ניט נאָר אַ זיידן, נאָר אַ גוטן פריינט, ווייל אַזוי ווי ער האָט פאַרשטאַנען אַ קינדערשע נשמה, האָט קיינער ניט פאַר־שטאַנען. מיין גאַנצן לעבן בין איך געבליבן דאַנקבאַר מיין זיידן, וואָס האָט אַזוי טיף און ערלעך און מיט באַוווסטזיניקער מסירה געוווּסט ווי אַזוי אויסצופורעמען און געשטאַלטיקן די יונגע נשמות פון זיינע אייניקלעך. אין מיינע דערינערונגען וועגן מיין זיידן, האָב איך שטענדיק געפילט צו אים אַ גרויסן יראת־הכבוד, אַ חיבה־יתירה און זיין טויט האָט איבערגעלאָזן אין גרויס צער אונדזער גאַנצע משפחה און אויך די גאַנצע עדה יידן אין שטאָט.

אָנפאַנג 1918, איז יעקאַטערינאָסלאַוו פאַרנומען געוואָרן פון דעניקינס אַרמײ. די שטאָט האָט באַהערשט גענעראַל שקורא מיט זײַנע קאָזאַקן. די ייִדן אין שטאָט זײַנען געווען אין אַ גרויסער סכנה, ווײַל עס האָבן זיך אָנגעהויבן פּאָגראָמען אויף ייִדן. דעני־קינס קאָזאַקן האָבן עפּנטלעך דערשאָסן דעם רב העלמאַן. אונדזער הויף איז אין דער צײַט אויסגעהיטן געוואָרן פון אַ פּאָגראָם, אַ דאַנק דעם זון פון אונדזער שכן, דעם וועבטער פון דער אוספּענסקער צערקווע, וואָס איז געווען אַ קאָזאַקן־אָפיציר. די ייִדן פון אונדזער הויף האָבן אים דערפאַר באַדאַנקט מיט ווערטפולע מתנות.

סוף 1918 איז געבוירן געוואָרן מײַן שוועסטער אסתר און נאָך איר געבוירן זײַנען מיר אַריבער וווינען אין אונדזער אייגענער הויז אויף פּערוואָזוואַנאָווסקאַיאַ גאַס. די אײַנוווינערס וואָס האָבן געוווינט אין הויז זײַנען געווען: פאַרן גאַס האָבן מיר געלעבט און די פאַמיליע אַווידאַן. אין די קעלער־וווינונגען — דער ביכער־אײַנבינדער קאָראַך מיט זײַן פאַמיליע און שוואַרצשטיין — אַ קירזשנער מיט זײַן פאַמיליע. אין הויף האָט געלעבט דער שנײַדער בליאַנקעט מיט זײַן פאַמיליע און מײַן פעטער לאַזאַר טאָראַנדאָ. ער איז געווען דער מאַן פון מײַן פאָטערס שוועסטער.

די מערהייט אײַנוווינער זײַנען געווען פאַלקס־מענטשן, פּראָ־לעטאַריער. דער פעטער לאַזאַר איז געווען אַ קאָמוניסט, וועלכער איז געווען טעטיק אין דער אונטערערד אין שטאָט. אין דער דאָ־זיקער צײַט האָבן זיך געביטן די רעזשימען: קאָזאַקן, פּעטליוראָוו־צעס, מאַכנאָווצעס; „וויערא זיעלאָנאַיאַ״; די באָלשעוויקעס. קיין איין מאַכט האָט זיך לאַנג ניט אײַנגעהאַלטן, ווײַל אוקראַינע האָט זיך געפונען אין ברען פון דעם בירגער־קריג. עס זײַנען געווען טעג, ווען עס האָבן זיך געביטן די רעזשימען אין שטאָט דרײַ מאָל אַ טאָג. מ׳האָט ניט געקאָנט באַווײַזן צו בײַטן די פאָנען און חס־ושלום, אויב מ׳האָט געפונען אין אַ שטוב אַ פרעמדע פאָן — דאַן איז געווען סכנות־נפשות. אַלע חיילות, אָן אונטערשייד פון וועל־כער מאַכט, האָבן זיך פאַרנומען מיט רויב, פאַרנעמענדיק די שטאָט. יעדע מאַכט האָט געהאַט איר אייגענע וואַליוטע. די קאָזאַקן האָבן אָנערקענט נאָר די צאַרישע געלט; די פּעטליוראָווצעס האָבן

געהאַט זייער וואַליוטע — די קאַרבאַוואַנצעס; די מאַכנאָווצעס און „ווירא זיעלאַנאיא" האָבן קיין אייגענע וואַליוטע ניט געהאַט, האָבן זיי דעריבער אָנערקענט נאָר ווערט־זאַכן...

אויפן מאַרק האָט מען נאָר אָנגענומען די „קערענסקעס", אָבער זייער ווערט איז געווען זייער אַ נידעריקער. ביים פאַרנעמען די שטאָט, פלעגן פאַרקומען גאַסן־קאַמפן און די קעמפנדיקע צדדים פלעגן שיסן פון די דעכער אויף די הייזער. ווען איינע פון די נייע מאַכטהאָבער האָבן פאַרנומען די שטאָט, פלעגט מען קומען מיט אַ טענה צו די איינוווינער, אַז „פון אייער שטוב האָט מען געשאָסן"... אויב מען האָט געהאַט מזל, האָט מען זיך געקאָנט אויסקויפן מיט ווערט־זאַכן, אָבער חס־וחלילה, אויב עס איז ניט געווען קיין ווערט־זאַכן צו געבן און אויך ניט קיין מזל, האָט מען אויסגעהרגעט די גאַנצע משפחה. דער געשפּענסט פון מאָרד און רויב איז געווען אַ טאָג־טעגלעכע דערשיינונג און באַזונדערס האָבן געליטן די יידן. זיי זיינען שטענדיק געווען די ערשטע קרבנות, ווייל ביי די יידן — האָבן זיי געמיינט — איז דאָ וואָס צו רויבן...

ביזן סוף יאָר 1920, האָט מען ביי אונדז אין שטאָט קיין באָל־שעוויקעס ניט געזען. דאָס הייסט ניט, אַז זיי זיינען צייטווייליק ניט געווען אין שטאָט, אָבער סטאַביל האָט זיך זייער מאַכט ניט איינגעשטעלט. אַמווייניקסטן פלעגן בלייבן ביי דער מאַכט אין שטאָט די מאַכנאָווצעס, דעריבער פלעגן זיי אין איילעניש רויבן וואָס ס'איז נאָר געקומען אונטער דער האַנט. אויב זיי האָבן געוואָלט אַראָפּשלעפּן אַ רינג פון אַ פינגער און דאָס איז זיי שנעל ניט געלונגען, פלעגן זיי „פאַרשפּאָרן צייט" און אַראָפּהאַקן דעם פינגער צוזאַמען מיטן רינג... אויך אויעררינגלעך פלעגן זיי אַראָפּרייסן צוזאַמען מיט שטיקער פלייש... אין שטאָט האָט גע־הערשט אַ גרויסע אומאָרדענונג, אַ כאַאָס און ס'איז געווען אַ פּחד אַרויסצוגיין אין גאַס. אין אַזאַ לאַגע האָבן די מאַכנאָווצעס — ווי הפקר־מענטשן געזייט פּחד און טויט אין שטאָט...

מאַכנאָ — זייער פירער און אַטאַמאַן, האָט געהייסן ביי זיי „באַטקאַ" (פאָטער) און זיינע קאָמאַנדירן האָבן געהייסן „באַ־טיושעס". נאַיווע מענטשן פלעגן נאָכן באַרויבן זיי, גיין זיך

באַקלאָגן בײַ די „באַטיושעס", אַז זײערע מענטשן רויבן און שלאָגן, פלעגן זײ נאָכן אויסהערן די טענות, אויסטאָן זײ נאַקעט און אין בעסטן פאַל, װער ס'האָט געהאַט מזל, פלעגט מען זײ נאַקעטערהײט לאָזן גײן אַ הײם. ס'איז ניט געװען װײניק פאַלן, װען זײ פלעגן אויך דערשיסן אויפן אָרט...

אַזוי האָט אויך פּאַסירט מיט אונדזער שכן שוואַרצשטײן: די מאַכנאָװצעס האָבן בײַ אים אַראָפּגענומען אַ קאַראַקולנעם הוט פון קאָפּ, איז ער געגאַנגען זיך באַקלאָגן בײַ אײנעם פון די „באַטיושעס", האָט ער אים אויסגעטאָן נאַקעט און דערשאָסן אויפן אָרט.

מיר, קינדער, האָבן זיך געפילט גוט בײַ יעדער מאַכט. די קאָזאַקן און די פּעטליוראָװצעס, אַז זײ האָבן געװאָלט װיסן װער ס'איז אַ יידיש קינד, אָדער אַ קריסטלעכע, פלעגן זײ הײסן אַרויסזאָגן דעם װאָרט „קוקורוזאַ". אויב מען פלעגט אַרויסזאָגן דעם „ר" שאַרף האָט עס בײַ זײ באַדײט, אַז דאָס איז אַ קריסטלעך קינד און זײ פלעגן געבן אַ מתנה, אָבער װען אַ קינד האָט אַרויסגעזאָגט דעם „ר" װײך — פלעגן זײ באַלד אָנהויבן שלאָגן. אַ דאַנק ראָזאַ קאָפּיסקאָי פון יאַרדאַנסקאַיאַ גאַס, האָב איך זיך אויסגעלערנט אַרויסרעדן דעם „ר" שאַרף, װען איך בין נאָך געװען אַ קינד פון 5 יאָר אַלט.

אָנהײב 1920, האָבן די באָלשעװיקעס געמאַכט די גרעסטע אָנשטרענגונגען צו בלײַבן סטאַביל בײַ דער מאַכט בײַ אונדז אין שטאָט, אָבער צוערשט, איז זײ דאָס ניט געלונגען. די אַטאַמאַנישע חײלות פלעגן זײ אַרויסיאָגן פון שטאָט באַגלײט מיט אַ בלוט־באָד. ערשט שפּעטער האָט בודיאָנני פאַרנומען די שטאָט מיט זײן קאַװאַלעריע און די באָלשעװיקעס זײנען שוין פאַרבליבן סטאַביל. אין שטאָט איז אָנגעקומען אויף אַ בראָניראָװענער מאַשין לעװ טראָצקי און ער האָט געהאַלטן אַ גרויסע רעדע פון באַלקאָן פון גובערנאַטאָרס הויז.

די באָלשעװיקעס, פאַרכאַפּנדיק די מאַכט אין שטאָט, האָבן קײן פּאָגראָמען אויף יידן ניט געמאַכט, אָבער זײ האָבן אײנגעשטעלט אַ געזעצלעכן רויב. די „טשעקאַ" האָט גלײך אַרעסטירט

אַלע רייכע מענטשן פון שטאָט, אָן קיין שום אונטערשייד פון נאַציע און רעליגיע. זיי האָבן אויף די דאָזיקע „בורזשויען" אַרויפֿגעלייגט אַ הויכע קאָנטריבוציע און מ'האָט זיי געהאַלטן אַלס ערובניקעס. זייערע משפחות האָבן געדאַרפט פרייוויליק ברענגען אין „טשעקאַ" גרויסע סומעס געלט, גאָלד, פאַרשיידענע טייערע חפצים, כדי אויסצוקויפן די אַרעסטירטע. אין פאַל, אויב מ'האָט געבראַכט די געפאָדערטע סומע גלייך צו דער צייט אין דעם געפאָדערטן טערמין, האָט מען פאַרשטאַנען, אַז זיי האָבן געפאָדערט צו „ווייניק" און מ'האָט באַלד אויפן אָרט אַרויפגעלייגט נאָך אַ העכערע קאָנטריבוציע. אויב, אָבער, מ'האָט די געפאָדערטע קאָנטריבוציע גלייך ניט געבראַכט, האָט מען געדראָט מיט שיסן...

דאָס האָט אַריינגעבראַכט אַ שרעק ביי די מענטשן און מ'האָט געזוכט פאַרשיידענע וועגן ווי אַזוי זיך אַן עצה געבן מיט די באַלשעוויקעס. די קליגערע האָבן געפונען אַן עצה און מ'האָט זיך אָנגעהויבן צו דינגען מיט דער „טשעקאַ". זיי האָבן געזאָגט, אַז זיי ווילן באַצאָלן די קאָנטריבוציע, אָבער זיי זיינען ניט ביכולת צו איינצאָלן אַזאַ הויכע סומע, און זיי האָבן געבעטן פאַרקלענערן די סומע. מיין פעטער, דעם פאָטערס ברודער יעקב ענדלין, האָט געפונען אַ בעסערע עצה: ער האָט אונטערגעקויפט אַ טשעקיסט און איז אַוועקגעפאָרן מיט זיין פאַמיליע קיין מאָסקווע, דאָרט ווו מען האָט אים ניט געקענט אַלס אַ רייכן מענטש.

מיין פאָטער, וועלכער איז געווען אַ פאַרמעגלעכער און האָט געדאַרפט באַצאָלן קאָנטריבוציע, האָט אַרויסגעהאָלפן פון דער סיטואַציע, דער פעטער לאַזאַר, דער קאָמוניסט. ער האָט עדות געזאָגט אין „טשעקאַ", אַז מיין פאָטער איז ניט קיין גרויסער קאַפּיטאַליסט און מען דאַרף אים ניט קוואַליפיצירן אַלס „בורזשוי" און ער איז אָפּגעקומען מיט אַ קלענערע קאָנטריבוציע. דער סקלאַד פון זיינע סחורות איז קאָנפיסקירט געוואָרן און מ'האָט אים פאַרחתמעט. שפּעטער זיינען די סחורות איבערגענומען געוואָרן פון דער מאַכט.

פון די רייכע מענטשן אין שטאָט וואָס זיינען אַרעסטירט געוואָרן דורך דער „טשעקאַ", זיינען זייער ווייניק אַרויס אויף דער

פריי. די מערהייט זיינען דערשאָסן געוואָרן אָן אַ געריכט. ס'איז געווען אַ צייט, ווען מ'האָט ניט געטאָרט און ניט גענדאַרפט זוכן קיין יושר. ס'איז געווען אַ שווערע צייט. די נייע סאָוויעטישע רע־פובליק האָט זיך געפונען אין פייער פון אַ בירגער־קריג און די געזעצן זיינען געווען הפקר. מיין פעטער לאַזאַר פלעגט זאָגן, אַז „די רעוואָלוציע ברענגט מיט זיך קרבנות" און דערמיט האָט ער, ווי אַן איבערגעגעבענער קאָמוניסט, באַרעכטיקט די דערשי־סונגען, וואָס די „טשעקאַ" האָט אויסגעפירט...

ווען די באָלשעוויקעס האָבן איינגעשטעלט די מאַכט אין שטאָט, האָבן זיך דאַן אָנגעהויבן די הונגער־יאָרן. דער מאַרק איז פאַרשוווּנדן געוואָרן און די פויערים האָבן אויס מורא, אַז מ'זאָל זיי ניט אָנערקענען פאַר „קולאַקעס", האָבן ניט געבראַכט קיין שום פראָדוקטן אין שטאָט צו פאַרקויפן. די שטאָטישע באַפעלקערונג האָט אָנגעהויבן צו הונגערן. די סאָוויעטן־מאַכט, האָט זעלבסט־פאַרשטענדלעך ניט געקאָנט צושטעלן אין די קראָמען שפייז־פראָ־דוקטן פאַר דער שטאָטישער באַפעלקערונג און דער הונגער איז געווען שווערער פון טאָג צו טאָג.

די פריוואַטע געשעפטן זיינען שוין פון לאַנג פאַרמאַכט גע־וואָרן און זיי האָבן ניט געהאַט קיין סחורות. זומער האָט מען נאָך ווי עס איז געקאָנט זיך בעסער אַן עצה געבן, ווייל מ'האָט גע־קאָנט גנבענען פרוכטן פון די בוימער און גרינסן פון די פעלדער און גערטנער, אָבער ווינטער האָט מען שטאַרק געהונגערט. מיין מוטער האָט געהאַט אין רעזערוו רעטעכער מיט אייל און אַ דאַנק דעם, האָבן מיר זיך געשפייזט אַ לענגערע צייט. פיל מענטשן זיינען געשטאָרבן פון הונגער אין יענער שווערער צייט. באַזונדערס איז געווען שווער דער הונגער אין יאָר 1921.

## אין די עוואַקואַציע־עשאַלאָנען קיין ליטע

אונדזער משפחה האָט געהאַט מזל, היות ווי אין דעם זעלבן יאָר האָבן זיך אָנגעהויבן גרינדן עוואַקואַציע־קאָמיטעטן, וועלכע האָבן רעגיסטרירט די אַנטלאָפענע בעתן קריג פליטים (ביזשענ־

צעס). מיין מוטער האָט צוגעשטעלט אַ דאָקומענט, אַז זי איז אַן אָפּשטאַמיקע פון ליטע און אויפן סמך פון דעם דאָזיקן דאָקומענט, האָט מען אונדזער משפּחה פאַררעגיסטרירט אַלס ביעזשענצעס, וועלכע האָבן דאָס רעכט זיך אומקערן אין פאַרמלחמהדיקן וווינ־אָרט — ליטע.

מיר זיינען באַשטימט געוואָרן צו עוואַקואירן זיך פון יעקאַ־טערינאָסלאַוו מיטן צווייטן עשאַלאָן, דאָס הייסט אין האַרבסט 1921. אָבער צו אונדזער שלימזל, האָט מען אונדז באַגנבעט אין אוי־גוסט דעם זעלבן יאָר און צוזאַמען מיט פאַרשיידענע ווערטזאַכן איז אויך פאַרשוווּנדן געוואָרן דער דאָקומענט, לויט וועלכן אונדזער משפּחה איז אָנערקענט געוואָרן אַלס ביעזשענצעס... ענדלעך איז אונדז דאָך געלונגען צו אַרויסבאַקומען פון „גובעוואַק" אַ באַשטע־טיקונג, אַז מ'האָט ביי אונדז צוגעגנבעט דעם דאָקומענט און מיר זיינען מיט מזל אָפּגעפאָרן אין סעפּטעמבער 1921 מיטן צווייטן עשאַלאָן.

דער עשאַלאָן איז באַשטאַנען פון 31 וואַגאָנעס, אין וועלכע מען פלעגט פריער פירן בהמות. אין יעדן וואַגאָן זיינען געווען ביי 40 מענטשן. דאָס פאָרן ביז צום לעטישן גרענעץ האָט זיך געצויגן בערך דריי מאָנאַטן. דער וועג איז געווען זייער אַ שווערער און אַן אויסמאַטערנדיקער. מיר זיינען אַלע פאַרלייזיקט געוואָרן און זיינען געשוואָלן געוואָרן פון הונגער און קעלט. אַ סך מענטשן זיינען אין וועג קראַנק געוואָרן אויף טיפוס און זיינען געשטאָרבן, ניט באַקומענדיק קיין מעדיצינישע הילף. די טויטע קערפּערס האָט מען ממש אַרויסגעוואָרפן פון די וואַגאָנעס אין וועג.

אַלע פון אונדזער משפּחה זיינען געווען באַזונדערס באַ־זאָרגט מיטן געזונט פון מיין קליינער שוועסטערל, וואָס איז אַלט געווען דריי יאָר. איך בין שוין דאַן אַלט געווען צען יאָר. ווען עס פלעגט זיך אונדז איינגעבן צו גנבענען אין וועג וועלכע ס'איז פּראָדוקטן, פלעגן מיר אין דער ערשטער ריי באַזאָרגן מיין שוועס־טערל, זי זאָל אַזוי ניט ליידן קיין הונגער.

ווען מיר זיינען אָנגעקומען אין ראַזאַנאָווסק, וואָס איז געווען די לעצטע רוסישע סטאַנציע ביים לעטישן גרענעץ, האָט אונדז

קאָנטראָלירט דער ליטווישער קאָנסול. ער האָט בשום אופן ניט געוואָלט אָנערקענען דעם דאָקומענט פון „גובעוואַק" און ער האָט אונדז צוריקגעשיקט פון גרענעץ. מ'האָט אונדז דאַן אַוועקגעפירט אין אַ שטעטל וויעליקיע־לוקי, ניט ווייט פון וויטעבסק און מ'האָט אונדזער משפחה אַריינגעזעצט אין אַ הילצערנעם באַראַק. די באַראַקן האָבן זיך געפונען 3 ק"מ פון שטעטל.

אין שטעטל גופא, איז ניט דערלויבט געווען צו גיין, ווייל מ'האָט מורא געהאַט, אַז מיר וועלן אָנשטעקן די איינוווינער פון שטעטל מיט אַנשטעקנדיקע קראַנקהייטן. אין באַראַק זיינען מיר געווען צוזאַמען דריי פאַמיליעס אין איין צימער. מיט אונדז אין איין צימער זיינען געווען די פאַמיליע פון לייזעווער רב פשעד־מייסקי און די פאַמיליע פון פאַפּעליאַנער רב — למדן. דער רב פון וויעליקיע־לוקי, דערוויסנדיק זיך, אַז ביי אונדז אין די באַראַקן געפינען זיך רבנים — גדולי התורה, און סתם יידן וואָס הונגערן, פלעגט ער אונדז פון צייט צו צייט ברענגען עפּעס צו עסן : אַרבעס, גרויפּן און אַנדערע פּראָדוקטן. די קעכן פאַר אונדז אַלעמען איז געווען די מיטלסטע טאָכטער פון פאַפּעלאַנער רב — לאה. מיט ברענשטאָף האָט באַזאָרגט מיין ברודער נתן, וואָס איז שוין דאַן געווען אַ יינגל פון 14 יאָר אַלט.

ער האָט דאָס אָרגאַניזירט אויף אַזאַ אופן : ער פלעגט מיך שיקן אויף דער באַן־סטאַנציע און בעטן ביים מאַשיניסט פון אַ לאָ־קאָמאָטיוו, ער זאָל מיר אַראָפּוואַרפן אַ שטיק האָלץ. דער מאַשי־ניסט פלעגט אויף מיר רחמנות האָבן אויף אַ קליינעם יינגל, וואָס בעט ניט קיין ברויט, נאָר אַ שטיק האָלץ, און ער פלעגט אַראָפּ־וואַרפן אַ שייטל האָלץ, וואָס איך בין ניט אומשטאַנד געווען אים אויפצוהייבן אַפילו. דאָס האָט ביי אים אַרויסגערופן אַ געלעכטער. ניט ווייט פון מיר איז אָבער געווען באַהאַלטן מיין ברודער נתן, וואָס האָט געוואַרט מיט אַ שליטעלע צונויפגעפלאָכטן פון ברעטלעך און ער פלעגט מיר קומען צו הילף און אַוועקפירן דאָס האָלץ.

דער רב פון וויעליקיע לוקי, האָט זיך פאַרבונדן מיט אונדזערע משפחות אין ליטע און זיי געבעטן, אַז זיי זאָלן אונדז צושיקן די

נויטיקע פּאַפּירן, כדי די ליטווישע גרענעץ־וואַך זאָל אונדז אַדורכ־לאָזן דורך דעם גרענעץ.

אין משך פון איין מאָנאַט זיינען די נויטיקע פּאַפּירן אָנגעקומען און מיר האָבן געפּועלט ביי דער סאָוויעטישער מאַכט, מען זאָל אונדז ברענגען צום גרענעץ מיט אַ פּאַסאַזשיר־צוג. מען האָט אונדז טאַקע געבראַכט ביז דער באַן־סטאַנציע סעבעזש, ווו עס איז געשטאַנען דער דריטער עשאַלאָן און געוואַרט. דאָרטן, אויף דער דאָזיקער סטאַנציע האָבן מיר געוואַרט דריי וואָכן ביז דער עשאַלאָן האָט גערירט צום גרענעץ. דאָס מאָל האָט מען אונדז דערלויבט דורכצופאָרן און מיר זיינען אַריבערגעגאַנגען אין אַנ־דערע וואַגאָנעס, מיט וועלכע מיר זיינען אָנגעקומען ביז דווינסק.

די באַן־ליניע צווישן דווינסק און קאַלקון איז דאַן געווען פּאַר־נאַנדערגענומען און מיר זיינען געווען געצוווּנגען צו גיין צו פוס אין דער ווינטערדיקער קעלט 5 ק״מ. אויף אַ קליינע סטאַנציע האָט אויף אונדז געוואַרט דער ווייטערדיקער עשאַלאָן און מיטן דאָזיקן עשאַלאָן זיינען מיר אָנגעקומען ביז צום ליטווישן גרענעץ אויף דער באַן־סטאַנציע אָבעליאַי. דאָרטן האָט מען אונדז אַלעמען ווידער פאַנאַנדערגעטיילט אין באַראַקן אויף קאַראַנטין. די באַראַקן זיינען געווען באַהייצט און מיר האָבן אויך באַקומען שפּייז־פּראָ־דוקטן.

צו אונדזער מזל, זיינען מיר דאָרט לאַנג ניט געווען אין קאַ־ראַנטין און מ׳האָט אונדז אָפּגעשיקט ביז טאַוראַגע. דאָס איז די קרייז־שטאָט פון שטעטל כוויידאַן, ווו מיר האָבן געדאַרפט אָנקו־מען, אָבער מיר האָבן זיך דערביי אויסגעמיטן מיט שלמה גאָלד־שמידט, וועלכער איז געשיקט געוואָרן אַלס שליח פון אונדזער משפחה אונדז אָפּצונעמען פון אָבעלאַי.

אין טאַוראַגע זיינען מיר אָנגעקומען ביינאַכט. קיין איין גאַסט־הויז אין שטאָט האָט אונדז ניט געוואָלט אויפנעמען, אויס מורא פאַר אַנשטעקנדיקע קראַנקהייטן. חוץ דעם, איז אונדזער אויסזען געווען אַ שרעקלעכער. מיר זיינען אַלע געווען אַרומגעוויקלט מיט האָנטעכער און אויך די פיס זיינען געווען אַרומגעוויקלט מיט שמאַטעס. דער אויבער־מלבוש, וואָס האָט געדאַרפט זיין אַ מאַנטל,

איז געווען אַרומגעבונדן מיט אַ שטריק. מיט אַזאַ נעבעכדיקן אויסזען, איז קיין ווונדער ניט, וואָס ווען מ׳האָט אונדז נאָר דערזען אין פאַרהויז, האָט מען אונדז שוין ניט געוואָלט אַריינלאָזן אין שטוב אַפילו אָנצוּוואַרעמען זיך...

מיר האָבן ווי עס איז אַדורכגענעכטיקט די נאַכט אין פאַר־הויז, שלאָפנדיק אויף אונדזערע פעקלעך און אין דער פרי זיינען אָנגעקומען פורמאַנעס מיט פערד פון כווידאַן געשפאַנט אין שליטנס אונדז אָפּצונעמען. ערשט דאַן, האָט מען אונדז אַריינ־געלאָזן אין שטוב. ביי די בעלי־בתּים האָט זיך, ווייזט אויס, דער־וועקט אַ רחמנות אויף אונדז און מ׳האָט אונדז געגעבן צו עסן פרישע בולקעלעך מיט מילך. אַזאַ אכילה האָבן מיר שוין אַ שיינע פאָר יאָר ניט געזען אין אונדזערע אויגן. ס׳איז זיך לייכט צו פאַר־שטעלן, ווי מיר האָבן זיך צוגעכאַפּט צו די בולקעלעך מיט די מילך... אין משך אַ פאָר סעקונדעס האָבן מיר זיי איינגעשלונגען...

די מענטשן פון גאַסט־הויז האָבן אונדז געוואָרנט, אַז מיר זאָלן זיין פאַרזיכטיק מיטן עסן נאָך אַזאַ לאַנגע צייט פון הונגערן, ווייל דאָס קען ברענגען צו דיזענטעריע און אַנדערע קראַנקהייטן. אָבער ווער האָט זיך דאָס צוגעהערט צו אַזעלכע וואָרענונגען?...

מ׳האָט אונדז אָוועקגעפירט קיין כווידאַן צו אונדזער משפחה און דאָרטן האָט שוין אויף אונדז געוואַרט אַ וואַרעמער קבלת־פנים מיט די בעסטע מאכלים פון כל־טוב. די איינציקע זאַך, וואָס האָט אונדז, קינדער געשטערט, איז געווען דאָס, וואָס מיר האָבן זיך ניט געקאָנט צוזאַמענריידן מיט אונדזערע אייגענע. מיר האָבן ניט געקאָנט קיין יידיש און זיי קיין רוסיש...

אין כווידאַן האָבן מיר געלעבט ביי מיין באָבען — מיין מאַמעס מוטער. די באָבע האָט געהאַט אַ סך קינדער. ווען מיר זיינען אָנגעקומען צו איר, האָט זי געהאַט 11 קינדער: 4 זין זיינען געווען אין אַפריקע און 7 טעכטער אין ליטע. 4 פון די טעכטער האָבן געלעבט ביי איר אין שטוב און ווען מיר זיינען צו איר אָנגעקומען — אַ משפחה פון 6 מענטשן, איז געוואָרן גאַנץ ענג, כאָטש איר שטוב איז געווען אַ גרויסע. אונדז איז אויסגע־קומען צו לעבן ביי איר אַ לענגערע צייט און ס׳איז געווען גאַנץ

שווער. ענדלעך נאָך אַזוי פיל ליידן און וואָגלענישן אין משך פון חדשים אין הונגער, שמוץ און קעלט, זיינען מיר אַלע געקומען צו זיך...

## אין דעם „בית־החינוך" אין טעלז

נאָך צוויי חדשים אָפּרוען זיך פון דעם לאַנגן און שווערן וועג, געפינענדיק זיך אין כווידאַן ביי דער באבען, האָט מען מיך גע־

נחמיה ענדלין און זיין משפחה אין 1922, אין ליטע נאָכן צוריקקומען פון יעקאַטערינאָסלאַוו

שיקט לערנען אין טעלז. איך בין דאָן אַלט געווען 11 יאָר און מען האָט מיך אָנגענומען אין דער צווייטער כיתה פון „בית־החינוך".
דער „בית־החינוך" אין טעלז איז געווען אַ רעליגיעזער לערן־אַנשטאַלט פון 5 כיתות, ווו מען האָט געלערנט חוץ תורה, אויך וועלטלעכע לימודים. דאָס איז געווען אַ צוגרייטונגס־שול פאַר דער מכינה, ווו מען האָט געלערנט נאָר תורה. אין דער מכינה זיינען געווען 4 כיתות און אַ מבקר. פון מבקר איז מען אָנגעקומען אויף דעם ערשטן שיעור פון דער ישיבה.

די ערשטע צייט איז מיר געווען זייער שווער, ווייל איך האָב גאַנץ שוואַך געקענט יידיש, וואָס איך האָב באַוויזן זיך אויסלערנען אין משך פון צוויי חדשים אין כווידאַן. פון מיין יידיש האָבן אַלע תלמידים געלאַכט. שפּעטער האָב איך שוין באַהערשט די שפּראַך און צום סוף פון לערניאָר, האָב איך באַקומען אַפילו אַ „תעודת־הצטיינות" און איך בין אַריבער פון דער צווייטער כיתה גלייך אין דער פערטער. אויך צום סוף פון לערניאָר אין דער פערטער כיתה, האָב איך באַקומען אַ „תעודת־הצטיינות" און בין אָנערקענט גע־וואָרן אַלס „תלמיד־ראשון" פון „בית־החינוך" און איך בין אַריבער אין דער צווייטער כיתה פון דער מכינה.

דער מנהל פון „בית־החינוך" איז געווען אַ בחור פון פערטן שיעור פון דער ישיבה. לייבע פאַליוווניק האָט מען אים גערופן. זיין ברודער משה פאַליוווניק איז געווען דער רבי פון גמרא. דער מזכיר איז געווען יצחק יפה — אַ בחור פון פערטן שיעור פון דער ישיבה. דער רבי פון חומש איז געווען רבי שמעון־משה. פון תנ"ך — דער רבי משה פרידמאַן. חשבון האָט מיט אונדז געלערנט די לערערין בלומע שוואַרץ (די טאָכטער פון רבי אַרציק שוואַרץ). דער עברית־לערער איז געווען יוסף ראַבינאָוויטש (דער זון פון הרב חיים ראַבינאָוויטש). ער איז אויך געווען אַ בחור פון פערטן שיעור פון דער ישיבה. געאָגראַפיע, נאַטור־וויסנשאַפט און היס־טאָריע האָט געלערנט די לערערין שאַצע תלפית. דער לערער פון ליטוויש איז געווען בורבאַ.

דאָס איז געווען דער לערער־פּערסאָנאַל און די הנהלה פון „בית־החינוך" אין טעלז. חוץ דעם לערער בורבאַ, זיינען אַלע

געווען שטרענג רעליגיעז. די קינדער פון „בית־החינוך" זיינען, פאַרשטייט זיך, דערצויגן געוואָרן אין רעליגיעזן גייסט. איך, ווי אַלע תלמידים פון „בית־החינוך" זיינען זייער באַווירקט געוואָרן פון דעם אַלגעמיינעם גייסט, וואָס האָט דאָרט געהערשט. און איך בין געווען פאַנאַטיש פרום און האָב אַפילו געטראָגן פיאות. איך מוז דאָ אונטערשטרייכן, אַז דעם יסוד פון מיין גאַנצן וויסן, האָב איך באַקומען אין דעם „בית־החינוך" אין טעלז.

טעלז איז געווען אַ שטאָט, ווו עס האָט געהערשט דעם רב׳ס דינאַסטיע. דער רב, רבי יוסף־לייב בלאָך איז געווען דער מנהל פון דער ישיבה און צוגלייך אויך איינער פון די ראשי־הישיבה. זיין מיטלסטער זון — רבי יצחק בלאָך איז געווען אַ ראש־ישיבה, זיין עלטסטער זון איז געווען דער גזבר פון דער ישיבה און דער מזכיר; זיין איידעם — רבי אבנר אקלאנסקי איז געווען דער מנהל פון מכינה און נאָך אַן איידעם — ווועסלער, איז געווען דער מנהל פון כולל. זיין איידעם — רבי מאָטל כ״ץ, פלעגט פאָרן קיין אַמע־ריקע קלייבן געלט פאַר דער ישיבה און פאַר אַנדערע רעליגיעזע מוסדות פון טעלז.

דער צווייטער ראש־הישיבה איז געווען הרב חיים ראַבינאָוויטש און דערנאָך אויך זיין זון רבי עזריאל ראַבינאָוויטש. ביידע גרויסע למדנים, זיי האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט זייער חריפות און בקיאות אין תלמוד. זיי האָבן געהאַט זייערע ספּעציעלע שיטות פון לערנען און האָבן געוווּסט ווי אַזוי צו געשטאַלטיקן און אויספורעמען די יונגע נשמות פון די ישיבה־בחורים. זיי זיינען געווען זייער געשעצט פון זייערע תלמידים און ניט נאָר פון די תלמידים. אַלע האָבן זיי אָפּגעגעבן כבוד און געהאַט פאַר זיי גרויס דרך־ארץ.

טעלז האָט זיך אויסגעצייכנט מיט איר גרויסער חינוך־נעץ. דאָ איז אויך געווען אַ „יבנה"־גימנאַזיע פאַר מיידלעך און אַ לערער־סעמינאַר פאַר בחורים און מיידלעך, וואָס האָט זיך אויך געפונען אונטער דער השפעה פון דעם רב׳ס דינאַסטיע. דער מנהל פון דער „יבנה"־גימנאַזיע איז געווען אַ בכבודיקער ייד האַלצבערג. זיינע ביידע זין — אַ צווילינג: יוסף און בענאַ האַלצ־בערג, האָבן געלערנט מיט מיר צוזאַמען אין דער מכינה. דער

יינגסטער זון פון טעלזער רב, רבי אליהו־מאיר בלאָך, איז געווען אַן איידעם פון אַ רייכער פאַמיליע פון מעמעל — קאַפּלאַן.

די תלמידים פון „בית־החינוך״; „יבנה״־גימנאַזיע און לערער־סעמינאַר, זיינען געווען אָנגעפּאַרענע פון פאַרשיידענע שטעט און שטעטלער פון ליטע, וועלכע האָבן געשטראַמט קיין טעלז צו לערנען תורה און צו באַקומען אַלגעמיינע בילדונג. דאָ האָט מען געקאָנט זען הונדערטער יוגנטלעכע אין זייער בלי־צייט שטראָמען אין די לערן־אַנשטאַלטן און די שטאָט איז פול געווען מיט זיי. אַ לוסט צו תורה האָט געהערשט ביי די תלמידים און אַלע האָבן געלערנט מיט גרויס התמדה. איז קיין ווונדער ניט. וואָס די השפּעה פון דער טעלזער דינאַסטיע האָט זיך אויסגעשפּרייט איבער גאַנץ ליטע. דער גייסט פון טעלזער חינוך איז געווען שטאַרק אָרטאָ־דאָקסיש־קנאותדיק. אַזעלכע זיינען געווען ביידע ברידער מאָטל און יוסף פּאָגרעמאַנסקי פון טאוראַגע; ביידע ברידער יצחק און משה יפה פון כווידאַן; חיים ראַזין פון כווידאַן ביידע ברידער פּנחס און אפרים העלפאַנט פון טעלז; ביידע ברידער אָרדמאַן פון שאַוול; באַמבערגער פון קיסינגען; חיים וויגדער און חיים באַק־שפּאַן פון קעלן אַם ריין; נחמן הירשאָוויטש פון ווירבאַליס און אַ סך אַנדערע...

פונקט אַנטקעגן דעם „בית־החינוך״, איז געווען די שטוב און די קראָם פון רבקה יאָושיץ. אַהין פלעג איך אַריינלויפן קויפן זיסקייטן. און ניט נאָר צוליב די זיסקייטן וואָס איך האָב געוואָלט דאָרט קויפן, נאָר עס האָט זיך מיר זייער געוואָלט, אַז די זיסקייטן זאָל מיר פאַרקויפן דווקא די מיטלסטע טאָכטער אירע מאַשע יאָושיץ, וואָס איז אַ סך שפּעטער געוואָרן מיין לעבנסבאַגלייטערין. מאַשע איז אַן אַבסאָלווענטין פון דער טעלזער „יבנה״־גימנאַזיע.

## אין די ישיבות פון ריטעווע, ווילקאָמיר, טעלז און סלאָבאָדקע

צו מיין פאָטער, וועלכער איז צו יענער צייט שוין געוואָרן אַ תושב פון מעמעל, פלעגן קומען רבנים קלייבן געלט פאַר

ישיבות. איינער פון זיי, דער ריטעווער רב, האָט איינגערעדט מיין פאָטער, אַז ער זאָל מיך שיקן לערנען אין זיין ישיבה, ווייל דאָרטן האָט ער געזאָגט, איז דאָ אַ מעגלעכקייט אַז איך זאָל זיך מער פאַרפולקאָמען און מער פאַרטיפן אין תורה. מיין פאָטער האָט זיך געלאָזט איבעררעדן פון דעם ריטעווער רב און אויף דעם צוקונפטיקן לערניאָר האָט ער מיך געשיקט לערנען אין ריטעווע. דאָרטן האָב איך שוין געמוזט „עסן טעג", ווי דאָס איז דאַן געווען אָנגענומען פאַר די ישיבה־בחורים, וועלכע זיינען געקומען לערנען פון דער ווייט. און אויב מען „עסט טעג" — האָב איך יעדן טאָג געגעסן ביי אַנדערע בעלי־בתים אין משך פון דער וואָך.

פון „עסן טעג" בין איך פאַרשטייט זיך ניט געווען אַנטציקט, אָבער איך האָב ניט געהאַט קיין אַנדער ברירה. צוויי טעג: פרייטיק און שבת — האָב איך געגעסן ביי שלמה גאָלדשמידט און זיין שוויגער. ער איז געווען אַ גרויסער פריינד פון אונדזער פאַמיליע און דעריבער איז דאָס עסן ביי אים געווען אַפילו אָנגענעם. די איבעריקע טעג זיינען געווען פאַרטיילט ביי די איבעריקע מיטגלידער פון גאָלדשמידס פאַמיליע און אויך ביי זיינע געשעפטס־מענטשן, מיט וועלכע ער איז געשטאַנען אין פאַרבינדונג.

ריטעווע איז ניט געווען קיין גרויס שטעטל, אָבער גרעסער ווי כווידאַן. דאָס שטעטל האָט זיך אויסגעצייכנט מיט איר שיינער נאַטור־פּאַנאָראַמע און באַזונדערס מיטן שיינעם פאַרק פון געוועזענעם פירשט אָגינסקי. דאָ האָבן זיך אויך געפונען די חורבות פון אָגינסקיס פּאַלאַץ. אין דעם פאַרק, האָט זיך אויך געפונען אַ וואַסערמיל פון דער פאַמיליע באַלין. מיטן זון פון די באַלינס, האָב איך זיך געלערנט צוזאַמען אין דער טעלזער ישיבה, אויך דער צווייטער זון — יצחק באַלין האָט געלערנט אין דער ריטעווער ישיבה און די טאָכטער מאַשע, האָט געלערנט אין דער טעלזער „יבנה"־גימנאַזיע.

דאָ, אין ריטעווע האָט אויך געלערנט רבי יוסף שור, אָדער ווי מען האָט אים גערופן „רבי יוסף דער רב". זיין טאָכטער, מרים שור, האָט געאַרבעט ביי מיין פאָטער אין געשעפט אַלס בוכהאַלטערין. רבי יוסף — דער רב — פלעגט פאַסטן תעניתים צוליב די

עבירות, וואָס די יוגנט איז באַאַנגעגן. עס פלעגט טרעפן, אַז ער פלעגט פּלוצעם אַריינלויפן אין בית־מדרש, פאַרנאַנדערעפענען מיט כוח דעם אָרון־קודש און פלעגט אָנהויבן קלאַפּן אין האַרצן און זאָגן ודוי, צוליב דעם, וואָס ער האָט געזען אין גאַס פאַרביי־גייענדיק אַ פרוי מיט קורצע אַרבל... ער איז געווען אַן אויסטער־לישער טיפּ, שטאַרק פרום און פאַנאַטיש און זיין אויפפירונג פלעגט אַרויסרופן שטוינונג ביי מענטשן. פאַר קיין משוגענעם האָט מען אים ניט געהאַלטן, אָבער אין דער שטיל, האָט מען פון אים אָפּגעלאַכט...

קיין סך צייט איז מיר אין ריטעווע ניט אויסגעקומען צו לער־נען, ווייל ס'האָט פּאַסירט אַזאַ פאַל:

יצחק באלין און איך זיינען איינמאָל אַ טאָג געגאַנגען שפּאַ־צירן אין אגינסקיס פּאַרק. אין דרויסן איז געווען קאַלט און ער האָט מיר פאָרגעלייגט צו גיין צו אים אין שטוב. כדי צו פאַרקירצן דעם וועג, האָט ער פאָרגעשלאָגן, אַז מיר זאָלן דורכגיין דעם פּרוד (אַ קליין טייכל) דאָס איז שוין געווען אַ קורצע צייט פאַר פּסח און דער שיכט אייז אויפן פּרוד איז געווען אַ דינער. איך האָב זיך געלאָזט פון אים איינריידן און מיר האָבן אָנגעהויבן גיין איבערן אייז. ווען מיר זיינען שוין געווען אויפן מיטן פּרוד, האָט זיך פּלוצעם דער אייז איינגעבראָכן און יצחק איז אַריינגעפאַלן אין וואַסער. איך בין גלייך צוגעלאָפן אים העלפן אַרויסשלעפן אים פון וואַסער, אָבער ווען איך האָב אים אויסגעשטרעקט מיין האַנט, האָט ער אויך מיך אַריינגעשלעפט אין פּרוד...

אַזוי ווי איך בין געווען אָנגעטאָן אין אַ שעפּסענעם פּעלצל, האָט עס מיך שטאַרק געצויגן צו גרונט, ווייל דאָס פּעלצל איז אַדורכגעווייקט געוואָרן פון וואַסער און עס איז געוואָרן זייער שווער. פון ווייטן האָבן מענטשן, וואָס זיינען געווען אין פּאַרק, באַמערקט, ווי מיר גייען צום אָפּגרונט, האָט מען שנעל געבראַכט פון מיל צוויי גרויסע לייטערס, זיי אַוועקגעלייגט אויפן אייז ביז צו דעם אָרט, ווו מיר זיינען אַריינגעפאַלן. דאָס איז געווען אונדזער מזל: מיר האָבן זיך אָנגעכאַפּט אַן אַ לייטער און אונדז איז גע־לונגען אַרויסצוקריכן פון פּרוד.

ווען מיר זיינען געווען אויבן אויפן אייז, האָבן מיר אָנגע־הויבן זיך שאַרן אויף די בייכער ביז צום ברעג און אַזוי האָבן מיר זיך געראַטעוועט... ווען מיר זיינען נאָך געווען אין וואַסער, האָט יצחקס מאַמע צו אים געשריען: „איצקע, איצקע, דו וועסט קרענ־קען פון טאַטן!"... די מענטשן, וואָס זיינען געשטאַנען דערביי האָבן איר אויפמערקזאַם געמאַכט: — „לאָזט אים פריער זיך ראַטעווען און דאַן וועט איר אים לייענען מאָראַל"... פון גרויס כעס האָט זי זיי געענטפערט: — „זאָל ער דערטרונקען ווערן, וועט ער וויסן אַ צווייטן מאָל, ווי אַזוי צו קריכן אויף אַ דינעם אייז"...

אַזוי ווי מיינע עלטערן האָבן מורא געהאַט אַז איך זאָל ניט קראַנק ווערן אויף אַ לונגען־אָנצינדונג, האָט מען מיך באַלד אָפּ־געשיקט אַהיים, און בין מיטן דיליזשאַנס אַוועקגעפאָרן קיין מעמעל צו די עלטערן.

אין שטוב איז מען ניט געווען אַזוי שטאַרק באַגייסטערט פון מיין איבעררייסן די לימודים אין מיטן לערניאָר און דערצו נאָך אין אַזאַ צושטאַנד. אָבער מיט דעם האָט זיך דער ענין געענדיקט. איך בין פאַרבליבן אין שטוב ביזן נייעם לערניאָר, וואָס האָט זיך געדאַרפט אָנהויבן פון פסח ביז ראש־השנה. די לימודים מיינע האָב איך שוין אָנגעהויבן ניט אין ריטעווע, נאָר אין דער ווילקאָמירער ישיבה און געווען איז דאָס אַזוי:

דער ראש־הישיבה פון ווילקאָמיר איז געקומען צו מיין פאָטער קלייבן געלט פאַר זיין ישיבה און ער האָט פון אים באַקומען אַ גאַנץ פיינע נדבה. דער ראש־הישיבה האָט פאַרשטאַנען, אַז אויב איך וועל לערנען אין זיין ישיבה, וועט ער קענען פון מיין טאַטן קריגן אַ שטענדיקע שטיצע. מיין פאָטער האָט זיך געלאָזט איינ־ריידן פון דעם ראש־הישיבה, מיך צו שיקן לערנען אין ווילקאָמיר אין זיין ישיבה, דערביי האָט דער ראש־הישיבה צוגעזאָגט מיין פאָטער, אַז ער וועט מיך אָננעמען אין דעם העכסטן שיעור.

מיין פאָטער איז די דאָזיקע פּראָפּאָזיציע געפעלן געוואָרן און ער האָט באַלד מסכים געווען. איך בין אַוועקגעפאָרן קיין וויל־קאָמיר און אַוועק צום ראש־הישיבה. אָבער ווען איך האָב זיך צו

אים באַוויזן, האָט ער מיר געזאָגט, אַז ער קען מיך דערווייל ניט אַננעמען אין דעם העכסטן שיעור, איך מוז זיך דערווייל לערנען אַ פּאָר וואָכן אין דעם נידעריקן שיעור — דעם דריטן. איך האָב מסכים געווען צו לערנען אַ פּאָר וואָכן אין דעם נידעריקן שיעור, אָבער ווען די פּאָר וואָכן זיינען שוין אַוועק און ער האָט מיך ניט איבערגעפירט אין העכערן שיעור, האָב איך אָנגעהויבן פון אים פאָדערן, אַז ער זאָל מקיים זיין דעם צוזאָג, וואָס ער האָט געגעבן מיין פאָטער. איך האָב פון אים געפאָדערט קאַטעגריש, ער זאָל מיך אַריבערפירן אין העכסטן שיעור. ער האָט זיך אָבער פון זיין הבטחה אַרויסגעדרייט...

ער האָט געהאָט זיין חשבון: ער איז געווען פאַראינטערעסירט, אַז איך זאָל אַ לענגערע צייט לערנען אין זיין ישיבה, כדי אַרויס־צוקריגן וואָס מער געלט פון מיין פאָטער. איך האָב אָבער בשום אופן ניט מסכים געווען און האָב פּרינציפּיעל באַשטאַנען אויף מייניקע. צום סוף, אַז ער האָט געזען, אַז ער קען מיט מיר גאָרנישט מאַכן, האָט ער אַ זאָג געטאָן, אַז... איך בין ניט צוגעפּאַסט לויט מיינע קענטענישן פאַרן פערטן שיעור... איך האָב באַלד קאַטעגאָ־ריש שאַרף אויף דעם רעאַגירט און אים פאָרגעוואָרפן, אַז ער האָט לכתחילה ניט געדאַרפט צוזאָגן מיין פאָטער. ווען איך וואָלט גע־ווּסט, אַז איך בין ניט צוגעפּאַסט פאַרן פערטן שיעור, וואָלט איך בכלל ניט געקומען אַהער לערנען אין זיין ישיבה.

ער האָט זיך באַליידיקט פאַר מיינע „חוצפּהדיקע רייד" און האָט געענטפערט, אַז זיי נויטיקן זיך בכלל ניט אין מיר, פאַרקערט — איך אין זיי... דאַן האָב איך אים דערקלערט, אַז איך פאַרלאָז די ישיבה און פאָר אַוועק אַ היים, ווייל ס'איז מיר קלאָר געוואָרן זיין כוונה...

געצרעדט און געטאָן. איך בין מער ניט געקומען לערנען אין דער ישיבה און פאַר גרויס כעס, האָב איך אַרונטערגעשוירן מיינע פּיאות, זעענדיק די צביעות פון מיינע מדריכים. איך בין געוואָרן אויס פרום און אויס ישיבה־בחור. איך בין דעמאָלט אַלט געווען 13 יאָר. דאָס איז בלי־ספק געווען אַ גרויסער איבערברוך אין מיין

לעבן, וואָס האָט שפּעטער זיך אויסגעווירקט אויף מיין גאַנצן לעבנסאַרט און אויף מיינע פּאָליטישע אָנשויאונגען. פּונקט ווי מיין פרומקייט איז געווען אַ ווירקונג פון אומשטענדן און איז ניט געקומען פון טיפער איבערצייגונג, אַזוי איז אויך מיין ניט פרומקייט געווען אַ ווירקונג פון אומשטענדן און אויך ניט קיין רעזול־טאַט פון איבערצייגונג. סך־הכל בין איך נאָך געווען אַ יונג יינגל, און האָב נאָך דאַן ניט געהאַט קיין אויסגעקריסטאַליזירטע מיינונג און ריכטיקן קוק אויפן לעבן.

ס׳האָט ניט געהאַט קיין זין זיך אַרומצודרייען פּוסט און פּאַסט אין ווילקאָמיר, האָב איך באַשלאָסן אַוועקצופאָרן אַהיים און דער־ציילן מיין פאָטער די סיבה פון מיין צוריקקומען... פאַרשטייט זיך, אַז מיין פאָטער איז דער גאַנצער ענין מיט דער „פּרשה" ווילקאָ־מיר כלל ניט געפעלן געוואָרן, אָבער ער האָט זיך אויך געפילט מיטשולדיק אין דעם, וואָס ער האָט מיך צוגענומען פון דער טעל־זער מכינה, און געשיקט מיך לערנען אין ווילקאָמיר, ניט פאָרויס־זעענדיק די רעזולטאַטן פון זיין שריט. דעריבער בין איך אָפּגע־קומען מיט ניט קיין שווערער שטראָף און מען האָט מיך ווידער געשיקט צוריק לערנען אין טעלז.

אין טעלז, האָב איך זיך אָנגעשטויסן אויף די דערציאונגס־מעטאָדן פון הרב אבנר אָקלאַנסקי. ער האָט גלייך באַמערקט אַז אין מיר איז פאָרגעקומען אַן ענדערונג. ערשטנס האָבן שוין „גע־פעלט" מיינע פּיאות... און חוץ דעם, איז מיין אויפפירונג געווען אַ חוצפּהדיקע, אַן עזותדיקע... איך בין אינגאַנצן געוואָרן „ניט דער וואָס איך בין געווען"... דער רבי האָט באַשלאָסן מיך צוימען און דאָס סיסטעמאַטיש. עס איז איינגעשטעלט געוואָרן אויף מיר אַ קאָנטראָל און מ׳האָט נאָך מיר נאָכגעשפּיאָנירט אויף יעדן שריט און טריט. די שווערסטע ערטער אין תלמוד, די שווערסטע סוגיות אין דער גמרא זיינען אויפגעגעבן געוואָרן נאָר מיר. אַזוי אויך אין דער הלכה.

דאָס האָט מיר זייער פאַרדראָסן, ווייל אַזוי ווי איך בין געווען זיינען אויך געווען מיינע חברים און צו זיי האָט ער זיך ניט גע־טשעפּעט... אָט האָט מען אונדז געכאַפּט שפּילנדיק אין פוטבאָל

אויסערן שטאָט און דאָס איז געווען ניט אין די לערן־שעהן. מיר זיינען געווען 22 שפּילער, ווי געוויינלעך, אָבער געמוסרט האָט מען נאָר מיך, געמאַטערט פּאַר אַלעמען. מ׳האָט מיר פאָרגעוואָרפן, אַז איך האָב דאָס אָרגאַניזירט די 22 שפּילערס... פון דאַן אָן, האָט מען מיך באַשטראָפט ניט אַרויסגיין פון בנין פון דער ישיבה אין משך פון אַ גאַנצן חודש אין די פרייע שעהן פון לערנען...

זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז איך בין ניט געזעסן די גאַנצע צייט און געלערנט. עס זיינען געקומען צו מיר חברים און מיר האָבן זיך פאַרווײַלט, געררויכערט ציגאַרעטן. דער רבי האָט מיך ווידער געכאַפּט און ווידער פאָרגעוואָרפן, אַז איך בין דער אָרגאַניזאַטאָר און דער שולדיקער... ער האָט מיך געדראָט, אַז אויף די נאָענטסטע בחינות וועט ער מיך דורכוואַרפן און ניט דערלאָזן, אַז איך זאָל אַריבער אין ערשטן שיעור פון דער ישיבה.

צו זיין דראונג האָב איך זיך באַצויגן מיט דער גאַנצער ערנסטקייט, ווייל איך בין געווען זיכער, אַז ער וועט זיין דראונג אויספירן. אייניקע טעג און נעכט פאַר די בחינות האָב איך זיך גוט צוגעגרייט, כדי אָפּצושטויסן די „רוע הגזירה״. און אָט איז אָנגעקומען דער רב מיט זיין סוויטע צו די בחינות. דאָס זיינען געווען אַרויסלאָז־עקזאַמענס אויף אַריבערצוגיין אין ישיבה. דער רב האָט געשטעלט אייניקע פראַגן און האָט געזאָגט, אַז ווער עס וועט געבן דעם ריכטיקן ענטפער, וועט באַפרייט ווערן פון די ווייטערדיקע פראַגן און וועט אָנגענומען ווערן אין ישיבה.

איך האָב באַלד אויפגעהויבן די האַנט און געענטפערט אויף אַלע זיינע פראַגן, אָנווייזנדיק דערביי די מקורות. אַפילו אויף וועלכן דף אין דער גמרא געפינט זיך דער מקור. דעם רב זענען געפעלן געוואָרן מיינע ענטפערס און ער האָט געזאָגט: „מצוין״. ער האָט מיך געהייסן אַרויסגיין פון די בחינות. דאָ האָט זיין איידעם אבנר אָקלאַנסקי זיך אַריבערבויגן צו אים און האָט אים עפּעס אַריינגעשעפּטשעט אין אויער, אָנווייזנדיק אויף מיר. דער רב האָט אָבער ניט געלייגט קיין אַכט אויף דעם און האָט זיך געהאַלטן ביי זיין פריערדיקן באַשלוס.

אויף מאָרגן האָט מען מיך איינגעלאַדן צום רב. ער האָט

געהאַט מיט מיר אַ לאַנגן געשפּרעך מיטן ציל צו אויסווירקן אויף מיר, אַז איך זאָל תשובה טאָן און אויפהערן מיט מיין „פּרייען" אויפפירן זיך... נעמענדיק אין באַטראַכט, אַז דאָס אַלץ וועט איבער־געגעבן ווערן מיין פאָטער, האָב איך אים צוגעזאָגט צו זיין „גוט און פרום"... איך האָב זיך ניט פאַרגעשטעלט אַז אויך אין דער ישיבה וועט מען נאָכשפּיאָנירן נאָך מיר. דער רעזולטאַט איז געווען אַז מען האָט מיך אויסגעשלאָסן פון דער ישיבה...

פאַר דער צייט וואָס איך בין געווען אין טעלז, האָבן מיינע צוויי ברידער, באַריס און נתן, עמיגרירט קיין דרום־אַפריקע. פון מיר האָט מען דאָס געהאַלטן בסוד. ווען דעם האָב איך זיך ערשט דערוווּסט פון זייער פאַסט־קאַרטע פון וועג, ווו זיי האָבן מיר מיט־געטיילט, אַז די עלטערן האָבן זיי פאַרבאָטן מיט מיר זיך געזעג־נענען, דעריבער טוען זיי דאָס דורך דער פאַסט־קאַרטע...

ווען איך בין אָנגעקומען אַ היים אַ באַזייטיקטער פון דער טעלזער ישיבה, האָט זיך מיין פאָטערס געדולד ניט געענדיקט. ער האָט באַשלאָסן צו אויספּרובירן אַלע וועגן, כדי איך זאָל פאַרזעצן לערנען אין אַ ישיבה. ער האָט מיך אַליין אַוועקגעפירט אין סלאָ־באָדקע, וועלכע איז געווען באַרימט מיט איר גרויסער ישיבה. מיר זיינען געקומען צום ראש־הישיבה רבי אייזיק שער אין שטוב. ער איז געווען מיין פאָטערס אַן עלטערער חבר פון ישיבה נאָך פון אַמאָל.

דער רב האָט אונדז זייער פיין אויפגענומען. זיין פרוי גוטל, די טאָכטער מרים און זיין זון יוסף האָבן אַרויסגעוויזן צו אונדז פיל אויפמערקזאַמקייט. רבי אייזיק האָט זיך אָנגענומען פערזענלעך צו דערליידיקן מיין אָננעמען אַלס תלמיד אין דער ישיבה. חוץ דעם, האָט מיט מיר געדאַרפט זיך אינטערעסירן און איינאָרדענען אַלע נויטיקע זאַכן דער „מנהל הרוחני" פון דער ישיבה רבי אברהם גראָדזענסקי. מיט זיין זון לייזער, האָבן מיר זיך געלערנט צוזאַמען. קוואַרטיר בין איך געווען צוזאַמען מיט גאָר אַ גרויסן למדן — רבי דוד ראַפּאַפּאָרט ביי רבי בנימין קורקלער.

איך בין געווען אַרומגערינגלט אַרום און אַרום מיט גייסטיקע, אָנגעזעענע מנהיגים. פון די אַלע איז מיר באַזונדערס געווען צום

האַרצן דער רבי דוד ראַפּאַפּאָרט, וועלכער האָט אַרויסגעוויזן אַ גרויסע פּאַראינטערעסירונג צו מיר. ער האָט מיר זייער געשעצט פאַר מיין גוטן זכרון, מיט וועלכן איך האָב זיך אויסגעצייכנט. אים האָט דאָס אַ ייד אַ מאָל אַ פרעג געטאָן אויס ליצנות: — „רבי, אויב נאָך דעם טויט שמייסט מען, טאָ פאַרוואָס לייגט מען דעם בר־מנן מיטן הינטערחלק אַראָפּ, מען האָט דאָך געדאַרפט אים לייגן מיטן הינ־טערחלק אַרויף?... אויף דעם האָט אים דער רבי באַלד געענט־פערט: — „אַז ביי אונדז איז טאָג, איז אין אַמעריקע נאַכט, אַז דאָ איז וואַרעם, איז דאָרטן קאַלט, איז אַז מען לייגט דעם בר־מנן ביי אונדז מיטן הינטערחלק אַראָפּ — קומט ער אויס אין אַמעריקע מיטן הינטן אַרויף — דאַן שמייסט מען אים פון אַמעריקאַנער זייט"...

אין ישיבה איז געווען אַ דיסקוסיע צי אַמונדסען האָט גע־דאַרפט זיך מקריב זיין צוליב נאָבילעס רעטונג, אָדער ניט. אויף דעם האָט דער רבי דוד ראַפּאַפּאָרט געזאָגט: — „צו וואָס די דיסקוסיעס בכלל, אַז קיין נאָרדפּאָל איז איבערהויפּט ניטאָ, אַזאַ זאַך עקזיס־טירט ניט"... האָבן צו אים די ישיבה־בחורים געזאָגט: — „רבי, ווי קומט צו אייך אַזאַ באַהויפּטונג, איר זייט דאָך אַ געבילדעטער מענטש?"... אויף דעם האָט ער געענטפערט: — „אויב עס וואָלט טאַקע געווען אַ נאָרדפּאָל, ווי איר טענהט, וואָלט דאָרטן געווען אַ סלאָבאָדקער משולח"...

רבי דוד איז געווען אַ גרויסע פערזענלעכקייט, אַ גדול־בתורה. ער איז געווען אַ מחבר פון אייניקע זייער וויכטיקע ספרים און מען האָט אים זייער געשעצט. איך האָב אויך געהאַט פאַר אים גרויס דרך־ארץ און זיך באַצויגן צו אים מיט גרויס יראת־הכבוד. אויף דער זעלבער קוואַרטיר, האָט אין אַן אַנדערן צימער געוווינט דוד שולמאַן (טיקטינער), זייער אַן אָנגעזעענער בחור פון ישיבה, דער ברודער פון רבי אייזיק שערס איידעם — רבי מאָטל שולמאַן (טיקטינער).

מיינע חברים מיט וועלכע איך האָב זיך געלערנט אין ישיבה זיינען געווען: יודל אָסאָווסקי (דעם סלאָבאָדקער רב'ס זון); אברהם־אהרון צפנת (קוזמיצער); יצחק מענדעלאָוויטש; חיים־ראובן טראַ־

גינער; גדליה שקאָפּ (מאַלאַטער); משה שלאָמאָוויטש; משה דאָמב און אַ סך אַנדערע. אויסער דעם בין איך געווען באַפריינדעט מיט עלטערע פון מיר חברים: אליהו קוסעלעווסקי (מאַלאַטער); בן־ציון עזראַכאָוויטש (שפּעטער מיין שוואָגער); שמואל בירזשער און אַנדערע. מיר האָבן אויך געשאַפן צווישן אונדז אַ שאַך־גרופּע און מיר האָבן איינגעאָרדנעט שאַך־פאַרמעסטונגען צווישן זיך. באַזונדערס האָבן זיך אויסגעצייכנט אַלס גוטע שאַך־שפּילערס גדליה שקאָפּ, חיים־ראובן טראַגינער, אליהו מאַלאַטער און שמואל בירזשער. אַלע אַנדערע זיינען געווען שאַך־שפּילערס פון דער צווייטער מדרגה.

אינטערעסאַנט, אַז אין טעלז בין איך געווען באַזונדערס באַפריינדעט נאָר מיט איין חבר — שמואל שלאָמאָוו פון טאַווריג און אין סלאָבאָדקע האָב איך געהאַט גאָר אַ סך חברים, וואָס אונדזערע אַנשויאונגען זיינען זייער ווייט געווען איינע פון די אַנדערע. אַפילו ווען איך האָב שוין פאַרלאָזן די סלאָבאָדקער ישיבה און בין שוין געווען זייער ווייט פון זיי מיט מיינע וועלט־אַנשויאונגען, האָט מיך איינגעלאַדן צו די סדרים אויף פּסח דער סלאָבאָדקער רב, רבי זלמן אָסאָווסקי און איך האָב זיין איינלאַדונג זייער גערן אָנגענומען. איך בין אויך געפאָרן פון מעמעל קיין דאַטנעווע, באַגלייטן דעם זון פון דאַטנעווער רב, אליהו קוסעלעווסקי קיין ארץ־ישראל.

## זוימען פון מאַרקסיסטישן באַוווסטזיין

אין סלאָבאָדקע האָב איך געלערנט אָנהויבנדיק פון יאָר 1926 ביז 1930. פאַר דער צייט האָב איך געפּועלט ביי דער הנהלה פון דער ישיבה, אַז מען זאָל מיר דערלויבן לערנען נאָר אַ האַלבן טאָג צוליב מיין „שוואַכן געזונט־צושטאַנד". דעם אַנדערן האַלבן טאָג, האָב איך אויסגענוצט פאַר זיך און דאָס — פאַרשיידן. איך פלעג אָפט גיין אין קינאָ, וואָס דאָס איז געווען פאַר אַ ישיבה־בחור פאַרבאָטן. איך האָב זיך אין צווייטן לערניאָר באַפרייט פון די סך אויפזעערס אויף מיר — און בין אַריבער לעבן אויף אַן אַנדער קוואַרטיר. דאָרטן איז געווען אַן אַריינגייערקע אַ מיידל, וואָס האָט

געוווינט אין אַ דירה איבער אונדז און זי איז געווען אַ קאַמו־ניסטקע. זי פֿלעגט שטענדיק דיסקוטירן מיט אונדז, ישיבֿה־בחורים, און זי פֿלעגט אונדז ברענגען לעזן פֿאַרבאָטענע ליטעראַטור.

אַזוי ווי זי איז געווען ניט קיין הויכגעבילדעטע, איז איר געווען שווער זיך צו אַריינגריבלען אין דער מאַרקסיסטישער לערע. אין דעם האָב איך איר געהאָלפֿן און אַזוי בין איך אַריינגעצויגן געוואָרן אין די מאַרקסיסטישע קרייזן און בין געוואָרן אַ „מומחה" אין דער לערע פֿון מאַרקסן. ערשט דאָן איז מיר געקומען דער געדאַנק, אַז מיין ווייטערדיקער לערנען אין דער ישיבֿה האָט ניט קיין זין. ערשטנס טראַכט איך ניט צו ווערן אַ רבֿ, צווייטנס, בין איך שוין לאַנג געווען ווייט מיט מיינע אַנשויאונגען פֿון דער ישיבֿה און דריטנס איז דאָס פֿאַר מיר ניט קיין תּכלית.

איך האָב באַשלאָסן איינמאָל פֿאַר אַלעמאָל זיך באַפֿרייען פֿון דער ישיבֿה און אָנהויבן לערנען אַלגעמיינע לימודים, בכדי ניט צו בלייבן הינטערשטעליק אין אַזוינע לימודים, וועלכע אַ יונגער־מאַן אין מיין עלטער האָט שוין געדאַרפֿט קענען. און אַזוי ווי איך בין שוין דאָן אַלט געווען 18 יאָר — איז דאָס שוין געווען די העכסטע צייט, אַז איך זאָל פֿאַרלאָזן די ישיבֿה און אָנהויבן אינ־טענסיוו לערנען וועלטלעכע לימודים.

איינמאָל האָב איך געגעבן צו וויסן מיין פֿאָטער, אַז איך וויל פֿאַרלאָזן די ישיבֿה און אָנפֿאַנגען לערנען עפּעס אַנדערש. פֿאַר מיין פֿאָטער איז דאָס געווען אַ פֿלוצעמדיקער קלאַפּ. ער האָט ממש באַקומען אַ שאָק. מיין דעציזיע צו פֿאַרלאָזן די ישיבֿה, האָט אים צעשטערט זיינע גאַנצע פּלענער. ער האָט מיר דעריבער קאַטע־גאָרניש דערקלערט, אַז אין דעם פֿאַל, אויב איך וועל פֿאַרלאָזן די ישיבֿה, זאָל איך מער ניט קומען צו אים אין שטוב...

איך האָב זיך אָבער מיט די דראָונגען פֿון מיין פֿאָטער ניט גערעכנט און פֿאַרלאָזן די ישיבֿה. איך בין טראָץ זיין פֿאַרבאָט געקומען אין שטוב און דערקלערט דעם פֿאָטער, אַז איך בין שוין אַ דערוואַקסענער מענטש, אַריבער דעם אַכצניאָריקן עלטער און בין שוין רייף צו גיין מיט מיין אייגענעם וועג. איך בין שוין מסוגל אַליין צו באַשטימען וועגן מיין אייגענעם גורל זעלבסטשטענדיק.

איך האָב אים געזאָגט, אַז ביידע זיינען מיר ביי דער זעלבער מיינונג, אַז קיין רב וועל איך ניט זיין און איך האָב ניט קיין אַספּי־ראַציעס צו זיין אַ כלי־קודש. איך האָב אים געגעבן צו פאַרשטיין, אַז ס׳איז שוין די העכסטע צייט פאַר מיר, אַז איך זאָל זיך ערנסט פאַרטראַכטן וועגן מיין צוקונפט און זיך נעמען צו פּראַקטישע ענינים און אויב איך וועל דאָס איצט ניט טאָן, קען דאָס שוין זיין צו שפּעט. ווייל אַנדערש וועל איך פאַרבלייבן אַ פּאַראַזיט אויפן גאַנצן לעבן און אַזאַ וויל איך ניט זיין...

מיין פאָטער האָט ניט געקאָנט משלים זיין מיט מיינע אויס־פירונגען און האָט זיך געהאַלטן ביי זיין פריערדיקער מיינונג, אַז איך דאַרף פאַרזעצן מיינע לימודים אין דער ישיבה, אָבער זעענדיק מיין פעסטע איבערצייגונג, אַז איך בין שטאַרק אַנטשלאָסן צו איבעררייסן מיט דער ישיבה, איז ער איינגעגאַנגען אויף איין און איינציקע פשרה, אַז מען זאָל דינגען פאַר מיר אַ בוידעם־צימער און דאָרטן קאָן איך טאָן וואָס איך וויל, אָבער מיטן תנאי, אַז אין שטוב זאָל איך דאָס ניט טאָן...

דעם אמת געזאָגט, בין איך געווען צופרידן מיט אַזאַ לייזונג פון מיין פּראָבלעם. צו יענער צייט איז אין מיין אינערלעכער וועלט פאָרגעקומען אַ גרויסע ענדערונג. עס האָט מיך געצויגן אין אַן אַנדער וועלט, אין אַ העכערער, ווי די, אין וועלכער איך בין געווען איינגעמויערט ביז איצט.

אַלץ אַרום מיין סביבה, איז געווען אַלטמאָדיש, רעליגיעז, דאָס אַלטעגלעכע לעבן איז געווען פאַרגליווערט אין אָפּגעלעבטע פאָר־מען. מיין גאַנצע סביבה איז געווען פאַנאַטיש און פרעמד פון יעדן פאָרשריט. אָבער דאָס וואָס ס׳האָט אין מיר געברויזט, איז געווען אַ פּועל־יוצא פון דער ניט צופרידנקייט פון אַלטן לעבנס־געבוי. איז געוויס ניט קיין וואונדער, וואָס דער גייסט פון דער נייער צייט האָט מיך געטראָגן, געריסן, געהויבן אין אַנדערע, העכערע ספערן. טיף אין מיין נשמה האָב איך געשפּירט, אַז ערגעצוווּ שפּראָצט אַ נייער אַרט־לעבן, אַן אַנדער וועלט און עס האָט אין מיר געברויזט, גע־קאָכט און רעוואָלוציאָניזירט צו ענדערן דעם אופן פון מיין לעבן.

אין דער דאָזיקער צייט האָב איך זיך גענומען זייער אינטענסיוו צו צוגרייטן אַלס עקסטערנער אין די אַלגעמיינע גימנאַזיע־לימודים לויטן אָפיציעלן לערן־פּראָגראַם פון דער גימנאַזיע. אַלע לימודים זיינען מיר געגאַנגען זייער לייכט, חוץ שפּראַכן. איך האָב געלערנט פיל ווערטער אויף אויסנווייניק, היות ווי מיין זכרון איז געווען ניט קיין שלעכטער. אין משך פון אַ גאַר קורצער צייט, האָב איך מצליח געווען צו אויסלערנען אַ סך ווערטער.

נאָך 8 חדשים אינטענסיוון לערנען אין משך פון פיל שעהן אין דער וואָך, האָב איך זיך געפילט שוין גענוג צוגעגרייט אָפּצוגעבן דעם עקזאַמען פאַר 6 קלאַסן אין „אַאושראַס גימנאַזיע". אַלע לימודים האָב איך אָפּגעגעבן אויף „זייער גוט" און בין בלויז דורכגעפאַלן אויף לאַטיין. און דאָס צוליב דעם, וואָס ניט וואָס איך האָב ניט געקענט די לאַטיינישע שפּראַך, אויף אַזויפיל, אויף וויפל דאָס האָט געפאָדערט דער לערן־פּראָגראַם, נאָר צוליב דעם פאָלגנדיקן אינצידענט:

דער עקזאַמינאַטאָר פון לאַטיין איז געווען דוריס־דוריצקיס. די שריפטלעכע אַרבעט אויף דעם עקזאַמען איז אונדז געגעבן געוואָרן צו איבערזעצן ליטווישע זאַצן אויף לאַטיין און פאַרקערט: לאַטיינישע זאַצן אויף ליטוויש. די באַדייטונג פון אייניקע ווערטער אין לאַטיין, האָט מען געקאָנט פרעגן ביי דעם עקזאַמינאַטאָר, אָבער דערפאַר האָט די עקזאַמען־קאָמיסיע אַראָפּגענידערט דעם ציין.

אויבן אויפן עקזאַמען־בויגן האָט מען געדאַרפט אויפשרייבן דעם נאָמען און פאַמיליע פון דעם תלמיד. איך האָב אָנגעשריבן מיין נאָמען — נחמיה — און די פאַמיליע ענדלינאַס. פּונקט צופעליק איז דאָן פאַרבייגעגאַנגען לעבן מיין שולבאַנק דער עקזאַמינאַטאָר און האָט איבערגעלייענט מיין נאָמען און פאַמיליע. ער האָט באַלד געמאַכט אַ באַמערקונג, אַז נחמיה — איז ניט קיין ליטווישער נאָמען... איך האָב אים געזאָגט, פאַרשטייט זיך, אַז איך בין טאַקע ניט קיין ליטווין, נאָר אַ ייד און דעריבער איז מיין נאָמען אַ יידישער...

דער עקזאַמינאַטאָר האָט ווידער אונטערגעשטראָכן, אַז דער

סופיקס פון מיין נאָמען (דער סיומת) איז פון לשון נקבה... און דעריבער לייגט ער מיר פאָר, אַז איך זאָל ענדערן דעם סופיקס פון מיין נאָמען. איך האָב אָנגעשריבן אַנשטאָט נחמיה — נחמיוס, האָט ער זיך שטאַרק פאַנאַנדערגעלאַכט: — „נחמיוס" — זאָגט ער, איז בכלל אַ גריכישער וואָרט. איך האָב באַלד אויף דעם רעאַגירט, און געזאָגט, אַז ווי עס ווייזט אויס, איז ניט אַזוי וויכטיק פון וואָס פאַר אַן ענדונג איז מיין נאָמען, נאָר וויכטיק איז אַז עס זאָל „פאַרשווינדן" דאָס יידישע אָפּשטאַם פון דעם נאָמען...

דער עקזאַמינאַטאָר איז געוואָרן שטאַרק אויפגעבראַכט פאַר מיין דאָזיקער „חוצפה", ער איז שטאַרק געווען אין כעס פאַר מיינע שטאָלצע ענטפערס, אָבער ער האָט זיך פון מיר ניט אָפּגעטשעפּעט. אין צווישנצייט האָט איינער אַ תלמיד ביי אים געפרעגט, ווי אַזוי מען שרייבט אויף לאַטיין דאָס וואָרט „זיך זאָרגן", אָבער אַנשטאָט צו ענטפערן דעם תלמיד, האָט ער אַ געשריי געטאָן: — „ענדלי־נאָס! ווי וועט זיין דאָס וואָרט „זיך זאָרגן" אויף לאַטיין? — „ענטפער דעם תלמיד אויף זיין פראַגע".

איך האָב זיך אויפגערעגט און אים געזאָגט, אַז איצט איז דאָך ניט קיין מונדלעכער עקזאַמען, נאָר אַ שריפטלעכער און איבע־ריקנס חזרט זיך איבער דאָס דאָזיקע וואָרט עטלעכע מאָל אויך אין מיין שריפטלעכער אַרבעט, וועט ער זיך איבערצייגן, צי איך ווייס די באַדייטונג פון דאָזיקן וואָרט, אָדער ניט... ער האָט באַלד שאַרף רעאַגירט און אַ זאָג געטאָן: — דאַרף איך פון דעם פאַרשטיין, אַז דו ווייסט ניט?... דאַן האָב איך געענטפערט: „קורא, קוראווי, קוראטום, קורארע". ער האָט מיר באַלד געהייסן זיך אָוועקזעצן...

ניט געקוקט אויף דעם, וואָס איך האָב מיין אַרבעט אָפּגעגעבן אָן פעלערן, האָט ער מיר געשטעלט נאָר אַ „3". אויף אַלע אַנדערע עקזאַמענס האָב איך געקראָגן פיל בעסערע צייכנס: „4" און „5". מערער „פינפן" ווי „פירן". (דער צייכן „5" איז געווען דער העכסטער).

אויף דעם מינדלעכן עקזאַמען, האָבן מיר געדאַרפט לעזן אויסצוגן פון יוליוס צעזאַר „דע בעלא גאַליקאַ", פון אָווידיוס

„מעטאַרמאָרפאָזאַ“ און ווערגיליוס „קאַרמען סעקונדום“. דער עקזאַמינאַטאָר פון לאַטיין האָט מיר אָבער געגעבן צו איבערזעצן אויסצוגן פון האָראַציוס. איך בין צו דעם פאַרשטייט זיך ניט געווען צוגעגרייט, ווייל די דאָזיקע אויסצוגן זיינען ניט געווען אין לערן־פּראָגראַם. אַזוי טאַקע האָב איך אים געזאָגט, אַז ער פאָדערט פון מיר איבערזעצן זאַצן, וואָס איז ניט פאָרויסגעזען אין פּראָג־ראַם...

דאַן האָט ער אַרויסגערופן אַ יינגל פון זעקסטן קלאַס און האָט אים געהייסן איבערזעצן די זאַצן, וואָס ער האָט מיר געגעבן און יענער תלמיד האָט דאָס איבערזעצט אָן קיין שום שוועריקייטן, ווי אַ מזמור...

ווייזט זיך אַרויס, אַז זיי האָבן שוין פאַרענדיקט דעם פּראָגראַם פאַרן סוף פון דעם לערניאָר און זייער לערער האָט מיט זיי גע־לערנט אויך אַ טייל פון האָראַציוסעס „העקזאַמעטערס“. זעלבסט־פאַרשטענדלעך, אַז דער עקזאַמינאַטאָר האָט מיר געשטרויכלט דעם מינדלעכן עקזאַמען אויף לאַטיין און האָט מיר געשטעלט דעם צייכן „2“... איך האָב אָבער מיין מוט ניט פאַרלוירן און האָב באַשלאָסן זיך צוצוגרייטן ווייטער און לערנען דעם גאַנצן פּראָג־ראַם פאַר אַ מיטלשול, כדי אָפּצוגעבן עקסטערן דעם עקזאַמען, אָבער דאָס שוין מיט דער הילף פון אַ לערער.

מיין לערער איז געווען דער סטודענט פון יורידישן פאַקול־טעט פון קאָוונער אוניווערסיטעט דוד מאַרקאָווסקי. איך האָב ביי אים געלערנט ווייטערע 6 מאָנאַטן און האָב זיך גוט צוגעגרייט צו אָפּגעבן אַלע עקזאַמענס אויף דער סעסיע פון בילדונגס־מיניס־טעריום. דאָרט איז געווען זייער שווער אויסצוהאַלטן אַלע עקזאַ־מענס, אָבער איך האָב זיך געפילט זיכער אין אַלע מיינע לימודים און געהאָפט, אַז איך וועל אויף די עקזאַמענס ניט דורכפאַלן.

אָבער ווי איך האָב זיך שוין שפּעטער איבערצייגט, זיינען אויך ביי די דאָזיקע עקזאַמענס פאָרגעקומען אַנטיסעמיטישע דערשיי־נונגען. די לערער זיינען געווען שונאי־ישראל און דער עקזאַמי־נאַטאָר פון היסטאָריע, פּראָפעסאָר קיירוקשטיס, האָט נאָך דעם ווי איך האָב געענטפערט אויף אַלע פראַגן פון עקזאַמען־בילעט, האָט

פּלוצעם מיך אָנגעהויבן פרעגן פראַגן פון דער יידישער געשיכטע און דאָס מיט אַ בייסיקן טאָן...

ער האָט מיך אָפּגעהאַלטן אויף דעם עקזאַמען איבער אַ שעה און צום סוף האָט ער מיר געשטעלט דעם צייכן „5״ אויף דעם לימוד היסטאָריע. דער סעקרעטאַר פון דער עקזאַמען־קאָמיסיע, האָט מיר ניט אַרויסגעגעבן דעם מאַטורע־אַטעסטאַט צוליב דעם, וואָס איך האָב ניט געקאָנט צושטעלן מיין געבורטס־מעטריקע, כאָטש איך האָב געהאַט אַ ליטווישן פּאַס. מיין געבורטס־דאָקומענט האָב איך געדאַרפט קריגן פון דניעפּראָפּעטראָווסק, אָבער דאָס וואָלט פונקט געווען אין קעגנזאַץ צו דעם וואָס איז געווען אַריינגעשריבן אין מיין פּאַס.

אין מיין ליטווישן פּאַס איז מיין געבורטס־אָרט אָנגעגעבן געוואָרן כווידאַן (אין ליטוויש קווערדאַרנא). צוליב דער דאָזיקער סיבה האָב איך ניט געקאָנט אַרויסבאַקומען דעם מאַטורע־אַטעסטאַט און אָן דעם אַטעסטאַט האָב איך ניט געקאָנט פאָרזעצן מיין שטודיום אין אַ הויכשול. אָבער ניט קוקנדיק אויף דעם, האָב איך ווייטער פאָרגעזעצט זעלבסטשטענדיק צו לערנען די לערע פון עקאָנאָמישע וויסנשאַפטן, ווייל נאָך אַלס ישיבה־בחור האָב איך זיך אינטערעסירט מיט מאַרקסיטישער עקאָנאָמיק.

אין משך פון דער צייט וואָס איך האָב געלערנט אין קאָוונע (בערך 6 מאָנאַטן), האָב איך געלעבט אין סלאָבאָדקע אויף קוואַרטיר און ניט איבערגעריסן מיינע פריינדשאַפט פאַרבינדונגען מיט מיינע חברים פון דער ישיבה. אין דער דאָזיקער צייט, האָב איך אויך צופעליק געטראָפן מאַשע יאַווישיץ פון טעלז (שפּעטער מיין פרוי), וואָס האָט געלערנט אין קאָוונער אוניווערסיטעט אויפן פאַרמאַצעווטישן פאַקולטעט. צווישן אונדז ביידן האָט זיך פאַרבונדן אַן אינטים־חברישע פריינדשאַפט. איך פלעג אָפט קומען אין איר געזעלשאַפט און זי אין מיינער.

ווען איך האָב זיך איבערצייגט, אַז איך וועל ביי דעם סעקרעטאַר פון דער עקזאַמען־קאָמיסיע קאַסאַקייטיסן גאָרניט אויספירן און אַז ער וועט מיר דעם אַטעסטאַט ניט אַרויסגעבן, האָב איך אים געבעטן, אַז ער זאָל מיר אַרויסגעבן אַזאַ צייגעניש אַז

איך האָב אָפּגעגעבן די עקזאַמענס פון בילדונגס־מיניסטעריום און אַז איך האָב די עקזאַמענס אויסגעהאַלטן. נאָך לאַנגע דיסקוסיעס, האָב איך פון אים געקראָגן אַזאַ צייגעניש און בין אַוועקגעפאָרן אַהיים.

איך בין דאָן אָנגעקומען צו אַרבעטן אין דער מעמלער צעַ־לולאָזע־פאַבריק אַלס לערניונג און האָב באַקומען פאַר מיין אַרבעט אין משך פון דער לערנצייט 50 ליט אַ מאָנאַט. דירה־געלט פאַר מיין צימער האָב איך באַצאָלט 25 ליט אַ מאָנאַט, אַזוי אַז איך האָב געמוזט אויסקומען אויף די לעבנס־הוצאות בלויז מיט 25 ליט אַ מאָנאַט און דאָס איז פאַרשטייט זיך געווען זייער ווייניק. מיין מוטער האָט נאַטירלעך געוווּסט פון מיין שווערער לאַגע און האָט אין דער שטיל מיר אונטערגעשטיצט מיט פּראָדוקטן און קליידונג. ווען איך האָב פאַרענדיקט מיין לערע פון עקאָנאָמיע, האָב איך שוין געקראָגן אַ הויכן געהאַלט פון 500 ליט אַ מאָנאַט.

אַזוי ווי מעמעל איז געווען די איינציקע אינדוסטריעלע שטאָט אין ליטע, האָט זיך דאָרטן אויך קאָנצענטרירט אַ גרויסע אַרבעטער־מאַסע און דעריבער האָט זיך דאָרט אויך אַנטוויקלט אַ שטאַרקע טעטיקייט פון דער קאָמוניסטישער פאַרטיי. אמת, אַ גרויסער טייל פון דעם דאָזיקן פּראָלעטאַריאַט איז געווען אידעאָלאָגיש גענויגט מער צום טראָצקיזם. די טראָצקיסטן האָבן דאָרט אַנטוויקלט אַ גרויסע טעטיקייט, זיי האָבן אויך געהאַט אַ גוט־אָרגאַניזירטן פּראָ־פּאַגאַנדע־אַפּאַראַט און זיי האָבן אין מעמעל געשלאָגן טיפע וואָרצלען. ניט ווייניק שאַרפע דיסקוסיעס זיינען פאָרגעקומען צווישן די טראָצקיסטן און סטאַליניסטן. מיין בוידעם־צימער איז אין יענער צייט אויסגענוצט געוואָרן פון די קאָמוניסטן־סטאַליניסטן אַלס אַ פאַרטיילונגס־פּונקט פון אומלעגאַלע פּראָקלאַמאַציעס און פון דער אומלעגאַלער ליטעראַטור. פון מיין בוידעם־צימער האָט מען די דאָזיקע אומלעגאַלע ליטעראַטור פאַרשפּרייט אויף קרעטינגען, גאַרגזשדאַי און אין דעם גאַנצן מעמעלער געביט.

די אומלעגאַלע ליטעראַטור און פּראָקלאַמאַציעס האָט מען אויך פאַרשפּרייט צווישן די מיליטער־לייט אין די קאַזאַרמעס. פאַר זיי זענען געדרוקט געוואָרן ספּעציעלע אויסגאַבעס. עס איז אויך

פאַרשפּרייט געוואָרן ליטעראַטור אין „בית־החלוץ” וואָס האָט זיך געפונען אין מעמעל. דאָרטן זיינען געווען איניקע קאָמוניסטיש־געשטימטע חלוצים. איינער פון זיי אַ מאַלאַטער בחור, פלעגט קומען צו מיר אָפּנעמען דאָס פּעקל אומלעגאַלע ליטעראַטור פאַר זיי.

די ליטעראַטור וואָס איז געווען באַשטימט פאַר קרעטינגען און גאַרגזשדאַי פלעגט קומען אָפּנעמען ניט קיין אַנדערער ווי דעם קרעטינגער רב׳ס זון — בערע־מוישקע פּערסקי. מען האָט אים איינמאָל געכאַפּט באַהאַלטנדיק די אומלעגאַלע „סחורה” אין אָרון־קודש פון בית־המדרש... פאַרן דאָזיקן „חטא”, האָט ער באַקומען 8 יאָר תפיסה. אויפן געריכט האָט ער זיך געהאַלטן באַ־זונדערס העזה׳דיק און שטאָלץ.

פאַר דער שטאָט מעמעל און מעמלער קרייז, פלעגט אָפּנעמען די „סחורה” חיים גאָלדפוס — אַ שילאַלער בחור, וואָס האָט געאַרבעט אין מעמעל. שפּעטער איז ער אַריבער אין לאַגער פון די טראָצקיסטן.

איך בין נאָך דאַן קיין אָפיציעלער פּאַרטיי־מיטגליד ניט געווען, נאָר היות ווי די קאָמוניסטן האָבן מיך געקאָנט נאָך פון דער צייט, ווען איך האָב געלערנט אין דער ישיבה און זיי האָבן געוווסט וועגן מיינע מאַרקסיסטישע אָנשויאונגען, האָט מען מיר אָנפאַרטרויט די פאַראַנטוואָרטלעכע טעטיקייט. חוץ דעם האָט מיין טעטיקייט ניט געקאָנט איינפאַלן, אַז איך, אַ זון פון אַ רייכן פאָטער, וואָס האָט זיינע אַלע יוגנט־יאָרן געלערנט אין ישיבות, זאָל גאָר זיין קאָמו־ניסטיש געשטימט...

אין דער צייט האָב איך באַקומען אַ ידיעה פון קאָוונע, אַז מאַשע יאָווישיץ איז קראַנק געוואָרן אויף טובערקולאָז און אַז זי געפינט זיך אין יידישן קראַנקן־הויז. איך בין באַלד אַוועקגעפאָרן קיין קאָוונע, כדי איר צו העלפן מיט וואָס ס׳וועט נאָר זיין מעגלעך. ווי עס האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן נאָך פאַרשיידענע אונ־טערזוכונגען, איז דאָס געווען אַ לונגען־טובערקולאָז מיט אַ פּלעוו־ריט. פון קראַנקן־הויז איז זי אַוועקגעפאָרן אויף קוראַציע אין אַ פאַנעמונער סאַנאַטאָריע פון לונגען־קראַנקהייטן און נאָך אַן

אינטענסיווער קוראַציע איז זי געקומען אויף אַ נאָכקוראַציע אין פּאַלאַנגען. אַהין פלעג איך קומען איר באַזוכן צוזאַמען מיט מיינע חברים.

צוליב איר קראַנקהייט, איז זי געווען געצוווּנגען צו איבער־רייסן צייטווייליק איר שטודיום אויפן קאָוונער אוניווערסיטעט. נאָך אַ קורצן אויפהאַלט אין פּאַלאַנגען, האָט זי זיך צוריקגעקערט אַהיים אין טעלז. איך פלעג אָפט פאָרן איר באַזוכן אין טעלז און מיר האָבן ערנסט געטראַכט צו פאַרבינדן אונדזער צוקונפט אַלס מאַן און פרוי. אין צוזאַמענהאַנג מיט די צוגרייטונגען צו אונדזער געמיינזאַמען לעבן, איז זי אַריבערגעפאָרן קיין מעמעל און זי האָט זיך דאָרט פאַרנומען מיט אָפּגעבן פּריוואַטע לעקציעס פאַר מיינע חברים אין ליטוויש און ענגליש.

איך האָב געגעבן צו וויסן מיינע עלטערן, אַז איך האָב בדעה צו פאַרבינדן מיין גורל מיט מאַשע יאַוושיץ, וואָס וועט זיין מיין לעבנס־באַגלייטערין. די עלטערן האָבן געגעבן זייער הסכמה און איגגיכן זיינען מיר געוואָרן חתן־כלה. אין דער צייט האָט מאַשע באַנייט איר שטודיום אויפן קאָוונער אוניווערסיטעט, אַ דאַנק דער מאַטעריעלער אונטערשטיצונג פון מיין פאָטער און זי האָט פאַר־ענדיקט איר שטודיום אַלס געהילפס־פּראָוויזאָר. אין דעצעמבער 1933 האָבן מיר חתונה געהאַט.

אין דעם דאָזיקן יאָר איז היטלער געקומען צו דער מאַכט און אין מעמעל און אין מעמעלער געביט, האָט דאָס קומען פון דער מאַכט פון די נאַציס באַקומען אַ גרויסן אָפּקלאַנג צווישן דער דייטשער באַפעלקערונג, וועלכע איז געווען דאָרט די מערהייט אין מעמעל גופא און אין דער פּראָווינץ. צוערשט זיינען דאָס בלויז געווען אויסדרוקן פון סימפּאַטיע צום נאַציזם, אָבער מיט דער צייט האָט זיך די דאָזיקע „סימפּאַטיע" פאַרוואַנדלט אין אַן אָרגאַני־זירטער נאַצישער באַוועגונג...

אייניקע חדשים נאָך אונדזער חתונה, איז מיין פרוי מאַשע ווידער קראַנק געוואָרן אויף אַ לונגען־טובערקולאָז און איך פער־זענלער, האָב אויך אָנגעהויבן צו ליידן אויף האַרץ־קראַנקהייט. ביידע האָבן מיר באַשלאָסן צו פאָרן קיין ווין און דאָרטן אַדורכ־

גיין די געהעריקע אונטערזוכונגען ביי ספעציאַליסטן. מיט דער הילף און אונטערשטיצונג פון מיין פאָטער, איז די דאָזיקע נסיעה צושטאַנדגעקומען.

אין ווין האָט דער באַרימטער פּראָפעסאָר ווילהעלם נוימאַן אונטערזוכט מיין פרוי און האָט געשטעלט דעם דיאַגנאָז, אַז זי איז געפערלעך קראַנק און ס'איז אומבאַדינגט נויטיק און צוועק־מעסיק צו איבערלאָזן איר אויף אַ לענגערע קוראַציע אין אַ ספּעציעלער סאַנאַטאָריום, ווו זי וועט זיך געפינען אונטערן אויפזיכט פון גוטע ספעציאַליסטן. מיין קראַנקהייט דאַקעגן, איז ניט קוואַליפיצירט געוואָרן אַלס געפערלעכע און דער דאָצענט ד״ר שערף, וואָס האָט מיך אונטערזוכט, האָט געזאָגט, אַז איך קען זיך צוריקקערן אַהיים צו דער אַרבעט.

אין ווין בין איך אָפּגעווען אַ חודש צייט צוזאַמען מיט מיין פרוי און איך האָב זיך אומגעקערט אַהיים. דעם פּראָפעסאָר נוימאַן איז געלונגען נאָך גרויסע אָנשטרענגונגען און אינטענסיווער באַהאַנדלונג צו אויסהיילן מיין פרוי פון איר לונגען־קראַנקהייט און זי איז צוריקגעקומען אַ היים פאַלקאָם געזונט. עס איז אָבער ניט אַדורך קיין לענגערע צייט און זי איז ווידער קראַנק געוואָרן און איצט שוין אויף נירן־טובערקולאָז. מ'האָט געדאַרפט באַלד אָננעמען גיכע מעדיצינישע שריט, כדי איר אויסצוהיילן פון דער קראַנקהייט, אָבער היות ווי ווין איז שוין דאַן געווען אָקופּירט פון די נאַציס, האָב איך איר געפירט קיין ריגע צו פּראָפעסאָר מינץ, וועלכער איז געווען באַקאַנט אַלס גרויסער ספעציאַליסט. נאָך אַ גרינטלעכער באַהאַנדלונג האָט מען איר אָפּערירט און אַרויסגעשניטן איין ניר.

## ערב אַ גורלדיקער תקופה

אין דער זעלבער צייט, וואָס מיין פרוי האָט זיך געפונען אין ריגע אין שפּיטאָל, זיינען פאָרגעקומען זייער וויכטיקע פּאָליטישע געשעענישן אין ליטע. היטלער האָט געגעבן אַן אולטימאַטום דער ליטווישער רעגירונג אַז אין משך פון 48 שעה מוז זי פאַרלאָזן

מעמעל און דעם מעמלער געביט. ס׳זיינען טאָקע אַדורך 2 טעג נאָכן אולטימאַטום און היטלער האָט שוין גערעדט פון דעם באַל־קאָן פון דער מעמלער טעאַטער־געביידע.

שוין אַ צייט פאַרן אולטימאַטום, האָבן די מעמלער דייטשן און באַזונדערס די דייטשע יוגנט זיך אויסגעפוצט אין זייערע ברוינע אוניפאָרמען פון ס. א. און האָבן יעדן אָוונט דעמאָנסטרירט איבער די מעמלער גאַסן מיט פאַקעלן אין זייערע הענט, לויטן מוסטער פון די נאַציס אין דייטשלאַנד. היות ווי מעמלער געביט האָט אויך פריער געהאַט אַן אויטאָנאָמע רעגירונג וואָס האָט זיך געפונען אונטערן פּראָטעקטאָראַט פון דער ליטווישער גובערנאַטור, האָבן זיי פּאַקטיש אין יענע טעג נאָכן אולטימאַטום, איבערגענומען די מאַכט אין זייערע הענט. דאָס ליטווישע גובערנאַטור און דער מיליטערישער ליטווישער גאַרניזאָן, וואָס האָט סטאַציאָנירט אין מעמעל, זיינען בלויז געווען שטומע עדות פון דער דייטשער אנעקסיע פון מעמעל און מעמלער געביט. די זשאַנדאַרמעריע און די געריכטן זיינען געווען דייטשע, האָבן זיי באַלד אַדורכגעפירט מאַסן־אַרעסטן פון זייערע כלומרשטע קעגנערס און מ׳האָט זיי גלייך פאַרמשפט צו יאָרן־לאַנגע תפיסה.

די אַלע בירגער וואָס האָבן זיך געדאַרפט עוואַקואירן פון מעמעל און פון מעמלער געביט אין משך פון די 48 שעה פון דעם אולטימאַטום, האָבן געדאַרפט אין משך פון דער דאָזיקער קורצער צייט ליקווידירן זייערע געשעפטן, הייזער און אַנדערן אייגנטום. ווען ס׳איז געלונגען צו פאַרקויפן דעם רכוש אין דער דאָזיקער קורצער צייט, האָט נאָך געהאַט אַ וועלכע ס׳איז מאַטעריעלע קאָמפּענסאַציע. אָבער אַ גרויסן טייל איז דאָס ניט געלונגען און זיי האָבן פאַרלוירן זייער גאַנצן האָב און גוטס, וואָס איז אָנגעזאַמלט געוואָרן אין משך פון לאַנגע יאָרן.

אונדזער משפחה האָט זיך עוואַקואירט פון מעמעל גלייך נאָכן נאַצישן אולטימאַטום און מיר זיינען אַריבערגעפאָרן וווינען אין קאָוונע. איך האָב געבראַכט מיין פרוי פון ריגער קראַנקען־הויז שוין אין קאָוונע. ווי פיל אַנדערע יידן, האָט אויך אונדזער משפחה

געליטן גרויסע מאַטעריעלע פאַרלוסטן, בעת מיר האָבן זיך גע־דאַרפט שנעל עוואַקואירן פון מעמעל.

אין קאָוונע איז ניט געווען אַזוי לייכט זיך צו איינאָרדענען אויף אַרבעט, היות ווי די שטאָט איז פאַרפלייצט געוואָרן פון אַ גרויסן שטראָם פון יידן עוואַקואירטע פון מעמעל און מעמלער גע־ביט. אַלע האָבן געזוכט אַרבעט, וווינונגען און דאָס איז גאָרניט געווען אַזוי לייכט צו באַקומען אין אַזאַ פאַרהעלטניסמעסיק ניט גרויסע שטאָט ווי קאָוונע.

איך, פערזענלעך, האָב ניט געקאָנט קריגן קיין אַרבעט אין משך פון 8 מאָנאַטן. ערשט אין נאָוועמבער 1939, ווען ווילנע איז איבערגעגעבן געוואָרן דורכן ראַטנפאַרבאַנד צו ליטע, האָב איך צוזאַמען מיט יהודה שטאַרק (אויך אַ געקומענער פון מעמעל קיין קאָוונע), געעפנט אין ווילנע אַ געשעפט פון ציגאַרעטן און טאַבאַק אויף רודניצקער גאַס נומער 3. און דאָס איז פאַרגעקומען אַזוי:

ווען ווילנע האָט נאָך געהערט צו פוילן, איז דאָרט דער טאַבאַק און ציגאַרעטן־האַנדל געווען מאָנאָפּאָליזירט. ווען ווילנע איז אָבער איבערגעגעבן געוואָרן צו ליטע, זיינען די ליטווישע טאַבאַק־פאַבריקאַנטן געווען פאַראינטערעסירט צו אויסברייטערן דעם האַנדל פון טאַבאַק און ציגאַרעטן און זיי האָבן געזוכט צו געווינען פאַר זיך דעם נייעם מאַרק.

זעענדיק אין אונדזביידן יונגע, ענערגישע סוחרים (דערביי איז כדאי צו באַמערקן, אַז מיין שותף איז געווען אַ שוואָגער פון איינעם פון די טאַבאַק־פאַבריקאַנטן), האָט מען אונדז אָנגעטרויט דעם דאָזיקן האַנדל פון טאַבאַק און ציגאַרעטן און מ'האָט אונדז דערטיילט גרויסע קרעדיטן. די קאָנקורענץ אין דעם האַנדל איז געווען זייער גרויס אָבער מיר האָבן זיך אַן עצה געגעבן און אויסגעהאַלטן די דאָזיקע קאָנקורענץ און ניט שלעכט פאַרדינט.

דאָס האָט אָבער געדויערט ניט לאַנג, קוים 7 חדשים.

אין יוני 1940 האָט די רויטע אַרמיי פאַרנומען ליטע און די סאָוויעטישע מאַכט האָט אונדזער געשעפט נאַציאָנאַליזירט. מיר זיינען געווען געצוווּנגען צו פאַרלאָזן ווילנע און האָבן זיך צוריק־

געקערט קיין קאָוונע. ווידער איז מיר אויסגעקומען צו זוכן אַרבעט, אָבער איצט שוין ביי דער סאָוויעטן־מאַכט. צום סוף האָב איך דורך פאַרשיידענע רעקאָמענדאַציעס און אַלטע באַקאַנטשאַפט פון פאַרטיי־מיטגלידער, באַקומען אַרבעט אַלס הויפּט־בוכהאַלטער אין דער שוך־פאַבריק „אָריענט". אויפן דאָזיקן פּאָסטן האָב איך געאַרבעט אין „אָריענט" ביזן אויסברוך פון דער דייטש־סאָוויע־טישער מלחמה.

# אין די יאָרן פֿון מלחמה־שטורעם
# (1941-1944)

## אַזוי האָט זיך עס אָנגעהויבן

די נאַכט פון 21־טן אויפן 22־טן יוני 1941, בין איך געווען דער דיזשורירנדיקער אויף דער שוך־פאַבריק „אָריענט״, ווו איך האָב געאַרבעט אַלס הויפט־בוכהאַלטער. דאָס איז געווען די נאַכט פון שבת אויף זונטיק, און אין דער דאָזיקער נאַכט איז דאָס געשען...

די דייטשן האָבן אָנגעגריפן דעם ראַטנפאַרבאַנד אויף אַלע גרענעצן. איך, און מסתמא אויך פיל אַנדערע ווי איך נאַיווע מענטשן, האָבן זיך נישט נאָר ניט דערשראָקן פון דעם פלוצעמ־דיקן דייטשן אָנגריף, נאָר פאַרקערט: עס איז מיר באַפאַלן דווקא עפּעס אַ מאָדנע שמחה, אַז אָט איצט וועלן די נאַציס גאָר גיך „ברעכן דעם קאָפּ״ פון דעם רוסישן קאָלאָס.

אין דער פרי, ווען עס האָט זיך געענדיקט מיין דיזשור, האָב איך געפּונען פּאַר נויטיק צו פאַרבינדן זיך טעלעפאָניש מיטן דיזשורירנדיקן באַאַמטן פון שטאָטישן פּאַרטיי־קאָמיטעט און אים באַ־גריסן מיט דעם באַפאַרשטייענדיקן זיג איבערן נאַציזם. צו מיין גרוי־סער שטוינונג אָבער, האָט זיך קיינער פון פּאַרטיי־קאָמיטעט ניט אָפּגערופן. פּלוצלינג האָט זיך צעקלונגען דער טעלעפאָן פון מיין אַרבעטס־פּלאַץ און מיין פרוי האָט מיך אויפגעוועקט פון מיינע געדאַנקען: „וואָס זיצסטו דאָרטן גרויסער טיפּש? די רויטע אַרמיי ציט זיך אָפּ פון אַלע פראָנטן און אויך פון קאָוונע. דיין דיזשור האָט זיך שוין געענדיקט און עס איז שוין די העכסטע צייט אויך פאַר אונדז צו לויפן. אַלע שכנים אַרום אונדז זיינען שוין אַוועק״...

איך האָב איר באַלד אויף דעם געענטפערט, אַז איך קען די פאַבריק ניט פאַרלאָזן, אַזוי לאַנג ווי מען וועט מיך ניט קומען פאַרבייטן און אַז די מלחמה וועט, לויט מיין מיינונג, לאַנג ניט דויערן. מען וועט זיי, די דייטשן, אין אייניקע טעג צעשמעטערן.

איך בין געווען פול מיט בטחון, אַז דער אָפּטריט פון דער רויטער אַרמיי, טראָגט, וואַרשיינלעך, בלויז אַ סטראַטעגישן כאַראַקטער.

אַט אַזוי האָבן זיך געצויגן די טעלעפאָנישע געשפּרעכן מיט מיין פרוי איייניקע שעה, ביז זי האָט מיך איבערצייגט ,אַז עס איז שוין ווירקלעך די העכסטע צייט אויך פאַר אונדז צו אַנטלויפן פון קאָוונע.

אין קאָוונע האָבן מיר געלעבט אין אַ צימער ביי סידזיקאָוס־קאָס, דזוקו גאַס 7. ביי דעם ברודער פון געוועזענעם אויסערן־מיניסטער פון דער ליטווישער רעגירונג, ווען זי איז נאָך געווען זעלבשטענדיק *. אויך ער, סידזיקאָוסקאָס, האָט מיר געגעבן צו פאַרשטיין, אַז מיין וויטערדיקער פאַרבלייבן אין קאָוונע איז ממש אַ לעבנסגעפאַר און אַז מיר מוזן וואָס שנעלער אַנטלויפן.

איבערלאָזנדיק אונדזער גאַנצן האָב און גוטס און מיטנע־מענדיק נאָר בלויז דאָס סאַמע נויטיקסטע אין וועג, זיינען מיר אַוועק צו מיין פרויס שוועסטער אויף קאַלנו גאַס, כדי מיט איר צוזאַמען פאַרלאָזן קאָוונע. מיין שוואָגערס פאַמיליע האָט געלעבט אין אַ דירה בשכנות מיטן „העלד פון ראַטנפאַרבאַנד" אוואַציע־פּאָל־קאָווניק סוכאָוו. שוין גלייך אין אָנפאַנג פון דייטשן אָנגריף, איז דער פּאָלקאָווניק פאַרשוווּנדן געוואָרן, איבערלאָזנדיק ביי מיין שוואָגער אויף דעם הויף זיין לייכטע מאַשין מיט אַ גאַנצע פאַס בענזין אין זיין גאַראַזש. פאַר אונדז איז דאָס געווען אַ ווערטפולע מתנה פאַרשטייט זיך. מיר האָבן מיט אָט דער מאַשין געקענט אָמשנעלסטן אַוועק פון קאָוונע אין דער נויטיקער ריכטונג. מיר האָבן אויף דער מאַשין אָנגעלאָדן אַלע נויטיקע זאַכן אין וועג אַריין און זיך געלאָזן צום ווילקאָמירער שאָסיי, דורך וועלכן אויך די רויטע אַרמיי איז אָפּגעטראָטן פון קאָוונע. דערביי מוז איך באַמערקן, אַז דער אָפּטריט פון קאָוונער מיליטערישן גאַרניזאָן איז געווען אַ כאַאָטישער און ניט קיין אָרגאַניזירטער.

---

* אין זיין דירה האָט אונדז דער קאָמונעלער אַמט אַריינגעזעצט מיט געוואַלט מיטן צוועק צו מאַכן ענגער די באַזיצערס פון גרויסע דירות.

## אויף בלוטיקע וועגן

אַלץ האָט זיך אויסגעמישט אויף די וועגן: מיליטער מיט ציווילע, פוסגייער מיט אויטאָס און די שטופּעניש איז געווען אַזוי גרויס, אַז עס איז געווען פיל לייכטער זיך דורכצושטופּן צופוס, איידער פאָרן מיט אויטאָס. און טאַקע דערפאַר בין איך מיט מיין פרוי באַלד אין אָנפאַנג ווען מיר זיינען אַרויף אויפן ווילקאָמירער שאָסיי געווען געצווונגען צו פאַרלאָזן אונדזער מאַשין און זיך לאָזן צופוס אין וועג אַריין. דער שוואָגער און זיין פאַמיליע האָבן אויך פאַרלאָזן די מאַשין, אָבער זיי זיינען אַוועק אין דער פאַר־קערטער ריכטונג, דאָס הייסט צוריק אין שטוב. דערביי מוז באַ־מערקט ווערן, אַז מיין פרוי איז ערשט ניט לאַנג געווען נאָך אַ שווערער אָפּעראַציע פון באַזייטיקן אַ ניר און דער וועג צופוס, אַ לענגערע שטרעקע, איז פאַר איר געווען אוממעגלעך, איבער־הויפּט נאָך ביי דעם אויסערגעוויינלעכן כאַאָס, וואָס איז געווען אויף די וועגן.

רויטאַרמייער האָבן געזוכט זייערע צעקלאַפּטע טיילן, אַ סך פון זיי האָבן אַוועקגעוואָרפן דאָס געווער, כדי צו פאַרלייכטערן זיך דעם וועג. אַנדערע זיינען געגאַנגען באָרוועס און מען האָט זיך געזידלט איינער דעם אַנדערן. אַלע ווײַלע זיינען געווען פאַלשע אַלאַרמ׳ס, אַז „אָט זיינען שוין די דייטשן אינגאַנצן אַ פּאָר קילאָ־מעטער פון אונדז", דאָס האָט נאָך מער פאַרגרעסערט דעם כאַאָס. חוץ דעם, פלעגן זיך גאַנץ אָפט נידעריק אַראָפּלאָזן די דייטשע אַעראָפּלאַנען און זיי פלעגן פון קוילנוואַרפערס באַשיסן די שלעפּנדיקע מענטשן־מאַסע אויפן שאָסיי. אין רעזולטאַט פון די דאָזיקע שיסערייען, זיינען אויפן וועג געלעגן געהרגעטע און פאַר־ווּנדעטע און קיינער האָט אויף זיי קיין אַכט ניט געלייגט...

צוזאַמען מיט מיר איז געגאַנגען אַ יונגע פּאָר ליטווינער. ער איז געווען אַ פּאַרוואַלטער פון אַ טרעסט און איז געווען אייניקע וואָכן נאָך זיין חתונה. פּלוצלינג האָט פּיקירט אַ דייטשער אַעראָ־פּלאַן און האָט באַשאָסן פון אַ קוילן־וואַרפער דעם וועג. אַ קויל האָט געטראָפן זיין פרוי און זי איז באַלד געבליבן טויט אויפן אָרט.

ער האָט נאָר בלויז באַוויזן צומאַכן אירע אויגן און איז אַוועק ווייטער, איבערלאָזנדיק איר אַ טויטע אויפן וועג. און אָט איז געגאַנגען אַ מוטער מיט איר קינד אויפן האַנט און אויך איר קינד איז געטראָפן געוואָרן פון אַ קויל און איז געבליבן טויט. די מוטער האָט נאָך אַ לאַנגע צייט געטראָגן איר קינד, וויגנדיק עס אויפן האַנט.

די רוסן האָבן באַשלאָסן אַוועקצושטעלן זייערע „זעניטקעס״ אין אַ וואַלד, כדי צו באַשיסן די דייטשע אַעראָפּלאַנען. באַלד איז אָנגעקומען צופליען איין דייטשע עסקאַדרע נאָך דער צווייטער און זיי האָבן באָמבאַרדירט דעם וואַלד אָן אויפהער, מעטער נאָך מעטער. נאָך דער באָמבאַרדירונג בין איך אַריין אין וואַלד און עס האָט זיך אַנטפּלעקט פאַר מיר אַ טרויעריק בילד: מענטשן און אייזן האָבן זיך אויסגעמישט צוזאַמען...

היות ווי פאַר מיין פרוי איז דער ווייטערדיקער גאַנג געוואָרן ניט מעגלעך, האָב איך זיך איינגעבעטן ביי אַ רוסישן אונטער-אָפיציר, וואָס איז געפאָרן אויף אַ וואָגן, אַז ער זאָל מיין פרוי אַרויפנעמען צו זיך אויפן וואָגן. ער האָט מסכים געווען. איך האָב זיך מיט מיין פרוי צעשיידט, אָפּרעדנדיק זיך מיט איר צו טרעפן אין דניעפּראָפּעטראָווסק ביי אונדזערע קרובים, אויב עס וועט אונדז בכלל געלינגען ביז אַהין זיך צו דערקלייבן. צעשיידט האָבן מיר זיך אויפן וועג פון יאַנעווע אויף ווילקאָמיר, שוין האָבנדיק אָפּגעגאַנגען צופוס ביי אַ 40 קילאָמעטער. איך האָב געטראַכט אַז פאָרנדיק אויפן וואָגן וועט מיין פרוי האָבן בעסערע שאַנסן פאַר מיר צו דערגרייכן אונדזער ציל און דער דאָזיקער געדאַנק האָט מיר לייכטער געמאַכט דעם ווייטערדיקן וועג.

אָנקומענדיק אין ווילקאָמיר, האָב איך זיך אָנגעשטויסן אויף אַ ווייטערדיקער סכנה און דאָס שוין מצד דער ליטווישער באַפעל-קערונג. זיי האָבן אונדז פאַרגעלייגט פורן, כדי צו פאַרלייכטערן כלומרשט, דעם וועג, אָבער גלייכצייטיק האָבן זיי אונטער-וועגנס אויסגעהרגעט די אַנטלויפנדע, כדי צו רויבן זייערע ווערט-זאַכן און געלט. אויף אַזאַ אופן זיינען אומגעקומען מיינע צוויי חברים אַלשוואַנגער און ראַודאַנסקי.

דער פלוצעמדיקער „רחמנות״ פון דער ליטווישער באַפעל־קערונג איז מיר געווען שטאַרק פאַרדעכטיק און איך האָב באַשלאָסן פאַרצוזעצן מיין ווייטערדיקן וועג צופוס. איך בין געקומען צום אויספיר, אַז דער גאַנג מיטן הויפט־שאָסיי — ווילקאָמיר — אוטיאַן — זאַראַסיי — דורך לעטלאַנד, איז פיל געפערלעכער, ווי דער גאַנג מיט זייטיקע וועגן, אויף וועלכע די דייטשן האָבן ניט געלייגט קיין גרויסן אַכט. איך האָב דעריבער באַשלאָסן אַז ס׳איז צוועקמעסיקער צו גיין דורך אַ ווייניקער וויכטיקן וועג — אַניקשט, שווענציאַן, אַדוטישאַק, גלובאָקע. אַט דער דאָזיקער מאַרשרוט האָט אויסגעמיטן דעם וועג דורך לעטלאַנד און דערגרייכט די גרענעץ־ליניע — ליטע־ווייסרוסלאַנד. וואָס שייך די דייטשן, האָב איך ניט געהאַט קיין טעות אין באַצוג צו זיי, אָבער גאָר אַ גרויסן טעות האָב איך געהאַט דווקא אין מיין אָפּשאַצונג צו די ליטווינער, וועלכע האָבן זיך אַרויסגעוויזן אַ סך געפערלעכער ווי די דייטשן. מיך האָט צוגעשפּילט דער מזל, וואָס איך האָב אויף מיין וועג געטראָפן אַ צעקלאַפּטע רוסישע דיוויזיע, וועמענס ציל איז אויך געווען אַריבערצוגיין דעם גרענעץ אין דער ריכטונג צו ווייסרוס־לאַנד.

דער קאָמאַנדיר פון דער דיוויזיע, אַ גענעראַל, האָט מיך אָפּגעשטעלט, אַרויסגעלייגט פאַר מיר זיין טאָפּאָגראַפישע מאַפּע און מיך געבעטן איך זאָל אָנווייזן אויף איר ווו ער געפינט זיך מיט זיינע מענטשן. איך האָב אים גענוי געוויזן אויף דער מאַפּע ווו ער געפינט זיך און ווי אַזוי ער דאַרף פאָרזעצן זיין ווייטערדיקן וועג. היות ווי ער האָט באַמערקט, אַז איך אָריענטיר זיך דווקא ניט שלעכט אין די וועגן, האָט ער מיר שוין ניט אָפּגעלאָזן און פאַר־געלייגט צו גיין ווייטער צוזאַמען מיט זיי.

דאָס איז דווקא געווען פאַר מיר לטובה, ווייל גייענדיק מיטן מיליטער האָט דאָס מיך געשיצט פון די ליטווינער, אָבער גלייכ־צייטיק האָט דאָס אויך פאַרגרעסערט די געפאַר מצד די דייטשן. זייער אַוויאַציע האָט אָן אויפהער באָמבאַרדירט די רעשטלעך פון דער צעקלאַפּטער דיוויזיע, אָבער טראָץ דעם, איז אונדז מיט גרויס מי דאָך געלונגען צו דערגרייכן ווייסרוסלאַנד, ווו די דאָרטיקע

באַפעלקערונג איז געווען פאַר אונדז אַ פיל גינסטיקערע ווי אין ליטע און לעטלאַנד.

אַזוי, נאָך 6 טעג און נעכט בסדרדיקן גאַנג, האָב איך צוזאַמען מיט דער צעקלאַפּטער דיוויזיע דערגרייכט דעם 16־טן קילאָמעטער פאַר מינסק, אויפן שאָסיי — ווילייקע—מינסק. דאָ האָבן די דייטשן יסודותדיק באַמבאַרדירט דעם שאָסיי און צוגלייך אויך די רעשט־לער פון דער צעקלאַפּטער דיוויזיע. אַלע האָבן מיר זיך, לויט דער קאָמאַנדע פון קאָמדיוו, אויסגעלייגט אין די שוץ־גראָבנס אַרום דעם שאָסיי און פאַרנומען צייטווייליקע פּאָזיציעס. די באָמבאַר־דירונג האָט געדויערט זייער לאַנג, אָבער ניט געקוקט אויף דער שטאַרקער באָמבאַרדירונג, בין איך פון גרויס מידקייט באַלד איינגעשלאָפן.

צווישן אונדז זיינען געווען אַ סך געטראָפענע סאָלדאַטן: געהרגעטע און פאַרוווּנדעטע. און דעריבער האָט מען נאָך דער באָמבאַרדירונג געמיינט, אַז איך בין אויך איינער פון די געטראָ־פענע און זיי האָבן פאַרגעזעצט דעם ווייטערדיקן וועג אָן מיר.

## אין דייטשע הענט

פּלוצלינג האָבן מיך צוויי דייטשן אויפגעוועקט פון מיין שלאָף, זיי האָבן באַלד געפרעגט מיין נאָמען. איך האָב זיך ניט פאַרלוירן און געענטפערט, אַז „איך הייס פאַרפירייִ איגנאַטעוויטש איוואַנאָוו פון שטעטל גלובאָקע, געלאָפן צוזאַמען מיט אַנדערע איינוווינער פון שטעטל צוליב דער אָפטער באָמבאַרדירונג. קיין פּאַפּירן האָב איך פאַרשטייט זיך ניט באַוויזן מיטצונעמען און זיי זיינען גע־בליבן אין שטוב, וועלכע איז צוקלאַפּט געוואָרן פון אַ דייטשער באָמבע״. דערביי האָב איך אויף אַלע זייערע פראַגן געענטפערט אויף דייטש און דאָס האָט ביי זיי דווקא אַרויסגערופן אַ חשד, אַז אַ רוס פון גלובאָקע זאָל זיין אַזוי שיין אָנגעטאָן און דערצו רעדט גוט דייטש. זיי האָבן מיך אָנגענומען פאַר אַ שפּיאָן און באַלד אַוועקגעפירט אין זייער שטאָב אין ווילייקע. דאָרטן האָט מען מיך געהאַלטן אונטער אַ וואַך.

פאַרנאַכט, דעם זעלביקן טאָג, האָט מען מיך געבראַכט צופירן צום אָבערסט, אַ שטרענגער אָפיציר מיט פענסנע אויפן נאָז, וועלכער איז געשטאַנען ביים פענצטער מיטן רוקן צו מיר. נעבן זיין שרייב־טיש איז געזעסן אַ דייטשקע מיט אַ שרייב־מאַשינקע. מען האָט מיך צוגעפירט צום שרייב־טיש. דער אָבערסט האָט זיך אומגעקערט מיטן פנים צו מיר, געהייסן זיך אַוועקזעצן אויף איינעם פון די פאָטעלן און האָט מיר פאָרגעלייגט אַ ציגאַרעט, ביסקוויט און אויך אַ גלעזל קאָניאַק. ער האָט באַלד אָנגעהויבן זיין געשפּרעך מיט מיר בזה הלשון: „די רוסישע אַרמיי איזט פערניכטעט, וויר קעמפען נור נאָך מיט די רעסטען דער פערניכטעטער רוסישער אַרמיי. נאָך צוויי וואָכען זינד וויר אין אוראַל. זי האָבן ניכט אאוף וועם זיך צו פערלאַסען. זי זינד יונג און וויר וואָלן דאָס זי לעבען. זאָגן זי אונז בלאוז וואָרום זי היער געבליבן זינד אונד וואָס האָבן זי בעצוועקט? אונד וויר לאָסען זי פריי".

דער אָבערסט איז געווען זייער „העפלעך" און געזאָרגט זיך, אַז איך זאָל עסן די ביסקוויטן, טרינקען דעם קאָניאַק און האָט מיר אונטערגערוקט די ציגאַרעטן. איך האָב אים געענטפערט: „ווי זי זיך מיינער קליידונג נאָך איבערצויגן קענען, בין איך קיין מיליטערמאָן. איך האָטע ביי מיר קיינע געווער אונד פערשטייע ניכט מיט געוועהר אומצוגיין. מיין איינציקער ציל וויית פאָם קריגע וועק צו זיין אונד דאָס איסט מיר ניכט געלונגען, וויל איהרע אַרמיי וואָר שנעלער אַלס איך, אונד נון בין איך ביי איהנען".

דער געשפּרעך איז גענוי פאַרשריבן געוואָרן אויף דער שרייב־מאַשינקע. דאָן האָט זיך דער אָבערסט צו מיר געווענדעט: „אונד נור זאָגען זי מיר, ביטע, וואָהער קענען זי, פאַרהעלטעניסמעסיק, זאָ גוט דויטש שפּרעכן?" אויף דעם האָב איך געענטפערט: „דויטש האָבען וויר אין דער שולע געלערנט אונד דאָ מיר די שפּראַכע זייער געפעלט, דאַ האָב איך פיעל פאָן דער דויטשער ליטעראַטור געלעזען. וויר האָטען אאוך איינען קרייז אין דער שולע פון דויטש־שפּרעכענדע". אויף דעם האָט מיר דער אָבערסט צוגעווונקען מיט זיינע אויגן און געזאָגט: „וואַרשיינלעך וואָלטן זי אאוך נאָך

דויטשלאַנד קאָמען אום די שפּראַכע נאָך בעסער צו ערלערנען״. דאַן האָט ער דיקטירט דער מאַשיניסטקע בזה הלשון: „די רוסען האָבען שאָן לאַנגע דען קריג געגען דויטשלאַנד בערייטעט אונד האָבען אין איהרע שולען ספּעציעלע קרייזען פאָן דויטששפּרע־כענדע שילער געגרינדעט מיט דען ציעל, אים פאַלע דעס קריגעס, זי נאָך דויטשלאַנד פיר שפּיאָנאַזשע צוועקען צו שיקען״.

אַז איך האָב דערהערט פון אים אַזאַ באַשולדיקונג האָב איך געזאָגט: „אָבער, העד אָבערסט, די רוסען זינד דאָך אאוך ניכט דום, דאַס זי מיך אָהנע אירגענדוועלכע פּאַפּירע אין איינען פרייען פלאַץ איבערלאַססען האָבען. דאַבעי האָבען איהרע לויטע מיך שלאַפענד אופגעפונדען״.

דער אָבערסט איז שטאַרק אויפגערעגט געוואָרן פון מיין ענטפער, ער האָט אָנגעטאָן אַ הענטשקע אויף זיין רעכטער האַנט און האָט מיר באַלד דערלאַנגט אַ פעסטן פּאַטש אין באַק. ער האָט אַרויסגערופן צוויי סאָלדאַטן, וועלכע האָבן מיך אַוועקגעלייגט אויף אַ בענקל און גענומען שלאָגן אַזוי לאַנג, ביז איך האָב פאַרלוירן מיין באַוווּסטזיין. דאַן האָט מען מיך איבערגעגעבן דעם קיך־מייסטער, אַן עסטרייכישער דייטש אין די מיטעלע יאָרן. ער האָט מיך געדאַרפט פאַרבאַנדאַזשירן, ברענגען צום באַוווּסטזיין און צוגרייטן מיך צו נעכסטן פאַרהער.

אויף מאָרגן, גאָר פרי, האָב איך געהאָלפן אין קיך שיילן קאַרטאָפל. דאַן איז צו מיר צוגעגאַנגען אַ יונגער לויטענאַנט און מיר געגעבן אָפּצופּוצן זיינע שטיוול. איך האָב זיי אָפּגעפּוצט מיט אַ באַזונדערן גלאַנץ, אָבער דערביי געכאַפּט אַ פּאַטש פאַרן ניט אָפּפּוצן אויך די זוילן. ווען איך האָב שוין אָפּגעפּוצט די זוילן, האָט ער מיר געבראַכט אַ פּעקל ציגאַרעטן...

*

אַ גאַנצן טאָג האָט איך זיך פאַרנומען מיט אַרבעט אין קיך צו הילף דעם קיך־מייסטער. קיין איבעריקע רייד האָט ער מיט מיר ניט גערעדט, חוץ די קורצע באַפעלן וואָס צו טאָן. פאַרנאַכט האָט מען מיך ווידער געבראַכט צום אָבערסט אויף אַ פאַרהער,

און ווידער די זעלבע ציגאַרעטן, ביסקוויטן און קאָניאַק. ווידער גענוי האָט זיך איבערגעחזרט די זעלבע רייד און די זעלבע קלעפּ, אָבער מיטן איינציקן אונטערשייד, וואָס דעם מאָל האָב איך דעם באַוווּסטזיין פאַרלוירן אַ סך פריער.

געקומען צו זיך בין איך שוין ביים קיך־מייסטער אין קיך. ביינאַכט האָט ער צו מיר געזאָגט, אַז איך דאַרף אים ניט דערציילן ווער איך בין, ער ווייסט שוין אַז איך בין אַ קאָמוניסט. ער האָט זיך מודה געווען, אַז ער איז אַ סאָציאַל־דעמאָקראַט און דעריבער האַלט ער פאַר זיין פליכט מיר צו העלפן אַנטלויפן פון דאַנען. איך האָב געהאַט אַ חשד, אַז ער פּראָוואָצירט מיך און איך האָב אים געזאָגט, אַז ווען ער וואָלט ווירקלעך געווען אַ גוטער פריינד, וואָלט ער מיך ניט געדאַרפט ראַטן צו לויפן, ווייל ביז איצט האָט מען מיר קיין שום שולד ניט געקענט באַווייזן און אויב איך וועל לויפן, וועל איך אַליין זיך דערווייזן פאַר אַ שולדיקן. אויף דעם האָט ער מיר געזאָגט: „דו גלאַובסט אַן די דויטשע גערעכטיקייט? אָב מאַן דיר דיינע שולד נאַכווייזט, אָדער ניכט, ווירסטו זאָ־ווי־זאָ ערשאָסן. לאופע פאַן היער אונד דויטשלאַנד ווירד ראַט".

מער האָט ער קיין ווערטער ניט פאַרלוירן. ער האָט גענומען אַן עמער, אַוועקגעלייגט אויפן דעק שפּייז און אויבן אָנגעוואָרפן מיסט. ער האָט מיר געגעבן דעם עמער און זיין זשעטאָן דורכ־צוגיין דעם טויער. אין פאַל אויב מען וועט מיך כאַפּן, האָב איך געדאַרפט זאָגן, אַז איך האָב דעם זשעטאָן ביי אים געגנבעט. דער פּאָסטן האָט מיך ניט אָפּגעשטעלט און דורכגעלאָזן דורכן טויער, נאָכדעם ווי איך האָב אים געוויזן דעם זשעטאָן...

די נאַכט איז געווען אַ רעגנדיקע און אַ פינצטערע. איך האָב ניט געוווּסט אין וואָס פאַראַ ריכטונג איך דאַרף גיין און אָנ־שטאָט אויף מזרח בין איך גאָר אַוועק אויף מערב. איך בין אַריין אין אַ גרויסן טיפן וואַלד. ווי ווייט איך בין געגאַנגען ווייס איך ניט, ווייל איך בין אַנידערגעפאַלן אָן באַוווּסטזיין פון ווייטיק. ווען איך האָב זיך אויפגעכאַפּט, האָט עס נאָך גערעגנט, אָבער דעם עמער לעבן זיך האָב איך שוין ניט געפונען. ווי עס ווייזט אויס האָב איך אים פאַרלוירן נאָך גייענדיק.

## אין אויסגעקוילעטע יידישע שטעטלער

אין וואַלד האָב איך זיך אָריענטירט לויט דעם בילן פון די הינט און קרייען פון העגער. דאָס זיינען געווען ערטער, וועלכע איך האָב געדאַרפט אויסמיידן. אַזוי בין איך דערגאַנגען ביז אַ גרויסן קאָלכאָז, אָדער סאָווכאָז. ביים ברעג פון וואַלד האָב איך געטראָפן אַן עלטערן מענטש און איך האָב אים געבעטן עפּעס צו עסן. ער האָט מיך געהייסן זיך באַהאַלטן טיפער אין וואַלד, אַז קיין אַנדערע זאָלן מיך ניט באַמערקן. ער האָט געבראַכט אַ שיסל מיט „כאָלאָדעץ". ווען איך האָב אים אויסגעפרעגט ווו איך געפין זיך, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז איך בין גאָר ניט ווייט פון דער ליט־ווישער גרענעץ.

דער וועג פון דאַנען צום גרענעץ און ווייטער צו ליטע האָט געפירט דורך אַ וואַלד, און דעריבער האָב איך באַשלאָסן זיך צוריק־צוקערן צוריק אין ליטע. אַזוי בין איך נאָך לאַנגע וואָגלענישן דערגאַנגען צו שווענציאַן. דאָרטן האָט זיך געפונען אַ דייטשער מיליטערישער גאַרניזאָן, אָבער קיין ציווילע אָרטיקע מאַכט אָדער דייטשע מאַכט, איז נאָך דאָרט ניט געווען.

ביי דעם מיליטער זיינען געווען באַשעפטיקט יידן־ספּע־ציאַליסטן: בעקערס, פאַבריקמאַכערס, קצבים און אַנדערע. אין שווענציאַן זיינען געווען יידן פון פאַרשיידענע ליטווישע שטעט און שטעטלער, וועלכע האָבן ניט באַוויזן צו אַנטלויפן אויף מזרח. די יידן האָבן מיך אויפגענומען מיט דאָפּלטע געפילן: ערשטנס, בין איך געווען אַ פרעמדער, אַ פאַרבאַנדאַזשירטער, וועלכן מען האָט געקענט אָננעמען אַלס אַן איבערגעטאָנענעם פאַרווונדעטן מיליטערמאַן און צווייטנס איז ניט געווונטשן פאַר זיי קיין איבע־ריקער עסער. מען האָט מיך גלייך באַהאַלטן אין קעלער און אין אָוונט האָט מען מיר געבראַכט אַ פּאָר שטיקלעך ברויט צום עסן.

היות ווי אַזאַ לאַגע האָט מיך אַבסאָלוט ניט באַפרידיקט, האָב איך גלייך אויף מאָרגן באַשלאָסן פאָרצוזעצן מיין ווייטערדיקן וועג צוריק אויף מערב.

אַזוי בין איך אָנגעקומען אין שטעטל טראָגין (אויף ליטוויש

טאוראַגנאַי). נעבן אַ גרויסער אַזיערע אויף דעם זעלביקן נאָמען. ווי פאַרוווּנדערט בין איך, אָבער, געוואָרן, ווען איך האָב דערזען אַז אין שטעטל האָט נאָך סטאַציאָנירט אַ סאָוויעטישער גוט־באַוואָפנטער מיליטערישער גאַרניזאָן. די ליטווינער האָבן געפּרוּווט באַשיסן דאָס מיליטער פון זייער הילצערנעם קלויסטער, דעריבער האָבן די רוסן דעם קלויסטער אונטערגעצונדן און זיי האָבן פאַרלאָזן דאָס שטעטל. מיך האָט אויפגענומען אַ יידישע פאַמיליע מילונציק. איך האָב זיך אויסגעבאָדן, איבערגעביטן וועש און די הויפּטזאַך — באַקומען גוט אָפּצועסן. נאָכדעם האָט מען מיך אויסגעבעט שלאָפן אין אַ ווייכע בעט. זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז איך בין באַלד איינגעשלאָפן אין אַ טיפן שלאָף...

אין מיטן דער נאַכט האָב איך זיך אויפגעכאַפּט פון גרויסע געשרייען. איך האָב שנעל זיך אָנגעטאָן און אַרויס פון שטוב. אויפן גאַס זיינען שוין געשטאַנען אַ סך יידן, אַרויסגעטריבענע פון די הייזער דורך די ליטווינער פון שטעטל. איינער פון די ליטווינער איז צוגעגאַנגען צו מיר, מיר אַריינגעלייכט אין פּנים מיט זיין עלעקטרישן לעמפּל און געפרעגט: „ווער ביסטו אַזוינער?" איך האָב געענטפערט אַז איך בין אַ דורכגייער, האָט ער מיר זאָפאָרט אָוועקגעיאָגט (איך האָב ניט אויסגעזען ווי קיין ייד).

איך בין אַריבער עפּעס אַ בריקל, אַרויף אויף אַ בערגל אין אַ וואַלד און פון דאָרטן געקוקט, וואָס עס וועט זיין מיט די יידן. מען האָט זיי פאַרטיילט אין צוויי גרופּעס. איינע פון זיי האָט מען אָוועקגעפירט אין דאָרף באַלטעלאַי און די אַנדערע אין דאָרף טאוראַפּיליס. איך בין נאָכגעגאַנגען דער גרופּע וועלכע מען האָט אָוועקגעפירט אין דאָרף טאוראַפּיליס, ווייל דאָרטן האָט זיך געפונען די פאַמיליע מילונציק, דער טראַגינער רב, וועלכער איז געווען מיינער אַ חבר פון ישיבה און נאָך איינער אַ חבר פון ישיבה וועלכן מען האָט גערופן חיים־ראובן דער טראַגינער. די גרופּע יידן האָט מען פאַרטיילט אין שטאַלן ביי די פּויערים פון דאָרף און די פּויערים, זיינען געווען פאַראַנטוואָרטלעך פאַר זיי.

איך בין אַריינגעגאַנגען אין שטאַל ווו עס האָט זיך געפונען די פאַמיליע מילונציק. זיי האָבן מיר געגעבן צו פאַרשטיין, אַז אין

שטוב האָבן זיי מיך געקענט אויפנעמען, ווייל דאָרטן איז ביי זיי געווען גרויסע שפּייז־רעזערוון, אָבער דאָ איז אַן איבעריקער עסער ניט געווונטשן. איך האָב געענטפערט אַז איך וויל ניט פאַרבלייבן ביי זיי. איך האָב נאָר געזוכט אַ פּאַרטנער, וועלכער זאָל מיטגיין מיט מיר צוריק קיין קאָוונע. אַזאַ פּאַרטנער האָט זיך, לײדער, ניט געפונען. און איך בין אַוועק אַליין.

איך בין געקומען צו אַ דאָרף ווו עס האָבן געוווינט פישערס (די ליטווישע דערפער זיינען ניט געווען קיין קאָמפּאַקטע, נאָר פאַנאַנדערגעוואָרפענע אין כוטאָרס. פון איין כוטאָר צום צווייטן איז געווען הונדערטער מעטער). איך בין אַריין צו איינעם אַ פישער, וועלכער האָט זיך אַרויסגעוויזן אַלס אַ פיינער מענטש. ער האָט מיר דערלויבט צו בלייבן ביי אים, ניט קוקנדיק וואָס איז געווען זייער אַ גרויסע געפאַר. אַזוי ווי איך האָב ניט אויסגעזען געננוי ווי אַ ייד, האָבן מיר צווישן זיך אָפּגערעדט, אַז „איך בין געקומען צו אים צוגאַסט, איך בין זיינער אַ קרוב פון קאָוונע"...

איך האָב אים געהאָלפן אין דער ווירטשאַפט אויף וויפל איך האָב געקענט, און די דריי טעג וואָס איך האָב זיך ביי אים געפונען, האָב איך זיך גוט אויסגערוט. איין נאַכט האָבן מיר זיך אויפגעכאַפּט פון אַ גרויסן טומל. דאָס האָט מען פון די שטאָלן אַרויסגעטריבן די יידן פון דאָרף טאַוראַפּיליס. און אפשר האָט מען געבראַכט אַהער אויך די יידן פון דאָרף באַלטעלאַי, ווייל זיי זיינען געווען אַ סך. מען האָט זיי געצווונגען אַליין גראָבן פאַר זיך גרויסע גריבער און נאָך דעם האָט זיך אָנגעהויבן די שיסעריי. דאָס בילד איז געווען אַ שרעקלעכע. דער פויער, ביי וועלכן איך בין געווען, האָט דאָס ניט געקענט צוזען און איז אַ וויינענדיקער אַוועק פון פענצטער. איך בין געווען אַן עדות פון דעם דאָזיקן מאָרד איבער די יידן און דאָס איז ביי מיר פאַרבליבן איינגעקריצט טיף אין האַרצן. ס'האָט מיך אַרומגענומען אַ שטאַרקער נקמה־געפיל.

דער פויער, נאָך דעם ווי ער האָט געזען אַזאַ בילד, האָט ניט געוואָלט מער ריזיקירן. ער האָט איינגעשפּאַנט זיין פערד און וואָגן און האָט מיך אַוועקגעפירט ביז אוטיאַן. אין אוטיאַן זיינען דעם טאָג געפלויגן אין דער לופט די פעדערן פון די יידישע קישנס אין

וועלכע די ליטווינער האָבן געזוכט פאַרבאַהאַלטענע ווערט־זאַכן. אויפן מאַרק־פּלאַץ האָט זיך צוזאַמענגעקליבן אַ גרופּע ליטווינער, אַ טייל פון זיי באַוואָפנטע, און האָבן זיך איזדיעקעוועט איבער דעם אוטיאַנער רב ר׳ נחמן הירשאָוויטש, מיינער אַ חבר פון טעלזער ישיבה. זיי האָבן אים געצווונגען צו טאַנצן, געצופּט אים פאַרן באָרד און צום סוף אים דערשאָסן...

## נ ע ־ ו נ ד

פון אוטיאַן בין איך אַוועק מיט דעם שאָסיי־וועג אין דער ריכטונג צו קאָוונע. אויף די טעלעפאָן־סלופּעס זיינען געווען אויס־געקלעפּט דייטשע אויפרופן. אין איינעם פון זיי האָט מען געוואָרנט, אַז ווער עס וועט גיין אויפן שאָסיי נאָך האַלב ניין אין אָוונט, וועט ווערן דערשאָסן. אַזוי ווי קיין זייגער האָב איך מיט זיך ניט געהאַט, און האַלב ניין אין אָוונט, זומער, איז נאָך ליכטיק, בין איך געווען געצווונגען אַראָפּצוגיין פון שאָסיי־וועג אַ סך פריער. אויף איינעם פון די אויפרופן איז געווען אַ וואָרענונג, אַז ווער עס וועט האַלטן ביי זיך פרעמדע מענטשן וועט ווערן דערשאָסן צוזאַמען מיט דער גאַנצער פאַמיליע.

איך בין אַראָפּ פון שאָסיי פריצייטיק און מיט זייטיקע וועגן בין איך צוגעקומען צו אַ שטוב וווּ עס זיינען געזעסן ליטווינער און זיי האָבן גאַנץ שיין פאַרבראַכט מיט געזאַנג און טענץ. דעם זעלבן אָוונט האָט עס גערעגנט און מיינע קליידער זיינען נאַס געוואָרן. איך בין צוגעגאַנגען צו אַן עלטערן פּויער און אים געבעטן ער זאָל מיר דערלויבן איבערצונעכטיקן אין זיין שטאַל. ער האָט מיר געענטפערט, אַז די אַלע וואָס זיצן אין שטוב און מאַכן זיך פריילעך זיינען זיינע פאַמיליע־מיטגלידער און ער וויל ניט ריזיקירן צוליב מיר מיט זייער לעבן.

*

איך בין פון אים אַוועק, און אין וועג האָב איך זיך אָנגעטראָפן מיט אַ דייטשן אונטעראָפיציר. אַזוי ווי אויסמיידן האָב איך אים

ניט געקענט, האָב איך זיך אָפּגעשטעלט און אים געבעטן, אַז ער זאָל דערלויבן דעם פויער מיך לאָזן איבערשלאָפן ביי אים אין שטאַל. זיין ערשטע פראַגע צו מיר איז געווען: „זינד זי יודע?", איך האָב געענטפערט: „יאָ". דאַן האָט ער געזאָגט: „דריי שריטע פאַן מיר וועק!" איך בין אָפּגעגאַנגען דריי טריט אויף צוריק לויט זיין באַפעל. דאַן האָט ער מיר געפרעגט: „זינד זי הונגעריק?" איך האָב געענטפערט, אַז יאָ. האָט ער מיר צוגעוואָרפן דריי געקאָכטע אייער און האָט געזאָגט: „עסן זי עס, זי זינד ניכט פערגיפטעט".

איך בין ניט געווען אויפגעלייגט צו עסן די אייער, כאָטש זיי זיינען ניט געווען פאַרגיפטעט. דאַן האָט ער מיר געזאָגט: „איך בין נאַציאָנאַל־סאָציאַליסט, אָבער איך בין הומאַן, ווען זי אַאוף איינעם מיינער קאַמעראַדן אַנגעטראָפן העטן, זאָ ווערן זי וויי־ניקסטנס מיט איינען פּוסטריט אַבגעקאָמען. איך בין פּראָפעסאָר דער בערלינער קונסט־אַקאַדעמיע, איך ווייס דאָס פיעלע יודען ערשאָסן ווערדען, אָבער איין מאַשינען־געווער האָט 36 שוס און זי קענען געראַדע דער 37־טער זיין". דאָס הייסט, אַז איך קען נאָר דאַן לעבן בלייבן ווען אין מאַשין־געווער וועלן אויסגיין די קוילן, און וואָס אַנבאַלאַנגט מיין ביטע, ער זאָל דערלויבן דעם פויער מיך לאָזן איבערנעכטיקן אין זיין שטאַל, האָט ער מיר געזאָגט: „אַלס זאָלדאַטען ביטען זי מיך צופיל, שטעלן זי זיך מאָל פאָר — זי זינד זאָלדאַטע אונד אַלס אַזעלכער מיסען זי זיך צופאַסן קענען צו אַללע אומשטענדען, ווען עס אאוך אונוועטער איסט". וואָס האָב איך געקענט טאָן: איך האָב ליידער געמוזט זיך אַוועקלייגן שלאָפן אונטער דעם פרייען הימל און בין דורכ־גענעצט געוואָרן ביז אין די ביינער אַריין.

ביינאַכט האָב איך זיך אויפגעהויבן און בין דאָך אַריין אין שטוב צום פויער. ער האָט רחמנות געהאַט אויף מיר און האָט מיר געגעבן אָפּצועסן. ער האָט מיר אויך איבערגעביטן מיינע זאַכן, צוגענומען מיינע נאַסע און געגעבן זיינע טרוקענע. פאַר מיר איז דער דאָזיקער בייט געווען אַ גינסטיקער אויך פון אַן אַנדער שטאַנדפּונקט: אין זיינע קליידער האָב איך אויסגעזען ווי אַ פויער פון דאָרף און אַלס אַזעלכער האָט מיך געדראָט וויניקער

געפאַר. ווען עס האָט אָנגעהויבן טאָגן, האָט דער פויער מיך אַרויסגעטריבן פון זיין שטוב. ער האָט מורא געהאַט מען זאָל מיך ניט געפינען ביי אים. איך האָב געמוזט ווייטער פאַרזעצן מיין וועג אין רעגן...

נאָך דעם ווי איך בין אָפּגעגאַנגען איייניקע קילאָמעטער מיטן שאָסיי, האָב איך באַגעגנט אַן אַלטיטשקן פויער, וואָס איז געזעסן לעבן זיין שטוב. איך האָב אים געפרעגט צו איך קען ביי אים קריגן אַ טרונק וואַסער, האָט ער מיר געענטפערט, אַז יאָ. איך בין אַריינ־געגאַנגען צו אים אין שטוב און אויסגעטרונקען אַ קענדל וואַסער. איך האָב אים געפרעגט צו איך קען זיך דאָ אַביסל אָפּרוען ביי אים, האָט ער מיר געענטפערט, אַז יאָ. דאַן האָב איך אים גע־פרעגט: און אפשר קען איך ביי דיר אויך איבערשלאָפן אַ נאַכט? זאָגט ער צו מיר: „ביז צו דער נאַכט, איז נאָך ווייט, איצט איז ערשט 7 אַזייגער אינדערפרי"; איך האָב אים דערציילט, אַז איך האָב געגנעבטיקט אין דרויסן, ס'האָט די גאַנצע צייט געדעגנט און בין אויסגענעצט געוואָרן און איך וויל זיך אָפּטריקענען. אויף דעם האָט ער געזאָגט: „איך בין שוין אַלט, אַזוי צו אַזוי מוז איך שטאַרבן. קריך אַרויף אויפן אויוון און שלאָף. אין דער צייט וועל איך אויסטריקענען דיינע קליידער". איך האָב זיך אויסגעטאָן און געלייגט זיך שלאָפן אויפן אויוון און אַזוי בין איך אָפּגעשלאָפן צוויי מעת־לעת.

דער אַלטיטשקער פויער מיט זיין אַלטיטשקער פרוי האָבן זיך שוין באַאומרויקט. ווען איך בין אויפגעשטאַנען האָט דער אַלטער מיך אָפּגעראַזירט מיין באָרד מיט אַ טעמפּן גאָלמעסער וואָס איז פאַר דער צייט אָנגעוואָקסן. ער האָט מיר געגעבן אָפּצועסן, איינ־געשפּאַנט זיין פערד און וואָגן און אָוועקגעפירט מיך ביז ווילקאָ־מיר, דאָרט האָט ער מיך איבערגעלאָזן. אין ווילקאָמיר האָב איך געהאַט אַ באַקאַנטע פאַמיליע פישער און איך בין צו זיי אַוועקגע־גאַנגען. מען האָט מיך זייער שיין אויפגענומען, געגעבן אָפּצועסן, געמאַכט מיר אַ באָד, איבערגעביטן וועש און איך בין ביי זיי געבליבן נעכטיקן. אויף מאָרגן פרי האָב איך זיי פאַרלאָזן, כדי צו גיין ווייטער אין דער ריכטונג צו קאָוונע.

באַלד ווי איך בין אַרויס דורכן טויער, האָבן מיך שוין אָפּגע־וואַרט צוויי ליטווינער, וועלכע האָבן מיר באַלד אָוועקגעפירט עפּעס אין אַ קאַזאַרמע ווו ס'זיינען שוין געווען גאָר אַ סך יידן. דאָרטן האָב איך אויך געטראָפן מיינעם אַ קוזין — יאַשע מעססיע. מיר האָבן זיך געהאַלטן צוזאַמען. ער איז שוין דאָ געווען אַ „תושב" פון אייניקע טעג, און ער האָט מיר דערציילט, אַז יעדע נאַכט נעמט מען אַ 20—30 יידן, כלומרשט אויף אַרבעט, אָבער מען פירט זיי אַוועק הינטער דער קאַזאַרמע און דאָרטן דערשיסט מען זיי. צום טויט זיינען אַלע יידן דאָרטן געווען לגמרי גלייכגילטיק.

## „באַרמהאַרציקייט" פון אַ דייטשן אָבערלויטענאַנט

אַזוי ריידנדיק מיט מיין קוזין, איז אַריין אין קאַזאַרמע אַ דייטשער אָבערלויטענאַנט און געפרעגט: „ווער פון דעם יודן וויל פרייוויליק אַרבייטן?". איך האָב גלייך געזאָגט צו מיין קוזין, אַז מען דאַרף גיין. ווייל ערשטנס — איז עס ניט ביינאַכט און צווייטנס — וועלן מיר פּרובירן לויפן. אויב מען וועט לויפנדיק דערשיסן, איז עס אַלץ בעסער ווי צו גראָבן פאַר זיך אַליין אַ קבר. ער האָט מיר געענטפערט, אַז דערשאָסן צו ווערן האָט ער נאָך צייט, און וויפל ער וועט קענען אָפּשלעפּן די צייט וועט ער עס טאָן.

איך בין אַרויסגעגאַנגען און געזאָגט דעם אָבערלויטענאַנט, אַז איך וויל פרייוויליק גיין אַרבעטן. ער האָט מיר דערלאַנגט אַ קלאַפּ אין רוקן און געזאָגט: „איין פערנינפטיקער יודע", און דאַן האָט ער גענומען צו מיר נאָך 14 יידן און אַוועקגעפירט אונדז אין אַ קלויז, ווו מיר האָבן געדאַרפט אַרויסוואַרפן די בענק און די שטענדערס, זיי צעהאַקן פאַנאַנדערנעמען אויף ברעטער און פון די ברעטער מאַכן נאַרעס. ער האָט דאָרטן געדאַרפט איינקוואַרטירן זיין מיליטער־טייל. ביז פאַרנאַכט האָבן מיר די אַרבעט געענדיקט און ער איז געבליבן צופרידן.

די יידן האָבן צו מיר געזאָגט, אַז היות ווי איך בין מיט דעם יעקע עפּעס אַ גאַנצער „שמעלקע", זאָל איך מיט אים ריידן, אַז ער זאָל אונדז אָפּלאָזן און ניט פירן צוריק. איך האָב צו אים געזאָגט:

„הער אָבערלויטענאַנט, וויר האַבען אונזערע אַרבייט געוויסענהאַפט געמאַכט, לאַססען זי אונז נאָך האוזע געהען". אויף דעם האָט ער געענטפערט: „ווי זאָ? איך האַבע אויך דאָך פאַם צוכטהאוז געהאַלט, מוס איך דאָך אויך צוריקגעבן". איך האָב אים געזאָגט: „די יודען, פאַם צוכטהאוז די צור אַרבייט געהאַלט ווערדען קאָמען ניכט מער צוריק — די ווערדען אַללע ערשאָסען". אויף דעם האָט ער געענטפערט: „יאַ, איך האַבע זאָ וואַס געהערט, אַלזאָ, אַללע יודן געהען נאָך האוזע אונד דו קאָמסט מיט מיר". שטאַרק צופרידן פון דעם בין איך ניט געווען, אָבער קיין ברירה האָב איך ניט געהאַט און איך בין געגאַנגען מיט אים. ער האָט מיך געבראַכט אין אַ גרויסע ליידיקע הויז, וועלכע ער האָט אַליין באַוווינט.

מיר זיינען אַריין אין קיך, זיך אַרומגעוואַשן און דערביי האָט ער אַ פרעג געטאָן, פאַרוואָס איז ביי מיר פאַרבאַנדאַזשירט די האַלדז? איך האָב אים געענטפערט, אַז דאָס איז פון די קלעפּ וואָס איך האָב אונטערוועגס באַקומען פון זיינע קאַמעראַדן. ער האָט גענומען אַראָפּנעמען די באַנדאַזשן, אָבער אַזוי ווי זיי זיינען געווען צוגעקלעפּט צו די ווונדן, האָט דאָס מיר געמאַכט גרויסע ווייטיקן. ער האָט זיך דערמיט ניט גערעכנט און האָט געטאָן די אַרבעט אָן רחמנות, געבנדיק מיר צו פאַרשטיין, אַז אויב מען זאָל זיך ניט מטפל זיין מיט די ווונדן, קען דאָס ברענגען צו אַ מוח־אָנטצינדונג.

נאָך דעם ווי ער האָט אַראָפּגענומען די באַנדאַזשן, האָט ער זאָרגפעליק אַרומגעוואַשן מיר די ווונדן מיט ריוואַנאָל און פאַרבונדן מיט זויבערע פאַרבאַנדשטאָף. שפּעטער האָט ער געעפנט אַ קעסטל סאַרדינען און מיר האָבן זיך געזעצט עסן. ער האָט מיר דערציילט, אַז ער איז אַ גוטבאַזיצער פון בייערן, ער האָט אַ פרוי מיט צוויי קינדער און עס לעבט זיך זיי זייער גוט, ער האָט דאָ אין אָסטען „ניכט צום זוכן". דער קריג קען אים קיין זאַך ניט געבן, חוץ דעם טויט. איך האָב אים דערציילט אין קורצן מיין געשיכטע, דערביי אים געוויזן מיין פרויס פאַטאָ און געבעטן אים אַ טובה, אפשר קען ער איר געפינען דאָ אין ווילקאָמיר, ווייל ניט ווייט פון

ווילקאַמיר האָבן מיר זיך צעשיידט. ער האָט מיר צוגעזאָגט דאָס צו טאָן אויב ער וועט נאָר קענען, אָבער ער גלויבט ניט צי אים וועט דאָס געלינגען.

נאָכן עסן זיינען מיר אַביסל אַרויסגעגאַנגען אויפן הויף אָטעמען פרישע לופט און דאַן זיינען מיר נאָך אַ קורצער ווײַלע געגאַנגען שלאָפן. צו מאָרגן פרי האָט ער מיר אָנגעזאָגט, אַז איך זאָל זיך ניט אָפרופן אויב מען וועט קלאַפּן אין טיר. ער האָט אַ שליסל און ער וועט אַליין אַרייַנגיין אין שטוב, איך קען דאָ לעזן ביכער אין משך פון טאָג, עסן, שלאָפן, אָבער נאָר ניט אַרויסגיין אין דרויסן.

אַזוי בין איך אָפּגעווען ביי אים צוויי, אָדער דריי טעג, און דעם אמת געזאָגט איז עס מיר געוואָרן לייַנגווייליק. איך האָב אים געזאָגט, אַז שטענדיק וועט ער דאַרף דאָ ניט בלייבן, אין קריג וועט ער דאַרף מיך ניט מיטנעמען,דעריבער האָט עס מער ניט קיין זין פאַר מיר דאָ צו בלייבן. מיין ציל איז גיין קיין קאָוונע און וואָס עס וועט זיין מיט מיין פאַמיליע וועט זיין אויך מיט מיר...

נאָכדעם ווי ער האָט דאָס גוט איבערגעטראַכט האָט ער מיט מיר מסכים געווען. ער האָט מיר געזאָגט, אַז קיין סך שפּייז וועט ער מיר אויפן וועג ניט מיטגעבן, ווייל דאָס וועט מיר נאָר שטערן אין גאַנג. אָנשטאָט דעם, אָבער, וועט ער מיר מיטגעבן אייניקע פּעקלעך טאַבאַק און ציגאַרעטן — און פאַר דעם וועל איך אומע־טום קריגן שפּייז. ער אַליין האָט מיך אַרויסבאַגלייט פון שטאָט ווילקאַמיר און אַ לאַנגע צייט איז ער געשטאַנען און נאָכגעקוקט עס זאָל מיט מיר קיין זאַך ניט פּאַסירן. ער האָט געהאַלטן אין איין נאָכשרייען — „גיי מיט גאָט!".

## אין קאָוונער געטאָ

ביז הינטער יאַנעווע בין איך געגאַנגען אָן קיין שום שטע־רונגען. אַרום יאַנעווע איז די באַפעלקערונג אַ רוסישע און זיי האָבן מיך אויפגענומען ניט שלעכט, כאָטש מיט גרויס פּחד. ווען איך האָב זיך שוין דערנענטערט צו קאָוונע, האָב איך באַמערקט

אַז אויפֿן וועג שטייען ליטווינער מיט ווייסע בענדער אויף די אָרבל און קאָנטראָלירן יעדן פֿאַרבייגייער. איך האָב מאָמענטאַל גלייך זיך אומגעקערט צוריק אַ פּאָר קילאָמעטער און איך האָב באַ־געגנט אַ פּאַסטעך וואָס האָט געפּאַשעט קי. איך האָב אים געגעבן אַ פּעקל טאַבאַק און געבעטן ער זאָל מיר ווייזן אַ וועג אויף קאָוונע, אָבער ניט מיטן שאָסיי. ער האָט מיר אָנגעוויזן דעם מאַרשרוט און געהייסן דורכגיין אַ וואַלד אין דער ברייט און אַזוי דערגיין ביז דער וויליע, און דאָרטן דורך דעם דאָרף קליבאַ־נישקי אַריין אין קאָוונע דורך יאַנעווער גאַס.

איך האָב אים באַדאַנקט און אַריין אין וואַלד. קוים האָב איך געשטעלט אײניקע טריט אין וואַלד, זיינען באַלד צו מיר צוגעריטן צוויי רייטערס, ליטווינער, און מיר באַפֿוילן גלייך אויפֿהויבן די הענט. איינער פֿון זיי איז אַראָפּ פֿון פֿערד, צוגעגאַנגען צו מיר און האָט מיך שאַרף באַקוקט און דאַן אויסגעשריען: ענדלינאַס, דאָס ביסטו??! ווייזט זיך אַרויס, אַז ער איז געווען אַ דינער אין האָטעל „קאָנטינענט״, ווו איך פֿלעג איינשטיין קומענדיק פֿון קליי־פּעדע אין קאָוונע. ער פֿלעגט פֿון מיר קריגן פֿיינע טרינקגעלט און איז געווען מיט מיר זייער גוט באַפֿריינדעט. אַ דאַנק זיין פּראָ־טעקציע בין איך בשלום אָנגעקומען אין קאָוונע.

די ערשטע זאַך, ווען איך בין אַריין אין שטאָט, בין איך אַוועק גלייך צו מיין וווינונג אויף דזוקו גאַס 7. ס'האָט זיך אַרויס־געוויזן, אַז דאָרטן האָבן שוין געלעבט דייטשן. איך בין גלייך אַוועק צו מיין שוואָגער צו זיין דירה און דאָרטן האָב איך אויך געפֿונען מיין פֿרוי, וועלכע איז אויך בשלום צוריקגעקומען פֿון וועג. דאָס איז געווען דער 23־טער יולי 1941. אין דעם טאָג האָבן די יידן געדאַרפֿט פֿאַרלאָזן קאָוונע און אַריינקלייבן זיך אין געטאָ, אין סלאָבאָדקע.

דאָרטן האָבן מיר דורכן וווינונגס־אַמט ביים עלטעסטנראַט גע־קראָגן אַ וווינאָרט אויף אַלגימאַנטאַ גאַס 7. ביים זעלבן וווינונגס־אַמט האָב איך זיך דערוווּסט, אַז אויך מיינע עלטערן, מיין שוועס־טער, שוואָגער און זייער דריי יאָריקע קינד, געפֿינען זיך שוין אין געטאָ אויף לינקעווער גאַס.

גלייך ווי מיר זיינען אַריין אין געטאָ, בין איך געשיקט געוואָרן אויף אַרבעט ביים בויען דעם צוים פון שטעכל-דראָט אַרום דער געטאָ. די יידן האָבן גאַנץ גוט פאַרשטאַנען, וואָס עס באַדייט דאָס בויען פאַר זיך אַ צוים, איבערהויפּט ווען דאָס איז געווען ערשט נאָך דעם טרויעריקן דאַנערשטיק אויפן סלאָבאָדקער בריק. און ניט געקוקט אויף דעם, האָט מען געבויט דעם צוים, דערציילנדיק דערביי טשעקאַווע מעשיות און ס'האָט געהאַט דעם איינדרוק, אַז די שטימונג איז ביי זיי ניט געווען קיין געדריקטע. דאָ, און דאָרט האָבן זיך געהערט אַפילו געלעכטערס אויפן חשבון פון די דייטשן. אָט אַזאַ איז שוין די יידישע נאַטור — ניט פאַרלירן דעם מוט אין די סאַמע טרויעריקסטע מאָמענטן.

ביז צום 15־טן אויגוסט איז דער צוים אַרום געטאָ געוואָרן פאַרטיק און אין דעם זעלבן טאָג איז די געטאָ אָפּגעשלאָסן גע־וואָרן פון דער אַרומיקער וועלט. אַ טאָג פאַרן שליסן די געטאָ, האָבן די דייטשן דערשאָסן 27 יידן, וועלכע מען האָט געכאַפּט אויפן וועג קויפנדיק פּראָדוקטן ביי די פּויערים, וואָס זיינען גע־פאָרן צום מאַרק אין קאָוונע. דעם טאָג, וואָס מען האָט געשלאָסן די געטאָ, האָבן די דייטשן גענומען 536 יידישע אינטעליגענטן, כלומרשט אויף לייכטע אַרבעט, אָבער קיינער פון זיי איז שוין ניט געקומען צוריק. צווישן זיי האָבן זיך געפונען מיינע 4 קוזינס.

נאָך דעם ווי מען האָט אָפּגעשלאָסן די געטאָ, האָט זיך אָנגע־הויבן די מאַסן-מאָביליזאַציע אויף צוואַנגס-אַרבעט, הויפּטזעכלעך אויף דעם אַעראָדראָם. דאָרטן האָב איך געאַרבעט אין די בריגאַ־דעס: „פּריץ-מילער", „שולץ-דאָבריק" און „ווינטשילד-לאַנגע־לאָט". חוץ דעם וואָס די אַרבעט איז געווען אַ שווערע און אַ שמו־ציקע, האָבן די צוואַנגס-אַרבעטער געליטן פון דער שפּלדיקער באַציאונג פון די אַזוי גערופענע „מייסטערס", וועלכע האָבן אָן קיין שום סיבה אַכזריותדיק געשלאָגן די יידן מיט גומי שטעקנס, אָדער אַפילו מיט לאָפּעטעס. פאַרוואָס מען האָט זיי גערופן „מייסטערס", איז שווער צו זאָגן, דאָס זיינען געווען גראָבע, פּשוטע, גאַנץ פּרימיטיווע פּויערים פון די דערפער און זייער „מייסטערשאַפט" האָט זיך נאָר אויסגעדריקט אין שלאָגן די יידן,

וואָס איז געווען באַגלייט מיט באַליידיקנדיקע ווערטער. צום ביי־שפּיל: דער מייסטער ביי „פּריץ־מילער", וועלכן מען האָט באַצייכנט „די וואַנצע" (צוליב זיינע לאַנגע וואָנצעס), האָט שטענדיק ביים שלאָגן די יידן צוגעשריען: „ווילסט דו ניכט, אָדער קאָנסט דו ניכט, איך ווערדע דיך באַלד לעהרנען". ניט ווייניקער אכזריותדיק איז געווען דער מייסטער „דאָס ווייסע היטעלע" ביי „שולץ־דאָבריק" און אַ סך אַנדערע מייסטערס פון אַנדערע פירמעס. אָבער ניט געקוקט אויף דעם, איז אויך דער מוט ביי די יידן ניט געפאַלן. עס האָבן זיך געשאַפן ספּעציפיש־טיפּישע אַעראָדראָם־ווערטלעך פון די יידן אין באַצוג צו די דייטשע מייסטערס. אָט זיינען אַ פּאָר פון זיי: „זאָל ער מיר געבן אַ פריילעכן קוש אין מיין אומעטיקן פּשעפּראַשאַם". „בלימעלעך פון די וואָזאָנטשיקעס" דאָס האָט געהייסן — בלוט פון די אויגן; „יעלה ויבוא — דאָס האָט געהייסן — אַכטונג! דער מייסטער קומט אָן!".

אין געטאָ האָט דאָס וואָרט „יעלה" באַצייכנט אויך אַ מענטשן וואָס פאַרנעמט אַ הויכן פּאָסטן. דאָס אַרבעטן אויפן אַעראָדראָם איז ניט געווען קיין סטאַבילע, עס פלעגן זיין טעג, וואָס מען פלעגט אַריינפאַלן אויף אַרבעט אין אַנדערע פלעצער. אָט איז מיר, צום ביישפּיל, איינמאָל אויסגעקומען צו אַרבעטן ביי די „וואָפען־ס.־ס.", אין דער געוועזענער יידישער רעאַל־גימנאַזיע. דאָס איז געווען אַן אַרבעט פון אויסלאָדן און אַרויפטראָגן אויפן דריטן שטאָק פּאַפּירענע זעק מיט אַרבעס און בעבלעך. ביי יעדער בייגונג פון די טרעפּ איז געשטאַנען אַן „ס.־ס.־מאַן" און מיט קלעפּ אונטער־געטריבן די יידן זיי זאָלן לויפן. פאַר מיר איז געגאַנגען מיינער אַ חבר, מאיר זילבערשטיין, האָט ער ביים לויפן אויף די טרעפּ זיך פאַרטשעפּעט און אַנידערגעפאַלן. זיין זעקל האָט זיך צעריסן און די אַרבעס פון זעקל האָבן זיך צעשאָטן אויף די טרעפּ. איך האָב זיך צופעליק אויסגעגליטשט פון זיינע צעשאָטענע אַרבעס און אויך אַנידערגעפאַלן, אַזוי, אַז אויך מיינע אַרבעס האָבן זיך צעשאָטן אויף די טרעפּ און עס האָט זיך געשאַפן אַ גרויסער כאַאָס.

די „ס.־ס.־לייט" האָבן געשלאָגן, אָבער דאָס האָט נאָך מער קאָמפּליצירט דעם ענין. דאָן איז אַרויסגעגאַנגען אַן אונטער־

שטורמפירער און האָט געמאַכט אַן אָרדענונג. זיין ערשטע פראַגע איז געווען: „ווער איז געפאַלן דער ערשטער"? מאיר זילבערשטיין האָט זיך אָנגערופן אַז ער האָט זיך אויסגעגליטשט און איז געפאַלן דער ערשטער. — „און ווער איז געפאַלן דער צווייטער?" — איז געווען זיין צווייטע פראַגע. איך האָב זיך אָנגערופן: — „איך!"

לאַנג ניט טראַכטנדיק האָט ער אַרויסגעטראָגן אַזאַ אורטייל: „אַזוי ווי דער צווייטער איז געפאַלן צוליב דער שולד פון דעם ערשטן, דאַרף דער צווייטער געבן דעם ערשטן 15 שמיץ". ער האָט מיר גלייך צוגעטראָגן אַ רוט, מיט וועלכן איך האָב עס גע־דאַרפט שמייסן מיין חבר זילבערשטיין. איך האָב זיך באַלד גע־ווענדעט צו דעם אונטערשטורמפירער און געזאָגט, אַז לויט מיין מיינונג האָט ער פאַרזינדיקט קעגן אייך, אָבער ניט קעגן מיר. ער האָט באַשלאָסן, אַז היות ווי איך וואָקל זיך אויסצופירן זיין אורטייל, דאַרף איך קריגן די שמיץ, און דאָס שוין — פון זיין האַנט. און לאַנג ניט טראַכטנדיק האָט ער מיטן רוט מיר אַריינגעשמיסן 15 שמיץ מיט געוויסע פּאַוזעס, כדי די שמיץ זאָלן זיך גוט אַריינעסן אין מיין גוף און איך זאָל שטאַרקער שפּירן דעם ווייטיק. און ווייל איך האָב ביים שמייסן פאַרביסן די ציינער און ניט געשריען, האָט ער מיר צוגעגעבן אַ זעכצנטן שמיץ — „אַלס צוגאַב". פאַרשטייט זיך, אַז איך האָב נאָך דעם, ניט געקענט זיצן און ניט ליגן אויפן רוקן, אַפילו גיין איז מיר געווען שווער...

עס פלעגן אויך פּאַסירן מזלדיקע טעג, ווען מען פלעגט אַריינפאַלן אויף לייכטערע אַרבעט. אַזוי בין איך איינמאָל געשיקט געוואָרן אויף אַרבעט אין דער בריגאַדע „מייסטאַס". דאָרטן האָב איך זיך געטראָפן מיט מיין חבר פסח שאַטער און ביים טראָגן צוזאַמען קאַבעלקעס, האָבן מיר זיך צונויפגערעדט, אַז ס'איז נויטיק, און אַז מען וואָלט זיך געדאַרפט פאַרבינדן מיט אַלע חברים פון פאַרן קריג און דאַן אפשר עפּעס צוטראַכטן...

*

דאָס איז געווען אין די סעפּטעמבער־טעג 1941. און דאָס זיינען פאַקטיש געווען די ערשטע טריט פון פאַרבינדונג.

אין אַ פּאָר וואָכן שפּעטער, האָב איך אַ טאָג געהאַט דעם מזל צו אַרבעטן אין דער שטאָט־קאָמענדאַטור. דאָרטן האָבן מיר זיך צום ערשטן מאָל געטראָפן מיט וועלוול שאָוולאָן, מיט וועלכן מיר האָבן זיך זייער באַפריינדעט. דאָס איז געווען יום־כיפור 1941, און צוזאַמען מיט אים האָט זיך ביי אונדז אָרגאַניזירט אַ גרופּע פון 12 מאַן. אונדזער ציל איז געווען צו פּלאַנירן אין איינעם אַ טאָג דאָס אַנטלויפן פון געטאָ און זוכן אַ פאַרבינדונג מיט דער דרויסנדיקער וועלט. אויפן ערשטן פּלאַן האָבן מיר באַשלאָסן אויסצובויען „מאַלינעס" ביי אים אין שטוב, און ביי מיר, בכדי צופעליק ניט אַריינפאַלן אין די דייטשע הענט. ביי אים האָבן מיר אויסגעבויט די „מאַלינע" אונטער דער פּליטע און ביי מיר אונטערן אויוון.

אַזוי ווי וועלוול שאָוולאָן איז געווען אַ קוואַליפיצירטער אויוון־זעצער, זיינען די „מאַלינעס" אויסגעבויט געוואָרן זייער געלונגענע און עס איז געווען טאַקע זייער שווער זיי צו אַנטדעקן. פאַר דעם אויוון פון מיין „מאַלינע", איז געווען אַ בלעכענער שויץ־דעק, אַז אויב אין פאַל ווען עס וועט אַרויספאַלן אַ ברע־נענדיקע האָלאָוועשקע, זאָל זיך ניט אָנצינדן דער דיל. דער אַריינגאַנג אין „מאַלינע" איז געווען אונטער דעם דעק. אונטן האָט דער דעק געהאַט צוויי ריגלען און עס איז ניט געווען קענטיק אַז דער דעק האָט זיך באַוועגט. דעם פּלאַן פון דער „מאַלינע" האָט געמאַכט מיין שוואָגער יוסף אינדיכשטיין. איך און וועלוול האָבן אים נאָר אויסגעפירט.

וועלוולס „מאַלינע" איז געווען אַ גרעסערע און אויך אַ מער קאָמפּליצירטע. די פּליטע אין קיך איז ביי אים געמאַכט געוואָרן אויף שינעס, וועלכע האָבן זיך פון אונטער דער פּליטע ניט אַרויסגעזען. די פּליטע האָט מען געקענט אָפּציען פון וואַנט און דאָס איז פאַקטיש געווען דער אַריינגאַנג אין דער „מאַלינע". ווען מען האָט פון אונטן צוריקגעצויגן די פּליטע צום וואַנט, זיינען דאָרטן געווען צוויי ריגלען און דאַן האָט מען שוין פון אויבן אָפּציען די פּליטע פון וואַנט ניט געקענט. זיין „מאַלינע"

האָט מען שפּעטער אויסגענוצט אויף צו באַהאַלטן די אַריינגע־טראָגענע געווער אין געטאָ.

שוין אין אָנהויב סעפּטעמבער 1941, האָבן די דייטשן אַרומ־גערינגלט די געטאָ מיט קוילנוואַרפערס און מען האָט אַלעמען באַפוילן זיך צונויפצוקלייבן אויף דעם פּלאַץ פון דעמאָקראַטו־גאַס. אַזוי ווי איינציקע טעג פריער, האָט מען דורך דעם אַרבעטס־אַמט ביי דעם עלטעסטן־ראַט אויסגעטיילט ביי 5000 אַזויגערופענע „יאָרדאַן־שיינען" צו פאַרטיילן זיי צווישן פאַר־לייט, האָט מען אין דעם טאָג אָפּגעקליבן באַזונדער די יידן וועלכע האָבן געהאַט די „שיינען" און באַזונדער די, וואָס האָבן זיי ניט געהאַט. פאַרשטייט זיך, אַז ביי די וואָס האָבן ניט געהאַט די „שיינען", האָט זיך געשאַפן אַ גרויסע פּאַניק, אַז זיי וועלן באַשטימט צום פאַרניכטן. אין יענער צייט האָבן זיך געפונען אין קאָוונער געטאָ מער ווי עטלעכע־און־צוואַנציק טויזנט יידן, און „יאָרדאַן־שיינען" זיינען בלויז פאַרטיילט געוואָרן נאָר פינף טויזנט. פלוצלינג איז אָנגע־פאָרן אַ דייטש אויף אַ מאָטאָציקל און האָט עפּעס אַריינגעשושקעט יאָרדאַנען אַ סוד אין אויער און גאַנץ אומדערוואַרט האָט מען אַלע יידן געהייסן גיין צוריק אַ היים.

די פרייד צווישן די יידן איז געווען אַן אויסערגעוויינלעכע. עס זיינען געווען יידן, וואָס האָבן שוין „געוווּסט" צו דערציילן, אַז די געסטאַפּאָ האָט טאַקע געוואָלט מאַסנהאַפט פאַרניכטן די יידן פון געטאָ, אָבער די „ווערמאַכט" האָט זיך פון דעם דערוווּסט, האָבן זיי זיך געווענדעט צו היטלערן און אָפּגעשריען די גזירה. דער מענטש, וואָס איז געקומען, אויפן מאָטאָציקל און אַריינגע־שושקעט יאָרדאַנען אַ סוד אויפן אויער, איז דאָס געווען טאַקע אַ שליח פון דער „ווערמאַכט". אַזעלכע טפשותדיקע דערציילונגען האָבן זיך פאַרשפּרייט אין געטאָ. יידן האָבן זיך געטרייסט מיט טויט־חלשות...

## אַקציעס אין געטאָ

גייענדיק פון „פּלאַץ" צוריק אַהיים, האָט מיר געפרעגט ד״ר פּערציקאָוויטש, מיינער אַ שכן: „וואָס איז אייער מיינונג, ענדלין,

וועגן דער גאַנצער זאַך?״ איך האָב אים געענטפערט, אַז לויט מיין מיינונג איז דאָס געווען אַ גענעראַל־רעפּעטיציע, צו זען ווי די יידן וועלן רעאַגירן אין פאַל פון אַ מאַסן־פאַרניכטונג, און די רעפּעטיציע איז זיי געלונגען. זיי האָבן געזען, אַז קיין ווידער־שטאַנד מצד די יידן איז ניט צו דערוואַרטן. מיין השערה האָט זיך באַשטעטיקט: גלייך נאָך דער „רעפּעטיציע״, האָבן זיך אָנגעהויבן די פאַרניכטונגס־אַקציעס.

סוף סעפּטעמבער 1941 זיינען אַוועקגעפירט געוואָרן אויפן 9־טן פאָרט אַרום צוויי טויזנט מענטשן — פאַמיליעס פון אַוועק־געגאַנגענע אויף דער אַרבעט מענער און פרויען. אין דער זעלבער נאַכט, נאָך דעם ווי מען האָט זיי אַרויסגעפירט, האָב איך געהערט אַ קלאַפּן אין אונדזער טיר. איך בין אַרויסגעגאַנגען פרעגן ווער עס קלאַפּט? האָב איך אָבער צו מיין באַוווּנדערונג קיין ענטפער ניט באַקומען און געהערט בלויז עפּעס אַ ברומענדיקע שטימע. איך האָב געעפנט די טיר און דערזען פאַר זיך אַ יינגל פון אַ יאָר 12 אין אַ בלוטיק העמדעלע מיט סימנים פון ערד אויפן קאָפּ און אויפן געזיכט. זיינע אויגן האָבן אויסגעדריקט אַ געוואַלדיקע מורא. איך האָב אים אַריינגעפירט צו אונדז אין שטוב. מיר האָבן אים אַרומגעוואַשן, אַוועקגעלייגט אונטער אַ וואַרעמע דעקע און דאַן האָט ער אונדז דערציילט, אַז מען האָט אַרויסגעפירט זיין מאַמען און זיין קלענערן ברודערל און אַ שוועסטערל, געבראַכט זיי צוזאַמען מיט נאָך אַ סך מענטשן אויפן 9־טן פאָרט, און מען האָט זיי אַלעמען געהייסן זיך אויסטאָן. דאַן האָט מען זיי צוגעפירט צו די גריבער און מען האָט אָנגעהויבן אויף זיי צו שיסן. אים האָט קיין קויל ניט געטראָפן, אָבער ער איז אַריינגעפאַלן אין גרוב פאַר שרעק. ווי עס ווייזט אויס, איז ער שוין געווען אין דער לעצטער שיכט. שפּעטער האָט מען זיי פאַרשאָטן מיט ערד. אים איז געלונגען אַרויסצוקריכן פון גרוב, און אַזוי ווי די גרוב האָט זיך געפונען אויסער דעם שטח פון נײַנטן פאָרט, איז ער געלאָפן צום באַרג, אַראָפּגעקייקלט זיך באַרג אַראָפּ און דורך דעם צוים אַריין אין געטאָ.

אויף מאָרגן אינדערפרי, נאָך דער אַקציע, ווי געוויינלעך,

האָבן זיך געקליבן גרופּקעס מענטשן אַרום דעם אַרבעטס־אַמט צו הערן נייעס. צו איין גרופּע איז צוגעגאַנגען אַ שיין אויסגע־פּוצטע פרוי און זי האָט געוואוסט צו דערציילן, אַז מען האָט די מענטשן פון מתים־גאַס גאָרניט געפירט אויפן נײַנטן פאָרט, זיי געפינען זיך גאָר אַלע אין ראַמיינער סאַנאַטאָריע און אַלע צוויי שעה לאָזט מען פון דאָרטן אַרויס אַ פּאָר מענטשן צוריק אין געטאָ. איך האָב איר געפרעגט, אויב זי האָט טאַקע אַליין געזען די מענטשן וועלכע מען האָט אַרויסגעלאָזן פון דאָרטן. זי האָט געענטפערט, אַז זי אַליין האָט זיי דירעקט ניט געזען, אָבער איר שכנטע האָט זיי יאָ געזען. ווען איך האָב איר געבעטן, אַז זי זאָל מיר ברענגען צו איר שכנטע, האָט זי גענומען זיך אַרויסדרייען פון דער גאַנצער דערציילונג מיט פאַרשיידענע תירוצים. אַן אויפגע־רעגטער האָב איך געזאָגט: — „יידן! דאָס זיינען די מעטאָדן פון דער געסטאַפּאָ, צו פאַרטעמפּן די מוחות פון די איבערגעבליבענע. איך האָב זאַכלעכע באַווייזן, אַז מען האָט זיי געפירט אויפן נײַנטן פאָרט און דאָרטן האָט מען זיי דערשאָסן". מיין פרוי האָט מיך געכאַפּט פאַרן האַנט און מיט כוח אַוועקגעצויגן פון די גרופּעס אַרום אַרבעטס־אַמט. אָבער אויך די פאַרפּוצטע פרוי איז פּלוצלינג פאַרשוווּנדן געוואָרן...

דעם 5־טן אָקטאָבער 1941, איז דורכגעפירט געוואָרן די אַזוי גערופענע „קליין־געטאָ־אַקציע". ווי באַוווּסט זיינען אין קאָוונע אין אָנהויב געווען צוויי געטאָס: אַ קליינע און אַ גרויסע. ביידע געטאָס זיינען געווען פאַרבונדן מיט אַ בריק איבער דעם וועג פון פּאַניערו־גאַס. אין דער „קליין געטאָ" האָט זיך געפונען דאָס קראַנקן־הויז, דער מושב־זקנים און יתומים־הויז. אויסער דעם האָט דאָרט געלעבט אַ קליינער טייל פון דער געטאָ־באַפעלקערונג. די יידן פון „קליין געטאָ", וועלכע האָבן געהאַט „יאָרדאַן־שיינען" האָט מען איבערגעלאָזן אין גרויסן געטאָ און אַלע איבעריקע האָט מען אַרויסגעפירט אויפן נײַנטן פאָרט. דאָס קראַנקן־הויז האָט מען פאַרברענט צוזאַמען מיט די קראַנקע, דאָקטוירים און קראַנקן־שוועסטערס.

אינטערעסאַנט, אַז אין אייניקע טעג אַרום נאָך דער אַקציע

האָבן זיך אין געטאָ פאַרשפּרייט ניט באַזירטע קלאַנגען, אַז מען האָט די יידן אַרויסגעפירט קיין קיידאַן אויף אַרבעט, ווו מען האָט געבויט אַ פלי־פּלאַץ און פון אייניקע פון זיי זיינען אַפילו, אָנגע־קומען בריוו. אַזוי ווי, אָבער, בריוו איבערצושיקן איז שטרענג פאַרבאָטן, און עס קען דראָען אַ סכנה די שיקערס פון די בריוו, קען מען ניט אָנגעבן ווער עס האָט די בריוו באַקומען. עס איז שווער צו זאָגן, אויב ס'האָבן זיך געפונען אין געטאָ מענטשן, וועלכע האָבן געגלויבט די דאָזיקע קלאַנגען. פאַר מיר איז, אָבער, געווען קלאָר, און ס'איז ניט געווען קיין שום ספק, אַז די געסטאַפּאָ האָט געהאַט איר נעץ אין געטאָ גופא און מען דאַרף זיך פאַר זיי שטאַרק היטן. ס'איז אויך אַ פאַקט, אַז די קלאַנגען האָבן זיך איבערן געטאָ זייער שנעל פאַרשפּרייט. מיט אַזעלכע מעטאָדן און אויף אַזאַ אופן, האָבן די דייטשן צוגעגרייט די גרויסע מאַסן־פאַרניכטונגס־אַקציע, וועלכע זיי האָבן מיט גרויס דערפאָלג אָרגאַניזירט און דורכגעפירט דעם 28־טן אָקטאָבער 1941. דורך די פאַרשיידענע קלאַנגען האָבן די דייטשן געזוכט אַ וועג צו פאַרמיידן, אַז די יידן זאָלן ניט קומען צו דער איבערצייגונג, אַז זיי האָבן ניט וואָס צו פאַרלירן און זיי וועלן שטעלן אַ ווידער־שטאַנד, אָדער וויניקסטנס — אַנטלויפן פון געטאָ.

*

אָבער ניט געקוקט אויף די קלאַנגען, האָבן זיך דאָך געשאַפן אין געטאָ פאַרשיידענע גרופּעס יידן, וועלכע האָבן זיך געשטעלט אַלס ציל צו שטעלן אַן אָרגאַניזירטן ווידערשטאַנד די דייטשן. צו ערשט זיינען דאָס געווען ניט קיין גרויסע גרופּעס, אָן וועלכער עס איז פאַרבינדונג איינע מיט די אַנדערע, אָבער שפּעטער האָבן זיך די דאָזיקע גרופּעס פאַנאַנדערגעוואַקסן אין אַ שטאַרקער ווידערשטאַנדס־באַוועגונג, פון וועלכער די דייטשן האָבן גאָר גיך אָנגעהויבן ווייטאָקדיק צו שפּירן...

מיין ציל איז צו שילדערן די קאַמפּס־באַוועגונג צו וועלכער איך האָב געהערט.

צו דער צייט, נאָך דער גרויסער פאַרניכטונגס־אַקציע פון

28־טן אָקטאָבער 1941, איז מיר אויסגעקומען צו אַרבעטן אויף אַן אַרבעטס־פּלאַץ אויפן פלי־פּלאַץ, ווו עס האָבן געאַרבעט פּאַב־לייט, רוסן, פון דאָרף מוראַווע לעבן קאָוונע. צווישן זיי האָט געאַרבעט איינער מיטן נאָמען דימיטרי* איך האָב זיך מיט אים זייער באַפריינדעט. ער פלעגט מיר ברענגען שפּייז און אויך איבערגעבן וויכטיקע אינפאָרמאַציעס. ער פלעגט מיר דער־ציילן די נייעס, וואָס ער האָט געהערט אין ראַדיאָ פון רוסישע קוועלן.

איך האָב זיך אים אויך אָנפאַרטרויט, אַז מיין ציל איז ניט צו בלייבן אין געטאָ און איך וואָלט גערן זיך אָנגעשלאָסן אין אַ קאַמפס־באַוועגונג מחוץ דעם געטאָ. איך האָב אים דערציילט וועגן מיין דורכגעמאַכטן וועג פון קאָוונע ביז מינסק און צוריק אין די ערשטע מלחמה־טעג. דאַן האָט ער מיר געזאָגט, אַז ביי אים געפינט זיך באַהאַלטן אַ רוסישער פּאָליטרוק אין ראַנג פון אַ קאַפּיטאַן, וועלכער זוכט קאָנטאַקטן צו אָרגאַניזירן אַזאַ קאַמפס־באַוועגונג אין געגנט פון זאַראַסיי, ווו די אַרומיקע באַפעלקערונג איז אַ רוסישע— אַ לאָיאַלע, „סטאַראָוויערן" רופט מען זיי. אויב איך וויל, קען ער מיר אָנגעבן אַדרעסן פון זיינע גוטע פריינט אין יענער געגנט און זיך שטעלן מיט זיי אין פאַרבינדונג. ער האָט מיר פאַרזיכערט, אַז מען קען זיי פולשטענדיק אָנפאַרטרויען. היות איך האָב אַזאַ וועג שוין אומגעפער דורכגעמאַכט, וועט עס מיר ניט זיין שווער דורכצומאַכן נאָך אַ מאָל.

איך האָב מסכים געווען צו זיין פאָרשלאָג, נעמענדיק אין אַכט, אַז אַזוי צו אַזוי, איז ניטאָ וואָס צו פאַרלירן. אויפן וועג האָב איך פון דימיטרי געקראָגן אַ נאַגאַן מיט אַ זעקל קוילן צו אים. אַזוי ווי מיין שוואָגער, יוסף אינדיכשטיין, האָט אויך געפּלאַנט צו שאַפן אין שטאָט אַ באַהעלטעניש ביי איינעם אַ מאָלער, אויף אַזשעשקיענעס גאַס, האָבן מיר באַשלאָסן אַלס ערשטע אַרויס־צושיקן אַהין מיין פרוי מאַשע. אַזוי איז מיין גאַנג געווען מיט אַ לייכטערן געמיט.

---

* אָדער וואַסילי, איך געדענק ניט גענוי זיין נאָמען.

## דער ערשטער גרוס פון וואַלד

איך בין אַרויס פון געטאָ דעם 4־טן, אָדער דעם 5־טן נאָ־וועמבער 1941. גענוי די דאַטע געדענק איך ניט. עס איז אָבער כדאי צו באַמערקן, אַז דער ווינטער 1941 האָט זיך אָנגעהויבן זייער פרי און ער איז געווען זייער אַ שווערער. די פרעסט זיינען דערגאַנגען אונטער צוואַנציק גראַד. געגאַנגען בין איך בייטאָג מיט זייטיקע וועגן, איבערהויפּט וואַלד־וועגן. אין אָוונט פלעג איך אַריינגיין צו פּויערים פון אָרעמע כוטאָרס זיך אָנוואָרעמען און עפּעס אָפּעסן. אין דעם האָט מיר פיל געהאָלפן מיין נאָגאַן, פאַר וועלכן די פּויערים האָבן געהאָט גרויס „דרך־ארץ״. שלאָפן איז מיר אויסגעקומען מערסטנטייל אין אויסגעגראָבענע טראַנשייען, איבערגעבליבענע נאָך פון אָנפאַנג קריג. אויפן דעק פלעג איך אונטערבעטן צווייגן פון טאַנען־ביימער און די זעלבע צווייגן האָבן מיר געדינט אויך אַלס צודעק. אין דער נאַכט וואָס פלעגט אַרויספאַלן אַ שניי און פלעגט פאַרדעקן די צווייגן איז געווען וואַרעמער. אַזוי בין איך אָנגעקומען אין אַ וואַלד, ניט ווייט פון זאַראַסיי, ווו איך האָב זיך אָנגעטראָפן מיט רוסישע סאָלדאַטן אונטער דער אָנפירונג פון אַ לייטענאַנט און אַ סטאַרשינאַ. (אונ־טעראָפיציר).

דער לייטענאַנט האָט געהייסן וואַסיאַ, דער סטאַרשינאַ — מיטיאַ. די גרופּע איז באַשטאַנען פון עטלעכע־און־פערציק מאַן, זייער שוואַך באַוואָפנט. עסן האָבן זיי געקראָגן פון די אָרטיקע פּויערים — רוסן, סטאַראָווירען. איך האָב דעם לייטענאַנט דער־ציילט דעם ציל פון מיין אָנקומען אין דער סביבה און געפּרוּווט אים צוריידן זיך אָנשליסן אָן דעם פּלאַן מיט זיין גרופּע. ער האָט מיר געענטפערט, אַז זייער ציל איז ניט צו בלייבן דאָ. זיי ווילן זיך דורכרייסן דורך דער פראָנט־ליניע און זיך אנשליסן אין רוסישע רעגולערע מיליטער־טיילן. מיט מיר האָבן זיי זיך געהאַלטן גאַנץ רעזערווירט און גאָר ניט פריינטלעך. איך בין זיי געווען פאַקטיש „אַ פינפטע ראָד צום וואָגן״. אָבער צוגלייך האָבן זיי אויסגעדריקט זייער ווילן, אַז איך זאָל פון זיי ניט אָוועק, ווייל אין פאַל ווען מען

וועט מיך כאַפּן, קען איך אַרויסגעבן זייער דיסלאָקאַציע־אָרט.

איין נאַכט, ווען זיי האָבן געמיינט אַז איך שלאָף שוין, האָט דער לייטענאַנט זיך באַראַטן מיטן סטאַרשינאַ, וואָס מען זאָל טאָן מיט מיר, ווען זיי וועלן אַוועק פון דאַנען. זיי זיינען געקומען צום באַשלוס, אַז ס׳וועט זיין גלייכער אַז מען זאָל מיך שיסן, כדי איך זאָל ניט זיין פאַר זיי אַ שטערונג. איך האָב דעם געשפּרעך צופעליק געהערט און שפּעט ביינאַכט, ווען אַלע זיינען שוין געשלאָפן, האָב איך זיך אויפגעהויבן און אויסמיידנדיק דעם פּאָסטן, בין איך אַוועק פון זיי אין דער ריכטונג צו אַדוטישקיס וואָס איז געווען אויפן גרענעץ פון ליטע און ווייסרוסלאַנד. דאָרטן איז די באַפעלקערונג געווען אַ פּוילישע, וועלכע האָט זיך באַצויגן צו מיר, מער אָדער ווייניקער פריינטלעך *. איך האָב געמיינט, אַז דאָ אויפן גרענעץ פון ווייסרוסלאַנד, וואָס איז אַ געביט וועלכער איז געדיכט מיט וועלדער, וועט מיר געלינגען זיך צו פאַרבינדן מיט נאָך מער אַקטיווע אונטערערד־מענטשן.

צו יענער צייט האָט זיך נאָך אָבער דאָרטן קיין קאַמפּס־באַוועגונג ניט געמערקט, כאָטש דער אָרט איז געווען זייער פּאַסיק צו דעם. שפּעטער זיינען דאָרט געווען טעטיק די פּאַרטיזאַנער פון מאַרקאָווס און שומאַוסקאַסעס בריגאַדעס. פון דאָרטן בין איך אַוועק אין דער ריכטונג פון פּאַדבראַדע, אויך אויפן גרענעץ מיט ווייסרוסלאַנד און אויך דאָרטן איז מיר ניט געלונגען צו באַקומען אַ פאַרבינדונג. די באַפעלקערונג איז אַ פּוילישע און האָט זיך זייער לאָיאַל באַצויגן צו מיר און אַפּראָבירט מיינע פּלענער.

דער ווינטער איז דאַן געווען זייער אַ קאַלטער און היות ווי מיר איז ניט געלונגען אויסצופירן מיין אויפגאַבע, האָב איך באַשלאָסן צוריקצוקערן זיך צוריק אין געטאָ און געוואַרט אויף אַ געלעגנהייט אויספירן די אויפגאַבע שפּעטער אין אַ מער גינסטיקערע צייט.

---

* מיין אויפגאַבע זיך צו פאַרבינדן מיט די רוסן אַרום זאַראַסיי איז צוליב דער סכנה וואָס האָט מיך געדראָט מצד די רוסישע מיליטער־לייט, האָט ניט געקענט אויסגעפירט ווערן.

ווען איך בין געקומען צוריק, איז שוין פון דימיטרי און זיין באַהאַלטענעם פּאַליטרוק קיין זכר ניט געבליבן. אין געטאָ איז אין משך פון דער צייט אַדורכגעפירט געוואָרן די אַקציע אויף שיקן מענטשן קיין ריגע, אין וועלכער עס איז אויך מיין פאָטער אַריינגעפאַלן. איך האָב זיך געטראָפן מיט מיין גוטן חבר פסח שאַטער און אים דערציילט וועגן מיין פּלאַן צו זוכן קעמפער אין די וועלדער. פסח, פון זיין זייט, האָט מיר פאַרטרויט אַ סוד אַז אויך אין געטאָ האָט זיך געגרינדעט אַן אַנטי־נאַצישע אונטערערדישע אָרגאַניזאַציע, בראש מיט חיים יעלין, וועלכן ער האָט זייער שטאַרק געלויבט. ער האָט מיר אויך געזאָגט, אַז געוויס וועט חיים יעלין זיין פאַראינטערעסירט מיט מיר זיך צו טרעפן און אויסהערן גענויערע פרטים וועגן מיין אויסשפּירגאַנג.

## חיים יעלין און די אונטערערדישע געטאָ־אָרגאַניזאַציע

די באַגעגעניש מיט חיימען איז פאָרגעקומען ניט אַזוי שנעל און ניט אַזוי לייכט. מען האָט פריער אויסגעפאָרשט, וואָס איך שטעל מיט זיך פאָר און צו מען קען צו מיר בכלל האָבן צוטרוי. ערשט נאָכדעם, האָט מען מיר מודיע געווען, אַז חיים איז גרייט מיך אויפצונעמען און מיט מיר צו ריידן. איך האָב זיך פאָרגעשטעלט, אַז איך וועל טרעפן אַ גבר, אַ ברייטפּלייציקן מאַן, ווי עס פּאַסט פאַר אַן אָנפירער פון אַ קאַמפס־אָרגאַניזאַציע. ווי פאַרוווּנדערט בין איך אָבער געוואָרן, ווען איך האָב דערזען פאַר זיך ניט קיין הויכן, מאָגערן און זייער אַ בלייכן בחור מיט פאַרחלומטע אויגן. ער האָט דאַן פאַרלאָזט אַ פאָר לאַנגע וואָנצעס, כדי מען זאָל אים ניט דערקענען. אונדזער געשפּרעך איז ניט געווען קיין לאַנגער. ער האָט מיך אויסגעהערט מיט גרויס אינטערעס. זיינע פראַגן און באַמערקונגען זיינען געווען קורצע און זאַכלעכע.

נאָך דעם שמועס, האָט ער מיך פאַרבונדן מיט שואל פינקעל, וועלכער האָט מיך געדאַרפט אויסשולן מיליטעריש, ווייל פריער האָב איך ניט געדינט אין דער אַרמיי. מען האָט מיך צוקאָאָפּטירט צו אַן אונטערערדישער קעמערל, מיט וועלכער ס׳האָט אָנגעפירט אפרים

סעניאָר. דאָרטן האָב איך געקראָגן דיווערסיע־אויפגאַבעס און געלערנט די טיילן פון אַ ביקס. אַזוי בין איך געוואָרן אַ מיטגליד פון דער אַנטיפאַשיסטישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע אין קאָוונער געטאָ. צוזאַמען מיט מיר זיינען געוואָרן מיטגלידער פון דער אָרגאַניזאַציע וועלוול שאַוולאַן און נאָך צען חברים פון אונדזער גרופּע.

צו יענער צייט זיינען אין דער אָרגאַניזאַציע געווען צוויי שטרעמונגען: איין גרופּע — און דאָס איז געווען די גרעסערע, איז געווען ביי דער מיינונג, אַז מען דאַרף בויען באַהעלטענישן, זיך

חיים יעלין (געטאָ קאָוונע 1942)

באוואָפּענען און אין פאַל אויב מען וועט אונדז אַנטדעקן, זאָל מען זיין גרייט צו שטעלן אַ באַוואָפנטן ווידערשטאַנד און פאַלן ווי העלדן.
די צווייטע גרופּע, און דאָס איז געווען די קלענערע, האָט געהאַלטן, אַז מען דאַרף זיך אַקטיוו אַנטקעגנשטעלן די דייטשן, דורכפירן סאַבאָטאַזש־אַקטן, דערווערבן און אַריינטראָגן געווער אין געטאָ, און אָרגאַניזירן באַוואָפנטע קאַמפּס־גרופּעס, וואָס זאָלן זיך דורכ־רייסן צו די פּאַרטיזאַנער אין די וועלדער.

מיר האָבן געהאַלטן, אַז אַ ווידערשטאַנד אין געטאָ גופא איז ניט עפעקטפול און וועט טראָגן בלויז אַ סימבאָלישן כאַראַקטער און פאַקטיש איז עס נאָר אַ בכבודיקער זעלבסטמאָרד. דאַקעגן

דימע געלפערן — שטעלפאַרטרעטער פון חיים יעלין
אין אונטערערדישן אַנטיפאַשיסטישן קאָמיטעט אין קאָוונער געטאָ

די צווייטע גרופּע האָט געהאַלטן, אַז דאָס דורכרייסן זיך צו די פּאַרטיזאַנער אין די וועלדער איז נאָר אַן אויטאָפּיע און איז פּראַקטיש ניט דורכפירבאַר. די דערפאַרונג האָט דערוויזן, אַז די צוויי גרופּעס וואָס מען האָט אַרויסגעשיקט זוכן פּאַרטיזאַנער, זיינען אונטערוועגס אומגעקומען ניט דערגרייכנדיק דעם ציל. חיים יעלין איז געווען אין קאָמיטעט דער פאַרשטייער פון דער אַקטיווער ווידערשטאַנד־גרופּע, אָבער ער האָט פאַרשטאַנען צו פאַרבינדן די צוויי צילן פוןביידע שטרעמונגען.

אין געטאָ האָט מען געבויט „מאַלינעס" און זיי אויסגענוצט צו באַהאַלטן געווער און זיך געלערנט שיסן. חיים יעלין האָט אויך אַקטיוויזירט דעם ניט קאַמפּספּעציפיקן עלעמענט פון דער באַוועגונג און אים אויסגענוצט צו הילפסטעטיקייט. מען האָט געקראָגן מיטלען צו קויפן געווער און אַמוניציע. מען האָט געשאַפן מעדיקאַמענטן און באַקליידונג פאַר די קעמפער. אַזוי האָבן זיך געשאַפן אין דער אָרגאַניזאַציע צוויי פּאַראַלעל־טעטיקע גרופּעס: די קאַמפּס־גרופּע און צו איר, — דער הילפּס־סעקטאָר.

ווען מען רעדט וועגן חיים יעלין און דעם אונטערערדישן אַנטיפאַשיסטישן קאָמיטעט, קען מען ניט פאַרבייגיין אַזאַ געשטאַלט ווי חיים׳ס שטעלפאַרטרעטער, דימע געלפערן. דאָס זיינען געווען צוויי קעגנגעזעצלעכע כאַראַקטערן, וואָס האָבן איינער דעם צווייטן דערגענצט. חיים, אַ ברויזנדער כאַראַקטער, אַ היציקער, דורכגעמישט מיט אַ סך פאַנטאַזיע און פיל איניציאַטיוו. דימע — דאַקעגן, אַ געלאַסענער, אַ מיושבדיקער מיט אַ שטילן כאַראַקטער, וועלכער האָט געדינט ווי אַ טאָרמאַז פאַר חיים׳ס היציקייט. דערביי איז דימע אויך געווען דער סעקרעטאַר פון דער אָרגאַניזאַציע, און היות ווי קיין סך פּאַפּירן און באַזונדערס נעמען, איז ניט געווען צוועקמעסיק צו האַלטן, האָט דאָס דימע געהאַלטן אין זיין אויסערגעוויינלעכן פּעאיקן קאָפּ. דימע האָט ניט נאָר געהאַלטן אין זכרון די נעמען פון די אָרגאַניזאַציע־מיטגלידער, ער האָט זיי אויך געקענט כאַראַקטעריזירן, אָפּשאַצן זייערע מעלות און חסרונות. דימע האָט שטענדיק געזוכט צו געפינען אַ געמיינזאַמע שפּראַך מיט אַנדערש־דענקנדע עלעמענטן אין דער אָרגאַניזאַציע און צו־

גלייך געקענט פֿאַרבינדן און אויסניצן די אינטערעסן פֿון קאַמפּס־פּעאיקן און ניט־קאַמפּס־פּעאיקן עלעמענט. דאָס איז אויך דימעס ניט קליינער פֿאַרדינסט. דימעס מיושבדיקייט איז אין קיין פֿאַל ניט געווען אַ פּועל־יוצא פֿון פּחדנות, גיכער פֿון פֿאַרזיכטיקייט.

אין געטאָ האָט מען געהאַלטן דעם אַנטיפֿאַשיסטישן קאָמיטעט פֿאַר אַ קאָמוניסטישן און די מיטגלידער פֿון דער אָרגאַניזאַציע — פֿאַר „לינקע". פֿאַקטיש איז אָבער דער קאָמיטעט ניט געווען קיין אויסגשפּראָכן קאָמוניסטישער. עס זיינען געווען אין אים פֿאַרטראָטן מיטגלידער וועלכע האָבן קיין שום געמיינזאַמעס ניט געהאַט מיט קאָמוניזם *. שוין דער נאָמען אַליין — „אַנטיפֿאַשיסטישער קאָמי־טעט", האָט אָנגעוויזן, אַז ווער עס איז קעגן פֿאַשיזם, קען אין אים זיין פֿאַרטראָטן. אויך די מיטגלידער פֿון דער אונטערערדישער אָרגאַניזאַציע זיינען ניט געווען קיין אויסגעשפּראָכן לינקע. עס זיינען צווישן זיי געווען געוועזענע ציוניסטן און, אַפֿילו רעוויזיאָ־ניסטן. דאָס זיינען אַלע געווען מענטשן, וועלכע זיינען געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז אָן דער פֿאַרבינדונג מיט די קאָמוניסטן פֿון דרויסן, מחוץ די געטאָ, קען קיין אַקטיווער קאַמף קעגן די נאַציס ניט זיין עפֿעקטיוו. אַלע אונטערערד־אָרגאַניזאַציעס אין געטאָ, וועלנדיק אויסהיטן זייער ציוניסטישן גייסט, זיינען ערשט שפּעטער געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז אָן אַן אַלגעמיינער פֿאַרבינדונג, קען קיין עפֿעקטפֿולער אַקטיווער קאַמף ניט זיין. אָבער אין דער ערשטער סטאַדיע האָבן זיי געמיינט אַנדערש און דאָס איז געווען זייער פֿעלער. ווי זאָגט מען דאָס: „די חסידים מיינען אַז זיי האָבן אַ רבין און די מתנגדים מיינען, אַז זיי דאַרפֿן ניט קיין רבין".

די מיטגלידער פֿון דער אַנטיפֿאַשיסטישער אָרגאַניזאַציע האָבן געמיינט אַז זיי האָבן „געכאַפּט גאָט פֿאַרן באָרד", פֿאַרבינדנדיק זיך מיט דעם אונטערערדישן שטאָטישן פּאַרטיי־קאָמיטעט. דערביי האָט מען פֿון דעם שטאָטישן פּאַרטיי־קאָמיטעט קיין פּראַקטישע

* די קאָמוניסטן פֿון אַנטיפֿאַשיסטישן קאָמיטעט זיינען אָפֿיציעל געוואָרן פּאַרטיי־מיטגלידער ערשט אין אָקטאָבער 1943 לויט דער איניציאַטיוו פֿון אַלבינע־גלעזעריטע.

נוצן ניט געהאַט. זיי האָבן אונדז פּאַקטיש געהאָלפן נאָר מיט עצות. דער איינציקער פון זיי פּיאָטר טראָפּימאָוו, וועלכער האָט אַקטיוו געהאָלפן דער געטאָ־באַוועגונג, האָט דאָס געמאַכט פון זיין אייגענער איניציאַטיוו. דער שטאָטישער פּאַרטיי־קאָמיטעט האָט גיכער אויסגענוצט די טעטיקייט פון דער אַנטיפאַשיסטישער אָרגאַ־ניזאַציע אין געטאָ צו זיינע צוועקן, צושרייבנדיק פאַר זיך זייערע אַלע אויפטוען און דערפּאָלגן. מיר האָבן פון זיי נאָר געהאַט דעם אָפיציעלן צוזאָג: „אונטער דער אָנפירונג פון אונטערערדישן קאָוונער שטאָטישן פּאַרטיי־קאָמיטעט". און דאָס אַליין האָט אונדז געהאָלפן זיך שפּעטער פּאַרבינדן מיט דער פּאַרטיזאַנער באַוועגונג.

די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס אין געטאָ האָבן צוערשט גע־מיינט, אַז זיי דאַרפן קיין „רבין" ניט און דערפאַר האָבן זיי אַביסל פּאַרשפּעטיקט מיט זייער אַלגעמיינער קאַמפּס־פּאַרבינדונג.

ווען איך בין צוריקגעקומען אין געטאָ פון מיין גאַנג אויף מזרח, בין איך אַ געוויסע צייט געווען קראַנק. און נאָכדעם האָב איך אָנגעהויבן אַרבעטן אין אַ בריגאַדע „טעכנישעס האופּטאַמט" ביים גענעראַל־קאָמיסאַריאַט. אַלע אינזשיניערן און טעכניקער זיינען דאָרט געווען ס.־ס.־לייט. אונדזער קאָלאָנען־פירער איז געווען ראובן קנעבל. די דייטשן, וואָס האָבן אויף אונדז אויפ־געפּאַסט זיינען געווען פידלער און טעטשנער — ביידע ס.א.־לייט. די בריגאַדע האָט זיך געפונען אין אַ געוועזענער ליטווישער גימ־נאַזיע אין דירעקטער שכנות מיט דער געסטאַפּאָ.

## מיין ערשטער געגנבעטער פּיסטאָלעט

מיר האָבן געאַרבעט אין קעלער. איך אַלס אַ גלעזער, כאָטש קיין גלעזער בין איך קיינמאָל ניט געווען. נאָר וועלוול שאוולאַן האָט מיר געשענקט אַ דימענט צום שניידן גלאָז, ער האָט מיר אייניקע מאָל דערלערנט די מלאכה און איך בין געוואָרן אַ גלע־זער־מייסטער. אמת, איך האָב מער צעבראָכן גלאָז ווי אַריינגע־שטעלט אין די ראַמען. אָבער דאָס האָט געהערט צום פאַך. אַרויס־גיין פון קעלער אין דער הויף איז געווען שטרענג פאַרבאָטן, סיידן

אויב מיר האָבן געהאַט דאָרטן צו טאָן מיט אַ באַשטעלונג פון די דייטשן. די צייט פון צוועלף ביז איינס בייטאָג איז ביי זיי געווען „מאָלצייט" און קיינער פון זיי פלעגט זיך אין דער צייט ניט געפינען אין זייערע אַרבעטס־רוימען.

איינמאָל האָב איך ריזיקירט און אין דער צייט אַרויף אין דער הויף. אין אַן אָפענעם אַרבעטס־רוים איז אויף אַ טיש געלעגן אַ רימען און צו אים צוגעטשעפּעט אַ קאַבורע מיט אַ פּיסטאָלעט. איך האָב ניט געקענט אויסהאַלטן דעם נסיון און אַרויסגעשלעפּט דעם פּיסטאָלעט פון קאַבורע. איך בין אַנטלאָפן אין הויף הינטער דעם גאַראַזש, פאַרוויקלנדיק דעם פּיסטאָלעט אין אייניקע שמאַטעס, וואָס האָבן זיך דאָרטן געוואַלגערט און אים באַגראָבן אין דער ערד *. איך בין געווען זיכער, אַז קיינער האָט מיך ניט געזען, אָבער מיין האַרץ האָט ביי מיר געקלאַפּט זייער שטאַרק.

ווי עס האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן, האָט מיך באַמערקט אַ יידישער סאַניטאַר־טעכניקער, וועלכער איז געווען אויבן, אין בית־שימוש. דער סאַנטעכניקער איז געווען שלמה ברוין, וועלכער האָט געהאַט דאָס רעכט צו אַרבעטן אויבן און קאָנטראָלירן פון צייט צו צייט די סאַניטאַרע איינריכטונגען. ער האָט, אָבער גע־שוויגן און אַפילו מיר ניט געגעבן אַ סימן, אַז ער ווייסט דערפון. ערשט אַ צייט שפּעטער האָט ער מיר אויסגעזאָגט דעם סוד.

אין דער צייט איז דער דייטש געקומען צוריק צו דער אַרבעט און האָט ניט געפונען דעם פּיסטאָלעט אין דער קאַבורע, האָט ער געמאַכט אַ טומל. צוערשט האָט ער געמיינט, אַז זיינע חברים האָבן אים אָפּגעטאָן אַ שפּיצל. מען האָט וועגן דעם געמעלדעט דער געסטאַפּאָ (אינטערעסאַנט, אַז די געסטאַפּאָ האָט אַפילו ניט חושד געווען, אַז די יידן האָבן דאָס געקענט אָפּטאָן). זיי האָבן אונדז געפּאַרשט, צו מיר האָבן ניט געזען אַרומדרייענדיק זיך דאָ ליטווינער אין דער צייט פון דער מיטאָג־פּאַוזע. מיר האָבן אַלע,

* שפּעטער האָב איך אים אַריבערגעטראָגן אין דערבייאיקן הויף, ווו עס האָבן געלעבט געסטאַפּאָווצעס און דאָרטן אים באַהאַלטן הינטער זייער גאַראַזש. דאָס אַלץ האָב איך געטאָן פון 12 ביז 1 בייטאָג, ווען קיינער פון די דייטשן איז ניט געווען אַנוועזנד אין זייערע ביוראָען.

פה אחד, געמעלדעט, אַז אונדז איז פאַרבאָטן צו געפינען זיך אין דער הויף און דעריבער האָבן מיר קיינעם פון זיי ניט געזען.

ערשט אין איניקע טעג אַרום, אַז דער ענין מיטן פּיסטאָלעט האָט זיך איינגעשטילט, האָב איך אַרויסגענומען דעם פּיסטאָלעט פון באַהעלטעניש און אים געבראַכט אין געטאָ. דאָס איז נאָך געווען אין דעם פעריאָד, ווען מען האָט מיך אויסגעפּראָבירט צו איך בין פּאַסיק פאַר דער אָרגאַניזאַציע און צו מען קען זיך אויף מיר פאַרלאָזן. דעם פּיסטאָלעט האָב איך אַוועקגעגעבן חיים יעלינען אַלס מתנה.

חיים יעלין און משה מוסעליס
ביים קאָנטראָלירן אַריינגעשמוגלטן געווער אין קאָוונער געטאָ (1943)

## אונדזערע סאַבאָטאַזש־אַקטן

ווי שוין געזאָגט, האָט מען מיך אָנגענומען אין דער אָרגאַ־ניזאַציע נאָך דער פּרוּווּנג. מיין ערשטער בריגאַדיר איז געווען לוסקע אַלקין און שפּעטער שואלקע פינקעל. דאָס איז געווען אין

פרילינג 1942. צו דער צייט האָט מען אין די אונטערערדישע קע־מערלער פאַרטיילט צווישן די מיטגלידער אויסצופירן אויפגאַבעס פון סאַבאָטאַזש און דיווערסיע־אַקטן אויף די אַרבעטס־פּלעצער. מיר האָבן נאָכדעם געדאַרפט אָפּגעבן אַ דין־וחשבון דער אָנפירונג פון די אַדורכגעפירטע דיווערסיע־אַקטן און דאָס איז שפּעטער דער־ציילט געוואָרן אין אַלע קעמערלער, כדי זיך צו טיילן מיט דער דערפאַרונג.

אונדזער אַרבעטס־בריגאַדע איז געשיקט געוואָרן אויסלאָדן אייניקע הונדערט עלעקטרישע אויוונס, וואָס זיינען אָנגעקומען פון דייטשלאַנד. די אויוונס זיינען געווען פון ביידע זייטן מיט קאַכלעס און אינעווייניק זיינען געווען אַ סך ספּיראַלן, וועלכע האָבן גע־דאַרפט געבן די וואַרעמקייט. פירנדיק די אויוונס און ברענגענדיק זיי אין דעם אויסלאַדונגס־אָרט, האָבן אונדזערע חברה, אברהמ׳קע עלקין, שלמה׳קע יודעלעוויטש, קאַדישקע (זיין פאַמיליע געדענק איך ניט) און איך, אַרויסגענומען פון די אויוועלער די ספּיראַלן און זיי אַריינגעוואָרפן אין בית־שימוש, וואָס איז געווען אויפן הויף. עלקין האָט נאָך ריזיקירט און געבראַכט אַ טייל פון זיי אין געטאָ און דאָרטן געהאַנדלט מיט זיי...

ווען די דייטשן האָבן אָנגעהויבן אויספּראָבירן די אויוונס און דערזען, אַז זיי וואַרעמען ניט, איז זיי ניט איינגעפאַלן, אַז אַזאַ „שטיקל אַרבעט״ האָבן געקענט אָפּטאָן יידן. זיי האָבן באַשלאָסן, אַז דער סאַבאָטאַזש־אַקט איז דורכגעפירט געוואָרן אין דעם פאַר־לאַדונגס־אָרט. און אָט זיינען אָנגעקומען קאַסטנס מיט גלאָז וועלכע מיר האָבן געדאַרפט אויסלאָדן. די קאַסטנס האָט מען ניט געטאָרט קאַנטעווען ביים אויסלאָדן, ווייל אין אַזאַ פאַל צוברעכט זיך אינעווייניק די גלאָז, און אָט אַזוי, שרייענדיק „ניט קאַנטן!״ האָבן מיר יאָ „געקאַנטעוועט״, ווען דער אויפזעער פלעגט זיך פאַר־קוקן. אַז מען האָט די קאַסטנס גלאָז געבראַכט אויף דעם באַ־שטימונגס־אָרט, האָט מען אין אַ סך קאַסטנס נאָך דעם, געפונען בלויז שערבלער. מען האָט, אָבער, ניט געקענט פעסטשטעלן ווו־עס זיינען צעבראָכן געוואָרן די קאַסטנס גלאָז, צו ביים פאַרלאָדן, אָדער ביים אויסלאָדן זיי. אַ פאַקט איז, אַז מיר האָבן געשריען:

„ניט קאָנטן!״, האָבן מיר דאָך דאָס גלאָז צוברעכן ניט געקאָנט!

אַנטקעגן אונדזער אַרבעטס־פּלאַץ האָט זיך געפונען די בראַנפן־פאַבריק „סטומבראַס״. ווען די רוסן האָבן באָמבאַרדירט קאָוונע איז אויף דער גאַנצער קעסטשיאַ־גאַס אויסגעהאַקט געוואָרן די שויבן. און פאַרשטייט זיך, אַז אויך אין „סטומבראַס״. אַזוי ווי זיי האָבן אָנגעבאָטן אונדזערע אַרבעטסגעבער שנאַפּס פאַרן אַריינשטעלן ביי זיי די שויבן, האָט מען מיך מיט אַ גרופּע העלפערס געשיקט צו זיי אויף דער אַרבעט. איך בין אין דער בריגאַדע געווען דער גלעזער. אַלס אַרבעטס־אָרט, האָט מען אונדז צוגעטיילט אַ שטאָל און מען האָט אַהין געטראָגן די ראָמען פון די פענצטער, און מיר האָבן זיי געדראַפּט פאַרגלאָזן.

די ערשטע זאַך האָט אברהמ׳קע עלקין אויסגעפונען, אַז אין שטאָל איז דאָ אַ קעסטל ביר, האָבן מיר גענומען טרינקען די ביר בשתיקה. מיר האָבן זיך געכאַפּט, אַז צוליב די ליידיקע פלעשלעך וועט מען אונדז פּאַקן און מיר וועלן קריגן דערפאַר אַ האַרבע שטראָף, האָט עלקין אויך צו דעם אויסגעפונען אַ גוטע עצה. ביר ווי באַוווּסט, ווערט זייער גיך איבערגעאַרבעט דורך דעם מענטשנס מאָגן, וועלן מיר זיי אָנפילן די פלעשלעך אויף צוריק און נאָך מיט אַ „שוים״ דערצו... ווען מיר האָבן געענדיקט אַרבעטן אין „סטומבראַס״, האָט אונדז דער דייטש טעטשנער געמאַכט אַזאַ אויסרייד, אַז לויט די גלאָז, וואָס מיר האָבן דאָרט פאַרברויכט, זעט אויס, אַז מען האָט אונדז געבראַכט די ראָמען פון דער גאַנצער גאַס. איך האָב אים אויף דעם געענטפערט, אַז דאָס האָב איך ניט געקענט קאָנטראָלירן צו די ראָמען זיינען זייערע, אָדער פון אַנדערשווו. אַזוי ווי זיי האָבן דערפאַר געקראָגן באַצאָלט מיט שנאַפּס, האָבן זיי צו אונדז שטאַרק זיך ניט געקענט טשעפּען.

איינמאָל האָט מען אונדז געשיקט אויסלאָדן זאַלץ אין זעקלער, פון וואַגאָנעס, דאָס האָבן מיר געדאַרפט ברענגען אויף שאוליו־גאַס, אין אַ קלויז, וואָס מען האָט פאַרוואַנדלט אין אַ סקלאַד. אַזוי ווי מיט דער אַרבעט האָט אָנגעפירט אַ ליטווישער שאָפער לאַפּייקאַ, האָבן מיר אים איבערגערעדט, און דאָס איז אונדז ניט אָנגעקומען שווער, צו פאַרקויפן אונטערוועגס אַ טייל

פון די זאַלץ דער באַפעלקערונג. און עס איז אַוועק אַ גרויסער האַנדל. אין צייט פון קריג איז זאַלץ געווען אַ דעפיציט־אַרטיקל.

אויך אין אַנדערע בריגאַדעס זיינען דורכגעפירט געוואָרן סאַ־באָטאַזש־אַקטן. און אַלץ צוזאַמען האָט דאָס די דייטשן אַנגעמאַכט גרויסן שאָדן. אויסער די סאַבאָטאַזש־אַקטן האָט מען ביי די דייטשן פּשוט געגנבעט, כאָטש מען האָט דאָס געגעבן אַן איידעלן נאָמען, „עקספּראָפּריאַציעס". אַנטקעגן אונדזער אַרבעטס־פּלאַץ, איז אויסער „סטומבראַס" געווען אַ לאַזאַרעט. ווו עס איז אַמאָל געווען דער לעטישער קאָנסולאַט. דאָרטן האָט געאַרבעט אַ יידישע קראַנקן־שוועסטער ביי שוואַרצע אַרבעט — אסתרקע יאַסעלעוויטש. זי פלעגט קומען צו דער אַרבעט צוזאַמען מיט אונדזער בריגאַדע, פלעגט זי פון דאָרטן צוגנבענען פאַרבאַנד־שטאָף, יאָד, ריוואַנאָל און אַנדערע דעפיציט־מעדיצין־תרופות און דאָס פלעגט זי מיר איבערגעבן פאַר דער אונטערערדישער אָרגאַניזאַציע.

איינמאָל האָט זי פון דאָרטן צוגעגנבעט 14 ליטווישע פּעסער מיט אַרבעטס־ביכלער. דאָס איז פאַר אונדז געווען באַזונדערס וויכטיק. דער סוף איז געווען, אַז איינער פון די דייטשע דאָקטוירים האָט זיך אין איר פאַרליבט און איז מיט איר אַוועקגעפאָרן קיין ווין. וואָס דאָרטן איז ווייטער מיט איר געוואָרן איז ניט באַוווּסט.

ביי אונדז אין דער בריגאַדע האָט געאַרבעט שלמה׳קע יודע־לעוויטש, אַ זון פון אַרטשיק יודעלעוויטש, אַ באַנקיר פון ווילקאָמיר. דער דאָזיקער בחור איז געווען אין עלטער פון 19 יאָר. ער האָט נאָך ניט פאַרשטאַנען די ערנסטקייט פון אונדזער יידישער לאַגע און מיר פלעגן אים ניט אָנטרויען קיין ערנסטע אויפגאַבעס. אָבער פון נאַטור איז ער קיין פּחדן ניט געווען. ער האָט געהאַט אַ קוזינע רחלע טיינאָוויטש, זי האָט אויך געאַרבעט אַלס קראַנקן־שוועסטער אין קריגס־לאַזאַרעט, אויפן באַרג. זי איז געווען פון מיר רעקאָ־מענדירט אַלס מיטגליד פון דער אונטערערדישער אָרגאַניזאַציע.

אַזוי ווי זי איז געווען זייער אַ שיינע מיידל, האָט דער שעף־אַרצט פון קריגס־לאַזאַרעט באַשלאָסן איר צו ראַטעווען און ער האָט דאָס איר פאַרגעשלאָגן. צוערשט האָט זי ניט געוואָלט איינשטימען, אָבער צום סוף האָט זי מסכים געווען מיטן תנאי, אַז ער זאָל

אויף ראַטעווען איר קוזין שלמה׳קע. דער שעף־אַרצט האָט מסכים געווען. שלמה׳קע האָט ניט שטאַרק גענומען ערנסט די לאַגע און ער פלעגט אָפט אַרויספאָרן פון לאַזאַרעט מיטן וועליסאָפּעד, זיך דורכשפּאַצירן דורך קאָוונע. איינמאָל האָט אים דערקענט דער שאָפער לאַפּייקאָ און ער האָט אים געמסרט, און די געסטאַפּאָ האָט צוגענומען ביידן, שלמה׳קען מיט רחל׳ען. שפּעטער, נאָך דער באַפרייונג, האָט מיך אויפגעזוכט אַ ליטווישע פרוי און האָט מיר איבערגעגעבן אַ צעטל פון רחלען. די פרוי איז געווען אין איין צעלע מיט רחלען אין דער „געלער טורמע". דאָס צעטל איז געשריבן געוואָרן קורץ פאַר איר טויט. זי האָט באַדויערט וואָס זי האָט זיך געלאָזט איינריידן פון דעם דייטש און אַזוי אַרום אויפגעהערט אַרבעטן לטובת דער אונטערערדישער געטאָ־אָרגאַניזאַציע. זי איז געווען אַ גוטע און נוציקע קעמפערין.

## געווער אין געטאָ

צו דער זעלבער צייט זיינען געמאַכט געוואָרן עקספּראָפּריאַציעס. חברים האָבן געגנבעט געווער. שרה רובינסאָן די פרוי פון משה רובינסאָן, וועלכער איז געווען דער סעקרעטאַר פון דער קאָמיוגישער אָרגאַניזאַציע אין געטאָ, האָט אַריינגעטראָגן אין געטאָ אַ ביקס, טיילנוויז. דאָס איז צו יענער צייט געווען דאָס איינציקע לאַנגע געווער אין געטאָ אויף וועלכן מען האָט זיך געלערנט אין די קעמערלעך ווי אַזוי זיך צו באַגיין מיט דעם. וויפל מען האָט אַריינגעטראָגן אין געטאָ פּיסטאָלעטן איז קיין קאָנטראָל ניט געווען, ווייל אַ טייל חברים האָבן איבערגעלאָזן אַזאַ געווער ביי זיך. ס׳איז, צום ביישפּיל, געווען באַוווּסט, אַז אַלע פינף פון ירחמיאל בערמאַנס מענטשן האָבן געהאַט פּיסטאָלעטן. אגב, ירחמיאל בערמאַן האָט געפּרוּווט אַריינטראָגן אין געטאָ אַ ראַקעטן־פּיסטאָלעט און מען האָט דאָס ביי אים געכאַפּט ביים געטאָ־טויער. ער איז אַרעסטירט געוואָרן פון דער געסטאַפּאָ. צוליב פּאַרזיכטיקייט־טעמים, האָט מען פאַנאַנדערגעלאָזן אַלע קעמערלעך פון דער אונטערערדישער אַנטיפאַשיסטישער אָרגאַניזאַציע. דער סוף איז

געווען, אַז ליפּצער, דער בריגאַדיר פון געסטאַפּאָ אַרבעטס־בריגאַדע, האָט ירחמיאלן באַפרייט. ווי דאָס איז אים געלונגען האָט געוווסט, מסתמא, נאָר ער אַליין.

*

די אונטערערדישע קעמערלער זיינען, אָבער, ניט באַנייט געוואָרן אַ גאָר לאַנגע צייט נאָך ירחמיאל׳ס באַפרייונג. עס מוז באַמערקט ווערן, אַז ירחמיאל און זיינע מענטשן, כאָטש זיי האָבן מיטגעאַרבעט מיט דער אונטערערדישער אַנטיפאַשיסטישער אָרגאַניזאַציע, האָבן זיי זיך אָבער געהאַלטן אָפּגעזונדערט פון איר און זיינען געווען טעטיק זעלבסשטענדיק. מען האָט זיי גערופן „דער שוואַרצער שטאַב״.

ניט געקוקט אויף דעם, וואָס זיי האָבן מיט זייערע טאַטן געשוואַרצט די אונטערגרונד־באַוועגונג, האָט מען זיך אָבער מיט זיי גענוצט אויף אַלע שוואַרצע אַרבעט. חוץ דעם איז צווישן זיי געווען חיים ליפּמאַן, אַ פּעיקער שלאָסער־מעכאַניק און סאַנטעכניק, וועלכער פלעגט צורעכטמאַכן געווער פאַר דער אָרגאַניזאַציע. ער פלעגט נאָכמאַכן שליסלען און נאָך אַ סך פאַרשיידענע ענלעכע אַרבעטן. צווישן זיי איז אויך געווען מנשה׳קע סאַפּאָזשניקאָוו, וועלכער איז געווען דער פאַרבינדלער צווישן ליפּצערן און אונדזער אָרגאַניזאַציע. ער פלעגט זיך געפינען ביי חיים יעלינען. איינמאָל פּלוצלינג זיין פּיסטאָלעט, האָט ער פאַרוווּנדעט חיימען אין האַנט, און עס איז ניט אויפגעקלערט געוואָרן צו דאָס איז געווען בכוונה, אָדער ניט ווילנדיק. אַלע ירחמיאל׳ס מענטשן זיינען געווען זייער דרייסטע יונגען און אַלס אַזוינע זיינען זיי געווען זייער נוצלעך פאַר דער אָרגאַניזאַציע. מנשהקע סאַפּאָזשניקאָוו איז שפּעטער אומגעקומען העלדיש אין קאַמף מיט דער געסטאַפּאָ אויף יאַנעווער גאַס.

צווישן זיך זיינען די דאָזיקע מענטשן אויך ניט שטענדיק געווען אייניק און יעדערער פון זיי איז אָפּטמאָל געווען טעטיק זעלבסטשטענדיק. דער איינציקער פון זיי איז נאָר געווען ירחמיאל, וואָס איז אַרויס שפּעטער אין קאָזלאָרודער־וואַלד און האָט דאָרטן געגרינדעט אַן אומאָפּהענגיקן אָטריאַד. אַזוי ווי זיי האָבן

# חברים פון דער קאָוונער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע אין געטאָ

רחל כ״ץ,
איינע פון די אַקטיוויסטע קעמפער
פון דער קאָוונער קאַמפּס־אָרגאַניזאַ־
ציע. אַריינגעבראַכט געווער אין געטאָ
און אַרויסגעפירט קינדער פון געטאָ.
אומגעקומען בעת אויספּילן אַ פּאַר־
טיזאַנישע אויפגאַבע

מנחם (זשענקאַ) לעווין,
חבר פון דער געטאָ קאַמפּס־אָרגאַני־
ציע. געפאַלן בעת דעם מאַרש צו די
אַווגוסטאָווער וועלדער

חברים פון דער אונטערערדישער
קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע אין קאָוונער
געטאָ. פון רעכטס: דוד גאָלדין (אומ־
געקומען אין וואַלד), אַלתר פייטלסאָן,
ישראל גאָלדבלאַט (ביידע אין ישראל)

לייב געמפּעל,
איינער פון די ערשטע געטאָ־קעמפער
וועלכער איז אַנטלאָפן אין וואַלד.
געפאַלן בעת אַ קאַמף ניט ווייט פון
קיישאַדאָריס

מיט קיינעם נים געהאַט קיין פאַרבינדונג, האָט מען אויך ניט גע־וווּסט פון זייערע אויפטוען.

וועגן דער קאָנספּיראַטיווקייט פון אונדזער אונטערערדישער באַוועגונג איז גערעדט געוואָרן זייער פיל אין די קעמערלעך, און איך מוז זאָגן, אַז די פּשוטע מיטגלידער האָבן זיך זייער ערנסט באַצויגן צו דעם און האָבן אָפּגעהיט די קאָנספּיראַטיווקייט.

ניט געקוקט אויף דעם האָט מען אין געטאָ געוווּסט וועגן אונדז און מען האָט וועגן אונדז גערעדט. דאָס איז געווען נאָר אַ רעזולטאַט פון דער ניט ערנסטער שטעלונג צו דער קאָנספּי־ראַטיווקייט מצד דעם אָנפירנדיקן עלעמענט. חיים יעלין, כדי ניט צו ווערן דערקענט, האָט פאַרלאָזן וואָנצעס. קוקנדיק אויף אים האָבן אויך אַ טייל קאָמיטעט־מיטגלידער פאַרלאָזן וואָנצעס. און ניט נאָר די קאָמיטעט־מיטגלידער, נאָר אויך אַלע חברים וועלכע זיינען געווען נאָענט צו חיימען. דאָס איז געוואָרן אַזוי אויפפאַלנד, אַז מען האָט אונדזער אָרגאַניזאַציע אין געטאָ גערופן „די וואָנ־צענדיקע". פון איין זייט כאַראַקטעריזירט דאָס אויף ווי ווייט חיים איז געווען געערט פון די חברים און מען האָט געוואָלט כאָטש מיט די וואָנצעס זיין ענלעך צו אים און זיין גלייך צו אים. אָבער פון דער אַנדערער זייט, ווייזט דאָס דעם נעגאַטיוון כאַראַקטער פון דעם אַזוי גערופענעם „קעפל", אַז מען האָט מער געלייגט אַכט אויף דאָס אויסערלעכע. עס מוז אויך באַמערקט ווערן דער פּאָזיטיווער כאַראַקטער פון די געטאָ־מענטשן, וועלכע האָבן געוווּסט וועגן אונדז און וועגן אַ סך פון אונדזערע מענטשן, אָבער, קיינע מסירות איז פּאַקטיש ניט געווען. אויסער איינצלנע פאַלן וועגן וועלכע איך וועל זיך שפּעטער אָפּשטעלן.

## דער געראַנגל פאַר אַ געאייניקטן קאַמף־פראָנט

כדי די אָרגאַניזאַציע־מיטגלידער זאָלן קענען אַרבעטן מיט דערפאָלג, איז דערצו זייער נויטיק געווען די הילף פון פאַרשיי־דענע פאַקטאָרן ווי דער אַרבעטס־אַמט, עלטעסטן־ראַט און פאַ־

ליציי. צו דעם צוועק האָט מען אין דער ערשטער צייט אַ טייל פון אונדזערע חברים אַריינגעצויגן אין דער פּאָליציי, אַ טייל אין אַרבעטס־אַמט. און דורך שמעון ראַטנער, וועלכער איז געווען אַ מיטגליד אין אונטערערדישן קאָמיטעט, האָט מען געהאַט אַ פֿאַרבינדונג אויך מיט דעם עלטעסטן־ראַט. אין דער פּאָליציי האָבן פון אונדז געאַרבעט — חיים דוד ראַטנער, פּאַדיסאָן, צוויי בירגערס און איינער אַ ווײַנער. אין אַרבעטס־אַמט — דוד מאַרקאָווסקי. שפּעטער האָט זיך דאָס אַרויסגעוויזן פאַר ניט גענוג און מען האָט אָנגעהויבן צו זוכן מיט די אויבנדערמאָנטע אָרגאַניזאַציעס גרעסערע פאַרבינדונגען. אַזוי ווי זיי אַלע זיינען פאַקטיש געווען אונטער דער ווירקונג פון די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס, האָט מען אָנגעהויבן זוכן פאַרבינדונגען מיט די ציוניסטישע גרופּירונגען. איך מוז זאָגן, אַז די איניציאַטיוו זיך צו פאַרבינדן מיט די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס, איז געווען אַ קעגנזייטיקע. צו דער אָנערקענונג איז מען געקומען צו דער זעלבער צייט פון ביידע צדדים. ביי אונדז האָט מען די פאַרבינדונג מיט די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס אָנגערופן — „דער צווייטער פראָנט".

אין אָנפאַנג האָבן ביידע צדדים ניט געהאַט קיין צוטרוי איין צד צום צווייטן, און אויף אַלע קליינקייטן זיינען געגאַנגען לאַנגע דיסקוסיעס. שפּעטער איז דאָס צוטרוי איינע צו די אַנדערע, געוואַקסן און אַלע פראַגן זיינען געלייזט געוואָרן אַפּעראַטיוו. אין דעם האָבן פון דער ציוניסטישער זייט זייער פיל מיטגעהאָלפן — הירש לעווין פון עלטעסטן־ראַט און משה לעווין, פון דער פּאָליציי. פון אונדזער זייט האָט אין דעם זייער גרויסע פאַרדינסטן, דימע געלפּערן, צו וועמען די ציוניסטן האָבן געהאַט אַ גרויסן צוטרוי.

די פאַרבינדונג צווישן די ציוניסטישע און אַנטיפאַשיסטישע אָרגאַניזאַציעס, האָט ניט נאָר לייכטער געמאַכט די טעטיקייט פון ביידע צדדים, עס איז געוואַקסן דער אויטאָריטעט פון דער אונטערערדישער טעטיקייט אין די אויגן פון ליפּצערן און מאַרגאָליס, וועלכע זיינען געווען פאַרקויפט צו די דייטשן. זיי האָבן אין דער אונטערערדישער טעטיקייט דערפילט אַ קראַפט פון מאַסן, פאַר וועלכע זיי האָבן זיך שטאַרק דערשראָקן. ביידע האָבן אָנגע־

הויבן פון זייער אייגענער איניציאַטיוו זיך דערנענטערן צו דער אונטערערדישער באַוועגונג, און מען האָט דאָס פאַרשטאַנען ריכ־טיק אויסצונוצן.

די צילן פון דער פאַרבינדונג מיט די ציוניסטישע אָרגאַני־זאַציעס זיינען פוןביידע זייטן געווען, לחלוטין, פאַרשיידענע. מיר האָבן זיי געדאַרפט האָבן, כדי דורך זיי, ווי ווייט מעגלעך, אויס־היטן די אייניקייט פון אונדזער אָרגאַניזאַציע, דאָס הייסט — אַז די



קאָמיטעט פון דער אַנטיפאַשיסטישער אָרגאַניזאַציע אין קאָוונער געטאָ (1942)
פון רעכטס: דימע געלפערן, מערע לאַן, חיים יעלין, משה שערמאַן,
פסח גאָרדאָן (אויפן בילד פעלט אַלטע באָרוכאָוויטש־טעפּער)

מיטגלידער פון אונדזער אָרגאַניזאַציע זאָלן ניט צושפּרייט ווערן אין פאַרשיידענע לאַגערן. דאָס איז געווען אין די אינטערעסן סיי פון דער קאַמפּס־גרופּע, וואָס האָט געזוכט צו פאַרלאָזן די געטאָ און זיך אָנשליסן אין די קעמפנדע אָטריאַדן פון דרויסן און, סיי פון דעם הילפס־סעקטאָר, וועלכע האָבן געוואָלט פאַרבלייבן אין די „מאַלינעס", אין געטאָ און שטעלן אַ ווידערשטאַנד די דייטשן,

נאָר שוין, אין לעצטן פאַל, „אויב די דייטשן וועלן אויפדעקן די מאַלינעס".

די ציוניסטן, אָבער, האָבן אונדז געדאַרפט האָבן נאָר פאַר זייערע קאַמפּס־צוועקן, אויסערן געטאָ, אין די פּאַרטיזאַנער אָט־ריאַדן. פאַר זייערע אינערלעכע אינטערעסן אין געטאָ האָבן זיי אונדז אַבסאָלוט ניט געדאַרפט האָבן. אַזוי אַרום האָט זיך דורך דער פאַרבינדונג מיט די ציוניסטן געשטאַרקט אויך דער אויטאָריטעט און די שטרעבונגען פון דער קאַמפּס־גרופּע אין די רייען פון דער אַנטיפאַשיסטישער־אונטערערדישער אָרגאַניזאַציע. פון דעם איז צו זען ווי ווייט עס איז אין גרונט פאַלש די באַהויפּטונג פון זימאַנאָס, אַז די ציוניסטן האָבן געשטערט דער פּאַרטיזאַנישער באַוועגונג אין געטאָ. די פאַרבינדונג האָט ניט געהאַט קיין כאַראַקטער פון פאַראייניקונג. די פּאָליטיש־דערציערישע און אָרגאַניזאַציאָנעלע אַרבעט איז געפירט געוואָרן ווי פריער — באַזונדער. נאָר פּראָבלעמען, וועלכע האָבן געטראָגן אַ געמיינזאַמען כאַראַקטער האָט מען געלייזט צוזאַמען, הויפּטזעכלעך זיינען דאָס געווען פראַגן פון טעכנישן כאַראַקטער.

די מיטגלידער פון דער אַנטיפאַשיסטישער אָרגאַניזאַציע האָבן געדאַרפט אויך זאַמלען געלט פאַר דער אָרגאַניזאַציע. הויפּט־זעכלעך זיינען די געלט־זאַמלונגען אין דער ערשטער פאַזע פאַר־ווענדעט געוואָרן פאַר די אינערלעכע צוועקן פון דער אָרגאַני־זאַציע, ווי צום ביישפּיל — בויען „מאַלינעס", שטיצע פאַר נויט־באַדערפטיקע חברים און אַנדערע ענלעכע צוועקן. פאַר די קאַמפּס־צוועקן איז נאָך קיין געלט ניט נויטיק געווען. געווער, וועלכע מען האָט אַריינגעטראָגן אין געטאָ זיינען געווען עקספּראָפּריאירט און האָבן קיין געלט ניט געקאָסט. געלט האָט מען געקליבן, ניט נאָר ווי אַ חבר־אָפּצאָל, מען האָט אויך געקליבן פון פאַרמעגלעכע ניט־מיטגלידער פון דער אָרגאַניזאַציע. אַזוי צום ביישפּיל, האָבן גע־צאָלט אַ מאָנאַטלעכן אָפּצאָל ביידע ברידער — חיים און אליהו ראָם, געוועזענע בעלי־בתים פון פאַבריק „לימאַ", משה קאַפּלאַן, דער געוועזענער פאַרוואַלטער פון פאַבריק „גומאַ" און אַרטשיק יודעלעוויטש, געוועזענער באַנקיר פון ווילקאָמיר. שפּעטער, ווען

עס איז נויטיק געווען אַ סך געלט צו קויפן געווער און צאָלן פאַר די מאַשינעס אויף אָפּצופירן קעמפער פון געטאָ, האָט מען פון די אויבנדערמאָנטע מענטשן, און אויך פון אַנדערע, געקראָגן אויך גרעסערע סומעס געלט. דאָס ווייזט אָן, אַן איבעריקן מאָל, ווי די פאַרשיידענע געזעלשאַפטלעכע־שיכטן פון געטאָ האָבן זיך באַצויגן מיט גרויס ערנסט און אַכטונג פאַר דער קאַמפּס־טעטיקייט קעגן די נאַציס.

געלט איז אויך געווען נויטיק פאַר אַן אָרגאַניזירטער אַרבעט פון איינאָרדענען געטאָ־קינדער ביי קריסטלעכע משפחות אויסערן געטאָ. אויף דעם געביט האָבן באַזונדערס זיך אויסגעצייכנט די פרויען פון דער אָרגאַניזאַציע: אידאַ שאַטער און בריינקע בלאַ־שטיין („דער קאָזאַק״).

## נויטווענדיקייט פון אַקטיוון קאַמף אין וואַלד

אַז מען דאַרף ניט בלייבן גלייכגילטיק צו די דייטשע רוצחים זיינען אַלע געווען מסכים. אַז מען דאַרף זיי שטעלן אַ ווידער־שטאַנד זיינען אויך אַלע געווען איניק. די פראַגע איז נאָר געווען וועלכע פאָרמען פון ווידערשטאַנד דאַרף מען אָננעמען?

די פּרוּוון זיך צו פאַרבינדן מיט פּאַרטיזאַנער אין משך פון צוויי יאָר זיינען ניט געלונגען, כאָטש אַזעלכע פּרוּוון זיינען גע־מאַכט געוואָרן אָרגאַניזירט און אויך פון דער פּריוואַטער איני־ציאַטיוו. ס'איז געבליבן נאָר דורכצופירן אָרגאַניזירט סאַבאָטאַזש און דיווערסיע־אַקטן אויף די אַרבעטס־פּלעצער.

די געטאָ האָט מען פאַרטיילט אין פאַרשיידענע קאַמפּס־ראַיאָנען, אין פאַל ווען דאָס וועט זיין נויטיק. יעדער מיטגליד פון דער אַנטיפאַשיסטישער אָרגאַניזאַציע האָט געוווּסט צו וועלכן קאַמפּס־ראַיאָן ער געהערט און וווּהין ער דאַרף זיך מעלדן אין פאַל פון אַן אַלאַרם. עס זיינען אויסגעטיילט געוואָרן פאַרבינדלערס פון די פאַרשיידענע קאַמפּס־ראַיאָנען, וועלכע האָבן אין פאַל פון אַלאַרם, געדאַרפט איבערגעבן די באַפעלן פון „קעפל״* דורך אַ

* דאָס „קעפּל״ האָט מען אָנגערופן דעם שטאַב פון דער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע.

„קייטעלע". עס זיינען געמאַכט געוואָרן „מאַנעווורעס" און די פאַר־בינדונגס־קייטעלע האָט געלונגען. אין משך פון ווייניקער ווי צוויי שעה זיינען אַלע קאַמפּס־מיטגלידער געווען אויף די ערטער. אַלס געווער האָט געדאַרפט נוצן אַלץ: הייסע, קאַלטע און אַפילו שטיי־נער, וועלכע זיינען אויך צוזאַמענגעקליבן געוואָרן פאַר דעם צוועק. אָבער ניט קוקנדיק אויף דעם אַלץ, האָט עס דעם קאַמפּס־סעקטאָר ניט באַפרידיקט.

מען האָט געפאָדערט פון „קעפּל" ניט אויפהערן צו זוכן פאַר־בינדונגען מיט די פּאַרטיזאַנער. אויף דעם געביט זיינען געווען פיל דיסקוסיעס. די מערהייט האָט געהאַלטן, אַז אַ פאַרבינדונג מיט די פּאַרטיזאַנער אין וואַלד איז נאָר אַן אוטאָפּיע און אַן אומזיסטע ריזיקע וואָס קען קאָסטן פיל מענטשן־לעבנס. סוף־כל־סוף איז אין דעם פאַקטיש פאַרלוירענעם אינערלעכן קאַמף, נאָך צוויי יאָר גע־קומען אַ האָפענונגס־שטראַל: חיים יעלין איז אַרויסגערופן געוואָרן קיין ווילנע צו דער פאַראַשוטיסטקע פון מאָסקווע — „אַלבינע ראַ־זאַליטע" (דער ריכטיקער נאָמען אירער איז געווען געסיע גלעזער). דאָס איז געווען אין יולי 1943.

צוזאַמען זיינען זיי געקומען אין קאָוונע און עס האָבן זיך אָנגעהויבן אין געטאָ ריכטיקע קאַמפּס־רייד. אַלבינע איז געווען אַריין אין געטאָ זיך באַקענען מיט דער טעטיקייט פון דער אונטער־ערדישער אָרגאַניזאַציע. דאָן איז זי צוזאַמען מיט חיים יעלינען אַוועק אין רודניצקער וואַלד צו די קעמפענדיקע פּאַרטיזאַנער. פאַר דעם צוועק האָט מען דורך משה מוסעליס פאַר זיי געשאַפן אַ לייכטן אויטאָ פון „ען־עס־קא־קא" (נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישער קראַפטספאָהר קאָרפּוס). משה מוסעליס האָט געאַרבעט אין דער אַרבעטס־בריגאַדע און איז געווען אויסגעבונדן מיט די דאָרטיקע דייטשן. זיי האָבן מיט אים געמאַכט „געשעפטן", דעריבער איז אים געלונגען פון זיי צו קריגן געוויסע טובות.

חיים און „אַלבינאַ" זיינען אין רודניצקער וואַלד איבערגעבליבן אַ לענגערע צייט. ווען זיי זיינען געקומען צוריק אין קאָוונע (דאָס איז געווען סוף אויגוסט, אָדער אין אָנפאַנג סעפּטעמבער), האָט חיים ביי חנא קאַגאַן אין שטוב, אין געטאָ, צוזאַמענגערופן 8

מענטשן. דאָס זיינען געווען: לייזערקע צאַדיקאָוו; משה זימעלע־וויטש (דער פּאַק); אליהו אַלקין; שואל פינקעל; חיים דוד ראָט־נער; שמואל אינגעל; לאה פּאָרט און איך. חיים האָט אונדז אָפּ־געגעבן אַ בילדערישן באַריכט פון זיין באַזוך אין די רודניצקער וועלדער. ער האָט זיך דאָרטן באַטייליקט אין אייניקע קאַמפּס־אויפגאַבעס, ווי אויפרייסן אַ בריק, באַשיסן אַ דייטשן אויטאָ און אַנדערע מעשים. ער האָט אונדז אויך דערציילט ווי אַזוי מען בויט זיעמליאַנקעס, ווי אַזוי מען באַזאָרגט זיך מיט שפּייז און האָט אונדז בכלל געשילדערט, דאָס לעבן פון פּאַרטיזאַנער אין וואַלד.

מיר אַלע זיינען זייער מיטגעריסן און באַגייסטערט געוואָרן פון זיינע דערציילונגען. ער האָט אונדז געמאָלדן, אַז מיר אַלע זיינען באַשטימט פאַר קאָמאַנדירן פון פּאַרטיזאַנער־גרופּעס, וועלכע וועלן אינגיכן אַרויס פון געטאָ אין וואַלד. צוגלייך האָט ער אונדז, אָבער, געמאָלדן, אַז צוליב סטראַטעגישע צוועקן, האָט מען באַשלאָסן אַז מיר זאָלן גרינדן נייע פּאַרטיזאַנישע באַזעס אין דרום־מערב פון ליטע. מען האָט אים צוגעזאָגט צו געבן הילף אויף די נייע פּאַר־טיזאַנישע באַזעס מיט מענטשן וועלכע וועלן אונדז לערנען פּאַר־טיזאַנער־טאַקטיק. אים זיינען געגעבן געוואָרן די פּסעוודאָנימען פון די מענטשן צו וועלכע מיר וועלן קריגן אויך אַ „פּאַראָל". צוויי פון די פּסעוודאָנימען זיינען נאָך געבליבן אין מיין זכרון, דאָס זיינען געווען: „וואַנאַגאַס" און „בוטענאַס". ווי ס'האָט זיך שפּע־טער אַרויסגעוויזן איז אונטער דעם פּסעוודאָנים „וואַנאַגאַס" אָנ־געגאַנגען דער סעקרעטאַר פון דעם לאַזדייער פּאַרטיי־קרייז־קאָ־מיטעט, גריגאָניס, וועלכער איז געווען טעטיק אַלס קאָמאַנדיר פון אַ פּאַרטיזאַנער־אָטריאַד אין דער געגנט פון מערקינע — וואַרענאָ און, „בוטענאַס" איז אויך געווען אַ קאָמאַנדיר פון אַ פּאַרטיזאַנער־אָטריאַד אין דער זעלבער געגנט. ער איז געווען אַ ייד, אויך אַ פּאַרטיי־אַרבעטער פון לאַזדייער קרייז־קאָמיטעט.

אין דער זעלבער צייט, האָב איך זיך דורך מיין שוואָגער יוסף אינדיכשטיין, באַקענט מיט דעם סקולפּטאָר פון קאָוונער קריגס־מוזעאום, פּראַנאַס באַליעניונאַס. ער איז געווען טעטיק אין דער ליטווישער נאַציאָנאַליסטישער אונטערערד־באַוועגונג אונטער דער

אָנפירונג פון גענעראַל נאַגעוויטשיוס. זייער צוועק איז געווען צו קעמפן פאַר דער אומאָפּהענגיקייט פון ליטע. חיים יעלין האָט מיך באויפטראַגט צו פאַרבינדן זיך מיט זיי וועגן אַ צוזאַמענאַרבעט אינעם קאַמף קעגן די דייטשן. איך בין געקומען צו באַליעניונאַס אין שטוב, אויף מאַשואַי דאַרבינינקו גאַס. איך האָב זיך פאַרגעשטעלט פאַר אים אַלס אַ מיטגליד פון דער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע אין געטאָ און אָן גרויסע הקדמות צוגעטראָטן צום עיקר.

נאָך דעם ווי ער האָט מיך אויסגעהערט, האָט ער מיך אַ פרעג געטאָן: „און וואָס טוסטו, אויב איך גיב דיר אַרויס צו דער געסטאַפּאָ?" איך האָב געענטפערט „דאַן ריזיקירסטו מיטן אויפדעקן אויך אייער אונטערערדישע טעטיקייט און, פון דער צווייטער זייט, איז שוין אַזאַ דער גורל פון די אונטערערד־קעמפער — זיי מוזן ריזיקירן, אויב זיי ווילן זיך צו עפּעס דערשלאָגן".

אים איז עס געפעלן געוואָרן, מיין קלאָרער און דרייסטער ענטפער. ער האָט מיך מכבד געווען מיט שנאַפּס און אַ גוטן צובייס. נאָך אַן ענטפער, האָב איך געדאַרפט קומען אין עטלעכע טעג אַרום. און טאַקע, אין אַ פּאָר טעג אַרום, האָט ער מיר געבראַכט אַן ענטפער פון דעם גענעראַל נאַגיעוויטשיוס: „מיט קאָמוניסטן וועלן זיי ניט צוזאַמענאַרבעטן, אָבער זיי זיינען גרייט אויסצובאַהאַלטן איינצלנע יידן און קינדער פון געטאָ".

אין צייכן פון אונדזער פערזענלעכער פריינדשאַפט האָט מיר באַליעניונאַס געשאָנקען אַ בעלגישן פּיסטאָלעט מיט אַ סך קוילן. איך האָב דאָס אַלץ איבערגעגעבן חיימען פאַר דער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע. איידער ווי מיר האָבן געקראָגן קאָנקרעטע אָנווייזונגען פון דעם שטאַב פון דער אונטערערדישער אָרגאַניזאַציע וועגן פאַרלאָזן די געטאָ און וועגן אונדזער באַשטימונגס־פּלאַץ, האָט זיך ביי אונדז די שטימונג זייער געהויבן, און יעדערער פון אונדז האָט געהאַט פאַרשיידענע פאַרשלאַגן ווי אַזוי אָנצוהויבן דעם קאַמף.

די 8, וועלכע זיינען באַשטימט געוואָרן דורך חיימען אַלס קאָמאַנדירן, זיינען באַפרייט געוואָרן פון אַלע אויפגאַבן און זיי האָבן זיך געדאַרפט פאַרנעמען בלויז מיט דער צוגרייטונגס־אַרבעט.

די צוגרייטונג אין דער ערשטער פאזע, איז באַשטאַנען נאָר אין פּראָפּאַגאַנדע.

אין דער זעלבער צייט האָבן זיך אין געטאָ אָנגעהויבן די „קאַזערנירונגען״. ס׳האָט זיך געשאַפן אַ לאַגע, וואָס האָט געדראָט צו צעשפּאַלטן די אָרגאַניזאַציע. פיל מיטגלידער פון דער אָרגאַניזאַציע האָבן געקענט אַריינפאַלן אין פאַרשיידענע לאַגערן און דאָס איז געווען די הויפּט־סיבה פאַרן פאַרשנעלערן דאָס אַרויסשיקן פון געטאָ מערערע גרופּן אין וואַלד. מען האָט דעריבער געדאַרפט שנעל באַשליסן דעם באַשטימונגס־אָרט, אויסאַרבעטן מאַרשרוטן און מאַפּעס פון דער געגנט. חוץ דעם, האָט מען אויך גיך געדאַרפט שאַפן אַמוניציע און שפּייז פאַר די אַוועקגייענדיקע.

אַלע מיטגלידער פון קאָמיטעט האָבן אָנגעהויבן אַרבעטן אין די דאָזיקע טעג, אויסשליסלעך פאַר דער קאַמפּס־גרופּע, אָן קיינע דיסקוסיעס, און אַלע צוזאַמען האָבן געשאַפן דאָס נויטווענדיקסטע. עס איז אויך ביים קאָמיטעט געשאַפן געוואָרן אַ קאַמפּס־שטאַב פון מיליטערישע ספּעציאַליסטן, וועלכע האָבן געדאַרפט אויסאַרבעטן ניט נאָר דעם מאַרשרוט און מאַפּעס, נאָר אויך באַשטימען די אָרגאַניזאַציאָנעלע אַרבעט און צוגרייטונג פון דעם גאַנג. דער הויפּט־ספּעציאַליסט פון שטאַב איז געווען ד״ר וואָלסאָנאָק. אויך מיט די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס האָט מען זיך שנעל צוזאַמענגערעדט. עס איז באַשלאָסן געוואָרן די צוגרייטונגס־אַרבעט מיט די מענטשן צו פירן געמיינזאַם. דער אָרט וווּהין צו קומען, איז באַשטימט געוואָרן די אַווגוסטאָווער וועלדער און ס׳זיינען אויסגעאַרבעט געוואָרן די גענויע דעטאַלן און די מאַרשרוטן פון דעם מאַרש.

# דער מאַרש
# צו די אַווגוסטאָווער וועלדער

## די טאַקטישע צוגרייטונג צום מאַרש

די אַלע אויבנדערמאַנטע 8 מענטשן, וועלכע זיינען באַשטימט געוואָרן פון חיים יעלין אַלס קאָמאַנדירן פון גרופּעס, האָבן געדאַרפט פאַרלאָזן די געטאָ און האָבן געהאַט די אויפגאַבע צוצוגרייטן די אונטערערדישע קאַמפּס-מיטגלידער צו דער פאַר־שטייענדיקער גרויסער אויפגאַבע.

היות, ווי עס איז שוין געווען באַוווּסט, אַז אין די רודניצקער וועלדער, פון וואַנען חיים איז צוריקגעקומען, וועט מען אונדז דאָרט ניט נעמען, איז אונדז דעריבער פאַרגעשטאַנען צו גרינדן אַליין זעלבסטשטענדיקע קאַמפּס-אָטריאַדן מיט דער טעכנישער הילף פון אייניקע שוין פריער דערמאַנטע קאָמאַנדירן צו וועלכע מען האָט אונדז געגעבן אַ פּאַראָל.

ביי אַ סך פון אונדזערע חברים האָט זיך געשאַפן אַ געדריקטע שטימונג. עס איז דאָך קלאָר, אַז מיר, געטאָ־מענטשן, זיינען געווען אָן אַ נויטיקער דערפאַרונג צו פּאַרטיזאַנישער טעטיקייט. דערביי האָט מען גוט פאַרשטאַנען, אַז דער געדאַנק צו שאַפן נייע באַזעס פון ניט דערפאַרענע קעמפערס איז פון סטראַטעגישן שטאַנדפּונקט געצילט נאָר, כדי אַרויסצודרייען זיך פון אָננעמען אונדז אין די שוין עקזיסטירנדע פּאַרטיזאַנישע באַזעס.

ס'האָט זיך דעריבער געפאָדערט אַ גרויסע אויפקלערונגס־אַרבעט צוצוגרייטן דעם עולם צו דעם געדאַנק, אַז קיין אַנדער אויסוועג פאַר אונדז איז ניטאָ און מיר אַליין וועלן מוזן דורכגיין אַלע „קינדער־קראַנקהייטן", ביז מיר וועלן באַקומען די נויטיקע דערפאַרונג. ס'איז דאָך אַ פאַקט, אַז די שוין עקזיסטירנדע פּאַר־טיזאַנישע גרופּעס האָבן דאָך אויך אָנגעהויבן זייער טעטיקייט אָן קיינעמס הילף, איז פאַרוואָסזשע זיינען מיר ערגער פאַר זיי? אמת, דאָס וועט זיין פאַרבונדן מיט גרויסע שוועריקייטן, אָבער מיר מוזן

דאָס אָננעמען אין אַכט און זיין דאַנקבאַר דערפאַר, וואָס מען באַט אונז אָן הילף. איך מוז אונטערשרייכן, אַז מיר, די אויפקלערערס, זיינען אויך ניט געווען אַזוי שטאַרק באַגייסטערט פון אַזאַ לייזונג פון אונדזער פראַגע, אָבער מיר זיינען געווען גענוג דיסציפּלינירט כדי ניט צו פירן קיין איבעריקע ויכוחים...

אַזאַ דיסציפּלין האָבן מיר אויך געפאָדערט פון אונדזערע חברים. מיר האָבן אָפן געזאָגט, אַז ווער עס קען ניט אַרויפצווינגען אויף זיך אַזאַ דיסציפּלין, איז ניט צוגעפּאַסט פאַר דער פאַרשטיי־ענדיקער פּיאָנערישער אויפגאַבע. דאָס אָנטיילנעמען אין דער אויפגאַבע, איז קיינעם ניט אַרויפגעצוווּנגען געוואָרן מיט גוואַלד. דאָס איז געווען הונדערט פּראָצענט פרייוויליק. יעדערער האָט אָבער געדאַרפט וויסן וואָס עס שטייט אים פאַר אין פאַל, אויב ער וועט זיך יאָ אָנטשליסן אָנטיילצונעמען אין דער אַקציע. דאָס איז געווען אונדזער אַרבעט.

*

אין דער זעלבער צייט האָט זיך ביים אונטערערדישן קאָמיטעט געשאַפן אַ שטאַב, וועמענס אויפגאַבע איז געווען אויסצואַרבעטן פאַר אונדז מאַרשרוטן און צוגרייטן לאַנדקאַרטעס פאַר דעם גאַנג. דער שטאַב האָט אויך געהאַט פאַר אַן אויפגאַבע צו געפינען פאַר אונדז דעם גענויעם באַשטימונגס־פּלאַץ. גענוי ווער עס האָט זיך פאַרנומען מיט דער דאָזיקער אַרבעט, האָבן מיר ניט געוווּסט. מיר האָבן בלויז געוווּסט נאָר פון איינעם ד״ר וואָלסאָנאָק אַלס אָנפירנ־דיקן כוח אין דער זאַך. מיר האָבן זיך אָבער פאַרגעשטעלט, אַז אַזאַ פּילזייטיקע אַרבעט קען ניט געמאַכט ווערן דורך איינאונאיינ־ציקער פערזאָן און אַז עס דאַרפן זיין העלפערס פון פאַרשיידענע ספּעציאַליטעטן. מיר האָבן זיך אָבער אין אָנפאַנג אין דעם ניט שטאַרק געגריבלט. שפּעטער שוין יאָ, ווייל מיר האָבן געוואָלט אויסגעפינען די שולדיקע וואָס האָבן געמאַכט די גראָבע טעכנישע פעלערן פריער און צוליב וועלכע עס איז דורכגעפאַלן די גאַנצע אידעע.

אונדזער אויפקלערונגס־גרופּע, וועלכע איז באַשטאַנען פון

משה זימעלעוויטש (דער „פּאַק״), שמואל אינגעל, לאה פּאַרט און איך, האָט געהאַט איר צענטער ביי פּאַרטן אין שטוב. דאָרטן פלעגן מיר זיך צוזאַמענקומען, אַרומריידן די לעצטע נייעס און די הויפּט־טעמע אונדזערע איז געווען וועגן דעם באַפּאַרשטייענדיקן מאַרש אין די וועלדער. מיר האָבן געקראָגן די גענויע מאַרשרוטן און די מאַפּעס, אויף וועלכע ס׳איז געווען אָנגעצייכנט דער באַשטימונגס־אָרט: „אַוגוסטאָווער וואַלד ביי דער אָזיערע ברוזשאַני״.

מיר האָבן אויך שטודירט און דיסקוטירט וועגן דעם קאָנקרעטן מאַרש. דערביי קען מען ניט פאַרבייגיין און ניט אָפּשאַצן אַזאַ ליכטיקע געשטאַלט ווי דאָס איז געווען משה זימעלעוויטש (דער „פּאַק״). ער איז געווען אַ קאָמוניסט, אַ פּרינציפּיעלער. אַלץ האָט ער אַנאַליזירט פון מאַרקסיסטישן שטאַנדפּונקט. דאָס איז געווען אַ מענטש אָן פּחד, פלעגט אַלץ אַרויסזאָגן וואָס ער האָט געהאַלטן פאַר ריכטיק און נויטיק, ניט רעכענענדיק זיך אויב ער קען וועמען ס׳איז דערמיט פּוגע בכבוד זיין. דאָס אַלץ פלעגט ביי אים אַרויס־קומען אין גוטן־מוט און זייער חבריש. צו דעם איז ער געווען זייער ענערגיש, ער האָט ניט געקענט זיצן אַ מינוט רויק, אידעען און פּלענער פלעגן ביי אים געבוירן ווערן בליץ־שנעל און ער פלעגט אַזוי לאַנג דיסקוטירן, ביז ער פלעגט דערווייזן אַז ער איז גערעכט, אָדער פאַרקערט, ביז ער פלעגט זיך אַליין איבערצייגן אַז ער איז אומגערעכט.

ער פלעגט זיך ניט שעמען, ווען ער פלעגט דאַרפן נאָכגעבן. אין באַצוג צו חברים איז ער געווען זייער צוטריטלעך. ער האָט יעדן ליב געהאַט. באַזונדערס האָט ער זייער ליב געהאַט דוד׳ל גאָלדין און שמעון איידלסאָן. משה זימעלעוויטש און שמעון איידל־סאָן זיינען געווען ניט קיין צעטיילבאַרע פּאָר. זייער חברשאַפט איז געווען אַזוי ווי דוד און יהונתן. איינער פאַר דעם צווייטן זיינען געווען גרייט צו גיין אין פייער און אין וואַסער. אַלץ וואָס דער „פּאַק״ פלעגט זאָגן, איז פאַר שמעונען געווען הייליק. ער פלעגט קיינמאָל ניט פּרוּוון דיסקוטירן מיט אים, דאַקעגן פלעגט ער דיס־קוטירן מיט יעדן איינעם וואָס האָט ניט צוגעשטימט מיטן „פּאַק״. פאַר שמעונען איז „פּאַק״ שטענדיק געווען גערעכט. דאָס איינ־

ציקע אין וואָס זיי האָבן זיך ניט צוגעפּאַסט איז געווען, וואָס שמעון האָט געהאַט אַ גוואַלדיקן אַפּעטיט צום עסן און „פּאַק" האָט קיין אַפּעטיט ניט געהאַט. ווי עס ווייזט אויס איז ער שוין דעמאָלט געווען לונגען־קראַנק.

משה פּאַרט, דער פאָטער פון לאה פּאַרט, ביי וועמען אין שטוב מיר פלעגן זיך צוזאַמענקומען איז אויך געווען אַ קאָמוניסט. דעריבער איז קיין וווּנדער ניט, אַז יעדעס מאָל נאָכן שטודירן דעם מאַרשרוט און די מאָפּע, פלעגן זיך אַנטוויקלען דיסקוסיעס פון מאַרקסיסטישן כאַראַקטער. ווי באַוווּסט איז „פּאַק" געווען א טראָצקיסט און מיר אַלע אַנדערע האָבן בלינד אונטערגעהאַלטן די סטאַליניסטישע טעאָריע. די אָוונטן פלעגן זיך אַנטוויקלען זייער אינטערעסאַנטע. און ניט געקוקט דערויף, וואָס מיר האָבן מיט דעם „פּאַק" שטענדיק געהאַט מיינונגס־פאַרשיידנהייטן, האָבן מיר אים אַלע זייער געשעצט און ליב געהאַט, דאָסגלייכן ער אונדז אויך.

אַ צענטראַלע פיגור אין דער קאָמפּאַניע ביי פּאַרטן אין שטוב איז געווען דודל גאָלדין. אַליין אַן אָפּשטאַמיקער פון אַ רבנישער שטוב (ער איז געווען וויסייער רב׳ס זון), איז ער געווען דער ייִנגסטער אין אונדזער קאָמפּאַניע און שוין דאַן מיט זייער פאַרגעשריטענע אידעען. אין אַלע דיסקוסיעס איז ער געווען אַן אַקטיווער אָנטיילנעמער. אינטערעסאַנט, אַז אַלע עלטערע חברים פלעגן אים מיט גרויס אינטערעס אויסהערן. חוץ דעם איז ער געווען אַ שיינער ייִנגל און האָט צוגעצויגן צו זיך גרויס אויפמערקזאַמקייט פון די מיידלעך אין אונדזער קאָמפּאַניע. דודל גאָלדין איז געווען אַן אַלגעמיין באַליבטע פּערזאָן.

לאה׳לע פּאַרט און שמואל אינגעל האָבן זיך שטענדיק אַזוי געהאַלטן, אַז מען האָט געשפּירט אַז חוץ די אַלגעמיינע אינטערעסן האָבן זיי אויך אייגענע אינטערעסן. מיר האָבן דאָס פאַרשטאַנען און זיך גערעכנט מיט דעם. אויך פון זייער זייט האָבן זיי אָבער פאַרשטאַנען זיך צו רעכענען מיט די אַלגעמיינע אינטערעסן. זיי זיינען געווען דיסציפּלינירט און זיינען געווען גרייט אויסצופילן אַלע אויף זיי אַרויפגעלייגטע אויפגאַבעס, אָבער קיין קאָמאַנדירן

ווי חיים יעלין האָט זיי באַשטימט, זיינען זיי ניט געווען. איינמאָל האָב איך געפרעגט משה פאָרט צו מיר שטערן זיי ניט מיט אונד־זערע אָפטע צוזאַמענטרעפן ביי אים אין שטוב, האָט ער מיר געענטפערט: „וואָס רעדט איר נחמיה? — איר האָט מיר פאַרגרע־סערט מיין משפחה, איך זייט ביי מיר ווי מיין אייגענע משפחה". אַזוי האָבן מיר זיך אַלע געפילט — ווי איין אומצעטיילבאַרע משפחה.

## דער ערשטער ניט געלונגענער אַרויסמאַרש צו די אַווגוסטאָווער וועלדער

און אָט איז אָנגעקומען דער לאַנג־דערוואַרטעטער באַפעל: די ערשטע גרופּע פאַרלאָזט די געטאָ אין מאַרש אויף אַווגוס־טאָווע. אַלס קאָמאַנדיר פון דער גרופּע איז באַשטימט געוואָרן לייזער צאַדיקאָוו. די גרופּע איז באַשטאַנען פון 18 מענטשן. פון אונדזער קאָמפּאַניע זיינען אין דער גרופּע אַריין נאָר 4 מענטשן: דער „פּאַק", שמעון איידלסאָן, לאה'לע פּאָרט און שמואל אינגעל. פון אַנדערע גרופּעס, אויף וויפל איך געדענק, זיינען אַריין: חיים גבטל (גלעין), ישראל גאָלדבלאַט, יודל איידלמאַן, ראובן גליקמאַן, אַראַנטשיק ווילנטשוק, חיה שמואלוב און ד"ר פערלשטיין.

לויט דער פאַרשטענדיקונג מיט די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס איז די רשימה־צוזאַמענשטעל געווען אַזוי: — 11 מענטשן (60%) פון דער אַנטיפאַשיסטישער אָרגאַניזאַציע און 7 מענטשן (40%) פון די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס. איך געדענק, אַז וועגן דעם צוזאַמענשטעל פון דער רשימה איז צווישן אונדז מיט חיימען געווען אַ גרויסער סכסוך. איך און נאָך אייניקע צו מיר פון דער קאָמפּאַניע האָבן געהאַלטן, אַז דער קאָמאַנדיר דאַרף קענען זיינע מענטשן אַ צייט פריער, כדי צו וויסן צו וואָס יעדערער איז צוגע־פּאַסט און בכלל דערקענען דעם כאַראַקטער פון די מענטשן און אַ געוויסע צייט מיט זיי זיך איינצולעבן. אָבער דאָ האָט מען צוזאַ־מענגעשטעלט אַ ליסטע פון פאַרשיידענע גרופּעס און ניט געגעבן די מעגלעכקייט אַפילו דעם קאָמאַנדיר מיט זיי זיך נעענטער צו

באַקענען. חיים האָט אויף דעם געענטפערט, אַז „עס איז אויף דעם קיין צייט ניטאָ און מען מוז אַרויס אין איילעניש"...

אמת, מען האָט דער גרופּע געגעבן אויפן וועג 2 פּיסטאָלעטן, 4 גראַנאַטן־לימאָנקעס און אַ טייל קאַלט געווער. מען האָט אויך דער גרופּע געגעבן 2 פורן, כדי עס זאָל זיין לייכטער דער אַרויס־מאַרש פון קאָוונע און עס זאָל אויסזען ווי אַן אַרבעטס־בריגאַדע פאַרט אין וואַלד נאָך האָלץ. די פורן האָבן זיי געדאַרפט באַגלייטן ביז צום ערשטן וואַלד און קומען גלייך צוריק אין געטאָ, אויב ניט — האָט געקענט דראָען אַ סכנה די פאַראַנטוואָרטלעכע פאַר די פורן אין געטאָ. מ'האָט זיך משער געווען, אַז די פורן דאַרפן זיך פאַרהאַלטן אין וועג פון 5 ביז 6 שעה. מען האָט זיי געגעבן מאַפּעס און קאָמפּאַסן. די מאַרשרוטן האָבן זיי געדאַרפט אויס־לערנען אויף אויסנווייניק און פאַרניכטן. זיי זיינען אויך פאַרזאָרגט געוואָרן אויף אַ געוויסע צייט מיט אַלעם נויטיקן.

גלייך ווי די גרופּע איז אַרויס פון געטאָ, האָט זיך געשאַפן אַ שפּאַנונג אין אַלע געזעלשאַפטלעכע גרופּירונגען פון געטאָ. ערשטנס, אין עלטעסטן־ראָט און זיינע אָפּטיילונגען, ווייל פאַקטיש זיינען זיי פאַרמישט געוואָרן אין אַ פּאַרטיזאַנישער אַקציע. און גראָד האָט דער גורל געוואָלט, אַז די פורן האָבן זיך דאָן ניט אומגעקערט צו דער צייט און זיי האָבן זיך פאַרשפּעטיקט אויף גאַנצע 10 שעה. אין געטאָ זיינען זיי ערשט אָנגעקומען אין די אָוונט־שעה'ן, אַנשטאָט אינדערפרי.

עס איז געווען ממש אַ נס, וואָס מען האָט פאַר דער צייט ניט אויפגעדעקט, אַז עס פעלן די פורן מיט די פערד. פאַרשטייט זיך אַז פון עלטעסטן־ראָט פלעגט מען אַלע ווײַלע קומען זיך אינ־טערעסירן צו די פורן זיינען שוין אָנגעקומען... די נערוון זיינען שוין אַזוי אויך געווען געשפּאַנט פון אונדזערע קאָמיטעט־אָנפי־רערס. מיר אַלע, אין די קעמערלעך, צוזאַמען מיט די פאַמיליע־מענטשן פון די אַרויסגעגאַנגענע, זיינען אויך געווען הויך גע־שפּאַנט, ווייל מען האָט ניט געוווּסט וואָס מיט זיי האָט פּאַסירט.

אונדז האָט, פאַרשטייט זיך מער אינטערעסירט דער גורל פון די מענטשן ווי דער גורל פון די פורן מיט די פערד. אַז מיר האָבן

זיך שוין דערוואַרט מיט מזל דעם צוריקקער פון די פורן מיט די פערד, איז דאָס פאַר אונדז געווען אַ גרוס, אַז דערווייל איז דער ערשטער עטאַפּ פון גאַנג דורכגעגאַנגען בשלום. די שפּאַנונג, איז אָבער, ביי אונדז געווען נאָך גענוג גרויס, ווייל מיר האָבן ניט געוווּסט וואָס וועט זיין מיט זיי אויף די וויטערדיקע עטאַפּן. לאַנג צו וואַרטן איז אונדז ניט אויסגעקומען. אין משך פון די נאָענטסטע 3 טעג זיינען אַלע, אַ חוץ ד״ר פּערלשטיין, בשלום צוריקגעקומען אין געטאָ. אַ טייל פון זיי מיט דער הילף פון ליפּצערן, זיינען באַפרייט געוואָרן פון געסטאַפּאָ. דער גורל פון ד״ר פּערלשטיין איז ניט אויפגעקלערט געוואָרן אויך שפּעטער. דעם צוריקקער פון דער גרופּע, האָט מען אין געטאָ אויפגענומען מיט געמישטע געפילן. די פאַמיליעס פון די מענטשן — מיט גרויס פרייד, פאַרשטייט זיך.

מיר, אָבער, די חברים זייערע, האָבן זיי אויפגענומען מיט זייער טרויעריקע געפילן. ערשטנס איז דאָס געווען אַ דורכפאַל ניט נאָר פאַר זיי אַליין, נאָר פאַר דער גאַנצער אידעע פון אַ קאַמף מיט דעם שונא אויסערן געטאָ. אַ גרויסער טייל פון חברים זיינען געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז ס׳איז ניטאָ קיין רעאַלע מעגלעכקייט אַרויסצוגיין פון געטאָ. עס זיינען געגאַנגען אין דער ערשטער גרופּע אָפּגעקליבענע חברים. צווישן זיי האָט זיך געפונען שמואל מאָרדקאָווסקי, וועלכער האָט זיך זייער גוט אָריענטירט אין די וועלדער, אויף וועגן און אויף דער מאַפּע מיטן קאָמפּאַס. געווער האָבן זיי אויך געהאַט אויף אַזויפיל, אַז מען האָט זיך מיט דעם געקענט פאַרשאַפן נאָך געווער, וואָס איז געווען באַהאַלטן ביי די פויערים. מען האָט זיי נאָך געבראַכט מיט פורן ביז וואַנען זיי האָבן געוואָלט. וואָס נאָך האָט זיי געפעלט ?... דערביי זיינען זיי ניט אַוועק ווייטער פון דעם וואַלד צו וועלכן מען האָט זיי געבראַכט, טאָ וואָס קענען זיך נאָך מער ווינטשן די אַנדערע גרופּעס, וועלכע דאַרפן אַרויסגיין נאָך זיי ? אָט אַזאַ געדריקטע שטימונג איז געווען ביי די חברים.

אויף אַ באַראַטונג האָבן מיר אַנאַליזירט די סיבות וועלכע האָבן געבראַכט צו דעם דורכפאַל און מיר זיינען געקומען צום פאָלגנדן אויספיר:

1. דער קאָמאַנדיר לייזער צאַדיקאָוו איז ניט געווען צוגע־פאַסט צו אַזאַ ערנסטער אַקציע, אויב ער האָט ניט געקענט אויס־נוצן אַזעלכע כוחות ווי דאָס זיינען געווען שמואל מאָרדקאָווסקי און משה זימעלעוויטש.

2. די גרופּע איז ניט געווען צוגעגרייט צו אַזאַ גאַנג. אמת, זיי האָבן זיך געגרייט אין באַזונדערע קעמערלעך, אָבער ניט אין איר פולן צוזאַמענשטעל צוזאַמען מיטן קאָמאַנדיר.

3. די דיסציפּלין איז ניט געווען אויף דער געהעריקער הויך, אויב צוליב דער ערשטער ניט קיין גרויסער שוועריקייט, האָט מען באַשלאָסן צוריקצוקערן זיך אין געטאָ. (זיי האָבן געטראָפן עפּעס אַ וואַלד־וועכטער פּאַר ווען זיי האָבן זיך דערשראָקן).

אונדזער אויפגאַבע איז געווען צו דערקלערן די חברים, אַז דער דורכפאַל איז געווען אַ רעזולטאַט פון פעלערן, וועלכע די ווייטערדיקע גרופּעס וועלן דאַרפן פאַרמיידן, כדי צו דערגרייכן דעם נויטיקן דערפאָלג. די הויפּטזאַך — ניט פאַרלירן דעם מוט.

## פון קאָוונע צו אַווגוסטאָווע

אַ גרויסער טייל פון דער ערשטער גרופּע האָבן זיך פריי־וויליק אָנגעגעבן אָנטיילצונעמען אין די ווייטערדיקע גרופּעס און דערמיט איז לייכטער געווען צו איבערצייגן די חברים, אַז ניט אַלץ איז נאָך פאַרלוירן. אַלס קאָמאַנדירן פון דער אַנדערער גרופּע, וועלכע איז צוערשט צוזאַמענגעשטעלט געוואָרן פון 40 אָנטייל־נעמער, זיינען פון איין זייט באַשטימט געוואָרן זאַלינגער, פון דער אַנדערער זייט ענדלין. כדי זיך נענטער צו באַקענען מיט די מענטשן, האָבן די קאָמאַנדירן זיך גענאַרפט טרעפן מיט יעדערן באַזונדער, כדי צו קאָנטראָלירן יעדנס גרייטקייט אויף דעם שווערן מאַרש, און נאָכדעם אַלע צוזאַמען צו שטודירן די טעכנישע איינצלהייטן פון מאַרש און יעדערנס אויפגאַבע אין גאַנג. איך פערזענלעך בין געווען אַ קעגנער פון אַזאַ גרויסער צאָל מענטשן אין דער גרופּע. איך האָב געהאַלטן, אַז גיין דאַרפן קלענערע גרו־פּעס, וועט זיין ווייניקער פאַרלוסטן און לייכטער דער גאַנג. חיים,

ווי עס ווייזט אויס, האָט געוואָלט מיט דער צווייטער גרופּע קאָמ־פּענסירן דעם פאַרלוסט וואָס איז געווען אין דער צייט פון גאַנג פון דער ערשטער גרופּע. ער איז באַשטאַנען אויף דעם, אַז מיר זאָלן אַרויס אַלע מיט אַ מאָל לויט דער צוגעגרייטער רשימה.

ביים באַקענען זיך מיט די מענטשן, מיט יעדערן באַזונדער, האָב איך זיי דעם גאַנג פאַרגעשטעלט אַלס זייער אַ שווערן. איך האָב זיי געזאָגט, אַז מיר זיינען די פּיאָנערן און עס איז זייער מעג־לעך, אַז נאָר איבער אונדזערע טויטע קערפּערס וועט מעגלעך זיין צו דערגרייכן דעם ציל. דעריבער דאַרף מען פעסט באַשליסן, צו מען וויל גיין אין דער דאָזיקער גרופּע, אָדער אין די שפּעטערדיקע גרופּעס. אין רעזולטאַט פון דעם, זיינען פרייוויליק אָפּגעפאַלן פון דער ליסטע 15 מענטשן און מיר זיינען געבליבן בלויז 25.

כדי עס זאָל זיין לייכטער אַרויסצוגיין פון קאָוונע, זיינען די 25 מענטשן פאַרטיילט געוואָרן אין צוויי גרופּעס: די ערשטע גרופּע — אונטער דער קאָמאַנדשאַפט פון זאַלינגער אין באַשטאַנד פון 13 חברים. זיי האָבן געדאַרפט אַריבערגיין דעם אַלעקסאָטער בריק, ווי אַלס אַ קאָלאָנע פון פלוג־פּלאַץ אַרבעטער. פאַרנעמען זיך אויף לינקס אין דער ריכטונג פון מייסטאַס־גאַרליאַווא, און 12 חברים אין דער צווייטער גרופּע, אונטער דער קאָמאַנדשאַפט פון ענדלין, האָבן געדאַרף אַריבערגייענדיק דעם אַלעקסאָטער בריק, זיך פאַרנעמען אויף רעכטס אין דער ריכטונג פון מוראַ־וויאַנקער הויף. ביידע גרופּעס האָבן זיך געדאַרפט טרעפן אין יורער וואַלד צווישן די דערפער פּאַגראַמדינע און פאַזשעריי, ביים טייכל פּילוואַ. אין געטאָ זיינען מאָביליזירט געוואָרן אַלע אונ־טערערדלער, בכדי צו פאַרזאָרגן די אַוועקגייענדיקע אין מאַרש.

עס איז געגרינדעט געוואָרן אַ ספּעציעלע בריגאַדע פון שוס־טער אונטער דער אָנפירונג פון חיים אַראָן, וועלכע האָבן פאַר אונדז געגנייט שטיוול פון די געגנבעטע לעדער אין די וואַרשטאַטן. אַן אַנדער בריגאַדע האָט אונדז געדאַרפט פאַרזאָרגן מיט בורקעס. אַלטעלע טעפּער מיט איר „טראַנטאַליט" האָט אונדז געדאַרפט פאַרזאָרגן מיט וועש־זאַכן, כדי צו בייטן אונטערוועגס מיט די פויערים אויף פּראָדוקטן. מען האָט יעדערן געגעבן אויפן וועג צו

# פאַרטיזאַנישע אויסשפּירער און וועגווייזער
# פון דער קאָוונער געטאָ קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע

נחמיה ענדלין (מחבר פון בוך)
נאָך דער מלחמה

חיים־דוד ראַטנער,
דער מיליטערישער אינסטרוקטאָר פון
דער קאָוונער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע
אין געטאָ. געפאַלן אין וואַלד

שמואל מאָרדקאָווסקי
חבר פון דער אונטערערדישער
קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע אין קאָוונער
געטאָ, פּאַרטיזאַנישער אויסשפּירער
און וועגווייזער.
געפאַלן בעת אַ קאַמף



אבא דיסקאַנט
איינער פון די אַנטלאָפענע פון 9־טן
פאָרט, פּאַרטיזאַנישער אויסשפּירער
און וועגווייזער, געפאַלן בעת אַ צו־
זאַמענשטויס מיט דער פּאָליציי

2 קילאָ צוקער, באַנדאַזשן און פאַרשיידענע מינים מעדיצין־תּרופות. אויסערדעם האָט יעדערער געקראָגן אַ סומע געלט אויפן וועג. פאַרן אַרויסגיין פון געטאָ, האָט אונדזער גאַנצע גרופּע זיך טרענירט אין די „מאַלינעס" אין וואַרפן גראַנאַטן, שיסן פון אַ ביקס און געלערנט די טעאָריע פון „גאַנג אין וועג".

עס איז בכלל געווען אָנגענומען צו גיין „בקשר־עין", ד. ה. אַזוי לאַנג ווי מען זעט ווי דער פאָדערשטער גייט, נאָך אים דער ווייטערדיקער, א. אַ. וו., מיר האָבן די טעאָריע ניט אָנגענומען, נאָך איידער מיר זיינען אַרויס פון געטאָ און מיר האָבן באַשלאָסן, אַז מיר וועלן גיין צו צוויי אַלס אַ פּאָר אַלע האַלבע שעה. זאַלינגערס גרופּע האָט באַשלאָסן אַנדערש, אָבער אויך ניט „בקשר־עין".

דער צוזאַמענשטעל פון מיין גרופּע לויט די פּאָרן איז געווען אַזאַ: ענדלין—מאַרדקאָווסקי; אינגעל—לאה פּאָרט; חנא מעש־קופּ—וועלוול שוסטער; בלאָך שמעון—בלאָך רבקה; משה גערבער—געו הירש; לוי עזריאל—גאָלדין דוד.

דער אַרויסגאַנג פון געטאָ איז באַשטימט געוואָרן דעם 26־טן אָקטאָבער 1943. געווער האָט מען אונדז ניט געגעבן. איך האָב געקראָגן פון חיימען אַ צעבראָכענעם נאַגאַן, מיט וועלכן מען האָט געקענט נאָר שרעקן, אָבער ניט שיסן און משה גערבער האָט געהאַט אַן אייגענעם פּיסטאָלעט „סמיט ענד וועסאָן", וועלכן מען האָט געדאַרפט לאָדן ביי יעדן מאָל שיסן. אַנדערע געווער האָבן פאַר אונדז געדאַרפט געפינען די אָנטיילנעמער פון ערשטן מאַרש אין דעם אָרט ווו זיי האָבן דאָס באַגראָבן.

די נאַכט פון 25־טן אויף דעם 26־טן אָקטאָבער, האָבן מיר אַלע 12 געגעבטיקט ביי שמעון בלאָך אין שטוב, וועלכע האָט זיך געפונען ניט ווייט פון געטאָ־טויער אויף קרישטשוקייטשיו גאַס. דעם 26־טן אָקטאָבער, אינדערפרי, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דעם טאָג גייען ניט קיינע בריגאַדעס צו דער אַרבעט, ווייל אין דעם טאָג איז געווען די אַקציע אויף עסטלאַנד. אַנשטאָט צו גיין דורך דעם טויער, האָט מען אונדז אַלעמען אָוועקגעפירט אין אַ „מאַלינע" אויף נאַשלייטשיו גאַס 3, ווו מיר האָבן זיך געפונען דעם גאַנצן

טאָג. שפּעט אין אָוונט, נאָכדעם ווי עס האָט זיך געענדיקט די אַקציע אויף עסטלאַנד, זיינען מיר זיך אַלע פונאַנדערגעגאַנגען איבער די הייזער. אויף מאָרגן, דעם 27־טן אָקטאָבער, זיינען מיר ווידער געגאַנגען נעכטיקן ביי די בלאָכס. אָבער דאָס מאָל האָבן זיך ניט אַלע 12 צוזאַמענגעקליבן. אַ טייל איז געבליבן נעכטיקן ביי זיך אין שטוב, צווישן זיי אויך משה גערבער. ער האָט אָבער פון דער פריערדיקער נאַכט פאַרגעסן ביי בלאָכן אונטערן קישן זיין פּיסטאָלעט, און די זעלבע נאַכט האָט שמעון בלאָך געפונען דעם פּיסטאָלעט און אים צוגענומען.

פאַרן אַרויסגיין פון געטאָ, בין איך צוזאַמען מיט אלתר פּייטלסאָן צוגעגאַנגען צו חיים יעלין און אים געפרעגט, ווי ער שטעלט זיך פאַר אַזאַ גאַנג אָן געווער? זיין ענטפער איז געווען: „אַז עס ברענט אַ הויז — לויפט מען אַפילו פון דאָרטן נאַקעטע". אלתר פּייטלסאָן איז געווען באַשטימט אַלס קאָמסאָרג פון דער גרופּע.

ביים פאַרלאָזן די געטאָ, איז אָנגעקומען צום טויער די מאַשין פון וואָפן ס. ס. און גענומען מענטשן אויף אַרבעט לויט דער ריי, אַזוי ווי זיי זיינען געשטאַנען ביי דעם טויער. צו מיין גרויסן מזל בין איך אויך אַריינגעפאַלן צו זיי אויף אַרבעט. זיצנדיק ביי זיי אין מאַשין, האָב איך ניט געוווסט וואָס צו טאָן, ווייל ביי זיך אין בוזעם־קעשענע, האָב איך געהאַט דעם צעבראָכענעם נאַגאַן, וועלכן איך האָב געקראָגן פון חיים יעלין אויפן וועג. חוץ דעם נאַגאַן האָב איך אויך באַקומען באַנדאַזשן מיט פאַרשיידענע מעדיצין־תרופות און צוויי קילאָ צוקער.

אַזוי ווי איך זיץ און טראַכט, איז פּלוצלינג אַריינגעלאָפן אין מאַשין מאָרגאָליס, דער שעף פון אַרבעטס־אַמט. ער איז צוגעלאָפן צו מיר און האָט מיר באַלד אָנגעהויבן צו שלאָגן און טאָפּען מיט די פיס, שרייענדיק דערביי: „דו ווילסט זיך אויסבאַהאַלטן פון אַרבעט אויפן פלוג־פּלאַץ?" און ער האָט מיך אַרויסגעשלעפּט מיט כוח פון מאַשין. די דייטשן וועלכע זיינען געשטאַנען דערביי האָבן זייער הילכיק געלאַכט, ווי „איין יודע שלאָגט דעם צווייטן" פאַר ניט וועלן גיין אַרבעטן אויפן פלוג־פּלאַץ.

דאָס האָט געראַטעוועט די לאַגע. די סצענע איז פּאַקטיש אינסצינירט געוואָרן אויף אַן אייליגער באַשטעלונג פון חיים יעלין. דאַן האָט מען מיר אָנגעטאָן אַ באַנד פון אַ קאַלאָנען־פירער אויפן אַרבל און איך בין אַוועק מיט מיינע מענטשן אין וועג אַריין.

ביזן מאַראָוויאַנקער הויף זיינען מיר דערגאַנגען ווי אַן אַר־בעטס־בריגאַדע אומגעשטערט. דאָרטן האָט געאַרבעט אַ געטאָ־קאָלאָנע פון מער ווי 100 מענטשן. אָנקומענדיק אַהין, האָבן מיר זיך אויסגעמישט מיט די אַרבעטנדיקע און אַלע האַלבע שעה האָט מען אַרויסגעלאָזן אַ פּאָר. אונדזער ערשטער טרעפפּונקט איז געווען באַשטימט דער דאָרף פּאָדערישקיי ביי דעם פּויער דרוליאַ. דאָס אַרויסגיין פון דער אַרבעטס־קאלאנע איז ניט געווען מערק־באַר, ווייל פון דאָרטן פלעגן גאַנץ אָפט אַרויסגיין מענטשן אין די אַרומיקע דערפער, כדי צו מאַכן אַ פּעקל און די צאָל מענטשן האָט זיי ניט געקענט פעלן, ווייל מיר זיינען אַריין אַהין צופעליקע.

דער דאָרף פּאָדאַרישקיי איז געווען אינגאַנצן 9 קילאָמעטער פון קאָוונע און איז כלל ניט געווען קיין דאָרף. עס זיינען דאָרטן געווען בלויז אייניקע הייזער, וועלכע זיינען געווען אָפּגערוקט איינע פון די אַנדערע אויף אַ מרחק פון 100 ביז 1000 מעטער. דאָרטן האָבן געלעבט פּויערים פון מיטלשטאַנד. דער פּויער דרוליאַ איז געווען פאַרבונדן מיט אַ מיטגליד פון דער אונטערערדישער אַנטיפאַשיסטישער אָרגאַניזאַציע אין געטאָ, יצחק מיקלאַשאַנסקי (איצקוטיס). ער האָט זייער פיל געהאָלפן אונדזער אָרגאַניזאַציע, הויפּטזעכלעך מיט וויכטיקע ידיעות. אונדזער טרעפפּונקט איז געווען ביי דעם פּויער אויפן בוידעם פון זיין שטאַל, און ער האָט אונדז אויך געדאַרפט אינפאָרמירן ווי אַזוי בעסער צו פאַרזעצן דעם ווייטערדיקן גאַנג לויט אונדזער מאַרשרוט.

צום טרעפפּונקט זיינען אַלע 12 חברים אָנגעקומען בשלום, אָבער ניט אַלע האָבן אָפּגעהיט די דיסציפּלין פון דער גורלדיקער שעה. פאַר מורא, טאָמער וועט מען זיך פאַרלירן, האָבן אייניקע געפּרוּווט וואַרטן אויף דער נאָענטסטער פּאָר, כדי צו מאַרשירן מיט זיי צוזאַמען. אַזוי האָט מען געמיינט, וועט זיין זיכערער ניט צו פאַרלירן זיך. אויפן בוידעם האָב איך אויפגעקלערט די חברים,

אַז דאָס אַריינפאַלן גאַנצע גרופּעס אין די הענט פון שונא איז „מער געפערלער" ווי די מורא צו פאַרלירן זיך. כדי עס זאָל זיין זיכערער האָב איך פאַרגעשלאָגן צו גיין לויט די מעגלעכקייטן קורצע שטרעקעס ביז די טרעפפונקטן. עס איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז איך און מאָרדקאָווסקי זאָלן זיין די לעצטע פּאָר און מיר וועלן צונויפקלייבן די פאַרבלאָנדזשעטע, אויב מ'וועט זיך פאַרלירן אין וועג.

נאָך אַ קורצער צייט פון באַראַטונגען צווישן זיך אויפן בוידעם, איז אָנגעקומען דרוליאַ און האָט אונדז געבראַכט אַ טרויעריקע בשורה, אַז ניט ווייט פון גאַרליאַוואַ איז פאָרגעקומען אַ דורכפאַל פון אַ גרופּע און אַז דער גרעסטער טייל פון איר איז אַריינגעפאַלן אין די הענט פון דער פּאָליציי. היות ווי איך האָב געוווּסט, אַז ביי זיי זיינען געווען מאַפּעס און קאָמפּאַסן און בין ניט געווען זיכער צו זיי האָבן באַוויזן עס צו פאַרניכטן, האָב איך ניט געקענט ריזיקירן אויף דער אייגענער אחריות צו גיין דעם ווייטערדיקן וועג לויט דעם אָנגעצייכנטן מאַרשרוט. איך האָב געשיקט אין געטאָ 2 חברים, שמואל אינגעל און שמואל מאָרדקאָווסקי, זיי זאָלן באַקומען פון חיים יעלין ווייטערדיקע אָנווייזונגען ווי אַזוי צו האַנדלען. גלייך ווי זיי האָבן זיך באַוויזן אין געטאָ, האָט חיים אויף זיי אָנגעהויבן שרייען און האָט באַפוילן „פאַרזעצן דעם גאַנג לויט דעם אָנגעצייכנטן מאַרשרוט, ניט רעכענדיק זיך מיט קיין זאַך!".

*

אין משך פון דער צייט, וואָס ביידע שמואליקס זיינען געווען אָפּוועזנד, האָבן מיר זיך פאַרנומען מיט אַנאַליזירן אונדזער לאַגע. ביי דער געלעגנהייט האָט שמעון בלאַך אַרויסגענומען פון קעשענע דעם פּיסטאָלעט „סמיט ענד וועסאָן" און האָט זיך מיט אים געשפּילט. משה גערבער האָט באַלד דערקענט זיין פאַרלוירענעם פּיסטאָלעט ביי שמעון בלאַכן און האָט קאַטעגאָריש געפאָדערט פון שמעונען ער זאָל אים אומקערן זיין פּיסטאָלעט. שמעון האָט זיך קאַטעגאָריש אָפּגעזאָגט אָפּצוגעבן דעם פּיסטאָלעט און עס איז

אויסגעבראָכן אַ סקאַנדאַל. כדי אויסצומיידן דעם אינצידענט, ווייל פאַר אונדז איז דאָס געווען אַ גרויסע סכנה, האָב איך באַלד אַרויסגענומען מיין נאַגאַן און אים תיכף אָפּגעגעבן שמעון בלאַכן און אים פאַרגעשלאָגן צוריקצוגעבן געריבערן דעם „סמיט ענד וועסאָן". פאַקטיש זיינען ביידע פּיסטאָלעטן גאָרניט ווערט געווען. דערמיט איז דער אינצידענט ליקווידירט געוואָרן.

ווען ביידע שמואליקס האָבן זיך צוריקגעקערט פון געטאָ מיט חיימס באַפעל, האָבן מיר ווייטער, אַזוי ווי מיר האָבן אָפּגערעדט, אַרויסגעלאָזט יעדע האַלבע שעה אַ פּאָר חברים. איך און שמואל מאָרדקאָווסקי האָבן געדאַרפט זיין די לעצטע און די אַלע איבעריקע פאָרן לויט אַ סדר. דער ווייטערדיקער טרעפפונקט איז געווען יורער וואַלד, וואָס האָט זיך געפונען צווישן פּאַגראַמדינע און פּאַזשעריי, לעבן דעם טייכל פּילוואַ. דאָס איז אייגנטלעך געווען דער אָרט ווו מיר האָבן זיך געדאַרפט טרעפן מיט זאַלינגערס גרופּע. אויך דאָ האָבן מיר זיך איבערצייגט, אַז מען האָט זיך ניט געהאַלטן לויט די אָנווייזונגען, און ניט דערפאַר ווייל מען האָט ניט געוווּסט ווי אַזוי צו גיין. מ'האָט בכוונה געבלאָנדזשעט. מען האָט ספּעציעל אָפּגעוואַרט ביז עס וועט צוקומען די ווייטערדיקע פּאָר און מען וועט דאַן גיין צוזאַמען.

איך און שמואליק האָבן אונטערוועגס אויפגעקליבן ניט קיין פאַרבלאָנדזשעטע פּאָרן, נאָר וואַרטנדיקע גרופּעס. מיר האָבן דאָס געהאַלטן פאַר אַ גרויסן פאַרברעכן און איך האָב די חברים געוואָרנט, אַז ווער ס'וועט זיך ניט האַלטן לויט דער אָנגענומענער דיסציפּלין, קען גלייך גיין צוריק אין געטאָ און ניט שטערן די איבעריקע דעם גאַנג.

איך האָב אויך אויפגעקלערט די חברים, אַז אַ פּאָר איז איין גאַנצע זאַך. יעדער איינער איז פאַראַנטוואָרטלעך פאַרן צווייטן. זיי דאַרפן זיך באַראַטן און באַשליסן צוזאַמען. אויף קורצע שטרעקעס איז ניטאָ וואָס מורא צו האָבן פאַר בלאָנדזשען אין וועג. מען דאַרף גיין לויטן מאַרשרוט וועלכן זיי האָבן באַקומען פון מיר און שמואליקן. אונדזער ציל איז געווען צו דערגרייכן אין דעם זעלבן וואַלד אַזשוואַלו בודאַ, כדי צו געפינען די פּאַרגראַבענע

געווער פון דער ערשטער גרופּע, וואָס האָט זיך צוריקגעקערט אין געטאָ.

דער איינציקער, וואָס האָט מער ווייניקער געוווּסט דעם אָרט, איז געווען שמואל מאָרדקאָווסקי. נאָך לאַנגע זוכענישן האָט ער אָבער דאָס געווער ניט געפונען, און מיר האָבן באַשלאָסן איבער־צונעכטיקן אין דעם וואַלד און אויפצומאָרגנס באַגינען פאָרזעצן אונדזער מאַרש. מיר האָבן אָנגעבראָכן אַ סך צווייגן פון יאַלקעס, און מיר האָבן זיי אונטערגעבעט אונטער אונדז, און אויך זיך מיט זיי צוגעדעקט. דאָס צודעקן זיך מיט אַזעלכע צווייגן האָט אָבער געהאַט איין חסרון: ווען דער מיטלסטער הויבט זיך אויף צוליב אַ געוויסער סיבה, דעקט ער דאַן אָפּ אַלעמען. אַזוי ווי שמעון בלאָך האָט געליטן פון אַ שוואַכן מאָגן, האָבן מיר אים געלייגט ביים ברעג, אַזוי אַז ער זאָל קיינעם ניט שטערן, ווען ער הויבט זיך אויף אינמיטן נאַכט צוליב זיינע באַדערפענישן.

אויף מאָרגן פרי האָבן מיר זיך ווידער פאַנאַנדערגעטיילט לויט די פּאָרן און מיר האָבן פאָרגעזעצט אונדזער מאַרש. עס איז אונדז אויסגעקומען צו איבערגיין די אייזנבאַן־ליניע: קאָוונע־מאַריאַמפּאָל און אויך איבערשניידן דעם שאָסיי פון דער זעלבער ריכטונג. לויט דעם אָנגעצייכנטן מאַרשרוט, האָט דאָס געהייסן איבערשניידן דעם אייזנבאַן־קנופּ און מאַכן אַ דריי קילאָמעטער־שפּרונג איבערן שאָסיי. מיר האָבן, אָבער, אַזוי ניט געטאָן און מיר האָבען דעם שאָסיי איבערגעשניטן פונקט ווי די באַן־ליניע גייט, כדי וואָס גיכער און וואָס ווייטער זיך צו דערווייטערן פון זיי.

*

אונדזער ווייטערדיקער טרעפפונקט איז געווען דער בוקטער וואַלד (אויף ליטוויש: בוקטו מישקאַס), אין מאַרשרוט האָט ער געהייסן בוכציאַנער וואַלד. דאָס איז שוין געווען אַ 55 קילאָמעטער פון קאָוונע און לויט דעם פאָרשריפט האָבן מיר אין דעם וואַלד געדאַרפט טרעפן די אויסגעטיילטע פאַר אונדז הילף — אַ גרופּע פּאַרטיזאַנער. אונדזער פּאַראָל צו זיי איז געווען: „קאָס בעלד־זשיאַסי?" און זייער ענטפער איז געווען: „טאַוואַ לאַימע", דאָס

הייסט: „ווער קלאַפּט דאָרטן?", דער ענטפער: „דיין גליק".

דער וואַלד האָט זיך געפונען ניט ווייט פון דער קאַבעל־בריגאַדע און דאָס האָט אונדז דערמעגלעכט פרייער צו באַוועגן זיך איבער די נאָענטע דערפער אין דער סביבה און אויסבייטן מיט די פּויערים זאַכן אויף פּראָדוקטן. מיר האָבן קיין חשד ניט אַרויסגערופן און מען האָט אונדז אָנגענומען פאַר אַרבעטער פון דער קאַבעל־בריגאַדע. כדי צו פאַרזאָרגן שפּייז האָבן מיר צו דעם צוועק אויסגעטיילט צוויי חברים: שמואל אינגעל און משה גערבער. זייער אויסערליכער אויסזען איז געווען ענלעך צו גויים. זיי האָבן די אַרויפגעלייגטע אויף זיי אויפגאַבע אויסגעצייכנט אויסגעפירט. זיי האָבן ניט נאָר געבראַכט פּראָדוקטן, נאָר אויך שנאַפּס (סאַמאָגאָן) צו דערוואַרעמען דיביינער...

אַזוי ווי מיר האָבן באַשלאָסן צו פאַרבלייבן אין דעם וואַלד גאַנצע 5 טעג, איז די פראַגע פון פאַרזאָרגונג פון שפּייז געווען זייער אַ וויכטיקע. מיר האָבן אויך יעדן טאָג אונטערגענומען אויסשפּיר־גענג איבערן וואַלד מיטן ציל צו טרעפן די פּאַרטיזאַנער, וועלכע האָבן אונדז געדאַרפט העלפן. אין די האַרבסטיקע טעג פון אָקטאָבער־נאָוועמבער איז דער וואַלד באַזונדערס געווען אַ נאַסער, דעריבער איז די פראַגע פון טרינקען שנאַפּס־סאַמאָגאָן אויך געווען זייער אַ וויכטיקע.

ביים אָנקומען אין דעם וואַלד, האָבן מיר איבערגעלעבט אַ גרויסע שרעק: 2 מיטגלידער פון אונדזער גרופּע, חנא מעשקופּ און וועלוול שוסטער, האָבן געפעלט. מיר האָבן אויף זיי זייער לאַנג געוואַרט ביים ברעג פון וואַלד אַ גאַנצן טאָג מיט אַ נאַכט און זיך ניט געקענט אויף זיי זיך דערוואַרטן. ערשט אויף מאָרגן פרי זיינען זיי אָנגעקומען. מיר האָבן ניט געוווּסט וואָס איבערצוטראַכטן, און אַז עס הויבן אָן צו פעלן מענטשן דענערוווירט דאָס און דאָס ווירקט אויך נעגאַטיוו אויף אַלע איבעריקע חברים פון דער גרופּע. עס האָבן זיך אָנגעהויבן רייד און ספקות: ווער ווייס וויפל פון אונדז וועלן בכלל דערגיין ביז דעם געגאַרטן ציל? און צו ווער בכלל ווער פון אונדז דערגרייכן דעם ציל?...

די שטימונג ביי דעם עולם איז געווען זייער אַ קלאָגעדיקע,

אַ פּעסימיסטישע. צו דעם האָט מען נאָך אין משך פון טאָג קיינעם ניט געטראָפן פון די אַזוי גערופענע העלפערס, דאַן איז די שטי־מונג געוואָרן נאָך מער געדריקט און שווער.

אין די אָוונט־שעה׳ן, ווען עס איז פינצטער און נאַס אין וואַלד, און ס׳איז קאַלעמוטנע אויף דער נשמה, האָב איך דאַן פאַרגע־שלאָגן צו זינגען אַ ליד פון „דעם טונקעלן״, געווידמעט די יידישע לעגיאָנערן, און די ווערטער לייענען זיך אַזוי:

געקרייט האָט דער האָן,
ברידער טוט זיך אָן,
ר׳ יעקל, ר׳ געצל, ר׳ שמערל, ר׳ מיכאַל,
טאַ וואַרטושע ברידער, שטייט,
ביי מיר האָט זיך אַ ציצה פאַרדרייט...
(אַלע אין כאָר)
ריבונו־של־עולם, הורא!
ריבונו־של־עולם, הורא!
א׳ ב׳ ג׳ ד׳
טאַבאַק, אַ שמעק,
האָניק, אַ לעק,
בולבעס געבאַקטע, ציבעלעס געהאַקטע,
נעם די ראַשקע און לעק די קאַשקע,
כלאַבע די גערעכטע, כלאַבע די גערעכטע,
און פאַרבייס מיט שיטערע.
צו דער פעסטונג דער
ברידער קומט אַהער!
ר׳ יעקל, ר׳ געצל, ר׳ שמערל, ר׳ מיכאַל.
טאַ זשאַלעוועט ניט קיין הענט,
און קריכט דאַן אויף די ווענט
גיבורי ישראל...
טאַ קריך־זשע פריער דו,
טאַ קריך־זשע פריער דו,
איך קריך, נאָר האַלט מיך צו...

ריבונו־של־עולם, הורא! (און דער ווייטערדיקער רעפריין)
צו דער קאַנאַנע דער,
ברידער קומט אַהער,
ר' יעקל, ר' געצל, ר' שמערל, ר' מיכאל
און אַז די קויל גייט אַרויס,
מוז דאָך זיין אַ שרעק,
ברידער איך האַלט ניט אויס,
לאָמיר גאָר אַוועק...
ריבונו־של־עולם, הורא! (און דער ווייטערדיקער רעפריין).

דאָס ליד האָט אַביסל ביי אונדז געהויבן די שטימונג און שפּעטער האָבן מיר איר געזונגען אָפּטער. מיר האָבן דאָס ליד אַ נאָמען געגעבן — „דער אַווגוסטאָווער הימן".

אין דער פרי ווען די צוויי פאַרפאַלענע זיינען אָנגעקומען, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז זיי האָבן בעסער אויסגעקליבן צו שלאָפן ביי אַ גוי אין שטאַל, איידער ליגן אין דעם נאַסן וואַלד. די גאַנצע גרופּע האָט זיי שאַרף געמוסרט און באַזונדערס איך. מיר האָבן זיי געשילדערט אונדזער זאָרג און שרעק און וואָס מיר האָבן אַדורכ־געלעבט צוליב זייער אָפּוועזנהייט. און בכלל, וואָס איז דאָס פאַרא יושר און אמת, אַז זיי דאַרפן שלאָפן ווי די פּריצים, און מיר אַלע 10 חברים דאַרפן אָפּקומען אין נעץ און קעלט? מיט וואָס מיינען זיי, אַז זיי זיינען בעסער פון אונדז? מיר זיינען געווען שטאַרק אָנגעשטויסן אויף זיי, אָבער זייער גליק איז נאָך געווען, וואָס אונדז איז פריי־לעכער געוואָרן אויפן האַרצן, אַז מיר זיינען סוף־כל־סוף מיט מזל אָנגעקומען אַלע 12 אויפן 55־טן קילאָמעטער פון קאָוונע. באַזונ־דערס האָט געפרייט דער פאַקט, אַז טראָץ דעם וואָס 2 גרופּעס פאַר אונדז זיינען דורכגעפאַלן, זיינען מיר אַלע דאָ.

די שטימונג האָט זיך געהויבן ביי אַלעמען און מיר האָבן אָנגעהויבן ריידן, אַז מיר וועלן דעם ציל דערגרייכן אויך אָן וועלכע עס איז העלפערס. דאָ, אין דעם וואַלד, האָט דער עולם געבעטן אַז מיר זאָלן אַביסל ענדערן די טאַקטיק פון אונדזער גאַנג, דאָס הייסט, אַז איך און שמואליק מאָרדקאָווסקי זאָלן גיין אַלס די ערשטע

פּאָר, און די אַנדערע פּאָרן זאָלן גיין נאָך אונדז. דער ציל פון דער דאָזיקער טאַקטיק איז געווען, אַז מיר זאָלן אויף די קרייצוועגן מאַכן אָפּגערעדטע צייכנס ווו צו גיין גלייך, און ווו זיך פאַרדרייען אויף לינקס, אָדער אויף רעכטס. ס'האָט זיך אָבער דערביי געשאַפן אַ נייער פּראָבלעם. קיינער פון אונדזער גרופּע האָט ניט געוואָלט גיין אַלס די לעצטע פּאָר. די מורא איז געווען, אַז טאָמער וועט מען בלאָנדזשען, וועט ניט זיין ווער עס זאָל פון הינטן אויפקלייבן די אָפּגעשטאַנענע, דעריבער האָבן מיר באַשלאָסן, אַז די לעצטע פּאָר, וועט גיין לויט אַ גורל.

אין דעם וואַלד זיינען מיר געווען 3 טעג און אין משך פון דער צייט האָבן מיר ניט געפונען קיין שפּור פון מענטשן, וועלכע מיר האָבן געדאַרפט טרעפן. מיר האָבן דעם וואַלד „געקאַמט" אין דער לענג און אין דער ברייט און קיינעם ניט געפונען. מיר האָבן זיך פאַרגעשטעלט און פאַרשטאַנען, אַז אויב עס וואָלט יאָ דאָ ווער עס איז געווען פון אַזעלכע מענטשן, האָבן זיי אויך אונדז געדאַרפט זוכן. די מסקנה פון דעם איז, אַז קיינער פון זיי איז דאָ ניטאָ, און דעריבער האָט ניט קיין זין דאָ פאַר אונדז ווייטער זיך אויפצוהאַלטן. חוץ דעם זיינען מיר שוין באַמערקט געוואָרן פון די אַרומיקע פּויערים און דאָס האָט געקענט זיין פאַר אונדז אַ סכנה. מיר האָבן באַשלאָסן מער ניט צו פאַרבלייבן אין דעם וואַלד און מאַרשירן ווייטער.

## ספקות און וואַקלענישן

אין משך פון דער צייט, האָט שמואל אינגעל געמאַכט אַן ענגע באַקאַנטשאַפט מיט אַ פּויער און מען האָט מיט אים אָפּגערעדט, אַז ער וועט אים מיט לאה פאַרט אויסבאַהאַלטן ביזן סוף פון דער מלחמה. קיינער האָט, פאַרשטייט זיך, פון דעם ניט געוווסט חוץ משה גערבער, וועלכער איז שטענדיק געגאַנגען צו די פּויערים מיט שמואל אינגעל. אָבער משה גערבער האָט געהאַלטן דעם סוד און האָט געשוויגן.

פאַרן אַרויסגיין פון וואַלד, האָט מען געצויגן קניפּלער

ווער עס זאָל גיין די לעצטע פאַר און דער גורל איז אויסגעפאַלן אויף דוד גאָלדין מיט עזריאל לוי, זיי זאָלן זיין די לעצטע שליסנדע פאַר. זיי האָב זיך קאַטעגאָריש אָפּגעזאָגט צו בלייבן די לעצטע, און איך אַלס דער פאַראַנטוואָרטלעכער פאַר דעם מאַרש, האָב זיי גע־דראָט צוריקשיקן אין געטאָ פאַר ברעכן די דיסציפּלין. אָבער דאָן האָט זיך אַריינגעמישט שמואל אינגעל און געזאָגט: „וואָס דאַרף מען זיך מיט זיי רייסן? איך און לאה וועלן גיין פרייוויליק אַלס די לעצטע פאַר״.

איך האָב זיך כלל ניט פאַרגעשטעלט, אַז זיי האָבן בכלל פאַר־טראַכט ניט אַוועקצוגיין פון דעם אָרט און דעריבער האָב איך מסכים געווען אַז זיי זאָלן גיין אַלס די לעצטע פאַר. זיי האָבן געהאַט זייער אויסרעכענונג: זיי האָבן געזען, אַז די ערשטע גרופּע, אין וועלכער זיי האָבן אַנטיילגענומען, איז דורכגעפאַלן און פון דער צווייטער גרופּע איז אויך זאַלינגערס גרופּע דורכגעפאַלן. ס׳האָט געדראָט אַ נייער דורכפאַל, היות ווי אין דעם וואַלד האָבן מיר קיין העלפערס ניט געפונען. מיר האָבן דאָ ניט געהאַט קיין קאָנטאַקטן מיט מענטשן, האָבן זיי דעריבער געצווייפלט אין דער צוועקמעסיקייט פון ווייטער־דיקן מאַרש און זיי האָבן באַשלאָסן ווייטער ניט צו גיין. זייער אַנט־שלאָסנקייט און מאָטיוו ניט צו גיין מיט אונדז ווייטער איז געווען, אַז זיי האָבן געפונען אַ פּויער, וואָס האָט מסכים געווען זיי צו באַ־האַלטן ביזן סוף פון קריג...

*

מיר האָבן פאַרלאָזן דעם וואַלד לויטן אָנגעצייכנטן פּלאַן און אָנגענומענעם סדר, און שמואל אינגעל מיט לאה׳לע פאַרט וואָס האָבן געדאַרפט זיין די שליסנדיקע פאַר זיינען פאַרבליבן. דער ווייטערדיקער טרעפפונקט איז געווען דער וואַלד סמאָלניטשאַ. ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ווען מיר זיינען דאָרטן אָנגעקומען, האָבן אונדז געפעלט 6 מענטשן: חנא מעשקופּ; וועלוול שוסטער; משה גערבער; הירשל גען און שמואל אינגעל מיט לאה׳לע פאַרט.

וואָס אָנבאַלאַנגט די ערשטע צווי, האָבן מיר אָנגענומען, אַז זיי האָבן מסתמא ניט געקענט באַשטיין דעם נסיון און זיינען גע־

בליבן נעכטיקן ביי אַ פּויער. אָבער וואָס האָט פּאַסירט מיט שמואל אינגעל און לאה׳לען? אונדז האָט דאָס באַזונדערס באַוּמרואיקט, ווייל זיי זיינען געווען די שליסנדע פּאָר. די חברה האָבן שוין געהאַט אַ „קאָזער״, אַז אַט טאַקע זיינען זיי געווען די לעצטע און דעריבער זיינען זיי טאַקע ניט געקומען. הייסט עס, אַז דודל גאָלדין מיט עזריאל לוי האָבן געהאַט רעכט וואָס זיי האָבן ניט געוואָלט גיין אַלס די לעצטע...

וועגן זיי און משה גערבער און אויך וועגן הירשל געז, האָבן מיר זיך דערוווּסט אַ סך שפּעטער. ווי כ׳האָב שוין פריער געזאָגט, האָט משה גערבער שוין געוווּסט וועגן דעם, אַז שמואל אינגעל און לאה׳לע פּאָרט האָבן באַשלאָסן צו בלייבן ביי אַ פּויער און ער האָט דאָס געהאַלטן בסוד ניט צוליב קאָנספּיראַטיווע טעמים, נאָר כדי אויסנוצן דעם פאַל פאַר זיין טובה וועגן.

ווען ער איז אָפּגעגאַנגען מיט הירשל געז, אַ קליינעם מרחק, זיינען זיי אַריינגעגאַנגען צו אַ פּויער עפּעס אויסטרינקען. משה גערבער האָט איבערגעלאָזן דאָרטן הירשל געזן און אים געזאָגט, אַז ער קומט באַלד אַריין און ער איז באַלד אַוועק צו דעם פּויער ווו ס׳האָבן זיך געדאַרפט געפינען שמואל אינגעל מיט לאה׳לען. ווען ער האָט געבעטן דעם פּויער, אַז ער זאָל אויך אים צונעמען, האָט אים דער פּויער באַלד אַרויסגעטריבן. ניט האָבנדיק קיין ברירה איז ער אַוועק צוריק אין געטאָ.

גייענדיק אויפן וועג צוריק אין געטאָ, האָבן אים אַרעסטירט ליטווישע פּאָליציי־לייט און זיי האָבן אים אָפּגעפירט אין געסטאַפּאָ. מיט זיך האָט ער געהאַט זיין פּיסטאָלעט „סמיט ענד וועסאָן״ וואָס ער האָט געהאַלטן אין די דריטע פּאָר הויזן, וואָס ער האָט געטראָגן אויף זיך. וועגן דעם וואָס האָט מיט אים דאָ פּאַסירט, האָט אַליין דערציילט משה גערבער אויפן פאַרהער אין געטאָ.

געז האָט זיך ניט דערוואַרט אויף משה גערבער און איז אַוועק אַליין, אָבער אין אַ ניט ריכטיקער ריכטונג. ער איז אַריינגעפאַלן אין די הענט פון דער פּאָליציי און מען האָט אים אַרעסטירט לעבן פּרען. די פּאָר האָט זיך, ענדלעך יאָ געטראָפן, אָבער שוין אין געס־

טאַפּאַ. חנא מעשקופּ און וועלוול שוסטער, האָבן ווי מיר האָבן זיך פאַרגעשטעלט, פאַרהאַלטן ביי אַ פּויערטע, אָבער ניט כדי צו נעב־טיקן ביי איר, נאָר אַזוי זיך, סתם אָפּצורוען. זיי זיינען שפּעטער געקומען צו אונדז אויפן טרעפפונקט מיט אַן איינלאַדונג פון דער פּויערטע אָנטיילצונעמען אין אַ סעודה נאָכן קוילענען אַ חזיר.

אַזוי ווי דער פּויערטעס שטוב איז געווען אַן איינציקע און האָט זיך געפונען טיף אין וואַלד און אַזוי ווי די פּויערטע, איז ווי די חברה האָבן איר געשילדערט, ניט געווען קיין פיינטלעכע, האָבן מיר די איינלאַדונג אָנגענומען. מיר זיינען אַוועק אַהין און גאָר פיין צוגע־ביסן און געטרונקען סאַמאָגאָן. דערביי מוז דאָ באַמערקט ווערן, אַז אין דעם גאַנג אויף אַווגוסטאָווע איז קיין גרויסע קאָנספּיראַציע ניט אָנגעהאַלטן געוואָרן. שוין דער פאַקט אַליין, וואָס מיר זיינען געגאַנגען בייטאָג און ניט ביינאַכט, איז געווען אַ ווידערשפּרוך צו די כללים פון קאָנספּיראַציע. אויסער דעם האָבן מיר ניט געקענט אויסמיידן קיין קאָנטאַקטן מיט די פּויערים פון די דערפער, ווייל מיר האָבן זיך דאָך געדאַרפט באַזאָרגן מיט שפּייז. דעריבער איז ניט קיין וווּנדער, אַז מיר האָבן מסכים געווען אָנטיילצונעמען אין דער סעודה נאָכן קוילענען דעם חזיר. ס'האָט זיך גראָד אַרויסגע־וויזן, אַז די פּויערטע האָט זייער מיטגעפילט די יידן און איז געווען זייער צופרידן, וואָס מיר האָבן ביי איר גוט אָפּגעגעסן.

## צווישן יאוש און מאָראַלישער פעסטקייט

פון סמאָלניטשאַ איז אונדזער וועג געווען דורך איגלישקי אין דער ריכטונג פון לאַזדיי. דער טרעפפונקט איז געווען דאָס וועלדל פּאַפּעטשיי, לעבן דאָרף גירייטעליי. לויטן פּלאַן, האָבן מיר אין וואַלד געדאַרפט איבערנעכטיקן, אָבער דערגרייכט דעם וואַלד האָבן נאָר 6 חברים פון אַ גרופּע פון 12 מאַן. פאַרוואָס צוויי פּאָר פון דער גרופּע האָבן געפעלט איז פאַר אונדז געווען קלאָר, אָבער ניט קלאָר איז געווען דאָס פעלן פון דער דריטער פּאָר, חנא מעשקופּ און וועלוול שוסטער, ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן צום דריטן מאָל, אַז זיי האָבן ווידעראַמאָל געבראָכן די דיסציפּלין־כללים און אַנשטאָט

צו נעכטיקן אין וואַלד, פּאַפּעטשיי, ווי עס איז געווען אָפּגערעדט, האָבן זיי ווידער געגעכטיקט אין דאָרף גיראַטעליי.

דאָס אָפּטע ברעכן די דיסציפּלין־כּללים און דאָס פּעלן פון די מענטשן, וואָס האָבן זיך אָפּגעריסן פון אונדז, האָט זייער נעגאַטיוו געווירקט אויף די חברים, און איבערהויפּט אויף די יינגסטע פון אונדז, — דוד גאָלדין און עזריאל לוי. די צוויי חברים האָבן באַשלאָסן זיך צוריקצוקערן צוריק אין געטאָ און דאָס גע־פינענדיק זיך שוין אויפן 110־טן קילאָמעטער גאַנג. זייער באַשלוס ניט פאַרזעצן דעם גאַנג און צוריקקערן זיך אין געטאָ, איז געווען לויט יענע אומשטענדן אַ באַרעכטיקטער און אונטערליגט ניט קיין קריטיק. קיין געווער האָבן מיר דאַן ניט געפונען און קיין מענטשן וואָס האָבן אונדז געדאַרפט העלפן, האָבן מיר אויך ניט געפונען.

די גרופּע ווערט אַלץ קלענער און קלענער, און צוויי גרופּעס פאַר דער גרופּע זיינען דורכגעפאַלן. זיי האָבן קיינעם קיין זאַך ניט דערציילט און זיינען אַוועק צוריק דורך איגלישקעליי. לעבן איגלישקעליי האָט מען זיי פאַרכאַפּט און אַרעסטירט. אויך רבקה בלאַך האָט צו מיר שפּעטער געזאָגט אין פּאַפּעטשיי, אַז ס'איז זיכער אַז מען וועט דעם ציל ניט דערגרייכן. אין בעסטן פאַל וועלן דאָס זיין איך און מאָרדקאָווסקי, טאָ וואָס פאַראַ זין האָט דאָס צו גיין אַהין? איך האָב געפּרוּווט איר באַרויקן, אָבער ווייזט אויס אַן דערפאָלג. מען האָט זיך געלייגט שלאָפן מיט זייער אַ שווערן געמיט.

אויף צומאָרגנס, האָב איך איינגעטיילט די פאָרן און גאָלדין און לוי האָבן ניט געפּרוּווט ווידערשפּרעכן, זיי האָבן מסכּים געווען צו גיין די לעצטע. דעם אמת געזאָגט, האָב איך זיך שטאַרק ניט דערפרייט מיט דעם, ווייל איך האָב אין דעם באַמערקט סימנים פון אַ פאַרצווייפלונג ביי די מענטשן.

איך און מאָרדקאָווסקי זיינען אַוועק די ערשטע. דער טרעפ־פּונקט איז געווען קאַלוועלער וואַלד, לעבן דאָרף קלעפּאַטשיי. קיין קאַלוועליי זיינען מיר אָנגעקומען נאָר זאַלבעצווייט: איך און מאָרדקאָווסקי. איך האָב אים איבערגעלאָזן לעבן קלעפּאַטשיי צו טרעפן די חברה, אין פאַל אויב זיי וועלן קומען, און אַליין בין

איר אַוועקגעגאַנגען אין אַ צווייטן זייט פון וואַלד, פון וואַנען מען האָט געקענט דערוואַרטן אַז עס וועלן אָנקומען די מענטשן, אויב זיי האָבן געבלאָנדזשעט. מיר האָבן געוואַרט ביז שפּעט אין דער נאַכט און מיר האָבן קיינעם ניט געפונען. דאַן זיינען מיר אַריינגעגאַנגען אין אַ כאַטע פון אָרעמע פּויערים אין וואַלד און דאָרטן האָבן מיר אָפּגעגעסן, אָבער שלאָפן זיינען מיר אַוועק אין אַן אַנדער כוטאָר, ווו מיר האָבן זיך אַריינגעגנבעט אויף אַ בוידעם פון אַ שטאַל. ליגנדיק אַזוי ביינאַכט, זאָגט מיר שמואליק, אַז עס דריקט אים עפּעס אין זייט און בעט אַז איך זאָל אַ קוק טאָן וואָס דאָס איז. מיר האָבן פונאַנדערגערוקט די היי און געפונען דאָרטן אַ ביקס און אַ פּיסטאָלעט, אַ „וואַלטער" מיט קוילן. מיר האָבן באַלד, פאַרשטייט זיך, צוגענומעןביידע זאַכן. ביינאַכט זיינען מיר שטיל אַרויסגעקראָכן פון שטאַל און די ביקס האָבן מיר געמוזט אַוועקוואַרפן אין אַ גרוב, ווייל מיר האָבן איר ניט געקענט טראָגן בייטאָג, ווייל געגאַנגען זיינען מיר נאָר בייטאָג. דעם פּיסטאָלעט האָב איך צוגענומען.

מיר האָבן געפּרוּווט צו „קאָמען" דעם וואַלד אין דער לענג און אין דער ברייט מיט זיינע פאַרשיידענע וועגן און וועגעלער, האָפנדיק אפשר, אויף אַזאַ אופן געפינען אונדזערע מענטשן, אָבער אַן דערפאָלג. מיר זיינען צוגעקומען צו אַ כאַטע אינמיטן וואַלד, ווו עס האָט געוווינט אַ פּויערטע, אַן אַלמנה מיט איר 12־יאָריקן זון יאַנוקאָס. זי האָט אונדז זייער פיין אויפגענומען, געפרעגט צו מיר זיינען יידן און ווען מיר האָבן איר געענטפערט אַז יאָ, האָט זי אונדז איבערגעפרעגט נאָכאַמאָל צו מיר זיינען ווירקלעך יידן, האָבן מיר נאָכאַמאָל באַשטעטיקט אַז יאָ. „אויב אַזוי" — זאָגט זי — „זיינען דאָ אין וואַלד נאָך 6 יידן".

מיר האָבן זיך מיט דער ידיעה זייער דערפרייט, ווייל מיר האָבן געמיינט אַז דאָס זיינען אונדזערע פאַרבלאָנדזשעטע מענטשן. זי האָט געהייסן איר זון יאַנוקאָס ער זאָל אונדז באַלד אַוועקפירן צו די יידן. ער האָט אונדז געבראַכט צו זיי, אָבער עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דאָס זיינען ניט אונדזערע מענטשן, נאָר ווישייער יידן; די פאַמיליע פּיטלער, 3 מענער מיט זייערע פרויען, ווייזט

זיך אַרויס אַז זיי באַהאַלטן זיך שוין אין דעם וואַלד פון אָנהויב קריג, די פּויערים האָבן זיי געטראָגן עסן און וויזט אויס פּאַר באַצאָלט.

מיר האָבן זיי דערציילט, אַז מיר זיינען אַנטלאָפענע פון קאָוונער געטאָ און אַז ניט ווייט פון לאַזדיי האָבן מיר אויך פאַר־לאָרן 6 מענטשן, אַזוי אַז ווען מען האָט אונדז געזאָגט, אַז אין דעם וואַלד זיינען דאָ 6 יידן, האָבן מיר געמיינט אַז מיר האָבן זיי געפונען. איינער פון די פאַרלוירענע איז אַ ווישייער, דוד גאָלדין דעם רב׳ס זון. וויזט זיך אַרויס אַז זיי האָבן אים גוט געקענט.

זיי האָבן אונדז מכבד געווען מיט אַ גוטן מיטאָג; הון און זופּ, גאָר אַזוי ווי אין די גוטע צייטן ביי טאַטע־מאַמען. דאָן האָבן זיי אונדז דערציילט, אַז אין דער געגנט באַהאַלט זיך אויס אַ פּויער, מאַיאַוסקאַס, אַ סאָוויעטישער אַקטיוויסט, דאָס איז דער געוועזענער פאַרזיצער פון דאָרפסראַט, ער קען אונדז אַ סך העלפן. זיי האָבן אונדז צוגעזאָגט, אַז זיי קענען אונדז אָוועקפירן צו אים, אָבער נאָר שפּעט אין אָוונט, צוליב קאָנספּיראַציע טעמים.

שפּעט אין אָוונט זיינען מיר געקומען צו מאַיאַוסקאַסן. לויט דער רעקאָמענדאַציע פון די פיטלערס, האָט ער אונדז זייער פיין אויפגענומען. מען האָט פאַר אונדז געמאַכט אַן אָוונטברויט מיט געבראָטענע חזיר־פלייש. מיר האָבן געהאַט מיט אים אַ לאַנגן און אָפנהאַרציקן שמועס. ער האָט אונדז אויסגעהערט מיט גרויס אינטערעס. באַזונדערס איז אים געפעלן געוואָרן, וואָס יידן אָרגאַ־ניזירן זיך צו שטעלן אַ ווידערשטאַנד. ער האָט אונדז אָבער זייער ניט געראָטן צו גיין אין די אַווגוסטאָווער וועלדער צו אונדזער באַשטימונגס־אָרט, ווייל דאָרטן איז לויט דער איצטיקער סיסטעם ניטאָ שוין מער קיין פּוילישע טעריטאָריע. אין סעפּטעמבער 1939, ווען די דייטשן האָבן אָקופּירט פּוילן, איז דער דרייעק סוּוואַלק, גראָדנע, אַווגוסטאָווע צוגערעכנט געוואָרן צו אָסט־פּרייסן. ד. ה. אַז דער דרייעק רעכנט זיך ניט ווי אַ טייל פון אָקופּירטן פּוילן, נאָר אַלס אַ טייל פון גוווערנאַמענט וואָס איז צוגערעכנט געוואָרן צו דייטשלאַנד. כדי אַהין אָנצוקומען, דאַרף מען אַריבערגיין אַ גאַנץ שווערן גרענעץ. וואָס אָנבעלאַנגט אונדזערע פאַרלוירענע חברה,

האָט ער אונדז צוגעזאָגט צו שיקן אַ מענטשן אין לאַזדיי און זיך דאָרטן דערוויסן, צו עס זיינען דורך דער פּאָליציי געכאַפּט געוואָרן יידן, אָדער ניט. מיר זיינען געבליבן נעכטיקן ביי מאַי־אוסקאַסן.

אויף צומאָרגן איז געקומען דער שליח צוריק פון לאַזדיי און האָט איבערגעגעבן די ידיעה, אַז אין לאַזדייער טורמע געפינען זיך 4 יידן; 3 מענער און אַ פרוי. איך האָב באַלד פאַרשטאַנען, אַז דאָס זיינען אונדזערע מענטשן וועלכע מיר האָבן איבערגעלאָזן אין פּאַפּעטשיי. שפּעטער האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן, אַז גאָלדין און לוי זיינען אַוועק צוריק און זיי זיינען אַריינגעפאַלן אין די הענט פון פּאָליציי לעבן איגלישקעליי. פאַרן אַרויסגיין אין וועג האָבן שמעון און רבקה בלאָך באַשלאָסן אַריינגיין אין דאָרף גיריי־טעליי און דאָרטן אָפּעסן. זיי האָבן דאָרטן געטראָפן חנא מעשקופּ און וועלוול שוסטער, און האָבן באַשלאָסן אַז זיי וועלן גיין צוזאַמען, אין ווייטערדיקן וועג זאַלבאַפּערט.

ווען זיי זיינען אַרויס פון דאָרף, האָבן זיי אָנגעטראָפן אַ פּאָ־ליציי־מאַן, וועלכער האָט זיי באַפוילן אויפהויבן די הענט, דראָענדיק זיי מיט זיין פּיסטאָלעט. זיי האָבן אויפגעהויבן די הענט און זיך געלאָזט אַרעסטירן פון איינאונאיינציקן פּאָליציסט. דער דאָזיקער פּאָל ווייזט, ווי ווייט מיר זיינען נאָך ניט געווען קיין אמתע פּאַרטי־זאַנער.. זיי האָבן דאָך געוווסט, אַז לאָזן זיך אַרעסטירן — באַדייט טויט, און זיי זיינען דאָך געווען 4 קעגן איינעם. צווישן זיי איז גע־ווען חנא מעשקופּ, אַ גבר, וואָס האָט געקענט אַליין צעשמעטערן 3 פּאָליציי־לייט, ניט נאָר איינעם, און טראָץ דעם איז זיי אַפילו ניט איינגעפאַלן צו שטעלן אַ ווידערשטאַנד. — אמת עס איז געווען צווישן זיי אַ פרוי מיט וועלכער מען האָט ניט געקענט ריזיקירן. אָט אַזוי זיינען מיר פון 12 מענטשן געבליבן בלויז 2.

## געוואַגטקייט פון דעציזיע

ס'האָט זיך ביי אונדז געשאַפן אַ שווער פּראָבלעם: גיין ווייטער, אָדער עס איז בכלל ניט כדאי פאָרזעצן דעם גאַנג. מאַי־

אוסקאָס (און אים האָט אויך אונטערגעהאַלטן שמואליק), האָט געהאַלטן אַז דאָס גיין ווייטער איז אַן אומזין, אַפילו אויב מיר וואָלטן געווען אַלע 12. פונעם שטאַנדפונקט פון אונדזער גרופּע, האָבן איך געקענט מסכים זיין מיט אים, אָבער אַרויסגייענדיק פון שטאַנדפונקט פון דער געטאָ־אָרגאַניזאַציע, האָב איך אין קיין שום פאַל ניט געטאָרט מסכים זיין מיטן געדאַנק ניט פאַרזעצן דעם מאַרש, טראָץ די אַלע שוועריקייטן אין וועג. אין פאַל ווען מיר וואָלטן געקומען צוריק אין געטאָ, ניט האָבנדיק דערגרייכט דעם באַשטימטן ציל, וואָלט מען דאָן געזאָגט, אַז אויב מיר זיינען ניט געווען אויפן אָרט און אַליין זיך ניט איבערצייגט מיט די אייגענע אויגן וואָס עס שטעלט פאָר מיט זיך דער אָרט, איז אַלץ נאָר רייד, וועלכע מען קען יאָ גלייבן און ניט גלייבן און די אָנפירונג וואָלט געוויס ווייטער אונדז געשיקט נאָך גרופּעס צו דערגרייכן דעם ציל. כדי צו פאַרמיידן אָבער אַזאַ צושטאַנד און קומען אין געטאָ מיט דער פולער זיכערקייט, האָב איך באַשלאָסן צו גיין ווייטער פאַר יעדן פּרייז, וואָס עס זאָל ניט זיין און פאַרזעצן דעם מאַרשרוט. מאַיאוס־קאָס האָט אונדז געגעבן אויפן וועג אַ לאַבן ברויט מיט אַ גרויסן שטיק שפּעק און ער פּערזענלעך, האָט אונדז באַגלייט אין וועג און האָט אונדז געווונטשן דערפאָלג.

מיר האָבן געדאַרפט דורכגיין צווישן צוויי סכנותפולע דערפער: ברינייִ און אָגראָדניקיי. אין אָגראָדניקיי האָט סטאַציאָנירט אַ גרופּע ס.ס.־לייט און אין ברינייִ איז געווען אַ גרויסע מיל און אַ גאָטער, וועלכע זיינען געהיט געוואָרן פון ס.ס.־לייט. הינטער די צוויי דערפער, ביז צום גרענעץ איז געווען אַ וואַלד, וואָס איז געווען אַרומגעצוימט מיט שטעכל־דראָט און דאָס האָט זיך גערופן „נימאַנדסלאַנד" (קיינעמס לאַנד). דאָרטן האָט זיך ניט געטאָרט געפינען קיינער, ניט פון דער ליטווישער און ניט פון דער דייטשער באַפעלקערונג. הינטער דעם וואַלד איז געווען אַ וועג, וואָס האָט געפירט פון לאַזדייִ צו סייניי. דער וועג איז געווען צעאַקערט און אין דער צייט איז ער ערטערווייז געווען באַוואַקסן מיטווילדע גראָז. דאָס איז געווען דער גרענעץ. אויף יענער זייט וועג איז ווייטער געווען אַ וואַלד און אויפן ברעג פון וואַלד זיינען אויף אַלע פּאָר

הונדערט מעטער געווען סטאָלבעס און אויף זיי ביידלעך, אין וועלכע עס זיינען געזעסן דייטשן פון דער גרענעץ־וואַך און פון צייט צו צייט האָבן זיי באַלויכטן מיט פּראָזשעקטאָרן דעם צעאַקערטן וועג.

## אין אַ פיינטלעכער סביבה

ביז צו דעם „נימאַנדסלאַנד" האָט אונדז באַגלייט מאַיאוסקאַס, ער האָט אונדז געווונטשן הצלחה אין וועג און ווייטער האָט ער אונדז געהייסן גיין און האַלטן זיך ביי דער רעכטער זייט פון דער לבנה. די געזעגענונג מיט אים איז געווען אַ האַרציקע, ווי מיט אַן אייגענעם. אַזוי זיינען מיר אַריין אין וואַלד, ווו עס האָט ניט געטאָרט טרעטן קיין מענטשנס פוס. דווקא דערפאַר זיינען מיר אין דעם וואַלד געגאַנגען זיכער און געווען איבערצייגט, אַז מיר וועלן דאָרט קיינעם ניט טרעפן.

לאַנג איז אונדז ניט אויסגעקומען צו גיין און מיר זיינען צוגעקומען צום וועג לאַזדיי־סיניי, וועלכער איז געווען צעאַקערט און ערטערווייז באַוואַקסן מיט ווילדע הויכע גראָז. דעם וועג האָבן מיר באַשלאָסן צו פּרוּוון אויף די בייכער, האַלטנדיק זיך דאָרטן ווו עס איז געווען מער גראָז. ווען עס פלעגט פאַלן די ליכט פון פּראָזשעקטאָר אויף דעם אָרט, ווו מיר האָבן זיך געפונען, זיינען מיר געבליבן ליגן אומבאַוועגלעך. ווען מיר זיינען צוגעקומען צום ברעג פון וואַלד, האָבן מיר זיך אויפגעהויבן אויף די פיס און אָנגעהויבן לויפן. די דייטשן האָבן מסתמא געמיינט אַז דאָס לויפן וואַלד־חיות, האָבן זיי אָפּגעגעבן אַ פּאָר שאָסן, כדי אָפּצושרעקן די „חיות" און דערמיט האָט זיך זייער פאַרפאַלגונג געענדיקט.

פון קאַלוועלער וואַלד אַן, האָבן מיר אָנגעהויבן צו גיין נאָר אין די נעכט, אַזוי האָט אונדז געראָטן מאַיאוסקאַס. מיר זיינען געגאַנגען ניט לאַנג און אַז מיר זיינען צוגעקומען צו אַ פּראָסיעקע ד. ה. אַן אויסגעהאַקטן וועג, וואָס האָט געפירט אין דער ריכטונג פון דרום־מערב, זיינען מיר געגאַנגען מיט דעם וועג. דער גאַנג איז געווען זייער אַ שווערער, ווייל, ערשטנס, איז דאָס ניט געווען קיין פּאַסיקער וועג צו גיין, אָדער צו פאָרן. דער וועג איז געווען

פול מיט שטאַמען פון אָפּגעזעגטעביימער און ערטערווייז זיינען נאָך געלעגן די אָפּגעזעגטע ביימער, וועלכע מ׳האָט ניט באַוויזן אַרויסצופירן און מיר האָבן געמוזט אַריבערקריכן איבער זיי. חוץ דעם, איז אין דער נאַכט אַרויסגעפאַלן אַ שניי, וואָס האָט זיך געקלעפּט צו אונדזערע שטיוול. דאָס איז געווען די נאַכט פון 7־טן אָדער 8־טן נאָוועמבער 1943.

שמואליק האָט נאָך דערצו געליטן פון בלאָטערן און ער האָט ניט געקענט גיין. איך האָב מיט גרויס מי אַראָפּגעצויגן פון אים די שטיוול און פאַרבאַנדאַזשירט אים פעסט די פיס. דאָס האָט אים געהאָלפן, אָבער ניט אויף לאַנג, ווייל פון די באַנדאַזשן איז אים געוואָרן שטייף די פיס. ער האָט אָנגעהויבן זיך בעטן איך זאָל אים איבערלאָזן און גיין אַליין, ווייל ער קען ניט גיין ווייטער. ס׳האָבן ניט געהאָלפן קיין רייד און איך האָב אים גענומען אויף מיין רוקן און געטראָגן. אַזאַ גאַנג איז אָבער געווען זייער אַ שווערער און אַ לאַנגזאַמער. דאַן האָב איך אים ווידער אַראָפּגענומען די באַנ־דאַזשן פון די פיס און ער האָט אַ געוויסע צייט געקענט גיין אַליין. אַזוי זיינען מיר אָנגעקומען צו אַ טייכל, וועלכע האָט ביי אונדז אויף דער מאַפּע געהייסן מאַרינאַ. דאָס איז געווען אַ גוטער אָריענטיר און מיר זיינען געווען איבערצייגט אַז מיר גייען אין דער ריכטיקער ריכטונג.

מיט דעם ברעג פון טייכל האָבן מיר דערגרייכט צו אַ דאָרף, וואָס האָט געהייסן זשעלווא. דעם דאָרף האָט אַדורכגעשניטן אַ טייכל און איבערן טייכל איז געווען אַ בריקל אַ דאַנק וועלכן מיר האָבן געקענט דאָס טייכל אַריבערגיין. מיר האָבן זיך אָבער ניט פאָרגעשטעלט אַז דער דאָרף איז אַזוי גרויס. מיר זיינען געגאַנגען און געגאַנגען און עס האָט ניט גענומען קיין סוף צו די הייזער פון דאָרף. די הינט האָבן געבילט און מיר האָבן מורא געהאַט זיי זאָלן ניט אויפוועקן די שלאָפענדיקע פּויערים פון דאָרף. דער דאָרף האָט געהאַט אַן אויסזען פון אַ דייטשן דאָרף: די פונדאַמענטן פון די הייזער זיינען אַלע געווען באַמאָלן מיט ווייסע פאַרב און עס איז אומעטום געווען זויבער. אויך די גאַסן פון דאָרף זיינען געווען ברוקירט.

## דאָס איז אַווגוסטאָווע!...

ענדלעך זיינען מיר, מיט מזל, אַרויסגעגאַנגען פון דעם דאָרף אין וואַלד אַריין. דאָס איז שוין געווען דער אַווגוסטאָווער וואַלד. ליידער, אָבער אַנשטאָט די אָנגעוויזענע אויף אונדזערע מאַפּעס וואַלד־וועגן, זיינען דאָס געווען אַספּאַלטירטע שאָסייען און די באַוועגונג אויף זיי איז געווען זייער אַ גרויסע. מיר האָבן באַשלאָסן די וועגן אויסצומיידן און געגאַנגען מיט דעם וואַלד אין דער ריכ־טונג ווו עס האָבן געפירט די וועגן. אויף יעדן טריט און שריט זיינען געווען שילדלעך, וועלכע האָבן אָנגעוויזן די נעמען פון די דערפער און אויך די ריכטונג ווי דערגיין צו זיי.

מיר זיינען דערגאַנגען צו 2 ניט קיין גרויסע אָזיערעס, וועלכע זיינען געווען פאַרבונדן מיט אַ שמאָלן קאַנאַל. דאָס האָט אויף אונדזער מאַפּע געהייסן אָזיערע פּאָמאַרזשע. דאָס איז שוין געווען ניט מער ווי אַ 20 קילאָמעטער ביז צו דער אָזיערע ברוזשאַני.

גייענדיק איז געוואָרן טאָג און די באַוועגונג אויף די וועגן און אויך אין וואַלד איז געוואָרן שטאַרקער. מיר זיינען אַריינ־געגאַנגען טיפער אין וואַלד און מיר האָבן נאָך געפּרוּווט ווייטער גיין. נאָכער האָבן מיר באַשלאָסן צו געפינען אַ פינצטערן ווינקל און דאָרטן איבערוואַרטן דעם טאָג ביז עס וועט פינצטער ווערן.

ביינאַכט זיינען מיר געגאַנגען ווייטער און מיר זיינען אָנגעקומען צו אַ דאָרף, וואָס האָט געהייסן סטאַנאַווּויסקאַ. אַרום סטאַנאַווּויסקאַ זיינען ווייטער געווען סטאָלבעס און אויף זייביידלעך, אין וועלכע עס זיינען געזעסן די דייטשע וואַך. ביינאַכט האָבן זיי געוואָרפן פּראָזשעקטאָרן־ליכט אַרום זיך. זעלבסטפאַרשטענדלעך אַז מיר האָבן דעם דאָרף אויסגעמיטן, אָבער מיר האָבן פאַרשטאַנען אַז דאָ, אינמיטן וואַלד, אין אַ דאָרף, געפינט זיך עפּעס וויכטיקעס און סודותפולעס. אויסער דעם איז געווען אומעטום שילדלעך מיט מעלדונגען, אַז ווער עס וועט זיך געפינען אין ראַדיוס פון 4½ קילאָמעטער פון דעם דאָרף, וועט דערשאָסן ווערן אָן אַ וואָרענונג.

מיר האָבן זיך אָפּגעקערט אויף רעכטס פון דעם דאָרף ווו

עס זיינען געווען ווייזערס, וואָס האָבן אָנגעוויזן די ריכטונג צו דעם דאָרף ווערכאַלשטשיני. מיר האָבן געמיינט אַז אין דעם דאָרף וועלן מיר אָנטרעפן פּאַליאַקן, ביי וועלכע מיר וועלן קענען עפּעס איבערבייסן. אמת, מיר האָבן נאָך געהאַט מיט זיך ברויט און שפּעק, וואָס מיר האָבן געקראָגן פון מאַיאוסקאַסן, אָבער דאָס האָבן מיר געוואָלט האַלטן אין רעזערוו אַלס זאַפּאַס אויף די צייטן ווען מיר וועלן ניט האָבן ביי וועמען אָפּצועסן. אָבער, ליידער, האָט מען אונדז אין דעם דאָרף ניט נאָר ניט געגעבן צו עסן, נאָר מען האָט נאָך אויף אונדז אָנגערייצט די הינט און אָפּגעלאָזן זיי פון די קייטן און אַרויפגעלאָזן אויף אונדז, אַזוי אַז מיר האָבן זיך קוים אַרויסגעדרייט פון זיי. אַלזאָ, פון דאָרטן איז שוין צו דער אַזיערע ברוזשאַני געווען ניט ווייט און מיר זיינען אַוועק דעם לעצטן עטאַפּ פון אונדזער ווייטן וועג.

ווען מיר זיינען אָנגעקומען צו דער אַזיערע, האָבן מיר דאָרטן געפונען עפּעס אַ פּאַרלאָזענעם הילצערנעם בריקל. דאָס איז מסתמא געווען אַ בריקל, וואָס האָט געדינט צו כאַפּן פיש, אָדער צום וואַשן וועש. מיר זיינען אַרויף אויפן בריקל און איך האָב אויסגעשטרעקט מיין רעכטע האַנט און געזאָגט: „שלום עליכם, אַזיערע ברוזשאַני!"... ניט וויניק מי און כוח האָט אונדז געקאָסט צו דערגרייכן די אַזיערע. מיר האָבן באַשלאָסן אַרומצוגיין אַרום דער אַזיערע אין אַ געוויסן מרחק און אויסשפּירן וואָס עס טוט זיך אַרום איר. אַזוי, גייענדיק אַרום דער אַזיערע, האָבן מיר זיך אָנגעשטויסן אויף אַ דייטשן וואַלד־וועכטער. ווען ער האָט אונדז דערזען אין דער פּאַרבאַטענער זאָנע, האָט ער אויפגעהויבן זיין קאַראַבינקע און געגעבן אַ געשריי: „הענדע האָך!"... קיין ברירה האָבן מיר ניט געהאַט און איך האָב דער ערשטער אויסגעשאָסן אין אים פון מיין „וואַלטער". מיר זיינען גלייך אַנטלאָפן, ניט ווּסנדיק צו איך האָב אים יאָ געטראָפן, אָדער ניט, צו איך האָב אים געהרגעט אָדער בלויז פאַרווונדעט. אַ פאַקט איז, אַז קיינער האָט זיך נאָך אונדז ניט נאָכגעיאָגט. פון דעם האָבן מיר פאַר־שטאַנען, אַז איך האָב אים יאָ געטראָפן.

מיר זיינען אָנגעקומען צוריק צום בריקל און פון דאָרט זיך

אַריינגעצויגן טיפער אין וואַלד אַריין. דאָרט איז דער וואַלד געווען אַזוי געדיכט און אַזעלכע הויכעביימער, וואָס האָבן פאַרשטעלט די ליכט, אַז 10 מעטער פון זיך, האָט מען אַפילו בייטאָג כמעט ניט געזען. אין וואַלד האָבן מיר געמאַכט אַ קאַסטיאָר (פייער) פון טרוקענע צווייגן, ניט נאָר אַזוי צוליב דערוואַרעמען זיך, נאָר צו אָפּטרייבן פון זיך די אַרומיקע וועלף. ביי דער נאַכט האָבן מיר געזען פון ווייטן פייערלעך פון זייערע אויגן און אַ גאַנצע נאַכט האָבן זיי אַרום אונדז געוואָיעט. מיר האָבן אָרגאַניזירט אַ שמירה. יעדערער פון אונדז האָט 2 שעה גערוט און 2 שעה געווען וואַך, כדי אונטערצולייגן צווייגן צום פייער. סך־הכל זיינען מיר געווען אין אַווגוסטאָווער וואַלד 3 טעג און 3 נעכט.

ס'קען זיין, אַז מיר וואָלטן דאָרטן געבליבן נאָך לענגער, נאָר עס האָט זיך ביי אונדז געענדיקט די שפּייז און ווי צו קריגן האָבן מיר ניט געהאַט. חוץ דעם זיינען מיר געווען הונדערט פּראָצענט איבערצייגט, אַז עס איז ניטאָ אויף וועמען צו וואַרטן, ניט פון געטאָ און ניט פון די וואָס האָבן אונדז געדאַרפט געבן הילף. מיר האָבן זיך געפונען אין אַ פיינטלעכער סביבה. די טעריטאָריע איז ניט געווען צוגעפּאַסט פאַר פאַרטיזאַנישער טעטיקייט. עס איז געווען דייטשלאַנד...

## דער צוריקוועג אין געטאָ

מיר האָבן באַשלאָסן צוריקצוקערן זיך אין געטאָ. מיר האָבן געהאַלטן, אַז אונדזער אויפגאַבע האָבן מיר אויסגעפירט. אויף דעם צוריקוועג זיינען מיר שוין געווען מער מומחים ווי אויף דעם וועג אַהין. אָבער די אומשטענדן האָבן זיך אינצווישנצייט געביטן לרעה קעגן אונדז. אין ווישייער און לאַזדייער געגנט האָט די ליטווישע פּאָליציי, אויף דער פאַראָרדערונג פון די דייטשן, אָרגאַניזירט כאַפּאַנקעס פון אַרבעטספּעאיקע ליטווינער צו פירן זיי אין דייטשלאַנד אויף צוואַנגסאַרבעט.

חוץ דעם איז די שטימונג ביי אונדז געווען זייער אַ שלעכטע. נאָכדעם ווי מיר האָבן שוין דורכגעמאַכט אַזאַ שווערן און

לאַנגן וועג און שוין געקומען דאַכט זיך צום ציל, האָבן מיר געמוזט זיך אומקערן צוריק מיט גאַרניט. דערביי האָבן מיר פאַרלוירן די גאַנצע גרופּע מענטשן און ניט געוווּסט וועגן זייער גורל. חוץ די זאָרג און פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר זיי, האָט דאָך אונדז געבונדן אַזאַ ענגע פריינדשאַפט און מיר האָבן דאָס זייער שווער איבערגעלעבט. צו דעם אַלעמען נאָך, זיינען מיר געווען פיזיש אויסגעמאַטערט און שמואליק האָט זייער געליטן פון זיינע פראָסט־בלאָטערס אויף די פיס.

אונטערוועגס האָט מיר שמואליק געמוסרט: „ווי קומט דאָס, אַז איך, וואָס האָב די גאַנצע יוגנט מיינע פאַרבראַכט אין אַ ישיבה, בין גאָר אַוועק צו די קאָמוניסטן". שמואליק איז געווען אַ פרומער און ער האָט ניט געקענט אַריבערטראָגן — אַזאַ עוולה. אונדזערע וויכוחים אויף דער טעמע, כאָטש זיי זיינען געווען זייער אָפטע, האָבן אָבער געטראָגן זייער אַ חברישן כאַראַקטער. ער האָט זיך צו מיר אַזוי צוגעבונדן, אַז ער האָט גאַרניט געקענט פאַרשטיין און דערלאָזן דעם געדאַנק, אַז מיר וועלן זיך ווען עס איז קענען שיידן איינער פון צווייטן. מיר האָבן פיל מאָל איינער דעם צווייטן צוגע־זאָגט און פאַרזיכערט, אַז מיר וועלן קיינמאָל ניט זיין איינער אָן דעם צווייטן. ליידער האָט אונדזער גורל דיקטירט עפּעס אַנדערש. מען האָט אונדז צעשיידט מיט גוואַלד...

אין דעם אַווגוסטאָווער וואַלד, ביז צו דער גרענעץ, זיינען מיר געגאַנגען נאָר ביינאַכט. בייטאָג איז דאָרט די באַוועגונג אויף די וועגן געווען זייער אַ גרויסע און עס איז געווען אוממעגלעך אויסצומיידן באַמערקט צו ווערן. דאָס האָט אונדז שוין גע־מאַכט פאַר ריכטיקע פּאַרטיזאַנער. אַריבערצוגיין דעם גרענעץ האָבן מיר אויסגעקליבן אַ נאַכט פון שבת אויף זונטיק. דאַן זיינען די גרענעץ־וועכטער וויניקער וואַכזאַם, ווייל זיי מאַכן אַ שנאַפּס. אַזוי ווי עס איז דאַן אַרויסגעפאַלן אַ שניי, האָט עס ניט געקנאַקט אונטער די פיס פון די טרוקענע צווייגלעך. דעם גרענעץ האָבן מיר אַריבערגעשניטן פּויזענדיק אויף די בייכער. אמת, עס איז זייער לאַנגזאַם, אָבער געווען זיכערער ווי גיין צופוס. ווען מיר זיינען אַריבער דעם גרענעץ, האָט זיך די שפּאַנונג אַביסל פאַרקלע־

נערט און מיר האָבן אָנגעהויבן שטאַרק צו שפּירן דעם הונגער, ס'איז שוין אַדורך אַ צייט וואָס מיר האָבן ניט געגעסן...

## דער צווייטער שאָס פון מיין „וואַלטער"...

צוערשט זיינען מיר געגאַנגען זוכן מאַיאוסקאַסן. ניט דער־גייענדיק אָבער צו זיין שטוב, ווו ער האָט זיך אויסבאַהאַלטן, האָט אונדז איינער אַ פויער באַלד אָנגעזאָגט, אַז אין דער שטוב זאָלן מיר ניט וואָגן אַריינגיין, ווייל דאָרטן האָט מען אַלעמען אַרעס־טירט. אויך די פּיטלערס האָבן מיר ניט געפונען אין זייער „מאַ־לינע". עס איז געווען אָנצונעמען, אַז אויך זיי זיינען שוין אַריינ־געפאַלן אין די הענט פון דער פּאָליציי, נאָך 3 יאָר אויסבאַהאַלטן זיך. מיר זיינען געווען שטאַרק הונגעריק און האָבן ניט געהאַט קיין ברירה און געמוזט אַריינגיין אין דער ערשטער בעסטער הויז בעטן עפּעס אָפּצועסן. דאָס הויז איז געווען אַ שיינע מיט אַ גאַניק, אָבער מיר זיינען אַריין ניט דורך דעם גאַניק. מיר זיינען געגאַנגען אַרום דורך דער קיך. דאָ איז ביי דער פּליטע געשטאַנען אַ שיינע שיקסע, וואָס האָט געבראָטן און געקאָכט פאַרשיידענע שפּייז. דער בעל־הבית פון שטוב איז געווען אַן אַלטער גוי מיט אַ בערדל. קיין אוי־סערלעכע ענלעכקייט צווישן אים און דער שיקסע איז ניט געווען, דעריבער איז שווער צו זאָגן צו די שיקסע איז געווען זיינע אַ טאָכ־טער אָדער ניט. יעדנפאַלס האָט ער אונדז אויפגענומען גאָר פיין. ער האָט אונדז איינגעלאַדן צום טיש און געהייסן דער שיקסע מאַכן פאַר אונדז אייערקוכנס מיט שפּעק. דער אַפּעטיט האָט גערייצט און מיר האָבן זיך שוין ניט געקענט דערוואַרטן אויפן עסן. אַליין האָט ער זיך אַוועקגעזעצט מיט אונדז צוזאַמען ביים טיש און האָט זיך מיט אונדז זייער פיין אונטערגעהאַלטן.

מיר איז באַלד דער גאַנצער ענין געוואָרן זייער פאַרדעכטיק. מילא, אַז מען גיט אָפּעסן אַ פּאָר אַזעלכע „לאַכודרעס" ווי מיר זיינען, פאַסירט, אַז עס זיינען דאָ אַזעלכע גוטע פויערים וואָס האָבן מיטלייד, אָבער אַזאַ קבלת־פּנים — פאַסירט זעלטן, סיידן פאַר גאָר בכבודיקע געסט. דער ענין איז אונדז געווען זייער פאַרדעכטיק. איך

האָב באַלד געזאָגט צו שמואליקן, אַז איידער מען וועט אונדז נאָך געבן עפּעס אָפּצועסן, מוזן מיר אָפּציען פון דאַנען, און וואָס שנעלער. שמואליק האָט מיר פאַרגעוואָרפן, אַז איך האָב שטענדיק ליב איבערצוטרייבן אַ סכנה. ער האָט געהאַלטן אַז מען דאַרף פריער אָפּעסן און דאַן וועלן מיר נאָך באַווייזן אַוועקצוגיין פון דאַנען. איך בין געווען ניט ווייניקער הונגעריק פון אים, אָבער פון דעסטוועגן האָב איך דאָ גלייך דערשמעקט אַ געפאַר און איך האָב אים זייער שאַרף א זאָג געטאָן: „מען מוז גיין פון דאַנען און וואָס שנעלער!"

דער גוי, גלייך ווי ער האָט געזען אַז מיר הויבן זיך אויף פון טיש האָט צוערשט געפּרוּווט אונדז איינריידן, אַז מיר זאָלן בלייבן. דאַן האָט ער זיך אויך אויפגעהויבן, צוגעגאַנגען צו דער טיר פון קיך, איר פאַרהאַקט און אַליין זיך אַוועקגעשטעלט היטן די טיר. דאָ האָב איך זיך איבערצייגט, אַז די געפאַר איז אויף אַן אמת גרויס. איך האָב אַרויסגענומען מיין פּיסטאָלעט „וואַלטער" און האָב אים באַלד דערשאָסן אויפן אָרט. דאָס איז געווען דער צווייטער שאָס פון מיין „וואלטער" און טאָקע זייער אַ געלונגענער.

מיר זיינען גלייך צוגעלאָפן צו דער טיר, וועלכע האָט געפירט צום אַרויסגאַנג דורכן גאַניק. זי איז געווען פאַרשלאָסן, אָבער דער שליסל האָט געשטעקט אין טיר. איך האָב די טיר אויפגעשלאָסן און מיר זיינען אַריין אין אַ צימער וווּ עס זיינען געווען 3 בעטן און אויף דעם הענגער זיינען געהאַנגען פּאָליצייאישע שינעלן. ווי עס ווייזט אויס האָבן דאָרטן סטאַציאָנירט די אָרגאַניזאַטאָרן פון די אָבלאַוועס און דער גוי האָט אונדז געוואָלט פאַרהאַלטן אַזוי לאַנג, ביז זיי וועלן קומען און אונדז איבערגעבן אין זייערע הענט. מיר זיינען אַרויסגעלאָפן דורך דעם גאַניק און וואָס שנעלער אַוועק צום נאָענטן וואַלד. אין דעם פאַל האָט זיך שוין שמואליק ניט געקלאָגט אויף זיינע פיס און איז געלאָפן ווי אַן אונטערגעשאָסענער...

## דאָרט וווּ עס דראָט אַ געפאַר

אַז מיר זיינען אָנגעקומען אין וואַלד, האָבן מיר באַשלאָסן ניט צו בלייבן אויפן אָרט, נאָר איבערשניידן דעם וואַלד ביז זיין

אַנטקעגנאיבערדיקן ראַנד. אַזוי זיינען מיר אָנגעקומען צום וואַלד־ראַנד לעבן דאָרף קלעפּאַטשיי. דאָ זיינען מיר אַריינגעגאַנגען אין אַן איינגעפאַלענער כאַטקע צו אַן עלטערן אָרעמען פּויער און ער האָט אונדז געגעבן עסן פּעטשאַ *. מיר האָבן אויפגעגעסן אַ גאַנצע שיסל פּעטשאַ מיט ברויט. דער פּויער האָט אונדז געוואָרנט, אַז מיר זאָלן ניט אַזוי שנעל עסן, ווייל אַז מען איז זייער הונגעריק קען פּאַסירן עפּעס, אַז מ׳עסט שנעל. מיר האָבן ניט געלייגט קיין גרויס אַכט אויף זיינע רייד און מיר האָבן געגעסן וויפל עס האָט זיך געלאָזט און עס האָט מיט אונדז קיין זאַך ניט פּאַסירט...

איצט איז פאַר אונדז געשטאַנען די אויפגאַבע צו פאַרלאָזן דעם לאַזדייער קרייז, ווייל מיר האָבן זיך דערוווּסט פון אַ פּויער, אַז אין די אַנדערע ראַיאָנען אַרום לאַזדיי זיינען די אַבלאַוועס שוין אַדורכגעגאַנגען און דאָ הויבן זיי זיך ערשט אָן. חוץ דעם האָבן מיר באַשלאָסן צו גיין נאָר מיט דער נאַכטיקער טונקלקייט. אויב דעם וועג פון קאָוונע אַהער זיינען מיר געגאַנגען בייטאָג, איז עס נאָר געווען צוליב דעם וואָס דער וועג איז אונדז נאָך ניט געווען באַקאַנט. איצט, אָבער ווען דער וועג איז אונדז שוין מער וויניקער באַקאַנט, קענען מיר זיך דערלויבן דעם „לוקסוס״ צו גיין אין דער נאַכטיקער פינצטערניש.

מיר זיינען אַוועק אין דער פינצטערניש מיט אַ וועג וואָס האָט געפירט באַרג אַרויף. ווען מיר זיינען אַרויף אויף דעם באַרג, איז דאָרטן, לעבן אַ שטוב, געשטאַנען אַ פור געשפּאַנט מיט צוויי פערד. ווען מיר זיינען פאַרביי געגאַנגען די פור, האָט איינער וואָס איז געשטאַנען לעבן איר, אָנגעצונדן אַ שוועבעלע, כלומרשט כדי אָנצוצינדן אַ ציגאַרעט. עס האָט געדאַרפט מאַכן דעם איינדרוק אַז ער וויל אַ קוק טאָן ווער עס זיינען די פאַרבייגייערס. גלייך האָט מען געעפנט אַ פייער און מען האָט אָנגעהויבן שיסן. מיר האָבן לאַנג ניט געוואַרט, זיך אַרונטערגעקייקלט פון דעם בערגל אַרונטער אין דער ריכטונג צו אַ צעאַקערטן פעלד. מיר זיינען אַוועקגעלאָפן אַ היפשן מרחק מיט דעם געאַקערטן פעלד, בכדי זיי זאָלן אונדז ניט קענען נאָכיאָגן מיט די פערד. אַז מיר זיינען

* פאַרקילטע פעטס.

אומגעפער צוגעקומען צום מיטן פון פעלד, האָבן מיר זיך אַריינ־געלייגט אין אַ גראָבן. מיר האָבן זיך דאָרט איבערגעדעקט מיט אונדזערע בורקעס און געהערט ווי זיי זיינען געפאָרן אויפן וועג. זיי האָבן זיך מסתמא ניט פאַרגעשטעלט, אַז מיר וועלן בלייבן אין פעלד. זיי האָבן אונדז געזוכט אין אַלע אַרומיקע הייזער. ווען עס האָט שוין אָנגעהויבן צו טאָגן, האָבן מיר געהערט ווי זיי פאָרן אַוועק און זינגען זייערע לידער. פון דעם האָבן מיר געלערנט, אַז אין אַזאַ וועג איז וויניק זיך צו אָריענטירן אויף דער מאַפּע מיטן קאָמפּאַס, מען מוז זיך אויך אָריענטירן אין מאָמענט פון אַ געפאַר...

אָריענטאַציע אויף וועגן, פאָדערט ניט קיינע באַזונדערע שנעלקייט, אָבער די אָריענטאַציע אין אַ צייט פון אַ געפאַר מוז זיין אַ בליצשנעלע. כדי אויסצומיידן די געפאַר, האָבן מיר באַשלאָסן זיך צו באַנוצן מיט דער הילף פון לאָיאַלע פּויערים. אַז מיר זיינען שוין געווען איבערצייגט און זיכער אַז די פור איז אַוועקגעפאָרן, האָבן מיר פאַרגעזעצט אונדזער וועג ביז צום נאָענטסטן וואַלד, כדי דאָרטן אויסצורוען דעם טאָג און דאַן גיין ווייטער. פאַר אונדז, אונטערוועגס, איז געווען אַ דאָרף, וואָס האָט געהייסן קורקליי. איין טייל פון דעם דאָרף איז געווען אויסגעלייגט אויף אַ באַרג אַרויף און דאָרטן האָבן געוווינט רוסן־סטאַראָוויערן *.

מיר האָבן געוואָלט אָנקומען אין רוסישן דאָרף. מיר האָבן קוים נאָך ניט באַוויזן אַהין צו דערגיין אין די גאָר פריע מאָרגנ־שעהען, האָבן מיר דערזען, אַז פון בערגל, ד. ה. פון רוסישן דאָרף, לאָזן זיך אַרונטער דריי געשטאַלטן מיט לאַנגע מאַנטלען. מיר האָבן פאַרשטאַנען אַז דאָס זיינען ניט קיין גלחים, ווייל אין קורקליי איז ניט געווען קיין קירך. הייסט דאָס אַז די לאַנגע מאַנט־לען זיינען פּאָליציייאישע שינעלן.

מיר האָבן אָנגעהויבן לויפן. ווען זיי האָבן אונדז באַמערקט האָבן זיי זיך פונאַנדערגעשפּרייט אין אַ צעפּ און אָנגעהויבן אונדז פאַרלויפן דעם וועג אַזוי, אַז מיר זאָלן ניט קענען לויפן מיטן וועג צוריק. עס איז אונדז געבליבן דער אויסוועג: אָדער גיין צום

---

* אַלטגלויביקע פּראַוואָסלאַוויער.

דאָרף, אָדער צו אַ זומפּ. מיר האָבן באַשלאָסן צו לויפן צום זומפּ. ערשטנס איז אינדערפרי געווען אַ פרעסטל און דער זומפּ איז געווען צוגעפרוירן. און צווייטנס, האָבן מיר זיך געהיט ביים לויפן ניט אַריינצושטעלן די פיס צווישן די קאָטשקעס, ווו מען קען פאַרזינקען, נאָר אויף די קאָטשקעס וועלכע זיינען געווען פאַר־פרוירענע. די פּאָליציי־לייט האָבן קודם־כל, ניט געוווּסט, אַז זיי יאָגן זיך נאָך יידן און צווייטנס, אין זייערע לאַנגע מאַנטלען וואָלטן זיי אין זומפּ ניט געקענט לויפן. זיי זיינען צוגעלאָפן צום זומפּ און געשאָסן אויף אונדז, אָבער מיר זיינען שוין געווען ווייט פון זיי און זיי האָבן אונדז ניט געקענט טרעפן. ווען מיר זיינען אַריבערגעלאָפן אויף דער אַנדערער זייט פון זומפּ, האָבן מיר זיי געוויזן „פייגן"... ווי זאָגט זיך דאָס: „אויב אַ פייג אין קעשענע הייסט אַ פייג, האָב איך שוין דעם קיסר אַליין געוויזן 10 פייגן". ווען מיר זיינען שוין געווען זיכער, אַז זיי קענען אונדז קיין זאַך ניט טאָן, זיינען מיר געווען האָפערדיק ביי זיך...

דאָס איז שוין געווען דער צווייטער פאַל ווען מען האָט זיך געיאָגט נאָך אונדז און עס איז אונדז געלונגען צו אַנטלויפן, ביידע מאָל מיט לאַגישע אויסרעכנונגען. ווען מיר זיינען אַריבער דעם זומפּ זיינען מיר שוין געווען ניט ווייט פון דעם וועג, וואָס האָט פאַראייניקט דעם לאָזדייער מיט דעם מאַריאַמפּאָלער קרייז, אַזוי אַז מיר זיינען שוין פּאַקטיש אַרויס פון דער דירעקטער געפאַר־זאָנע, פון די כאַפּאַנקעס.

גייענדיק אויף דעם וועג בייטאָג, שוין ניט ווייט פון מאַריאַמ־פּאָלער קרייז, איז אונדז נאָכגעלאָפן אַ פויער, שרייענדיק, אַז מיר זאָלן בלייבן שטיין. אַז מיר האָבן געזען, אַז הינטער אים איז קיינער ניטאָ, און אַז ער איז איינער אַליין און אויך ניט באַוואָפנט, האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט כדי צו זען צו וואָס ער דאַרף אונדז. ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ער האָט אונדז געוואָלט מיטגעבן אויפן וועג שפּייז: אַ שטיק שפּעק מיט ברויט. ער האָט, ווייזט אויס, ניט געוווּסט, אַז מיר זיינען יידן, מסתמא האָט ער געמיינט, אַז מיר זיינען יונגע ליטווינער וואָס לויפן אַוועק פון די אַבלאַוועס.

וואַרשיינלעך זיינען מיר געווען ניט די איינציקע, וואָס האָבן

פאַרלאָזן דעם לאזדייער קרייז אין דער צייט פון די אַבלאַוועס. מיר האָבן אים האַרציק באַדאַנקט און מיר זיינען אַוועק ווייטער שוין אין מאַריאַמפּאָלער קרייז. ווו די אַבלאַוועס זיינען שוין געווען פריער איבערגעגאַנגען. די ידיעות פלעגן מיר קריגן אונטערוועגס פון די לאַיאַלע צו אונדז פויערים.

אויף דער טעריטאָריע פון מאַריאַמפּאָלער קרייז, האָבן מיר באַשלאָסן צו גיין בייטאָג. ערשטנס, האָט דאָ וויניקער געדראָט אַ געפאַר און צווייטנס, זיינען דאָ די וועגלעך געווען זייער גע־פּלאָנטערטע און ביינאַכט איז אונדז שווער געווען צו אָריענטירן זיך, בכדי ניט צו בלאָנדזשען. דאָ האָבן אונדז די פויערים דער־ציילט, אַז די געטאָ אין קאָוונע איז שוין ליקווידירט. זיי ווייסן, אַז מען האָט פון דאָרטן אַרויסגעפירט די יידן אין פאַרשידענע לאַגערן. די קאַבעל־בריגאַדע, וואָס האָט געאַרבעט אין מאַריאַמ־פּאָלער קרייז, איז אויך ליקווידירט. מען ברענגט זיי שוין ניט מער אויף דער אַרבעט.

פאַר אונדז זיינען די ידיעות געווען זייער ניט צום האַרצן. מיר האָבן ניט געוווּסט ווו מיר גייען. מיר האָבן, פאַרשטייט זיך, ניט אַלץ געגלויבט וואָס די פויערים דערציילן. מיר האָבן פאַר־שטאַנען, אַז זיי איבערטרייבן, אָבער אַ געוויסער טייל אמת איז יאָ געווען אין זייערע רייד און וואָס פאַראַ טייל דאָס איז, האָבן מיר פאַרשטייט זיך ניט געוווּסט.

דער גאַנג צוריק אין געטאָ, איז אונדז ניט געווען צום האַרצן, ווער רעדט נאָך ווען מען הערט פון פויערים אַזעלכע ידיעות. פון דאָרטן זיינען מיר אָנגעקומען אין יורער וואַלד ניט ווייט פון פּאַגראַמדינע, אַרום 23 קילאָמעטער פון קאָוונע. פון ווייטן האָבן מיר דערזען גייענדיק אַ לאַכודרע, אַ צע־ריסענער און אַ שמוציקער מיט אַ פלינט אויפן פּלייצע. די ערשטע זאַך וואָס אונדז איז איינגעפאַלן, אַז דאָס מוז זיין אַ פּאַרטיזאַן וואָס זוכט אונדז. אמת, מיר האָבן זיך שוין איצטער ניט גענויטיקט אין זיין הילף, אָבער פאַרט קען דאָס דאָך זיין אַ פאַרבינדונג אויף שפּעטער.

מיר האָבן באַשלאָסן אים אָפּצושטעלן, אָבער ער האָט זיך פון

אונדז דערוויטערט און האָט אָפּגעצויגן טיפער אין וואַלד אַריין. וואָס מער ער האָט זיך פון אונדז דערווייטערט, אַלץ מער זיינען מיר געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז דאָס מוז זיין אַ מענטש וואָס מיר דאַרפן האָבן. מיר האָבן אים ענדלעך געפונען. ער האָט גלייך אַראָפּגענומען זיין געווער פון פּלייצע, אַנגעלאָדן אַ פּאַטראָן און באַפוילן אונדז הויבן די הענט אין דער הויך. איך האָב גע־פּרווט אים זאָגן דעם פּאַראָל „קאַסבעלדזשאַסי". ער האָט אָבער אויף דעם אַבסאָלוט קיין אַכט ניט געלייגט. אפשר האָט ער גע־טראַכט, אַז מיר זיינען ניט קיין נאַרמאַלע. מיר האָבן דאָ קיין זאַך ניט געקענט טאָן. און זיינען געגאַנגען לויט זיין באַפעל. דאָך, גייענ־דיק, האָב איך דורכגעוואָרפן אין מוח: „אַזאַ נפש, וואָס זוכט זיך צו באַהאַלטן פון אונדז, הייסט דאָס, אַז נאָך מער דאַרף ער זיך באַ־האַלטן פון אָפיציעלע אַמטן. אַזאַ „לאַכודרע" איז באַשטימט ניט קיין פּאָליציסט און אין אַזאַ פאַל, טאָר ער גאָר ניט זיין קיין באַוואָפנטער.

איך האָב אָנגעהויבן מיט אים ריידן; וואָס דאַרף ער אונדז האָבן? וואָס פאַראַ נוצן וועט ער האָבן אויב ער וועט אונדז איבערגעבן דער פּאָליציי, זאָל ער בעסער נעמען פון אונדז עפּעס, וואָס קען אים ברענגען אַ נוצן. איך האָב געהאַט אַ האַנט־זייגערל „לאַנדזשין", וואָס וועלוול שוסטער האָט מיר געגעבן צו באַנוצן זיך אין וועג. ביידע האָבן מיר געהאַט די גאַנצע געלט, וואָס מיר האָבן געקראָגן אויפן וועג פון געטאָ, היות ווי מיר האָבן דאָס ניט אויסגענוצט. מיין בורקע איז געווען אַ נייע, האָב איך אים דאָס אַלץ אָנגעבאָטן. ער אָבער, האָט מיר געענטפערט אויף ליטוויש: „ניע קאָלבעט, באַ שאוסיו; ניע אַטסיגרעשטי, באַ שאוסיו". אויף יידיש הייסט דאָס: „ניט ריידן, ווייל איך וועל שיסן, ניט אומדרייען זיך, ווייל איך וועל שיסן".

אַזוי האָט ער אונדז דערפירט ביז צום טייכל פּילוואַ. ער האָט אונדז באַפוילן אַוועקלייגן אויף דער ערד די אַלע אויבנדערמאָנטע זאַכן צוזאַמען מיטן געלט און אַליין אַריינגיין אין טייכל ביזן האַלבן קערפּער, בכדי מיר זאָלן ניט קענען אָנפאַלן אויף אים, ווען ער וועט צונעמען צו זיך די אַוועקגעלייגטע זאַכן און דאָס געלט. דאַן

האָט ער צוגענומען אונדזער אויסקויף, אויסגעשאָסן אין דער הויך און איז אַוועק...

*

מיר זיינען אַריבערגעגאַנגען אויף דער אַנדערער זייט טייכל נאַסע און געציטערט פון קעלט, ס׳איז געווען אין ווינטער. מיר האָבן ניט געהאַט קיין ברירה און מיר זיינען אַריין צו אַ פּויער. צופּעליק האָט ער זיך אַרויסגעוויזן אַלס זייער אַ גוטער מענטש. ער האָט אונדז באַלד געהייסן אויסטאָן די נאַסע זאַכן און זיי גע־טריקנט. אונדז האָט ער אַוועקגעפירט אין שטאַל, געבראַכט דעקעס צום צודעקן זיך און אויך געבראַכט אונדז עסן. אַזוי האָבן מיר ביי אים דורכגענעכטיקט די נאַכט ביז אויף מאָרגן פרי. ער האָט זיך בשום אופן ניט געקענט פאָרשטעלן ווער עס קען דאָס זיין דער „לאַכורדע״, וואָס האָט אונדז באַרויבט. מסתמא האָט ער געמיינט, איז דאָס ניט פון זייער דאָרף. ער און זיין פרוי האָבן זיך אָפּגע־טרייסלט פון אַזאַ פאַל.

פון דאָרט זיינען מיר געגאַנגען צום דאָרף פּאָדערישקיי, צו דעם פּויער דרוליאַ. ער האָט אונדז זייער פיין אויפגענומען. מיר האָבן ביי אים געקראָגן געלע שטאָף, אויסגעשניטן פון דעם די מגן־דוד׳ס און זיי אָנגעטאָן אויף זיך. פון דאָרטן זיינען מיר אַוועק אויפן פלוגפּלאַץ אויסמאַרקירנדיק די צייט אַזוי, אַז מיר זאָלן דאָרטן אָנקומען צווישן 12 און 1 אַזייגער, ווען די אויפזעערס זיינען אויף מיטאָג.

אויפן פלוגפּלאַץ האָבן מיר געטראָפן משה סאַלאַנסקי. ער איז געווען אַ קאַלאָנען־פירער און ער האָט אונדז אומבאַמערקט אַריינגענומען אין זיין קאָלאָנע. דעם אויפזעער, ווען ער איז גע־קומען פון מיטאָג, האָט ער געזאָגט, אַז ער האָט געקראָגן נאָך צוויי מענטשן צו דער אַרבעט פון אַן אַנדער קאָלאָנע.

די ערשטע זאַך האָבן מיר געקראָגן אַלעמענס יושניקעס און זייערע פּאָרציעס ברויט און מיר האָבן דאָס אויפגעגעסן, ממש איינגעשלונגען. משה סאַלאַנסקי האָט געוווסט פון אונדז, ווייל ביי אים אין שטוב, אין געטאָ, האָט זיך צו יענער צייט געפונען חיים

יעלין, דערפאַר האָט ער אונדז אַזוי בכבודיק אויפגענומען. מיר האָבן זיך לאַנג ניט געלאָזט בעטן און געגעסן וואָס מען האָט אונדז נאָר געגעבן. אמת, דער מאָגן האָט זיך אָנגעפילט, אָבער שטילן דעם הונגער האָט זיך ניט איינגעגעבן. ווען עס איז געוואָרן אָוונט, און ס'איז געוואָרן פינצטער, זיינען מיר מיט זיין קאַלאַנע אַוועק אין געטאָ. דאָס איז געווען דעם 23־טן נאָוועמבער 1943 ד. ה. אַז אין וועג זיינען מיר געווען $3\frac{1}{2}$ וואָכן, אָבער אויסגעזען האָט עס אונדז אַ סך לענגער...

## דער פּרייז פון אַ דורכפאַל

אין געטאָ האָט מען זיך אויף אונדז לגמרי ניט געריכט. מען האָט געהאַלטן, אַז מיר זיינען אומגעקומען אין וועג, ווייל פון די אַלע פון אונדזער גרופּע וואָס זיינען אַריינגעפאַלן אין די הענט פון דער פּאָליציי און נאָכער אין געסטאַפּאָ, האָבן זיי יאָ געוווּסט גאַנץ גענוי ווי זיי זיינען אַריינגעפאַלן. פון שמואל אינגעל און לאה'לע פּאָרט איז צו די עלטערן אָנגעקומען אַ בריוו, האָט מען שוין וועגן זיי אויך געוווּסט, אָבער פון אונדז האָט מען קיינע ידיעות ניט געהאַט. אַזוי ווי עס איז אַוועק אַ היפּשע צייט און פון אונדז האָט מען קיין זאַך ניט געהערט, האָט מען געמיינט, אַז מיר זיינען אומגעקומען...

ווען מיר זיינען אַריין אין געטאָ, האָבן מיר מיט שמואליקן זיך האַרציק צעקושט און מיר האָבן ווייטער איינער דעם צווייטן צוגעזאָגט זיך מער ניט צושיידן. נאָר איידער איך בין אַוועק צו זיך אין שטוב, בין איך אַריינגעגאַנגען צו חנא קאַגאַן אין שטוב, ווייל דאָרטן האָט זיך אַ געוויסע צייט געפונען דער שטאַב, כדי זיי צו מעלדן, אַז מיר זיינען בשלום אָנגעקומען צוריק אין געטאָ, האָבנ־דיק דערגרייכט דעם ציל.

ביי חנא קאַגאַן האָבן מיר געפונען נאָר זיין שוועסטער און זיין מומע און מער קיינעם ניט. איך האָב זיי געבעטן אַז זיי זאָלן מעלדן חנא'ן, אַז מיר זיינען דאָ געקומען לעבעדיקע. ווען איך בין נאָכער געקומען אין שטוב, האָב איך דאָרטן געפונען נאָר מיין

שוויגער און נאָך איינע אַ מיידל, וואָס האָט געוווינט מיט אונדז צוזאַמען. די איבעריקע זיינען נאָך ניט געווען געקומען פון דער אַרבעט.

ווען די שוויגער האָט מיך דערזען האָט זי אירע אויגן ניט געגלויבט, אַז דאָס בין איך. אַזוי ווי זי איז געווען אַ פרומע יידענע, האָט זי געטראַכט, אַז דאָס איז ניט איך נאָר מיין „גייסט". האָט זי מיך גענומען באַטאַפּן מיט די הענט, כדי זיך צו איבער־צייגן, צו איך בין דאָס טאַקע אַליין, „מיט פלייש און ביינער". אָבער ווען זי האָט זיך שוין איבערצייגט אַז דאָס בין איך טאַקע, איז זי געפאַלן אין חלשות. איך מיט דער קוואַרטיראַנטקע האָבן איר אַפּגעמינטערט מיט קאַלטע וואַסער. דאַן האָב איך זיך אַוועק־געלייגט אויף דער סאָפע און געבעטן מען זאָל מיר אַראָפּציען די שטיוול. דאָס האָט זיך זיי ביידן ניט איינגעגעבן, ווייל די שטיוול האָבן זיך ממש צוגעקלעפּט צו די פיס.

די גאַנצע צייט פון מאַרש האָב איך זיי קיין איין מאָל ניט אויסגעטאָן און אַזוי ווי די פיס, האָבן זיך אין דער צייט פון מאַרש אָנגעריבן און זיינען געוואָרן ווונדיק און געשוואָלן, האָבן זיך די שטיוול פּשוט צוגעקלעפּט צו די פיס. זיי האָבן גענומען אַ גאָל־מעסער, פאַנאַנדערגעשניטן די כאַלעוועס און ערשט דאַן האָט זיך זיי איינגעגעבן אַראָפּצוציען די שטיוול פון מיינע פיס. די פיס זיינען געווען געשוואָלן און ממש הוילע ווונדן. שפּעטער בין איך געגאַנגען איבערן געטאָ נאָר מיט קאַלאָשן, קיין שיך האָב איך ניט געקענט אָנטאָן.

ווען די שטוביקע, צוזאַמען מיט מיין פרוי, זיינען געקומען פון דער אַרבעט און האָבן מיך דערזען אַ לעבעדיקן אין שטוב, האָט זיך עפּעס אָפּגעטאָן. מיין פרוי פלעגט אַלע טאָג זיך אינטע־רעסירן וועגן מיר ביי חיימען און ביי די אַנדערע קאָמיטעט־מיט־גלידער און איז געווען שטאַרק באַאומרויקט וועגן מיין גורל. מען האָט איר לאַנגזאַם צוגעגרייט אויף דעם אַז איך בין וואַרשיינלעך אונטערוועגס אומגעקומען און עס איז ניטאָ וואָס צו וואַרטן, און דאָ פּלוצלינג אַזאַ איבעררעשונג!... מען האָט געמאַכט אַ גוטע סעודה און מען האָט לכבוד מיין צוריקקומען זיך געלאָזן ווילגיין...

משה סאַלאַנסקי האָט חיימען געמעלדעט, אַז מיר זיינען מיט זיין קאַלאַנע בשלום אָנגעקומען אין געטאָ. דעם זעלבן אָוונט איז צו מיר געקומען חנא קאַגאַן און משה אופּניצקי. זיי האָבן זיך אינטערעסירט וועגן די איינצלהייטן פון דעם מאַרש אויף אַווגוס־טאָווע, ווייל משה׳קע האָט אויף מאָרגן אינדערפרי געדאַרפט אַוועקגיין מיט נאָך אַ גרופּע אין רודניצקער וועלדער, בראש מיט קאָסטיאַ ראַדיאָנאָוו צו גרינדן אַ פּאַרטיזאַנער־אָטריאַד.

מיר האָבן זיך האַרציק פאַנאַנדערגערעדט וועגן אַלץ — וואָס מען האָט דורכגעמאַכט ביז מען איז געקומען דערצו. דערביי האָב איך אַרויסגעזאָגט מיין ווונטש, אַז דער וואָלאָסאַנאָק, וועלכער האָט פאַר אונדז אויסגעאַרבעט די מאַרשרוטן און האָט אָנגעגעבן דעם באַשטימטן אָרט, איז אין פאַל אויב איך וועל אים טרעפן, וועל איך אים אַראָפּנעמען דעם קאָפּ. צוליב אים זיינען אַזויפיל מענטשן אַריינגעפאַלן אין די הענט פון דער געסטאַפּאָ.

קומענדיק אין געטאָ, האָב איך זיך אויך דערוווּסט, אַז מיין מוטער, מיין שוועסטער און שוואָגער מיט זייער 3־יאָריקן יינגעלע, האָט מען אַרויסגעפירט אין עסטלאַנד. אונדז, די אַוועקגייענדיקע אויף אַווגוסטאָווע, האָט מען פאַרזיכערט, אַז קיינעם פון אונדזערע פאַמיליע־מענטשן וועט קיין זאַך ניט געשען, זיי וועלן זיין אונטערן שוץ פון עלטעסטן־ראַט און אַרבעטס־אַמט. דערביי האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן, אַז מיין מוטער האָבן די דייטשן דערשאָסן, נאָך איידער מען האָט אַרויסגעפירט די עשאַלאָנען קיין עסטלאַנד.

מען האָט געפּרוּווט פון מיין שוועסטער צונעמען איר קינד, האָט מיין מאַמע ד. ה. באָבע פון קינד, ניט געלאָזן נעמען דאָס קינד און זיך גענומען ראַנגלען מיט דעם דייטש. דער דייטש האָט איר געפּרוּווט איינריידן, אַז קינדער פירט מען אין אַ קינדער־לאַגער, „ווו עס וועט זיי קיין זאַך ניט פעלן", האָט מיין מאַמע אַ געשריי געגעבן אין וואַגאַן: „גלויבט זיי ניט, זיי זיינען קינדער־מערדער!". גלייך האָט איר דער דייטש דערשאָסן אין וואַגאַן און עס איז ניט באַוווּסט איר מקום־קבורה. מיין שוועסטער איז אומגעקומען אין לאַגער קלאָגע, אין עסטלאַנד און דער שוואָגער איז שוין גע־שטאָרבן פון טיפוס אין דער אַמעריקאַנישער זאָנע אין דייטשלאַנד.

אין געטאָ האָב איך זיך דערוווּסט וועגן דעם גורל פון יעדערן פון מיין גרופּע, ווי אַזוי זיי זיינען אַריינגעפאַלן אין די הענט פון פּאָליציי און נאָכער אין געסטאַפּאָ. איך האָב ניט געקענט בלייבן גלייכגילטיק צו דעם און איך האָב געזוכט אַ געלעגנהייט צו קומען אין אונדזער אונטערערדישן קאָמיטעט און אָפּגעבן אַ באַריכט וועגן דעם מאַרש אויף אַווגוסטאָווע. מען האָט דאָס, אָבער אויס־געמיטן צוליב פאַרשטענדלעכע סיבות. גערעדט מיט מיר האָט נאָר חיים יעלין אַליין. ווען איך האָב אים געזאָגט און אים געמאַכט אַ פאָרוווּרף, אַז אין רעזולטאַט פון דער אומגעלונגענער צוגריי־טונג צום מאַרש, איז דורכגעפאַלן די אידעע און מיר האָבן באַ־צאָלט אַ טייערן פּרייז מיט צענדליקער אָפּגעקליבענע בעסטע חברים, וואָס מיר ווייסן נאָך ניט פון זייער גורל, האָט מיר חיים געענטפערט: „יעדער אָנפאַנג איז שווער, אָבער מיר האָבן זיך, סוף־כל־סוף דערשלאָגן, אַז מען נעמט אונדז אָן אין די פּאַרטיזאַנער־אָטריאַדן פון רודניצקער פּושטשע. אָט — זאָגט ער — זיינען שוין אַוועק די ערשטע 3 מענטשן צוזאַמען מיטן קאָמאַנדיר קאַסטיאַ ראַדיאָנאָוו און אויך ווייטערע גרופּעס וועלן איינגיכן גע־שיקט ווערן". אגב, איז פון דער ערשטער גרופּע, וואָס איז געגאַנ־גען צום רודניצקער וואַלד, געהרגעט געוואָרן ליוסקע אַלקין פון אַ קויל פון אַן אייגענעם פּאַרטיזאַן ביי, לגמרי, זייער ניט קיין קלאָרע אומשטענדן און משה אופּניצקי איז צוריקגעקומען אין געטאָ אַ פאַרוווּנדעטער אין האַנט.

פון די חברים, וועלכע זיינען פון אַווגוסטאָווער מאַרש אַריינ־געפאַלן אין געסטאַפּאָ, האָט מען אַ טייל אַרויסגעלאָזן צוריק אין געטאָ, ווי עס ווייזט אויס, מיט דער הילף פון ליפּצערן. פון מיין גרופּע זיינען דאָס געווען שמעון און רבקה בלאָך, דוד גאָלדין און עזריאל לוי. אַ גרויסער טייל, אָבער, פון די אַרעסטירטע חברים זיינען אַריינגעפאַלן אין דעם 9־טן פאָרט און האָבן באַקומען די אויפגאַבע צו ברענען די טויטע קערפּערס פון די דאָרטן דער־מאָרדעטע קרבנות. דאָס הייסט, כדי צו פאַרווישן די שפּורן פון די געסטאַפּאָ־פאַרברעכנס. פון אונדזער גרופּע איז אויפן פאָרט אַריינגעפאַלן אַלס ערשטער משה גערבער. הירשל געז, חנא מעש־

קופּ און וועלוול שוסטער זיינען פאַרבליבן נאָך אין טורמע און אויפן 9־טן פאַרט זיינען זיי אַריינגעפאַלן אַ צייט שפּעטער און דאָרטן זיינען זיי אומגעקומען. דאָס איז דער ביטערער סך־הכל פון מיין גרופּע.

## דער חשבון־הנפש פון דעם דורכפאַל

דעם מאַרש צו די אַווגוסטאָווער וועלדער האַלטן אַלע פאַר אַ דורכפאַל. יאָ, עס איז פאַקטיש געווען אַ דורכפאַל, אָבער ניט אין זיין גרונט־אידעע, אין דעם הויפּט־געדאַנק, נאָר אין דער אומגעלונגענער טעכנישער פּלאַנירונג פון דעם מאַרש.

ערשטנס: דאָס אָרט, וועלכן מען האָט באַשטימט פאַר אונדז, איז ניט געווען צוגעפּאַסט פאַר פּאַרטיזאַנישער טעטיקייט, ווייל עס האָט זיך געפונען אויף אַ טעריטאָריע, וועלכע איז אָנגעשלאָסן געוואָרן צו דייטשלאַנד און האָט זיך געפונען אין אַ פיינטלעכער סביבה. ווען מען וואָלט אונדז, אָבער, געשיקט ניט אויף דרום־מערב, נאָר אויף דרום, וואָלטן מיר זיך באַגעגנט מיט גריגאָניסעס (וואַנאַגאַסאַס) און בוטענאַסעס פּאַרטיזאַנער־אָטריאַדן. געוויס וואָלטן זיי אונדז צוגעטיילט די נויטיקע ערשטע הילף. ניט זיי האָבן אונדז געדאַרפט זוכן כדי צוטיילן אונדז הילף, נאָר פאַרקערט, מיר האָבן זיי געדאַרפט זוכן. איז אויב מען האָט זיי צוגעטיילט צו אונדז אַלס אונדזערע העלפערס, האָט מען אויך געדאַרפט אָנגעבן די ערטער ווו זיי געפינען זיך.

צווייטנס: ווען מען האָט פאַר אונדז אויסגעקליבן אַן אָרט, ווייט פון געטאָ, אומגעפער אויף אַ מרחק פון אַ 160—170 קילאָמעטער, האָט מען ניט געטאָרט גיין בייטאָג אין גרויסע גרופּעס, ווי דאָס איז געווען פאָרויסגעזען אין מאַרשרוט. אין דעם פאַל האָט מען געדאַרפט שיקן אַ גאָר קליינע גרופּע פון מענטשן, וואָס פאַרשטייען זיך צו אָריענטירן אין די וועגן און האָבן געדאַרפט אויסשטודירן דעם מאַרשרוט ווי עס באַדאַרף צו זיין ביזן אָנגעצייכנטן פּונקט. און דאַן ערשט האָבן די מענטשן געקענט זיין באַגלייטערס פון גרעסערע גרופּן אין דעם נאַכטיקן גאַנג.

דריטנס: אויב מען האָט געשיקט די גרופּעס צו קעמפן קעגן דעם שונא, האָט מען זיי געדאַרפט אויך באַוואָפענען ווי געהעריק צום קאַמף. פון הימל פאַלט ניט אַראָפּ קיין געווער, און אָן געווער איז אַ קאַמף מיט אַ באַוואָפנטן שונא פאַרויס פאַרשפּילט. אויב מען האָט שפּעטער יאָ געפונען אָן עצה ווי צו באַשאַפן געווער, האָט מען עס געקענט מיט דעם זעלבן דערפאָלג דערגרייכן אויך פריער. מען האָט נאָר געדאַרפט זיך איבערצייגן אין דער נויטיקייט פון דער אַקציע.

פערטנס: די צוגרייטונג פון די מענטשן צום גאַנג איז אויך געווען ניט קיין געלונגענע. כמעט אַלע גרופּעס האָבן געליטן הויפּטזעכלעך צוליב דיסציפּלין־ברוך. די חברים האָט מען געדאַרפט צוגרייטן ניט אין לעצטן מאָמענט, פאַר דעם אָפּמאַרש, נאָר מיט אייניקע חדשים פריער. חוץ דעם האָט מען געדאַרפט די קאָמאַנדירן פון די גרופּעס געבן די מעגלעכקייט זיך נענטער צו באַקענען מיט די מענטשן, כדי זיי זאָלן וויסן צו וואָס פאַר אַן אויפגאַבע יעדערער פון זיי איז צוגעפּאַסט, און אויך באַקענען זיך מיט זייערע כאַראַקטער־שטריכן.

פינפטנס: עס איז ניט גענוג בלויז צו באַשטימען קאָמאַנדירן פאַר די גרופּעס, מען דאַרף זיך אומבאַדינגט איבערצייגן אין זייערע פעאיקייטן און אייגנשאַפטן צו זיי קענען זיין קאָמאַנדירן. אויך זיי, די קאָמאַנדירן, האָבן געדאַרפט דורכגיין אַ געהעריקע מיליטערישע צוגרייטונג, און דאָס אויך ניט אין לעצטן מאָמענט.

*

דער מאַרש אויף אַווגוסטאָווע האָט אָבער אויך געהאַט זיינע פּאָזיטיווע אויסווירקונגען אויף די מענטשן. ערשטנס האָט מען פון דעם גאַנג געקראָגן די נויטיקע דערפאַרונג, וואָס עס שטעלט מיט זיך פאַר אַ פּאַרטיזאַנישער מאַרש אויף אַ לאַנגן מרחק און געלערנט ווי אַזוי אויסצומיידן פעלערן אין דער צוקונפט. מיר האָבן זיך איבערצייגט, אַז ס׳איז אומבאַדינגט נויטיק אַז מען זאָל זיין פאַרהאַרטעוועט און צוגעפּאַסט, כדי צו באַקעמפן אַלע שווערע סיטואַציעס און שטרויכלונגען אין וועג.

חוץ דעם האָט אונדז דער גאַנג געלערנט, אַז אָן אַ שטאַרקע דיסציפּלין, קען קיין דערפאָלג ניט זיין: — ניט אין קאַמף און ניט אין וועג. מיר האָבן אויך געלערנט, אַז מאַפּעס, קאָמפּאַסן און מאַרשרוטן קענען ניט אָנווייזן די ערטער ווו עס דראָט אַ סכנה און ווו עס דערוואַרט אונדז אַ לויערונג פון שונא, דעריבער איז אַ פּאַרטיזאַנישע טעטיקייט ניט מעגלעך, און איז אויסגעשלאָסן, אָן אַן ענגער פאַרבינדונג מיט דער לאָקאַלער אָרטיקער באַפעלקערונג און זיך קענען שטיצן אויף איר הילף.

מיר האָבן זיך אויך דערוווּסט, אַז ס׳זיינען דאָ פאַלן, אַז ביי פויערים ליגט פאַרגראָבן פאַרבאַהאַלטענע געווער, וועלכע קען זייער צונוצקומען פאַר פאַרטיזאַנער. דעריבער דאַרף מען אָננע־מען אַלע מיטלען, מיט גוטן, אָדער מיט בייזן, די געווער פון זיי צונעמען, אין פאַרקערטן פאַל — קען דאָס געווער אויסגענוצט ווער קעגן אונדז. די ערטער ווו מ׳האָט זיך משער געווען ליגט באַהאַלטן אַזעלכע געווער, איז ניט שווער געווען אויסצוגעפינען.

# יידישע פאַראַשוטיסטן אין ליטע

„אַלבינע" (געסיע גלעזער)
פאַראַשוטיסטין, דער שליח פון צ. ק.
פון דער ליטווישער קאָמוניסטישער
פאַרטיי און פאַרבינדלערין צווישן
דעם אונטערערדישן אַנטיפאַשיסטישן
קאָמיטעט פון קאָוונער געטאָ און
דער סאָוויעטישער פאַרטיזאַנער־באַ־
וועגונג אין ליטע.
געפאַלן בעת אַ צוזאַמענשטויס מיט
דער געסטאַפּאָ אין ווילנע

שמאי (סיאָמקע) יאַקאָבסאָן,
פאַראַשוטיסט־ראַדיסט,
געפאַלן בעת אַ קאַמף מיט די דייטשן



מיכאל מאַרקאָווסקי, פאַראַשוטיסט,
געפאַלן בעת אַ קאַמף מיט די דייטשן

איציק מעסקאָפּ („אַדאַמאַס"),
איינער פון די ערשטע פאַראַשוטיסטן
אין ליטע.
געפאַלן בעת אַ קאַמף מיט די דייטשן

# געטאָ און וואַלד -
# צוויי אָפּשניטן פון איין פראָנט

## המשך פון אַקטיוון קאַמף

מיט מיין און שמואליק מאַרדאָווסקי׳ס צוריקקומען אין געטאָ, האָט זיך געענדיקט די אַווגוסטאָווער עפּאָפּעע. אָבער עס איז נאָך לאַנג אַרומגערעדט געוואָרן וועגן דעם מאַרש, אַזוי אין געטאָ און אַזוי אויך שפּעטער אין די פּאַרטיזאַנער־אָטריאַדן. איך געדענק, ווען „אַלבינע״ (גלעזער) האָט מיר דעם ערשטן מאָל פאָרגע־שטעלט פאַר „יורגיסן״ (זימאַנען), האָט זי צו אים געזאָגט: „דאָס איז אונדזער העלד פון אַווגוסטאָווע״, האָב איך אויף דעם געענט־פערט, אַז איך פיל זיך כלל און כלל ניט פאַר קיין העלד, גיכער ווי אַן אויסגענוצטער קראָליק, אויף וועלכן מען מאַכט עקספּערי־מענטן... דאַן האָט זימאַן אויף דעם געענטפערט, אַז „דער אונטער־שייד צווישן מיר און אַ קראָליק איז דאָס, וואָס אַ קראָליק גייט צום עקספּערימענט אומבאַוווסטזיניק און איך בין געגאַנגען צו דעם באַוווסטזוניק, וויסנדיק וואָס עס דערוואַרט מיר. חוץ דעם מאַכט אַ קראָליק ניט קיינע אויספירן פאַר זיך, פון זיינע עקספּערימענטן און איך האָב עס יאָ געמאַכט, „און אַט גייען מיר אויסנוצן דיין אַווגוסטאָווער דערפאַרונג״...

גלייך אויף מאָרגן, נאָך דעם ווי איך און שמואליק מאַרד־קאָווסקי זיינען צוריקגעקומען פון דעם אַווגוסטאָווער מאַרש צוריק אין געטאָ, איז אַרויס אַ גרופּע פון 9 חברים פון געטאָ אין דער ריכטונג צו די רודניצקער וועלדער. די גרופּע איז אַוועק צו פוס און געפירט האָט איר קאָסטיאַ ראַדיאָנאָוו — אַ פּאַראַשוטיסט פון רוסלאַנד. ער איז באַשטימט געוואָרן אַלס קאָמאַנדיר פון אַ פּאַר־טיזאַנער־אָטריאַד, וועלכן ער אַליין האָט געדאַרפט אָרגאַניזירן אין די רודניצקער וועלדער.

אויסער די 9 חברים פון געטאָ, האָבן זיך אָנגעשלאָסן צו זיי

אייניקע רוסן, וועלכע זיינען אַנטלאָפן פון אַ דייטשן קריגס־גע־פאַנגען לאַגער.

קאַסטיאַ ראַדיאָנאָוו איז געווען אַ ליטווישער בירגער און אַן איינוווינער פון קאָוונער פאָרשטאָט מוראַווע. ער איז דאָ געקומען צו גאַסט צו זיין פאַמיליע אין מוראַווע און האָט מיטגענומען מיט זיך אין וואַלד אַ טייל פון זיין משפחה: אַ ברודער אינפאַנט, אַ קוזין פעדאַגען, אַ שוועגערין קאַטיאַ און נאָך אייניקע זיינע באַ־קאַנטע פון מוראַווע.

מוראַווע איז געווען אַן אָרט, ווו ס'האָבן געוווינט ניט קיין קליינע צאָל רוסן־סטאַראָוויערן־גלוביקע קריסטן און די מערהייט פון זיי האָבן סימפּאַטיזירט מיטן ראַטנפאַרבאַנד. דער יינגערער טייל פון דער מוראַווער באַפעלקערונג איז אויך געווען קאָמוניסטיש געשטימט.

דער קאָוונער אונטערערדישער שטאָטישער קאָמיטעט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי און אויך דער קרייז־קאָמיטעט, האָבן זיך צו יענער צייט געפונען אין מוראַווע און דער גרעסטער טייל פון די מיטגלידער פוןביידע קאָמיטעטן זיינען באַשטאַנען פון רוסן־איינוווינער פון מוראַווע. אויך דער סעקרעטאַר פון די ביידע אונ־טערערדישע קאָמיטעטן איז געווען אַ רוס — גרישע קרוגליאַקאָוו — אַ פּאַראַשוטיסט פון ראַטנפאַרבאַנד. זיין זיץ־אָרט האָט זיך געפונען אין יאַנעווער וואַלד. אין דעם וואַלד, האָט ער צוזאַמען מיט סאָלאָמינען (פּעטראָוויטש) אויך אַ יאַנעווער איינוווינער און אַ פּאַראַשוטיסט פון ראַטנפאַרבאַנד, אָרגאַניזירט אַ פּאַרטיזאַנער־אָטריאַד, וואָס איז באַשטאַנען ס'רוב פון רוסן־סטאַראָוויערן פון יאַנעווער געגנט.

געננוי ווער עס זיינען געווען די 9 חברים וואָס זיינען אַרויס פון געטאָ האָב איך ניט געוווּסט, ווייל ווי איך האָב שוין אויבן דערמאָנט, זיינען זיי אַרויס אויף מאָרגן נאָך מיין צוריקקומען פון אַווגוסטאָווער מאַרש. 7 חברים פון דער דאָזיקער גרופּע צוזאַמען מיט קאַסטיאַ ראַדיאָנאָוו זיינען דערגאַנגען ביזן אָנגעצייכנטן פּונקט, אָבער 2 פון דער גרופּע: לוסיע אַלקין און משה אופּניצקי זיינען ניט דערגאַנגען. לוסיע אַלקין איז דערהרגעט געוואָרן אין

וועג, דווקא פון אַן אייגענעם פּאַרטיזאַן ביי לגמרי ניט קיין קלאָרע אומשטענדן און משה אופּניצקי איז פאַרוואונדעט געוואָרן אין האַנט און מען האָט אים געמוזט צוריקשיקן קיין קאָוונע. מ׳האָט אים אַריינגעשמוגלט צוריק אין געטאָ, וווּ ער האָט באַקומען מעדיצינישע הילף.

ס׳איז היינט שווער צו משפּטן, וואָס האָט געווירקט אויף די פּאַרטיזאַנער־קאָמאַנדירן פון די רודניצקער וועלדער צו ענדערן זייער באַשלוס וועגן אויפנעמען אין זייערע אָטריאַדן יידן פון קאָוונער געטאָ, דווקא נאָך דעם, ווי ס׳איז דורכגעפאַלן דער אַווגוסטאָווער מאַרש. ס׳אונטערליגט ניט קיין שום ספק, אַז די קאָמאַנדירן האָבן אָפּגעשאַצט די אָרגאַניזירטקייט און קאַמפספּעאיקייט פון די געטאָ־מענטשן, וועלכע זיינען געווען גרייט אויף די גרעסטע קרבנות און זיינען געווען אַנטשלאָסן צו קעמפן אין די רייען פון די פּאַרטיזאַנער. די געטאָ־מענטשן האָט ניט אָפּגעשראָקן די פילע סכנות אין די געפאַרן פון טויט און דעריבער האָט מען אין זיי געזען אַ גוטן קאַמפספּעאיקן עלעמענט. ס׳איז ניט אויסגעשלאָסן, אַז זייער באַשלוס אויפצונעמען די יידן פון קאָוונער געטאָ אין זייערע אָטריאַדן, איז געקומען נאָך אַ גרויסן חשבון־הנפש און אפשר אויך אויס מורא פאַר דער פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר ניט אויסנוצן אַזאַ גוטן קאַמפּס־פּעאיקן עלעמענט אין קאַמף קעגן דעם שונא.

זיי האָבן זיך אויך ניט געקאָנט ניט רעכענען מיט די גרויסע פאַרלוסטן וואָס מיר האָבן געהאַט אין רעזולטאַט פון דעם ניט געלונגענעם מאַרש אויף אַווגוסטאָווע. דערביי דאַרף מען צוגעבן, אַז זיי, אַלס דערפאַרענע פּאַרטיזאַנער, האָבן אַפילו ניט געפּרווט צוטיילן אונדז הילף דאָ, ווען מיר האָבן זיך אַזוי שטאַרק גענויטיקט אין דעם. אָבער ווי מיר קענען די אַנפירערשאַפט פון די פּאַרטיזאַנער אין די רודניצקער וועלדער, זיינען זיי ניט געווען אַזוי סענטימענטאַל און אַוואַדע האָבן זיי זיך ניט באַמיט צו אַנאַליזירן די סיבות פון אונדזערע פאַרלוסטן, און מען קען זיך משער זיין, אַז זייער געוויסן האָט זיי ניט געמאַטערט, וואָס מיר זיינען אָפּגעגאַנגען אין בלוט...

## אינספּיראַציע פון ווילן צום קאַמף

נאָך דעם ווי די ערשטע גרופּע איז אַוועק אין די רודניצקער וועלדער, האָט זיך די שטימונג ביי די קאַמפּס־חברים פון אונדזער אונטערערדישער אָרגאַניזאַציע שטאַרק געהויבן. דער געלונגענער אַרויסגיין פון געטאָ אין וואַלד איז געקומען ווי אַ רפואה פאַר דער מכה פון דעם ניט געלונגענעם מאַרש אויף אַווגוסטאָווע. ביי די וויניקער געליטענע, האָט זיך די מכה פאַרהיילט גיך, אָבער ביי דער מער געליטענע — גאַנץ לאַנגזאַם. ס׳האָט אַלעמען אַרומגענומען עפּעס אַזאַ מין פּסיכאָז, אַז יעדערן האָט זיך געוואָלט זיין פון די ערשטע אַוועקצוגיין אין וואַלד.

דער טראַגישער פאַל מיט לוסיע אַלקין, וואָס איז דערהרגעט געוואָרן אין וועג און משה אופּניצקי וואָס איז דאָן שווער פאַרוווּנדעט געוואָרן אין האַנט און זיך צוריקגעקערט אין געטאָ, ווו מ׳האָט אים געמאַכט אַן אָפּעראַציע, איז שטרענג געהאַלטן געוואָרן בסוד. קיינער האָט וועגן דעם ניט געטאָרט וויסן, חוץ אַ קליינע גרופּע פון דער אָנפירערשאַפט פון דער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע.

אין דער צייט האָט דער אונטערערדישער קאָמיטעט געגרייט דעם אַרויסגאַנג פון דער צווייטער גרופּע פון געטאָ. היות ווי פּרייוויליק אַרויסצוגיין פון געטאָ זיינען געווען אַ סך, האָט עס גורם געווען צו גרויסע שוועריקייטן ביים צוזאַמענשטעלן די רשימה פון די אָפּגעקליבענע חברים, וועלכע האָבן געדאַרפט אַרויסגיין פון געטאָ. די חברים, וואָס האָבן פריער אָנטייל גענומען אין דעם מאַרש אויף אַווגוסטאָווע, זיינען געווען ביי דער מיינונג, אַז זיי דאַרפן זיין די ערשטע, היות ווי זיי האָבן שוין פריער באַוויזן זייער קאַמפּס־גרייטקייט אין די סאַמע שווערסטע און געפערלעכסטע אומשטענדן.

עס זיינען אָבער אויך געווען אַ גרויסע צאָל חברים, וועלכע האָבן אויך געהאַט גרויסע פאַרדינסטן און פּראַקטיק אין דער אונטערערדישער אַרבעט אין געטאָ און מ׳האָט זיי ניט געקאָנט איגנאָרירן. ס׳איז באמת געווען אַ זייער שווערע אויפגאַבע, וועלכער

ס'איז שווער געווען איר צו לייזן. בכדי צו דערמעגלעכן אַרויס־צוגיין אַ גרעסערע צאָל קעמפּערס פון געטאָ אין וואַלד, איז חיים יעלין געקומען צום באַשלוס זיך צו באַנוצן מיט לאַסט־אויטאָס ביים אַפּשיקן די מענטשן אין וואַלד. דאָס גיין צו פוס, האָט באַגרענעצט די צאָל גייערס און האָט אויך פאַרלענגערט די צייט צו אָנקומען אויף דער באַזע אין וואַלד. מיט לאַסט־אויטאָס האָט מען געקאָנט אַפּטראַנספּאָרטירן אַ גרעסערע צאָל חברים מיט אַ מאָל און אויף אַ שנעלערן אופן, ווי גיין צו פוס. פאָרן מיט אויטאָס, האָט אויך געדאַרפט פאַרקלענערן די געפאַר, וואָס האָט געלויערט אויף די מענטשן אין וועג, איידער זיי האָבן דערגרייכט דעם וואַלד.

די אויפגאַבע צו באַקומען לאַסט־אויטאָס, האָט אויף זיך גע־נומען משה מוסעליס — זייער אַ טעטיקער חבר פון דער אונטער־ערדישער אָרגאַניזאַציע אין קאָוונער געטאָ, וועלכער האָט גע־אַרבעט אין דער בריגאַדע פון נ.ס.ק.ק. („נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטי־שער־קראַפטספאַר־קאָרפּוס"). שוין דער נאָמען אַליין ווייזט, אַז דאָס איז אַן אָרט, וואָס האָט צו טאָן מיט אויטאָס פון פאַרקער־וועזן. משה מוסעליס איז אין זיין אַרבעט אין דער בריגאַדע גע־ווען אויסגעבונדן מיט די דייטשן, ער האָט מיט זיי געמסחרט, דאָס זעלבע אויך מיט די ליטווינער־שאָפערן, וועלכע האָבן דאָרט גע־אַרבעט.

פאַר אַ גוטן אָפּצאָל האָט זיך געשאַפן אַ מעגלעכקייט צו באַ־קומען אַ לאַסט־אויטאָ אויף נאַכטצייט. אמת, עס איז געווען אַ געפאַר אויך פאַרן שאָפער, אָבער פאַר געלט איז דער שאָפער געווען גרייט אויף אַ גרויסע ריזיקע און איז געווען גרייט אויף אַלץ, אָבער דאָס האָט געקאָסט אַ גרויסע סומע געלט. אויף וויפל איך געדענק, האָט מען באַצאָלט פאַר דעם ערשטן לאַסט־אויטאָ ביי אַ 8000 מאַרק. די געלט־פראַגע איז ניט געווען קיין שווערער פּראָבלעם, היות ווי פאַר אַן אָנהויב איז די דאָזיקע סומע געווען אין קאַסע. שפּעטער האָט מען געלייזט דעם פּראָבלעם אויף אַנ־דערע אופנים. יעדנפאַלס, האָט דאָס געלט־פּראָבלעם ניט אָפּגע־שראָקן דער אָנפירונג פון דער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע.

צי די גרופּע וואָס איז אַרויס בראש מיט קאָסטיאַ ראַדיאָנאָוו

איז דערגאַנגען בשלום צום ציל, האָט מען ניט געוווּסט. קיין ידיעות וועגן זיי האָט מען אין געטאָ ניט געהאַט און קיינער האָט ניט געוווּסט וועגן זייער גורל. אָבער טראָץ די אַלע ספקות, זיינען פּרעטענדענטן אויף גיין אין וואַלד געווען זייער פיל. דאָס ווייזט אָן איבעריקן מאָל, אַז די חברים פון געטאָ האָט קיין זאַך ניט אָפּגעשראָקן. דער דראַנג און ווילן צו קעמפן קעגן דעם בלוטיקן שונא, איז געווען זייער גרויס און אַלע האָבן געלעכצט נאָך נקמה. די חברים האָבן זיך ממש געריסן צום קאַמף. דערביי, אָבער, מוז באַמערקט ווערן, אַז די ווּנד פון אַווגוסטאָווער מאַרש איז נאָך אַלץ ניט פאַרהיילט געוואָרן; דער צער און עגמת־נפש און די טראַומע איז געווען צו גרויס, אַז מען זאָל דאָס קענען אַזוי שנעל פאַרגעסן. אַ גרויסע צאָל חברים וואָס האָבן אָנטייל גענומען אין אַווגוסטאָווער מאַרש זיינען געווען אויפן נייגנטן פּאָרט און ניט ווייניק פון זיי האָבן זיך צו דער צייט געמאַטערט אין דער „געלער טורמע". אייניקע חברים זיינען אומגעקומען אין וועג.

היות ווי די איניציאַטיוו פון דעם אַווגוסטאָווער מאַרש און שפּעטער אויך דער מאַרש צו די רודניצקער וועלדער, איז געווען אויסשליסלעך אין די הענט פון אַנטיפאַשיסטישן קאָמיטעט אין געטאָ, איז ניט קיין וווּנדער, אַז מצד די שותּפים — די ציוניסטן, האָט זיך געשאַפן אַ געוויסער אומצוטרוי צו די איניציאַטאָרן און צו דער אָנפירונג פון אַנטיפאַשיסטישן קאָמיטעט. אָבער ניט האָבנ־דיק קיין אַנדער ברירה, האָבן זיי זיך געמוזט אונטערוואַרפן דעם באַשלוס פון אַנטיפאַשיסטישן קאָמיטעט, וועלכער איז געווען אָנט־שלאָסן אַרויספירן וואָס מער קעמפערס פון געטאָ און אַוועקפירן זיי אין די פאַרטיזאַנער וועלדער.

נאָך דעם אַווגוסטאָווער דורכפאַל, האָבן זיך די ציוניסטן גע־שפּירט אַלס מער באַעוולטע, כאָטש די מערהייט געליטענע זיינען געווען די מיטגלידער פון דער אַנטיפאַשיסטישער אָרגאַניזאַציע. די לאָגיק פון די ציוניסטן איז געווען אַזאַ: "איר זייט די פאַראַנט־וואָרטלעכע און די איניציאַטאָרן, איר האָט געמאַכט די פעלערן — דאַרפט איר טראָגן די פאַראַנטוואָרטלעכקייט און איר דאַרפט

אַרויסציען די געהעריקע מסקנות. איר דאַרפט ליידן, אָבער ניט מיר, וועלכע האָבן צו די פעלערן קיין שום שייכות ניט געהאַט״...

אַזאַ צוגאַנג און אַזאַ לאָגיק איז געוויס ניט קיין ריכטיקע. מען קען קיינמאָל ניט וויסן דעם אויסגאַנג פון אַ פּאַרטראַכטער און פּלאַנירטער אָפּעראַציע, ווער רעדט נאָך אין אַזעלכע באַדינגונגען, ווי מיר האָבן זיך געפונען. דעריבער האָט ניט קיין גרונט צו „טייטלען״ מיט די פינגער, אַז „איר זייט שולדיק״... די געשיכטע פון דער מענטשהייט איז פול מיט מלחמות און קאַמפן און אין יעדן קאַמף, אָדער מלחמה זיינען שטענדיק פאַראַן נצחונות און מפּלות און שטענדיק זיינען געמאַכט געוואָרן פעלערן און באַזונדערס אין דער אָנפאַנגס־סטאַדיע. דעריבער איז ניט ריכטיק אַרויפצוואַרפן די שולד אויף יענעם און די רעזולטאַטן פון די געמאַכטע פעלערן צושרייבן בלויז אויף איין צד און אין דעם פאַל — אויף דעם צד פון די איניציאַטאָרן פון אַוגוסטאָווער מאַרש... אַלע קאַמפס־צדדים ליידן פון די פאַרלוסטן אין דער זעלבער מאָס. ניט נאָר די ציוניסטן, אויך מיר — די אַקטיווע אָנטיילנעמער אין דעם אַווגוס־טאָווער מאַרש, מיטגלידער פון דער אַנטיפאַשיסטישער אָרגאַניזאַ־ציע האָבן צוערשט געזוכט די שולדיקע אין די געמאַכטע פעלערן, ווייל דער ווייטיק איז געווען צו גרויס און די מכה איז געווען פאַר אונדז אַ צו שטאַרקע. מיר די געליטענע האָבן זיך געוואָלט מיט די שולדיקע אָפּרעכענען אויף אַ געהעריקן אופן און מיר האָבן געהאַט דאָס רעכט אויף דעם, אָבער ניט געקוקט אויף אונדזער פאַר־ביטערונג, האָבן מיר זיך אונטערגעוואָרפן דער דיסציפּלין און אויך ווייטער אויסגעפירט די באַפעלן פון דער אָנפירונג. אַנדערש האָט דאָס ניט געקענט זיין, ווייל אין קעגנפאַל, וואָלט דאָס דערפירט צו אַ כאַאָס... צום סוף האָבן מיר אויסגעקעמפט אונדזער ציל און מיר זיינען אַוועק אין וואַלד צו די פּאַרטיזאַנער, בכדי אין זייערע שורות קעמפן קעגן אונדזער בלוטיקן שונא.

דיסציפּלין איז דער ערשטער באַדינג פון אַ דערפאָלגרייכן קאַמף. רייבונגען מיט דער אָנפירונג און זוכן בלויז שולדיקע, כדי זיי צו באַשטראָפן, וואָלט אונדז צו יענער צייט געבראַכט פיל שאָדן. דאָס וואָלט ניט געדינט אונדזער אַלעמענס געמיינזאַמע

זאַך. איך מיין, אַז אויך די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס זיינען שפּע־טער געקומען צו דער זעלבער מסקנה און באַשלוס, אַז נאָר אַ דאַנק אַ שטאַרקער דיסציפּלין און געמיינזאַמען צוטרוי, וועט געלינגען דער אָרגאַניזירטער אַרויסמאַרש פון געטאָ צו די פּאַר־טיזאַנער אין די רודניצקער וועלדער.

דער קאָמיטעט פון דער אַנטיפאַשיסטישער אָרגאַניזאַציע אין געטאָ, האָט זיך באַצויגן אין דער זעלבער מאָס פאַראַנטוואָרט־לעכקייט אַזוי צו די פאַרלוסטן פון אַווגוסטאָווער מאַרש, ווי אויך צו די דערגרייכונגען, ווי צו אַ נאַטירלעכער זעלבסטפאַרשטענד־לעכקייט, ווי אַ פועל־יוצא פון דער אויפגאַבע און ניט ווי צו עפּעס אויסערגעוויינלעכעס... צו דעם האָט מען ניט געדאַרפט אויסאיבן אַ באַזונדערן דרוק און ווירקונג אויף די מיטגלידער פון דער אונ־טערערדישער אָרגאַניזאַציע.

*

די ערשטע מאַשין, וואָס האָט געדאַרפט אַרויסגיין אין די רוד־ניצקער וועלדער, האָט געדאַרפט אָנקומען צום געטאָ דעם 10־טן דעצעמבער 1943. ליידער האָט מען, אָבער, געוואַרט אויף איר אומזיסט. זי איז ניט געקומען און ס'איז ניט געווען קיין אַנדער ברירה און אויסוועג ווי דאָס אָפּלייגן דעם אַרויסגאַנג פון געטאָ אויף 4 טעג.

אין צווישנצייט, האָט מען זיך דערוווּסט, אַז קיין ערנסטע סיבה, וואָס די מאַשין איז ניט געקומען, איז ניט געווען. ס'זיינען געווען טעכנישע שוועריקייטן, וועלכע מיר האָבן זיך ניט געקענט פאַר־שטעלן פאַרויס.

די חברים, וועלכע האָבן געדאַרפט פאָרן מיט דער מאַשין זיינען געווען:

שטראָם זוניע; מאַרדקאָווסקי שמואל; גאָרדאָן פּסח; שערמאַן משה; טינט זאָיע; סעגאַל יצחק; צאַדיקאָוו לייזער; אַבראַמאָוויטש שלמה; גאָפּאַנאָוויטש אַהרון; מילנער משה; טאַינאָוויטש מאיר, יוכניקאָוו יצחק; זילבער לייזער; בערמאַן חיים; רובינסאָן משה; רובינסאָן שרה און לאָפּיאַנסקי ברוך. צוזאַמען 17 מענטשן.

חיים יעלין איז געווען ביי דער מיינונג, אַז אויך איך דאַרף פאָרן מיט דער דאָזיקער גרופּע און ער האָט מיר אויך פאָרגע־שלאָגן צו פאָרן מיט דער מאַשין. אָבער אַזוי ווי ער איז ניט מסכים געווען, אַז אויך מיין פרוי מאַשע זאָל פאָרן מיט מיר, האָב איך זיך קאַטעגאָריש אָפּגעזאָגט צו פאָרן אָן איר. איך האָב מאָטיווירט מיין אָפּזאָג דערמיט, וואָס מיין פרוי האָט ניט ווייניקער פאַר־דינסטן פאַר דער אונטערערדישער אָרגאַניזאַציע ווי שרה רובינ־סאָן, צום ביישפּיל. חיים האָט מיין אָפּזאָג ניט געוואָלט אָננעמען און ער האָט מיר געדראָט, אַז אויב איך וועל זיך איצט אָפּזאָגן צו פאָרן מיט דער מאַשין, וועל איך בכלל ניט פאָרן... איך האָב אויף דער דראָונג אים געענטפערט, אַז איך וועל שוין מיט מיין פרוי אַליין טרעפן דעם וועג אין וואַלד אָן דער מאַשין, מיר וועלן גיין צו פוס...

ווען איך האָב זיך אַנטזאָגט צו פאָרן מיט דער מאַשין, האָט אויך שמואל מאָרדקאָווסקי זיך אַנטזאָגט צו פאָרן. איך האָב אָבער ניט געוואָלט אַז שמואל זאָל צוליב מיר בלייבן אין געטאָ און האָב אים געבעטן, אַז ער זאָל יאָ פאָרן. איך האָב אים פאַרזיכערט, אַז ער קען זיין רואיק, מיר וועלן זיך זייער שנעל טרעפן אין וואַלד...

צו יענער צייט איז מיר נאָך אינגאַנצן ניט געווען פאַרהיילט מיינע פיס פון דעם לאַנגן אויסמאַטערנדיקן אַווגוסטאָווער גאַנג. די אָנפירונג האָט באַשלאָסן, אַז סאַשאַ ביעליאַקאָוו וועט באַגלייטן די חברה ביז צו דער באַזע אין וואַלד. אין קאָוונע האָבן זיך דאָן געפונען אַ גרופּע פאַרטיזאַנער־געוועזענע קריגס געפאַנגענע רוסן: יורקע, מישקע און קאַלקע. ביעליאַקאָוו אַליין איז אויך געווען אַ געוועזענער קריגס געפאַנגענער, וועלכער איז צוגעשטאַנען צו דער אויבנדערמאָנטער גרופּע.

היות, ווי די דריי: יורקע, קאַלקע און מישקע, האָבן געלייגט דעם טראָפּ פון זייער קאַמף און טעטיקייט אין קאָוונע גופא, און ניט אין וואַלד, זיינען זיי, לגמרי, ניט געווען כלל פאַראינטערע־סירט צו האָבן צו זיך נאָך אַ שותף — ביעליאַקאָוו, דעריבער האָבן זיי באַשטימט ביעליאַקאָוון צו זיין אַלס באַגלייטער פון דער געטאָ־גרופּע. זיי האָבן אויף אים אַרויפגעלייגט די אויפגאַבע צו אַוועק־

פירן די גרופּע יידן פון קאָוונער געטאָ אין וואַלד און אַנשליסן זיי צום אָטריאַד „אַ טויט די אָקופּאַנטן״, ווו קאָסטיאַ ראַדיאָנאָוו איז געווען דער קאָמאַנדיר פון דעם דאָזיקן אָטריאַד.

דער טרעפפּונקט פון דער גרופּע פון געטאָ דאָרט ווו די חברה האָבן זיך געדאַרפט טרעפן מיט סאַשאַ ביעליאַקאָוון, איז געווען אויפן 8־טן ק״מ אויפן יאַנעווער שאָסיי. דאָס איז געווען בערך 2 ק״מ הינטער מוראַווע, אויפן קרייץ־וועג, וואָס פאַרנעמט זיך אויפן שאָסיי קאָוונע־ווילנע.

## די ערשטע גרופּעס דערגרייכן די פּאַרטיזאַנער־וועלדער

דעם 14־טן דעצעמבער 1943 איז אָנגעקומען די מאַשין. דאָס איז געווען אַ גאַז־גענעראַטאָר, וועלכער מ׳האָט באַנוצט צו לאַנגע רייסן. די מאַשין איז אַריין אין געטאָ דורכן טויער פון וואַרניור־גאַס. די חברה, וועלכע האָבן שוין מיט אומגעדולד געוואַרט אויף דער מאַשין, האָבן זיך שנעל אַריינגעזעצט אין קוזאָוו, כאילו, זיי זיינען האַלצהעקערס, וועלכע פאָרן אַרויס צו דער אַרבעט. צוויי חברים פון דער גרופּע זיינען געווען אָנגעטאָן אין דייטשע אוני־פאָרמען, וועלכע מ׳האָט באַצייטנס אַרויסגענומען פון די געטאָ־וואַרשטאַטן און זיי — די „דייטשן״, האָבן דאָס געדאַרפט זיין די „היטערס״ פון דער אַרבעטס־בריגאַדע.

חיים יעלין האָט זיך אַריינגעזעצט אין דער קאַבינע פון שאָפער און די מאַשין איז אַרויסגעפאָרן פון געטאָ אָן קיין שום שטערונגען.

אויף דעם באַשטימטן טרעפפּונקט, האָט פּאַסירט אַ קאָמישער קוריאָז, וועלכער האָט איבערגעשראָקן די חברים: סאַשאַ ביע־ליאַקאָוו אין דער באַגלייטונג פון זיינע חברים יורקע, קאָלקע און מישקע, זיינען געווען אָנגעטאָן אין דער אוניפאָרם פון דער דייט־שער פּאָליציי און די חברה האָבן שוין געמיינט, אַז זיי זיינען אַריינ־געפאַלן אין אַ „פּאַסטקע״. — זיי האָבן געמיינט, אַז זיי זיינען געפאַלן קרבנות פון אַ פּלאַנירטער פּראָוואָקאַציע. אָבער שפּעטער האָט עס זיך אַלץ שנעל אויפגעקלערט און אַלע האָבן פרייער אָפּגעאָטעמט... סאַשאַ ביעליאַקאָוו איז אַרויף אויף דער מאַשין

און מען איז בשלום דערפֿאָרן ביזן מיטן וועג צווישן אַנושקיס און רודישקיס. אין דעם פּלאַץ האָט די מאַשין זיך אָפּגעשטעלט. חיים יעלין מיטן שאָפער האָבן זיך צוריקגעקערט צוריק קיין קאָוונע און כאַשאַ ביעליאַקאָוו האָט שוין געפֿירט די חברה צו פוס.

קיין ידיעות פֿון דער גרופּע פֿון וועג האָבן מיר ניט געהאַט. מיר האָבן ניט געוווּסט צו זייער גאַנג איז געלונגען, אָדער זיי האָבן זיך אין וועג אָנגעטראָפֿן אויף דייטשן (אַזוי איז אויך געווען מיט דער פֿריערדיקער גרופּע, וואָס איז אַרויס פֿון געטאָ). אמת, עס איז שפּעטער אָנגעקומען אין געטאָ אַ קורצער בריוו פֿון שרה רובינסאָן, וועלכן זי האָט מצליח געווען צו איבערשיקן מיט אַ ליטווישער פֿאַמיליע צו איר משפּחה אין געטאָ, אָבער פֿון דעם בריוו האָט מען זיך גאָרניט געקאָנט דערוויסן, היות ווי ער האָט געטראָגן אַן אינדיווידועלן כאַראַקטער און מען האָט זיך גאָרניט געקענט דערוויסן וועגן גורל פֿון דער גאַנצער גרופּע.

די צווייטע מאַשין האָט געדאַרפֿט אַרויספֿאָרן פֿון געטאָ דעם 23־טן דעצעמבער 1943. ס'האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן, אַז די באַשטימטע באַגלייטערס צו דער מאַשין זיינען ניט געווען קיין גרויסע „מומחים" אין די וועגן און האָבן ניט געוווּסט דעם וועג צו די פּאַרטיזאַנישע באַזעס. די באַגלייטערס זיינען געווען: וואַסיאַ — אַ סטודענט, וואָס האָט פֿאַר דער מלחמה שטודירט מעדיצין אין דניעפּראָפּעטראָווסק, אַליין אַ געוועזענער קריגסגעפֿאַנגענער, און פּאַליאַ — אַ קוזינקע פֿון קאָסטיאַ ראַדיאָנאָוו.

ווען חיים יעלין האָט זיך דערוווּסט ווער עס זיינען די ביידע באַגלייטערס, האָט ער ניט געוואָלט ריזיקירן און פֿאַרלאָזן זיך אויף זיי און איבערגעבן זיי — ניט דערפֿאַרענע מענטשן דעם גורל פֿון איבער 20 חברים, וועלכע האָבן געדאַרפֿט פֿאָרן אין דער מאַשין. בלית־ברירה האָט ער באַשלאָסן צוקאָאָפּטירן צו זיי אויך מיר. ער האָט צוגעשיקט צו מיר חיים־דוד ראַטנער מעלדן, אַז איך זאָל זיך צוגרייטן אין וועג און פֿאָרן צוזאַמען מיט מיין פֿרוי מאַשע. דאָס איז געווען בלויז אייניקע שעה פֿאַרן אָנקומען פֿון דער מאַשין אין געטאָ.

איך האָב אויף שנעל צונויפֿגעפּאַקט מיין רוקזעקל מיט די

נויטיקסטע זאַכן פאַר זיך און פאַר מיין פרוי און מיר האָבן זיך געמעלדעט אין דער באַשטימטער צייט צו חיימען. ער האָט מיר אויפגעקלערט די לאַגע און געגעבן צו פאַרשטיין די ספּעציפישע סיטואַציע אין וועלכער מיר געפינען זיך. ער האָט מיר פאַרגעלייגט אַז איך זאָל זיי לאָזן, די באַגלייטערס, פירן דער גרופּע און אַליין זאָל איך זיך אַריינמישן נאָר אין דעם פאַל, אויב דאָס וועט זיין אומבאַ־דינגט נויטיק. דאָס הייסט — נאָך דעם ווי איך וועל זיך אַליין איבערצייגן, אַז זיי זיינען כלל ניט פּאַסיק צו דער אויפגאַבע.

געווער האָבן מיר געקראָגן: 9 פּיסטאָלעטן, איניקע גראַנאַטן און איין ביקס. אויסער דעם האָבן מיר געקראָגן אַ סך קוילן, מעדיקאַמענטן, פאַרבאַנד־שטאָף און צידה־לדרך. דער צוזאַמענ־שטעל פון די חברים אין דער מאַשין איז געווען פאָלגענדער: נחמיה ענדלין, מאַשע ענדלין, באַרוכאָוויטש יצחק, בירגער יוסף, ברויער שלמה, גאָלדין דוד, גאָלדבלאַט ישראל, גאָלדשטיין קלמן, געמפּעל לייב, האָלצבערג מאַניק, האָלצמאַן יעקב, וואָלבע חיים, וואָלבע פסח, זיג ישראל, טעפּער דוד, לאַן חיים, מאַגידאָוויטש משה, פאַדיסאַן חנא, קליבאַנסקי לייזער, שמואלאָוו חיה, שטערן בערל, שמוליאַקאָוו הירש — צוזאַמען 22 חברים.

דער לאַסט־אויטאָ איז אָנגעקומען צום געטאָ אין דער באַ־שטימטער צייט. מיר האָבן זיך אַלע אַרויפגעזעצט אויבן, און חיים יעלין אַליין, אין קאַבינע ביים שאָפער. אויפן 8־טן קילאָמעטער פון ווילקאָמירער שאָסיי, האָבן מיר אויפגענומען וואַסיאַ און פּאָליאַ, און מיר זיינען מיט זיי צוזאַמען דורכגעפאָרן דעם גאַנצן וועג, ביז איבער אַנושקיס. דאָרטן האָבן מיר אַלע אויסגעשטיגן און חיים מיטן שאָפער האָבן זיך אומגעקערט צוריק. די געזעגענונג מיט חיימען איז געווען זייער אַ רירנדע און דריקנדיק פעסט מיין האַנט האָט ער צו מיר געזאָגט: „נחמיה, געדענק וואָס מיר האָבן גערעדט, איך פאַרלאָז זיך אינגאַנצן נאָר אויף דיר". איך האָב אים געענטפערט: „אויף וויפל עס וועט זיין אָפּהענגיק פון מיר, האָף איך, אַז עס וועט זיין אין אָרדענונג; קענסט זיך פאַרלאָזן אויף מיר".

מיר האָבן זיך אַרומגענומען און זיך האַרציק צעקושט,ביידע זיינען מיר געווען גערירט. צולעצט האָט מיר נאָך חיים געזאָגט:

„פּאַרגעס אַן אַלע אונדזערע וויכּוחים און אַלץ וואָס מיר האָבן פריער ניט מסכּים געווען צווישן זיך. סך־הכּל, זיינען מיר ביידע פאַראינטערעסירט אין דער הצלחה פון דער זאַך...״ איך האָב אים געענטפערט, אַז איך האָב שוין פאַרגעסן אַן דעם אַלעם...

## אויף פּאַרטיזאַנישע וועגן

ס'האָט זיך אָנגעהויבן אונדזער מאַרש צו פוס, געפירט האָבן וואַסיאַ און פאַליאַ. די ביקס האָט געטראָגן לייזער קלעבאַנסקי, ווייל ער האָט געוווּסט ווי אַזוי זיך צו באַגיין מיט איר. דער וועג איז געווען פאַרשנייט און מען האָט אונדז געהייסן זיך אַרומ־וויקלען מיט לאַקנס צו פאַרמאַסקירן אונדז און ניט אויס־טיילן זיך פון דעם שניי. מיר זיינען געגאַנגען אַ היפּש ביסל צייט אָן קיין שום נוצן, ווייל צום סוף זיינען מיר אָנגעקומען צוריק אויף דעם זעלביקן אָרט, פון וואַנען מיר האָבן אָנגעהויבן אונדזער מאַרש, פאַרטאַכלעווענדיק טייערע צייט אָן קיין שום נוצן.

דאַן האָב איך איבערגענומען די פירונג, באַנוצנדיק זיך מיט אַ טאָפּאָגראַפישער קאַרטע און אַ קאָמפּאַס. מיר האָבן איבער־געשניטן די באַן־ליניע ווילנע־לידע און פאַר אונדז איז געווען אַ וואַלד און נאָך אים דער דאָרף, אָזשעראַנע. אַזוי ווי, ניט וואַסיאַ און ניט פאַליאַ האָבן געוווּסט, וואָס דער דאָרף שטעלט מיט זיך פאָר, און אויף דער קאַרטע איז ער געווען אָנגעצייכנט אַלס אַ גרויסער דאָרף, האָבן מיר באַשלאָסן איבערצוטאָגן אין וואַלד, ניט דערגייענדיק צום דאָרף. שפּעטער האָבן מיר זיך דערוווּסט, אַז מען האָט געקענט גאַנץ רואיק אַדורכגיין דעם דאָרף און קיין זאַך וואָלט מיט אונדז ניט פּאַסירט. דערווייל האָבן מיר, אָבער, געפּרווירן אַ גאַנצן טאָג אין וואַלד. איין גליק איז נאָר געווען, וואָס מיר האָבן פון געטאָ מיטגענומען צידה־לדרך, אַנדערש וואָלטן מיר נאָך געהונגערט אויך...

שפּעט אין אָוונט האָבן מיר דעם דאָרף אַדורכגעשניטן און מיר זיינען לויטן קאָמפּאַס און טאָפּאָגראַפישער קאַרטע צוגע־גאַנגען ביז צו דעם ראַנד פון דאָרף אינקלארישקיס. וואַסיאַ און

פּאַליאַ האָבן אַפילו ניט געוווּסט, אַז דער דאָרף איז שוין אַ פּאַר־טיזאַנישע טעריטאָריע און אַז ער האָט געהערט צו דער טראַקער בריגאַדע, בראש פון וועלכער ס'איז געשטאַנען דער קאָמאַנדיר „גענים" (פושאַקאָוו), און דער קאָמיסאַר זשווירבליס (מאַנטשינס־קאַס), ביידע טראַקער איינוווינער. דער ערשטער אַ רוס און דער צווייטער — אַ ליטווינער. ביידע פּאַראַשוטיסטן פון די ערשטע אין וואַלד. פושאַקאָוו איז געווען דער ערשטער גרינדער פון אַ פּאַרטי־זאַנישן אָטריאַד אין וואַלד. מיט דער צייט זיינען זיי אויסגעוואַקסן אין דריי באַזונדערע אָטריאַדן. דער מענטשן־מאַטעריאַל פון די דאָזיקע אָטריאַדן איז באַשטאַנען, בעיקר, פון די איינוווינער פון אַרום טראָק און רוסישע קריגס־געפאַנגענע. צווישן די פּאַרטיזאַ־נער פון די דאָזיקע אָטריאַדן זיינען געווען אויך אַ טייל יידן.

אינקלאַרישקיס איז געווען אַ ריכטיקער פּראָטאָטיפּ פון אַ פּאַרטיזאַנישן דאָרף. די איינוווינער פונעם דאָרף, האָבן זיך פּאַקטיש פאַרנומען מיט די באַדערפענישן פון די פּאַרטיזאַנער; מען האָט געקאָכט היימישן שנאַפּס (סאַמאָגאָן), זיך געטיילט מיט די פּאַר־טיזאַנער מיט זייערע שפּייז־אַרטיקלען, וועלכע די פּאַרטיזאַנער אַליין האָבן מערסטנטייל פאַרזאָרגט, און אין די אָוונטן האָט מען צוזאַמען מיט די פּאַרטיזאַנער געטרונקען בראָנפן און געהוליעט. די זייגערס זיינען ביי די איינוווינער פון דאָרף געווען אָנגעשטעלט לויט דער מאָסקווער צייט און אין פאַרגלייך מיט דער דייטשער צייט, איז דאָס געווען אַן אונטערשייד אויף צוויי שעה. פון דעם אַלעמען האָבן מיר דעמאָלט ניט געוווּסט, און מיר האָבן איז דאָרף געשיקט צוויי אונדזערע אויסשפּירער, כדי צו דערגיין אויב מען קען דורכגיין דעם דאָרף. ווען אונדזערע אויסשפּירער האָבן זיך באַוויזן אין דאָרף, האָט מען זיי באַלד פאַרכאַפּט און אַנטוואָפנט. ווען זיי האָבן, אָבער, דערציילט, אַז זיי געהערן צו אַ גרופּע וואָס איז אָנגעקומען פון קאָוונער געטאָ צו די פּאַרטיזאַנער, איז מען מיט איינעם פון די אויסשפּירער געקומען ביז צו אונדזער דיסלאָ־קאַציע־אָרט און מען האָט אונדז געבראַכט אין דאָרף.

ביז מיר זיינען אָנגעקומען אין דעם דאָרף האָבן פּאַסירט אַזעלכע צוויי פאַלן: גייענדיק אין וועג, נאָך איידער מיר זיינען

דערגאַנגען צו דער באַן־ליניע ווילנע־לידע, איז פאַרפאַלן געוואָרן מאַניק האַלצבערג. אַזוי ווי אַלע זיינען געווען אָנגעטאָן אין ווייסע מאַסקיר־כאַלאַטן און מען האָט זיך ניט אונטערשיידט פון דעם אַרומיקן שניי, איז מאַניק אָפּגעשטאַנען פון אונדז און האָט פאַר־בלאָנדזשעט. אויף זיין מזל איז דאַן געגאַנגען פון אַן אויפגאַבע אַ גרופּע פּאַרטיזאַנער פון דער טראָקער בריגאַדע צוריק צו זייער באַזע און זיי האָבן זיך אָנגעשטויסן אויף אים.

זיי האָבן אים מיטגענומען מיט זיך אויף זייער באַזע און אים אָנטוואָפּנט. ווען ער האָט זיי דערציילט ווער ער איז און ווי אַזוי ער איז אָפּגעשטאַנען פון זיין גרופּע, האָבן זיי אים געגעבן צו עסן און אָנגעטרונקען אים מיט סאַמאַגאָן. מיר האָבן, אָבער מאַניקן אַרומגעזוכט די גאַנצע צייט און ניט געפונען. ווען מיר זיינען געקומען אין אײנקלארישקיס, האָבן מיר אים געפונען ביי אַ פויער אין אַ שטוב, שלאָפנדיק אויף אַ טיש. ווען מיר האָבן אים אויפגע־וועקט, איז ער געווען אַזוי מטושטש, אַז ער האָט אַפילו ניט געוווּסט מיט וועמען ער רעדט...

דער קאָמאַנדיר פון דעם אָטריאַד „סוואָבאָדנאַיאַ ליטוואַ״, איליאַ, האָט אונדז דערציילט ווי אַזוי זיי האָבן אים געפונען און געבראַכט אַהער: צוערשט האָבן זיי ניט געגלויבט זיין דערציילונג, אָבער צום סוף — האָט ער אים געוואָלט איבערלאָזן ביי זיך אַלס זיינעם אַ פּאַרטיזאַן און האָט אים צוריקגעקערט זיין קליינעם פּיס־טאָלעט.

דער צווייטער פאַל האָט פּאַסירט, ווען מיר זיינען געזעסן אין וואַלד און געוואַרט אויף אונדזערע אויסשפּירער פון דאָרף אײנ־קלארישקיס. איך האָב זיך ניט געקענט מער איינהאַלטן און פון אומגעדולד פאַרדרייט אַ ציגאַרקע פון מאַכאָרקע און פאַררויכערט. באַלד איז צו מיר צוגעלאָפן דוד טעפּער און האָט מיר דערלאַנגט אַ פּאַטש אין באַק פאַר ברעכן דעם רעגולאַמין פון קאָנספּיראַציע.

אין דעם מאָמענט זיינען אָנגעקומען פּאַרטיזאַנער פון דאָרף מיט אונדזער אַרעסטירטן אויסשפּירער. דוד טעפּערן האָט זיך גע־דאַכט, אַז דאָס האָב איך מיט מיין פאַררויכערן דעם ציגאַרעט צוגעצויגן די אויפמערקזאַמקייט פון די פּאָליציי־לייט. צום סוף האָט

# קאָמאַנדירן פון פּאַרטיזאַנישע אָטריאַדן
# אין די רודניצקער וועלדער



קאָסטיאַ ראַדיאַנאָוו, קאָמאַנדיר פון אָטריאַד „אַ טויט די אָקופּאַנטן"

דימקע דאַווידאָוו (פּאַרפּיאַנאָוו), קאָמיסאַר פון אָטריאַד „אַ טויט די אָקופּאַנטן"

פּעטיאַ טראָפימאָוו

גרישע קרוגליאַקאָוו, סעקרעטאַר פון אונטערערדישן פּאַרטיי־קאָמי־טעט אין קאָוונע (דערמאָרדעט דורך דער געסטאַפּאָ)

זיך אַלץ אויפֿגעקלערט צום גוטן און מען האָט אונדז אויפֿגענומען אין דאָרף „פּאָ־פּאַרטיזאַנסקי״, ווי אייגענע און ווי עס פּירט זיך ביי פּאַרטיזאַנער, האָט מען אויף דעם חשבון געשיכערט און געלאָזט זיך ווילגיין...

ענדלעך האָבן מיר דערגרייכט דאָס, צו וואָס מיר האָבן גע־שטרעבט: מיר זיינען פּאַרטיזאַנער. צו מיר איז צוגעגאַנגען דער קאָמיסאַר פון דער טראָקער בריגאַדע זשווירבליס, זיך צוגעזעצט לעבן מיר און געבעטן איך זאָל אים דערציילן די היסטאָריע פון אַווגוסטאָווער מאַרש. ער האָט אויסגעהערט מיין דערציילונג מיט גרויס אינטערעס און אויפמערקזאַמקייט און האָט אָנגעוויזן אויף אונדזערע פעלערן, וואָס מיר זיינען באַגאַנגען. דערביי האָט ער אויפגעקלערט ווי אַזוי מיר האָבן געדאַרפט גיין ריכטיק, כדי צו טרעפן די פּאַרטיזאַנער, וועלכע געפינען זיך דאָרטן. לויטן פּלאַן, איז פּאַקטיש געווען פאַרויסגעזען אין דער צוקונפט איבערצו־זידלען אין די אַווגוסטאָווער וועלדער אייניקע אָטריאַדן פון די רודניצקער וועלדער, אָבער ניט אויף דער דייטשער זייט, נאָר אויף דער ליטווישער זייט. יעדנפאַלס האָט ער אָנערקענט די אָנטייל־נעמערס פון אַווגוסטאָווער מאַרש אַלס העלדן.

מיר זיינען געבליבן נעכטיקן אין דאָרף אינקלארישקיס און אויף מאָרגן פאַרנאַכט זיינען מיר אַוועק צו דער באַזע פון אונדזער באַשטימונגס־אָטריאַד „סמערט אָקופּאַנטאַם״ (אַ טויט די אָקו־פּאַנטן). פון דער אויפנאַמע אין אינקלארישקיס זיינען מיר געבליבן זייער צופרידן. אָבער ניט צופרידן זיינען מיר געווען פון דער אויפנאַמע, באַלד ווי מיר זיינען אָנגעקומען אין אונדזער באַשטי־מונגס־אָרט, אין אָטריאַד „אַ טויט די אָקופּאַנטן״. דאָרט האָט אונדז דער קאָמאַנדיר, קאָסטיאַ ראַדיאָנאָוו און דער קאָמיסאַר — דימאַ דאַווידאָוו ( פּאַרפיאָנאָוו) „אויפגענומען״ בזה הלשון: „וואָס זייט איר דאָ אַהער געקומען, זיך באַהאַלטן פון שונא, אָדער קעמפן קעגן שונא ? אויב קעמפן קעגן שונא, טאָ מיט וואָס מיינט איר צו קעמפן, מיט די הוילע הענט ? מיט אַזוינע געווער וואָס איר האָט געבראַכט „קען מען בלויז זיך אַליין דערשיסן, אָבער ניט דעם שונא !״

אויף אַזאַ „קבלת־פנים" האָבן מיר זיך ניט גערעכנט און דאָס האָט אונדז זייער געטראָפן. נאָך די אַלע דיבורים האָט זיך אָנגעהויבן אַ זוכעניש אין אונדזערע מיטגעבראַכטע זאַכן און קאָנפיסקירט אַ טייל פון זיי. אמת, דערביי האָט מען אויפגעהערט צו ריידן. איך האָב דאַמאָלסט אַרויסגעטראָטן און געזאָגט: — „מיר זיינען ניט שולדיק וואָס מען האָט אונדז אַזוי געשיקט אין אַטריאַד. דאָרטן, פון וואַנען מען האָט אונדז געשיקט אַהער, איז מען געווען אָריענטירט, אַז געווער וועט מען קריגן אויפן אָרט, אָבער ווי באַלד דאָס איז ניט אַזוי, איז כדי צו פאַרמיידן אַז מען זאָל אויך ווייטער ניט שיקן קיין קעמפערס אויף אַזאַ אופן, שלאָג איך פאָר, אַז מען זאָל שיקן פון דאַנען אַ גרופּקע באַגלייטערס און זיי זאָלן דאָרט אויפקלערן ווי אַזוי מען דאַרף אַרויסשיקן מענטשן אין וואַלד און מיט וואָס מען דאַרף זיי שיקן".

איך האָב ניט געוואָלט אַריינגיין מיט זיי אין לאַנגע דיסקוסיעס, און זיי געשטעלט אַ פּשוטע, אָבער פּרינציפּיעלע פראַגע: „ביי די קריגס־געפאַנגענע פאָדערט איר אויך געווער ביים אָנקומען אין אַטריאַד?" אויף מיין „חוצפּה׳דיקער" באַמערקונג האָט מען מיר גאָרניט געענטפערט, נאָר ווי עס זעט אויס האָט מיין פאָרשלאָג באַשטימט מיין ווייטערדיקן גורל אין אַטריאַד...

נאָך די זוכענישן אין אונדזערע זאַכן, האָט מען אונדז אַרויסגעלאָזן פון דער שטאַב־זיעמליאַנקע צו די פריער אָנגעקומענע חברה פון געטאָ. דאָ איז די אויפנאַמע געווען זייער אַ וואַרעמע. די ערשטע זאַך האָט מען אונדז אויסגעפרעגט ווי אַזוי איז אין אַלגעמיין די לאַגע אין געטאָ און בפרט האָט זיך יעדערער אינטערעסירט וועגן זיין משפחה. באַזונדערס האָט זיך געפרייט שמואליק מאָרדקאָווסקי מיט מיין קומען. ער האָט די 10 טעג וואָס ער האָט זיך געפונען אין אַטריאַד זיך געשפירט ווי ניט אין דער היים. צוערשט האָט אים געמאַטערט דאָס געוויסן, וואָס ער איז דאָן אַליין אַוועקגעפאָרן און מיך איבערגעלאָזן אין געטאָ. שפּעטער, ווען ער איז שוין אָנגעקומען אין אַטריאַד, האָט ער זיך דאָרטן געשפירט ווי צווישן פרעמדע. די וועלכע זיינען מיט אים צוזאַמען געפאָרן, האָט חוץ צאַדיקאָוון, קיינער אים ניט געקענט, און די

וואָס האָבן אים שוין יאָ געקענט, פון הערן, זיינען געווען ניט זיין קרייז. אַ טייל פון זיי, זיינען דאָס געווען פאַרדינסטפולע מענטשן פון געטאָ, מיט וועלכע ער האָט ניט געהאַט קיין שום געמיינזאַמעס און דער צווייטער טייל האָט אים בכלל ניט געקענט. ער האָט די גאַנצע צייט פון מיר ניט אָפּגעטראָטן און האָט מיר אויסדערציילט אַלץ, וואָס ביי אים האָט זיך אָנגעקליבן אויפן האַרצן פאַר די צען טעג.

בכלל, איז דער עולם דאָ אין אַטריאַד, ניט געווען שטאַרק צופרידן. זיי האָבן דערציילט, אַז מען אַרבעט דאָ פונקט ווי אויפן אַעראָדראָם אין קאָוונע ביי די דייטשן: — מען דאַרף שלעפּן האָלץ פון אַ מרחק פון אייניקע קילאָמעטער; מען דאַרף אַליין בויען זיעמליאַנקעס און טאָן אַנדערע שוואַרצע אַרבעט. דערביי האָבן די אַלע אַרבעטן געמוזט טאָן נאָר די יידן, די קריגסגעפאַנגענע רוסן דאַרפן די אַרבעט ניט טאָן. אַלע ווילע, אויף יעדן שריט און טריט וואַרפט מען פאַר די יידן, אַז „זיי זיינען ניט געקומען דאָ קעמפן קעגן שונא, נאָר זיך אויסבאַהאַלטן פון אים. אַ פאַקט איז אַז די יידן האָבן ניט מיטגעבראַכט קיין פאַסיקע געווער צום קאַמף".

די קריגסגעפאַנגענע רוסן האָט מען עס ניט פאַרגעוואָרפן, כאָטש זיי האָבן איבערהויפּט ניט מיטגעבראַכט מיט זיך קיין געווער. איך האָב די חברה געפרוּווט באַרויקן און זיי געפרעגט: „און ווי וואָלט געווען די לאַגע, ווען מיר אַליין וואָלטן געדאַרפט בויען אייגענע באַזעס, וואָלטן מיר ניט געדאַרפט אָפּטאָן אַליין די אַלע אויבנדערמאָנטע אַרבעטן און באַזאָרגן זיך מיטן נויטיקן געווער? מיר דאַרפן זיין צופרידן, אַז מיר לערנען זיך כאָטש פון זייער דערפאַרונג".

אויף מאָרגן גלייך אינדערפרי נאָך אונדזער אָנקומען, האָט מען פאַנאַנדערגעטיילט אונדזער גרופּע: וועמען אויף פאָסט און וועמען אויף אַרבעט, אַזוי אַז קיינער איז ניט געבליבן אָן באַשעפ־טיקונג. איך, מאַגידאָוויטש און יוכניקאָוו זיינען באַשטימט געוואָרן צו בויען אַ באָד פאַרן אַטריאַד. מיר אַלע דריי האָבן זיך גענומען פלייסיק צו דער אַרבעט. אין משך פון דריי־פיר טעג, האָבן מיר די אַרבעט פאַרענדיקט און די באָד איז געוואָרן פאַרטיק. די קאָ־

מאַנדשאַפט האָט אונדז געלויבט פאַר אונדזער אַרבעט. דאָס איז געווען זייער אַ נויטיקע און לעבנסוויכטיקע זאַך פאַר דעם אָטריאַד. דער „הויפּט־אַרכיטעקטאָר" פון דער באָד איז געווען איציק יוכני־קאָוו, און ער איז שוין פאַרבליבן אַלס בעדער פון דעם אָטריאַד.

*

דעם 30־טן דעצעמבער 1943, האָט מען צוזאַמענגעשטעלט אַ גרופּע אַרויסצוגיין אויף אַ זאַגאָטאָווקע פון שפּייז. אָנגעפירט מיט דער גרופּע האָט מישאַ טרושין, אַ לייטענאַנט פון די קריגס־געפאַנגענע. מיין פרוי מאַשע און חיה שמואלאָוו האָבן זיך אָנגע־געבן אַלס פרייוויליקע. דער וועג האָט געפירט איבער ווישינצא, קאַלעטאַנץ אויף נאָוואָסטרעלצי. דער וועג אויף קאַלעטאַנץ איז געווען איבער אַ טייכל, איבער וועלכער עס איז געווען איבערגע־לייגט אַ קלאַדקע, פאַרביי אַ מאַהילניק. אויף דעם צוריקוועג האָט אויף דעם מאַהילניק זיך אָנגעקגעלייגט אַ לויערונג פון פּוילישע באַוואָפנטע פּויערים. זיי האָבן געעפנט אַ שטאַרקן פייער אויף דער קלאַדקע, דורך וועלכער מען האָט געדאַרפט אַריבערטראָגן די פּראָדוקטן. אין רעזולטאַט פון דאָזיקן פייער, איז באַלד געפאַלן טויט פּסח גאַרדאָן און די איבעריקע חברה זיינען זיך פאַנאַנדער־געלאָפן און געבראַדזשעט דורך דעם טייכל.

אַזוי ווי עס איז געווען פינצטער און די חברה האָבן געוואָלט אויסמיידן די קוילן פון דער לויערונג, האָט מען זיך פאַרלוירן פון דער גרופּע. מישאַ טרושין און אַ פּאָר פּאַרטיזאַנער האָבן געעפנט אַ פייער אין דער ריכטונג פון דער לויערונג, אָבער דאָס האָט פּאַקטיש ניט געהאַט קיין זין, ווייל די אָנגרייפערס זיינען ניט אַרויס פון זייער באַהעלטעניש און האָבן זיך ניט געיאָגט נאָך דער צוריק־טרעטנדיקער גרופּע. זייער ציל איז געווען בלויז צו פאַרטרייבן די פּאַרטיזאַנער פון טייכל און זיי זאָלן דאָרט איבערלאָזן די פּראָ־דוקטן מיט די בהמות.

פירן אַ פייער קעגן אַ גוט־באַהאַלטענעם און גוט־באַוואָפנטן שונא אין דער פינצטערניש, האָט געקענט געבן דעם שונא בלויז אַ ציל וווהין צו שיסן. דערווייל האָבן זיך די מענטשן פאַרלוירן

איבערגייענדיק דעם טייכל. משה רובינסאָן און לייזער זילבער האָבן אין פּאַניק פֿאַרלוירן די דיסקן פֿון קוילנוואַרפֿער. מיין פֿרוי איז געבליבן הענגען אויף אַ צווייג פֿון אַ בוים און קיינער איז איר ניט געקומען צו הילף. יצחק סעגאַל האָט פֿאַרבלאָנדזשעט און אַוועקגעוואָרפֿן זיין אויטאָמאַטישן ביקס ס.וו.ט. דעם טויטן קערפּער פֿון פּסח גאָרדאָן האָט מען איבערגעלאָזן אויף דער קלאָדקע.

דער סך־הכל פֿון דער דאָזיקער אָפּעראַציע איז געווען אַ טרויעריקער און, אויף דער באַזע איז מען צוריקגעקומען מיט גאָרניט; פֿאַרלוירן טייערע מענטשן און געווער...

דער קאָמאַנדיר און דער קאָמיסאַר פֿון אָטריאַד האָבן אויסגעלאָזן דעם גאַנצן כּעס צו משה רובינסאָן און לייזער זילבער פֿאַרן פֿאַרלירן די דיסקן פֿון קוילנוואַרפֿער. ביי אַזאַ שוואַכער באַוואָפֿענונג פֿון אָטריאַד, איז נאָכן פֿאַרלירן געווער, געוואָרן די לאַגע זייער טרויעריק. די קאָמאַנדשאַפֿט האָט גלייך באַשלאָסן שיקן צוריק רובינסאָנען און זילבערן צו געפֿינען די פֿאַרלוירענע דיסקן. פֿאַרשטייט זיך, אַז זיי האָבן די דיסקן ניט געפֿונען און זיי האָבן זיך צוריקגעקערט און געמאָלדן, אַז פּסח גאָרדאָן, מאַשע ענדלין און יצחק סעגאַל זיינען אומגעקומען און אַז זיי ווייסן ווו עס געפֿינען זיך זייערע קברים. ווי עס ווייזט אויס האָבן זיי געבראַכט די דאָזיקע מעלדונג, כּדי צו איבערצייגן דער קאָמאַנדשאַפֿט, אַז זיי זיינען געווען אויפֿן אָרט, אַנדערש וואָלט מען זיי אפֿשר ניט געגלויבט, אַז זיי זיינען בכלל דאָרט געווען...

דעם אָוונט בין איך געשטאַנען אויף פּאָסט ביי דער שטאַב־זיעמליאַנקע. דאָס איז געווען אין דער סילוועסטער־נאַכט. ביי אונדז אין זיעמליאַנקע האָט מען באַגעגנט דעם נייעם יאָר. און ווי עס פּאַסט פֿאַר פּאַרטיזאַנער האָט מען געטרונקען סאַמאָגאָן און מען האָט זיך געלאָזט ווילגיין, ניט קוקנדיק אויף דעם, וואָס אַ טאָג פֿריער האָט מען פֿאַרלוירן דריי מענטשן און געווער. דער קאָמיסאַר איז אַרויסגעגאַנגען צו מיר אויפֿן פּאָסט שפּעט ביינאַכט און האָט מיר געמאָלדן, אַז מיין פֿרוי מאַשע איז אומגעקומען נעבן קאַלעטאַנץ און, אַז די אויספֿירונג האָט דאָס באַשטעטיקט. איך האָב דעם קאָמיסאַר געענטפֿערט, אַז מיר קעמפֿן אַ גערעכטן קאַמף

קעגן שונא און קיינער פון אונדז איז ניט גאַראַנטירט און ווייסט ניט אויב ער וועט בלייבן לעבן פון דעם קאַמף, אָדער ניט.

שפּעט ביינאַכט האָט מען מיך פאַרביטן אויפן פּאָסט און איך בין אַוועק שלאָפן, ניט נעמענדיק קיין אָנטייל אין דער פירערונג פון ניי־יאָר. אויף מאָרגן נאָך ניי־יאָר איז אָנגעקומען די גרופּע פון געטאָ מיט דער דריטער מאַשין. דאָס מאָל איז די גרופּע ניט געווען קיין גרויסע. מיט דער גרופּע זיינען געקומען 4 פרויען, צווישן זיי רבקה גאַרדאָן (פּסח גאַרדאָנס פרוי), וועלכער איז אומ־געקומען אַ טאָג פריער ביי קאַלעטאַנץ. מיט דער גרופּע זיינען אָנגעקומען: חנא קאַגאַן; פּרץ פּאָדיסאָן; יצחק ליפשיץ; ליאָוועשער און אַנדערע. אַזוי ווי די זאַגאַטאָווקע פון 30־טן דעצעמבער איז ניט געלונגען האָט מען גלייך נאָך ניי־יאָר, ווידער אָרגאַניזירט נאָך אַ זאַגאַטאָווקע. דער מאַרשרוט איז געווען די זעלבע דערפער, אָבער ניט ווייט פון איישישאָק. די גרופּע איז געווען אַ גרעסערע ווי דעם פאַריקן מאָל. דאָס מאָל האָב איך אויך אָנטיילגענומען אין דער זאַגאַטאָווקע. מיר זיינען ווידער געגאַנגען איבער ווישניצי און קאַלעטאַנץ.

ווען מיר זיינען געקומען צום באַשטימטן אָרט, האָט דער קאָמאַנדיר אויסגעשטעלט דאָזאָרן צוליב פּאַרזיכטיקייטס־וועגן אויף ביידע זייטן פון דאָרף. זייער אויפגאַבע איז געווען קיינעם ניט אַריינצולאָזן און קיינעם ניט אַרויסצולאָזן פון דאָרף קיין שום מענטשן אָן אַ פּאַראָל. דערווייל איז אין דאָרף אָנגעגאַנגען אין פולן גאַנג די זאַגאַטאָווקע. יעדערן איז געווען שטרענג אָנגעזאָגט, אַז אויסער שפּייז פּראָדוקטן, זאָל מען ניט וואַגן נעמען ביי די פּויערים קיינע אַנדערע זאַכן, וועלכע האָבן ניט אַפילו קיין גרויסן ווערט.

איך געדענק, אַז צווישן די שפּייז־פּאַרזאָרגערס, איז געווען איינער אַ פּאַרטיזאַן פון די קריגסגעפאַנגענע — אַנאַטאָלי האָט ער געהייסן, און פאַרקירצט האָבן מיר אים גערופן — טאָליק. ער איז געווען אַ גרויסער לץ. איינמאָל איז ער אַריינגעגאַנגען צו אַ פּויער און געבעטן מילך צו טרינקען, האָט מען אים געזאָגט, אַז אין משך פון טאָג מעלקט מען ניט די בהמות און די פריער געמאָלקענע

מילך איז שוין פֿאַרנוצט געוואָרן אויף פֿאַרשיידענע שפּייז־צוועקן, האָט טאָליק אַ זאָג געטאָן: „טאָ גיב מיר ניט קיין געמאָלקענע מילך״...

ביי אַן אַנדער פּויער, ווען ער איז אַריין צו אים אין שטאָל וווּ עס האָבן זיך געפֿונען קי, איז ער צוגעגאַנגען צו דער גראָב־סטער קו און געזאָגט צום פּויער: „אָט די קו גיב אונדז״. זאָגט דער פּויער: „איר דאַרפֿט דאָך די קו אויף פֿלייש און די, אויף וועלכע דו ווייזט אָן, איז אַ קעלביקע, זי וועט אינגיכן האָבן אַ קעלבל. קענסט דאָך אויסקלייבן אַן אַנדער קו, ניט קיין קעלביקע״. דאָ האָט זיך טאָליק אָוועקגעשטעלט אַנטקעגן דעם פּויער און אים אַריינגעזאָגט בזה הלשון: „מיר זשאַלעווען ניט פֿאַר דיר אונדזער בלוט, קעמפֿענדיק קעגן דעם געמיינזאַמען שונא און דו זשאַלע־וועסט אונדז עפּעס אַ „זונה״, אַ קו, וואָס מען ווייסט אַפֿילו ניט פֿון וועמען זי איז שוואַנגער געוואָרן״... די זאַגאָטאָווקע, איז גע־לונגען...

אויף דעם וועג צוריק, האָט משה רובינסאָן מיר געוואָלט ווייזן דעם קבר פֿון מיין פֿרוי מאַשע, וואָס לויט זיין עדות זאָגן איז זי אומגעקומען ביי קאַלעטאַנץ. ווען מיר זיינען אָנגעקומען צו דער קלאַדקע איבערן טייכל נעבן קאַלעטאַנץ, האָט מען אויף אונדז געעפֿנט אַ שטאַרקן פֿייער פֿון מאָהילניק. מיר האָבן זיך, אָבער, פֿאַר זיי ניט אָפּגעשראָקן און ניט פֿאַרלירנדיק זיך האָבן מיר אַרי־בערגעטראָגן אונדזערע פּראָדוקטן צוזאַמען מיטן לעבעדיקן אינ־ווענטאַר, וועלכער איבער דער קלאַדקע, און וועלכער איבער דעם טייכל. מיר האָבן עס געמאַכט, פֿאַרשטייט זיך, אין איילעניש. צו דער זעלבער צייט האָט אַ גרופּע פֿון אונדזערע פּאַרטיזאַנער געענטפֿערט מיט אַ שיטערן פֿייער אין דער ריכטונג פֿון מאָהילניק. אַ דאַנק דער דאָזיקער שיסעריי איז משה רובינסאָן געראַטעוועט גע־וואָרן פֿון אַ ניט אָנגענעמער סיטואַציע ניט ווייזן מיר מיין פֿרויס קבר ביי קאַלעטאַנץ...

מיר זיינען בשלום אָנגעקומען אין אָטריאַד. מיטגעבראַכט פּראָדוקטן, אָבער מיט פֿלייש האָבן מיר דעם אָטריאַד אויף קיין לענגערע צייט ניט פֿאַרזאָרגט, ווייל קיין גרויסע בהמות האָבן מיר

איבער דעם טייכל און איבער דער קלאַדקע ניט געקענט אַריבער־פירן, איבערהויפּט נאָך בעת אַ שיסעריי. אויף דער פייערונג פון ניי־יאָר, האָט מען אויך געמוזט לייען אַ שעפּס ביי זימאַנען אויף דער באַזע, ווייל קיין אייגענע פליש האָבן מיר ניט געהאַט. איצט האָבן מיר שוין יאָ געהאַט פליש, אָבער ניט אויף קיין לאַנגע צייט. אויף מאָרגן, נאָכן צוריקקומען פון דער זאַגאַטאָווקע, האָט מיר דער קאָמיסאַר דאַווידאָוו געמעלדעט, אַז מען רופט מיך אַרויס צו „יורגיסן״, אַזוי ווי איך האָב אַליין דעם וועג צו יורגיסעס באַזע ניט געוווּסט, האָט מען מיר געגעבן אַלס וועג־ווייזער משה רובינסאָן.

## די שליחות פון וואַלד אין געטאָ

יורגיס (זימאַנאַס), האָט מיך זייער פיין אויפגענומען. ער האָט מיט גרויס אינטערעס אויסגעהערט וועגן אַווגוסטאָווער מאַרש. קיינע באַמערקונגען האָט ער ניט געמאַכט. נאָך מיין דערציילונג, האָט ער מיר געזאָגט, אַז ער האָט באַשלאָסן מיך צו שיקן אין געטאָ מיט דער אויפגאַבע, אַז איך זאָל אויפקלערן דער אָנפירונג פון דער אונטערערדישער געטאָ־אָרגאַניזאַציע, אַז מען דאַרף אומ־באַדינגט באַקומען לאַנגע געווער און אויך אויטאָמאַטישע; מען דאַרף שיקן נאָר געמישטע גרופּעס, ניט נאָר יידן; מען זאָל אומ־באַדינגט זיך פאַרבינדן מיטן אונטערערדישן קאַוונער פּאַרטיי־קאָמיטעט, אַז זיי זאָלן קאָמפּלעקטירן אונדזערע גרופּעס מיט קאָמ־סאָמאָלצעס, ליטווינער און רוסן. פּרויען דאַרף מען ברענגען וואָס ווייניקער אין אָטריאַד, זיי זיינען נאָר אַ לאַסט פאַרן אָטריאַד. דאָס אָרגאַניזירן דעם פּאָליטישן צוזאַמענשטעל פון די גרופּעס זאָל איך איבערלאָזן צו באַשליסן לויטן איינזען פון דעם אונטערערדישן קאָמיטעט. וואָס אָנבעלאַנגט אָבער די קאָמפּס־פעאיקייט פון די גרופּעס, פאַר דעם בין איך פאַראַנטוואָרטלעך. דעריבער זאָל איך גוט דורכקאָנטראָלירן די מענטשן און זייער באַוואָפענונג, איידער איך וועל זיי ברענגען אין אָטריאַד.

פאַר אויספירן מיינע אויפגאַבעס, וועל איך פון היינט אָן און

ווייטער, דאַרפֿן מעלדן נאָר יורגיסן. בלויז פֿאַר אים בין איך פֿאַראַנטוואָרטלעך און אים דאַרף איך אונטערליגן. קומענדיק פֿון אים אין אָטריאַד זאָל איך אויסקלייבן צו זיך נאָך 4 מענטשן און זיך צוגרייטן אין וועג אין משך פֿון דריי טעג. דאָס הייסט, אַז דעם 7־טן יאַנואַר אָפּמאַרשירן אין וועג אַריין...

אַ מאַפּע און קאָמפּאַס האָב איך פֿון אים געקראָגן. די באַוואָפֿענונג אונדזערע אויף דעם וועג האָט געדאַרפֿט באַשטיין נאָר פֿון פּיסטאָלעטן. ער האָט מיר געווונטשן הצלחה אויפֿן וועג און מיר שטרענג אָנגעזאָגט היטן זיך און די מענטשן, וואָס איך וועל פֿירן. זיך מעלדן צו אים האָב איך ערשט געדאַרפֿט נאָך דעם, ווי איך וועל קומען צוריק פֿון קאָוונע. באַזונדערס האַרציק האָט זיך מיט מיר געזעגנט פּעטראָס (יוזאַפּאַוויטשוס) — דער קאָמאַנדיר פֿון אָטריאַד „אַדאָם מיצקיעוויטשיוס", וועלכער איז געווען דערבײַ אַנוועזנד ביי אונדזער געשפּרעך מיט יורגיסן.

ווען איך בין צוריק געקומען אין אָטריאַד פֿון „יורגיסן", צוזאַמען מיט משה רובינסאָן, האָב איך איבערגעגעבן דעם קאָמאַנדיר פֿון אָטריאַד קאָסטיאַ ראַדיאָנאָוו וואָס פֿאַראַ אויפֿגאַבע איך האָב באַקומען פֿון זימאַנען. ער האָט מיר געזאָגט, אַז ער ווייסט שוין דערפֿון פֿון פֿריער און אַז ער לייגט גרויסע האָפֿענונגען אויף דער אויפֿגאַבע.

מיר האָבן זיך גלייך גענומען אָפּצוקלייבן די פּאַסיקע מענטשן און דאָס זיינען געווען: ברוך לאָפּיאַנסקי, שמואל מאָרדקאָווסקי, זוניע שטראָם און שרה רובינסאָן.

אַ טאָג פֿאַר אונדזער אָפּמאַרש, איז געקומען צו אונדז „נאַקטיס" (אַלעקאָס), און ער האָט מיר פּערזענלעך איבערגעגעבן אַן אויפֿגאַבע צום פּאַרטיי־קאָמיטעט אין קאָוונע. איך האָב אויך געדאַרפֿט אייניקע שיפֿערן זיך אויסלערנען אויף אויסנווייניק און זיי פֿאַרניכטן, איידער איך גיי אַרויס פֿון דער באַזע. אויסער דעם האָב איך געקראָגן געלט, דייטשע מאַרקן. אַ גרויסער טייל פֿון דער סומע איז געווען באַשטימט פֿאַר דעם קאָוונער אונטערערדישן פּאַרטיי־קאָמיטעט און אַ טייל האָב איך באַדאַרפֿט פֿאַרטיילן לויט מיין איינזען, צווישן די פֿויערים, וועלכע האָבן מיר

געקאַנט ברענגען נוצן אַלס פאַרבינדלער. דאַן האָט מיר אַלעקאַס נאָך געגעבן פאַרשיידענע פראַקלאַמאַציעס און צייטונגען אין ליט־וויש, כדי זיי אונטערוועגס צו פאַרטיילן צווישן די פויערים.

אין אונדזער אַטריאַד האָט זיך געפונען דער קאָמאַנדיר פון 5־טן אַטדיעל, באַריס ליסאוסקאַס. ווען מיר זיינען אָנגעקומען פון קאָוונע אין אַטריאַד, האָט ער אויף אונדז אויסגעפילט אַנקעטעס. ער האָט אונדז יעדערן באַזונדער געפּאַרשט, מיט וואָס מיר האָבן זיך פאַרנומען פאַרן קריג? צו וואָס פאַרא פּאָליטישע פּאַרטייען און גרופּן מיר האָבן געהערט? מיר, צום ביישפּיל, האָט ער זיך באַמיט אויפצווייזן, אַז ביי אים איז דאָ גענויע ידיעות, אַז איך בין גאָר געווען אַ ציוניסטישער טוער. איך האָב אים געזאָגט, אַז ער האָט אַזעלכע ידיעות וועגן מיר ניט געקענט הערן, ווייל איך בין קיינמאָל קיין ציוניסט ניט געווען. זיינע מעטאָדן פון פאַרשן זיינען געווען טיפּיש פאַר נ.ק.וו.ד.

*

ווען איך האָב געדאַרפט אַרויסגיין אין שליחות קיין קאָוונע, האָט ער מיר נאָך אָנגעזאָגט, אַז איך זאָל גוט דערקענען די מענטשן, וואָס איך וועל פירן אין אַטריאַד, „זיי זאָלן ניט זיין קיין אונטערגעשיקטע פון די דייטשן". איך האָב אים געזאָגט, אַז דייטשן וועלן קיין יידן ניט שיקן אין אַטריאַד. ער האָט מיר געענטפערט, אַז איך ווייס נאָך ווייט ניט אויף וואָס די דייטשן זיינען פעאיק. אַזוי זיינען מיר צוגעגרייט געוואָרן צום אַרויסגאַנג אויף אונדזער אויפגאַבע.

ביז איבער דער באַן־ליניע ווילנע־לידע, האָט מען צו אונדז צוקאָמאַנדירט נאָך צוויי גרופּעס. מיט איינער האָט אָנגעפירט קאַרפּ סעמיאַנאַוו און מיט אים זיינען געגאַנגען: מישקע מאַיראַוו, אַי־דעלקע שערמאַן, לייזערקע קלעבאַנסקי און ישראל זיג. מיט דער צווייטער גרופּע האָט אָנגעפירט קאַלקע ווינאַגראַדאַוו און מיט אים זיינען געגאַנגען: לייבקע געמפּעל, חיים לאַן די קריגסגעפאַנגענע טאַליק און עדיק (דער לעצטער האָט געשטאַמט פון דער וואָלגאַ־

דייטשער־רעפובליק). די אויפגאַבע פון די ביידע גרופּעס איז געווען עקספּראָפּריאַציע פון געווער ביי די פּויערים.

ביז איבער דער באַן־ליניע זיינען מיר געגאַנגען אַלע צוזאַמען. פון דעם דאָרף גודאַקעמיס, האָבן מיר זיך יעדערער פאַנאַנדערגעטיילט אין זיין ריכטונג. די גרופּע וואָס איז געגאַנגען מיט קאַלקע ווינאַגראַדאָוון האָט ליידער קיין מזל ניט געהאַט. זיי זיינען אַריין צו אַ פּויער, וועלכן זיי האָבן אַרויסגעלאָזן אויף אַ קורצער צייט פון אונטער זייער אויפזיכט און ער האָט אויף זיי אַריינגעוואָרפן אַ האַנט־גראַנאַט אין שטוב. אין רעזולטאַט פון דעם אויפרייס זיינען באַלד אויפן אָרט דערהרגעט געוואָרן לייבקע געמפּעל, חיימקע לאַן און טאַליק. עדיק, איז לייכט פאַרווּנדעט געוואָרן און איז אַנטלאָפן. קאַלקע ווינאַגראַדאָוו איז דער איינציקער פון דער גרופּע, וואָס איז ניט געטראָפן געוואָרן, ער איז געבליבן לעבן און איז אַנטלאָפן. צולעצט זיינען די ביידע אָנגעקומען בשלום אויף זייער באַזע. קאַלקע ווינאַגראַדאָוו האָט זייער שווער איבערגעלעבט זיין דורכפאַל, און ער האָט זיך געשעמט פאַר זיינע חברים.

איך מוז באַמערקן, אַז אויך מיר האָבן אין אונדזער גאַנג דערלאָזט אַ סך פעלערן, אָבער מיר האָבן געהאַט מער מזל פאַר זיי. דערפאַרונג, און איבערהויפּט פאַרטיזאַנישע דערפאַרונג, קומט ניט מיט אַ מאָל. אָבער, כדי צו ווערן אַ דערפאַרענער פאַרטיזאַן מוז מען זייער אַ סך ריזיקירן. און ווי באַוווּסט, אַז מען ריזיקירט — איז איינס פון די ביידע: אָדער עס גיט זיך איין, אָדער עס איז אַ דורכפאַל. אונדז האָט זיך יאָ איינגעגעבן.

פון אונדזער אַווגוסטאָווער דערפאַרונג האָבן מיר געלערנט און זיך איבערצייגט, אַז אַ פאַרטיזאַן טאָר זיך ניט באַוועגן אויף די וועגן אין משך פון טאָג. אַ פאַרטיזאַן דאַרף זיך באַוועגן איבער די וועגן נאָר אין די נעכט, און מיר זיינען טאַקע געגאַנגען נאָר ביינאַכט. פון אונדזער דערפאַרונג האָבן מיר אויך געווּוּסט, אַז אָריענטירן זיך אויף וועגן מיט אַ מאַפּע און קאָמפּאַס, איז ווייט ניט גענוג, ווייל ניט די מאַפּע און ניט דער קאָמפּאַס ווייזן אָן גענוי ווו עס לויערט די געפאַר. דעריבער האָבן מיר באַשלאָסן צו נוצן זיך מיט דער הילף פון דער אָרטיקער באַפעלקערונג. ווייל נאָר זיי

האָבן אונדז געקענט וואָרענען פאַר באַפאַרשטייענדיקע געפאַרן. אָבער צוגלייך מיט דעם, האָבן זיי אויך אַליין געקאָנט זיין פאַר אונדז אַ געפאַר.

עס איז כלל ניט לייכט אַריינצוקריכן אין אַ מענטשנס נשמה, און אין דעם באַשטייט די ריזיקע, וועלכע מען קען ניט אויסמיידן. ס'איז דערביי אויך נויטיק אַ גרויסע דערפאַרונג פון דערקענען דעם מענטשן־עלעמענט. אָבער דאָס איז שוין אַ לאַנגדויערנדיקע דערפאַרונג, וועלכע מען דעראָבערט מיט דער צייט.

אַלס פּאַרטיזאַנער זיינען מיר געגאַנגען צום ערשטן מאָל אין ניט קיין באַקאַנטע פּלעצער, און צווישן ניט קיין באַקאַנטע מענטשן. דעריבער איז זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז מיר האָבן ניט געקאָנט אויסמיידן קיין פעלערן, צומאָל אויך גראָבע פעלערן. אָבער אויף די פעלערן האָבן מיר זיך געלערנט. דערביי איז נאָר נויטיק געווען מזל, כדי בשלום אַדורכצוגיין די פעלערן. אָבער, ווי באַוווּסט צאָלט מען פאַר פעלערן אַ טייערן פּרייז און דעם טייערסטן פּרייז, וואָס מיר האָבן געצאָלט — איז געווען דער פאַרלוסט פון מענטשן. פיל פּאַרטיזאַנער זיינען געפאַלן אין רעזולטאַט פון די אַדורכגע־מאַכטע פעלערן פון זייערע קאָמאַנדירן און פון זיי אַליין.

איך וויל דאָ אויסרעכענען די פעלערן, וואָס מיר האָבן געמאַכט בעת אונדזער ערשטן גאַנג: מיר זיינען אָנגעקומען אין דאָרף קאַזאַקישקי און זיינען אַריין אין אַ שטוב פון אַ שוסטער, ווו מיר האָבן געדאַרפט בלייבן רוען אין משך פון טאָג. דאָ האָט זיך גלייך אַרויסגעוויזן, אַז מיר האָבן געמאַכט אַ פעלער. צו דעם שוסטער גייען אַריין און אַרויס אין משך פון טאָג אַ סך מענטשן. דאָס הייסט, אַז בלייבנדיק דאָרטן רוען, וואָלטן וועגן אונדז זיך דערוווּסט אַ סך זייטיקע מענטשן, וועלכע האָבן געקענט ווערן פאַר אונדז געפערלעך, אַפילו נאָך אונדזער אַרויסגיין פון דאָרף. מיר האָבן, אָבער, קיין ברירה ניט געהאַט.

דאָס באַוועגן זיך איבערן דאָרף און איבערלאָזן הינטער זיך אַ מענטש, וואָס ווייס וועגן אונדזער עקזיסטענץ, איז ניט ווייניקער געפערלעך. מיר האָבן אָנגענומען די עצה פון דעם שוסטערס מוטער, אַז מיר זאָלן זיך באַהאַלטן ביי זיי אין באָד,

וועלכע האָט זיך געפונען אַביסל ווייטער פון שטוב. דערבײַ האָט זי אונדז פאַרזיכערט, אַז ס׳וועט מיט אונדז קיין שלעכטס ניט געשען, ווייל ערשטנס, זעט זי אַז מיר זיינען יידן און זי ווייס וואָס די דייטשן און די ליטווינער האָבן געטאָן מיט די יידן, און צווייטנס, אַלס פרומע קריסטין וויל זי מיטן אויסהיטן אונדז אַראָפּנעמען פון זיך כאָטש דעם פלעק וואָס איז געטאָן געוואָרן קעגן די יידן. מיר האָבן געזען און געפילט אַז אירע ווערטער זיינען אויפריכטיקע און מיר האָבן ריזיקירט. זי האָט זיך באמת אַרויסגעוויזן אַלס אַ טייערע פרוי. זי האָט פאַר אונדז צוגעגרייט געשמאַקע שפּייז, און אויב שרה רובינסאָן איז ניט געווען צוגע־וווינט צו פעטע דאָרפישע מאכלים, האָט זי פאַר איר אַפילו געמאַכט ספּעציעלע מאכלים לויט איר באַשטעלונג.

אונדזערע חברה איז דאָס ניט געפעלן געוואָרן און מ׳האָט גע־מאַכט שרה׳ן פאַרוורפן, אַז זי געפינט זיך דאָ ניט אין קיין „רעסטאָ־ראַן״. אָבער דאָס ענדערט ניט דעם פאַקט לגבי דער איבערגעגעבנ־קייט פון דער פּויערטע צו אונדז. איך בין זיכער, אַז איר זון האָט אונדז ניט אַרויסגעגעבן נאָר אַ דאַנק זיין מאַמען. כאָטש אויף מיינע ווייטערדיקע מאַרשרוטן בין איך קיינמאָל מער ניט אַריינגעגאַנגען אין דער שטוב, איז מיר אָבער דער פאַל איינגעקריצט געוואָרן טיף אין מיין זכרון.

ביים אַוועקגיין פון דער שטוב אויף אונדזער ווייטערדיקן וועג, האָב איך געוואָלט פאַרלייגן דער פּויערטע געלט פאַר איר מענטש־לעכער באַציאונג צו אונדז און פאַר איר גוטהאַרציקייט, אָבער זי האָט זיך קאַטעגאָריש אַנטזאָגט עס אָנצונעמען. דער דאָזיקער פאַל האָט אונדז געלערנט, אַז אַפּרוען זיך אויף טאָג־צייט, קען מען נאָר אין זייטיקע הייזער פון אַ דאָרף און ניט אין קיין גרויסעווירטשאַפטן, און אויך ניט ביי גרויסע משפחות, וואָס זייער באַ־שעפטיקונג איז ניט פאַרבונדן מיט דער דאָרפישער באַפעלקערונג. אויסער דעם זיינען מיר געקומען צו אַן אויספיר, אַז אין קיין שום פאַל טאָר מען ניט אַרויסלאָזן פון אונדזער קאָנטראָל די איינוווי־נער פון שטוב ווו מיר געפינען זיך אויף אָפּרו...

פון דעם דאָרף האָבן מיר פאַרגעזעצט אונדזער ווייטערדיקן

וועג צום דאָרף לאַוואַרישקי. לאַוואַרישקי איז ניט קיין קאָמפּאַקטער דאָרף. פון איין הויז ביז צו דער צווייטער איז אַ מרחק פון אייניקע הונדערט מעטער. אין דעם דאָרף וווינען הויפּטזעכלעך פּאָליאַקן. אויך דער סטאַראָסטע פון דאָרף איז אַ פּאָליאַק סענקעוויטש — אַ קרענקלעכער פּוילישער פּאַן. אין דעם דאָרף האָט אויך געוווינט איין ליטווינער, דער אורעדאַס פון דער געגנט (אורעדאַס באַדייט אין ליטוויש דער פאַרוואַלטער איבער אַלע וואַלד־וועכטער).

אַזוי ווי ער און דער סטאַראָסטע זיינען פאַקטיש אָפיציעלע פּערזאָנען, איז די פאַרבינדונג מיט זיי געווען פאַר אונדז אויסגע־שלאָסן, כאָטש שפּעטער איז סענקעוויטש געוואָרן מיינער אַ פאַר־בינדלער און איך האָב געהאַט פון אים גרויסע נוצן.

דעם מאָל זיינען מיר אַריין אין דער לעצטער הויז פון דאָרף צו אַ פּוילישן פּאַן. איך געדענק ניט זיין פאַמיליע, דוכט מיר — שפּיכאַלסקי, האָט ער געהייסן. ער איז געווען אַן עלטערער מענטש, זיין פרוי איז געשטאָרבן מיט אייניקע מאָנאַטן פריער ויש אומרים אַז ניט אָן זיין הילף... געלעבט האָט ער מיט זיין דינסט, אַ שיינע יונגע קריסטין, וועלכע איז געווען יינגער פון אים אויף איבער 30 יאָר.

היות ווי דער פּאָליאַק איז ניט געווען אַזוי שטאַרק פאַראינטע־רעסירט, אַז מיר זאָלן ביי אים פאַרבלייבן לענגער, האָט ער זיך אָנגעבאָטן אַליין, אונדז אָפּצופירן מיט זיין פערד און שליטן אין דער נויטיקער פאַר אונדז ריכטונג. מיר האָבן אָנגענומען זיין פאָר־שלאָג און ער האָט אונדז געפירט דורך זייטיקע וואַלד־וועגן ביז צום דאָרף שקיליעטי. פאַר שרה רובינסאָן האָט זיך ביי אים געפונען אַפילו אַ פעלץ־דעקע, זיך צוצודעקן פון קעלט.

פון דאָרטן איז אונדזער וועג געווען איבער דעם דאָרף ביי־זשאַני. דאָס איז זייער אַ גרויסער, צעצויגענער דאָרף אין שטח און אויך ניט קיין קאָמפּאַקט־באַוווינטער. דעריבער ציט זיך דער דאָרף איבער לאַנגע קילאָמעטערס. דורכגיין דעם דאָרף האָט מען געדאַרפט נאָר שפּעט אין דער נאַכט. פאַר קיין טאָג־אָפּרו איז אין דעם דאָרף קיין הויז ניט געווען צוגעפּאַסט, אָבער אַזוי ווי די נעכט אין יאַנואַר זיינען זייער לאַנגע, איז עס אונדז געווען מעגלעך

אַריבערצוגיין דעם דאָרף און דערווייטערן זיך פון אים אַ שטיק וועג ווייטער אַן שטערונגען, כדי צו געפינען אַ מער פּאַסיקן אָרט פאַרן טאָג־אָפּרו.

דער וועג איז געגאַנגען איבער דעם דאָרף דייניאַי, דער דאָרף איז געווען אַ גרויסער און אַ קאָמפּאַקטער. דעם דאָרף האָבן באַוואַכט ביינאַכט באַוואָפנטע פּויערים פון דער זעלבסטשוץ (סאַוויס־אוגאַ), און דעריבער האָבן מיר געמוזט דעם דאָרף אויסמיידן מיט זייטיקע אָפּגעלעגענע וועגן.

די דאָזיקע אַלע ידיעות האָבן מיר אָנגעקליבן פון דעם „פּאַן״, וועלכער האָט אונדז געפירט פון לאַוואַרישקי. הינטער דייניאַי איז דער וועג געגאַנגען איבער דעם דאָרף קיבוטשאַי צום דאָרף קיי־רישקיס, אין וועלכן מיר האָבן באַשלאָסן צו מאַכן דעם טאָג־אָפּרו. די אַלע דערפער ליגן ניט ווייט פון די אַנדערע. פון דייניאַי ביז קיבוטשאַי איז אַ מרחק פון בערך אַ דריי קילאָמעטער, און פון קיבוטשאַי ביז קיירישקיס איז נאָך עפּעס ווייניקער. קיירישקיס געפינט זיך שוין ניט ווייט פון דעם שאָסיי קאָוונע—ווילנע, דאָרטן זיינען מיר אַריינגעגאַנגען צו איינעם אַ רוס אָרלאָוו, ער האָט געהאַט בלויז איין אויג. ער איז ניט געווען קיין קאָמוניסט און האָט אַפילו ניט סימפּאַטיזירט די קאָמוניסטן, נאָר צו רוסלאַנד איז ער געווען זייער צוגעבונדן מיט זיין גאַנצער נשמה.

ער איז געווען אַ רוסישער פּאַטריאָט און ער האָט זייער איבער־געלעבט די טראַגעדיע פון רוסלאַנד, וואָס איז באַהערשט סיי פון די קאָמוניסטן און סיי פון די דייטשע נאַציסטן. זיין זון האָט געלעבט אין שטעטל זשעזשמער און האָט דאָרטן געאַרבעט אַלס שרייבער אין דער ליטווישער פּאָליציי. וועגן דעם האָט מיר אָנפאַרטרויט אָרלאָוו אַליין זיין פאָטער.

גלייך פון אונדזער ערשטער באַקאַנטשאַפט האָט זיך צווישן אונדז געשאַפן אַ קעגנזייטיקער צוטרוי, און אפשר דערפאַר, וואָס איך האָב גערעדט אַ גוטן רוסיש. ווי עס זאָל, אָבער, ניט זיין, איז ער געוואָרן צו מיר צוגעבונדן און איך האָב באַשלאָסן אים אויס־צונוצן אַלס מיינעם אַ פאַרבינדלער. דאָס וואָס דער זון זיינער האָט געאַרבעט אין זשעזשמערער פּאָליציי, האָט פאַר מיר געהאַט אַ באַ־

זונדערן ווערט. איך האָב דורך אים געקענט וויסן וואָס עס פּלאַ־נירט די פּאָליציי קעגן אונדז פּאַרטיזאַנער בכלל, און קעגן דער באַפעלקערונג וועלכע איז צו אונדז גאַנץ לאָיאַל. בפרט אונדז זיינען נויטיק געווען ידיעות פון דער זשעזשעמער פּאָליציי, און אויך פון אַנדערע פּאָליציי־פּונקטן, ווייל אַזעלכע פּלענער פלעגט מען מיטטיילן אַלע פּאָליציי־אָפּטיילונגען, כדי זיי זאָלן צווישן זיך מיטאַרבעטן. איך האָב אָרלאָוון געלאָזן אַ גאַר פיינע סומע געלט אין מאַרקן ניט נאָר פאַר אים אַליין, נאָר אויך אין פאַל ווען ער וועט דאַרפן וועמען עס איז אונטערקויפן...

אַזוי האָט זיך צווישן אונדז ביידן איינגעשטעלט אַ גאַר נוציקע און פּרוכטבאַרע צוזאַמענאַרבעט ביז צו דער באַפרייונג. (שוין גלייך נאָכן קריג, האָבן אים דערמאָרדעט די ליטווישע באַנדיטן). ביי אים איז געווען אונדזער לעצטער פּונקט פאַר טאָג־רו, ביז קאָווגע. פון אים זיינען מיר אַרויסגעגאַנגען מיט דער פינצטערניש, איבערגע־שניטן דעם שאָסיי־וועג קאָוונע—ווילנע און מיר זיינען אָנגעקומען אין דאָרף מאָנקאָווישקי. מאָנקאָווישקי איז אַ דאָרף, וואָס איז צעטיילט אויף צוויי טיילן: — איין טייל איז באַוווינט פון אַ ליט־ווישער באַפעלקערונג און דער צווייטער טייל, איז באַוווינט פון אַ רוסישער באַפעלקערונג. זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז מיר זיינען אַריין אין דעם טייל פון דאָרף, וואָס איז געווען באַוווינט פון דער רוסישער באַפעלקערונג.

די אויפנאַמע פון דער רוסישער משפחה ווו מיר זיינען אַריין, אין דעם דאָרף, איז ניט געווען אַזאַ האַרציקע ווי ביי אָרלאָוון אין קיירישקיס. אָבער זיי האָבן זיך צו אונדז באַצויגן לאָיאַל, בלי־ספק מער פון שרעק, ווי פון ליבע צו אונדז. עס האָט זיך געשפּירט, אַז זיי ווילן וואָס שנעלער פּטור ווערן פון אונדז. מיר האָבן ביי זיי גע־נומען געלע שטאָף, אויסגעשניטן פאַר זיך מגן־דוד׳ס, און געהייסן דעם רוס שפּאַנען פערד און שליטן און פירן אונדז ביז צום ה.ק.פּ. (הערעסקראַפטפאַהרפּאַרק) אין פּעטראַשון. מיר האָבן אים גע־וואָרנט, אַז טאָמער וועט ער פּראָבירן אונדז אַרויסגעבן דער פּאָ־ליציי, וועט די ערשטע קויל אים טרעפן, און אויסער דעם, וועלן אונדזערע חברים אַלס נקמה, אונטערצינדן זיין שטוב צוזאַמען מיט

זיין פֿאַמיליע. ער האָט אונדז פֿאַרזיכערט, אַז ער טראַכט ניט כּלל אונדז אַרויסגעבן. ער האָט פֿיינט די דייטשע אָקופּאַנטן ניט ווייניקער ווי מיר האָבן זיי פֿיינט. און דעם אמת זאָגנדיק, וויל ער וואָס שנעלער פֿון אונדז פּטור ווערן, ווייל ער וויל זיך ניט מישן אין אונדזערע ענינים. אַזוי זיינען מיר צוגעפֿאָרן מיט אים ביז צום טויער פֿון ה.ק.פּ. אין פּעטראַשון.

ווי ס'איז געווען געפּלאַנט, איז שרה רובינסאָן צוגעגאַנגען צום דייטשן פּאָסטן און אים געזאָגט, אַז זי איז אַ קראַנקן־שוועס־טער און זי האָט די אויפֿגאַבע צו ברענגען 4 „קראַנקע" פֿון קאַ־שעדאַרער לאַגער אין קאָוונער געטאָ דורך זייער אַרבעטס־פּלאַץ. דער פּאָסטן האָט אונדז אַלעמען דורכגעלאָזן און געהייסן זיך פֿאַר־בינדן מיטן יידישן קאָלאָנען־פֿירער. אין דער בריגאַדע האָט געהער־בעט איינער פֿון אונדזערע חברים פֿון דער אונטערערדישער אָר־גאַניזאַציע, ווײַנער. ער האָט אונדז גלייך דערקענט און ער האָט שוין דאָס ווייטערדיקע אָרגאַניזירט ווי עס דאַרף צו זיין.

ערשטנס — אַלס „קראַנקע" האָבן מיר ניט געדאַרפֿט אַרבעטן, מען האָט אונדז געהאַלטן אָפּגעזונדערט פֿון אַלע אַרבעטנדיקע, כּדי מיר זאָלן חס־וחלילה, ניט אָנשטעקן זיי מיט אונדזער „קראַנקהייט", ווער רעדט נאָך — די דייטשן, האָבן זיי אונדז בכלל אויסגעמיטן.

ווען ס'האָט זיך געענדיקט דער אַרבעטס־טאָג, האָט מען אונדז געפֿירט צוזאַמען מיט די אַנדערע אַרבעטער אין געטאָ. ביים טויער האָט מען אונדז ניט אונטערזוכט, ווייל מען האָט באַצייטנס געמאָלדן אַז מיר זיינען „קראַנקע", וועלכע מען פֿירט אין געטאָ פֿון קאַשע־דאַר. אויף אַזאַ אופֿן זיינען מיר אַריין אין געטאָ מיט אונדזערע פּיסטאָלעטן אין די קעשענעס און איך אַליין בין געווען באַהאָנגען אַרום זיך מיט פֿיר האַנט־גראַנאַטן.

אויף אַ זיצונג פֿון דעם אונטערערדישן קאָמיטעט, האָב איך אויפֿגעקלערט די לאַגע אין אַטריאַד. איך האָב באַשטאַנען אויף דעם, אַז צוזאַמען מיט קעמפֿערס מוז מען אומבאַדינגט אויך שיקן קאַמפּס־מיטלען, אויב מען וויל אַז זיי זאָלן קעמפֿן. פּיסטאָ־לעטן זיינען ניט קיין עפֿעקטיווע קאַמפּס־מיטלען, מיט זיי קען מען זיך אַליין דערשיסן, ווען עס איז ניטאָ קיין אַנדער ברירה. ס'איז

אומבאַדינגט נויטיק שיקן ביקסן, אויטאָמאַטיש געווער, גראַנאַטן און קוילן צו די ביקסן און צום אויטאָמאַטישן געווער. אַנדערש וועט מען אין וואַלד מער קיין קעמפּערס ניט אויפנעמען.

די חברים פון קאָמיטעט האָבן זיך אינטערעסירט, ווי אַזוי עס פּאַסן זיך צו אונדזערע מענטשן צו די פּאַרטיזאַנישע באַדינגונגען. איך האָב וועגן אונדזערע פאַרלוסטן ניט דערציילט. איך האָב אָפּ־געגעבן אַ גענויע כאַראַקטעריסטיק פון אונדזערע חברים־פּאַר־טיזאַנער, ווי אַזוי זיי לעבן און קעמפן אין וואַלד. מיר איז געווען זייער שווער אויפן האַרצן, וואָס איך האָב געמוזט האַלטן אין זיך דעם סוד פון פאַרלוסט פון מיין פרוי מאַשע, און אַפילו דער אייגענער משפחה אירער האָב איך ניט געקענט דערציילן דעם אמת וועגן איר טויט, ווי אַזוי זי איז אומגעקומען. איר טויט האָט מיר שווער געטראָפן און איך האָב פּראָבירט דאָס צו פאַרגעסן מיט טרינקען סאַמאַגאָן. די חברים פון געטאָ האָבן געוויס גע־טראַכט, אַז מיין טרינקען — דאָס איז שוין אַ „פּאַרטיזאַנישע גע־וווינהייט" פון פּאַרטיזאַנישן וואַלד־לעבן און מען האָט מיר פאַר־זאָרגט מיט דעם געפאָדערטן קוואַנטום שנאַפּס...

## דער „תחית המתים" פון מיין פרוי מאַשע

איין טאָג איז צו מיר געקומען אַ חבר פון געטאָ, וועלוול שאַוולאַן, אַ מיטגליד פון דער אונטערערדישער אָרגאַניזאַציע (ער האָט געאַרבעט אין דער געסטאַפּאָ־בריגאַדע, ביי ליפּצערן) און ער האָט מיר געבראַכט אַ צעטל, וואָס האָט אים איבערגעגעבן אַ ייד, וואָס איז געקומען פון ווילנער געסטאַפּאָ־בריגאַדע. דאָס צעטל האָט געשריבן אַ פרוי מערי עזראַכאָוויטש צו אַ פאַמיליע ראָס־טאָווסקי אין געטאָ. אַזוי ווי די האַנטשריפט איז אים אויסגעקומען ענלעך צו מיין פרויס האַנטשריפט, האָט ער דאָס צעטל געבראַכט צו מיר.

איך בין דאַן גראָדע געווען בגילופנדיק און איך האָב זיך אַזוי שנעל ניט אָריענטירט אין דעם וואָס ס'איז געווען געשריבן אין צעטל. אָבער עזראַכאָוויטש איז געווען מיין שוועסטערס פאַמיליע, וואָס

איז אַרויסגעפירט געוואָרן אין עסטאָניע. אמת, דער נאָמען אירער איז געווען אסתר און ניט מערי. די פאַמיליע ראַסטאָווסקי איז געטאָ זיינען דאָס געווען צוויי עלטערע מענטשן פון מעמעל, וואָס זיינען געווען באַפריינדעטע מיט אונדזער פאַמיליע. ראַסטאָווסקי איז געווען אין מעמעל אַ באַנקיר.

די האַנטשריפט איז ווירקלעך געווען פון מיין פרוי. און אַז וועלוול שאַוולאַן האָט מיר איבערגעלייענט דעם אינהאַלט פון דעם צעטל, בין איך שוין געוואָרן אינגאַנצן „ניכטער". זי האָט אין קורצן באַשריבן ווי זי איז אַריינגעפאַלן אין ווילנער געסטאַפּאָ. איר איז דאָן געלונגען זיך אַרויספּלאָנטערן פון די צוויגן ביים טייכל לעבן קאַלעטאַנץ און האָט שוין קיינעם פון די פּאַרטיזאַנער ניט געפונען. עס האָבן איר פאַרכאַפּט פּוילישע באַוואָפנטע פּויערים, וועלכע האָבן שוין געהאַט ביי זיך, אין זייערע הענט איצקע סעגאַל. ביידע האָבן געטענהט, אַז זיי זיינען פאַרבלאָנדזשעטע יידן און דער־הערענדיק דאָ אַ שיסעריי, האָבן זיי זיך אינגאַנצן פאַרלוירן. אַזוי ווי ביידע האָבן ביי זיך קיין געווער ניט געהאַט, האָבן די פּאָליאַקן זיי געגלויבט. ס'האָט פּאַסירט אַז אין איינעם פון די שכנותדיקע דערפער, האָט מען געכאַפּט נאָך אַ יידן, איצקע כאַנענאָוויטש, וועלכער איז אַנטלאָפן פון נייַנטן פאָרט צוזאַמען מיט דעם גע־פאַנגענעם סאַנקין און עס איז אים געלונגען זיך אַרויסצודרייען פון דער אַרומרינגלונג פון די געסטאַפּאָוצעס. ער איז בלאָנדזשענ־דיק אָנגעקומען אין דער געגנט פון די רודניצקער וועלדער. ער האָט דאָ געמיינט צו געפינען פּאַרטיזאַנער און איז אַריינגעפאַלן צו די פּאָליאַקן. די פּאָליאַקן האָבן ניט געוווּסט, וואָס אָנהויבן צו טאָן מיט די געכאַפּטע יידן און מען האָט זיי איבערגעגעבן דער ווילנער געסטאַפּאָ אַלס געכאַפּטע בלאָנדזשענדיקע יידן. דאָרטן האָט מען זיי פאַרהערט און געפּאַרשט, און אַז מען האָט אויף זיי קיין אַנדער באַשולדיקונג ניט געפונען, חוץ דעם, וואָס זיי זיינען „בלאָנדזשענדיקע יידן", האָט מען נאָך אַ קורצער צייט האַלטן זיי אין געסטאַפּאָ, איבערגעגעבן צו אַ יידישער בריגאַדע אויף אַרבעט.

דעם בריוו האָב איך געוויזן חיים יעלינען. ער האָט באַלד געגעבן אַ פאַראָרדענונג דוד מאַרקאָווסקין איבערצושיקן צו מיין

פרוי דורך דער זעלבער געלעגנהייט 500 מאַרק און אייניקע זאַכן אויף אָנצוטאָן. דאַן זיינען מיר ביידע, חיים און איך, אַוועק צו ליפּצערן. ער האָט אונדז אויפגענומען ווי גאָר בכבודיקע געסט, מען האָט אונדז מכבד געווען מיט קאַפע און מיט שמאַנט־בייגע־לעך. איך האָב אים גלייך אַרויסגעזאָגט וועגן וואָס מיר זיינען אייגנטלעך געקומען. אַזוי ווי ער איז דאָ דער באַפולמעכטיקער פון געסטאַפּאָ אין געטאָ, זאָל ער אַרויסנעמען פון ווילנע מיין פרוי און ברענגען איר אַהער אין קאָוונער געטאָ. מיר האָבן אים געגעבן אַ טערמין פון אַ מאָנאַט צייט. אין אַ מאָנאַט אַרום, האָב איך געזאָגט, וועל איך קומען איר אָפּנעמען.

ליפּצער האָט זיך געפּרוּווט אַרויסדרייען פון דעם, זאָגנדיק, אַז מען קען דאָס טאָן נאָר דורך בייטן פּאָבלייט, און דאָס געהערט ניט צו זיינע קאָמפּעטענצן, דאָס געהערט צו דער קאָמפּעטענץ פון מאַרגאָליסן. אויף דעם האָב איך אים געענטפערט, אַז אונדז אינ־טערעסירט ניט ווי ער מיינט דאָס דורכצופירן און אויב ער מיינט אַז ער דאַרף דערצו אויך מאַרגאָליסן, זאָל ער צוציען אויך אים. אָבער שפּעטסטנס אין אַ מאָנאַט אַרום האָב איך געזאָגט, דאַרף מיין פרוי זיין אין געטאָ.

מיר האָבן זיך מיט אים געזעגנט און ער האָט גאַנץ גוט פאַר־שטאַנען, אַז דער ענין איז אַן ערנסטער און, אַז ער מוז טאָן אַלץ כדי דאָס דורכצופירן אין דער באַשטימטער צייט. איך בין געווען זיכער, אַז ער וועט דאָס מאַכן און ניט נאָר צוליב מורא פאַר אונדז, נאָר אויך כדי צו דערווייזן, אַז ער איז מסוגל דאָס דורכצופירן און ער טוט דאָס פאַר אונדז... פאַר דער אונטערערדישער אָרגאַניזאַציע.

די ידיעה אַז מיין פרוי לעבט האָט מיך שטאַרק דערפרייט, אָבער ניט געקוקט אויף דעם, וואָס איך האָב זיך דערוווּסט אַז זי לעבט און אַז איך האָב געטאָן אַלץ וואָס איך האָב נאָר געקענט, האָב איך פונדעסטוועגן ניט אויפגעהערט צו טרינקען דעם ביטערן טראָפּן.

איין טאָג, גייענדיק אַזוי איבער די געסלעך פון געטאָ און זייענדיק בגילופנדיק, האָט מיך געכאַפּט אַ יידישער פּאָליציסט און האָט מיך אַוועקגעפירט אין צווייטן פּאָליציי־באַצירק, ווו מען

האַט צונויפגעזאַמלט מענטשן אויף אַרבעט. דאָרטן האָט אונדז געהיט דער פּאָליציסט — גראַסמאַן. איך האָב זיך צו אים געווענ־דעט, ער זאָל זיין אַזוי גוט, און מיך פאַרבינדן מיטן פּאָליציי־שעף שאַפּירא. אויף דעם האָט ער מיר געענטפערט: „רעדט זיך ניט איין, איר וועט גיין אַרבעטן ווי אַ טאַטענקע". אַז איך האָב אים געבעטן נאָכאַמאָל מיך פאַרבינדן מיט פּאָליציי־שעף, האָט ער מיר ווידער געזאָגט: „רעדט זיך ניט אָן, אויב ניט וועט איר נאָך קריגן אַ הרגע אויך"...

צו מיין מזל איז דער פּאָליציי־שעף גראָד פאַרבייגעגאַנגען און ער האָט געפרעגט, ווער וויל דאָס מיט אים ריידן? איך האָב זיך געמעלדעט, אַז דאָס בין איך. ער האָט מיך אַריינגעפירט צו זיך אין קאַבינעט און געפרעגט וואָס איך האָב אים צו זאָגן? איך האָב אים געזאָגט, אַז מסתמא ווייסט ער ווען ער קען יאָ שיקן אויף אַרבעט און ווען ניט. אויף דעם האָט ער מיר געענטפערט: „אויב איר געהערט צו יענע, וועלכע מען קען ניט שיקן אויף אַרבעט, טאָ זאָגט מיר אייער פאַמיליע". איך האָב אים געזאָגט, אַז מיין פאַ־מיליע וועט אים קיין זאַך ניט זאָגן, ווייל זי עקזיסטירט ניט אין די געטאָ־ליסטעס. ער קען שיקן איינעם פון זיינע מענטשן, דאָ ניט ווייט, צו דימע געלפערן און אים זאָגן, אַז ביי אים געפינט זיך ענדלין, דאַן וועט ער קומען און וועט אים שוין זאָגן ווער איך בין...

ער האָט באַלד געשיקט דעם פּאָליציסט ווינער און יענער האָט אונטערוועגס פאַרגעסן מיין ריכטיקע פאַמיליע, איז ער געקומען און געזאָגט אַז געלפערן ווייסט ניט פון אַזאַ ענדלין. „נו, זאָגט צו מיר דער פּאָליציי־שעף — וועט איר מוזן גיין אַרבעטן און עס וועט אייך קיין זאַך ניט העלפן".

דערהערנדיק דאָס, בין איך שטאַרק אויפגערעגט געוואָרן. איך האָב אים געעפנט מיין בורקע און אים געוויזן מיין נאַגאַן און די 4 גראַנאַטן, וואָס זיינען אויף מיר געהאַנגען און איך האָב אים געזאָגט: „אויב איר קענט — שיקט מיך אויף אַרבעט!" ער איז בלאַס געוואָרן און ער האָט צו מיר אַ זאָג געטאָן: „ווי וואַגט איר דאָס אַזוי אַריינצוגיין אין געטאָ? איר קענט דאָך אַזוי ברענגען אַ גרויסן אומגליק דעם גאַנצן געטאָ!"... אינצווישנצייט האָט זיך

געלפֿערן דערוווּסט, דורך חיים־דוד ראַטנער, אַז איך בין וואַרשיינ־לעך אַריינגעפֿאַלן אין דעם פּאָליציי־באַצירק און ער איז באַלד געקומען מיך צונעמען פֿון דאָרטן. זיי האָבן נאָך עפּעס דיסקוטירט צווישן זיך און מיר זיינען שנעל אַוועק פֿון דאָרטן. דער אונטער־ערדישער קאָמיטעט האָט דאַן באַשלאָסן, אַז מען זאָל מיך ניט לאָזן אַרומשפּאַצירן אַזוי איבערן געטאָ, אָן קיין שום אויפֿזיכט...

מיין שטענדיקער אויפֿהאַלטס־אָרט איז געווען ביי חיים־דוד ראַטנערן אין שטוב, און מען האָט צו מיר צוגעלאָזן בלויז נאָר קאָנטראָלירטע מענטשן אונטער אַן אויפֿזיכט. איין אָוונט איז צו מיר געקומען חיים יעלין אַליין און מיך געבעטן, אַז איך זאָל אויס־טיילן איינעם פֿון מיינע מענטשן צו באַגלייטן אויף דער פּאַרטיזאַ־נישער באַזע „אַלבינען" (גלעזערייטע). לויטן פּלאַן, וועלן זיי פֿאָרן מיט אַ לייכטער מאַשין ביז צו דער באַן־ליניע, ווילנע—לידע, און פֿון דאָרטן, וועט מיין מענטש איר דאַרפֿן אַוועקפֿירן צו יור־גיסן, אויף דער באַזע. פֿון געטאָ וועלן זיי אויך מיטגעבן אַ מענטש מיט אַ ביקס, אַלס באַגלייטער. צוערשט האָב איך אויסגעטיילט זוניע שטראָם, אָבער אַזוי ווי עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ער איז דאַן גראָד געווען צוגעקילט און געהאַט אַ הויכע טעמפּעראַטור, האָב איך אויסגעטיילט שמואל מאָרדקאָווסקין. פֿון געטאָ איז אויס־געטיילט געוואָרן ישראל יאָעלס. אַלע דריי צוזאַמען זיינען מיט אַ לייכטער מאַשין אַוועקגעפֿאָרן אויף דער באַזע.

ביז איצט זיינען אַלע פֿיר לאַסט־אויטאָס און אויך די לייכטע מאַשין באַזאָרגט געוואָרן דורך משה מוסעליס פֿון זיין אַרבעטס־פּלאַץ, נ.ס.ק.ק. די וויטערדיקע לאַסט־אויטאָס האָט מען געקראָגן דורך דעם שאָפֿער פּאַווילאָוויטשוס, פֿון דעם ליטווישן קאָאָפּעראַ־טיוו „ליעטקאָפּסאיונגא".

## ווי מען באַזאָרגט געווער פֿאַר די קעמפֿער

די צוגרייטונג פֿון דער וויטערדיקער גרופּע צו דעם אָפּפֿאָר צו דער פּאַרטיזאַנער־באַזע איז געגאַנגען אין פֿולן טעמפּאָ. מען האָט געפֿונען אין שאַנץ אַן אָרט ווו מען האָט געקויפֿט פֿאַר געלט

צוויי קוילנוואַרפערס. איין קוילנוואַרפער איז געווען אַן אַראָפּגע־נומענער פון אַן אַעראָפּלאַן און דער צווייטער, אַ האַנט־קוילנ־וואַרפער פון דער מאַרקע „ברנאָ" מיט אַ סך שלעסער צו אים.

מ׳האָט אויך פּאַר געלט געקויפט צוויי ביקסן. אויסער דעם האָט מען דורך די יידישע אַרבעטער, וואָס האָבן געאַרבעט אין דער געוועזענער דייטשער גימנאַזיע (אין יענער צייט האָט מען איר פאַרוואַנדלט אין אַ מיליטערישן שפּיטאָל) זיך דערוווּסט, אַז אין הויף פון דער גימנאַזיע געפינט זיך אַ הילצערנע ביידל, וואָס האָט געדינט אַלס געווער־לאַגער פון דער וואַך. דאָס ביידל געפינט זיך טיף אין הויף, ניט ווייט פון צוים, וואָס טיילט אָפּ דעם צוים פון מאַהילניק. דורך דעם מאַהילניק איז אומבאַמערקט לייכט זיך אַריינ־צוגנבענען אין הויף צום ביידל, ווייל די וואַך געפינט זיך פון דער דרויסנדיקער זייט און זייער זעלטן קוקן זיי אַריין אין הויף.

די יידן, וואָס אַרבעטן דאָרטן, איז געגעבן געוואָרן די אויפ־גאַבע אָפּקוועטשן מיט וואַקס דעם אָפּדרוק פון שליסל־לאָך און ברענגען אים אין געטאָ. אויף ווי ווייט איך געדענק, האָט זיך מיט דער זאַך פאַרנומען די שוועסטער פון משה רובינסאָן. לויט דעם וואַקסענעם אָפּדרוק פון דער שליסל־לאָך, האָט מען אין געטאָ געמאַכט אַ שליסל צום טיר פון ביידל. מ׳האָט דעם שליסל אויס־פּראָבירט און ער האָט געפּאַסט. דאַן האָט מען ביינאַכט געשיקט דריי יונגע חברה מיט פּאַווילאַוויטשוסעס מאַשין אויף טראָקי־גאַס צום מאַהילניק. די חברה זיינען געווען: געגוזשינסקי, מאַשקאָוויטש און שפּערלינג.

דורך דעם מאַהילניק זיינען זיי אַריבערגעקראָכן דעם צוים, אַריין אין הויף פון דער דייטשער גימנאַזיע, צוגעשלייכט זיך צום ביידל אומבאַמערקטערהייט און אַרויסגענומען פון דאָרטן 9 ביקסן, אייניקע קאַסטנס קוילן צו די ביקסן און איין האַנט־קוילנוואַרפער „ברנאָ". דאָס גאַנצע געווער האָבן זיי אַריבערגעוואָרפן איבערן צוים צום מאַהילניק און פון דאָרטן איינגעלאָדן אין פּאַווילאַוויט־שוסעס אויטאָ און דאָס אַלץ אָוועקגעפירט צו פּעטיאַ טראָפּימאָוו, אויף יאַנעווער גאַס. דאָרטן האָט מען עס אויסגעלאָדן אין מיסט־

קאַסטן פון זיין הויף (דערביי דאַרף באַמערקט ווערן, אַז די דייטשע גימנאַזיע האָט זיך געפונען פונקט אַנטקעגנאיבער דעם הויז פון געסטאַפּאָ אין קאָוונע).

אַן ענלעכער פאַל איז שפּעטער אויך דורכגעפירט געוואָרן אין פלאַק־באַטעריע, ווו מען האָט אַרויסגעגנבעט 11 ביקסן מיט אַ סך קוילן צו זיי און 2 האַנט־קוילנוואַרפער „ברנאָ". די ביידע פאַלן האָבן דערמעגלעכט אַרויסצושיקן פון געטאָ צוויי גרויסע גרופּעס מיט געווער צו די רודניצקער וועלדער. צו דער זעלבער צייט האָט מען אויך געקויפט ביקסן פאַר געלט, אָבער די צאָל געקויפטע ביקסן איז געווען זייער אַ קליינע און פאַר זיי האָט מען באַצאָלט אַ סך געלט.

## דער פאַרבאָט אַנצונעמען פרויען אין אָטריאַד

זייער אַ שווערער פּראָבלעם האָט זיך געשאַפן מיט אַרויספירן פון געטאָ פרויען. היות ווי עס איז געווען אַ בפירושער פאַרבאָט, סיי פון דער קאָמאַנדשאַפט פון אָטריאַד און סיי פון יורגיסן אַליין ניט אַריינצונעמען פרויען אין אָטריאַד. עס זיינען, אָבער, געווען פרויען, וואָס האָבן געהאַט זייערע מענער אין אָטריאַד און איניקע וואָס זיינען געגאַנגען אויף אָווגוסטאָווע. ברוך לאַפּיאַנסקי און זוניע שטראַם, וועלכע זיינען געגאַנגען מיט מיר צוזאַמען אין געטאָ, האָבן געהאַלטן פאַר זייער זכות אַרויסצופירן אין דער ערשטער ריי זייערע פרויען. דעם דאָזיקן שווערן פּראָבלעם האָב איך גע־דאַרפט לייזן אויף מיין אייגענער פאַראַנטוואָרטלעכקייט. חוץ דעם האָט מיר יורגיס בפירוש אָנגעזאָגט, צו ברענגען געמישטע גרו־פּעס, פון יידן און ניט־יידן. ווען מיר האָבן זיך פאַרבונדן, וועגן דער דאָזיקער פראַגע דורך פּעטיאַ טראָפימאָוון מיטן אונטער־ערדישן פּאַרטיי־קאָמיטעט, האָבן מיר געקראָגן אַ קאַטעגאָרישן אָפּזאָג. אַפילו די אונטערגעוואָרפענע קאָמסאָמאָלצעס ווי, טשע־פּאָניס און זיינע חברים, האָבן זיך אָנטזאָגט צו גיין אין רודניצקער וואַלד.

אַזוי אַרום האָט זיך באַקומען אַ שווערע סיטואַציע: עס ווערט

ניט אויסגעפירט די אויפגאַבע פון דער קאָמאַנדשאַפט. איך האָב געשטעלט דעם טראָפּ כאָטש אויף איין זאַך, וואָס איך האָב געמוזט אומבאַדינגט אויספירן. דאָס איז די פראַגע פון געווער. אָבער דערביי האָב איך געמוזט פאַרטיילן דאָס געווער אַזוי, אַז די באַוואָפענונג פון די פרויען זאָל זיין פּראָפּאָרציאָנעל אַ גרעסערע ווי ביי די מענער. דאָס האָט געדאַרפט זיין מיין תירוץ פאַר דער קאָמאַנדשאַפט, פאַרוואָס איך האָב גענומען פרויען קעגן זייער באַפעל. דאָס איז לגמרי ניט געווען לייכט דורכצופירן, ווייל די מענער האָבן זיך געפילט באַליידיקט און פאַרגלייך מיט די פרויען, צוליב זייער שוואַכער באַוואָפענונג. דאָס צווייטע פּראָבלעם איז געווען דער אָפּקליב פון די פרויען, דאָס הייסט, וועלכע פרויען גייען אין וואַלד.

דער אונטערערדישער קאָמיטעט האָט זיך געהאַלטן ביים שטאַנדפּונקט צו שיקן די פרויען וועמענס מענער זיינען אַוועק אין וואַלד. איך האָב געהאַלטן אַז אין דער ערשטער ריי דאַרף מען שיקן פרויען אויסגעפּרוּווטע, אויף וועלכע מען קען זיך פאַרלאָזן. דאָס הייסט די, וועלכע האָבן פריער אנטיילגענומען אין אַווגוסטאָווער מאַרש און אויך די, וועלכע האָבן זיך אַרויסגעוויזן פאַר באַזונדערס אַקטיווע אין דער אָרגאַניזאַציאָנעלער אַרבעט.

דאָס האָט געבראַכט צו דעם, אַז די צאָל פרויען אין יעדער גרופּע איז אויסגעוואַקסן, ווייל מען האָט געמוזט באַפרידיקן די פאָדערונגען פון ביידע צדדים. די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר דעם האָט זיך אויסשליסלעך געלייגט אויף מיינע פּלייצעס. אַזוי ווי פּרעטענדענטינס צו גיין אין וואַלד זיינען געווען אַ סך און באַזונדערס די פרויען, וואָס האָבן געהאַט זייערע מענער אָדער חתנים אין וואַלד, האָט מען זעלבסטפאַרשטענדלעך ניט געקענט באַפרידיקן אַלעמענס ביטעס. אין די פאַלן ווען מען האָט אייניקע פרויען אַנטזאָגט (און אַזעלכע זיינען געווען ניט ווייניק), האָט מען די שולד פון דעם אָפּזאָג אַרויפגעוואָרפן אויף מיר און מ׳האָט די אָפּגעזאָגטע פרויען אָפּגעשיקט צו מיר. דאָס הייסט אַז דער „שולדיקער״ בין איך, ווייל איך זאָג זיך אָפּ זיי צו נעמען אין וואַלד.

אַזוי האָבן אָנגעהויבן צו גיין צו מיר פרויען מיט טענות, פאַרוואָס איך נעם זיי ניט מיט? איך פלעג זיי דערקלערן, אַז דאָס איז ניט אָפּהענגיק פון מיר, ווייל פון מיינטוועגן, וואָלט איך אַלעמען מיטגענומען, נאָר עס איז דאָ אַ בפירושער פאַרבאָט צו ברענגען פרויען אין וואַלד. איך האָב, אָבער לײדער, ניט געקענט ענטפערן אויף די פראַגעס פאַרוואָס עפּעס האָט מען אייניקע אָפּ־געקליבענע פרויען — יאָ באַשטעטיקט און זיי אָפּגעזאָגט. די שולד פון דעם אָפּזאָגן, פלעג איך אַרויפוואַרפן אויף דעם קאָמיטעט, דאָס הייסט, אַז ניט איך קלייב אָפּ, נאָר די חברים פון קאָמיטעט. פאַר־שטייט זיך אַז דאָס אַראָפּנעמען פון זיך די שולד און אַרויפוואַרפן אויף די חברים פון קאָמיטעט, האָב איך געמאַכט מיט גרויס הארצווייטיק, אָבער קיין אַנדער ברירה האָב איך ניט געהאַט...

אָט האָט זיך צו מיר געווענדעט די פרוי (אָדער די כלה) פון יצחק סעגאַל, זי איז נאָך דאַן געגאַנגען אונטער דער פאַמיליע — שייפער, זייער אַ סימפּאַטישע און אינטעליגענטע יונגע פרוי. וואָס האָב איך איר געקענט ענטפערן? איך בין דאָך געווען איבערצייגט אַז איר מאַן איז אומגעקומען ביי קאַלעטאַנץ, האָב איך איר גע־זאָגט אַז איצטער קען מען איר ניט נעמען, זי זאָל האָבן געדולד, אפשר וועל איך איר קענען מיטנעמען אין איינע פון די ווייטער־דיקע פּאַרטיעס. זי האָט געהאַט געדולד און זי האָט געוואַרט. דער סוף אירער איז געווען אַ טראַגישער: זי איז לײדער דערשטיקט געוואָרן פון רויך בעתן ליקווידירן די געטאָ.

נאָך אַ טראַגישער פאַל איז געווען מיט ברײנקע בלאָשטיין („קאָזאַק"). קיין מענטש האָט ניט געצווייפלט אין דעם, אַז זי האָט די פולסטע רעכט און האָט פאַרדינט צו זיין אַ פּאַרטיזאַנקע אין וואַלד. ניט אומזיסט האָט זי געטראָגן דעם צונאָמען „קאָזאַק". זי איז געווען איינע פון די העלדינס, וואָס האָבן אַרויסגעטראָגן קינדער פון געטאָ אין שטאָט מיטן צוועק צו ראַטעווען זיי ביי קריסטלעכע פאַמיליעס. זי איז מכלומרשט באַגאַנגען, אַ „פאַר־ברעכן", זי האָט אויסגענוצט איר לאַגע און אויך אַרויסגעטראָגן דאָס קינד פון איר שוועסטער פון געטאָ.

אַזוי ווי דער קאָמיטעט האָט אין אירן דאָזיקן שריט געזען אַ דיסציפּלין־ברוך, האָט מען איר באַשטראָפט מיט דעם, וואָס מען האָט איר ניט געלאָזן גיין אין וואַלד. זי האָט זיך דאָן אויך גע־ווענדעט צו מיר און געבעטן מיין אינטערווענץ, אָבער איך האָב ניט געקענט האַנדלען אויף דער אייגענער אחריות קעגן דעם באַשלוס פון קאָמיטעט. איך האָב, אָבער, איר צוגעזאָגט איר מיט־צונעמען אין איינע פון די נאָענטסטע פּאַרטיעס, וואָס וועלן אַרויס־גיין אין וואַלד. ווען דאָס וועט זיין געגוי, האָב איך איר ניט געקענט צוזאָגן.

איך האָב געטראַכט ווי אַזוי און אויף וואָס פאַרא אופן דורכ־צוקומען מיט די חברים פון קאָמיטעט. זי האָט נאָך שפּעטער, אַ לאַנגע צייט, געשפּילט אַ גרויסע ראָל אין דער אונטערערדישער באַוועגונג אין געטאָ. און צום סוף איז זי אַריינגעפאַלן אין קיידאַנער לאַגער. דאָרטן האָט זי ווידער געשפּילט אַן אָנפירנדיקע ראָל אין דער אָרגאַניזאַציאָנעלער אַרבעט אויף אַרויסצוגיין פון לאַגער אין וואַלד, ליידער אַרום קיידאַן, איז זי דאָרטן דורכגעפאַלן און די דייטשן האָבן איר פאַראורטיילט צום טויט, דורך הענגען.

ווען מען האָט איר געפירט אויסצופירן דעם טויט־אורטייל, האָט זי זיך געהאַלטן העלדיש און די גאַנצע וועג געמאַכט באַליי־דיקנדע אויסגעשרייען קעגן דעם ס.ס. אָבערשטורמבאַנפירער געקע, ער, ניט אויסהאַלטנדיק אירע באַליידיקנדע אויסגעשרייען, האָט איר דערשאָסן אויפן וועג צו דער תליה. אויך איר חתן, משה מילנער, איז זייער העלדיש אומגעקומען אין רודניצקער וואַלד. ער איז געשטאַנען אויף אַ סעקרעטנעם פּאָסט, אויף דעם שונא׳ס טעריטאָריע. צופעליק זיינען אין יענעם אָרט דורכגעגאַנגען אַ גרופּע פּאַרטיזאַנער און צווישן זיי און דעם שונא האָט זיך פאַר־בונדן אַ שטאַרקע שיסעריי. משה מילנער האָט אַוועקגעשיקט זיין געהילף פון פּאָסט צו מעלדן וועגן דעם אין אָטריאַד, אָבער אינ־צווישנצייט האָט אים אַ צופעליקע קויל געטראָפן אין פּוס. משה מילנער האָט אָבער דאָן ניט געקענט וויסן צו דאָס איז אַ צופעליקע קויל, אָדער מען האָט אויפגעדעקט זיין סעקרעטנעם

פּאַסט. כדי ניט אַריינצופאַלן לעבעדיקערהייט אין די הענט פון שונא, האָט ער אַ פאַרוואונדעטער זיך אַליין דערשאָסן מיט זיין פּיסטאָלעט.

ניט אַלעמען האָט דער קאָמיטעט פון דער אונטערערדישער אָרגאַניזאַציע צוגעלאָזן צו מיר אויף אַ געשפּרעך, ווייל אין דעם פאַל וואָלט מען צו מיר געגאַנגען, אַן אויפהער, פון אינדערפרי ביז אין אָוונט. איך געדענק, אַז עס זיינען צו מיר איינמאָל געקומען די אָנפירער פון די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע האָבן זיך אין דער ערשטער ריי אינטערעסירט צו עס איז ניטאָ קיין אַנטיסעמיטיזם אין אָטריאַד, דאָס זיינען געווען: משה לעווין, יודל זופאָוויטש און אַנדערע וועמענס פאַמיליעס איך געדענק ניט. איך האָב זיי געענטפערט, אַז דערווייל איז קיין בולטער אַנטיסעמיטיזם ניטאָ, אָבער דער עצם פאַקט אַליין, אַז מען נעמט אַן יידן מאַסנווייז אין אָטריאַד, איז אַ סימן אַז עס איז ניטאָ קיין אַנטיסעמיטיזם.

עס זיינען דאָ פאַלן, וואָס מיר אַליין זיינען גורם צו אַנטיסעמיטיזם, עס זיינען פאַראַן חברים, האָב איך געזאָגט, וואָס דרייען זיך אַרויס פון אַרבעט, וועלכע מען מוז אָפּטאָן. אויב עס וועלן יאָ זיין פאַלן, ווען ס'וועלן זיך אַרויסווייזן סימנים פון אַנטיסעמיטיזם, זיינען מיר עס בכוח צו באַקעמפן. מיר זיינען שוין יעצט אַ מערהייט אין אָטריאַד.

זיי האָבן זיך אויך אינטערעסירט וועגן לעבן פון פאַרטיזאַנער אין וואַלד און וועלכע אַרט אויפגאַבן עס ווערן אַדורכגעפירט. אויף דעם האָב איך געענטפערט זייער אויספירלעך. מען האָט מיר פאָרגעשלאָגן, אַז איך זאָל דערציילן וועגן לעבן אין אָטריאַד פאַר די חברים, וועלכע דאַרפן אַרויס פון געטאָ. איך האָב זיי געזאָגט, אַז עס איז טאַקע פּלאַנירט מיינע אַזאַ אַרויסטרעטונג פאַר זיי, אָבער נאָכדעם ווי עס וועט שוין זיין פעסט באַשלאָסן ווער עס גייט אַרויס אין וואַלד. איך וועל זיי דאַן דערציילן ניט נאָר וועגן לעבן אין וואַלד, נאָר אויך וועגן דער טאַקטיק פון גאַנג און איבערהויפּט וועגן דער פאַרטיזאַנישער טאַקטיק און דיסציפּלין. זיי האָבן מיר באַדאַנקט פאַר מיין אינפאָרמאַציע.

פאַר דער צייט, וואָס איך האָב זיך אויפגעהאַלטן אין געטאָ, פלעג איך אָפט קומען אין די בלאָקלער פון דעמאָקראַטו־גאַס. דאָרטן פלעג איך זיך אין די אָוונטן אַדורכשמועסן מיט חברים. די אָוונטן זיינען געווען זייער אינטערעסאַנטע; עס פלעגן פאָרקומען פאַרשיידענע דיסקוסיעס אויף פּאָליטישע און אויף אַנדערע טע־מעס. איך מוז אונטערשטרייכן, אַז אין די אָוונטן פלעגט מען בכלל פאַרגעסן, אַז מען געפינט זיך אין געטאָ.

אין איינעם פון אַזעלכע אָוונטן, האָט זיך פאַר מיר באַקלאָגט רבקה בלאַך, אַז ניט געקוקט אויף דעם, וואָס זי איז געווען איינע פון די פּיאָנערן פון דעם מאַרש אויף אַווגוסטאָווע (זי איז גע־גאַנגען מיט איר מאַן שמעון בלאַך אין מיין גרופּע), פיגורירט זי ניט אין דער רשימה צום מאַרש אין רודניצקער וואַלד.

איך האָב געוווּסט, אַז רבקה בלאַך איז דאַן צוזאַמען מיט איר מאַן דערגאַנגען ביז לאזדיי, וואָס איז מער ווי 110 קילאָמעטער פון קאָוונע, און דאָרטן איז זי צוזאַמען מיט איר מאַן שמעון אַריינגע־פאַלן אין לאזדייער טורמע. דאָס הייסט זי איז דורכגעגאַנגען שבעה־מדורי־גיהנום. איך האָב באמת געהאַלטן פאַר אַן עוולה, וואָס מען האָט איר ניט אַריינגענומען אין דער רשימה און איך האָב באַשלאָסן אויך איר מיטצונעמען. איך האָב איר געהייסן אין טאָג פון אונדזער אָפּמאַרש שטיין ביים טויער און פון דאָרטן וועל איך איר צונעמען.

צו דעם האָט איר מיטגעהאָלפן אַלטע טעפּער, וועלכע איז, אגב, געווען אַ מיטגליד פון אונטערערדישן קאָמיטעט. אויך אידע ווילענטשוק האָבן מיר אַרויסגענומען אויף דעם לאַסט־אויטאָ אין קאָוונע, אָבער אין דעם פאַל איז דאָס געווען מיט דער צושטימונג פון קאָמיטעט.

אַזוי אַרום האָבן זיך אין דער מאַשין געפונען 10 פרויען: אַבראַמאָוויטש פייגע־לאה, בלאַך רבקה, וויינער מירע, לאַפּיאַנסקי רחל, סטרעליץ אסתר, סעניאַר מלכה, פאָגער גיטה, פּילאָווניק (ווילענטשוק) אידע, שטראָם אסתר און שולמאַן איטע.

די מענער אין דער מאַשין זיינען געווען: איידעלמאַן יודל, איציקסאָן נתן, בירגער שלמה, גיטלין ישראל, גכטל (גלעין) חיים, גערבער משה, סאַדאָווסקי פסח, סעניאַר אפרים, פאַסטער־ניאַק מיכאל, פעלדמאַן פישל, פרידמאַן טוביה, מייסטער, יאַנקל קאָווע, ראַטנער יאַנקל, רייכמאַן משה, שטראָם מיכאל, סופר גרישא, זשאַן שפערלינג, גופר ברוך (גרודניק), ראַזין יוסף, און צווישן זיי אַלע איין ליטווינער — זומעריס. באַגלייטער זיינען געווען דריי: נחמיה ענדלין, ברוך לאַפּיאַנסקי און זוניע שטראָם. שרה רובינסאָן איז קראַנק געוואָרן און זי איז געווען געצוווּנגען צו פאַרבלייבן אין געטאָ. שמואל מאָרדקאָווסקי איז שוין פריער געווען אַוועק אין דער באַגלייטונג פון „אַלבינען" (גלעזעריטע) צוזאַמען מיט ישראל יאָעלס.

איידער מיר האָבן פאַרלאָזן די געטאָ, זיינען פון וואַלד גע־קומען נאָך אַ גרופּע פון דריי מענטשן. דער אָנפירער פון דער גרופּע איז געווען חנא קאַגאַן און צוזאַמען מיט אים זיינען גע־קומען שמואל מאָרדקאָווסקי און ישראל גאָלדבלאַט. זיי זיינען אויך געקומען פון וואַלד אין געטאָ מיט דער אויפגאַבע צו פירן חברים פון געטאָ אין וואַלד. ליידער האָט זיך זיי דאָס ניט איינגעגעבן, ווייל פון דער גרופּע איז שמואל מאָרדקאָווסקי ווידער אַוועק צוריק אין וואַלד אין דער באַגלייטונג פון חיים יעלין און גרישע קרוגליאַקאָוו (סעקרעטאַר פון אונטערערדישן קאָוונער פּאַרטיי־קאָמיטעט), חנא קאַגאַן איז געווען געצוווּנגען צו פאַרלאָזן די געטאָ צוליב דעם, וואָס ער איז געווען איינער פון די אַקטיווע אָנטיילנעמער אין דער ליקווידאַציע פון פיינען, (אַ מסור פון געס־טאַפּאָ). ער איז אַוועק פון געטאָ מיט אַ לייכטע מאַשין צוזאַמען מיט שרה רובינסאָן, וועלכע איז אינצווישנצייט געזונט געוואָרן. פון דער דאָזיקער גרופּע איז פאַרבליבן אין געטאָ נאָר ישראל גאָלדבלאַט.

## דער פאַל משה גערבער

איידער אונדזער גרופּע האָט פאַרלאָזן די געטאָ, האָט מיר חיים יעלין איבערגעגעבן אַ טויט־אורטייל, וואָס איז אַרויסגע־טראָגן געוואָרן פון דער אונטערערדישער אָרגאַניזאַציע אויף משה גערבער, וועלכער איז אָנערקענט געוואָרן פאַר שולדיק אין פאַר־ראַט און דעזערציע. דעם טויט־אורטייל האָב איך געדאַרפט אויס־פירן גייענדיק אין וועג. איך האָב זיך אָבער קאַטעגאָריש אָפּגעזאָגט אויסצופירן דעם אורטייל אונטערוועגנס, ווייל דערמיט האָב איך געקענט שטעלן אין סכנה די גאַנצע גרופּע. איך האָב אים, אָבער, צוגעזאָגט איבערצוגעבן זייער טויט־אורטייל דער קאָמאַנדשאַפט פון אָטריאַד.

איידער מיר זיינען אַרויס פון געטאָ, האָב איך, לויט אַ פאַר־מיטלונג פון ברוך לאַפּיאַנסקי, געהאַט אַ טרעפונג מיט פייגעלע זילבערמאַן, וועלכע האָט מיך געבעטן, אַז איך זאָל איר מיטנעמען אין אָטריאַד. איך האָב אָבער ניט געהאַט קיין מעגלעכקייט איר מיטצונעמען, בלויז צוליב דעם, וואָס די צאָל פרויען ביי מיר איז שוין געווען זייער אַ גרויסע. אָזוי ווי, אָבער, ברוך לאַפּיאַנסקי האָט זייער געבעטן, האָב איך איר געגעבן דעם מאַרשרוט מיט וועלכן זי האָט געקענט דערגרייכן דעם אָטריאַד מיט איר אייגענע כוחות, אָן אַ גרויסער סכנה.

וויסנדיק דעם מאַרשרוט, איז זי צוזאַמען מיט איר מאַן שיקעלע ווערשוואָווסקי און שמואל ראַזין, אָנגעקומען נאָך אַ קורצער צייט אין אָטריאַד. אין מיינע ווייטערדיקע גענג אין געטאָ האָב איך זיך מיט דעם מאַרשרוט מער ניט באַנוצט. דעריבער האָב איך מער ניט געקענט איבערגעבן אויך אַנדערע דעם מאַרשרוט, כדי זעלבסט־שטענדיק אָנצוקומען אין אָטריאַד.

די מאַשין, וועלכע האָט אונדז געדאַרפט אַוועקפירן פון געטאָ, איז אָנגעקומען פּינקטלעך צום טויער אויף וואַרניו־גאַס דעם 2־טן פעברואַר 1944. מיר האָבן זיך אַלע אַריינגעזעצט אין לאַסט־אויטאָ. מיטנעמענדיק מיט זיך אויך רבקה בלאָך, וועלכע האָט געוואַרט

אויף אונדז ביים טויער אין דער באַגלייטונג פון אַלטע טעפּער. פון טויער זיינען מיר אַרויסגעפאָרן אויף יאַנעווער גאַס צו דער הויז פון פּעטיאַ טראַפּימאָוו. פון דאָרטן האָבן מיר מיטגענומען די באַהאַלטענע געווער אין מיסטקאַסטן און אויך אונדזער חברטע אידע ווילענטשוק. פון דאָרטן האָבן מיר זיך געלאָזן אויף אונדזער דירעקטן מאַרשרוט.

איך בין געזעסן אין קאַבינע צוזאַמען מיטן שאָפער. אונדזער באַוואָפענונג איז דאַן געווען: 13 ביקסן, צוויי קוילנוואַרפערס, זייער פיל קוילן צו די ביקסן און צו די קוילנוואַרפערס, אייניקע האַנט־גראַנאַטן און 6 פּיסטאָלעטן. געפאָרן זיינען מיר ביי דער נאַכט־פינצטערניש. צוויי חברים זיינען געווען אָנגעטאָן אין דייט־שע מיליטערישע אוניפאָרמען, באַוואָפנט מיט ביקסן, זיי זיינען דאָס געווען די „היטערס" פון די יידן, וואָס מען האָט געפירט אויף „אַרבעט" אין וואַלד.

מיט דער מאַשין זיינען מיר אָנגעקומען ביז איבערן שטעטל אַנושקיס, דאָרטן האָבן מיר זיך אַרויסגעזעצט און מיר האָבן צופוס אָפּמאַרשירט צום רודניצקער וואַלד. דער וועג איז געגאַנגען איבער די דערפער: זשאַלאַי, גרענדאַווען, גודאָקיאַמיס, אייגעלאַנצי, אַזשעראַנצי און אינקלאַרישקי. ניט געקוקט אויף דעם וואָס אונד־זערע חברה זיינען געווען שטאַרק באַלאָדן מיט געווער און אַנדערע זאַכן, האָבן מיר דעם מאַרש דורכגעמאַכט בשלום.

לעבן גודאָקיאַמיס האָבן מיר באַגעגנט אַ גרופּע פון אָטריאַד „די פרייע ליטע" („סוואָבאָדנאַיאַ ליטוואַ"), וועלכע האָט זיך צוריקגעקערט פון אַ שפּייז־פאַרזאָרגונג (זאַגאָטאָווקע). צוזאַמען מיט זיי האָבן מיר געקרייצט די באַן־ליניע ווילנע—לידע. אַ טייל פון אונדזערע פרויען האָבן זיי אַרויפגענומען אויף זייערע פורן. אַזוי זיינען מיר בשלום דערגאַנגען ביז צום דאָרף אינקלאַרישקי, וווּ מען האָט אונדז געמאַכט זייער אַ שיינע אויפנאַמע; קודם האָט מען אונדז מכבד געווען מיט קאַרטאָפל־בלינצעס און מיט סאַמאַגאָן. אין דעם דאָרף האָב איך זיך געטראָפן מיט דעם קאַפּי־טאַן מישקאַ און זיינע מענטשן. מישקאַ איז געווען אַ קאָמאַנדיר פון זייער אַ העלדישן אָטריאַד.

דאָס איז געווען אַן אָטריאַד, וואָס איז באַשטאַנען אויסשליס־לעך פון קריגס־געפאַנגענע, אויך ער אַליין איז געווען אַ קריגס־געפאַנגענער. דער אָטריאַד איז געווען דער אַמערסטן גוט באַוואָפנטער אין רודניצקער וואַלד און אויך אין צאָל מענטשן איז ער געווען דער גרעסטער.

אויספירן אויפגאַבעס פלעגן זיי גיין מאַסנווייז. זיי זיינען ניט געווען אונטערגעוואָרפן אונדזער קאָמאַנדשאַפט, נאָר דירעקט דעם העכסטן מאָסקווער צענטראַלן פאַרטיזאַנער־שטאַב. דער קאַפּיטאַן האָט מיך מכבד געווען מיט סאַמאָגאָן און האָט מיך געבעטן איך זאָל ביי אים איבערלאָזן דעם ליטווינער, וואָס איך האָב מיטגע־בראַכט פון קאָוונע.

אַזוי ווי זיין אָטריאַד איז באַשטאַנען נאָר פון רוסן, און קעמפן, קעמפט מען דאָך אויף דער ליטווישער טעריטאָריע, איז „געוווּנטשן" צו האָבן כאָטש איין ליטווינער אין אָטריאַד. פאַר דעם ליטווינער האָט ער מיר אָנגעבאָטן איבערצולאָזן זיין ביקס ביי אונדז. דאָס איז געווען אַ לאָגישער אַרגומענט פון זיין זייט און מיר האָבן געוווּנען ביי דעם דאָזיקן „בייט" אַ ביקס. איך האָב מסכים געווען צו איבערגעבן אים דעם ליטווינער.

אין אינקלארישקי האָבן מיר איבערגענעכטיקט און אויף מאָרגן זיינען מיר אַוועק צו אונדזער אָטריאַד. די אויפנאַמע איז געווען זייער אַ האַרציקע. דאָס איז דאָס ערשטע מאָל ווען עס איז געקומען אַ גרויסע גוט־באַוואָפנטע גרופּע, מען האָט אַפילו פון גרויס שמחה ניט באַמערקט אַז עס זיינען צווישן אונדז געווען צען פרויען. אַ גרויסער טייל פון זיי האָבן געפונען זייערע מענער אין אָטריאַד, איז די שמחה געווען גאָר גרויס. מען האָט מיר פאַר־וואָרפן מיט פראַגעס וועגן געטאָ און וועגן זייערע נאָענטע, וואָס זיינען דאָרטן פאַרבליבן.

דער קאָמאַנדיר פון אָטריאַד, קאָסטיאַ ראַדיאָנאָוו, האָט אָנגעע־שריבן אַ טאָג־באַפעל אין וועלכן ער האָט מיר אויסגעדריקט זיין גרויסע דאַנקבאַרקייט פאַרן אויספילן דערפאָלגרייך און אויסגע־צייכנט די אויפגאַבע.

איך בין אַוועק צו יורגיסן און אים אָפּגעגעבן אַ דין־וחשבון פון זיין אויפגאַבע, וואָס ער האָט מיר געשטעלט. גלייך ביים ערשטן „ברוך־הבא" האָט ער מיר אויסגעזידלט פאַרן איבערגעבן דעם ליטווינער צו דעם קאַפּיטאַן מישקאַ. ער האָט מיר געזאָגט, אַז „איצט איז ניט די צייט פון מיטלאַלטער און מען בייט ניט קיין מענטשן פאַר ביקסן"... אויסער דעם בין איך אויך באַגאַנגען אַ פּאָליטישן פעלער אַוועקגעבנדיק דעם איינציקן ליטווינער... (ער האָט דאָך מיך געבעטן, אַז איך זאָל ברענגען אַ געמישטע גרופּע און דאָ — אַזוי פיל יידן).

וואָס האָב איך געקענט טאָן? צוריקנעמען דעם ליטווינער האָב איך שוין ניט געקענט... איך האָב אָנערקענט מיין שולד. נאָך דעם האָב איך אים איבערגעגעבן דעם באַריכט פון די אַלע אויפגאַבעס, וואָס ער האָט מיר פריער געגעבן, און ווי אַזוי איך האָב זיי אויס־געפירט. ער האָט זייער שאַרף רעאַגירט אויף דער פאַהעלטעניש־מעסיקער גרויסער צאָל פּרויען וואָס איך האָב געבראַכט אין אָטריאַד קעגן זיין באַפעל, אָבער אין אַלגעמיין איז ער געווען זייער צופרידן. אין דעם האָב איך זיך איבערצייגט וואָס ער האָט מיך מכבד געווען מיט אַמעריקאַנישע ציגאַרעטן און מיט אַ פּאָר טאָוולען שאָקאָלאַד. אויסער דעם, האָט ער מיך אויך מכבד געווען מיט אַ ספּעציעלן „ביטערן טראָפּן" לכבוד דאָס אויספירן דער־פאָלגרייך די אויפגאַבע.

איך האָב יורגיסן אויך אָפּגעגעבן אַ באַריכט וועגן דעם, אַז מיין פרוי מאַשע לעבט און געפינט זיך אין ווילנע. איך האָב אים איבערגעגעבן אַלע איינצעלהייטן וואָס זיינען געווען געשריבן אין בריוו און איך האָב אים געבעטן, אַז ער זאָל מיר דערלויבן זיך פאַרבינדן מיט איר דורך די ווילנער אָטריאַדן, וועלכע געפינען זיך אין די רודניצקער וועלדער און האָבן געהאַט קאָנטאַקטן מיט ווילנע. ער האָט דאָס מיר דערלויבט.

ווען איך בין געקומען צוריק אין אונדזער פּאַרטיזאַנישער באַזע, האָב איך באַקומען אַ באַפעל פון דעם קאָמיסאַר צונויפ־נעמען די מענטשן, וואָס איך האָב געבראַכט פון קאָוונע און

צוזאַמען מיט זיי בויען פאַר זיי אַ זיעמליאַנקע, (אַן ערד־שטיבל). די חברה האָבן דאָס אויפגענומען מיט פרייד און מיר האָבן אָפּ־מאַרשירט צו דער אַרבעט, בראש מיט יוסף ראָזין, וועלכער האָט אונדז באַגלייט מיט מאַרשן וואָס ער האָט אויסגעשפּילט אויף זיין מויל־האַרמאָשקע.

די אַרבעט איז ביי אונדז געגאַנגען זייער גוט און אין משך פון אַ פּאָר טעג איז די זיעמליאַנקע געווען פאַרטיק. און באמת איז דאָס געווען די בעסטע און באַקוועמסטע זיעמליאַנקע פון אַלע זיעמליאַנקעס אין אָטריאַד, אַלענפאַלס — איז זי געווען די נייסטע.

דער קאָמיסאַר דימקע דאַווידאָוו (פּאַרפּיאָנאָוו), האָט צוזאַ־

אַ פּאַרטיזאַנישע זיעמליאַנקע אין וואַלד

מענגענומען די גאַנצע חברה, בראש מיט מיר און ער האָט אונדז אָוועקגעפירט אויף דעם קבר פון משה מילנער. ביי זיין קבר האָט ער אונדז דערציילט, ווי אַזוי משה מילנער האָט העלדיש געקעמפט מיטן שונא און ווי אַזוי ער איז געפאַלן מיט אַ העלדן־טויט. חוץ דעם האָט ער אונדז דערציילט, אַז זייצעוו, וואָס איז געווען דער קיבער פון אַטריאַד האָט געבעטן, אַז מען זאָל אים שיקן אויף אַ קאַמפּס־אויפגאַבע. מען האָט צו אים נאָך צוגעגעבן נאָך 5 פּאַרטיזאַנער פון די געקומענע פּאַרטניקעס און מען האָט זיי געשיקט עקספּראָפּריאירן ביי די פּויערים באַהאַלטענע געווער (ביי אונדז האָט מען דאָס אָנגערופן „באָמבירן" געווער). זיי האָבן זיך אויפגעהאַלטן עטליכע טעג, כדי אויסצופילן די אויפגאַבע און האָבן געבראַכט אין אַטריאַד 7 ביקסן מיט פיל קוילן צו זיי. אַזוי איז די פּראַגע געווער געלייזט געוואָרן ביי אונדז אין אַטריאַד מיט אונדזער אָנקומען אויפן בעסטן אופן.

אויפן סמך פון מיין באַריכט האָט יורגיס געשיקט אין אונדזער אַטריאַד זיין קאָמאַנדיר פון דער פינפטער אָפּטיילונג, סטאַנקע־וויטשן (דאָס איז די ספּעצאָפּטיילונג). מיר האָבן אים גערופן מיטן צונאָמען „פּאַדומאַי", ווייל ווען ער פלעגט פאַרהערן אַ מענטשן, פלעגט ער שטעלן אַ פּראַגע און זאָגן דערביי — „פּאַדו־מאַי" (באַטראַכט זיך)! און נאָכער ענטפער מיר אויף מיין פּראַגע".

סטאַנקעוויטש האָט געדאַרפט אויספאָרשן משה גערבערן, כדי צו באַשטעטיקן דעם טויט־אורטייל, וואָס ס'האָט אַרויסגעטראָגן אויף אים דער אונטערערדישער געטאָ־קאָמיטעט. ער האָט זיך מיט משה גערבערן פאַרנומען דריי נעכט לויט דער ריי. פאַר דער צייט פון פאַרהער איז משה גערבער געווען אונטער אַ שטרענגן אַרעסט.

אין דער צייט פון דער אויספאָרשונג האָט גערבער דערציילט, אַז דעם פּיסטאָלעט וואָס מען האָט ביי אים געפונען אין קעשענע, האָט ער דער געסטאַפּאָ געזאָגט, אַז עס איז ניט זיינער, ער האָט אים געקראָגן פון איינעם בלאַך. וואָס פאַרא בלאַך, האָט ער ניט געזאָגט. אויסער דעם האָט ער ניט געקענט וויסן, אַז אויך שמעון בלאַך וועט אַריינפאַלן אין געסטאַפּאָ.

וועגן דעם, אַז שמעון בלאָך האָט אים באַשולדיקט, אַז ער, גערבער, האָט אויך אַרויסגעגעבן דער געסטאַפּאָ דעם ציל פון אונדזער אַרויסגיין פון געטאָ, האָט גערבער קאַטעגאָריש געלייקנט. נאָך אַ דריי־טאָגיקער גרינטלעכער אויספאָרשונג, האָט סטאַנקע־וויטש אַרויסגעזאָגט זיין מיינונג, אַז לויט זיין פאַרהער האָט גער־בער קיין דירעקטן פאַרראַט ניט באַגאַנגען, אָבער פאַרדאַכט־מאָ־מענטן זיינען געבליבן.

אָבער אַזוי ווי די געטאָ־אָרגאַניזאַציע האָט אים אויך פאַרהערט און האָט אַרויסגעטראָגן אויף אים אַ טויט־אורטייל, האָבן זיי, וואָר־שיינלעך, געהאַט מער איבערצייגנדן מאַטעריאַל וועגן גערבערס פאַרראַט, דעריבער האָט ער דעם טויט־אורטייל פון דער אונטער־ערדישער געטאָ־אָרגאַניזאַציע באַשטעטיקט.

דעם זעלבן טאָג האָט מען דעם טויט־אורטייל אויסגעפירט. גערבערן האָט דערשאָסן באָריס דער קליינער. גלייך נאָכן אויס־פירן דעם טויט־אורטייל האָט באָריס צוגענומען זיינע שטיוול פאַר זיך. דער דאָזיקער פאַל האָט איבערגעלאָזן אַ טיפן שווערן רושם ביי די חברים אין אָטריאַד.

## דער סטימולירנדיקער כוח פון אַקטיוון קאַמף

פון דער קאָמאַנדשאַפט האָב איך געקראָגן אַ באַפעל, אַז אַזוי לאַנג ווי איך בין אין דער באַזע פון אָטריאַד, דאַרף איך זיך פאַרנעמען מיט די ניי־געבראַכטע מענטשן פון געטאָ. אויסער פאַרשיידענע אויפקלערונגען, שמועסן, בין איך צוזאַמען מיט זיי געגאַנגען אויף פאַרזאָרגונגס־אויפגאַבעס צו באַקומען שפּייז־פּראָדוקטן, ניט ווי קיין עלטערער איבער זיי, נאָר ווי איינער פון זיי. דאָס האָט ווייזט אויס געהאַט אויף זיי אַ פּאָזיטיווע ווירקונג. היות, ווי איך האָב זיך געפונען מיט זיי צוזאַמען סיי אין אָטריאַד און סיי מחוץ אים.

פאַר דער צייט זיינען אָנגעקומען צו גאַסט, אויף אַ באַזוך אין רודניצקער וואַלד, חיים יעלין און גרישקע קרוגליאַקאָוו. געבראַכט

האָט זיי פון קאָוונע אויף אַ לייכטער מאַשין שמואל מאָרדקאָווסקי. ביי דער חברה וואָס זיינען געקומען פון געטאָ אין וואַלד, איז מיטן אָנקומען פון חיים יעלינען די שטימונג געהויבן געוואָרן. חיים האָט זיך געפונען ביי יורגיסן אויף דער באַזע. ער האָט אויסגע־הערט יעדן באַזונדער, וואָס יעדער איינער האָט געטראָגן אין האַרצן און צוגעזאָגט צו אינטערווינירן ביי יורגיסן, כדי אויסצו־בעסרן די לאַגע אין אונדזער אָטריאַד. ער האָט פאַר אַלעמען געפונען פאַסיקע האַרציקע ווערטער און מען איז געבליבן צופרידן פון די געשפּרעכן מיט אים. פאַר דער צייט זיינען צוריקגעקומען פון געטאָ, אויך מיט אַ לייכטער מאַשין, חנא קאַגאַן און שרה ראָבינסאָן. פון דער גרופּע וואָס מען האָט געשיקט פון אָטריאַד אין געטאָ איז געבליבן נאָר ישראל גאָלדבלאַט.

דערווייל האָט זיך דערנענטערט די צייט, ווען חיים יעלין און גרישקע קרוגליאַקאָוו האָבן זיך געדאַרפט צוריקקערן אין קאָוונע. מען האָט נאָך צו זיי צוקאָאָפּטירט אַ פּאַראַשוטיסטקע וואַליאַ פּושייטע (זינקיעוויטשוטע), וועלכע איז באַשטימט געוואָרן אַלס סעקרעטאַרין פון דער קאָוונער אונטערערדישער קאָמיוגיסטישער אָרגאַניזאַציע. שמואל מאָרדקאָווסקי איז צו דער צייט געלעגן קראַנק, ער האָט געפיבערט, געהאַט גרויסע היץ. די קאָמאַנד־שאַפט האָט מיך אַרויסגערופן צו יורגיסן אויף דער באַזע, וווּ עס האָט זיך דאַן געפונען געסיע גלעזעריטע („אַלבינע״), זי האָט מיך פאַרגעשטעלט אַלס העלד פון אַווגוסטאַווע. אויף דער טעמע האָט זיך אַנטוויקלט אַ קליינע דיסקוסיע צווישן מיר מיט יורגיסן (וועגן דעם האָב איך שוין פריער דערמאָנט).

יורגיס האָט מיר געזאָגט, אַז ער טרויט מיר אָן זייער אַ וויכטיקע און פאַראַנטוואָרטלעכע אויפגאַבע, אָפּצופירן צוריק קיין קאָוונע די אָנפירער פון דער קאָוונער אונטערערדישער קאָמפּאַרטיי און קאָמיוגיסטישע אָרגאַניזאַציע. אַזוי ווי דער גאַנג צוריק איז צו פוס, מוז איך באַזונדערס זיין פאָרזיכטיק, און איך מוז זיי ברענגען צוריק אויפן אָרט. אין פאַל פון אַ דורכפאַל, באַצאָל איך מיט מיין קאָפּ. צוריק פון קאָוונע וועל איך דאַרפן ברענגען נאָר

אַ גרופּע חברים אין פּאַרטיזאַנער־אָטריאַד. דערביי זאָל איך זיך האַלטן געגנוי אָן זיינע פריערדיקע פּאַראָרדענונגען.

צו חיים יעלינען האָט ער געזאָגט, אַז אויב עס וועט אים ווערן די לאַגע אין קאָוונע אַזוי ענג, אַז זיין טעטיקייט וועט דראָען צו פּאַראַליזירט ווערן, זאָל ער אין דעם פאַל קומען אין וואַלד.

צו קרוגליאַקאָוון און פּושייטע, האָט ער געזאָגט, אַז זיי וועלן פון צייט צו צייט קריגן פון אים אָנווייזונגען און פּאַראָרדענונגען דורך די פאַרבינדלער פון דער בריגאַדע, בראש מיט מיר. דאָס האָט באַדייט, אַז ער באַשטימט מיך פאַר דעם הויפּט פון די פּאַר־טיזאַנער־פאַרבינדלער.

דאָס מאָל האָב איך זיי געדאַרפט אָפּפירן אַליין, אָן קיינע באַגלייטערס. צוריק האָב איך געדאַרפט ברענגען די גרופּע אין אָטריאַד צוזאַמען מיט ישראל גאָלדבלאַטן, וועלכער איז דערווייל איבערגעבליבן אין געטאָ. דאָס מאָל האָב איך חוץ דעם פּיסטאָלעט מיט די גראַנאַטן — געקראָגן אויך אַ דייטשן אויטאָמאַט.

חיים יעלין איז געקומען צוזאַמען מיט מיר אין אונדזער באַזע זיך געזעגענען מיט דער חברה. די געזעגענונג איז פאַרגעקומען אין זייער אַ געדריקטער שטימונג. אַלע זיינען געווען גערירט, פּונקט ווי מען געזעגנט זיך מיט אַ נאָענטן מיטגליד פון דער משפחה. און ווער האָט געקענט וויסן צו מען וועט זיך נאָך ווען עס איז זען מיט אים? חיים אַליין, איז אויך געווען אומעטיק, אָבער ער האָט זיין אומעט אויסגעדריקט מיט ווערטער, אונטערשטרייכנדיק אַז אים טוט זייער וויי און ער באַדויערט, וואָס ער קען ניט קעמפן צוזאַמען מיט דער חברה קעגן בלוטיקן שונא.

*

אויף מאָרגן פאַרנאַכט, דאָס איז געווען דעם 20־טן אָדער דעם 21־טן פעברואַר 1944, זיינען מיר אַלע פיר אַרויסגעגאַנגען פון יורגיסעס באַזע אין וועג אַריין. אויף „אַלבינע" (גלעזעריטע) איז דעם זעלבן טאָג אַרויס צו ווילנע. מיר האָבן נאָך געמאַכט אַ פּאַוזע ביי געניסן אויף דער באַזע, וווּ עס האָט זיך פאַרבונדן אַ שמועס מיט די קאָמאַנדירן פון דער טראָקער בריגאַדע און מען

האָט זיך געטיילט מיט דער דערפאַרונג פון דער אונטערערדישער אַרבעט. דאָרטן האָט מען אונדז אויפגענומען זייער פיין און מיט אַ סך כיבוד. פון דאָרטן זיינען מיר אַוועק איבער אָזשעראַנצי, געשניטן די באַן־ליניע ביי אייגעלאַנצי. דער וועג איז געגאַנגען איבער גודאַקיעמיס, גרענדאַווע, זשאַלאַי, פאַסיעקאַי, טאַטאַרישקי און לאַוואָרישקי.

בעת דעם גאַנג און האָבנדיק נאָך ביי זיך אַזאַ „וויבטיקן באַגאַזש", האָב איך געענדערט מיין מאַרשרוט און אויסגעמיטן דעם דאָרף קאַזאָקישקי, וווּ איך האָב בעת דעם ערשטן גאַנג באַגאַנגען דעם פעלער און, בכלל, איז עס פון זיכערהייטס־טעמים, ניט ריכטיק צו גיין שטענדיק דורך די זעלביקע וועגן און דערפער, ווו מען איז ניט שטאַרק זיכער מיט דער באַפעלקערונג.

אין משך פון גאַנג האָט זיך די שטימונג ביי חיימען געהויבן. ווי עס ווייזט אויס דערפאַר, וואָס די געפאַרן אין וועג האָבן אים געמאַכט פאַרגעסן דעם טרויעריקן אָפשייד פון די חברים־ פאַר־טיזאַנער. קרוגליאַקאָוו האָט וואַרשיינלעך בכלל ניט געשפּירט די געפאַרן פון וועג, ווייל ער האָט די גאַנצע צייט געפלירטעוועט מיט דער שיקסע וואַליאַ פושייטע.

פון לאַוואָרישקי האָט אונדז דער פּוילישער פּאַן געפירט מיט זיין פערד און וואָגן איבערן וואַלד־וועג ביז שקיליעטי און פון דאָרטן איבער בייזשאַני, דאַיניאַי, קיבוטשאַי ביז קיירישקיס. אין דאָרף קיירישקיס האָבן מיר באַשלאָסן אויף דעם לעצטן עטאַפּ פון וועג אויף קאָוונע זיך פאַנאַנדערטיילן. דאָס הייסט — גרישע קרוגליאַקאָוו מיט וואַליאַ פושייטע זאָלן גיין באַזונדער, ווי אַ „פאַר־ליבט פּאָרל" פלירטעוועודיק איבערן שאָסיי־וועג און איך מיט חיים יעלין גייען באַזונדער.

איך האָב אָנגעטאָן אַ ווייסן באַנד אויפן אָרבל, אויף וועלכן עס איז געווען אַן אויפשריפט מיט געדרוקטע בוכשטאַבן „אים דיענסט דער דויטשער ווערמאַכט" און, חיים האָט אָנגעטאָן געלע לאַטעס, פון פאָרנט און אויפן רוקן. אַזוי ווי איך בין געגאַנגען מיטן דייטשן אויטאָמאַט און מיט דעם באַנד אויפן אָרבל, האָט דאָס

געדאַרפט מאַכן דעם איינדרוק, אַז איך טרייב אַ יידן פון דער אַרבעט, אָדער צו דער אַרבעט...

אַזוי איז עס קיינעם ניט איינגעפאַלן אַפילו, אונדז צו שטערן אין אונדזער גאַנג. אויף אַזאַ אופן האָב איך אים געבראַכט צו דער ה.ק.פּ. פון סאַסנאָוסקאַ גאַס, ווו חיים האָט שוין געהאַט אייגענע חברה, וואָס האָבן אונדז געקענט העלפן אַריינצוגיין אין געטאָ אויף אַן אָפיציעלן אופן.

דער דייטש, וואָס איז געשטאַנען ביים טויער, האָט קוקנדיק אויף מיין באַנד אויפן אַרבל פאַרשטאַנען, אַז איך בין אַ ליטווינער און פאַרשטיי ניט קיין דייטש, האָט ער זיך מיט מיר ניט אַריינגע־לאָזן אין קיינע לאַנגע געשפּרעכן און געגעבן אַ צייכן מיט דער האַנט, אַז מיר קענען אַריינגיין. די יידן, וועלכע זיינען געווען דאָרטן זיינען געווען מיט די דייטשן אין זייער גוטע באַציאונגען און זיי זיינען אויך געווען חיים׳ס נאָענטע מענטשן. מ׳האָט אונדז דאָרט זייער פיין אויפגענומען און אונדז מכבד געווען מיט זייער מיטאָג.

חיים האָט זיך מיט זיי פאַנאַנדערגערעדט גאָר אויף אַן אינ־טימען אופן. אין גאַנג פון דעם געשפּרעך, איז אויפגעקלערט גע־וואָרן, אַז איך בין בכלל ניט קיין ליטווישער פּאָסטן, נאָר אַזאַ ייד, ווי זיי אַלע. אונדזער צוועק איז אויף אַן אָפיציעלן אופן אַריינ־צוקומען אין געטאָ, פאַרשטייט זיך, מיט זייער הילף. חיים האָט מיר דערביי פאַרזיכערט, אַז זיי זיינען מענטשן, וועלכע מען קען פאַרטרויען דעם סוד. אמת, איך האָב געהאַלטן, אַז מען האָט ניט געמוזט זיי דערציילן דעם סוד.

מען האָט אונדז באַזאָרגט מיט אַ מאַשין, וועלכע האָט אונדז געבראַכט צום געטאָ־טויער. דאָרטן האָט אונדז אויפגענומען מאַרגאָליס, דער שעף פון דעם אַרבעטס־אַמט אין געטאָ בכבודו ובעצמו. ער האָט אונדז געזידלט, געשלאָגן און געבריקעט מיט די פיס. די פּאָסטנס וואָס זיינען געזעסן ביים טויער, האָבן זיך צוגע־קוקט צו דעם בילד ווי אַ ייד „שלאָגט" זיינע אייגענע ברידער און זיי האָבן זיך געקייכט פון געלעכטער. דאָס האָט אונדז, אָבער גע־געבן די מעגלעכקייט אַריינצוגיין אין געטאָ אָן אַ באַזונדערע אונטערזוכונג מיט די געווער אונטער די קליידער. אַזוי זיינען מיר

אַריין אין געטאָ בשלום. מען קען זיך גאָרניט פאָרשטעלן מיט וואָס פאַרא שמחה אונדזערע חברים האָבן אונדז אויפגענומען. באַזונדערס איז מען געווען צופרידן, וואָס צוזאַמען מיט חיימען בין איך אויך געקומען. דאָס האָט באַדייט, אַז אין גיכן וועט אַרויסגיין פון געטאָ נאָך אַ גרופּע אין די רודניצקער וועלדער.

אויף מאָרגן, נאָך אונדזער אַריינגיין אין געטאָ, בין איך און חיים יעלין אין אָוונט אַרויס צוריק דורכן צוים פון געטאָ און, לויט דעם ווי מיר האָבן אָפּגערעדט, זיינען מיר אַוועק צו דער געוועזענער פאַבריק „גומא", זיך צו טרעפן מיט גרישע קרוגליאַקאָוו.

ער האָט אונדז איבערגעגעבן, אַז זיי ביידע, ער מיט וואַליאַ פּושייטע, זיינען אָנגעקומען בשלום קיין קאָוונע, לויט דעם פאַרויסגעזעענעם פּלאַן.

ער האָט מיר זייער באַדאַנקט פאַר דעם געלונגענעם אַדורכפירן זיי דעם גאַנצן וועג און אַלס מתנה האָט ער מיר געשענקט צוויי פלעשלעך בראָנפן. ער האָט מיר איבערגעגעבן זיינע קאָאָרדינאַטן, ווי אַזוי אים צו געפינען אין פאַל אויב עס וועט מיר זיין נויטיק אַ טרעפונג מיט אים, וועלכע איז פאַרויס ניט אָפּגערעדט. אויסער דעם האָט ער מיר געבעטן, אַז ווען איך וועל קומען דעם נעכסטן מאָל אין קאָוונע, זאָל איך פאַר אים ברענגען אויפרייסמאַטעריאַל, ער האָט אויך אַ ניט קיין גרויסן פּאַרטיזאַנער־אָטריאַד, וועלן זיי דאָס קענען דערפאָלגרייך אויסנוצן. ער איז געווען אין אַ זייער געהויבענער שטימונג, געווען אַ ביסל אויסגעטרונקען און ער האָט אויך ניט שטאַרק אָפּגעהיט די כללים פון קאָנספּיראַציע.

אַלע אונטערערדישע פּאַרטיי־טוער האָבן געהאַט פּסעוודאָנימען: חיים האָט געהייסן „וואָלאָדאָס"; פּעטיאַ טראַפּימאָוו האָט געהייסן — „איגנאַס", אַפילו יאַנקעלע לוי, וואָס איז געווען נאָך אַ פאַרבינדלער האָט אויך געהאַט אַ פּסעוודאָנים — „אַנטאַנאַס". גרישע קרוגליאַקאָוו האָט קיין פּסעוודאָנים ניט אנערקענט, ער איז געבליבן — גרישע קרוגליאַקאָוו. מיר האָבן זיך מיט אים זייער האַרציק געזעגנט און באַשטימט אַלס אונדזער טרעף־פּונקט — דעם זעלביקן אָרט, נעבן דער געוועזענער פאַבריק „גומא". די

צייט, ווען איך וועל קומען דעם צווייטן מאָל, וועל איך אים געבן צו וויסן. חיים און איך זיינען אַריין דורך דער צוים צוריק אין געטאָ.

מיין אָרט אין געטאָ איז געווען ביי חיים־דוד ראַטנערן אויף זיין קוואַרטיר. אין דער צייט, וואָס איך האָב זיך געפונען אין געטאָ, האָט אויך חיים געגעבטיקט ביי חיים־דודן. אין משך פון טאָג האָב איך זיך געפונען מער אין די בלאָקלער אויף דעמאָקראַטו־פּלאַץ. דאָרטן האָב איך געפונען די מערהייט פון די חברים, וואָס האָבן גערדאַרפט אַוועק אין וואַלד צוזאַמען מיט מיר. אומאָפיציעל האָב איך דאָרטן צוגעגרייט די חברים צום גאַנג און אויך זיי פּסיכאָ־לאָגיש צוגעגרייט צום פּאַרטיזאַנישן טאָגטעגלעכן לעבן.

## וויכטיקע כללים פון פּאַרטיזאַנישער טאַקטיק

אין מיינע דערציילונגען, האָב איך קיינמאָל ניט געפּרוווט צו שילדערן דאָס פּאַרטיזאַנער־לעבן שענער ווי עס איז געווען אין דערווירקלעכקייט. איך האָב געשילדערט די דראַענדיקע געפאַרן און דעם שווערן לעבן אויף דער באַזע. אויף ווי ווייט מעגלעך האָב איך געלערנט די חברים די פּאַרטיזאַנער־טאַקטיק און אָנגעוויזן, אַז דער פּאַרטיזאַנער־קאַמף איז ניט ענלעך צו אַ מיליטערישן קאַמף. ניט מיר און ניט דער שונא ווייסן פון וואַנען עס קען קומען די געפאַר. דעריבער מוז מען זיין זייער פּאָרזיכטיק און זיך קענען שנעל אָריענטירן אין מאָמענט פון אַ געפאַר.

מיר מוזן זיך שטענדיק לערנען פון אונדזער פּראַקטיק און אויך פון דער פּראַקטיק פון אונדזערע חברים: איבערהויפּט גענוי אויסצושטודירן די סיבות פון דורכגעפאַלענע חברים; ווי ווייט מעגלעך צו אויסמיידן אַן אָפענעם קאַמף מיטן שונא, ווייל מיר זיינען שטענדיק אַ סך וויניקער אין צאָל ווי דער שונא; אָנפאַלן אויף דעם שונא נאָר אין אַזעלכע ערטער ווו ער דערוואַרט אונדז אַמווייניקסטן, דאַן איז דער עפעקט שטענדיק אַ גרעסערער.

זייענדיק אין אַ דאָרף, אָדער אין אַ שטוב פון דאָרף, מוז מען באַאָבאַכטן אַלע קליינקייטן, ווייל יעדע קליינקייט, וואָס ווערט

ניט אָבסערווירט ווי עס באַדאַרף צו זיין, קען זיין פאַטאַל פאַר די פּאַרטיזאַנער.

מען דאַרף אויך גענוי זיך באַקענען מיטן לעבנס־שטייגער אין דאָרף און זיך צופּאַסן צו אים. דאָס פאַרלעצן דעם נאָרמאַלן לעבנס־שטייגער פון דאָרף, קען אַרויסרופן אַ חשד, אַז אין דאָרף געפינען זיך פרעמדע מענטשן, און דערצו נאָך ניט קיין דאָרף־מענטשן. דאָס האָט שוין געקאָסט דאָס לעבן פון אַ סך פאַרטיזאַנער. מען דאַרף קיינמאָל ניט פרעגן ביי אַ פּויער דעם וועג ווו מען דאַרף גיין און, אַפילו ניט פרעגן די פאַרקערטע ריכטונג, אַזוי ווי מען האָט דאָס געלערנט אין אַטריאַד. דער פּויער פאַרשטייט, אַז ווען מען פרעגט אים דעם ניט ריכטיקן וועג, מאַכט ער דאָן זיינע אויספירן. אויב מען וויל גיין מיט דער הילף פון אַ פּויער, איז אַמבעסטן ניט פרעגן, נאָר אים מיטנעמען מיט זיך, וואָרנדיק דערביי די שטוביקע, אַז אין פאַל אויב זיי וועלן זיך ווענדן צו דער פּאָליציי — וועט דער ערשטער קרבן זיין זייער ראש־המשפחה.

פון דער פּראַקטיק האָבן מיר געלערנט, אַז אויב דער פּויער וועט אַקטיוו אנטיילנעמען אין מאַרש, וועט ער זיך היטן און וועט זיך ניט ווענדן צו דער פּאָליציי, ווייל ער ווייס, אַז אויב ער האָט אַ כוונה זיך ווענדן צו דער פּאָליציי און זיי דערציילן, אַז עס האָבן דורכגעמאַרשירט פּאַרטיזאַנער אין דער אָדער יענער ריכטונג, וועט ער אין דער ערשטער ריי באַצאָלן מיט זיין קאָפּ. אָבער פאַרלאָזן זיך אינגאַנצן אויף דעם פּויערס הילף טאָר מען אויך ניט, מען מוז אים קאָנטראָלירן לויט אַ מאַפּע מיט אַ קאָמפּאַס, כדי דער פּויער זאָל האָבן דעם איינדרוק, אַז מען קאָנטראָלירט אים.

אָבער דער פאַקט איז, אַז ניט די מאַפּע און ניט דער קאָמפּאַס וועלן ווייזן ווו עס געפינט זיך אַ פיינטלעכע לויערונג. דער פּויער דאַרף די גאַנצע צייט שפּירן, אַז ער ווערט קאָנטראָלירט און דאָס, איז דאָס וויכטיקסטע. ער דאַרף וויסן, אַז ער איז ניט זעלבסט־שטענדיק און דאַרף זיין אין שטענדיקן פּחד. דאָס באַדייט ניט אַז מען דאַרף אים שרעקן. עס איז גענוג אַז ער וועט ניט וויסן וואָס מען האָט בדעה צו טאָן מיט אים...

דאָס אנקומען און אַרויסגיין פון דאָרף, דאַרף שטענדיק זיין

ווען עס איז פינצטער. אין דער שטוב ווו מען גייט אַריין אויף טאָג־רו, דאַרף מען מיטנעמען מיט זיך דעם פּויער, וואָס האָט געפירט ביז צום דאָרף און אים אָפּלאָזן נאָכדעם ווי מען האָט שוין פאַרלאָזן דאָס דאָרף. די מענטשן פון שטוב ווו מען רוט, מוזן זיך געפינען אונטער אַ שטענדיקער אָבסערוואַציע. אין קיין שום פאַל ניט אַרויסלאָזן פון שטוב קיינעם פון דער משפחה און, אין פאַל ווען עס קומט אַ צופעליקער גאַסט אין שטוב, דאָרט ווו עס רוען פאַרטיזאַנער, בלייבט ער אויך פאַרשפּאַרט צוזאַמען מיט די שטוביקע.

פאַר אַן אָפּרו־אָרט, מוז מען אויסקלייבן אַ שטוב, וואָס געפינט זיך נאָענט צו אַ וואַלד און איז ווייט פון שכנותדיקע הייזער. די שטוב דאַרף גרינטלעך אונטערזוכט ווערן, אויב עס געפינט זיך אין איר באַהאַלטענע געווער. אויב יאָ, דאַן ווערט דאָס געווער קאָנפיסקירט, דערביי, אָבער, מוז מען גענוי אויספאָרשן פון וואַנען שטאַמט דאָס געווער. ביי דעם קלענסטן סימן פון פאַרראַט מצד די שטוביקע, מוזן גלייך אָנגענומען ווערן די שטרענגסטע מיטלען פון שטראָף, דאָס הייסט — טויט־שטראָף. קיין רחמנות־געפילן איז אין דער פאַרטיזאַנער־טעטיקייט ניט אָנגענומען. די שטראָף איז ניט נאָר פאַר די פאַרשולדיקטע. אַן אויסגעפירטער טויט־אורטייל דאַרף ווירקן אויך אויף אַנדערע איינוווינער פון דעם דאָרף, און אַפילו אויף די שכנותדיקע דערפער, „למען יראו ויישמעו", אַז מען זאָל זיך היטן פון פאַרראַט. אמת, נאָך דעם ווי עס איז אויסגעפירט געוואָרן אַ שטראָף אין אַ שטוב, איז ניט אָנגענומען מער צו באַזוכן דעם דאָזיקן דאָרף.

דאָס איז געווען אין קורצן די פאַרטיזאַנישע טאַקטיק ביים אַרויסגיין אין וועג אויסצופירן אַ געוויסע אויפגאַבע. אַזעלכע און ענלעכע געשפּרעכן האָבן מיר געפירט יעדן אָוונט. די חברה זיינען געווען זייער צופרידן, וואָס איך אַלס דערפאַרענער פאַרטיזאַן, גיב זיי די נויטיקע עצות. זיי האָבן פאַרשטאַנען, אַז אַזעלכע געשפּרעכן קענען זיי אַ מאָל ראַטעווען זייער לעבן. עס פלעגן זיך אַנטוויקלען, פאַרשטייט זיך פאַרשיידענע באַמערקונגען, פראַגן און ענטפערס

און, ווי עס פירט זיך שוין ביי פּאַרטיזאַנער, פלעגט זיך אַזאַ שמועס ענדיקן מיט מאַכן אַ שנאַפּס...

איין מאָל, נאָך אַזאַ שנאַפּס בין איך אַרויס אין דרויסן און איך האָב פון ווייטן דערזען יידישע געטאָ־פּאָליציי, האָב איך געגעבן אַ געשריי אויף רוסיש: „סטאָי, קטאָ אידיאָט”? די פּאָליציסטן זיינען שנעל אַנטלאָפן און אויף מאָרגן האָט זיך שוין אין געטאָ פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז ס'האָבן זיך דאָרט אַראָפּגעלאָזן רוסישע פּאַראַשוטיסטן...

## פּאַראייניקטע פלאַצדאַרמען פון געטאָ און וואַלד

נאָכדעם ווי איך האָב געקראָגן דעם צוזאַמענשטעל פון דער גרופּע, וואָס דאַרף מיט מיר גיין אין וואַלד, איז געוואָרן קלאָר, אַז אויך דאָס מאָל איז בריינקע בלאָשטיין ניט געווען אַריינגעשלאָסן אין דער רשימה פון די גייער אין וואַלד. אויך אין דעם פאַל האָב איך קיין זאַך ניט געקענט טאָן, כדי איר צו העלפן, ווייל די גרופּע איז געווען זייער אַ גרויסע. חוץ די באַגלייטערס — 32 מענטשן.

די גרופּע איז באַשטאַנען פון די פאָלגענדע חברים: (מענער): עקמאַן לאלא, אַנצעל יהושע, ברענער זלמן, באַראַן שלמה, בראַוואָ משה, בראון צבי, בריק מאָטל, גליקמאַן ראובן, גראָדניק (גפר) ברוך, טאַראַטאַצקי מאָטל, יאַכאַש דוד, לעווין בערל (דב), ליפקאָ־וויטש מאָטל, ליפשיץ יהודה, מאָזעס לייזער, מלמד יוסף, נעמזער יצחק, נאָדעל חיים, סיסניצקי יאַנקל, פּוטשקאַרניק משה, קאָבלענץ כתריאל, קאָט בערל, ראַטנער חיים־דוד, שילין שכנא. (פרויען): דיסקאַנט רבקה, לוי שיינע, פּייטעלסאָן סימאַ, ליפשיץ רחל, סעניאָר לאה, גאַנעליןביילע (קאַטיושאַ), קאַמאַי צביה, געמפעל שרה, וויינער פאַניאַ. (עס איז גאַנץ מעגלעך, אַז איין נאָמען אָדער אַ צווייטער זיינען פאַרביטן געוואָרן צווישן דער פאַבריקער און דער איצטיקער מאַשין, אָבער אַלע צוזאַמען זיינען באַשטימט ריכטיק אויסגערעכנט). ס'האָט מיר זייער באַנג געטאָן, וואָס בריינקע בלאָשטיין איז דאָס מאָל ניט געגאַנגען און איך האָב איר צוגע־

זאָגט, מיט מיין ערן־וואָרט ,אַז אין צוויי וואָכן אַרום, פונקט דינס־טיק, וועל איך איר מיטנעמען מיט דער צווייטער גרופּע.

פירן די דאָזיקע גרופּע האָבן געדאַרפט ישראל גאָלדבלאַט און איך. די מאַשין איז געווען אַ גאַז־גענעראַטאָר, דער שאָפער — פּאַווילאָוויטשיוס. די מאַשין איז אָנגעקומען צום טויער פּינקטלעך, אָן אַ פאַרשפּעטיקונג. אַלע האָבן זיך אַין איר אַריינגעזעצט און איך, אין קאַבינע, לעבן שאָפער. פאַר דעם איז נאָך געווען אַזאַ פאַל: איך האָב פאַר דער צייט פון מיין זיין אין געטאָ אונטער־האַנדלט מיט אַ דאָקטאָר־כירורג (זיין נאָמען געדענק איך ניט), אַז ער זאָל גיין מיט אונדז אין וואַלד. דאָס וואָלט געווען פאַר אונדז זייער וויכטיק, ווייל ביי אונדז איז ניט געווען קיין קוואַליפי־צירטער דאָקטאָר, וועלכער זאָל דערטיילן מעדיצינישע הילף אונדזערע פאַרוווּנדעטע.

דער דאָקטאָר האָט צוערשט געשטעלט אַ תנאי, אַז איך זאָל צוגלייך מיט אים אויך מיטנעמען זיין פרוי. איך האָב אים דער־קלערט, אַז די צאָל פרויען וואָס איך קען מיטנעמען איז באַגרע־נעצט און פאַר דער דאָזיקער מאַשין איז זייער צאָל שוין פאַרפּילט. איך האָב אים אָבער, צוגעזאָגט, אַז אין איינע פון די נאָענטסטע גרופּעס וועל איך זיין פרוי מיטנעמען.

נאָך לאַנגע פאַרהאַנדלונגען איז ער מסכים געווען פאָרן מיט אונדז אָן זיין פרוי. אַ טאָג פאַרן אָפּפאָרן, האָב איך ביי אים צוגע־נומען זיין רוקזאַק מיט די אינסטרומענטן און מעדיקאַמענטן, כדי צו פאַרלאָדן עס אין מאַשין. צום אָפּפאָרן האָט ער זיך טאָקע גע־מעלדעט, אָבער אַז מען האָט געדאַרפט אַריינשטייגן אין מאַשין, איז ער פּלוצלינג פאַרשוווּנדן געוואָרן. זיין רוקזאַק מיט די אינסטרו־מענטן און מעדיקאַמענטן איז געבליבן ביי אונדז אין מאַשין.

מיר זיינען אָפּגעפאָרן פון טויער איבערן בריק אויף יאַנעווער גאַס. לעבן דער שטוב פון פּעטיאַ טראָפּימאָוו האָט זיך די מאַשין אָפּגעשטעלט, דאָרטן האָט מען אויפגעלאָדן דאָס באַהאַלטענע געווער, וואָס מען האָט אַרויסגעצויגן פון מיסטקאַסטן. די באַוואָ־פענונג פון דער גרופּע איז געווען אַזאַ: 3 האַנט־קוילן־וואַרפערס (איינער אַ רוסישער און צוויי טשעכישע פון דער געווער־פאַבריק

„ברנאָ"), 3 אויטאָמאַטישע ביקסן ס.וו.ט. און 19 געוויינלעכע ביקסן, צווישן זיי, איין ביקס, אַ יאַפּאַנישע, צו וועלכער מיר האָבן קיין קוילן ניט געהאַט.

מיר האָבן אויך געהאַט אייניקע האַנט־גראַנאַטן און אַ סך קוילן צו דייטשע און רוסישע ביקסן. צוויי פון אונדזערע פּאַרטיזאַנער זיינען געווען אַנגעטאָן אין דייטשע אוניפאָרמען און זיי זיינען דאָס געווען די „היטערס" פון די יידן, וואָס מען האָט כלומערשט געפירט אויף אַרבעט.

נאָכדעם ווי די מאַשין איז געקומען צו איר באַשטימונגס־פּלאַץ, הינטערן שטעטל אַנושקיס, איז גלייך געגעבן געוואָרן אַ קאָמאַנדע, אַראָפּצונעמען די געלע לאַטעס, אַרויפנעמען די געווער אויף די פּלייצעס און מיר האָבן אָנגעהויבן דעם מאַרש צום וואַלד. אונדזער גרופּע האָבן מיר פאַרטיילט לויט די מיליטער־רישע כללים: צוויי דאָזאָרעס, און אַ יאַדראָ, דאָס הייסט — צוויי אויסשפּיר־גרופּן און די קערן־גרופּע. מיט די אויסשפּיר־גרופּעס האָט אָנגעפירט ישראל גאָלדבלאַט און מיט דער קערן־גרופּע, האָט אָנגעפירט חיים־דוד ראַטנער. די אַלגעמיינע קאָמאַנדע האָב איך גענומען אויף זיך.

די נאַכט וואָס מיר האָבן אָנגעהויבן דעם מאַרש צו פוס, איז אויסגעפאַלן אַ פּראַסטיקע. דער שניי האָט געקנאַקט אונטער די פיס, דער הימל איז געווען אויסגעשטערנט און די לבנה איז געווען אַ פולע. איך געדענק ווי חיים־דוד ראַטנער, זייענדיק באַגייסטערט פון דעם גאַנג האָט אַ זאָג געטאָן: „מיר וועלן זייער לאַנג גע־דענקען אָט די נאַכט".

דער גאַנג איז געווען אַ לאַנגזאַמער, ווייל די גרופּע איז געווען שטאַרק באַלאָדן. איך געדענק, ווי סימע פייטלסאָן האָט ניט אויסגעהאַלטן די שווערע לאַדונג און איז אַנידערגעפאַלן אין וועג. איך האָב פון איר צוגענומען דעם רוקזאַק און אים געטראָגן אויף זיך, ניט געקוקט אויף דעם וואָס איך אַליין האָב געדאַרפט זיין זייער באַוועגלעך.

די גרופּע איז געגאַנגען לויט אַלע מיליטערישע כללים פון פּאַרטיזאַנער־טאַקטיק. מיר האָבן אונטערוועגס געמאַכט אַ טאָג־רו

ביי פויערים, וועלכע מיר האָבן פאַרהאַלטן אויף דעם גאַנצן טאָג און אין אָוונט זיינען מיר אַוועק ווייטער. ניט ווייט פון דער באַן־ליניע, האָבן מיר זיך געטראָפן מיט פּאַרטיזאַנער פון דער טראָקער ברי־גאַדע, פון געניסעס אָטריאַד, וועלכע האָבן זיך צוריקגעקערט פון אַן אויפגאַבע אויף דער באַזע.

צוזאַמען מיט זיי זיינען מיר אַריבער די באַן־ליניע און מיר זיינען אָנגעקומען אין דאָרף אינקלאַרישקי. דאָרטן האָט מען אונדז אויפגענומען ווי גאָר בכבודיקע געסט — געגעבן אַלעמען עסן און טרינקען און מען האָט זיך מיט אונדז זייער געפרייט, וואָס מיר זיינען אַלע אָנגעקומען בשלום.

אַזוי ווי ביי געניסן אין אָטריאַד, איז אַלס קראַנקן־שוועסטער געווען אסתר ראַטנער (די פרוי פון חיים־דוד ראַטנער), איז די באַגעגעניש מיט איר געווען אַ גאָר האַרציקע. אין אינקלאַרישקי האָבן מיר זיך געטראָפן מיט דעם קאָמיסאַר פון אַ ווילנער אָטריאַד „דידיאַליס" (איסער שמידט). איך האָב אים דערציילט, אַז איך פיר מיט זיך 9 פרויען, אַלע באַוואָפנטע, אָבער איך האָב שווע־ריקייטן מיט דעם ברענגען זיי אין אָטריאַד. מען האָט מיר זייער קלאָר און קאַטעגאָריש אָנגעזאָגט, אַז קיין פרויען וועלן זיי מער ניט נעמען. איך האָב אים געזאָגט, אַז אויב מען וועט ניט נעמען די פרויען, וועל איך זיי אים איבערגעבן צוזאַמען מיט זייער וואָפן.

ער איז מסכים געווען אויף דעם און מיר האָבן אָפּגערעדט, אַז איך לאָז זיי איבער דערווייל אין אינקלאַרישקי און קום אין אָטריאַד אָן זיי. אויב מען וועט אין אָטריאַד זיי ניט וועלן נעמען, דאַן וועט ער קומען אין אינקלאַרישקי און וועט זיי צונעמען צו זיך. ער האָט צוגעגעבן, אַז אין פאַל, אויב איך וועל אויך ווייטער האָבן שוועריקייטן מיט פרויען, קען איך זיי איבערגעבן צו אים, נאָר מיט דעם תנאי, אַז זיי זאָלן זיין באַוואָפנט.

דער קאָמאַנדיר פון אָטריאַד „פרייע ליטע" („סוואָבאָדנאַיאַ ליטוואַ") האָט צוגענומען רבקה דיסקאַנט אַלס קראַנקן־שוועסטער. פון דאָרטן זיינען מיר אַוועק אָן די פרויען צו אונדז אויף דער באַזע און איך האָב געמאָלדן דעם קאָמאַנדיר, אַז איך האָב איבער־געלאָזן אין אינקלאַרישקי 9 באַוואָפנטע פרויען. היות ווי ער האָט

מיר קאַטעגאָריש פאַרבאָטן צו ברענגען פרויען אין אָטריאַד, ווען זיי פון דאָרטן צונעמען דער ווילנער אָטריאַד.

דער קאָמאַנדיר, קאָסטיאַ ראַדיאָנאָוו האָט זיך זייער אויפגע־רעגט, און מיט כעס אַ זאָג געטאָן: ווי טוסטו אַזאַ זאַך און דו לאָזט איבער באַוואָפנטע פרויען אין אַ פרעמדן אָטריאַד?! מען מוז זיי וואָס שנעלער פון דאָרטן צונעמען, שוין צוליב דעם וואָפן אַליין. גלייך דעם זעלבן טאָג, האָט ער געשיקט אין אינקלאַרישקי ברוך לאַפּיאַנסקי צו ברענגען די פרויען צו אונדז. אַזוי איז געלייזט געוואָרן די פרויען־פּראָגע...

די געבראַכטע כירורגישע אינסטרומענטן און די מעדיקאַ־מענטן, וואָס מיר האָבן אַרויסגעפירט פון געטאָ, האָבן מיר אי־בערגעגעבן דער כירורגישער קראַנקן־שוועסטער פון אָטריאַד רבקה קאַגאַן. ביי די חברים, וואָס זיינען געקומען מיט מיר האָט מען אונטערזוכט די געבראַכטע פעקלעך און מען האָט געמאַכט אַ גערעכטע פאַרטיילונג פון די מיטגעבראַכטע זאַכן. באַזונדערס האָט פון דער פאַרטיילונג געליטן חיים נאַדעל און ער האָט דאָס אַרויסגעזאָגט גאַנץ אָפן. קיינער האָט זיך, אָבער, מיט זיינע ווער־טער ניט גערעכנט און מען האָט אים קיין זאַך ניט צוריקגעקערט. עס האָט זיך, אָבער, איינמאָל פאַר אַלע מאָל פאַרענדיקט די פאַר־ווורפן וועגן געווער־מאַנגל. אין אַ פאָר טעג אַרום, נאָכן אָנקומען אין אָטריאַד, האָב איך זיך געקליבן אָפּגעבן אַ דין־וחשבון דעם קאָמאַנדיר פון דער בריגאַדע — יורגיסן (זימאַנאַס). צוזאַמען מיט מיר האָט זיך אָנגעבאָטן צו גיין צו יורגיסן אויך חיים־דוד ראַטנער, כדי אים אָפּצוגעבן אַ דין־וחשבון פון דער אָפּגעטאַנענער אַרבעט אין געטאָ דורך דער אונטערערדישער אַנטיפאַשיסטישער אָרגאַ־ניזאַציע. מיר זיינען ביידע אַוועק צוזאַמען.

## די קאָוונער פּאַרטיזאַנער בריגאַדע

ווען מיר זיינען אָנגעקומען צו יורגיסן זיינען דאָרטן געווען: גאַבריס (מיצייקא), פעטראַס (יואַזאַפּאַוויטשיוס), נאַקטיס (אַלע־קא), גרייטאַס (באַראוסקאַס), די גאַנצע „פּני״ פון דער בריגאַדע.

אויפגענומען האָט מען אונדז זייער פיין. מען האָט זיך פריער אין אַלגעמיין דורכגעשמועסט און דאַן האָט מען אונדז פאַרגעלייגט אָפּגעבן דעם דין־וחשבון. צוערשט האָב איך דערציילט ווי אַזוי איך האָב אָוועקגעפירט גרישע קרוגליאַקאָוון, וואַליאַ פּושייטע און „וואָלאָדאָסן" קיין קאָוונע. איך האָב אויך איבערגעגעבן די ביטעס פון קאָוונער אונטערערדישן פּאַרטיי־קאָמיטעט און דערציילט זיי וועגן זייערע שוועריקייטן אין דער אַרבעט.

דאַן האָב איך גענוי באַריכטעט וועגן דער צוגרייטונגס־אַרבעט אין געטאָ. כ'האָב זיי דערציילט, אַז די גרעסטע צאָל געווער האָבן יונגע חברה פון געטאָ געגנבעט ביי די דייטשן אונטער זייער נאָז. די געווער האָט מען געגנבעט לעבן דער געסטאַפּאָ און פון דער פלאַק־באַטערייע. דאָס איז אַ מיליטערישע אָרגאַניזאַציע, וועלכע ווערט געהיט בייטאָג און ביינאַכט. עס האָט זיך דערביי געהערט אויסרופן פון די אָנוועזנדע: „שאוּנאַליאַי"!

איינער פון די אויספירער פון דער העלדישער אויפגאַבע איז מיט מיר צוזאַמען אָנגעקומען אין אָטריאַד מיט דער פאַריקער גרופּע, דאָס איז — זשאַן שפּערלינג. איך האָב דערציילט וועגן אַלע איינצלהייטן פון גאַנג אַהער און וועגן דער אָריגינעלער ליי־זונג פון דער פּרויען־פראַגע (די דאָזיקע באַמערקונג איז באַגלייט געוואָרן מיט אַ געלעכטער).

דאַן האָט גענומען דאָס וואָרט חיים־דוד ראַטנער און ער האָט צוערשט דערציילט וועגן דער אָרגאַניזאַציאָנעלער אַרבעט פון דער אונטערערדישער אַנטיפאַשיסטישער אָרגאַניזאַציע אין געטאָ און האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף די שוועריקייטן אין דער אַרבעט. ער האָט אויך געזאָגט, אַז מען וואָלט געקענט אַרויסשיקן פון געטאָ אַ סך אַ גרעסערע צאָל קעמפערס, ווען עס וואָלטן ניט אָנגעקומען קיין ידיעות אין געטאָ, אַז אין אָטריאַד איז דאָ אַנטיסעמיטיזם.

די דאָזיקע ווערטער האָבן אַרויסגערופן אַ שאַרפע רעאַקציע און גלייך האָט זיך יורגיס געווענדעט צו מיר מיט אַ טענה: „די איינציקע פאַרבינדונג מיטן געטאָ איז דורך דיר און דיינע מענטשן — פאַרשפּרייט איר דאָס דאָרטן אַזעלכע קלאַנגען?"...

איך האָב געענטפערט, אַז ניט פון מיר און ניט פון מיינע

מענטשן האָבן זיי אַזעלכע ידיעות געקענט הערן. דאַן האָט יורגיס געפרעגט חיים־דודן: „איז פון וועמען האָבן זיי געקראָגן אין געטאָ אַזוינע ידיעות?" חיים־דוד האָט זיך פאַרענטפערט דערמיט, אַז אויך איצטער ווען ער איז אָנגעקומען אין אַטריאַד, האָבן זיך אַ סך חברים געקלאָגט פאַר אים, אַז עס איז דאָ סימפּטאָמען פון אַנטי־סעמיטיזם אין אַטריאַד. אויף דעם האָט גאַבריס געזאָגט, אַז פאַר אים האָט מען זיך אויך געקלאָגט אויף דעם קאָמיסאַר פון דעם אַטריאַד, אַז ער איז אַן אַנטיסעמיט. אויף דער דאָזיקער טענה האָט יורגיס געזאָגט, אַז „עס איז אַן אומזין צו ריידן וועגן אַנטיסעמי־טיזם אין אַן אַטריאַד ווו 90% זיינען יידן". חיים־דוד האָט זיך ניט פאַרלוירן און געענטפערט לאָגיש, אַז עס איז טאַקע אמת, וואָס 90% פון דעם אַטריאַד זיינען יידן, אָבער די קאָמאַנדע־פּאָסטנס פאַרנעמען אין אַטריאַד ניט קיין יידן. איך מיין, אַז דער דאָזיקער מאָטיוו האָט דאָס, אפשר, געווירקט אויף יורגיסן, כדי צו באַשטי־מען חיים־דודן אַלס קאָמיסאַר פון ניי־געשאַפענעם אַטריאַד „פּאַרויס". ניט געקוקט, אָבער, אויף דער נאָמינאַציע. האָט חיים־דוד פאַקטיש דעם פּאָסטן ניט אָנגענומען און איז ניט געווען קיין קאָמיסאַר אַפילו, קיין איין און איינציקן טאָג.

פון יורגיסן האָבן מיר זיך צוריקגעקערט צו אונדז אין אַטריאַד. דאָרטן האָט מען חיים־דודן באַשטימט אַלס איינעם פון געניסעס באַגלייטערס אין זיין מאַרש אויף מזרח. פון דאָרטן האָט געניס (פושאָקאָוו) געדאַרפט אַפּגעטראַנספּאָרטירט ווערן מיט אַן אַעראָ־פּלאַן קיין מאָסקווע. חוץ חיים־דודן זיינען אויך אויף דעם מאַרש באַשטימט געוואָרן, שמואל מאָרדקאָווסקי, אידעלקע שערמאַן, לייזער קלעבאַנסקי, יאַנקל קאָוועע און נאָך אייניקע פון די שכנות־דיקע אַטריאַדן.

עס איז שווער פעסטצושטעלן צו די באַשטימונג פון חיים־דוד ראַטנער אויף דעם מאַרש איז געווען מיט דער כוונה, כדי פּטור ווערן פון אים, אָדער אַ צופעליקע. אינצווישנצייט האָבן זיך ביי אונדז אויף דער באַזע געשאַפן נייע צוויי אַטריאַדן, אין צוזאַמענ־האַנג מיטן אָנקומען פון אַ סך קעמפערס פון קאָוונער געטאָ.

אין אַטריאַד אויפן נאָמען „פּאַרויס", איז די קאָמאַנדשאַפט

באַשטאַנען פון פאָלגענדע קאָמאַנדירן: דער קאָמאַנדיר פון דעם אָטריאַד — קאַפּיטאַן צייקאַ, שטאַב־שעף — לייטענאַנט פעדיונין, קאָמיסאַר — חיים־דוד ראַטנער (דער אָרט איז געבליבן פּוסט).

דער צווייטער אָטריאַד אויפן נאָמען „וואָלאָדאַס באַראַנאַס" (אויף דעם נאָמען פון אַן אויפגעהאָנגענעם פּאַראַשוטיסט). דער קאָמאַנדיר פון דעם אָטריאַד — קאַרפּ סעמיאָנאַוו (איוואַנאַוו), קאָמיסאַר פון אָטריאַד — מישאַ בעלקין, אויך אַ ייד פון טיף רוס־לאַנד פון דער וואָלגע, אַן אַנטלאָפענער פון דייטשער געפאַנגענ־שאַפט (אגב, בעלקין איז געווען זייער אַ סימפּאַטישער און אינטע־ליגענטער מענטש און אַלע פּאַרטיזאַנער האָבן אים געשעצט, אַפילו די רוסן).

ביידע אָטריאַדן האָבן זיך באַזירט אויף דער טעריטאָריע פון אָטריאַד — „אַ טויט די אָקופּאַנטן". זיי האָבן זיך אויך געניצט מיט אַ געמיינזאַמען הויפּט־פּאָסטן, מיט דער באָד און האָבן אויסגע־פירט בשותפות פיל קאַמפּס־אויפגאַבעס צוזאַמען מיטן אָטריאַד „אַ טויט די אָקופּאַנטן".

די נייע אָנגעקומענע קעמפערס פון קאָוונער געטאָ איז געגעבן געוואָרן די אויפגאַבע צו בויען די אונטערערד־שטיבלעך (זיעמ־ליאַנקעס) פאַר ביידע נייע אָטריאַדן און אויך אַ בעקעריי, וואָס האָט באַדינט אַלע דריי אָטריאַדן. אַלס בעקער איז באַשטימט געוואָרן דער פּאַרטיזאַן נעמזער.

די נויטווענדיקייט צו בויען אַ בעקעריי פאַר די אַלע דריי אָטריאַדן האָט זיך גענומען דערפון, וואָס מען האָט קיינמאָל ניט געקענט פאַרזאָרגן די אָטריאַדן מיט גענוג ברויט. אין דער זעלבער צייט איז די פלייש־פאַרזאָרגונג געווען אַ באַפרידיקנדיקע, ווייל מען פלעגט ברענגען לעבעדיקע קי, חזירים און שעפּסן און דאָס פלעגט קלעקן מיט פלייש פאַרן אָטריאַד אויף אַ לענגערע צייט.

ווען מען האָט, אַפילו, געבראַכט 100 לעבלעך ברויט (וואָס דאָס פלעגט פאַרקומען זעלטן), האָט דאָס געקלעקט פאַרן אָטריאַד מאַקסימום אויף 4—5 טעג, אָבער ווען מען האָט געבראַכט אייניקע זעקלעך מעל און מען האָט פון דעם מעל אָפּגעבאַקן ברויט אין

אַן אייגענער בעקערײַ, האָט מען דאַן געקענט לייזן די ברויט־פּראָגע פון אַלע דרײַ אָטריאַדן אויף אַ לענגערע צייט.

די אויסשפּיר־גרופּע, מיט וועלכער עס האָט אָנגעפירט באָריס ליסאוסקאַס, איז אויך צוערשט געווען אַ געמיינזאַמע, פאַר אַלע דרײַ אָטריאַדן. דער אויפהאַלטס־פּלאַץ, כמעט סטאַביל, פון דער גרופּע איז געווען אין דעם דאָרף סטאַרי־מאַרצעל, וואָס איז געווען אַ מרחק אַנדערטהאַלבן קילאָמעטער פון אונדזער באַזע.

פּאַרטיי־קאָמיטעט פון אָטריאַד „אַ טויט די אָקופּאַנטן"
פון רעכטס: אַלטע באַרוכאָוויטש־טעפּער, משה שערמאַן, ק. ראַדיאָנאָוו,
דוד טעפּער און מערע לאַן

באָריס ליסאוסקאַס אַליין האָט זיך שטענדיק געפונען בײַ דעם רײַכסטן פויער פון דאָרף, בײַ יורגעלעוויטשן אין שטוב. די פאַמיליע יורגעלעוויטש איז אין דעם דאָרף געווען זייער אַ ברייט־פאַרצווייגטע און, דורך זיי פלעגט ער אויספירן אַ סך אויפגאַבעס.

ווי עס האָט זיך, אָבער שפּעטער אַרויסגעוויזן, האָט יורגעלעוויטש מיט זיינע צוויי טעכטער בײַ וועמען באָריס ליסאוסקאַס האָט זיך שטענדיק געפונען, געשפּילט אַ דאָפּלטע ראָל; זיי האָבן מיטגעאַרבעט מיט אונדז און גלייכצייטיק געאַרבעט פאַר די דייטשן.

אין רעזולטאַט פון אַזאַ דאָפּלטע שפּיל, האָבן די דייטשן איין נאַכט פּראָבירט פאַרכאַפּן ליסאָוסקאַסן לעבעדיקערהייט. אמת, אַ דאַנק אַ בלויזן צופאַל, האָט זיך זיי דאָס ניט איינגעגעבן, אָבער זיי האָבן אים שטערבלעך פאַרווונדעט. מען האָט אים געבראַכט אויף דער באַזע אַ שווער פאַרווונדעטן און אין אַ פּאָר שעה אַרום איז ער אויסגעגאַנגען פון זיינע ווונדן. אַלס נקמה פאַרן טויט פון דעם קאָמאַנדיר, האָט דער אָטריאַד „אַ טויט די אָקופּאַנטן" פאַרכאַפּט יורגעלעוויטשן און אים באַלד ליקווידירט. זיין גאַנצע ווירטשאַפט און זיינע פערד זיינען אַריבער אין דעם אייגנטום פון אָטריאַד און האָבן געניצט פאַר דער אויסשפּיר־גרופּע.

מיט די פערד פון אָטריאַד האָבן זיך פאַרנומען מאיר טייַנאָוויטש און זיין געהילף מענדל דייטש. אַ דאַנק דער אויסשפּיר־דינסט פון באָריס ליסאָוסקאַס מיט זיין גרופּע איז אונדזערע אָטריאַדן גע־לונגען אויסצופירן זייער וויכטיקע קאַמפּס־אויפגאַבעס, און צווישן זיי די ליקווידאַציע פון דייטשן גאַרניזאָן אין זשאַגאַרינע; די צעשטערונג פון דער קליינבאַן־ליניע זשאַגאַרינע־וויעטשאָרישקי; די ליקווידאַציע פון נאָך גרעסערן דייטשן גאַרניזאָן אין וויעטשאָ־רישקי, די באַפרייונג פון די אַרעסטירטע אין וויעטשאָרישקער טורמע — דורך דעם אָטריאַד „פּאָרויס" און די צעשמעטערונג פון דער לאַנדווירטשאַפט פון ס. ס. אויף דעם וועג צו איישישאָק.

ביים אויספירן די אויפגאַבע פון ליקווידירן דעם דייטשן גאַר־ניזאָן אין וויעטשאָרישקי, האָבן אָנטייל גענומען אַלע דריי אָטריאַדן צוזאַמען. אויף די וועגן צו וויעטשאָרישקי זיינען פאַנאַנדערגע־לייגט געוואָרן פון אַלע זייטן לויערונגס־גרופּעס, וועמענס ציל איז געווען ניט צו דערלאָזן צום גאַרניזאָן קיין פאַרשטאַרקונג און ניט געבן קיין מעגלעכקייט פאַר אַן אָפּטריט פון גאַרניזאָן. מיט די קאָמאַנדירן פון די לויערונגען איז געווען אָפּגערעדט, אַז נאָך דעם ווי עס וועט זיך ענדיקן די אויפגאַבע פון ליקווידירן דעם גאַרניזאָן, וועט מען געבן אַ צייכן, דורך אַרויסשיסן אַ ראַקעטע, כדי אַראָפּ־צונעמען די לויערונגען און דאַן וועלן זיי מוזן זעלבסטשטענדיק זיך צוריקציען אין דער באַזע.

איין קאָמאַנדיר פון אַ לויערונג, סעריאָזשאַ, איינער פון די

קריגס־געפאַנגענע האָט אין דער צייט פון אויספירן די אויפגאַבע צוזאַמען מיט זיין חברטע פאַליאַ, זיך דערוווּסט פון זיין גרופּע פאַר דער צייט און איבערגעלאָזן זיינע מענטשן אָן אַ קאָמאַנד־שאַפט, אין דער צייט ווען זיי איז אויסגעקומען צו פירן אַ שווערן קאַמף מיט אַ גרעסערן דייטשן כוח, וואָס איז געקומען צו הילף דעם גאַרניזאָן. אין רעזולטאַט דערפון איז די גאַנצע מאַנשאַפט פון דער לויערונג אומגעקומען. דאָס זיינען די נעמען פון די געפאַלענע: עקמאַן לאָלאַ, איידעלסאָן שמעון, האַלצמאַן יאַנקל, טאַראַטאַצקי, מאַנייסקין, סיסניצקי יאַנקל, פאַבראַווסקי, קראַוויץ, רייכמאַן, בירגער שלמה, וואַלק, בערמאַן חיים, סאַנדלער און טייבעלע ווינישעסקי, צוזאַמען 14 יידן און 2 קריסטן. דער קאָמאַנדיר סעריאָזשאַ, איז נאָך אַ גרינטלעכער אויספאָרשונג פאַרמשפט געוואָרן צום טויט פאַר פאַרראַט און, דער אורטייל איבער אים איז זאָפאָרט אויסגעפירט געוואָרן.

פון דער גרופּע האָט די איינציקע פרוי, טייבעלע ווינישעסקי, 18 יאָר אַלט, געקעמפט מיט די דייטשן אַזוי לאַנג, ביז עס זיינען ביי איר אויסגעגאַנגען די קוילן. און דאַן האָט זי געוואָרפן די ביקס, אַרויסגענומען אַ גראַנאַט און אויפגעהויבן די הענט, אַלס סימן פון כניעה. די דייטשן האָבן זיך דערפרייט צו נעמען אין געפאַנגענ־שאַפט אַ לעבעדיקע פאַרטיזאַנקע, זיינען זיי צוגעלאָפן צו איר, כדי איר נעמען אַ לעבעדיקע, אָבער ווען די דייטשן האָבן זיך צו איר דערנענטערט, האָט זי זיך אויפגעריסן מיט דעם גראַנאַט מיט זיי צוזאַמען.

ווי עס האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן, שוין נאָך דער באַ־פרייונג, האָט אין דער אויפגאַבע אָנטייל גענומען אַ פאַררעטער, וואָס איז צו אונדז אונטערגעשיקט געוואָרן פון די דייטשן, אַ קריגס־געפאַנגענער — פעטושקאָוו. אים האָט מען ליקווידירט שוין נאָך דער באַפרייונג, אין קאָוונע. די אומגעקומענע ביי דער אויפגאַבע זיינען כמעט, אַלע געווען פון אָטריאַד „וולאַדאַס באַראַנאַס״. דאָס איז געווען דער גרעסטער פאַרלוסט פאַר דער גאַנצער עק־זיסטענץ פון אונדזער ווידערשטאַנדס־באַוועגונג.

## אין שליחות צום קאָוונער אונטערערדישן פּאַרטיי־קאָמיטעט

דערווייל האָט זיך דערנענטערט די צייט ווען איך האָב געדאַרפט ווידער גיין קיין קאָוונע. דער צוזאַמענשטעל פון דער גרופּע איז דאָס מאָל געווען: ברוך לאַפּיאַנסקי, ישראל גאָלדבלאַט, אבא דיסקאַנט און איך. איך האָב געקראָגן אָנווייזונגען פאַר דעם אונטערערדישן פּאַרטיי־קאָמיטעט אין קאָוונע און איך האָב אויך געדאַרפט זיי איבערגעבן אַ גאַנץ היפּשע סומע דייטשע מאַרקן און פאַרשיידענע אויפרופן און ליטעראַטור אין ליטוויש. אויסער דעם, האָב איך זיי געדאַרפט איבערגעבן אייניקע פאַראָרדענונגען מינד־לער. פון געטאָ צוריק אין וואַלד, האָב איך געדאַרפט ברענגען אַ נייע גרופּע קעמפּערס. זיך האַלטנדיק ביי די פריערדיקע אָנוויי־זונגען. דאָס איז שוין געווען אין מערץ 1944.

איידער מיר זיינען אַרויסגעגאַנגען אין דער ריכטונג צו קאָוונע, האָב איך נאָך געהאַט צו דערליידיקן אַן אויפגאַבע אין דאָרף פּאַסיעקי. איך האָב דאָרט געדאַרפט שאַפן אַ פאַרבינדונגס־פּלאַץ ביי אַ פּוילישער פרוי, וועלכע האָט סימפּאַטיזירט מיט דער פּאַר־טיזאַנער־באַוועגונג. איך בין אַהין געקומען אינמיטן נאַכט און בין דאָרט איבערגעבליבן ביז אין דער פרי.

ווען עס האָט אָנגעהויבן צו טאָגן און די פרוי איז אַרויס פון שטוב צו פיטערן די בהמות, איז זי שנעל אַריינגעלאָפן אין שטוב און האָט מיט אַ ציטערנדיקער שטים אויסגעשריען, אַז עס קומען אָן צו איר אין שטוב דייטשן.

אַזוי ווי קיין סך צייט צו קלערן איז ניט געווען, האָט זי פון אונטער דער פּליטע געעפנט דעם קאָטוך און אַרויסגעלאָזן פון דאָרט די הינער אין דרויסן, כלומרש. זיי צו געבן עסן. מיך האָט זי אויף זייער פּלאַץ אַריינגערוקט אין קאָטוך. פאַרשטייט זיך, אַז דער אָרט איז דאָרט געווען ענג צו ליגן, און אויסער דעם איז דאָרט געווען זייער שמוציק פון די הינער, אָבער קיין אַנדער ברירה האָבן מיר ניט געהאַט.

ווען די דייטשן זיינען אַריין אין שטוב און זיי האָבן דערזען

די קוואַקטשענדיקע הינער, האָבן זיי באַלד גענומען כאַפּן די הינער, אַרונטערגעדרייט זיי די קעפּלער און זיי מיטצונעמען מיט זיך. דאַן האָבן זיי ביי איר געפּאַדערט שפּעק און אַנדער מאכלים צו דעם סאַמאַגאָן, וואָס זי האָט זיי מכבד געווען. די דייטשן האָבן דאָרט געמאַכט ביי איר אַ שיינע סעודה, זיך אויפגעהויבן און אַוועקגע־גאַנגען צופרידענע. ערשט דאַן האָט די פּוילישע פרוי מיך אַרויס־געשלעפּט פון קאַטוך.

מיר האָבן ביידע ניט באַמערקט, אַז אויפן טיש איז געלעגן אַן איבערגעלאָזענע סומקע פון איינעם פון די דייטשן. ער איז טאַקע באַלד געקומען אַפּנעמען זיין סומקע און ער האָט מיר דער־זען, זיצנדיק אין שטוב. איך האָב ניט געהאַט קיין אַנדער ברירה און אים באַלד דערשאָסן אויפן אָרט מיט מיין נאַגאַן. איך האָב, אָבער, פאַרשטאַנען אַז זיינע חברים וועלן גלייך קומען צוריק, האָב איך פאַרגעשלאָגן דער פּויערטע זי זאָל אַרויסשפּרינגען צוזאַמען מיט מיר דורכן פענצטער און אַנטלויפן אין דעם נאָענטן וואַלד און פון דאָרטן קומען צו אונדזער באַזע. די פּוילישע פרוי האָט זיך, אָבער אַנטזאָגט צו לויפן און איבערלאָזן איר האָב און גוטס אויף הפקר.

קיין צייט איר אויפצוקלערן די געפערלעכע סיטואַציע האָב איך ניט געהאַט, האָב איך אויסגעבראָכן אַ פענצטער, אַרויסגע־שפּרונגען אין דרויסן און אַנטלאָפן אין דעם נאָענטן וואַלד. נאָך מיר איז קיינער ניט נאָכגעלאָפן. ס'איז מעגלעך, אַז די דייטשן האָבן מיך אפשר ניט באַמערקט, ווייל איך בין געלאָפן הינטער דער שטוב און הינטער דעם שטאַל, וועלכע האָבן מיך פאַרשטעלט פון זיי. ס'איז אפשר אויך מעגלעך, אַז זיי האָבן בכלל זיך ניט אָריענטירט וואָס דאָ קומט פאָר, יעדנפאַלס ס'איז מיר דאַן געלונגען צו אַנט־לויפן. און אַזוי אַרום בין איך דאַן געראַטעוועט געוואָרן פון אַ זיכערן טויט.

ווי איך האָב זיך, אָבער, שפּעטער דערוווּסט פון די שכנותדיקע פּויערים, האָבן די דייטשן זיך טאַקע אומגעקערט צוריק אין שטוב און געפינענדיק דאָרטן זייער טויטן חבר, האָבן זיי אונטערגעצונדן די שטוב צוזאַמען מיט דער פּויערטע. איך בין אָנגעקומען צוריק

אויף דער באַזע און פון דאָרטן, צוזאַמען מיט די איבנדערמאַנטע חברים, בין איך אַוועק קיין קאָוונע.

יעדעס מאָל, ווען מיר זיינען געגאַנגען אויף קאָוונע האָבן מיר געמוזט ענדערן דעם מאַרשרוט. אַזוי פלעגן מיר מוזן דורכגיין דעם דאָרף פּאַסיעקי, און דאָס מאָל, צוליב דעם איבנדערמאַנטן פאַל, האָבן מיר דעם דאָרף געמוזט אויסמיידן. אויך דעם דאָרף קיבוטשיי זיינען מיר געווען געצוווּנגען אויסצומיידן. אין דעם דאָרף האָט געלעבט אַ פויער נאַנאַרטאַניס, מיט וועמענס פערד איך האָב זיך גענוצט אין וועג.

מיין פאַרבינדלער אין דאָרף קיירישקיס, אָרלאָוו, האָט מיר געזאָגט, אַז נאַנאַרטאַניס האָט געמאָלדן דער זשעזשמערער פּאָליציי, ווו עס האָט געאַרבעט אָרלאָווס זון אַלס שרייבער, אַז פּאַרטיזאַנער צווינגען אים צו געבן זיי זיין פערד צו באַנוצן זיך מיט אים אין וועג. אַזאַ מסירה האָט געקענט ברענגען דערצו, אַז אין נאַנאַרטאַניסעס שטוב האָט געקענט וואַרטן אויף אונדז אַ לויערונג. אַלס שטראָף דערפאַר, האָב איך אים אין איין נאַכט ליקווידירט, אָבער דערפאַר האָבן מיר געמוזט אויסמיידן דעם דאָרף אין אונדזערע שפּעטערדיקע גענג אויף קאָוונע.

אָן אַ פערד און וואָגן איז דער אַריינגאַנג אין קאָוונע פון פיר יונגעלייט, אָן אַ קאָנטראָל, געווען אוממעגלעך. מ׳האָט זיך נאָר געקענט אויסמישן מיטן פערד און וואָגן אין דעם קאַראַוואַן פון פאַרנדיקע פויערים אויפן מאַרק אין די מאָרגן־שעהן און מיט זיי אַריינפאָרן אין שטאָט. מיר האָבן אַנשטאָט נאַנאַרטאַניסעס פערד געמוזט נעמען אַן אַנדער פערד און וואָגן אין דאָרף רוסאניס, צוזאַמען מיטן פויער. אַזוי האָבן מיר זיך אַריינגעצויגן אין דעם קאַראַוואַן, פאָרנדיק צום מאַרק. אונדזער וועג איז געווען מיטן שאָסיי דורך רומשישקעס — פּעטראַשון — קאָוונע.

ווען מיר זיינען דורכגעפאָרן פּעטראַשון, איז דער פויער געגאַנגען צו פוס לעבן דעם פערד, ישראל גאָלדבלאַט איז געזעסן אין וואָגן און געהאַלטן די לייצעס און, איך מיט ברוך לאַפּיאַנסקי און אבקע דיסקאַנט זיינען געגאַנגען צו פוס ביי די זייטן פון וואָגן.

צווישן פּעטראַשון און קאָוונע איז געווען דער זעקסטער

פאַרט, ווי עס האָבן זיך געפונען די רוסישע קריגס־געפאַנגענע. ווען עס גיט זיך איין בשלום דורכצופאָרן דעם אָרט, קען מען זאָגן אַז מען האָט דערגרייכט די שטאָט קאָוונע, בשלום. ליידער האָט עס אונדז דאָס מאָל ניט געגליקט. ווי נאָר מיר זיינען צוגע־פאָרן צום זעקסטן פאָרט, האָט אַ ליטווישער פּאָליציסקער מיט אַ דייטש אָנגעהויבן צו רעקווירירן פערד און וועגנער פון די פויערים אויף אַ ספּעציעלער אַרבעט פאַר דעם פאָרט. אונדזער פערד און וואָגן איז אויך אַריינגעפאַלן צווישן די רעקווירירטע, אָבער, אַזוי ווי מיר דריי זיינען געגאַנגען צו פוס ביי די זייטן פון וואָגן, האָבן מיר גיך אָפּגעצויגן און גענומען גיין באַרג אַרויף, אין דער ריכטונג צום אזשואָלינאַס (אייכן־בוימער פּאַרק). ישראל גאָלדבלאַט, וואָס איז געזעסן אין וואָגן, איז געפאָרן ווייטער, ווען ער האָט דערגרייכט דעם טויער פון 6־טן פאָרט, האָט ער זיך ניט פאַרלוירן, אַראָפּגעשפּרונגען פון וואָגן, איבערגעגעבן די לייצעס דעם פויער און אַליין האָט ער ביסלעכווייז אָנגעהויבן אָפּציען...

אין גרויסן טומל פון דער הירזשעריי פון די פערד און אין די געשרייען פון די פויערים, איז אים געלונגען זיך צוריקצוציען און האָט אונדז דערגרייכט אויפן באַרג צום אַזשואָלינאַס. מיר האָבן דאָ אָפּגעשפּילט מיט גרויס מזל. און אַזוי זיינען מיר איינציקווייז אָנגעקומען בשלום צום געטאָ. איך האָב זיך אַרומ־געדרייט ניט ווייט פון צוים, לעבן די קאַפּינעס (מאָהילניק). דאָרטן האָט מיך באַמערקט פּסח שאַטער און האָט צו מיר צוגעווונקען און געגעבן צו פאַרשטיין, אַז ער האָט מיך באַמערקט.

ווען דער פּאָסטן איז אַוועק אַ היפּשן שטיקל מרחק פון דעם אָרט, און ער האָט אונדז ניט געקענט זען, האָט פּסח שאַטער גע־עפנט דעם דראָט פון צוים און איך בין אַריינגעקראָכן אין געטאָ. אויף אַזאַ אופן זיינען אויך דורכגעגאַנגען ישראל גאָלדבלאַט און ברוך לאָפּיאַנסקי. דער איינציקער וואָס האָט געהאַט שוועריקייטן מיטן אַריינגאַנג אין געטאָ, איז געווען אבא דיסקאַנט. ער איז געצווונגען געווען אַוועקצוגיין ביז דעמאָקראַטו־פּלאַץ, און ערשט

דאָרטן, האָט זיך אים איינגעגעבן אַריינצוגיין דורך דעם צווים אין געטאָ.

אין געטאָ האָב איך געהאַט אַ רירנדיקע באַגעגעניש מיט חיים יעלין. ער האָט מיך אויסגעפרעגט אויף זיין שטייגער, אַלע איינצל־הייטן, וועגן יעדערן באַזונדער און ער וואָלט קיינמאָל ניט מיד געוואָרן צו הערן נאָך און נאָך פּרטים. אָבער, לײַדער, האָט אונדז די צייט ניט דערלויבט. אונדז איז פאָרגעשטאַנען אַ גרויסע און דרינגענדע אַרבעט.

## גרישע קרוגליאַקאָוו — אַ קרבן פון אַ פאַרראַט

די ערשטע אויפגאַבע איז ביי מיר געווען שוין אַ באַשטעלטע פון פריער, דאָס איז די טרעפונג מיט דעם סעקרעטאַר פון קאָוונער אונטערערדישן פאַרטיי־קאָמיטעט, גרישע קרוגליאַקאָוו. פאַר אים האָב איך געהאַט אַ סך וואָס איבערצוגעבן פון יורגיסן. די טרעפונג האָט געדאַרפט פאָרקומען נאָך מיין קומען אין געטאָ, לעבן דער געוועזענער פאַבריק „גומא״. צוזאַמען מיט חיימען זיינען מיר פּינקטלעך אָנגעקומען אויף דעם אָפּגערעדטן פּלאַץ.

מיר האָבן דאָרטן געוואַרט מיט גרויס אומגעדולד און פּלוצלינג האָבן מיר דערהערט אַ שיסעריי פון דעם אָרט וווּ קרוגליאַקאָוו האָט געדאַרפט זיך איבערשיפן מיט אַ שיפל אויף דער צווייטער זייט פון דער ווילי. מיר האָבן פאַרשטאַנען, אַז עפּעס האָט גע־טראָפן אַן אומגליק. מיר האָבן נאָך אָפּגעוואַרט אַ היפּשע שטיקל צייט, און אַזוי ווי גרישע קרוגליאַקאָוו איז ניט אָנגעקומען אויף דעם טרעפפּונקט, זיינען מיר אַוועק צוריק אין געטאָ.

אויף מאָרגן האָט חיים יעלין זיך געטראָפן מיט פּעטיאַ טראָ־פימאָוו און זיך געגעבן דערוווּסט, וואָס עס האָט פּאַסירט. קרוג־ליאַקאָוו איז אָנגעקומען אין קאָוונע אין אָוונט פאַר דעם, ווי ער האָט זיך געדאַרפט מיט מיר טרעפן. ער האָט גענעכטיקט ביי אַ פאַרבינדלערין אויף אוקסטייטשא גאַס און ווי געוויינלעך, האָט ער דאָרטן געמאַכט אַ שנאַפּס. ווי עס ווייזט אויס האָט ער זייענדיק בגילופין, אויך דערציילט, אַז ער דאַרף אויף מאָרגן אין אָוונט

אַריבערשווימען מיט אַ שיפל איבער דער ווילִיע, לעבן דער פאַבריק „פריעקאַלאַס", ווייל ער האָט אין סלאָבאָדקע אַ וויכטיקע טרעפונג. די פאַרבינדלערין האָט זיך אַרויסגעוויזן, איז געווען אַ פאַררעטערין און זי האָט עס אויף מאָרגן פרי איבערגעגעבן דער געסטאַפּאָ.

ניט ווייט פון שיפל, ווו קרוגליאַקאָוו האָט געדאַרפט אַריבער־שווימען די ווילִיע, איז געווען אַ לויערונג פון געסטאַפּאָ־לייט, מיטן ציל צו פאַרכאַפּן קרוגליאַקאָוון אַ לעבעדיקן. ווען קרוגליאַ־קאָוו איז אָנגעקומען צום שיפל, האָבן זיי פון דער לויערונג גע־שאָסן אויף אים, אָבער ניט כדי צו טרעפן אים שווער. ער האָט געענטפערט צוריק מיט פייער פון זיין פּיסטאָלעט און האָט אַריינ־געוואָרפן אין טייך זיין פּאָרטפעל. גלייך איז אַריינגעשפרונגען איינער פון די געסטאַפּאָ־לייט אין טייך און אַרויסגעהויבן דעם פּאָרטפעל פון וואַסער. קרוגליאַקאָוון האָט מען אַ שווער פאַר־ווונדעטן פאַרכאַפּט אַ לעבעדיקן און אַוועקגעפירט אין געסטאַפּאָ.

אויף מאָרגן, נאָך דעם ווי מען האָט געכאַפּט קרוגליאַקאָוון, האָט די געסטאַפּאָ אַדורכגעפירט אַרעסטן אין מוראַוועָ. דאָרט האָט די געסטאַפּאָ פאַרכאַפּט דעם קערן פון דעם אונטערערדישן פּאַר־טיי־קאָמיטעט. סך־הכל האָט מען דאָרט אַרעסטירט איבער 180 פּערזאָן. צווישן די אַרעסטירטע איז אויך אַריינגעפאַלן קאָסטיאַ ראַדיאָנאָווס פאָטער און אַ ריי קרובים פון זיין משפחה.

אין רעזולטאַט פון די שווערע אַרעסטן, איז כמעט ליקווידירט געוואָרן דער גאַנצער אונטערערדישער פּאַרטיי־קאָמיטעט פון קאָוונע. עס זיינען בלויז איבערגעבליבן, דאָ און דאָרטן, אייניקע מיטגלידער פון קאָמיטעט, וועלכע האָבן,ליידער, ניט געהאַט קיין ענגע פאַרבינדונג צווישן זיך. דאַן האָב איך זיך געווענדעט צו חיים יעלינען און אים געזאָגט, אַז אייגנטלעך איז געקומען דער מאָמענט, ווען וועלכן עס האָט אין זיינער צייט געזאָגט יורגיס, אַז ווען די אַרבעט אין קאָוונע וועט ווערן פאַר אים אוממעגלעך אויסצופירן און עס וועט אים דראָען אַ דירעקטע געפאַר, זאָל ער גלייך קומען צו אונדז אויף דער באַזע. חיים האָט מיר אויף דעם געענטפערט, אַז חוץ דער שטאָט קאָוונע האָט ער אויך פאַרפליכ־

טונגען פאַר דעם אונטערערדישן אַקטיוו אין געטאָ, און פאַר זיי איז ער נאָך זייער נויטיק דאָ אויפן אָרט...

## בעת דער קינדער־אַקציע אין געטאָ

פאַר דער צייט איז אין געטאָ פאָרגעגאַנגען פיבערהאַפטע צוגרייטונגען צו אַרויסטראַנספּאָרטירן פון געטאָ די גרופּע קעמ־פערס, וועלכע זיינען באַשטימט געוואָרן פון קאָמיטעט. אין דער גרופּע האָט אויך געזאָלט אַריינגעשלאָסן ווערן „ברייינקע דער קאָזאַק" (בלאָשטיין), און דאָס שוין מיט דער צושטימונג פון קאָמיטעט. ליידער האָט זי אָבער קיין מזל ניט געהאַט. אויפן געטאָ האָט זיך אַראָפּגעלאָזן אַ נייע צרה. די געטאָ איז געדיכט אַרומגע־רינגלט געוואָרן פון די ס.ס.־לייט און זיי האָבן אַדורכגעפירט די קינדער־אַקציע. זיי זיינען געגאַנגען פון שטוב צו שטוב און האָבן צונויפגעקליבן די קינדער ביז צו דעם עלטער פון אַרבעטספּעאיקע צום פאַרניכטן.

אַזוי ווי די אַקציע איז געווען אַ פּלוצעמדיקע, אָן אַ מעלדונג פון פאָרויס, האָט מען כלל נישט באַוויזן צו באַהאַלטן אַ באַדיי־טנדע צאָל קינדער אין די „מאַלינעס".

אַ געוויסע צאָל קינדער האָט מען שוין באַצייטנס אַרויסגע־טראָגן פון געטאָ און איבערגעגעבן צו קריסטלעכע פאַמיליעס צו באַהאַלטן, און נאָך אַ געוויסן טייל קינדער האָט מען אין איילעניש באַהאַלטן אין געטאָ גופא בעת דער אַקציע.

אונדז, די געקומענע פון וואַלד אין געטאָ, האָט מען אויך באַהאַלטן אין אַ „מאַלינע" אויף נאַשלייטשו גאַס 3. די קינדער־אַקציע, איז אייגענטלעך באַשטימט געוואָרן פאַר קינדער אַליין, נאָר זי איז אויך חל געווען אויף עלטערע מענטשן, וועלכע מען האָט געהאַלטן, אַז זיי זיינען ניט אַרבעטספּעאיק...

די אַקציע איז אַדורכגעגאַנגען זייער אכזריותדיק און האָט פיינלעך שווער געטראָפן די יידן אין געטאָ. איינער פון די רוסישע רוצחים, וועלכער האָט אָנטייל גענומען אין דער אַקציע, ווענדיק באַרואיקן אַ שרייענדיקן קינד, האָט אָנגענומען פאַר די פּיסלעך

און מיטן קעפל עס דערלאַנגט אַ קלאַפּ אין סטאָלב. איין אַנדע־רער מערדער האָט אַרונטערגעוואָרפן דריי קינדער פון דריטן שטאָק דורך אַ פענצטער אין לאַסט־אויטאָ אַריין.

נאָר אַ גאַנצן טאָג אַרבעט זיינען די געסטאַפּאָ־לייט געווען ניט באַפרידיקט פון דעם גאַנג פון דער אַקציע, ווייל זיי האָבן גע־האַלטן, אַז עס דאַרפן נאָך זיין אַ סך מער קינדער אין געטאָ ווי זיי האָבן צוזאַמענגעקליבן. אויסער דעם האָבן זיי געקראָגן אַ מעלדונג פון זייערע יידישע מוסרים, אַז אין געטאָ געפינען זיך באַהאַלטן אַ גרופּע טעראָריסטן פון וואַלד.

כדי צו דערגרייכן בעסערע רעזולטאַטן פון זייער אַקציע, האָט די געסטאַפּאָ צוזאַמענגענומען אויף דעם 9־טן פּאַרט די געטאָ־פּאָליציי מיט ליפּצערן בראש און דאָרטן האָט מען יעדערן באַ־זונדער פון די וויכטיקע פּאָליציי־לייט געמאַטערט, אַז זיי זאָלן אַרויסגעבן די ערטער ווו עס זיינען נאָך באַהאַלטן קינדער אין געטאָ און אויך די געקומענע פון וואַלד טעראָריסטן.

אַ גרויסער טייל פון די פּאָליציי־לייט האָבן זיך געהאַלטן העלדיש, און ניט געקוקט אויף די גרויסע יסורים און עינויים, וואָס מען האָט זיי אָנגעטאָן, האָבן זיי געשוויגן און קיינעם ניט אַרויס־געגעבן. דערביי דאַרף באַזונדערס דערמאָנט ווערן די העלדישע האַלטונג פון די העכערע פּאָליציי־לייט: משה לעווין, יהודה זופּאָ־וויטש, איקא גרינבערג, ראובן זעלצער. דאָס זיינען געווען מענטשן, וואָס האָבן געוווּסט וועגן אונדזער געפינען זיך אין געטאָ, ווייל זיי זיינען געווען מיט מיר אין דירעקטער פאַרבינדונג און מיטגע־האָלפן אין די צוגרייטונגען פון דער אַרויסגייענדער אין וואַלד גרופּע. אויך די אַנדערע אומגעקומענע פּאָליציסטן (אַרום 35 פּער־זאָן), האָבן געוווּסט ידיעות וואָס זיינען געווען זייער נויטיק דער געסטאַפּאָ.

עס זיינען, אָבער, געווען פּאָליציסטן וועלכע האָבן ניט אויס־געהאַלטן און זיך אונטערגעגעבן דעם דרוק פון געסטאַפּאָ און אַרויסגעגעבן באַהעלטענישן ווו עס האָבן זיך געפונען יידישע קינדער. איך האָב די נעמען פון די פּאָליציסטן ניט געוווּסט, נאָר איך האָב זיי פאַרשאָלטן אויף אייביק, ווייל דאָס אַרויסגעבן קינדער

דער געסטאַפּאָ, איז דער גרעסטער פאַרברעכן וואָס מען קען זיך פאָרשטעלן און איז די העכסטע פאָרם פון פאַרראַט.

פון דער באַהעלטעניש, ווו מיר האָבן זיך געפונען בעת דער קינדער־אַקציע האָט מען אונדז אַריבערגעפירט צו נעבטיקן אין שטוב פון דער פאַמיליע מאַרשאַק. דער ראש פון דער משפחה איז געווען אַ בעקער, זיינע צוויי זין, אַ צווילינג — זיינען געווען מיט־גלידער פון דער אונטערערדישער אַנטיפאַשיסטישער אָרגאַניזאַציע. דאָ האָבן מיר אויף מאָרגן פרי געקראָגן אַ ידיעה דורך מנשה׳קע סאַפּאָזשניקאָוו — דעם שליח פון ליפּצערן, אַז דער געסטאַפּאָ איז באַוווּסט וועגן אונדזער אויפהאַלט אין געטאָ, און עס וואָלט געווען געוווּנטשן, סיי פאַר אונדז אַליין און סיי פאַרן געטאָ, אַז מיר זאָלן וואָס אַמשנעלסטן זיך אָפּטראָגן פון געטאָ.

חיים יעלין איז אין דער צייט געווען אין שטאָט. דער אונטער־ערדישער קאָמיטעט האָט באַשלאָסן, אַז איך און ברוך לאָפּיאַנסקי זאָלן אַרויס, וואָס שנעלער, פון געטאָ מיט אַן אַרבעטס־בריגאַדע, וואָס האָט געאַרבעט אויף ניעמונאַ־גאַס און פון דאָרטן זאָלן מיר אָפּציען אויף דער אייגענער איניציאַטיוו. אויך איז באַשלאָסן גע־וואָרן אַז ישראל גאָלדבלאַט און אַבקע דיסקאַנט, זאָלן פאַרלאָזן די געטאָ דורך דעם צוים, אין אָוונט, אויסניצנדיק די פינצטערניש.

דער טרעפפונקט מיט חיים יעלין איז געווען אין מאַלעטאָ־גאַס 7, אויף דער דירה ביי פעטיאַ טראָפּימאָווס טויבע שוועסטער. איר דירה האָט זיך געפונען אויפן צווייטן שטאָק. אונטן האָט גע־וווינט אַ פּאָליציסט מיט זיין פאַמיליע. מען האָט געדאַרפט זיין באַזונדערס פאָרזיכטיק מיטן אַריינגאַנג אין דער דירה צו חיימען. אמת, אין משך פון טאָג איז דער פּאָליציסט אין שטוב ניט געווען, ווייל ער איז געווען אויף זיין דינסט־פּלאַץ, אָבער פאַר זיינע שטוביקע האָט מען זיך אויך געדאַרפט היטן.

אין געטאָ איז דורכן קאָמיטעט פון דער אונטערערדישער אָרגאַניזאַציע געגעבן געוואָרן אַ באַפעל, אַז ווען מען עס וועט געלינגען דורכצוגיין דורך דעם צוים, וועט קענען גיין אין פּאַרטי־זאַנער אָטריאַד.

## ווען ס'ברענט די געטאָ — וואַכט אויף דער וואַלד

אין משך פון טאָג זיינען אַרויס דורכן צוים: אַלטע טעפּער, שולמית לערנער, רחל בערמאַן, יעקב לעווין (אַנטאַנאַס), יצחק מיקלישאַנסקי (איצקוטיס) און מאַטיס גאָלדבערג. דער לעצטער איז אויך געקומען ישראל גאָלדבלאַט. אַבקע דיסקאַנט איז ניט אַרויס דורכן צוים. אויך בריינקע בלאַשטיין, איז ניט געלונגען דאָס מאָל אַרויסצוגיין פון געטאָ, און דאָס האָט געחתמעט איר גורל.

עס האָבן אויך געפּרוּווט דורכצוגיין דורך דעם געטאָ־צוים פיל אַנדערע, אָבער עס האָט זיך זיי ניט איינגעגעבן, צום ביישפּיל: דניאל קאַפּלאַן, איז יאָ געלונגען דורכצוגיין דעם צוים, אָבער עס האָבן אים געכאַפּט אַגענטן פון ליטווישן „סאַוגומאַס" (זיכער־הייטס־דינסט). ער האָט נאָך געהאַט מזל, וואָס ער איז בלויז אָפּ־געקומען נאָר מיט קלעפּ און מען האָט אים צוריקגעבראַכט אין געטאָ. די וואָס זיינען געקומען בייטאָג פון געטאָ, זיינען געקומען צו אונדז אויף דעם טרעפפּונקט, מאַלעטאָ־גאַס 7 און די, וואָס זיינען אַרויס אין אָוונט פון געטאָ, זיינען געקומען אויף יאַנאַוואַס 52, צו פּעטיאַ טראַפּימאַווס דירה. דאָרטן האָט אויף אונדז געוואַרט דער לאַסט־אויטאָ פון פּאַוויליאַוויטשוס. איצקוטיס איז נאָך געווען געקומען אויף מאַלעטאָ־גאַס 7, אָבער דאָרט שפּילנדיק זיך מיט זיין פּיסטאָלעט, האָט ער ניט ווילנדיק אויסגעשאָסן אין דיל. דאָס האָט געקענט זיין פאַר אונדז זייער געפערלעך, ווייל אונטן האָט געוווינט דער פּאָליציסט. דעריבער זיינען מיר געווען געצוווּנגען צו אַנט־לויפן פון דער דירה, נאָך מיט טאָג־ליכט.

אויף דער דירה האָט מיר חיים יעלין איבערגעגעבן אַ מתנה אין נאָמען פון אונטערערדישן קאָמיטעט, אַ רוסישן אַווטאָמאַט פּ.פּ.ד. איך האָב מיט דעם אַווטאָמאַט אין האַנט געדאַרפט לויפן פון דער דירה איבער די טאַקאָסן (זייטן־שטעגלער), ביז יאַנאַוואַס 52, צו פּעטיאַ טראַפּימאַוון. דאָרטן האָבן מיר זיך צוזאַמענגעקליבן נאָך 9 מענטשן. אמת, אַלע האָבן זיך באַוואָפנט פון אונדזער גע־ווער־אַרסענאַל. די מאַשין האָט ביי די אומשטענדן לאַנג ניט גע־קענט וואַרטן, און מיר זיינען אַרויסגעפאָרן פון קאָוונע נאָר מיט

נ י י ן מענטשן. דאָס איז געווען די לעצטע גרופּע פון קאָוונע, וואָס איז אַרויסגעפאָרן מיט מאַשינעס. אויך פאַר דעם שאָפער איז די גרופּע געווען די לעצטע.

ווען מיר זיינען אַדורכגעפאָרן דאָס שטעטל אַנושקיס, האָט אונדז די „סאַוויסאַוגא״ (ליטווישע זעלבסטשוץ), געוואָלט אָפּ־האַלטן אויף אַ קאָנטראָל, האָב איך דעם שאָפער געהייסן געבן גאַז און ניט אָפּשטעלן זיך. ווי עס ווייזט אויס האָבן די מענטשן פון „סאַוויסאַוגא״ פאַרשריבן דעם נומער פון דער מאַשין און איבער־געגעבן דער געסטאַפּאָ.

ווען דער שאָפער האָט זיך אומגעקערט צוריק אַהיים, איז ער גלייך אַרעסטירט געוואָרן דורך דער געסטאַפּאָ. מיר זיינען אַוועק צו פוס צו אונדזער באַזע. אונטערוועגס האָבן מיר געמאַכט אַ טאָג־רו אין דאָרף זשאַליאַי, ביי מיינע באַקאַנטע פּויערים. דאָ האָב איך געפּרוּווט זיך אויסשלאָפן און אָפּרוען פון לאַנגן וועג, האָבנדיק איינגעשטעלט אַ וועקסל-וואַך, ד. ה. אַז אַלע צוויי שעה זאָל זיך די וואַך בייטן.

די חברה זייענדיק הונגעריק, האָבן זיך ניט געקענט דערוואַרטן, ביז איך וועל זיך אויפוועקן פון שלאָף און געבעטן מען זאָל זיי געבן עפּעס עסן. מען האָט זיי אָפּגעקאָכט קאַרטאָפל און געגעבן צו עסן מיט זויערמילך. און ווען איך האָב זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף, האָט די פּויערטע פאַר מיר געמאַכט אַ פּיינקוכן אויף 5 אייער מיט חזיר. די חברה האָבן מיר מקנא געווען, וואָס איך האָב געהאַט אַ בעסערן „מאָלצייט״ ווי זיי. דאָ האָב איך זיך דערוווּסט די רעזולטאַטן פון מיין לעצטן באַזוך אין דאָרף פּאַסיעקי, וועלכער געפינט זיך 3 קילאָמעטער פון זשאַלאַי*. אָפּרוענדיק זיך, האָבן מיר אין אָוונט פאַרגעזעצט אונדזער גאַנג צו אונדזער באַזע. דער גאַנג איז אַדורך אָן באַזונדערע שוועריקייטן, און ווי געוויינלעך, האָט מען אונדז אין אַטריאַד זייער גוט אויפגענומען ווען מיר

---

* מיר האָבן אַלע זייער באַדויערט דעם טראַגישן טויט פון דער פּויערטע, וועלכע די דייטשן האָבן פאַרברענט צוזאַמען מיט איר שטוב.

זיינען אָנגעקומען. אַזוי אויך אין אינקלארישקי ווו מיר זיינען געווען צוגאַסט ביי אונדזערע שכנים.

## דאָרט ווו ס׳פּולסירט דער דופק פון קאַמף

מיט גרויס צער האָט יורגיס אויפגענומען די ידיעה וועגן דעם פּאַרלוסט אין דער קאָוונער אונטערערדישער פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע. ער האָט באַשלאָסן אַז איך זאָל אייניקע טעג זיך אָפּרוען און דאַן וועט ער מיך ווידער שיקן קיין קאָוונע מיט אַ באַזונדערס וויכטיקע אויפגאַבע, וועגן וועלכער ער וועט מיר גענוי אויפקלערן.

די אויפגאַבע איז באַשטאַנען אין דעם: אין דער זעלבער צייט ווען איך וועל זיין אין קאָוונע, וועל איך מוזן אויפזוכן דורך די איבערגעבליבענע אין קאָוונע מיטגלידער פון דעם פּאַרטיי־קאָמי־טעט: — פּעטראַוויטשן באַשטימען אַלס סעקרעטאַר פון קאָוו־נער אונטערערדישן פּאַרטיי־קאָמיטעט און אַלס זיינע פּאַרטרע־טערס — איגנאַסן (פּעטיאַ טראַפּימאָוו) און וולאַדאַסן (חיים יעלין). זייער אויפגאַבע וועט זיין צוריק אויפצובויען אַ נאָרמאַלע אונ־טערערדישע אַרבעט אין שטאָט קאָוונע און אומגעגנט. אויסער דעם וועל איך בעתן אויספירן די אויפגאַבע אויסקלייבן צווישן די אַנטלאָפענע קריגס־געפאַנגענע געוועזענע קאָמאַנדירן פון דער רויטער אַרמיי און זיי ברענגען אויף דער באַזע.

די נייטווענדיקייט פון דעם, איז אַרויסגערופן געוואָרן, וואָס ס׳האָט זיך געשאַפן אַ סיטואַציע, וואָס אונדזער אָטריאַד האָט זיך פאַנאַנדערגעוואקסן אין דריי באַזונדערע אָטריאַדן, און אַ טייל פון אונדזערע קאָמאַנדירן זיינען אומגעקומען אין קאַמף, צווישן זיי אויך דער פירנדיקער קאָמאַנדיר — מישאַ טרושין. אין מיין אויספירן די אויפגאַבע, וועט מיר קענען העלפן פּעטראַוויטש מיט זיינע מענטשן.

דערווייל בין איך אַוועק אויף דער באַזע זיך אויסרוען, אָבער רוען האָבן מיר די חברים פון אָטריאַד ניט געלאָזן. איך האָב זיי געמוזט דערציילן וועגן דער קינדער־אַקציע. עס איז געווען אַ היפּשע טייל געליטענע פון דער אַקציע. ביי פּאַדיסאַנען איז אין

דער אַקציע אומגעקומען זיין טאַכטער צוזאַמען מיט באַריס שניי־דערס טאַכטער, וועלכע האָט זיך אויפגעהאַלטן בעת דער קינדער־אַקציע ביי זיי אין שטוב, ווייל אירע עלטערן האָבן זיך עוואַקואירט אין רוסלאַנד, ווען זי האָט זיך געפונען אין אַ פּיאָנערן־לאַגער אין פּאַלאַנגען. איך האָב יעדערן געמוזט ענטפערן אויף זיינע פראַגן.

שוין אויף מאָרגן, איז געקומען דער באַפעל פון יורגיסן, אַז איך און יורקע (אַ קריגס־געפאַנגענער) זאָלן גיין אין דאָרף פּאַד־באַזשע און צונעמען דאָרט אַ פאָטאָ־אַפּאַראַט, נויטיקע פאָטאָ־כעמיקאַלן און פאָטאָ־פּאַפּיר, און אויב ס׳וועט זיין מעגלעך ברענ־גען אויך דעם פאָטאָגראַף אַליין. אויב דאָס וועט אונדז ניט געלונגען אין דאָרף פּאַדבאַזשע, זאָלן מיר אים פּרווון באַקומען אין אַנדע־רע דערפער אין דער סביבה. ס׳איז אומבאַדינגט נויטיק געווען צו פאָטאָגראַפירן אונדז ביידן, כדי צו מאַכן פאַלשע דאָקומענטן, ווייל עס איז פאַרגעשטאַנען צו ברענגען אין קאָוונע אַ געלאַנדעטן פון אַן אַעראָפּלאַן פאַראַשוטיסט, אַ מאַיאָר פון דער קאָנטר־ראַז־ווידקע (אויסשפּיר־דינסט), וועלכער האָט געדאַרפט זיך איינאָר־דענען אין קאָוונער ביעלאָרוסישן כאָר אַלס באַריטאָן.

איך האָב אים געדאַרפט איינאָרדענען אין איינע פון אונד־זערע פאַרבינדונגס־פּלעצער אויף קוואַרטיר. דאָרטן האָט ער גע־דאַרפט איינשטעלן אַ ראַדיאָ־איבערגעבער, און איבערגעבן ידיעות צום מאָסקווער אויסשפּיר־דינסט. צוזאַמען מיט אים האָבן מיר געדאַרפט ברענגען אין קאָוונע אויך אַלע זיינע קליידער און געלט. צוגלייך מיט אים האָבן מיר געדאַרפט ברענגען פאַר דעם אונטער־ערדישן פּאַרטיי־קאָמיטעט 8 מאַגנעטישע מינעס, געלט און ליטע־ראַטור. ער, דער מאַיאָר האָט אויך געהאַט פאַלשע דאָקומענטן פון מינסקער געסטאַפּאָ מיט אַ רעקאָמענדאַציע צו דער קאָוונער געס־טאַפּאָ אים איינצואָרדענען אין דעם דערמאָנטן ביעלאָרוסישן כאָר, אַלס זייערן אַן אַגענט.

אונדז צו באַגלייטן האָבן מיר גענומען יאַנקל לעווין און איצקוטיסן. איך און יורקע האָבן אויף דעם וועג געקראָגן, יעדע־רער, צו אַ דייטשן אַווטאָמאַט מיט אַ סך דיסקן צו זיי און קוילן. חוץ די אויבנדערמאָנטע אויפגאַבעס, האָב איך געדאַרפט אויספירן

אַנדערע אויפגאַבעס, וועלכע יורגיס האָט מיר געגעבן אין אונדזער פריערדיקן געשפּרעך. און צום סוף, אויב עס וועט זיך מיר איינגעבן צו פאַרבינדן זיך מיטן געטאָ, זאָל איך דאָן אויך ברענגען פון דאָרטן קעמפּערס אין אָטריאַד.

צוערשט בין איך מיט יורקען אַוועק אין דאָרף פּאָדבאָזשע צו ברענגען פון דאָרטן אַ פּאַטאָ־אַפּאַראַט, מיט אַלע נויטיקע דערצו זאַכן. דעם אַדרעס פון אָרט האָבן מיר באַקומען פון אַ פּוילישן פּאַרטיזאַן פון יענער געגענט, וועלכן מיר האָבן מיטגענומען מיט זיך. אין דאָרף זיינען מיר אָנגעקומען אין מיטן דער נאַכט צו דער אָנגעוויזענער שטוב, אויפגעוועקט דאָרט די מענטשן און געפּאָ־דערט מען זאָל אונדז תיכף אַרויסגעבן דעם פּאַטאָ־אַפּאַראַט מיט אַלע צו אים נויטיקע כעמיקאַלן און פּאַטאָ־פּאַפּיר.

צוערשט האָט דער פּאָליאַק זיך געקווענקלט אַרויסצוגעבן אַלץ וואָס מיר האָבן פון אים פאַרלאַנגט, אָבער ער האָט דערזען, אַז מיר זיינען געקומען צו אים ניט צו שפּאַסן און זיינען דערצידירט צו אָננעמען שריט אויב ער וועט זיך אָפּזאָגן דאָס צו טאָן, האָט ער פאַרשטאַנען די ערנסטקייט און אונדזער אַנטשלאָסנקייט. ער האָט אונדז אַרויסגעגעבן אַלץ וואָס מיר האָבן געדאַרפט. מיר האָבן, וואָס אַן אמת, אים צוגעזאָגט צוריק אָפּגעבן דעם פּאַטאָ־אַפּאַראַט, נאָכן אויספירן אונדזער אויפגאַבע. מיר האָבן שנעל אָפּגעצויגן פון דאָרף אויף צוריק, ווייל אין דעם דאָרף זיינען געווען די „ווייסע פּאָליאַקן", וועלכע האָבן געקעמפט קעגן אונדז.

ביי יורגיסן איז געווען אַ פּאָטאָגראַף צווישן זיינע פּאַרטי־זאַנער, וועלכער האָט אונדז פּאָטאָגראַפירט און מען האָט אונדז געמאַכט פאַלשע דאָקומענטן. לויט מיין פאַלשן דאָקומענט האָב איך געהייסן יוזאַס לאַזאַוסקאַס. איצט זיינען מיר שוין געווען גרייט צו אויספירן אונדזער אויפגאַבע. יורקע האָט געדאַרפט לויט אַן אָנגעצייכנטן פּלאַן בלייבן אין קאָוונע צוזאַמען מיטן מאַיאָר, אַלס זיין שוץ. מיין אויפגאַבע, וואָס אנבאַלאַנגט דעם מאַיאָר, האָט זיך געדאַרפט ענדיקן נאָך דעם, ווי איך וועל אים איינאָרדענען אויף איינעם פון אונדזערע פאַרבינדונגס־פּונקטן אין קאָוונע.

ביז אינקלארישקי האָבן מיר געהאַט אַ בכבודיקע באַגלייטונג

פון יורגיסן מיט זיין סוויטע. פון אינקלארישקי ביז איבער דער באן־ליניע האבן אונדז באגלייט נאך 4 פארטיזאנער, ווייל אין אונדזער רשות זיינען געווען א סך זאכן פון דעם מאיאר, און ס'איז זיי געווען שווער צו טראגן. פון דארף גודאקעימיס האבן מיר גענומען א פערד און וואגן און מיר זיינען געפארן.

פון אט דעם פלאץ האבן מיר זיך צעשיידט מיט אונדזערע באגלייטערס און פארגעזעצט דעם וועג אליין, און זיי. מיר זיינען געווען 4 מענטשן: איך, יורקע, יאנקל לעווין און איצקוטיס. יורקע איז אויסגעקליבן געווארן אלס פאסיקער צו דער אויפגאבע, ווייל ער איז שוין פריער געווען א לענגערע צייט אין קאוונע צוזאמען מיט מישקען און קאלקען און, אויסער דעם, איז ער געווען איינער פון די שרעקלאזע פארטיזאנער. א קעמפער, וואס האט ניט גע־ווּוסט פון קיין פחד.

אין וועג האט מיר יורקע דערציילט זיין אויטאביאגראפיע: אין שול איז ער געווען א קאמוניסט, אבער ער האט זיך פארבונדן מיט א שלעכטער קאמפאניע און האט זיך אנגעהויבן באנוצן מיט קאקאין. פון שול האט מען אים אויסגעשלאסן און צום סוף איז ער אריינגעפאלן אין תפיסה. פון דער תפיסה האט ער זיך באפרייט ערשט אין אנפאנג פון דער מלחמה, ווייל ער האט זיך אנגעבאטן צו גיין פרייוויליק אויפן פראנט.

גלייך אין די ערשטע טעג פון קריג איז ער אריינגעפאלן אין געפאנגענשאפט און פון דארטן איז ער ענדלער אנטלאפן און געקומען אין אטריאד „א טויט די אקופאנטן". דאס איז געווען א טיפישער רוס, וואס אן דעם „ביטערן טראפן", איז ער ניט געווען מסוגל צו דענקען נארמאל...

ווען מיר זיינען געקומען אין דארף טאטארישקי בין איך אריין צו מיינעם א פארבינדלער, א פויער סטאוגייטיס, כדי זיך איבער־צייגן וועגן דער זיכערקייט פון ווייטערדיקן וועג. יורקע איז באלד שוין געווען א בעלן צונעמען די שטיוול ביים פויער און ער האט טאקע באפוילן דעם פויער זיי אויסטאן. עס האט מיר געקאסט גענוג צייט און נערוון צו איבערצייגן יורקען, אז ביי אן אייגענעם פויער פון וועלכן מיר האבן נוצן, בארויבט מען ניט זיינע שטיוול.

יורקע האָט מיר געענטפערט, אַז ער באַרויבט ניט דעם פּויער, נאָר ער איבערצייגט אים, אַז ער דאַרף אים אַוועקגעבן זיינע שטיוול מיט גוטן. און אויב ער פאַרשטייט דאָס ניט, וועט ער זיי צונעמען פון אים מיט בייזן. ענדלעך, נאָך גרויסע מי, איז מיר געלונגען צו איבערצייגן יורקען און ער האָט זיך אָפּגעטשעפּעט פון פּויער.

ווען מיר זיינען אָנגעקומען צום דאָרף לאַוואַרישקי, האָבן מיר דערזען, אַז ביים ליטווישן אורעדאָס (דער עלטסטער פון די וואַלד־וועבטער), ברענט ליכט אין אַלע פענצטער. דאָס איז געווען אַ סימן אַז ביי אים געפינען זיך וויכטיקע געסט. און אַזוי ווי אונדז איז געווען באַוווּסט אַז ער פריינדעט זיך מיט די דייטשן, האָבן מיר פאַרשטאַנען אַז ביי אים אין שטוב מוזן זיין דייטשן.

איך האָב אָפּגעשטעלט אונדזער וואָגן, כדי זיך צו באַראַטן, צו ס'איז כדאי מיר זאָלן פאַרזעצן דעם מאַרש דורך דעם דאָרף. יורקע האָט מיך געפרעגט: „דורך דעם פעלד קען מען ניט פאָרן?" איך האָב אים אויפגעקלערט, אַז אויב מיר וועלן פאָרן דורך דעם פעלד, וועלן מיר זיין וויניקער באַוועגלעך און אין פאַל פון אַן אָנפאַל אויף אונדז, קען דאָס זיין סכנותדיק. — אויב אַזוי — זאָגט יורקע — דאַן פאָרן מיר מיט דעם וועג דורך דעם דאָרף און איך וועל פאַרנעמען אַ לויערונגס־פּאָזיציע. אין דעם מאָמענט איז יורקע פאַרשוווּנדן געוואָרן אין דער פינצטער, האָבנדיק איבערגעלאָזן אויף דעם וואָגן זיינע שטיוול.

מיר זיינען דורכגעפאָרן ביזן סוף פון דאָרף און דאַן האָב איך געגעבן אַ פייף מיט די פינגער אין מויל. עס האָט ניט געדויערט קיין 10 מינוט און יורקע איז שוין געווען לעבן אונדז. ווייזט זיך אַרויס אַז ער איז אַריבערגעשפּרונגען איבערן צוים פון דעם ליט־ווינערס שטוב און ער האָט זיך אַוועקגעלייגט אויפן בריקל מיטן אַווטאָמאַט פאַרויס, גרייט צו שיסן, ווען מען וועט נאָר עפענען די טיר. ווען ער האָט דערהערט מיין פייף, האָט ער פאַרשטאַנען, אַז מיר זיינען בשלום דורכגעפאָרן דעם דאָרף און ער איז געקומען צולויפן.

*

ווען מיר זיינען אַרויס פון דעם דאָרף, בין איך מיט יורקען געגאַנגען פאָרויס. פון ביידע זייטן פון וואָגן זיינען געגאַנגען יאַנקל לעווין און דער מאַיאָר און אין וואָגן איז געזעסן איצקוטיס מיטן פויער פון פערד־און־וואָגן. בעתן גאַנג, האָב איך אויסגעלונקען אַ פוס און עס האָט מיר זייער ווי געטאָן ביים גיין.

מיר זיינען געווען ניט ווייט פון דאָרף מעדינא. דאָרטן האָט געוווינט אַ פוילישע פאַמיליע, וואָס איז געווען מיט מיר זייער באַפריינדעט. יורקע האָט מיך אויפגעהויבן, אַוועקגעלייגט אויף זיין קאַרק און האָט מיך געבראַכט ביז צו דער פאַמיליע. דאָרטן האָט מען מיר צוגעלייגט קאָמפּרעסן צום פוס און צום סוף האָבן מיר גענומען פון זיי אַ פערד און איך האָב געריטן אויף דעם פערד דעם ווייטערדיקן וועג. דעם פערד צוריק האָט זיי געדאַרפט ברענגען דער פויער מיט וועלכן מיר זיינען געפאָרן.

לעבן דאָרף רוסאַניס, האָט דער מאַיאָר באַשלאָסן צו באַגראָבן דעם ראַדיאָ־איבערגעבער אין וואַלד און אָפּצייכענען דעם אָרט, ווו ער ליגט באַגראָבן. די זאַכן און די געלט מיט די מאַגנעטישע מינעס, האָבן מיר אַלע פאַנאַנדערגעטיילט אין אונדזערע רוקזעקלעך און פון דאָרטן האָבן מיר מאַרשירט צו פוס קיין קאָוונע.

אונדזער גרופּע האָט זיך פאַנאַנדערגעטיילט: יורקע מיט דעם מאַיאָר — באַזונדער און, איך מיט יאַנקל לעווין און איצקוטיסן, באַזונדער. לויט ווי מיר האָבן זיך אָפּגערעדט צווישן זיך, האָבן מיר זיך געדאַרפט טרעפן אויף דרוסקענינקאַ־גאַס נומער 3, ווו מיר האָבן געדאַרפט איינאָרדענען אויף קוואַרטיר דעם מאַיאָר.

אַזוי ווי איך האָב געהאַט אַ דייטשן אַווטאָמאַט, האָב איך אָנגעטאָן אויפן אָרבל דעם דייטשן באַנד „אים דיענסט דער דויטשער ווערמאַכט" און איך האָב געפירט יאַנקלען מיט איצקוטיסן ווי מען פירט יידן אין געטאָ. מיר האָבן זיך אַלע געטראָפן אויפן באַשטימטן פלאַץ. איינגעאָרדנט דאָרט דעם מאַיאָר. דאָרטן האָבן מיר זיך דערוווּסט אַ טרויעריקע ידיעה, אַז נאָך מיט אייניקע טעג צוריק, איז חיים יעלין, נאָך אַ קורצן קאַמף מיט דער ליטווישער „סאוגומאַס", אַריינגעפאַלן אַ לעבעדיקער צו זיי אין די הענט. די

דאָזיקע ידיעה האָט אונדז דערשיטערט. אין רעזולטאַט דערפון געפינט זיך ניט פּעטיאַ טראָפּימאָוו אויף זיין קוואַרטיר און עס איז דערוויל ניט באַוווּסט זיין אָרט ווו ער האַלט זיך אויף. דאָ האָבן מיר אויסגעלאָדן פון זיך אַלץ וואָס עס איז געווען באַשטימט פאַר דעם מאַיאָר און פאַר דער אונטערערדישער פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע.

איצקוטיסן האָבן מיר אָפּגעשיקט אין דאָרף פּאָדערישקי צו זיין באַפריינדעטן פּויער דרוליא. יאַנקעלע לעווין איז אַוועק אין סלאָבאָדקע צו מאַריאַ לעשצינסקיענע און איך בין אַוועק אויף דאַרבינינקו גאַס 12, צו פראַנאַס באַלעניונאַסן, ווו עס האָט זיך געפונען די באַהעלטעניש פון מיין שוואָגער יוסף אינדיכשטיין מיט זיין פאַמיליע. יאַנקעלען האָב איך געגעבן די אויפגאַבע, ער זאָל זיך תיכף פאַרבינדן מיט דער אונטערערדישער אָרגאַניזאַציע פון געטאָ וועגן אַרויסשיקן פון דאָרטן אַ גרופּע קעמפערס אין וואַלד.

ווען איך בין געקומען צו מיין שוואָגער אין דער באַהעלטעניש, האָב איך די ערשטע זאַך געגעבן צו פאַרשטיין באַלעניונאַסן, — דעם קריסט ביי וועמען די באַהעלטעניש איז געווען, אַז טאָמער וועט וואָס געשען מיט מיין משפּחה וואָס געפינט זיך ביי אים, איז ער פאַראַנטוואָרטלעך מיט זיין לעבן און מיטן לעבן פון זיין גאַנצער משפּחה. איך האָב אים גאַנץ אָפן און דייטלעך געגעבן צו פאַר־שטיין, אַז אויב ער מיינט, אַז ער קען פון מיר זייער לייכט פּטור ווערן, ווי ער שטעלט זיך עס פאָר, האָט ער אַ גרויסן טעות, ווייל עס וועלן קומען אַנדערע פּאַרטיזאַנער אויף מיין אָרט און זיי וועלן נקמה־נעמען אויף אַזאַ אופן, ווי פּאַרטיזאַנער קענען דאָס טאָן: זיי וועלן אונטערצינדן זיין הויז און פאַרברענען זיין גאַנצן האָב און גוטס צוזאַמען מיט זיין משפּחה און אַלץ אַוועקגעלאָזן מיטן רויך...

און כדי מיינע ווערטער זאָלן האָבן אויף אים די געהעריקע ווירקונג, און אַז ער זאָל נעמען מיינע דראָונגען זייער ערנסט, האָב איך אים פאַרגעלייגט צו לעזן יעדן טאָג די צייטונגען. דאָן וועט ער זיך שוין אַליין איבערצייגן וויפל הייזער זיינען שוין פאַרברענט געוואָרן פון די פּאַרטיזאַנער אַלס נקמה־אַקטן קעגן די, וועלכע האָבן געהאָלפן, אָדער מיטגעאַרבעט מיט די דייטשן. דערביי האָב

איך צוגעגעבן און ווידער אונטערגעשטראָכן, אַז ניט בלויז די הייזער זייערע זיינען פאַרברענט געוואָרן — אויך פון די משפחות פון די פאַררעטער זיינען בלויז איבערגעבליבן האַלאָוועשקעס...

איך האָב באַלד באַמערקט, אַז ער נעמט אָן מיינע ווערטער גאַנץ ערנסט, ס׳האָט געמאַכט אויף אים די געהעריקע ווירקונג. ער האָט זיך שטאַרק איבערגעשראָקן און האָט מיר באַלד פאַרזי־כערט, אַז פון זיין זייט, אויף וויפל דאָס וועט זיין אָפּהענגיק פון אים, וועט אַלץ געטאָן ווערן, אַז עס זאָל מיט די מענטשן ניט געשען קיין שום שלעכטס. דערביי האָט ער אונטערגעשטראָכן, אַז אין דעם פאַל, ריזיקירט ער אויך מיט זיין לעבן מצד די דייטשן, דאָס הייסט, אַז אויב זיי וועלן זיך דערוויסן, אַז ער באַהאַלט אויס יידן אין אַ באַהעלטעניש, וועלן זיי אים באַלד דערשיסן. חוץ דעם, גיט ער זיך אָפּ אַ דין־וחשבון אין וואָס פאַראַ שווערער סיטואַציע ער געפינט זיך, ער איז, זאָגט ער, צווישן „האַמער און קאָ־וואַדלע״... ער געפינט זיך איצט צווישן צוויי פייערן און ער מוז האַנדלען זייער פאַרזיכטיק. ער האָט מיר געגעבן צו פאַרשטיין, אַז ער האָט מיינע דראָונגען אָנגענומען אַזוי ווי זיי זיינען געזאָגט געוואָרן פון אַ מענטשן, וועלכער געפינט זיך אין אַן אויסזיכט־לאָזער סיטואַציע און האָט ניט קיין אַנדערן אויסוועג. פון דעם האָט ער געדרונגען, אַז איך וואַרף ניט סתם ווערטער אין דער לופט... און ווי עס פאַסירט שטענדיק אין אַזעלכע פאַלן, האָט זיך אונדזער געשפּרעך פאַרענדיקט מיט אויסטרינקען אַ פּאָר ליטער סאַמאָגאָנקע...

איך בין געבליבן ביי אים נעכטיקן. אין מיטן דער נאַכט, האָבן מיר פּלוצעם דערהערט אַ שטאַרקע שיסעריי ניט ווייט פון דער שטוב, וווּ איך האָב זיך געפונען. די שיסעריי האָט זיך געהערט פון דער זייט פון אונטער דעם באַרג. היות ווי דער עכאָ פון די ביקסן־קנאַלן האָט אונדז אָריענטירט, אַז דאָס שיסט מען פון דער זייט פון דעם וויליע־ברעג, האָט דאָס מיך שטאַרק באַאומרויקט. איך האָב באַשלאָסן צו קומען אויף מאָרגן אויף אונדזער אָפּגערעדטן טרעפפונקט, כדי זיך צו איבערצייגן וואָס דאָס איז געווען פאַראַ שיסעריי און ווער אויף וועמען האָט געשאָסן...

ווען איך בין צו מאָרגן אַהין געקומען, האָב איך זיך גע־טראָפן מיט יאַנקעלע לעווין. ער האָט מיר דערציילט, אַז פון געטאָ איז אַרויס אַ מאַשין מיט 12 מענטשן בראש מיט אַבקע דיסקאַנט, וועלכער האָט זיך אונטערגענומען צו ברענגען די מענטשן אין וואַלד. אין מאַשין האָבן זיך חוץ אַבקען געפונען: די צוויי ברידער מאַרשאַק, שמעון ראַטנער, ירחמיאל בערמאַן, שואל פינקעל, ריווע אוריאַש, ליבעלע שוואַרץ, מאַנייסקי, סאַפּאָזשניקאָוו און נאָך צוויי חברים, וועמענס נעמען איך געדענק שוין ניט און זיי זיינען מיר ניט באַקאַנט.

## קרבנות פון שאַנטאַזש און פּאַראַט

די געשיכטע פון אָרגאַניזירן די מאַשין, מיט וועלכער די חברים האָבן געדאַרפט אַרויספאָרן פון געטאָ איז געווען אַזאַ:

אין געטאָ האָט מען געוואָרט אויף אונדזער אָנקומען פון וואַלד מיט גרויס אומגעדולד אין די ערשטע טעג פון אַפּריל, אָבער אַזוי ווי מיר האָבן זיך פאַרשפּעטיקט צו קומען אין געטאָ צוליב די צוגרייטונגען צו ברענגען אין קאָוונע דעם אַראָפּגעוואָרפענעם פּאַראַשוטיסט — דעם מאַיאָר — האָבן זיי געמיינט, אַז מיט אונדז איז געשען אַן אומגליק אין וועג. חיים יעלין איז געווען זייער באומרואיקט פון אונדזער ניט אָנקומען צו דער צייט אין געטאָ, און ער האָט באַשלאָסן, אַז ס'איז ניטאָ וואָס צו וואַרטן, מ'דאַרף שנעל אָרגאַניזירן אַ מאַשין און אַרויסשיקן אַ גרופּע חברים פון געטאָ מיט אבקע דיסקאַנט אַלס וועגווייזער, וועלכער איז צו דעם צוועק איבערגעלאָזן געוואָרן אין זיינער צייט פון אונדז אין געטאָ.

אין דער זעלבער צייט האָט פּאַסירט דער גרויסער אומגליק מיט חיים יעלין: ער איז אַריינגעפאַלן אין די הענט פון דער געס־טאַפּאָ. אין געטאָ איז מען געוואָרן זייער אומרואיק און שטאַרק באַזאָרגט. די אָנפירונג פון דער אונטערערדישער קאַמפּס־אָרגאַ־ניזאַציע האָט באַשלאָסן צו שאַפן אַ מאַשין אויף דער אייגענער האַנט. מ'האָט געפונען עפּעס איינעם אַ ליטווינער, וועלכער האָט זיך אָנגעבאָטן צו זיין אַלס פאַרמיטלער מיט אַ שאָפער פון אַ

לאַסט־אויטאָ און מיט אים האָט מען געמאַכט די טראַנזאַקציע, ניט ווילנדיק און ניט קאָנטראָלירנדיק אַפילו ווער ער איז. צו מען קען זיך אויף אים פאַרלאָזן און צו מען קען בכלל האָבן צו אים צוטרוי...

דער ליטווינער האָט זיך אַרויסגעוויזן אַלס שעדלעכער פאַר־רעטער. ער האָט זיך גלייך געשטעלט אין פאַרבינדונג מיט דער געסטאַפּאָ און האָט איר אַרויסגעגעבן דעם גאַנצן פּלאַן.

די געסטאַפּאָ, זעענדיק, אַז עס קענען לייכט אַריינפאַלן אין אירע הענט אַ גרעסערע גרופּע קעמפערס פון קאָוונער געטאָ, האָט גלייך באַפוילן דעם פאַרמיטלער צו דערפירן דעם ענין ביזן סוף. דערביי האָט ער באַקומען די גענויע אינסטרוקציעס און אָנווייזונגען ווי אַזוי ער דאַרף דאָס אַדורכפירן. לויטן פּלאַן פון דער געסטאַפּאָ, וועלן לעבן דעם סלאַבאָדקער בריק אָפּוואַרטן אויף דער מאַשין אַ גרעסערע גרופּע גוט־באַוואָפנטע געסטאַפּאָוועס און זיי וועלן אַלע קעמפערס פאַרכאַפּן לעבעדיקערהייט... ווען אַלץ איז שוין געווען אָפּגערעדט מיט דעם ליטווין — דעם פאַר־מיטלער, האָבן די מענטשן זיך אַרויפגעזעצט אויף דער מאַשין, וואָס איז געווען איבערגעדעקט מיט אַ ברעזענט און זיי האָבן שנעל פאַרלאָזט די געטאָ.

דאָס איז געווען דעם 14־טן אַפּריל 1944.

דער פאַרמיטלער איז געפאָרן צוזאַמען מיט די יידן אין דער דאָזיקער מאַשין. ביי סלאַבאָדקער בריק האָט אַ גרופּע געסטאַ־פּאָוועס געפּרוווט אָפּשטעלן די מאַשין. אבער דער שאָפער, דער־זעענדיק פון ווייטן, אַז לעבן בריק וואַרטן שוין די געסטאַפּאָוועס, האָט גלייך באַפוילן דעם שאָפער צו פאַרגרעסערן די שנעל־קייט, געבן מער גאַז, דראָענדיק דעם שאָפער צו דערשיסן, אין פאַל אויב ער וועט זיך אָפּזאָגן דאָס צו טאָן.

די מאַשין מיט די מענטשן איז אַדורכגעפאָרן סלאַבאָדקער בריק מיט אַ גרויסער שנעלקייט. די געסטאַפּאָוועס האָבן באַלד געעפנט אַ הוראַגאַן־פייער אויף דער מאַשין פון הינטן און פון פאָרנט, דאָס הייסט, אויך פון יאַנעווער גאַס. פון די ערשטע שאָסן זיינען גלייך אין דער מאַשין געטראָפן געוואָרן אויף טויט, שמעון ראַטנער, דער ליטווינער — דער פאַרמיטלער, מאַנייסקי, ליבעלע

שוואַרץ און נאָך צוויי מענטשן, וועמענס נעמען איך געדענק ניט. פון דער מאַשין האָבן באַוויזן אַרויסצושפּרינגען הינטער דער בריק ירחמיאל בערמאַן, ריווע אוריאַש, ביידע ברידער מאַרשאַק, שואל פינקעל, מנשה סאַפּאַזשניקאָוו און אַבקע דיסקאַנט.

שואל פינקעל און מנשה סאַפּאַזשניקאָוו האָבן געענטפערט צוריק מיט אַ שטאַרקן פייער אין דער ריכטונג פון די געסטאַפּאָוו־צעס, אָבער זיי זיינען ניט געווען געדעקט פון אַנדערע און אין דעם ניט גלייכן קאַמף מיט די דייטשן זיינען זיי געפאַלן מיט אַ העלדן־טויט. איינער פון די ברידער מאַרשאַק איז געטראָפן געוואָרן לויפנ־דיק, און איז אויך אומגעקומען. ירחמיאל בערמאַן, רבקה אוריאַש, אַבקע דיסקאַנט און דער צווייטער פון די ברידער מאַרשאַק האָבן זיך אומגעקערט צוריק אין געטאָ אַ דאַנק דעם פייער, וואָס ס׳האָבן געענטפערט שואל פינקעל און מנשה סאַפּאַזשניקאָוו.

דער שאָפער פון דער מאַשין איז ניט געטראָפן געוואָרן און ער לעבט נאָך ביזן היינטיקן טאָג. נאָך דער מלחמה האָט מען אים אויך ניט געקענט אויפווייזן קיין פאַרראַט פון זיין זייט. דער פאַררע־טער — דער פאַרמיטלער, איז ווי געזאָגט געטראָפן געוואָרן אין דער מאַשין פון דעם פייער פון די געסטאַפּאָווצעס. דער פאַל פון זיין פאַרראַט איז שפּעטער באַשטעטיקט געוואָרן מיט דאָקומענטן, וואָס מ׳האָט נאָך דער מלחמה געפונען אין דעם געסטאַפּאָ־אַרכיוו.

די טראַגעדיע פון יאַנעוווער גאַס האָט בלי־ספק געקענט אויס־געמיטן ווערן, ווען מ׳וואָלט באַצייטנס געוווּסט אין געטאָ, אַז צו דער צייט, דאָס הייסט, אין חודש אַפּריל, איז דער אַרויספאָר מיט מאַשינעס צום וואַלד געווען אַן אומזין. מ׳האָט באַצייטנס געדאַרפט נעמען אין באַטראַכט, אַז אַ מאַשין קען ניט אָנקומען צו דער באַזע אין דער זעלבער נאַכט ווען ס׳איז נאָך פינצטער. אַרויספאָרן פון קאָוונע האָט מען נאָר געקענט שפּעט אין דער נאַכט און אויב אַפילו ס׳וואָלט גאָרנישט פּאַסירט אין וועג, וואָלט מען געקאָנט אָנקומען אויפן אָרט ערשט דאַן, ווען ס׳ווערט שוין ליכטיק. איך האָב דאָס פאָרויסגעזען און איך האָב דאָס אויפגעקלערט יאַנקעלע לעווין און אים געהייסן איבערגעבן אין געטאָ, אַז מיר קענען מיטנעמען קעמפערס פון געטאָ אין פּאַרטיזאַנישן אָטריאַד, נאָר די, וועלכע

וועלן גיין צו פוס און ניט די, וועלכע וועלן אַרויספאָרן מיט מאַשינעס. איך האָב אָנגעוויזן, אַז די חברים וועלכע וועלן מיט אונדז גיין, זאָלן אַרויסגיין פון געטאָ און זיך טרעפן מיט אונדז אין קלעבאַנישקער וואַלד. פון דאָרטן וועלן מיר אַלע מאַרשירן אָרגאַניזירט צו אונדזער ציל. דער קלעבאַנישקער וואַלד געפינט זיך אויף אַ מרחק פון 5 ק״מ פון קאָוונע, גייענדיק מיט יאַנעווער גאַס אַראָפּ מיטן ברעג פון דער ווילִיע.

יאַנקעלע לעווין האָט מיך געטראָפן מיט ירחמיאל בערמאַן ביי מאַריאַ לעשצינסקיענע. בערמאַן האָט אים געמאָלדן, אַז לויט דער געשאַפענער לאַגע אין געטאָ, קען מען איצט ניט שיקן קיין קליינע פּאַרטיעס קעמפערס, ווייל דאָס וועט ווערן די דייטשן פאַרדעכטיק. דעריבער האָבן זיי באַשלאָסן צוזאַמענשטעלן איין גרויסע גרופּע פון אַרום 150 קעמפערס און אַרויסגיין אָרגאַניזירט ניט צו אונדז אין רודניצקער וואַלד, ווייל דאָרט הערשט אַנטיסעמיטיזם, נאָר אין קאָזלאָרודער וואַלד מיט וועלכן זיי האָבן אַ פאַרבינדונג.

אַזאַ ענטפער האָט מיר אויסגעוויזן ניט לאָגיש. ערשטנס, אויב מ׳וועט גיין אין קליינע פּאַרטיעס, וועט דאָס אַרויסרופן אַ פאַרדאַכט ביי די דייטשן, וועט אַ גרויסע גרופּע פון 150 מענטשן, על אחת כמה וכמה זיכער אַרויסרופן אַ חשד ביי די דייטשן ניט נאָר אין געטאָ, נאָר אויף זייער גאַנצן מאַרש. צווייטנס, האָט זיך ניט געלייגט אויפן שכל, אַז די דייטשן זאָלן דורכפירן יעדן טאָג אַ קאָנטראָל־ציילונג פון דער געטאָ־באַפעלקערונג, כדי פעסטצושטעלן צו עס פעלן נישט קיין קליינע צאָל מענטשן.

חוץ דעם האָב איך געהאַלטן, אַז ירחמיאל בערמאַן איז ניט קיין באַפולמעכטיקער מענטש צו ריידן אין נאָמען פון דער אַנטי־פאַשיסטישער אָרגאַניזאַציע אין געטאָ. דעריבער האָב איך באַשלאָסן ניט אַדורכפירן די אונטערהאַנדלונגען דורך די פאַרמיטלערס, נאָר פּרובירט דאָס טאָן מיט דער אייגענער איניציאַטיוו: אַרויסנעמען וואָס מער קעמפערס פון געטאָ, וויפל עס וועט זיך נאָר לאָזן...

## אויסגעגלייכטע רוקנס...

אין געטאָ האָבן זיך געפונען זייער פיל אונטערערד־קעמפערס, וועלכע וואַרטן אויף דער מעגלעכקייט זיך צו דערשלאָגן צום וואַלד און דער עולם וואָס וויל זיך אַרויסרייסן פון געטאָ, געפינט זיך בעיקר אין די בלאָקלעך פון דעמאָקראַטו־גאַס. דעריבער האָב איך געוואָלט זיך אַריינשמוגלען אין געטאָ שפּעט אין אָוונט דורך דעם דעמאָקראַטו–פּלאַץ, וואָס איז געווען אויסערן געטאָ און ווו ס'האָבן זיך געפונען די שטאָטישע מיסט־גריבער. דורך דאָרטן איז געווען די בעסטע מעגלעכקייט אַריינצודרינגען אין געטאָ אומבאַמערקטערהייט און אַרויסנעמען פון די דעמאָקראַטו־בלאָקלעך וויפל מענטשן עס וועט זיך נאָר לאָזן און אָוועקפירן זיי אין וואַלד.

ווען איך בין אָנגעקומען אין דער פינצטער צום דעמאָקראַטו־פּלאַץ, האָב איך זיך באַהאַלטן אין איינע פון די מיסט־גריבער און איך האָב אָבסערווירט ווי עס באַוועגט זיך די וואַך וואָס איז באַשטאַנען פון צוויי דייטשן. געגאַנגען זיינען זיי אַזוי, אַז זיי האָבן זיך צונויפגעטראָפן אויפן מיטן פון געטאָ־צוים. דאָן זיינען זיי זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען — איינער פון איין זייט צו ברעג פון צוים און — דער צווייטער פון דער צווייטער זייט צו ברעג פון צוים.

אין דעם מאָמענט ווען זיי האָבן זיך דערווייטערט איינער פון צווייטן, איז דאָן געווען אַ גוטע מעגלעכקייט דורכצוגיין דורכן צוים אין מיטן. אָבער אין דעם מאָמענט ווען זיי האָבן זיך צונויפגעטראָפן דעם צווייטן מאָל ביי דעם מיטן פון צוים, האָט ביי מיר פּלוצעם אַ קנאַק געטאָן אונטערן פוס אַ בלעכענע פּושקע. די דייטשן זיינען געוואָרן אויפמערקזאַם און געגעבן אַ געשריי: „האַלט!" און אויסגעשאָסן. איך האָב שוין ניט געהאַט קיין אַנדער ברירה, און איך האָב אויסגעשאָסן אַ ריי קוילן פון מיין אַוטאָמאַט.

די דייטשן האָבן זיך שטאַרק דערשראָקן און זיינען ביידע אַוועקגעלאָפן אין דער ריכטונג צום געטאָ־טויער פון וואַרניו־גאַס. דאָרטן האָט זיך געפונען אַ טעלעפאָן און זיי האָבן געקאָנט קליִנגען נאָך הילף. אין דער צייט האָב איך זיך אַריינגעשמוגלט דורכן צוים אין געטאָ. דאָרטן האָבן מיר אָנגעטראָפן צוויי יידישע פּאַ־

ליציסטן און אַז זיי האָבן דערזען מיין אַווטאָמאַט, האָבן זיי מיך געבעטן, אַז איך זאָל רחמנות האָבן אויף די יידן פון געטאָ און אַרויסגיין צוריק דורכן צוים. אויב מען וועט מיר געפינען אין געטאָ מיטן אַווטאָמאַט, וועט מען פאַרניכטן דער גאַנצער געטאָ.

איך האָב געזען אַז איך האָב דורך זיי פאַרלאָרן טייערע צייט, בין איך אַרויס צוריק דורכן צוים און אַוועקגעלאָפן מיט דעם פּאַניערו־שאָסיי. איך בין אָפּגעלאָפן אַ רעכטע שטיק וועג, אין אַן אָרט ווו אין איין זייט איז געווען אַ באַרג, צום ניינטן פאָרט און פון דער צווייטער זייט איז געווען אַ גרוב ווו מען האָט געגראָבן זאַמד בייטאָג. איך בין אַרויף ביז דעם מיטן פון באַרג און זיך באַהאַלטן צווישן צוויגלעך.

אינצווישנצייט איז ווי עס ווייזט אויס, אָנגעקומען, די אַרויסגערופענע פאַרשטאַרקונג צו דער געטאָ־צוים און זיי האָבן אָנגעהויבן אַ שטאַרקע שיסעריי. דעם גרויסן פייער האָבן זיי געריכטעט צו די מיסטגריבער פון די דעמאָקראַטו־פּלאַץ.

אַזוי ליגנדיק אויפן באַרג האָב איך דערזען, אַז אונטן אויפן שאָסיי־וועג לויפן צוויי מענטשן, איינער אַ הויכער און איינער אַ נידעריקער. אַזוי ווי זיי זיינען געלאָפן פון דעם פייער, האָב איך פאַרשטאַנען אַז דאָס זיינען מענטשן, וועלכע זיינען פאַר מיר ניט געפערלעך. איך בין אַרויס פון מיין באַהעלטעניש און געגעבן אַ געשריי אויף ליטוויש: „בלייבט שטיין! די הענט אין דער הויך!״ביידע האָבן זיך צעשראָקענע אָפּגעשטעלט און ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דאָס זיינען געווען יאַנקל לעווין און פעטיאַ טראָפימאָוו. ביידע האָבן צופעליק געהאַט אַ טרעפונג ביי מאַריאַ לעשצינסקיענע און אין דער צייט האָבן זיי ניט ווייט פון זיך דערהערט אַ שטאַרקע שיסעריי, זיינען זיי גלייך אַוועקגעלאָפן פון דאָרטן, און אויף אַזאַ אופן האָבן מיר זיך באַגעגנט.

די פרייד איז געווען גרויס, ווען זיי האָבן זיך דערוווּסט, אַז דער „שולדיקער״ אין דער שיסעריי בין איך געווען און די דייטשן האָבן געשאָסן סתם אין דער לופטן. צוריקקערן זיך האָבן מיר שוין ניט געקאָנט, האָב איך באַשלאָסן צוזאַמען מיט פעטיאַ טראָפימאָוו אויסצופירן די אויפגאַבע צו געפינען פּעטראָוויטשן.

אין וועלכן וואַלד פּעטראָוויטש געפינט זיך, האָט פּעטיאַ גע־וווּסט, אָבער גענוי אין וועלכן אָרט ער געפינט זיך, האָט ער ניט געוווּסט. זיינען מיר צורשט אַוועק אין דער ריכטונג צום וואַלד. כדי צוצוקומען צו דעם וואַלד, האָבן מיר געדאַרפט אָפּגיין אַ 18 קילאָמעטער גראַד אויס, דאָן זיך איבערשיפן איבער צוויי טייכן „נעוועזשיס" און „ווילִיאַ", ווייטער איבערשניידן דעם שאָסיי־וועג קאָונע־יאָנעווע און פאַרביי דעם דאָרף פּאַסקוטישקעס, אַריינגיין אין וואַלד.

געהאָלפן האָט אונדז, וואָס פּעטיאַ טראָפּימאָוו האָט אומעטום געהאַט זיינע קרובים און באַקאַנטע. איינער פון זיינע קרובים האָט זיך אַרויסגעוויזן, איז געווען אַ פישער, האָט ער געהאַט אַ שיפל און ער האָט אונדז אַריבערגעשיפט איין טייך. ער האָט אונדז געגעבן אַן אַדרעס פון זיינעם אַ גוטן באַקאַנטן פישער, וועלכער האָט אונדז אַריבערגעשיפט איבערן צווייטן טייך.

אין צווישנצייט האָבן מיר געהאַט אַ פּאַרפאַל: מיר האָבן פון ווייטן דערזען צוויי יונגע דייטשע סאָלדאַטן, וועליסאָפּעדיסטן, וועלכע זיינען געזעסן ביים וועג־ראַנד און האָבן גערוט. זייערע ביקסן זיינען געווען לעבן זייערע וועליסאָפּעדן. מיר האָבן זיך צו זיי שטילערהייט צוגעשמוגלט און די ערשטע זאַך, אַראָפּגענומען די ביקסן פון די וועליסאָפּעדן, דאָן האָבן מיר זיי פלוצלינג גע־הייסן אויפהויבן די הענט אין דער הויך. זיי האָבן זיך שטאַרק איבערגעשראָקן, געפאַלן אויף די קני צו אונדז און וויינענדיק דערקלערט, אַז זיי זיינען ניט קיין נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטן, זיי זיינען מאָביליזירט פון דאָרף. אויב מיר וועלן זיי אַפילו אַוועקלאָזן לעבעדיקע אָן זייערע ביקסן, וועט זיי אויך קומען אַ האַרבע שטראָף, דעריבער בעטן זיי אונדז, אַז מיר זאָלן זיי באַפרייען און אַוועקגעבן זיי די ביקסן. איך האָב זיי דערקלערט אַז זיי דאַרפן וויסן, אַז זיי זיינען אַריינגעפאַלן אין די הענט פון פּאַרטיזאַנער און, פּאַרטיזאַנער זיינען מענטשן וואָס נעמען נקמה פון דייטשן פאַר אַלע גרויזאַמע טאַטן, וואָס זיי זיינען באַגאַנגען מיט אונדזערע עלטערן, פרויען און קינדער. מיר פאַרשטייען גאַנץ גוט — האָבן מיר געזאָגט — אַז איר, פּערזענלעך, האָט זיך ניט באַטייליקט

דירעקט אין די אַלע גרויזאַמקייטן, דעריבער וועלן מיר אייך קיין שלעכטס ניט טאָן. די ביקסן וועלן מיר אייך אויך אומקערן, אָבער מיר וועלן ניט איבערלאָזן קיין איין קויל צו זיי. און איצט פּאַרט אייער וועג ווייטער און איר זאָלט ניט וואָגן צו דערציילן ווו איר האָט זיך מיט אונדז געטראָפן, ווייל אַנדערש וועט אונדזער האַנט פון נקמה שטענדיק אייך דערגרייכן, דאָרט ווו איר זאָלט ניט זיין. צום סוף, גיט אויך איבער אייערע חברים, וואָס עס האָט מיט אייך פּאַסירט...

זיי האָבן אונדז זייער באַדאַנקט און שנעל אַוועקגעפאָרן אויף זייערע וועליסאָפּעדן. מיר זיינען געווען זיכער, אַז זיי וועלן אונדז ניט אַרויסגעבן, ווייל פאַר דעם וואָלטן זיי זייער טייער באַצאָלט מצד די דייטשן. מיר האָבן זיי אויך ניט געקאָנט ליקווידירן אויפן וועג, ווייל מיר וואָלטן זיך אַליין באַשוועדט דערמיט און ניט געהאַט אַ זיכערן וועג. מיטנעמען זיי מיט אונדז האָבן מיר אויך ניט געקאָנט, דעריבער האָבן מיר געמוזט האַנדלען אַזוי ווי מיר האָבן געפונען פאַר נויטיק. צוערשט האָבן אויך מיינע חברים געקוקט מיט פאַרוווּנדערונג אויף אַזאַ אורטייל פון מיין זייט, אָבער ווען איך האָב זיי אויפגעקלערט, אַז קיין אַנדער ברירה האָבן מיר ניט געהאַט, האָבן זיי מסכים געווען. מען האָט ניט געקאָנט אין קיין שום פאַל ריזיקירן מיט אונדזערע דריי לעבנס צוליב צוויי דייטשע שמענדריקעס...

## אויף דער פּאַרטיזאַנער-באַזע ביי פּעטראָוויטשן

אַזוי זיינען מיר בשלום אָנגעקומען צו דעם געוווּנטשענעם וואַלד. מיר האָבן באַשלאָסן צו גיין אין וואַלד אָן אַ באַזונדערן ציל. אַזוי גייענדיק האָבן מיר פּלוצעם דערהערט דעם באַקאַנטן רוסישן אויסגעשריי: „סטאָי, קטאָ אידיאָט!" (שטיי, ווער גייט?), מיר האָבן געענטפערט: „סוואָי" (אייגענע), זיי האָבן געפאָדערט פון אונדז זאָגן דעם פּאַראָל, אָבער מיר האָבן אים ניט געוווּסט. אַ קורצע ווײַלע האָט געהערשט אַ שטילקייט, זיי האָבן זיך, ווי עס ווייזט אויס, באַראַטן צווישן זיך ווי צו האַנדלען אין דעם פאַל. ביי אונדז

איז קיין שום ספק ניט געווען, אַז דאָס איז אַ פּאַרטיזאַנישער פּאָסט, דעריבער האָב איך זיי גלייך אַ פרעג געטאָן: „און פּעטראָוויטשן קענט איר?" דאָן האָט זיך אויפגעהויבן איינער פון זיי און איז צוגע־גאַנגען צו אונדז און זיך פאָרגעשטעלט: „איך בין פּעטראָוויטש".

דעם אמת געזאָגט, בין איך געוואָרן אַנטוישט קוקנדיק אויף דעם אויסזען פון „דאָזיקן פּעטראָוויטש", וועלכן יורגיס האָט דאָס באַשטימט אַלס ערשטן סעקרעטאַר פון אונטערערדישן פּאַרטיי־קאָמיטעט.

ער האָט געהאַט אַ נעבעכדיקן אויסזען, מיט אַ בערדל, זיין היטל פּאַרדרייט אָן אַ זייט. זיינע שטיוול זיינען ניט געווען צוגעפּאַסט צו זיינע פיס — האָט ער זיי אָנגעטאָן ביז העלפט. מען האָט געדאַרפט זיין אַן „אַקראָבאַט" כדי צו קענען גיין מיט אַזוינע שטיול. איך האָב זיך אויך אויפגעהויבן און געגאַנגען צו אים אַנטקעגן. איך האָב אים דערלאַנגט די האַנט, זיך פאָרגעשטעלט ווער איך בין, און אים געזאָגט, אַז איך האָב אַ באַפולמעכטיקונג פון יורגיסן צו באַשטי־מען אים אַלס ערשטן סעקרעטאַר פון קאָוונער אונטערערדישן פּאַרטיי־קאָמיטעט. זיין פּאַרטנער — איגנאַס (פּעטיאַ טראָפּי־מאָוו), געפינט זיך דאָ צוזאַמען מיט אונדז. ביידנס אויפגאַבע איז צוריקצושטעלן אַ נאָרמאַלע אַרבעט פון דעם קאָוונער אונטער־ערדישן פּאַרטיי־קאָמיטעט. איך האָב ניט באַמערקט אויף זיין גע־זיכט, אַז ער איז שטאַרק באַגייסטערט געוואָרן פון מיין בשורה.

פּעטראָוויטשעס מענטשן, אַלע רוסן פון אַרום יאַנעווע, האָבן זיך גלייך אויסגעמישט מיט אונדז און זיי האָבן אונדז מכבד געווען מיט בינען־האָניק. זיי האָבן אונדז אָוועקגעפירט אויף זייער באַזע, דאָרט האָב איך צו מיין גרויס פאַרוווּנדערונג געטראָפן מערע לאַן. זי איז אַרויסגעגאַנגען פון געטאָ און מען האָט ניט געוווּסט ווו זי איז אַהינגעקומען. מערע לאַן איז געווען אַ פּאַרטיי־פונקציאָנאַרין נאָך פון פאַר דער מלחמה. פּעטראָוויטש האָט מיר געמאָלדן, אַז כדי אָנצונעמען די באַשטימונג אַלס ערשטער סעקרעטאַר פון קאָוונער אונטערערדישן פּאַרטיי־קאָמיטעט, וועט ער מוזן גיין מיט מיר אין רודניצקער וואַלד און דאָרטן באַקומען פון יורגיסן קאָנ־קרעטע אָנווייזונגען, ווייל ביי אַזאַ מצב איז עס צו קאָמפּליצירט

איבערצונעמען די אָנפירונג פון דעם פּאַרטיי־קאָמיטעט, ווו מען דאַרף אַלץ אָנהויבן פון דאָס ניי.

איך האָב אים געזאָגט, אַז ער וועט קאָנען מיטגיין מיט מיר, אָבער פריער פאַר אַלעם, מוז ער מיר העלפן צונויפקלייבן פון צווישן די אַנטלאָפענע קריגס־געפאַנגענע, קאָמאַנדירן פון מיטעלן ראַנג. איינעם האָט ער מיר פאַרגעשטעלט גלייך, דאָס איז געווען איוואַן פיאָדאָראָוויטש — אַן עלטערער־לייטענאַנט, וועלכער געפינט זיך ביי אים אויף דער באַזע. צו אים האָט ער צוגעגעבן אַ פּאַרטיזאַנקע פון זיין אָטריאַד, ליסאוסקייטע, וועלכע ווייס די ערטער ווו עס געפינען זיך גרופּקעס פון קריגס־געפאַנגענע.

יאַנקעלע לעווין און פּעטיאַ טראָפּימאָוו זיינען געבליבן ביי פּעטראָוויטשן אויף דער באַזע און איך מיט ליסאוסקייטען זיינען אַוועק זוכן קאָמאַנדירן פון מיטעלן ראַנג. מיר זיינען מיט איר געגאַנגען אין די געגנטן: געלוואַניס, שעטאַ, אַרום קיידאַן, דערגאַנגען ביז ניט ווייט פון ראַקישקיס, אַזוי האָבן מיר מצליח געווען צוזאַמענצוקלייבן 22 קריגס־געפאַנגענע. אמת, ניט אַלע פון זיי זיינען געווען קאָמאַנדירן פון מיטעלן ראַנג, אָבער אַ גרויסער טייל פון זיי זיינען עס יאָ געווען.

עס האָט מיך געקאָסט פיל מי זיי צו איבערצייגן, אַז עס האָט ניט פאַר זיי קיין זין צו זיין פּאַסיוו אין אַזאַ צייט, און ניט קעמפן קעגן שונא און אויך זיין צעוואָרפן, ניט האָבנדיק קיין פאַרבינדונג מיט קיין צענטער. צום סוף פון קריג וועט מען זיי אַלס אַזעלכע בכלל ניט אָנערקענען אַלס פּאַרטיזאַנער.

סוף־כל־סוף האָבן זיי זיך געלאָזט איבערצייגן און זיינען מסכים געווען צו גיין מיט מיר צוערשט, ביז פּעטראָוויטשעס באַזע און פון דאָרטן, ווייטער אין רודניצקער וואַלד. פּעטראָוויטש האָט זיי, צוליב קאָנספּיראַציע־טעמים אין זיין באַזע ניט אַריינגעלאָזן, און זיי האָבן געמוזט וואַרטן אויף אונדז אַ געוויסן מרחק פון זיין באַזע.

דעם אמת געזאָגט, האָט מען דעם אָרט, ווו עס האָבן זיך געפונען פּעטראָוויטשעס פּאַרטיזאַנער ניט געקאָנט אָנרופן „באַזע״. דער אָרט איז ניט געווען פּאַסיק פאַר אַ פּאַרטיזאַנישער קאָנצענ־

טראַציע און האָט געטראָגן אַ צייטווייליקן כּאַראַקטער. מען האָט צו יעדער צייט, אָן קיין שום שוועריקייטן, געקאָנט זיך אַריבערהייבן אויף אַן אַנדער אָרט. אַזוי האָבן זיי אויך פּאַקטיש געטאָן.

זייער אָפּט האָבן זיי געביטן זייער באַזע. ניט פּעטראָוויטשעס מענטשן און ניט די צוזאַמענגעקליבענע קריגס־געפאַנגענע האָט מען געקאָנט אָנרופן פּאַרטיזאַנער. זיי האָבן בכלל ניט געוווּסט פון קיין פּאַרטיזאַנער־טאַקטיק און יעדערער האָט זיך געפירט לויט זיין אייגענעם פאַרשטאַנד, אָן קיין שום מיליטערישער דיסציפּלין. דער וואַלד ווו זיי האָבן זיך געפונען איז אויך ניט געווען צוגעפּאַסט פאַר אַ פּאַרטיזאַנער־באַוועגונג. דאָס איז געווען אַ ניט גרויסער דרייעק פון דער באַן־ליניע: קאָוונע־יאַנעווע, — קאַישאַדאָריס־יאַנעווע, קאָוונע־קאַישאַדאָריס. דער ראַדיוס פון די אַלע דריי אויבנדערמאָנטע צענטערס, איז געווען מאַקסימום אַ 18 קילאָמעטער. אַזוי אַרום, האָבן די פּאַרטיזאַנער אין דעם וואַלד ניט געהאַט קיין גרויסע אָפּעראַטיווע שטחים און זיך ניט געקאָנט פריי באַוועגן. אויפרייסן די באַן־ליניעס אַרום זיך, האָבן זיי ניט געוואַגט, כּדי ניט צו ציען אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט פון די דייטשן, אין דער צייט, ווען דאָס איז געווען די ווילבטיקסטע און אַמנוויטיקסטע אויפגאַבע פאַר פּאַרטיזאַנישער טעטיקייט.

פון דאָרטן האָבן מיר געשיקט אַ פּאַרטיזאַן, פּוסטעלניקאָוו, אין דאָרף פּאָדערישקי צו מעלדן איצקוטיסן, אַז מיר גייען שוין צוריק אויף אונדזער באַזע, האָבנדיק אויסגעפירט, כּמעט, אַלע אונדזערע אויפגאַבעס. בלויז די איינציקע אויפגאַבע האָבן מיר ניט אויסגעפירט, און דאָס איז פאַר אונדז געווען די ווילבטיקסטע: פון געטאָ האָבן מיר ניט אַרויסגעפירט קיין קעמפערס. איצקוטיס איז צוזאַמען מיט פּוסטעלניקאָוון געקומען צו אונדז.

מיר האָבן גענומען פּעטראָוויטשן, מערע לאַן, דעם לייטענאַנט איוואַן פּיאַדאָראָוויטש און אַוועק צו דער באַזע פון די קריגס־געפאַנגענע, וועלכע האָבן שוין געוואַרט אויף אונדז און מיר האָבן אָפּגעמאַרשירט צום רודניצקער וואַלד. פּעטיאַ טראָפימאָוו איז איבערגעבליבן אַלס פאַרטרעטער פון פּעטראָוויטשן.

די קריגס־געפאַנגענע און פּעטראָוויטש מיט זיינע מענטשן,

זיינען קיינמאָל קיין לאַנגע שטרעקעס ניט געגאַנגען און דעריבער איז זיי די טאַקטיק פון מאַרש אויף לאַנגע מרחקים ניט געווען באַקאַנט. זיי האָבן, צום ביישפּיל, ניט געקאָנט פאַרשטיין ווי אַזוי איך גיי דאָס מיט זיי אויף וועגן, איבערלאָזנדיק פוסשפּורן. איך האָב זיי געמוזט אויפקלערן, אַז ווען עס גייט אַ גרויסע גרופּע מענטשן אין וועג, איז דער לעצטער פאַרווישט די שפּורן פון פאָדערשטן, אַזוי, אַז עס בלייבט ניט קיין שפּור פון די פוסשפּורן.

זיי האָבן אויך ניט געקאָנט פאַרשטיין די טאַקטיק פון טאָג־רו ביי פּויערים. לויט זייער מיינונג, האָט מען געדאַרפט מאַכן דעם טאָג־רו בעסער אין וועלדער און ניט אין די דערפער. איך האָב זיי געמוזט אויפקלערן, אַז ביי פּויערים זיינען מיר מער געדעקט ווי אין וואַלד, וואָס איז אונדז ניט באַקאַנט. איך האָב זיי אויך אויפגעקלערט, אַז צוליב קאָנספּיראַציע־טעמים, איז אומבאַדינגט נויטיק דאָס אויסקלייבן די פּאַסיקע הייזער.

זיי האָבן אין משך פון דעם גאַנצן וועג מיך געמאַטערט מיט זייערע דיסקוסיעס. איך האָב זיי ענדלעך קאַטעגאָריש דערקלערט אַז אויב זיי ווילן, אַז איך זאָל זיי פירן, מוזן זיי אויספירן מיינע באַפעלן און אויב ניט, זאָלן זיי גיין אַליין לויט זייער פאַרשטאַנד. ערשט דאַמאָלט האָבן זיי זיך ביסלעכווייז באַרויקט.

שווערער איז געווען מיט פּעטראָוויטשן, וועלכער האָט געהאַלטן אַז ער איז באַפולמעכטיקט פון קאָווגער אונטערערדישן פּאַרטיי־קאָמיטעט און איז מער אויטאָריטאַטיוו צו געבן מיר באַפעלן און דעריבער מוז איך זיינע באַפעלן אויספירן. דווקא ער, האָט מיט מיר די גאַנצע צייט געפירט ויכוחים און איז ניט געווען מסכים מיט מיין טאַקטיק. איך האָב אים געזאָגט, אַז זיינע באַפעלן וועל איך אויספילן, ווען מיר וועלן שוין זיין אויפן אָרט, אָבער אין וועג בין איך פאַראַנטוואָרטלעך פאַר אים און פאַר זיינע מענטשן. דעריבער מוז אויך ער אויספילן מיינע באַפעלן, און ניט איך זיינע. ער איז שטאַרק ניט געווען צופרידן פון מיין דערקלערונג, אָבער ער האָט ניט געהאַט קיין אַנדער ברירה...

## דאָרט ווו די מערהייט פּאַרטיזאַנער זיינען יידן...

מיט גאָר גרויסער מי זיינען מיר ענדלעך אָנגעקומען אויף דער באַזע פון דער טראָקער בריגאַדע, מיט וועלכער ס'האָט צו יענער צייט אָנגעפירט אַפּאַנין, דער סעקרעטאַר פון דעם אונטער־ערדישן טראָקער פּאַרטיי־קאָמיטעט. די אויפנאַמע איז ניט געווען קיין צו פריינדלעכע, אַזוי ווי דאָס פלעגט זיין פריער. מען האָט אונדז ניט אַריינגעלאָזן אין דאָרף אינקלאַרישקי, און מיר האָבן געמוזט רוען אין פעלד. צו אונדז איז געקומען אַפּאַנין אַליין, בכבודו ובעצמו, און האָט זיך געווענדעט צו די מענטשן בזה הלשון:

— „צו וואָס דאַרפט איר גיין נאָך 15 קילאָמעטער גאַנג פון דאַנען, אין דער צייט, ווען איר געפינט זיך שוין אויף אַ פּאַרטיזאַנישער טעריטאָריע? די אָטריאַדן דאָרטן, זיינען 85% יידישע און דאָ, זיינען די מערהייט רוסן, בלייבט דאָ און קעמפט פון דאַנען מיט דעם אַלגעמיינעם שונא״...

איך האָב גלייך רעאַגירט און קאַטעגאָריש דערקלערט: — אויב איר ווילט באַקומען קעמפערס פאַר אייערע אָטריאַדן, טאָ זייט אַזוי גוט און שיקט אייערע מענטשן איבער גאַנץ ליטע און קלייבט צונויף קעמפערס און ברענגט זיי אויף אייערע באַזעס. דערווייל האָב איך געקראָגן די אויפגאַבע פון יורגיסן און איך מוז זיי ברענגען צו אים. אויב ער, יורגיס וועט געפינען פאַר נויטיק זיי איבערגעבן אייך, וועט ער דאָס טאָן און, ניט איך.

ער האָט אויף דעם שטאַרק רעאַגירט: „ווער ביסטו, בכלל, אַזוינער?. ביסט אַנטקעגן מיר אַ קליינער מענטש — אַ פּיעשקע — און איך בין אַ קאָמאַנדיר פון אַ בריגאַדע, דעריבער וויל איך מיט דיר בכלל ניט פירן קיינע דיסקוסיעס״.

ווען איך האָב געבעטן פּעטראָוויטשן, אַז ער זאָל זיך אַריינמישן אין דעם ויכוח צווישן אונדז, האָט ער פאָרגעלייגט, אַז מען זאָל פרעגן ביי די מענטשן, ווו זיי ווילן פאַרבלייבן. די קריגס־געפאַנגענע האָבן זיך באַראַטן צווישן זיך און... האָבן מיר באַדאַנקט פאַרן ברענגען אַהער... — „אייגנטלעך — האָבן זיי געזאָגט לאָז איך זיי ניט איבער אין געסטאַפּאָ, נאָר אין סאָוויעטישע אָט־

ריאַדן. איז וואָס איז דאָס פּאַראַ אונטערשייד, ווו זיי וועלן קעמפן קעגן דעם שונא, דאָ — אָדער ביי אונדז?"

7 פון די 23 מענטשן, האָבן פון דעסטוועגן באַשלאָסן צו גיין ווייטער מיט מיר. דאָס איז געווען דער רעזולטאַט פון מיין גרויסער מי און אָנשטרענגונג...

צו אונדז אויף דער באַזע זיינען מיר אָנגעקומען ערשט אין האַלבער נאַכט. מיר האָבן, אָבער דאָרט קיינעם ניט געפונען. ס'ווייזט זיך אַרויס, אַז לויט אַ פאַלשער טרעוואָגע (אַלאַרם), האָבן אַלע אונדזערע קעמפּפערס זיך צוריקגעצויגן אויף רעזערווי־באַזעס, איבערלאָזנדיק דאָ, אין אַ קאַלוזשע בלוט דודל גאַלדין, וועלכן מען האָט אַליין געמוזט דערשיסן, ווייל ער איז געווען פאַרוונדעט אין פוס און עס האָט זיך ביי אים געמאַכט אַ גאַנגרענע. אויף מאָרגן זיינען אַלע צוריקגעקומען אויף דער באַזע.

יורגיס, נאַקטיס און גרייטאַס, זיינען צוזאַמען מיט אַ טייל פון זייערע קעמפּפערס אַוועק אין די אַווגוסטאָווער וועלדער, אין דער געגנט פון קאַפּטשאַמיעסטיס. אויף יורגיסעס אָרט איז געבליבן גאַבריס (מיצייקא). איך בין מיט פּעטראָוויטשן אַוועק צו גאַבריסן. פּעטראָוויטש האָט געדאַרפט באַקומען פון אים און אויך פון מאָסקווע פאַראָרדענונגען אין צוזאַמענהאַנג מיט זיין נייער באַשטימונג און איך האָב געדאַרפט אָפּגעבן אַ דין־וחשבון ווי אַזוי איך האָב אויסגעפירט די אַרויפגעלייגטע אויף מיר אויפגאַבע.

גאַבריס האָט מיך אויפגענומען זייער האַרציק. ער האָט מיך אַרומגענומען און באַגריסט מיט מיין דערפאָלגרייכן אויספירן אַלע אויפגאַבעס. ער האָט מיך געטרייסט און פאַרגעלייגט ניט נעמען שטאַרק צום האַרצן, וואָס מען האָט פון מיר צוגענומען די געבראַכטע מענטשן. עס איז טאַקע ניט געווען קיין מאָראַלישער שריט פון זייער זייט, האָט ער געזאָגט, אָבער מיין שולד — איז עס ניט. ער האָט געזאָגט, אַז ער וועט איבערגעבן דעם שטאַב אין מאָסקווע וועגן זייער ניט סאָוויעטישן אויפפירן זיך. צוגלייך האָט מיר גאַבריס געמאָלדן, אַז מען האָט מיך שוין צום צווייטן מאָל צוגעשטעלט צו אַן אָרדן, (פאַקטיש האָב איך דיביידע אָרדנס ניט באַקומען, ווייל די פּאַפּירן זיינען ביז מאָסקווע ניט דערגאַנגען).

עס איז אָבער, געווען, זייער אָנגענעם צו הערן, אַז מען שאַצט אויך אָפּ מיין טעטיקייט אַלס פּאַרטיזאַנער־פאַרבינדלער.

דער מאַיאָר, וועלכן מיר האָבן איבערגעלאָזט אין קאָוונע צוזאַמען מיט יורקען, האָט זיך געמאָלדן אין קאָוונער געסטאַפּאָ און זיי פאַרגעלייגט אַלע זיינע רעקאָמענדאַציע־פּאַפּירן צו ווערן אַן אָנטיילנעמער אין דעם ביעלאָרוסישן כאַר. ער איז דורכגעגאַנגען בשלום אַלע אינסטאַנצן און צום סוף, האָט ער שוין גע־קראָגן דעם זשעטאָן צו פאַרלאָזן דעם געסטאַפּאָ־בנין און ער האָט נאָר געדאַרפט געבן אונטערצושרייבן זיינע דאָקומענטן צו דעם שעף פון דער אָפּטיילונג. דער געסטאַפּאָ־אָפיציר האָט, ווי עס ווייזט אויס, אויף יעדן פאַל, געוואָלט נאָכקאָנטראָלירן די אויטענ־טישקייט פון זיינע רעקאָמענדאַציעס, האָט ער באַשטעלט אַ טע־לעפאָן־געשפּרעך מיט דער מינסקער געסטאַפּאָ און, אין דער צייט, וואַרטנדיק אויף אַן ענטפער פון מינסק, איז ער אַרויס צום מאַיאָר זיך מיט אים אַדורכשמועסן. אין מיטן געשפּרעך איז אַרויסגעגאַנגען אַן ס.ס.־מאַן פון קאַבינעט און געמאָלדן, אַז „מינסק איז אויף דער ליניע". דער שעף פון דער געסטאַפּאָ־אָפּ־טיילונג איז אַריין אין זיין קאַבינעט צו ריידן מיט מינסק, אָבער אין דער זעלבער צייט האָט דער מאַיאָר געזען, אַז ער איז דאָ אַריינגעפאַלן, האָט ער אויסגענוצט זיין זשעטאָן און איז שנעל אַרויס פון דער געסטאַפּאָ־געביידע.

אין דרויסן האָט אויף אים געוואַרט יורקע. האָט ער צו יורקען געזאָגט, אַז ער איז דורכגעפאַלן און אַז מען מוז וואָס שנעלער פון דאַנען לויפן. יורקע איז מיט אים אַדורך דעם מאַהילניק, וואָס איז געווען אַנטקעגן דער געסטאַפּאָ, אַרויף אויפן באַרג און דורך דעם אַזשואַלינאַס, אַוועק צום דערפל יאַדישקעס. דאָרטן איז געווען אַ רייכער פּוילישער פּאַן, וועלכער האָט געשטעלט זיינע שטאַלן צו דער דיספּאָזיציע פון די אַנטלאָפענע קריגס־געפאַנגענע.

דאָרט איז געווען אַן אייזערנער טויער און לינקס פון טויער זיינען געשטאַנען די שטאַלן. רעכטס פון טויער — די וווין־געביי־דעס פון די אַרבעטער און גאָר טיף, אַנטקעגן דעם טויער, דאָס וווין־הויז פון דעם פּאַן. אויב אין פאַל, ווען מען וואָלט געפונען

ווען בײַ די שטאַלן, האָט דער פּאַן געקענט טענהן, אַז עס האָט זיך ווער אַרײַנגעגנבֿעט אָן זײַן וויסן.

יורקע מיטן מאַיאָר זײַנען אַרײַנגעגאַנגען אין אײנעם פֿון די שטאַלטן און דאָרטן האָבן זײ געפֿונען אַז אַנטלאָפֿענעם קריגס־געפֿאַנגענעם. יורקע האָט אױסגעטאָן פֿון זיך די קוילן־בענדער מיט װעלכע ער איז געװען אַרומגעװיקלט, און ער האָט דאָס געגעבן דעם מאַיאָר און דעם קריגס־געפֿאַנגענעם זײ זאָלן אָנלאָדן די דיסקן פֿון אױטאָמאַט, און זײַן גרײט. אָבער אין דער צײַט זײַנען אַהער אָנגעקומען די געסטאַפּאָװצעס, װעלכע האָבן זיך געיאָגט נאָך זײ. זײ האָבן בײַ דעם טויער אָװעקגעשטעלט אַ פּאָסטן און אַלײן זײַנען זײ אָװעק צום פּאַליאַק און זײ האָבן אַרומגערינגלט זײַן הויז.

יורקע האָט אָנשטאָט אָנצופֿאַלן אויף דעם פּאָסטן בײַ דעם טויער, באַשלאָסן אָנצוגרײַפֿן די געסטאַפּאָװצעס, װעלכע האָבן אַרומגערינגלט דאָס הויז. ער האָט גוט פֿאַרשטאַנען, אַז נאָכדעם, װי ער װעט פֿאַרטיק װערן מיט דעם פּאָסטן בײַם טויער, װעלן די געסטאַפּאָװצעס זײ נאָכיאָגן און באַשיסן און דאַן װעט ניט זײַן פֿאַר זײ קײן מעגלעכקײט צו אַנטלויפֿן.

דער אָנפֿאַל אויף די אַרומגערינגלטע געסטאַפּאָװצעס, איז געװען אַזוי געװאַגט, אַז זײ זײַנען איבעראַשט געװאָרן פֿון שטאַרקן אױטאָמאַטן פֿײַער װעלכער האָט געזײט טויט אויף רעכטס און אויף לינקס און ער האָט די געסטאַפּאָװצעס געצװוּנגען אין פּאַניק צו זוכן אַ דעקונג...

הינטערן הויז איז געװען אַ פּאַרק און הינטער דעם פּאַרק איז געװען אַ ניט קײן גרויסער װאַלד. יורקע מיטן מאַיאָר און מיטן קריגס־געפֿאַנגענעם האָבן זיך דורכגעריסן צום פּאַרק און פֿון דאָרטן אין װאַלד. אַזוי אַרום האָבן זײ דערגרײכט אַ דעקונג, נאָך פֿריער װי די געסטאַפּאָװצעס, װעלכע זײַנען געװען צעטומלט פֿון איבעראַשונג.

די דײַטשן האָבן דעריבער ניט געװאַגט זײ אָנצוגרײַפֿן אין זײערע דעקונגס־פּלעצער, װײַל כּדי זײ אַרומצורינגלען, איז בײַ זײ ניט געװען גענוג כּוחות. דעריבער זײַנען זײ געװען געצװוּנגען

צו וואַרטן אויף אַ פאַרשטאַרקונג. דאָס האָט געגעבן די מעגלעכ־קייט יורקען מיט זיינע מענטשן זיך צו דערווייטערן וואָס שנעלער פון דעם אָרט און דערגרייכן דעם קאָשעדאַרער וואַלד. פון דאָרטן זיינען זיי בשלום אָנגעקומען צוריק אויף דער באַזע אין רודניצקער וואַלד.

## דער רעצידיוו פון אַנטיסעמיטיזם

פעטראָוויטש איז באַשטימט געוואָרן פון מאָסקווער הויפּט־שטאַב פון דער פּאַרטיזאַנישער באַוועגונג אַלס קאָמיסאַר פון דער קאָוונער בריגאַדע. אין דער בריגאַדע זיינען אַריין 3 אָטריאַדן, וואָס האָבן זיך געפונען אין רודניצקער וואַלד און דאָס זיינען געווען די פאַלגנדע אָטריאַדן: זיין אָטריאַד אין קאָשעדאַרער וואַלד; ביעל־אוסקאַסעס אָטריאַד אין קאַזלאָווא־רודער וואַלד און אַלעקסאַס ווייצעקאוסקאַסעס אָטריאַד וועלכער האָט זיך אויך געפונען אין קאַזלאָווא־רודער וואַלד. אויסער זיין באַשטימונג אַלס קאָמיסאַר פון דער קאָוונער בריגאַדע, האָט מען אויף אים אַרויפגעלייגט די אויפגאַבע צו אָנפירן מיט דער אונטערערדישער פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע אין קאָוונע און אין קאָוונער קרייז.

די קאָמאַנדירן און קאָמיסאַרן פון די אויבנדערמאָנטע אָט־ריאַדן זיינען ניט גאָר שטאַרק באַגייסטערט געווען פון פעטראָ־וויטשעס באַשטימונג אַלס קאָמיסאַר פון דער קאָוונער בריגאַדע. טאָמער זיינען זיי שוין פּטור געוואָרן פון דער אויבערקאָמאַנדע פון איין יידן — פון יורגיסן — וואָס איז אַוועק אין די אַווגוסטאָווער וועלדער אין דער געגנט פון קאַפּטשאַמיעסטיס, איז געקומען אויף זיין פּלאַץ אַ נייער אויבערקאָמאַנדיר — אַ צווייטער ייד: פּעט־ראָוויטש...

באַזונדערס האָט געזידט אין אים דאָס בלוט פון אונדזער קאָ־מיסאַר דאַווידאָוו. ער האָט ניט געקאָנט ליידן און מסכים זיין, אַז איך — אַ ייד פון זיין אָטריאַד, האָב באַקומען באַפעלן דירעקט פון יורגיסן, ניט פאַרשטענדיקנדיק זיך מיט אים פריער, ווי דאָס איז אָנגענומען אין מיליטערישער דיסציפּלין. באַזונדערס האָט ער

ניט געקאָנט מסכים זײַן מיט דעם פּאַקט, וואָס איך האָב באַקומען אויפגאַבעס אויסצופירן, וועלכע זײַנען פאַר אים אַליין געווען אַ סוד.

אויב דאָס איז געווען ניט גענוג, האָב איך איצט געבראַכט אויף זײַן קאָפּ אַ פרישן ייד, וועלכער וועט אים געבן באַפעלן און ער וועט זיי מוזן אויספירן און ער וועט דאַרפן אָפּגעבן דעם ייד אַ דין־וחשבון פון זײַן טעטיקייט. היות ווי קעגן פּעטראָוויטשן איז ער געווען מאַכטלאָז, האָט זיך זײַן גאַנצע שנאה אויסגעגאָסן אויף מיר און באַזונדערס איצט, ווען יורגיס איז שוין ניט געווען אין אונדזער געגנט.

פאַר דער צײַט וואָס איך בין ניט געווען אין אָטריאַד האָט פּאַסירט אַ גרויסער אומגליק מיט אַ יידישן פּאַרטיזאַן — דעם קאָמ־סאָמאָליעץ — מישקע קאַרעצקי.

מישקע קאַרעצקי איז געווען אַ פּאַראַשוטיסט און אַ שרעק־לאַזער גוטער פּאַרטיזאַן. איין מאָל, ווען ער איז געגאַנגען צוזאַמען מיט מישקע לוקיאַנאָוון און מיט נאָך צוויי רוסישע פּאַרטיזאַנער פון די קריגס־געפאַנגענע אויף אַן אויפגאַבע אויפרייסן אַ באַן, האָט ער זיך פון דער אויפגאַבע ניט צוריקגעקערט, אָבער די איבע־ריקע פּאַרטיזאַנער, וואָס זײַנען מיט אים געגאַנגען אויספירן די אויפגאַבע זײַנען אָנגעקומען בשלום אויף זייער באַזע.

ווען די קאָמאַנדשאַפט האָט אָנגעהויבן אַן אויספאָרשונג, פאַרוואָס האָט זיך מישקע קאַרעצקי ניט צוריקגעקערט מיט זיי, האָבן זיי געזאָגט, אַז ער איז געפאַלן אין קאַמף מיט די דייטשן. עס איז אָבער בכלל געווען אַ גרויסער ספק צי אַזאַ קאַמף איז פאָרגעקומען, ווײַל די אויסגעטראַכטע דערציילונג וועגן אַ קאַמף מיט די דייטשן איז ניט געווען גענוג איבערצײַגנדיק. און אויב אַפילו ס'איז יאָ אָנצונעמען, אַז ס'איז געווען אַ קאַמף, איז דאָך דער קאַמף געווען פאַר אַלע און ניט נאָר פאַר מישקע קאַרעצקי אַליין. באַזונדערס האָט אַרויסגערופן אַ חשד, וואָס די פּאַרטיזאַנער פון זײַן גרופּע האָבן געבראַכט מיט זיך מישקעס געווער אויף דער באַזע צוריק. אויב עס איז געווען אַ קאַמף — ווי זיי האָבן דאָס געטענהט און זיי איז געלונגען צו ראַטעווען זיך אַ דאַנק דער

דעקונג פון מישקע קאַרעצקי, וואָס איז געפאַלן אין קאַמף, איז אַ ספק, צי זיי וואָלטן געקאָנט ברענגען זיין געווער מיט זיך אויף דער באַזע. ס׳איז ניט געווען קיין שום ספק און באַזונדערס פאַר די יידישע פּאַרטיזאַנער, איז דאָס געווען קלאָר, אַז זיינע רוסישע קאַמפס־חברים האָבן אים דערשאָסן אין וועג...

דער קאָמיסאַר דאַווידאָוו האָט מישקע קאַרעצקי זייער פיינט געהאַט, ווייל מישקע איז געווען אַ פּאַראַשוטיסט און דער קאָמי־סאַר איז געווען אַ געוועזענער קריגס־געפאַנגענער. דאַווידאָוון האָט זיך געדאַכט, אַז מישקע אַלס קאָמסאָמאָליעץ וועט פאַרנעמען זיין פּאָסטן אַלס קאָמיסאַר פון דעם אָטריאַד. עס איז אויך ניט אויסגעשלאָסן, אַז מישקע קאַרעצקי איז אומגעבראַכט געוואָרן לויט דער דירעקטער אויפגאַבע פון קאָמיסאַר אַליין...

דער טראַגישער טויט פון מישקע קאַרעצקי האָט אונדז אַלע־מען אויפגעטרייסלט און שווער געטראָפן. אונדז — די יידישע פּאַרטיזאַנער איז געווען פיינלעך דער אומשולדיקער טויט פון אַ יידישן פּאַרטיזאַן, וואָס איז אומגעבראַכט געוואָרן פון זיינע איי־גענע קאַמפס־חברים. דער דאָזיקער פאַל, וועלכער האָט געדאַרפט גרינטלעך אויסגעפאָרשט ווערן, איז בכוונה פאַרשוויגן געוואָרן, אָדער די אָנפירונג האָט ניט געהאַט קיין שום אינטערעס צו באַ־שטראָפן די מערדער פאַרן דאָזיקן פאַרברעכן. מישקעס טויט איז ווי געהעריק ניט אויסגעפאָרשט געוואָרן. קיינעם האָט מען ניט באַשולדיקט אין זיין טויט, אָבער פאַר אונדז — יידישע פּאַרטי־זאַנער — איז געווען קלאָר, ווער עס זיינען מישקע קאַרעצקיס רוצחים...

*

אַ צווייטע גרופּע אונטער דער אָנפירונג פון סאַשאַ ביעליאַ־קאָוו איז אויך געגאַנגען אויף אַ אויפגאַבע צו אויפרייסן אַ באַן אין דער דאָזיקער געגנט. אין דער דאָזיקער גרופּע איז געווען דער יינגסטער פּאַרטיזאַן פון אָטריאַד זשאַן שפּערלינג. ער האָט באַקו־מען אַ באַפעל צו היטן דעם אויפרייס־מאַטעריאַל. שטייענדיק אויפן פּאָסטן, איז זשאַן שפּערלינג איינגעשלאָפן און סאַשאַ ביעליאַקאָוו

האָט אים געפֿונען שלאָפֿנדיק לעבן דעם אויפֿרייס־מאַטעריאַל...

לויט די אָנגענומענע מיליטערישע כּללים איז דאָס אַ גרויסער פֿאַרברעכן, פֿאַר וועלכן אין מלחמה־צייט קומט די העכסטע שטראָף. עס אונטערליגט ניט קיין ספֿק, אַז פֿאַרן דאָזיקן פֿאַר־ברעכן האָט מען זשאַן שפּערלינגן געדאַרפֿט משפּטן אין אָטריאַד לויט אַלע כּללים פֿון אַ פּאַרטיזאַנישן געריכט. ס׳איז גאַנץ מעגלעך אַז אין דעם פֿאַל וואָלט מען זיך ניט גערעכנט מיט קיין מילדע־רונגס־אומשטענדן, וואָס ער איז געווען זייער יונג און ניט דער־פֿאַרן און ס׳איז זייער מעגלעך אַז מ׳וואָלט אים פֿאַרמשפּט צום טויט, אָבער דער קאָמאַנדיר סאַשאַ ביעליאַקאָוו האָט זיך כּלל ניט גערעכנט מיט דער אָנגענומענער פּראָצעדור פֿון פֿירן אַ משפּט — ער האָט דאָס געהאַלטן פֿאַר איבעריק... ער האָט אים אַליין דערשאָסן...

דאָס איז אַן אומגעהערטער פֿאַל, ווען אַ קאָמאַנדיר האָט גענומען דאָס געזעץ אין זיינע הענט, געהאַנדלט אויף דער אייגע־נער אחריות און אויסגעפֿירט אַ טויט־אורטייל אויף אַ פּאַרטיזאַן, אָן דער דערלויבעניש פֿון די העכערע קאָמאַנדירן — אַ זאַך פֿאַר וועלכן ער האָט געדאַרפֿט צוגעצויגן ווערן צו פֿאַראַנטוואָרט־לעכקייט און אים שטרענג באַשטראָפֿן. אָבער ווען די גרופּע האָט זיך צוריקגעקערט פֿון דער אויפֿגאַבע אין אָטריאַד, האָט די הע־כערע קאָמאַנדשאַפֿט ניט געפֿונען פֿאַר נויטיק צו מאַכן אים אַ פֿאַרוואורף אַפֿילו. אָבער וואָס ס׳איז מער פּיינלעכער, איז דער פֿאַקט, וואָס די אַנדערע אָנטיילנעמער פֿון דער גרופּע זיינען אַלע געווען יידן און אויך זיי האָבן אויף דעם ניט רעאַגירט ווי געהעריק.

זשאַן שפּערלינג איז געווען איינער פֿון די דריי העלדן, וועלכע האָבן געגנבֿעט געווער און אַמוניציע אין דער קאָוונער געוועזענער דייטשער גימנאַזיע ביי דער געסטאַפּאָ אונטער דער נאָז. ער איז בלויז אַלט געווען 16 יאָר און האָט באַצאָלט מיט זיין יונגן לעבן פֿאַר אַ פֿאַרברעכן, פֿאַר וועלכן ער האָט געקענט אָפּקומען מיט אַ מילדערער שטראָף.

## „פון דעם דאָזיקן אווטאָמאָט האָסטו געדאַרפט פאַלן אַ קרבן"...

אויף דער באַזע איז מיר דאָס מאָל אויסגעקומען צו רוען בלויז דריי טעג. מען האָט מיך באַפוילן צו גיין מיט יאַנ־קעלע לעווין, שלמה באַראַן און צביה קאַפּיט צו פּעטראָוויט־שעס באַזע אין קאַשעדאַרער וואַלד, פאַרבינדן זיך מיט זיינע מענטשן און איבערגעבן זיי זיינע באַפעלן, היות, ווי ער אַליין בלייבט איבער אין רודניצקער וואַלד, נאָך זיין נייער באַשטימונג אַלס קאָמיסאַר פון דער קאָוונער בריגאַדע. איך האָב געדאַרפט אין קאַשעדאַרער וואַלד, אין איינע פון דריי פּראָסיעקעס (אויסגע־האַקטע וואַלד־וועגן), געפינען דריי אָנגעצייכנטע אייכן־ביימער און לעבן זיי וואַרטן, ביז עס וועלן קומען צוויי מענטשן פון זיין אָטריאַד. זיי האָבן צו מיר געדאַרפט זאָגן דעם פּאַראָל „ווילקאָס" און איך האָב זיי געדאַרפט ענטפערן: „שערנאָס". דאַן האָבן זיי מיך מיט מיינע מענטשן געדאַרפט אַוועקפירן אין זייער אָטריאַד. די אויפגאַבע, איז לגמרי ניט געווען קיין לייכטע.

צביה קאַפּיט איז אָנגעקומען אין אָטריאַד אויף זייער אַ טשע־קאַוון אופן: זי האָט זיך אָנגעטאָן אַלס אַ פּויערטע פון דאָרף און איז געקומען צופוס מיטן באַן ביז צו דער סטאַנציע רודישקי. פון דאָרטן איז זי שוין געווען זייער נאָענט צו די פּאַרטיזאַנישע באַזעס. זי איז צו אונדז צוגעגעבן געוואָרן צו אויספירן אויפגאַבעס אַלס פאַרבינדלערין אין דאָרף און אין שטאָט קאָוונע.

אונדזער אויפגאַבע איז אויך געווען צו קריגן אַ פאַרבינדונג מיט דער שטאָטישער פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע און אויך מיט דער געטאָ־אונטערערד. חוץ מיין דירעקטער אויפגאַבע, וואָס איך האָב געדאַרפט אויספירן, האָט די קאָמאַנדשאַפט צוגעגעבן צו מיר נאָך צוויי גרופּעס. איינע אונטער דער אָנפירונג פון מישקע לוקיאַנאָוון מיט צוויי וואָסטאָטשניקעס (פּאַרטיזאַנער פון מזרח־ווייסרוסלאַנד, וואָס זיינען געקומען צו אונדז) און סאַשקע פּראָסילענקאָ. זיי האָב איך געדאַרפט ברענגען ביז צום ניעמאַן, וואָס האָט אַדורכגעפלאָסן לעבן קרואָניס. דאָרטן האָבן זיי געדאַרפט אַריבערשווימען אויפן

צווייטן ברעג פון טייך און אויפרייסן אַ באַן אויף דער ליניע קאָוונע—ווילקאָווישקיס.

די צווייטע גרופּע איז געווען אונטער דער אָנפירונג פון שמעון בלאָך מיט פעטשקאַרניקן און דעם קריגס־געפאַנגענעם, וואָס איז געקומען צוזאַמען מיט יורקען אין אַטריאַד פון יואַדיש־קעס. זיי האָב איך געדאַרפט ברענגען ביז צו דער באַן־ליניע קאָוונע־קיישעדאַריס, ווו זיי האָבן דאָרט געדאַרפט אויפרייסן אַ באַן.

איידער מיר זיינען אַריבער די באַן־ליניע ווילנע־לידע, האָבן מיר ביז אָוונט גערוט אין דאָרף אינקלאַרישקי. אין דעם דאָרף האָט זיך מישקע לוקיאַנאָוו אָנגעזופּט מיט סאַמאָגאָן און איז גע־ווען שיכור ווי לוט. ווען מיר האָבן געדאַרפט איבערשניידן די באַן־ליניע, האָט ער זיך קוים געהאַלטן אויף די פיס און זייענדיק שטאַרק שיכור, האָט ער אויסגעשאָסן פון זיין אָווטאָמאַט... די דאָזיקע שאָסן האָבן גלייך צוגעצויגן די אויפמערקזאַמקייט פון די דייטשע גאַרניזאָנען, וואָס האָבן געהיט די באַן־ליניע. זיי האָבן גלייך אָנגעהויבן צו שיסן אויף אונדז פון אַלע זייערע דערבייאיקע בונקערס. דער פייער פון די דייטשן איז געווען אַ שטאַרקער און מיר זיינען געווען געצוווּנגען צו פּויזן אויף די בייכער ביז צום אייגעלאַנצער וואַלד.

ווען מיר זיינען שוין אַריין טיף אין וואַלד, האָב איך באַשלאָסן צו דערמעגלעכן דעם שיכורן מישקען צו אויסניכטערן זיך. איך האָב אים געלאָזן זיך אויסשלאָפן ביי אַ 2 שעה, כדי ער זאָל קומען צו זיך. ער האָט אונטערגעלייגט זיין פּ.פּ.ד.־אַווטאָמאַט צוקאָפּנס און איז שטאַרק איינגעשלאָפן. מיר האָבן ניט געהאַט קיין אַנדער ברירה און וואַרטן אויף אים ביז ער וועט זיך אויסניכטערן. ווען ער האָט זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף, האָבן מיר פאָרגעזעצט אונדזער גאַנג.

ניט דערגייענדיק צום דאָרף גודאַקעמיס, האָב איך באַמערקט, אַז מישקע האָט ניט זיין אָווטאָמאַט. דאָס האָט מיך באַאומרואיקט. ווען איך האָב אים אַ פרעג געטאָן, ווו האָט ער איבערגעלאָזן זיין אָווטאָמאַט, האָט ער זיך גוט אויסגעזידלט אויף זיין שטייגער און

געזאָגט, אַז ער האָט אים וואַרשיינלעך איבערגעלאָזט אויף דעם פּלאַץ ווו ער איז איינגעשלאָפן... פאַר פאַרלירן דאָס געווער קומט אַ האַרבע שטראָף און אין אַזאַ פאַל קען ער באַצאָלן מיט זיין לעבן. איך האָב ניט געהאַט קיין אַנדער ברירה און בין געווען געצוווּנגען ווייטער איבערצולאָזן אַלע מיינע מענטשן אין וואַלד און גיין מיט מישקען צוריק אויף דעם פּלאַץ, ווו ער איז געשלאָפן און זוכן זיין אַווטאָמאַט.

איך האָב געוווּסט די ריכטונג ווי אַזוי צו גיין, היות ווי מיר זיינען געגאַנגען לויט דעם אַזימוט פון דעם קאָמפּאַס. מיר זיינען דערגאַנגען צו דעם אָרט ווו מישקע איז געשלאָפן און גאַנץ אומגעריכט האָב איך צופעליק אַנגערירט מיט מיין פוס דעם אַווטאָמאַט, וואָס איז געלעגן דאָרט, ווו מישקע איז געשלאָפן. איך האָב אויפגעהויבן דעם אַווטאָמאַט און דערלאַנגט מישקען. דאָס געפינען אַזוי לייכט דעם אַווטאָמאַט איז ממש געווען אַ גליקלעכער צופאַל, ווייל ס׳האָבן געקענט פאַרבייגיין אַנדערע מענטשן פאַרביי דעם אָרט און מ׳האָט אים געקענט צונעמען.

דערלאַנגענדיק מישקען דעם אַווטאָמאַט, האָב איך אים גע־מוסרט, אַז פאַר פאַרלירן דאָס געווער אויס נאַכלעסיקייט, קומט אים לויטן פאַרטיזאַנישן געזעץ די העכסטע שטראָף. ער איז אַנידער־געפאַלן פאַר מיר אויף די קני און האָט מיך געקושט די הענט. ער האָט געבעטן רחמים, און האָט פאַרזיכערט, אַז אַ צווייטן מאָל וועט דאָס ניט געשען, דערביי האָט ער צו מיר אַ זאָג געטאָן. — „דו ווייסט, אַז פון דאָזיקן אַווטאָמאַט האָסטו אַליין געדאַרפט פאַלן אַ קרבן? — נאָר איך וועל זיך מיט אים אָפּרעכענען, ווען איך וועל קומען צוריק אויף דער באַזע״...

אויף מיינע פראַגן, וואָס ער מיינט דערמיט צו זאָגן און מיט וועמען ער מיינט זיך אָפּצורעכענען? האָט ער מער קיין וואָרט ניט גערעדט. עס איז מיר דורכגעגאַנגען אַ קעלט איבער מיין לייב, טראַכטנדיק, אַז מען קען פאַלן אַ קרבן, אָן קיין שום סיבה, פון אַן אייגענעם פאַרטיזאַן...

פון דעם מאָמענט אָן, איז מישקע געוואָרן צו מיר טריי און איבערגעגעבן, ווי אַ געטרייער הונט צו זיין בעל־הבית. מיר האָבן

זיך צוריקגעקערט צו אונדזערע וואַרטנדיקע מענטשן און פאַרגע־זעצט אונדזער גאַנג ווייטער אָן קיין שום קאָמפּליקאַציעס. ביי דעם דאָרף מעדינאַ האָבן מיר זיך מיט מישקעס גרופּע צעשיידט און מיר זיינען אַוועק אין דער ריכטונג צום קאָשעדאַרער וואַלד. זיי האָבן זיך אָפּגערעדט מיט אַ פּויער, אַז ער וועט זיי איבערפירן איבערן ניעמאַן אויף זיין שיפל.

## בילדער, עפּיזאָדן, פּאַסירונגען

אויף דעם וועג צו קאָשעדאַרער וואַלד, האָט שמעון בלאַך פאָרגעשלאָגן דורכצופירן ביי איינעקע וואַלד־וועכטערס אַ קאָנפיס־קאַציע פון זייער געווער. שטאַרק צופרידן פון דעם פאָרשלאַג בין איך ניט געווען, ווייל דאָס האָט אונדז געקענט זיין אַ שטערונג אין אונדזער מאַרש. אָבער אַזוי ווי שמעון בלאַך מיט זיינע מענטשן האָבן זיך גערעכנט פאַר אַ באַזונדערע גרופּע, וואָס איז ניט געווען אָפּהענגיק פון אונדז, (און אויב איך וואָלט אָפילו ניט מסכים געווען, וואָלטן זיי דאָס דורכגעפירט זעלבסטשטענדיק), האָב איך בלית־ברירה צוגעשטימט און צוזאַמען מיטגעמאַכט די אַקציע פון דער געווער־קאָנפיסקאַציע. דאָן האָבן מיר קאָנפיסקירט צוויי ביקסן.

אין דעם קאָשעדאַרער וואַלד זיינען מיר געקומען ניט ווי געוויינלעך, איבערשניידנדיק די באַן־ליניע קאָוונע—קיישאַדאַריס, נאָר דורך אַן אַנדער זייט — איבערשניידנדיק די ליניע יאַנעווע—קיישאַדאַריס. דעריבער האָט שמעון בלאַך מיט זיינע מענטשן גע־מוזט מיט אונדז צוזאַמען דורכגיין דעם גאַנצן וואַלד, כדי צו דערגרייכן זייער ציל: אויפרייסן אַ באַן אויף דער ליניע קאָוונע—קיישאַדאַריס.

אונדזער ציל איז געווען צו געפינען אין וואַלד די געצייכנטע אייכן־בוימער און דאָרטן טרעפן פּעטראָוויטשעס מענטשן. אין דער ערשטער ריי האָב איך געדאַרפט אויפן וועג צו די באַזעס געפינען די איינע פון די דריי פּראָסיעקעס, וווּ די אייכן־בוימער האָבן זיך געדאַרפט געפינען. נאָך לאַנגע זוכענישן, איז מיר מיט

גרויס מזל געלונגען צו געפינען די דריי אייכן־בוימער. נעבן זיי האָבן מיר געוואַרט ביז אָוונט. ווען ס׳איז געוואָרן פינצטער, זיינען געקומען צוויי מענטשן און אויסגעשריען דעם פּאַראָל „ווילקאָס״. איך האָב געענטפערט : „שערנאָס״. די מענטשן זיינען צוגעגאַנגען צו אונדז און זיך פאַרגעשטעלט, אַז זיי זיינען פון פּעטראָוויטשעס אָטריאַד און זיי וועלן אונדז ברענגען צו זייער באַזע, ווו מען וואַרט שוין לאַנג אויף אונדז.

מיט גרויס פרייד האָט אונדז אויפגענומען פּעטיאַ טראָפימאָוו, וועלכער איז דאָ געבליבן אַלס פאַרטרעטער פון פּעטראָוויטש. זייער אָטריאַד האָט זיך אין דער לעצטער צייט פאַרגרעסערט, אָבער פּעטיאַ, אַלס קאָמאַנדיר פון אָטריאַד, האָט ניט געהאַט קיין נויטיקע דערפאַרונג. ער איז דעריבער באַזונדערס געווען צופרידן מיט אונדזער קומען, כדי זיך צו טיילן מיט אונדזערע דערפאַ־רונגען. מיר האָבן אים גערן דערציילט, ווי אונדזערע אָטריאַדן פירן דורך פאַרטיזאַנישע אויפגאַבעס, און געגעבן אים עצות ווי בעסער זיי אויסצופירן.

די הויפּטזאַך, וואָס איך האָב אים געראַטן, איז ניט צו באַגרע־נעצן זיך בלויז מיט דער טעריטאָריע פון דעם וואַלד, ווו עס געפינט זיך זייער באַזע. מען דאַרף פּרובירן אַרויסגיין אויסער די גרענעצן פון זייער טעריטאָריע, דאַן וועלן זיך פאַר זיי עפענען ברייטע מעג־לעכקייטן. ער האָט מיר געענטפערט, אַז אויף דעם האָבן זיי ניט גענוג געווער. איך האָב אים דערציילט ווי מיר האָבן אויף דעם גאַנג צו זיי קאָנפיסקירט ביי וואַלד־וועכטערס צוויי ביקסן, און ווען זיי וועלן זיך אָפּגעבן מערער פאַר אַזעלכע עקספּראָפּריאַציע־אַקטן, וועלן זיי זיך אויך פאַרשאַפן די נויטיקע צאָל געווער.

מיר אַלע האָבן באַשלאָסן אָנטיילצונעמען מיט זיי אין אַזעלכע אויפגאַבעס, אַזוי לאַנג ווי מיר וועלן זיך אויפהאַלטן ביי זיי. אַזוי האָבן מיר מיט זיי, בלויז אין דאַרף פאַסקוטישקעס, קאָנפיסקירט ביי פּויערים 6 ביקסן מיט אַ סך קוילן. אין אונדזער אַרסענאַל ביי פּעטיאַן אויף יאַנעווער גאַס 52 אין קאָוונע האָבן מיר נאָך 5 ביקסן, האָב איך אים געזאָגט. אַז מיר וועלן איצט גיין אין קאָוונע נאָכ־אַמאָל זיך פאַרבינדן מיט דער געטאָ־אונטערערד און אויב ס׳וועט

זיך אונדז ניט איינגעבן פון דאָרטן אַרויסצוקריגן קעמפּערס פאַר אונדזערע אַטריאַדן, קען ער רואיק צונעמען די פינף ביקסן פאַר זיך אין אַטריאַד.

שמעון בלאַך מיט זיינע מענטשן זיינען אַוועק אויספירן זייער אויפגאַבע אויף דער באַן־ליניע קאָוונע־קיישאַדאַריס און מיר זיינען אַוועק ווידער אין קאָוונע מיטן ציל צו אַרויסנעמען קעמפּערס פון געטאָ. דאָס מאָל זיינען מיר אָנגעקומען אין קאָוונע פון אַן אַנדערער זייט, ווי פריער.

געפינענדיק זיך נאָך אין קלעבאַנישקער וואַלד, איידער מיר זיינען אַריין אין קאָוונע, האָבן מיר זיך פאַנאַנדערגעטיילט איינציקווייז: יאַנקעלע לעווין איז אַוועק צו מאַריאַ לעשצינסקיענע, שלמה באַראָן איז אַוועק אין דאָרף פּאַדערישקי צו דרוליא, צביה קאַפּיט איז אַוועק צו אַ באַקאַנטע ליטווישע פאַמיליע און איך בין אַוועק אויף מאַזשאַי דאַרבינינקו גאַס 12 צו פראַנאַס באַלעניונאַס, וווּ עס האָט זיך געפונען די באַהעלטעניש פון מיין שוואָגער מיט זיין פאַמיליע.

ווען איך בין אַהין אָנגעקומען, האָב איך ביי זיי געפונען דריי בריוו פון מיין פרוי, וועלכע האָט זיך שוין געפונען אין קאָוונער געטאָ. איך ווייס ניט צו דאָס איז געווען מיט ליפּצערס הילף, אָדער דאָס איז אפשר גאָר פשוט געווען אַ גליקלעכער צופאַל און אַ ביסל אָריענטאַציע פון מיין פרוי אַליין. אַ פאַקט איז, אַז זי געפינט זיך שוין אין קאָוונער געטאָ, פון וואַנען איך קען איר צונעמען. איך האָב לאַנג ניט געוואַרט און גלייך געשיקט פראַנאַס באַלעניונאַסן, ער זאָל זיך באַמיען מיט זיינע פאַרבינדונגען איר אַרויסנעמען פון געטאָ און ברענגען צו אים אין באַהעלטעניש, וווּ עס האָט זיך געפונען איר גאַנצע פאַמיליע. אים איז אָבער ניט געלונגען איר אַרויסצונעמען פון געטאָ און ער האָט אפילו ניט געקענט פאַרבינדן זיך מיט איר. ניט האָבנדיק קיין אַנדער ברירה, בין איך דאַן אַוועק אַליין...

איך בין געקומען צו דעם אָרט פון צוים, וווּ עס האָט זיך יעדן טאָג געפונען אַ געוויסע צייט פסח שאַטער. מיר האָבן דעם טייל פון צוים גערופן „פיישקעס געהיימער טויער". פסח שאַטער האָט

מיך באַמערקט און, אַזוי ווי מיין פרוי האָט זיך געפונען ביי אים אויף קוואַרטיר, האָט ער מיר צוגעוווּנקען איך זאָל וואַרטן און נאָך אַ קורצער צייט אַרום, איז ער געקומען צוזאַמען מיט מיין פרוי. ווען דער פּאָסטן האָט זיך דערווייטערט פון דעם אָרט אויף אַזאַ מרחק, אַז ער האָט ניט געקענט באַמערקן, האָט ער אויפגעהויבן דעם דראָט און אַרויסגעלאָזן מיין פרוי צו מיר. איך האָב איר אָנגענומען אונטערן אָרעם און מיר זיינען אַזוי אַוועק צוזאַמען, ווי אַ יונג פּאָרליבט פּאָרל גייט איבער דעם בריק אין קאָוונע...

איך האָב איר געבראַכט אין דער באַהעלטעניש ווו עס האָט זיך געפונען איר פאַמיליע. ערשט דאָן האָבן זיי זיך דערוווּסט, וואָס מיין פרוי האָט דורכגעמאַכט פאַר דער צייט. איך האָב איר דאָן פאָרגעשלאָגן צו אויסוויילן איינע פון די צוויי מעגלעכקייטן: בלייבן אין דער באַהעלטעניש צוזאַמען מיט איר פאַמיליע, אָדער גיין מיט מיר צוזאַמען אין אַטריאַד. זי האָט, ניט לאַנג טראַכטנדיק, אויסגעוויילט צו גיין מיט מיר. דערביי האָט זי זיך גאַנץ גוט אָפּגעגעבן אַ חשבון מיט וואָס פאַרא סכנות איר באַשלוס איז פאַרבונדן.

דער טרעפפּונקט מיט מיינע מענטשן און אויך מיט די, וואָס וואָלטן אַרויס פון געטאָ צו אונדז, איז געווען באַשטימט אין קלעבאַנישקער וואַלד. אַלע אונדזערע מענטשן האָבן זיך געפונען צו דער באַשטימטער צייט אין דעם באַשטימטן אָרט. פון דאָרטן זיינען מיר מיטן ברעג פון דער וויליע דערגאַנגען ביז צום 18־טן קילאָמעטער פון קאָוונע, דאָרטן האָבן מיר זיך אַרויפגעהויבן אויפן באַרג, איבערגעשניטן דעם שאָסיי קאָוונע—יאַנעווע און לעבן דעם דאָרף פּאַסקוטישקעס, אַריין אין קאַשעדאַרער וואַלד.

פון געטאָ איז אונדז אויך דאָס מאָל ניט געלונגען אַרויסצוקריגן קעמפערס פאַר אונדזערע אַטריאַדן און דאָס ניט צוליב דעם וואָס מען האָט ניט געוואָלט גיין מיט אונדז, נאָר דערפאַר ווייל די אָנפירונג האָט באַשלאָסן צו גיין בעסער אין קאַזלאָווע־רודער וואַלד. דער סוף פון דעם באַשלוס איז געווען, אַז אויך אין קאַזלאָווע־רודער וואַלד איז קיינעם פון זיי ניט געלונגען אַוועקצוגיין, חוץ ירחמיאל בערמאַן מיט גאָר אַ קליינער גרופּע.

מיר האָבן דעם מאָל אויסגעמיטן דעם אָטריאַד פון פּעטיאַ טראָפּימאָוו און געגאַנגען דורך דעם וואַלד דירעקט אין דער ריכ־טונג צוריק צו אונדזער באַזע. ווען מיר זיינען געקומען אין דאָרף לעווינטאַי האָבן מיר דאָרטן ניט געפונען קיין מענער. ווי ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן זיינען אַ פּאָר טעג פאַר דעם, געווען אין דאָרף פּאַרטיזאַנער פון ווייסרוסלאַנד.

דאָס זיינען געווען פּאַרטיזאַנער פון מאַראַזאָווס בריגאַדע און זיי האָבן זיך דאָרט פאַרנומען מיט רויבן דער דאָרפישער באַפעל־קערונג. מיר האָבן ניט געקענט וויסן, אַז די מענער פון דעם דאָרף זיינען אַוועק אין אַ לויערונג אויפן וועג, כדי צו אַנצוגרייפן די פּאַרטיזאַנער ביים צוריקקערן זיך. אַזוי ווי מיר האָבן געהאָט אין אונדזער גרופּע צוויי פּרויען און איך האָב זייער שטאַרק גע־ליטן פון מיין אויסגעלונקענער פוס, האָבן מיר אין דאָרף לעווינטאַי גענומען אַן עלטערן פויער מיט זיין פערד און וואָגן, און אים געהייסן ער זאָל אונדז פירן ביז צו דעם נאָענטסטן דאָרף.

דער פויער האָט ניט ווילנדיק איינגעשפּאַנט זיין פערד און האָט אונדז געפירט. ווען מיר זיינען אָנגעקומען אויף אַן אָרט, ווו אין זייט וועג איז געווען אַ קאָרנפעלד און פון דער אַנדערער זייט פון וועג אַ פרייע פעלד, האָט מען אונדז באַשאָסן פון די קאָרן. מיר האָבן אַלע שנעל אַראָפּגעשפּרונגען פון וואָגן און אין גרויס איילעניש האָבן מיר איבערגעלאָזט אַ ביקס.

צוערשט האָבן מיר זיך אויסגעלייגט אין גראָבן אויף דער אַנדערער זייט פון וועג. פאַר אונדז איז געווען אַ קליינער טייכל און איבערן טייכל איז געווען אַ בריק. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז די הויפּט־געפאַר איז פאַר אונדז ניט פון די, וואָס שיסן אויף אונדז פון קאָרנפעלד, נאָר באַזונדער פון די וואָס שיסן ניט אויפן בריקל איבערן טייכל. אָריענטירנדיק זיך שנעל אין דער געשאַפענער סיטואַציע, האָב איך געגעבן אַ קאָמאַנדע צו לויפן איבער דעם פרייען פעלד אין דער ריכטונג צום טייכל, וואָס ווייטער פון בריקל און אַריבערגיין דאָס טייכל צו פוס און דאָרטן דערגרייכן דעם וואַלד...

יאַנקעלע לעווין האָט פּרובירט שיסן פון זיין ביקס אַן אַ קאָ־

מאַנדע און דערצו איז ער באַגאַנגען נאָך אַ טאַקטישן פעלער: מיר האָבן ניט געהאַט קיין קלאָרן ציל, ווו צו שיסן און שיסן סתם אין דער וועלט אַריין — איז פּשוט אַ שאָד די קוילן. אָבער דער עיקרדיקער פעלער איז געווען, וואָס מיר גיבן דעם שונא אַ קלאָרן ציל ווו מיר געפינען זיך...

מיר זיינען אַלע געלאָפן איבער דעם פרייען פעלד. אַריבער צו פוס דאָס טייכל און אַריין אין וואַלד. אין וואַלד האָב איך אויס־געקליבן געדיכט־פאַרוואַקסענע פלעצער, כאָטש עס איז געווען דאָרטן זייער שווער אַדורכצוגיין. אָבער די זעלבע שווועריקייט איז אויך געווען פאַרן שונא, אויב ער וועט זיך יאָגן נאָך אונדז. חוץ דעם האָב איך אויסגעזוכט אין דער טיפעניש פון וואַלד אַ פאַר־וואַקסענעם בערגל מיט קוסטעס, וואָס אַרום אים איז געווען וואַסער. דאָס וואַסער האָט געדאַרפט זיין אַ מניעה, טאָמער וועט מען אונדז וועלן אויפזוכן מיט הינט, ווייל הינט אָריענטירן זיך ניט אין וואַסער.

## פנים אל פנים מיטן שונא

אויפן בערגל, צווישן די קוסטעס, האָבן מיר זיך באַהאַלטן און געלעגן אומבאַוועגלעך. עס האָט ניט לאַנג געדויערט און מיר האָבן פלוצעם דערהערט אַרום אונדז אַ הירזשעריי פון פערד, באַגלייט מיט אַ געשריי אויף דייטש און גלייך נאָך דעם, האָט זיך אָנגע־הויבן אַ געדיכטע שיסעריי פון פאַרשיידענע מינים געווער.

די שיסעריי האָט געדויערט אייניקע שעה און נאָכדעם האָט זיך אָנגעהויבן זייער זוכעניש. ווי איך האָב שוין באַמערקט, זיינען מיר געלעגן אויף דעם בערגל צווישן די קוסטעס אומבאַוועגלעך פון אינדערפרי ביז שפּעט אין אָוונט. ווען מיר זיינען שוין געווען זיכער, אַז דאָס זוכעניש נאָך אונדז האָט אויפגעהערט, האָב איך געשיקט שלמה באַראָן אין אויסשפיר צום ברעג וואַלד, כדי צו זען צו דער וועג פאַר אונדז איז ווירקלעך פריי. ער איז געקומען צוריק און געמאָלדן, אַז צוקומענדיק צום וואַלד, האָט ער געזען דאָרט פערד...

אַזוי ווי ער האָט געזען בלויז פערד אָן רייטער, האָבן דאָס געקענט זיין פערד, וואָס האָבן זיך געפּאַשעט אין פעלד, בין איך אַוועק צוזאַמען מיט אים אין אויסשפּירונג, און ביים ברעג וואַלד, האָב איך זיך איבערצייגט, אַז מיר געפינען זיך לעבן דעם דאָרף, וואָס מיר האָבן געדאַרפט דערגרייכן.

הינטער דעם דאָרף, ביי אַ 1½ קילאָמעטער, האָט זיך געפונען די באַן־ליניע לעוווינטאַי—קיישאַדאָריס, וועלכע מיר האָבן גע־דאַרפט איבערשניידן. אין דעם דאָרף האָט זיך געפונען אַ באַראַק אין וועלכן ס'האָבן זיך געפונען אַריאָלער רוסן. צווישן זיי איז געווען אַ רוס, וואָס איז געווען מיינער אַ פאַרבינדלער, טראָפּים האָט ער געהייסן. מיר האָבן נאָך אַ ביסל אָפּגעוואַרט, ביז מיר האָבן זיך איבערצייגט, אַז אין דער נאָענט פון אונדז געפינען זיך ניט מער קיין דייטשן.

דאַן זיינען מיר אַלע פינף אַריין אין דאָרף און געקומען אין דעם באַראַק פון די אָרלאָווער רוסן. דאָרטן האָבן מיר זיך דער־וווּסט, אַז די פּויערים פון לעווינטאַי האָבן אַרויסגערופן אַ פאַר־שטאַרקונג פון דייטשישן גאַרניזאָן אין קיישאַדאָריס, אָבער ניט קעגן אונדז, נאָר קעגן די מאַראָזאָווצעס, וואָס האָבן זיי באַרויבט. מיר זיינען דאַן צופעליק אונטערגעקומען.

די דייטשן האָבן אַרומגערינגלט דעם וואַלד, אין וועלכן מיר זיינען אַריין און זיי האָבן אונדז אַרומגעזוכט אין משך פון דעם גאַנצן טאָג, באַשיסנדיק אַלע ווינקעלער פון וואַלד. ווען ס'איז געוואָרן אָוונט און זיי האָבן אונדז ניט געפונען, האָבן זיי זיך משער געווען, אַז מיר קענען זיך געפינען אין איינעם פון די הייזער אין דאָרף. די דייטשן האָבן אָנגעהויבן נישטערן אין יעדן הויז פון דאָרף, זוכנדיק אונדז. אָבער, אַז זיי האָבן אונדז אויך דאָרטן ניט געפונען, האָבן זיי פאַר כעס אונטערגעצונדן 7 הייזער פון דאָרף און אים שנעל פאַרלאָזט...

דאָרטן האָבן מיר זיך אויך דערוווּסט, אַז אַ פּאָר טעג פריער, האָבן פאַרטיזאַנער אויפגעריסן אַ באַן אויף דער ליניע קיישאַדאָ־ריס—קאָוונע, וואָס האָט געפירט וואַגאָנעס האָבער. כדי צו ברענגען אין אָרדענונג די אייזנבאַן־ליניע, האָבן די דייטשן מאָביליזירט די

פויערים פון זייער דאָרף, כדי אָפּצוראַמען די ליניע פון די צעשאָ־טענע האָבער. די פויערים האָבן זיך גערן גענומען צו דער אַרבעט, ווייל זיי האָבן צוגענומען פאַר זיך די האָבער, וואָס זיי האָבן אָפּגערוימט פון דער ליניע. מיר האָבן פאַרשטאַנען, אַז דער אויפ־רייס איז דאָס „אַ שטיקל אַרבעט" פון שמעון בלאַך מיט זיינע מענטשן. מיר האָבן אין דעם דאָרף זיך לאַנג ניט פאַרהאַלטן, און נאָך אין דער זעלבער נאַכט זיינען מיר איבערגעגאַנגען די באַן־ליניע און אַוועק לויט אונדזער מאַרשרוט צו אונדזער באַזע.

דעם ערשטן אָפּרו האָבן מיר געמאַכט אין דאָרף מעדינאַ, ביי אַ פּוילישער פאַמיליע. ווי געוויינלעך האָבן די פאַמיליע־מיטגלידער געמוזט זיצן מיט אונדז צוזאַמען אונטער אַ שטוב־אַרעסט. אין דער צייט פון אונדזער אָפּרו, איז אַריין אין שטוב אַ ציגיינערקע, וועלכע מיר האָבן אויך איר פאַרהאַלטן ביז אָוונט. די ציגיינערקע האָט אין קיין שום פאַל ניט געקענט פאַרשטיין פאַרוואָס מען פאַר־האַלט איר. שפּעטער האָט זי זיך צוגעוווינט צו איר לאַגע און האָט יעדערן פון אונדז „פאַרויסגעזאָגט" זיין צוקונפט, כאָטש קיינער פון אונדז האָט איר ניט געגלויבט...

ווען מיר זיינען אין אָוונט אַוועק, האָבן מיר מיטגענומען מיט זיך דעם ראש פון דער פאַמיליע. דער ציגיינערקע האָבן מיר אָנגע־זאָגט, אַז זי קען פאַרלאָזן די שטוב ערשט אין אַ שעה שפּעטער, נאָך אונדזער אַרויסגיין. מיר האָבן איר געוואָרנט, אַז אין פאַל, אויב זי וועט אַרויסגיין פריער פון דער אָנגעוויזענער צייט, וועט זי דערשאָסן ווערן.

אונדזער צווייטער אָפּרו איז געווען אין דאָרף זשידייקישקי, ביי דער ליטווישער פאַמיליע מאַלינאוסקאַס. דאָרטן האָט מען אונדז אויפגענומען גאָר פיין. מען האָט אַפילו פאַר אונדז געבאַקן ספּעציעלע געבעקס. זיינע צוויי זין האָבן זיך אויסבאַהאַלטן אין אַ נאָענטן וואַלד, ווייל זיי האָבן ניט געוואָלט גיין דינען אין דער דייטשער אַרמיי.

וואָס ווייטער איך האָב זיך דערנעענטערט צום רודניצקער וואַלד, האָבן אונדז פויערים דערציילט, אַז די דייטשן האָבן גע־מאַכט אַן אָנגריף אויף די פאַרטיזאַנער־באַזעס אין וואַלד און

האָבן זיי פאַרניכטעט. מיר האָבן זיי, פאַרשטייט זיך ניט געגלויבט, ווייל פויערים זיינען שטענדיק גענויגט צו איבערטרייבן. אָבער, מיר האָבן זיך פאַרגעשטעלט אַז עפּעס איז יאָ פאַרגעקומען מיט די דייטשן אין וואַלד, מיר האָבן פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז געווען אַ וואָרנונג צו זיין זייער פאַרזיכטיק.

## 6 יידישע פּאַרטיזאַנער זיינען געפאַלן...

ווען מיר זיינען אָנגעקומען אין דאָרף זשאַלאַי, האָבן מיר זיך דערוווּסט, אַז דאָרטן זיינען געפאַלן אין קאַמף מיט די דייטשן זעקס יידישע פּאַרטיזאַנער. דאָס זיינען געווען: ברוך לאַפּיאַנסקי, לייזער צאַדיקאָוו, שמואל מאָרדקאָווסקי, שלמה אַבראַמאָוויטש, יצחק מיקלישאַנסקי און מאָטיס גאָלדבערג. אַלע זעקס אויסגע־צייכנטע ערנסטע בחורים. זיי זיינען געגאַנגען מיט דער אויפגאַבע אויפצורייסן אַ באַן און אונטערוועגס געמאַכט דעם טאָג־אָפּרו אין דאָרף זשאַלאַי ביי אַן אַלטן אָרעמען פויער.

אַזוי ווי קיין שפּייז פאַר זעקס מענטשן אויף אַ גאַנצן טאָג האָט דער פויער ניט געהאַט, און ער מיט זיין פרוי האָבן זיך גאַנץ פריינטלעך באַצויגן צו די פּאַרטיזאַנער, האָבן די 6 פּאַרטיזאַנער באַשלאָסן אַרויסצולאָזן די פויערטע אין דאָרף צו קויפן שפּייז פאַר געלט. זיי זיינען געווען זיכער, אַז די פויערטע וועט זיי ניט אַרויס־געבן, שוין צוליב דעם, וואָס אין אַזאַ פאַל, וואָלט אין דער ערש־טער ריי געליטן איר מאַן, וואָס איז געבליבן אין שטוב און אויך זייער אָרעמע ווירטשאַפט וואָלט אַוועק מיטן רויך... זיי האָבן, אָבער ניט גענומען אין באַטראַכט, אַז די פויערים פון דאָרף וועלן פאַרשטיין, אַז די פויערטע קויפט ניט איין שפּייז פאַר זיך און איר מאַן, נאָר פאַר פרעמדע מענטשן, וואָס געפינען זיך ביי איר אין הויז. און פרעמדע מענטשן — האָט דאָס באַדייט פּאַרטיזאַנער, ווייל דייטשן קויפן ניט קיין שפּייז, זיי גייען אַריין אין אַ הויז און נעמען אַלץ וואָס זיי דאַרפן...

דער עצם פאַקט, וואָס די פויערטע האָט ניט געהאַט אין זינען צו מסרן, אַז ביי איר געפינען זיך פּאַרטיזאַנער, איז אין דעם פאַל

ניט וויכטיק. וויכטיק איז נאָר דאָס, אַז מ'האָט געדאַרפט פאַרויס־זען, אַז אַן אָרעמע פּויערטע גייט פּלוצעם איבערן דאָרף איינ־קויפן שפּייז — רופט דאָס אַרויס אַ חשד, ווער רעדט נאָך אַז זי קויפט איין אַ גרויסן קוואַנטום שפּייז. דאָס איז געווען אַ פאַטאַלער טעות, פאַר וועלכן די 6 יידישע פּאַרטיזאַנער האָבן באַצאָלט מיט זייערע לעבנס.

ווי מיר האָבן זיך שפּעטער דערוווּסט, האָט זיך טאַקע געפונען אַ פּויער פון דאָרף, וואָס האָט חושד געווען, אַז ביי דער פּויערטע אין הויז געפינען זיך פּאַרטיזאַנער. ער איז אַוועק אין דערבייאיקן שטעטל אַנושקיס און האָט דערציילט די דייטשן פון דאָרטיקן גאַרניזאָן, אַז ביי אים אין דאָרף געפינען זיך פּאַרטיזאַנער און האָט אַפילו אָנגעוויזן דאָס הויז פון דער פּויערטע, ווו די פּאַרטיזאַנער געפינען זיך.

די דייטשן זיינען שנעל אַוועקגעפאָרן אין דאָרף מיט אַ טאַנ־קעטקע און האָבן אָנגעהויבן באַשיסן דאָס הויז, ווו ס'האָבן זיך געפונען די 6 יידישע פּאַרטיזאַנער. די חברה האָבן זיך גלייך אָריענטירט, אַז זיי זיינען אַרומגערינגלט פון די דייטשן. זיינען זיי שנעל אַרויסגעלאָפן פון דער ברענענדיקער שטוב און האָבן זיך באַהאַלטן אין פעלד צווישן די קאָרן און פון דאָרט האָבן זיי גע־ענטפערט מיט אַ פייער.

דער קאַמף איז ניט געווען קיין גלייכער, אָבער אַ פאַרביטער־טער. אין דעם דאָזיקן ניטגלייכן קאַמף זיינען אַלע 6 יידישע פּאַר־טיזאַנער אומגעקומען. די דייטשן האָבן זייערע טויטע קערפּערס אַרויפגעלאָדן אויף אַ לאַסט־אויטאָ, אַוועקגעפירט זיי אין שטעטל אַנושקיס און אויפן מאַרק האָט מען זיי נאַקעטערהייט אויפגע־האָנגען אויף אַ תליה, כדי צו ווייזן דער אָרטיקער באַפעלקערונג אַז פּאַרטיזאַנער — דאָס זיינען יידן...

## פּאַרטיזאַנישע טעג און נעכט

מיר האָבן פאַרלאָזן דעם דאָרף מיט זייער אַ שווערן געמיט. ווען מיר זיינען אָנגעקומען אין דעם דאָרף אייגעלאַנצי, האָט ביי

דער אײַזנבאַן־ליניע לידע—ווילנע, האָבן מיר דאָרט געפֿונען נאָר פּרויען און קיין איינציקן מאַן. דאָס האָט אַרויסגערופֿן ביי אונדז אַ שטאַרקן חשד און מיר האָבן פֿאַרשטאַנען לויט אונדזער ביטע־רער דערפֿאַרונג פֿון דעם דאָרף לעווינטאַי, אַז עס שטייט אונדז פֿאַר אַ גרויס געפֿאַר.

איך האָב גענומען די ערשטע־בעסטע פּרוי פֿון דאָרף מיט אַ קינד אויפֿן האַנט און געהייסן איר פֿירן אונדז איבער דער באַן־ליניע. זי האָט געדאַרפֿט גיין פֿאַרויס און אין פֿאַל, אויב די באַן־ליניע איז מינירט, וועט זי פֿאַלן אַלס קרבן און ניט מיר.

די פּויערטע האָט אָנגעהויבן צו וויינען און געבעטן מיר זאָלן איר אָפּלאָזן. דאַן איז צו אונדז צוגעגאַנגען אַ יונגע פּויערטע און האָט געזאָגט, אַז זי ווייס ווו עס באַהאַלט זיך אַ מאַן און ער וועט אונדז פֿירן, מיר זאָלן נאָר אָפּלאָזן די פּויערטע מיטן קינד.

איך האָב גענומען ביידע פּויערטעס זיי זאָלן אונדז ווייזן ווו עס באַהאַלט זיך דער מאַן. ווען דער מאַן איז אַרויס פֿון באַהעל־טעניש, האָב איך אים געגעבן קלעפּ און אים געהייסן אונדז פֿירן איבער דער באַן־ליניע. צוערשט האָט ער זיך געקווענקלט, אָבער ווען ער האָט דערזען, אַז איך בין אַנטשלאָסן און מיין עס ערנסט און אַז עס דראָט אים דער טויט אין פֿאַל אויב ער וועט אונדז ניט פֿירן, האָט ער בלית־ברירה מסכים געווען.

איך האָב צו אים צוגעגעבן אויך די ביידע פּויערטעס, איבער־לאָזנדיק דאָס קינד ביי אַ שכנטע, און זיי האָבן אונדז — אַלע דריי — געפֿירט, זיי זיינען געגאַנגען פֿאַרויס און מיר הינטער זיי אויף אַ געוויסער דיסטאַנץ. אַז זיי האָבן אונדז אַריבערגעפֿירט די באַן־ליניע בשלום, האָבן מיר זיי נאָך מיטגענומען ביז צום דאָרף אָזשעראַנצי און דאָרט האָבן מיר זיי באַפֿרייט, באַצאָלנדיק יעדן איינציקן באַזונדער צו הונדערט דייטשע מאַרק.

מיר זיינען אַריין אין דאָרף און פֿון וויטן דערזען אַ ברענענ־דיקן פֿייער. דאָס האָט מיר אויסגעזען זייער פֿאַרדעכטיק און כדי זיך צו איבערצייגן אַז עס דראָט ניט קיין געפֿאַר, האָב איך גע־וואָלט שיקן פֿריער אַן אויסשפּירער און זיך דערוויסן וואָס דאָ קומט פֿאָר.

אין דעם מאָמענט האָבן מיר דערהערט דעם רוסישן — „סטאָי, קטאָ אידיאָט!״ (שטיי, ווער גייט!). מיר איז גלייך לייכטער געוואָרן אויפן האַרצן און איך האָב געענטפערט — „סוואָי״ (אייגענע), דאַן האָט מען פון מיר געפאָדערט צו זאָגן דעם פּאַראָל. איך האָב געענטפערט, אַז איך בין שוין לאַנג פון דער באַזע אין וועג און איך ווייס ניט דעם פּאַראָל. פּלוצעם האָב איך דערהערט חיים־דוד ראַטנערס שטים: „אוי, דאָס איז דאָך נחמיה!״ און אַלע זיינען צוגעלאָפן צו מיר מיך באַגריסן.

ווי דערשטוינט זיינען זיי, אָבער געוואָרן, ווען זיי האָבן דערזען לעבן מיר אויך מיין פרוי מאַשע. די פרייד איז דאַן געווען נאָך גרעסער. ווייזט זיך אַרויס, אַז זיי זיינען געקומען אין דאָרף צו פאַרזאָרגן שפּייז פאַרן אָטריאַד „פּאָרויס״, וואָס איז שוין 4 טעג געשטאַנען אין דאָרף אינקלאַרישקי מיט דער אויפגאַבע צו אַריבערגיין אין קאָזלאָווא־רודער וואַלד. זיי האָבן פּאַר קיין פאַל ניט געקענט איבערגיין די באַן־ליניע ווילנע־לידע, ניט ווּיסנדיק אין וועלכע ערטער זי איז מינירט און ווו עס געפינען זיך די דייטשע בונקערס. אַזוי ווי איך בין פונקט איצט איבערגעגאַנגען מיט מיינע מענטשן די באַן־ליניע, איז מיין אָנקומען געווען פאַר זיי באַזונדערס וויכטיק.

בראש פון אָטריאַד „פּאָרויס״, איז געשטאַנען פּעטראָוויטש (סאָלאָמין), אַלס קאָמיסאַר פון דער קאָוונער בריגאַדע און, קאַפּיטאַן צייקאַ — אַלס דער קאָמאַנדיר פון אָטריאַד. פון דעם דאָרף אינקלאַרישקי, ווו דער אָטריאַד „פּאָרויס״ האָט זיך צייטווייליק דיסלאַצירט, איז פאַרבליבן נאָר אַ פּאָר פּוסטע חורבות. מיט אייניקע טעג פריער, איז דער דאָרף באָמבאַרדירט געוואָרן פון די דייטשן, מיינענדיק, אַז דאָרט געפינען זיך פיל פּאַרטיזאַנער.

חוץ דעם, האָבן די דייטשן פּרובירט אַריינדרינגען אין רודניצקער וואַלד מיט 2 טאַנקן פון טיפּ „טיגער״. דאָס איז זיי אָבער ניט געלונגען, ווייל דער באָדן אין וואַלד איז געווען אַ זומפּיקער און דאָס האָט באַשווערט די באַוועגלעכקייט סיי פון די פוסגייער און סיי פון די טאַנקען. חוץ דעם האָט דער סטאַרשינאַ פּעדיאַ נאַזאַראָוו פון קאַפּיטאַן מישקעס אָטריאַד אונטערגעריסן מיט אַ

בינטל גראַנאַטן איינעם  פון די דייטשע טאַנקען און האָט אים אַזוי צעשטערט, אַז ער איז געבליבן שטעקן אין וואַלד און ער איז שוין ניט געווען פּאַסיק צום קאַמף...

ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דאָס וואָס די פויערים האָבן אונדז פריער דערציילט וועגן אַ דייטשן אָנגריף אויף די פּאַרטיזאַנער־באַזעס אין רודניצקער וואַלד, איז ניט געווען אינגאַנצן אָן אַ יסוד... פון די לופט־באָמבאַרדירונגען האָט קיינער פון די פּאַרטיזאַנער־באַזעס ניט געליטן, אָבער די דערפער זיינען יאָ באַשעדיקט געוואָרן.



קאָמאַנדיר און קאָמיסאַר פון אָטריאַד „פּאַרויס" לייב סאָלאָמין און קאַפּיטאַן צייקאָ

די דייטשן האָבן זיך איבערצייגט, אַז אַזאַ אָנגריף איז ניט קיין עפעקטיווער, ער האָט ניט געבראַכט די געווונטשענע רעזולטאַטן און דער דערפאָלג איז אַ מינימאַלער. חוץ דעם, איז דער פּרייז געווען פאַר זיי אַ צו טייערער, דעריבער האָבן זיי זיך אָנטזאגט אונדז צו אַטאַקירן ווייטער. אָבער אַנשטאָט דעם, האָבן זיי מינירט

דעם איבערגאַנג איבער די באַן־ליניעס אַרום אונדזער וואַלד און זיי האָבן געבויט בונקערס פאַר זייערע גאַרניזאָנען אַרום אונדז, כדי צו שטערן אונדזער באַוועגלעכקייט.

בכדי צו פירן אַן עפעקטיוון קאַמף קעגן די פּאַרטיזאַנער, האָבן די דייטשן אָנגעהויבן מאָביליזירן דער ליטווישער באַפעלקערונג קעגן אונדז, באַוואָפנדיק די פּויערים פון די דערפער און האָבן זיי געשיקט אויף אונדזערע וועגן. די פּויערים פון די גרעסטע צאָל דערפער האָבן אָבער ניט געוואָלט זיך אַריינמישן אין דעם קאַמף מיט די פּאַרטיזאַנער, ווייל זיי האָבן זיך איבערצייגט, אַז די פּאַר־טיזאַנער פירן אויס נקמה־אַקטן און פאַרברענען זייערע דערפער צוזאַמען מיט די מענטשן. אַ באַדייטנדיקער טייל פון זיי האָבן איבערגעגעבן די באַקומענע געווער צו די פּאַרטיזאַנער. די יוגנט פון די דערפער האָט זיך אויסבאַהאַלטן אין די וועלדער, און צום סוף האָבן אַ טייל פון זיי זיך אָנגעשלאָסן אין די פּאַרטיזאַנער־אָטריאַדן.

## דער מאַרש צו די קאָזלאַרודער וועלדער

ווען איך בין אָנגעקומען צוזאַמען מיט מיין גרופּע אין דאָרף אינקלאַרישקי, האָט פּעטראַוויטש (סאָלאָמין), מיר געלאָזן זיך אויסרוען ביז אָוונט, און דאַן האָט ער מיר פאַרגעלייגט צו פירן זייער אָטריאַד אין קאָזלאָוואָ־רודער וואַלד. איך בין ניט געווען שטאַרק באַגייסטערט פון דעם פאַרשלאַג. איך האָב ערשט איצט דורכגעמאַכט אַ לאַנגן און זייער שווערן מאַרש, און צוזאַמען מיט מיר, אויך מיין פרוי. אויסער דעם האָב איך געוווסט פון מיין פרי־ערדיקן גאַנג, וואָס דאָס הייסט צו גיין צוזאַמען מיט פּעטראַוויטשן אַזאַ לאַנגן מאַרש. אויף יעדן טריט און שריט וועלן זיין מיט אים ויכוחים. אָבער ניט געקוקט אויף דעם, האָב איך מסכים געווען, ווייל די חברה פון אָטריאַד האָבן דאָס מיר זייער געבעטן.

שלמה באַראַן מיט צביה קאַפּיט האָבן זיך צוריקגעקערט אין אָטריאַד „אַ טויט די אָקופּאַנטן". איך מיט מיין פרוי מאַשען און יאַנקעלע לעווין זיינען געבליבן אין דעם אָטריאַד „פאָרויס". יאַנ־

קעלע לעווין איז פֿאַרבליבן אין דעם אָטריאַד צוליב דעם, וואָס זיין פרוי שיינע לעווין האָט זיך דאָרט געפֿונען.

די חברה פון אָטריאַד „פּאַרויס" האָבן בייטאָג געקוילעט אַן אָקס, וואָס זיי האָבן געבראַכט מיט זיך פון דאָרף אַזשעראַנצי. מיר האָבן אָפּגעגעסן אַ גוטן פּאַרטיזאַנישן מאָלצייט פאַרן פאַרלאָזן דעם דאָרף און די שטימונג ביי דעם עולם איז געווען אַ דער־הויבענע...

דאָס אַריבערגיין די באַן־ליניע מיט אַן אָטריאַד פון 58 מענטשן איז כלל ניט אַזוי פשוט. מיט אַ קלענערער גרופע פון 5 מענטשן איז דאָס אַ סך לייכטער. ווער רעדט נאָך אין אַזאַ צייט, ווען אויף אַלע איבערגענג פון די באַן־ליניעס זיינען געווען פיל דייטשע בונקערס און אַ סך ערטער זיינען געווען מינירט. דעריבער האָב איך באַ־שלאָסן צו פירן דעם אָטריאַד האַרט ביי רודישקי — אַ שטעטל, ווו ס'איז געשטאַנען דער הויפּט־גאַרניזאָן פון די דייטשן.

מיין הנחה איז געווען, אַז די דייטשן וועלן זיך ניט קאָנען פאָרשטעלן, אַז אין אַזאַ אָרט וועלן די פּאַרטיזאַנער וואַגן אַריבער־צוגיין די באַן־ליניע און בעיקר בין איך געווען זיכער, אַז דאָרטן — אין יענעם אָרט — זיינען די איבערגענג פון די באַן־ליניעס ניט מינירט. דעם אַריבערגאַנג פון דער באַן־ליניע האָב איך באַשלאָסן דורכצופירן שפּעט אין דער נאַכט און מיט דער גרעסטער פאַרזיכ־טיקייט. דאָס הייסט, אַז מיר האָבן געדאַרפט שטיל זיך צוזאַמענ־קלייבן אין וואַלד נאָענט פאַר דער באַן־ליניע און דאַן זיך אַ לאָז טאָן אַלע צוזאַמען איבער דער באַן־ליניע און אין געלויף דער־גרייכן דעם נאָענטסטן אייגלאַנצער וואַלד.

כדי צו דערגרייכן דעם קאָזלאָווע־רודער וואַלד, איז אונדז נויטיק געווען דאָס וויכטיקסטע: אַריבערצושיפן זיך דורך דעם ניעמאַן. דאַן האָט זיך געשטעלט די פראַגע אין וועלכן אָרט? באַלד ביים אָנפאַנג פון אונדזער מאַרש האָבן מיר געדאַרפט אַריבער־שווימען דעם טייך לעבן אַליטע, אָדער ביים סוף פון אונדזער מאַרש, לעבן קרואָניס און דאַרסונישקעס. דער אונטערשייד איז געווען אין דעם, אַז אויב מיר שווימען אַריבער דעם טייך לעבן אַליטע, שטייט דאַן אונדז פאָר צו מאַרשירן דעם גאַנצן וועג אין

אַ געגנט, ווו עס איז ניט פּאַסיק פאַר פּאַרטיזאַנישער טעטיקייט. די פּויערים זיינען דאָרט פאַרמעגלעכע און זיינען מער פאַרבונדן מיט די דייטשן. דעריבער איז ניט אויסגעשלאָסן, אַז מיר האָבן צו דערוואַרטן פון זיי שטערונגען אויפן גאַנצן וועג. אויב מיר שווימען אַריבער דעם טייך נעבן קרואַניס און דאַרסינישקעס, דאַן פירט אונדזער מאַרש אַדורך אַ געגנט, וואָס איז אונדז גוט באַקאַנט און מיר האָבן פאַרבינדעטע פּויערים, וועלכע וועלן אונדז דינען ווי אויסשפּירערס.

ווי איך האָב דאָס פריער פאָרויסגעזען, האָבן זיך אָנגעהויבן דיסקוסיעס אויף דעם געביט, צווישן מיר און פּעטראַוויטשן. איך האָב פאָרגעשלאָגן דעם צווייטן וועג, דאָס הייסט, אַריבערשווימען דעם טייך לעבן קרואַניס און דאַרסונישקעס און פּעטראַוויטש, איז באַשטאַנען דערויף אַז מען דאַרף אַריבערצושווימען דעם טייך לעבן אַליטע. אַזוי ווי ער איז געווען דער הויפּט־קאָמאַנדיר פון דעם מאַרש, האָב איך זעלבסטפאַרשטענדלעך, אים געמוזט נאָכ־געבן.

מיר האָבן אָנגעהויבן אונדזער וועג איבער דערפער פון טראָקער געגנט מיטן ציל צו דערגרייכן דעם ניעמאַן צווישן אַליטע און וואַרענאַ. פון דעם ערשטן וואַלד, ווו מיר האָבן זיך אָפּגע־שטעלט אויף טאָג־רו, האָבן מיר אַרויסגעשיקט אויסשפּירערס אין דעם נאָענטסטן דאָרף. אַזוי ווי עס איז געווען זונטיק, זיינען אַלע מענטשן פון דאָרף געווען צוזאַמענגעקליבן אין דרויסן און זיי האָבן גלייך באַמערקט אונדזערע אויסשפּירערס. דאָס האָט גע־בראַכט דערצו, אַז די פּויערים פון די אַרומיקע דערפער האָבן זיך פאַראייניקט.

צוערשט האָבן זיי אָפּגעגעבן איינצלנע שאָסן אין דער ריכטונג פון וואַלד, ווו מיר האָבן זיך געפונען, און דאַן האָבן זיי דעם וואַלד אַרומגערינגלט פון דריי זייטן. עס איז פאַר אונדז געבליבן פריי נאָר איין זייט, וואָס האָט געפירט אין זומפּ. מיר האָבן זיך געמוזט אַנטשליסן אָפּצוציען פון וואַלד דורך דעם זומפּ. עס איז ניט לייכט אַ גאַנצן אָטריאַד אין איילעניש צו מאַרשירן איבער אַ זומפּ, דערצו נאָך ווען מען איז באַלאָדן מיט שווערן געווער און

פאַרשיידענער פּאַרטיזאַנישער אויסשטאַטונג אין די הענט. מען האָט געדאַרפט זיך היטן ניט אַריינצושטעלן די פיס צווישן די בערגלער, ווייל עס וואָלט געווען שווער זיי אַרויסצוציען צוריק. דאָס איינציקע וואָס מיר זיינען געווען זיכער און איבערצייגט, איז געווען דאָס, אַז די שונאים וועלן אונדז אין זומפּ ניט נאָכיאָגן...

מיט גאָר גרויסע אָנשטרענגונגען זיינען מיר דעם זומפּ אַריבער בשלום. דאָן האָב איך זיך מער ניט גערעכנט מיט פּעטראָוויטשעס פאַרשלאָג און איך האָב געפירט דעם אָטריאַד צו דעם וועג, וועלכער איז מיר געווען גוט באַקאַנט. אונטערוועגס האָב איך גע־נומען אַ באַגלייטער, אַ פּויער, וועלכער איז געווען אַ פאַרבינ־דונגס־מענטש פון געניסעס אָטריאַד. ער האָט אונדז מיט זייטיקע טראָפּינקעס, אויף דעם קורצסטן וועג דערפירט ביז צום דאָרף טאָטאַרישקעס, פון וואַנען דער ווייטערדיקער וועג אין שוין מיר געווען זייער גוט באַקאַנט.

אין וואַלד לעבן דעם דאָרף טאָטאַרישקעס האָבן מיר געמאַכט אונדזער טאָג־רו. אונטערוועגס ביז צום וואַלד, האָבן מיר זיך אויך באַזאָרגט מיט שפּייז ביי פּויערים. כדי זיי שטאַרק ניט צו באַשווערן, האָבן מיר זיך באַזאָרגט מיט שפּייז בלויז אויף איין טאָג. די הויפּט־זאַך פון וואָס מיר זיינען געווען צופרידן, איז דאָס וואָס מיר זיינען גליקלעך אַרויס פון דער אַרומרינגלונג. דעם ווייטערדיקן וועג ביז צום ניעמאַן זיינען מיר געגאַנגען נאָרמאַל, אָן קיין שום שטע־רונגען. די איינציקע שטערונג איז נאָר געווען, וואָס די נעכט זיינען שוין געווען קורצע און דער גאַנג פון איין וואַלד צום צווייטן האָט מען מיט אַ נאָרמאַלן גאַנג געקענט שווער דערגרייכן. דעריבער האָט מען געדאַרפט זיך אונטערצואיילן און אַזוי ווי, מען איז געווען שווער באַלאָדן, האָט דאָס באַזונדערס די פרויען באַשווערט דעם וועג.

*

צום ניעמאַן האָבן מיר געדאַרפט אָנקומען אין אַן אָרט, ווו עס זיינען געווען דריי קליינע וועלדער, איינער הינטער דעם אַנ־דערן. צו די וועלדער האָבן מיר געדאַרפט דערגיין אינמיטן נאַכט,

כדי קיינער פון די פויערים פון די אַרומיקע דערפער זאָלן ניט וויסן, אַז מיר געפינען זיך דאָרטן. לויטן פּלאַן האָבן מיר געדאַרפט אַריבערשווימען דעם ניעמאַן מיט אַ פּאַראָם וואָס האָט געהערט צו אַ מיל און וואָס האָט זיך געפונען צווישן קרואַניס און דאַר־סונישקעס. דעם פּאַראָם האָט ביינאַכט געהיט אַ שומר.

כדי צו באַנוצן זיך מיט דעם פּאַראָם, האָבן מיר געהאַט צוויי וועגן: דערשיסן דעם שומר, אויב ער וועט שטעלן אַ ווידער־שטאַנד, און אויב ער וועט ניט שטעלן קיין ווידערשטאַנד אַנט־וואָפענען אים און מיטנעמען אים אויף דער אַנדערער זייט ניעמאַן, און ערשט דאָן אים אָפּלאָזן. דאָס אַלץ וואָלט גוט געווען ווען מיר וואָלטן דאָס געקענט אויספירן, אַז קיינער זאָל ניט וויסן פון אונדזער פּלאַן. ס'האָט אָבער פּאַסירט, אַז ווען מיר זיינען אָנגע־קומען אין דעם לעצטן פון די דריי וועלדער און מיר האָבן געמאַכט אַ ציילונג פון אונדזערע מענטשן, האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז איין מענטש האָט אונדז געפעלט. ווען מיר האָבן אויסגעשטעלט אַלע מענטשן לויט די גרופּעס, האָבן מיר פעסטגעשטעלט, אַז עס פעלט דער פּאַרטיזאַן בראַוואָ, פון זייצעווס גרופּע. איך האָב געמיינט, אַז ער האָט אפשר פאַרבלאָנדזשעט אין איינעם פון די וועלדער, בין איך געגאַנגען אים זוכן.

ווען איך האָב דערגרייכט דעם ראַנד פון מיטלסטן וואַלד, האָב איך אים דערזען גייענדיק פון אַ דאָרף, און ער פירט מיט זיך אַ פּויער פון דעם דאָרף. איך האָב זיי ביידן פאַרהאַלטן און באַלד אויסגעפאָרשט דעם פּויער וועגן וואָס זיי האָבן גערעדט ביי אים אין שטוב און צו ביי דעם געשפּרעך זיינען בייגעווען נאָך מענטשן? דער פּויער האָט מיר געזאָגט, אַז בראַוואָ האָט ביי אים געפרעגט, ווו עס געפינען זיך דאָ פּאַרטיזאַנער, האָט ער אים געענטפערט, אַז פּאַרטיזאַנער געפינען זיך ביי אַ 80 קילאָמעטער פון דאַנען. דאָן האָט אים בראַוואָ געזאָגט, אַז אים אינטערעסירן ניט די פּאַרטי־זאַנער, וואָס געפינען זיך אַזוי ווייט. ער דאַרף די, וואָס זיינען אָנגעקומען אַהער ביינאַכט.

דעם דאָזיקן געשפּרעך האָבן געהערט ניט קיין פרעמדע מענטשן, נאָר די מיטגלידער פון זיין משפּחה. צי די מענטשן פון

דאַרף האָבן, יאָ, געזען דעם באַוואָפנטן בראַוואָ, אָדער ניט — ווייס ער ניט. איך האָב זיי ביידן געבראַכט צום אָרט, ווו מיר האָבן זיך געפונען. פעטראָוויטש האָט באַשלאָסן, אַז מען דאַרף בראַוואָן דערפאַר שיסן. דער קאָמאַנדיר צייקאָ און איך האָבן זיך אָבער איינגעשטעלט פאַר אים, אַז מען דאַרף נעמען אין אַכט, אַז ער איז נאָך געווען אַ יונגער ניטדערפאַרענער פאַרטיזאַן און דערצו אַ מינדעריאָריקער. מיר זיינען, אָבער געווען געצווונגען זיך אָפּ־צוזאָגן פון אונדזער פריערדיקן פּלאַן אַריבערצושווימען איבערן ניעמאַן מיט דעם פּאַראָם, ווייל אויף דער אַנדערער זייט פון טייך האָט שוין אויף אונדז געקענט וואַרטן אַ לויערונג. דעריבער האָבן מיר באַשלאָסן אַריבערצושווימען דעם ניעמאַן מיט לאָדקעס, וואָס איז געווען באַדייטנד שווערער ווייל די לאָדקעס האָבן זיך געפונען אַ פּאָר קילאָמעטער ווייטער פון פּאַראָם.

מיר האָבן אין אָוונט מאָביליזירט אין אַ פישער־דאָרף אַלע לאָדקעס און אַפילו הילצערנע קאָריטעס אין וועלכע מען באָדט קינדער. מיט די ערשטע צוויי לאָדקעס האָבן מיר אַריבערגעפירט אונדזערע קוילנוואַרפערס צוזאַמען מיטן קאָמאַנדיר פון אָטריאַד. זיי האָבן געדאַרפט אויף אַ בערגל פאַרנעמען אַ פּאָזיציע צו שיצן אונדזער „אויסטערלישער פלאָטיליע”. דאַן האָבן זיך אַ לאָז געטאָן אַלע לאָדקעס און אַלץ וואָס האָט געקענט שווימען איבערן טייך. אין משך פון מער ווי אַ שעה, זיינען מיר שוין אַלע געווען אויף יענער זייט ניעמאַן.

אויף יענער זייט טייך האָבן מיר פון ווייטן געזען אין דער לופט אַרויסגעשאָסענע ראַקעטעס אין דער ריכטונג פון דעם אָרט ווו מיר האָבן זיך געדאַרפט אָפּשטעלן, ווען מיר וואָלטן געשווומען מיטן פּאַראָם. דאָס איז געווען אַ סימן, אַז די דייטשן האָבן זיך שנעל דערוווּסט וועגן אונדזער מאַרש און ס׳איז ניט געווען קיין שום ספק אַז מען וועט אונדז פאַרפאָלגן.

מ׳האָט געדאַרפט זיין אויף אַלץ גרייט. עס איז אונדז פאַרגע־שטאַנען צו דורכגיין דעם וועג קאָוונע — פּאַקואָניס. ביז צו דעם וועג האָבן מיר געדאַרפט גיין איבער פרייע פעלדער. דער וועג פון קאָוונע איז געגאַנגען מיט אַ דרייעק, פאַרביי אַ וואַלד גלייך,

און דאָן אַ שאַרפֿע בייגונג, וואָס האָט אַ רעכטן דרייעק. אויף דעם ווינקל פֿון וועג איז געשטאַנען אַ הויז פֿון אַ פּויער און אַ גרויסע פֿעלד אַרום הויז. דאָס דאָזיקע הויז איז געווען אַרומגעצאַמט מיט צווייגן. ביז צו דעם וועג האָבן מיר געדאַרפֿט גיין איבער דעם פֿעלד, פֿאַרבייגיין דאָס הויז און דאָן שניידן דעם וועג און אַריינגיין אין וואַלד. איך, שמעון בלאַך און אַ ליטווינער רוטאַ, זיינען אַוועק פֿאַרויס צום וועג אַלס אויסשפּירערס, כדי צו פֿאַרזיכערן דעם איבערגאַנג איבערן וועג אָן קיין שום שטערונגען. מיר האָבן באַמערקט, אַז אויפֿן ווינקל פֿון וועג, לעבן הויז איז געשטאַנען אַ פֿור געשפּאַנט מיט צוויי פֿערד. איך האָב פֿאַרשטאַנען, אַז קיין פּשוטע פֿור קען דאָס ניט זיין, ווייל ביינאַכט איז געווען פֿאַרבאָטן ציווילע מענטשן צו פֿאָרן איבער די וועגן.

אַזוי ווי דער אָרט האָט זיך געפֿונען ניט ווייט פֿון קאָוונע, אומגעפֿער ביי אַ 18 קילאָמעטער, וואָלט באַשטימט קיין ציווילער פּויער ניט געוואַגט צו פֿאָרן מיט אַ פֿור אַזוי ווייט, און דערצו נאָך לאָזן שטיין די פֿור אויפֿן וועג. איך האָב שוין ניט באַוויזן איבערצוגעבן דעם קאָמאַנדיר פֿון אָטריאַד, אַז עס דראָט אונדז אַ סכנה און אַז ער זאָל תיכף אָפּשטעלן דעם מאַרש. דער אָטריאַד האָט זיך שוין דאָן אויסגעגליכן אויפֿן פֿעלד פּאַראַלעל מיטן הויז.

אין דעם מאָמענט האָט מען שטאַרק אָנגעהויבן באַשיסן דעם אָטריאַד פֿון די צווייגן לעבן הויז. לויט די פֿייערלעך פֿון די אַרויסגעשאָסענע קוילן וואָס איך האָב איבערגעציילט, האָב איך אָפּגעשאַצט, אַז דאָס איז אַ כּוח פֿון פֿינף, אָדער זעקס ביקסן. רוטאַ־האָט זיך אויפֿגעהויבן און פֿאַר שרעק האָט ער אָנגעהויבן צו לויפֿן אויפֿן וועג. ס׳האָט אים געטראָפֿן אַ קויל און ער איז פֿאַרוווּנדעט געוואָרן אין לענד. די פּאַרטיזאַנקע ליזאַ אַרלאָוואַ האָט נאָר באַוויזן אויפֿצוהויבן איר קאָפּ און ס׳האָט איר געטראָפֿן אַ קויל אין שטערן און זי איז באַלד געפֿאַלן טויט אויפֿן אָרט.

די דאָזיקע עפֿעקטיווע שיסעריי פֿון די דייטשן האָט באַוויזן, אַז די וואָס שיסן פֿון די קוסטעס אויף אונדז זיינען ניט סתּם קיין פּשוטע שיסערס. דאָס זיינען געניטע אויסגעשולטע סנייפּערס. דער קאָמאַנדיר צייקאַ האָט באַלד געגעבן אַ קאָמאַנדע: — „פֿייער״! און

באַלד האָבן אַלע אָנגעהויבן צו שיסן פון אַלע מינים געווער, וואָס זיינען דאָן געווען אין אונדזער רשות. אַלע האָבן געשאָסן אין דער ריכטונג פון די צווייגן, פון וואַנען מ׳האָט אויף אונדז אָן אויפהער געשאָסן.

ווייזט אויס, אַז אויך אונדזער פייער איז געווען זייער עפעק־טיוו, ווייל דער פייער פון די צווייגן האָט זיך זייער שנעל איינגע־שטילט. מיר האָבן ניט געקאָנט פעסטשטעלן די סיבה פאַרוואָס די דייטשן האָבן אויפגעהערט צו שיסן. מיר האָבן אויך ניט געקאָנט פעסטשטעלן צי מיר האָבן געטראָפן די דייטשן און דאָס איז די סיבה וואָס ס׳האָט זיך אָפּגעשטעלט דאָס פייער אָדער זיי זיינען גאָר פּשוט אַנטלאָפן. איינס איז אָבער געווען זיכער, אַז דאָס פייער פון אונדזער זייט איז געווען זייער אַ שטאַרקער און גוט געצילטער און אויף אַזויפיל עפעקטיוו, אַז מיר האָבן זייער שנעל זיי איינגע־שטילט, אַפילו פּיניע קראַקינאָווסקי האָט געשאָסן פון זיין פּ.ט.ר. (קעגן טאַנקען־ביקס).

אין דער צייט פון דער שיסעריי האָב איך זיך ניט געקאָנט פאָרשטעלן ווי אַזוי האָבן דאָס געוואָגט פינף, אָדער זעקס מענטשן, פון שונא, אָנגרייפן אַן אָטריאַד פון 58 מענטשן. עס איז דאָך קלאָר, אַז זיי איז געווען באַוווסט וועגן דער באַוועגונג פון אונדזער אָטריאַד, אַ פאַקט איז, אַז זיי האָבן אונדז אָפּגעוואַרט און אונדז אָנגעגריפן.

די צאָל מענטשן פון אונדזער אָטריאַד איז זיי געוויס פאַרשטייט זיך ניט געווען באַוווסט, ווייל די פּויערים וואָס האָבן זיי איבער־געגעבן די ידיעה וועגן אונדז, האָבן באַשטימט די צאָל שטאַרק איבערגעטריבן. הייסט דאָך דאָס, אַז די מענטשן וואָס האָבן אונדז אָנגעגריפן, האָבן גענומען אין אַכט אַ גרעסערע צאָל קעמפערס ביי אונדז ווי מיר זיינען געווען.

אינצווישן האָט דער קאָמאַנדיר צייקאָ געגעבן אַ קאָמאַנדע: „אַלע נאָך מיר איבערן וועג אין וואַלד און מיטנעמען מיט זיך דעם טויטן קערפּער פון ליזאַ אָראָלאָוואַ!" אין דעם מאָמענט האָט מיר אַ בליץ געטאָן אַ געדאַנק אין קאָפּ, אַז די לויערונג פון שונא געפינט זיך באַשטימט אויף דעם ראַנד פון וואַלד, ווו זיי דערוואַרטן

אונדזער טאַקטישן אָפּצוג. דאַן האָב איך געגעבן אַ קאָמאַנדע: „צוריק, און אַלע נאָך מיר!". איך האָב זיך פאַרנומען מיטן וועג, אויסמיידנדיק דעם וואַלד.

ווען מיר זיינען אָפּגעלאָפן אַ געוויסן מרחק מיט דעם וועג, האָב איך אַריינגעצויגן אין אַ שמאָל וועגל, וואָס מיידט אויס דעם וואַלד און גייט אין דער ריכטונג וווהין עס איז פאַרויסגעזען אונדזער ווייטערדיקער מאַרש. מיר זיינען אַרויסגעקומען פּאַראַלעל מיט דעם וועג וואָס פירט אויף קאָוונע, אויף דער אַנדערער זייט פון וואַלד. די דייטשן, וואָס זיינען געווען אין דער לויערונג אויף דעם ראַנד פון וואַלד האָבן אונדז תיכף דערשפּירט אין זייער פלאַנק און דערהערנדיק אונדזער צוריק־אָפּגעגעבענעם פייער אויף זיי, האָבן זיי ניט געקאָנט גענוי פעסטשטעלן אונדזער צאָל מענטשן, דעריבער האָבן זיי באַשלאָסן אַז מיר רינגלען זיי אַרום... אויס מורא, אַז זיי קאָנען ווערן פאַרניכטעט, האָבן זיי זיך באַלד אויפגעהויבן און שנעל אָפּגעצויגן מיט זייערע אויטאָס אין דער ריכטונג צו קאָוונע. מיר האָבן געזען פון ווייטן די פייערלעך פון די פאַרעס פון זייערע אויטאָס אויף דעם פּאַראַלעלן צו אונדז וועג.

מיר האָבן גאַנץ גוט פאַרשטאַנען, אַז מיט דעם האָט זיך עס ניט געענדיקט און אַז אויף אונדזער ווייטערדיקן מאַרש וועט אונדז דערוואַרטן ווייטערדיקע לויערונגען מצד די דייטשן. פעטראָוויטש האָט מיר פאַרגעוואָרפן, אַז איך האָב ניט געדאַרפט געבן אַזאַ קאָמאַנדע, וואָס איז געווען אין קעגנזאַץ צו דער קאָמאַנדע פון קאָמאַנדיר. לויט זיין מיינונג, האָב איך געדאַרפט איבערגעבן מיין טאַקטישן פּלאַן דעם קאָמאַנדיר אַליין און ער — דער קאָמאַנדיר — האָט געדאַרפט געבן די קאָמאַנדע און ניט איך.

איך האָב פעטראָוויטשן געענטפערט, אַז אויב זיי האָבן מיר אָנגעטרויט צו פירן דעם אָטריאַד ביז צו דעם באַשטימונגס־אָרט, פאַלט די גאַנצע פאַראַנטוואָרטלעכקייט אויף מיר און דעריבער מוזן זיי פאָלגן מיינע קאָמאַנדעס. איך האָב אים געזאָגט, אַז ווען מיר וועלן בשלום אָנקומען אויף אַן אָרט, וועל איך דאַן פאָלגן זייערע קאָמאַנדעס..

איך האָב געשפירט, אַז מיין זעלבסשטענדיקע האַלטונג איז

דער העברעער פּאַרטיזאַנישער קאָמאַנדשאַפט געווען געפעלן, אָבער פון דער צווייטער זייט האָט דאָס געוויס געשאַפן אַ ניט געוווּנט־שענעם פּרעצעדענס, וואָס האָט געקאָנט אַראָפּנידערן דעם אויטאָ־ריטעט פון די קאָמאַנדירן אין די אויגן פון די פּאַרטיזאַנער, און אויף דעם האָבן זיי פאַרשטייט זיך, ניט געקאָנט מסכים זיין...

אין געלויף איבערן וועג, האָט מען דעם טויטן קערפּער פון ליזאַ אָרלאָוואַ פאַרלוירן. דעם פאַרוווּנדעטן רוטאַ, זיינען מיר געווען געצוווּנגען איבערצולאָזן אין אַ דאָרף צוזאַמען מיט אַ פרוי, וועלכער דער אָטריאַד „פּאַרויס" האָט באַפרייט פון וויעטשאָריש־קער טורמע, בעת זיי זיינען נאָך געווען אין רודניצקער וואַלד.

די אַקציע צו באַפרייען די אַרעסטירטע פון דער וויעטשאָ־רישקער טורמע און פאַרניכטן בעת דער דאָזיקער אַקציע די דאָרטיקע שומרים — איז איינע פון די שענסטע און בעסטע דער־פאָלגן פון דעם אָטריאַד „פּאַרויס".

בעת מיר האָבן פאַרגעזעצט אונדזער מאַרש, האָבן מיר גע־דאַרפט אַריבערגיין די באַן־ליניע קאָוונע—מאַריאַמפּאָל און אויך דעם שאָסיי, וואָס איז געווען פּאַראַלעל צו דער דאָזיקער באַן־ליניע. דווקא דאָרטן, האָט אונדז געקאָנט דערוואַרטן אַ פּלוצעמ־דיקע לויערונג פון דייטשן. איך האָב גענומען נאָך 8 פּאַרטיזאַנער צו זיך, און מיר זיינען געגאַנגען אין אויסשפּיר אין דער ריכטונג צו דער באַן־ליניע.

ניט ווייט פון דער באַן־ליניע, איז געווען אַ שטוב פון אַ פּויער, וואָס האָט ווי עס ווייזט אויס, באַדינט די באַן־ליניע. מיר האָבן אַרומגערינגלט זיין הויז און איך האָב אָנגעקלאַפּט אין טיר. צו־ערשט האָט אונדז קיינער ניט געענטפערט, אָבער ווען מיר האָבן אָנגעהויבן צו קלאַפּן שטאַרקער, האָט דער פּויער אַ פרעג געטאָן: „ווער קלאַפּט?! ווער זייט איר?!". איך האָב אים געענטפערט, אַז דאָס זיינען פּאַרטיזאַנער און מיר ווילן אַריינגיין אין שטוב. דער־הערט, אַז מיר זיינען פּאַרטיזאַנער, האָט ער מיט חוצפּה געענט־פערט, אַז ער וועט אונדז ניט עפענען. איך האָב אים דאַן געדראָאַט, אַז אויב ער וועט ניט עפענען, וועל איך באַלד וואַרפן אַ גראַנאַט...

דער פּויער האָט זיך אָבער ניט דערשראָקן פון מיין דראָאונג

און האָט האָפערדיק געענטפערט: — „וואַרפט!‟ פון זיין חוצפּהדיקן אויפפירונג זיך און פון זיינע שטאָלצע ענטפערס, האָב איך פאַרשטאַנען, אַז ער שפּירט זיך עפּעס צו זיכער, אַז ערגעץ ניט ווייט פון זיין הויז איז דאָ אַ לויערונג, ווייל אַנדערש וואָלט ער אַזוי זיכער ניט געענטפערט...

מיר האָבן לאַנג ניט געטאָרט וואַרטן און אויך ניט געוואָלט פאַרלירן קיין טייערע צייט. מיר האָבן שנעל רעאַגירט „פּאָ־פּאַרטיזאַנסקי‟. די חברה האָבן באַלד אָנגעהויבן אויסהאַקן די שויבן פון די פענצטערס און ס'האָט ניט געדויערט קיין פּאָר מינוט, ווי פון אַלע זייטן זיינען מיר אַריינגעקראָכן אינעווייניק אין שטוב. די חברה וואָס זיינען אַריינגעקראָכן אין קיך, האָבן דאָרטן געפונען כרוסט און זיי האָבן אָנגעלייגט מיט דעם פולע קעשענעס...

דעם פויער האָב איך געגעבן גוטע קלעפּ און אים אַרויסגעשלעפּט פון בעט אין זיינע אונטערוועש. פירנדיק אים אין וועג, האָט ער אָנגעהויבן צו געבן „לשון‟. ער האָט דערציילט, אַז שוין אייניקע נעכט ווי די דייטשן לייגן אויס לויערונגען אויף דער לענג פון דער באַן־ליניע. באַגינען ווערן די לויערונגען אַראָפּגענומען, אָבער אויף יעדע 200 מעטער אויף דער גאַנצער לענג פון דער באַן־ליניע, לאָזן זיי איבער וואַך־פּאָסטנס.

מיר האָבן שוין דעם פויער ניט אָפּגעלאָזן און מיר האָבן אים געפירט די גאַנצע וועג מיט זיך. אויפן סמך פון זיינע דערקלערונגען איז מיר קלאָר געוואָרן, אַז ביינאַכט וועלן מיר די באַן־ליניע ניט קענען אַדורכגיין. ביי מיר איז ניט געוועזן קיין ספק, אַז מיר וועלן זיך אָנשטויסן אויף די דייטשע לויערונגען און איך האָב ניט געוואָלט ריזיקירן. איך האָב פאָרגעשלאָגן צו דורכגיין די באַן־ליניע בייטאָג אין אַזאַ אָרט, ווו דער שאָסיי און די באַן־ליניע זיינען פּאַראַלעל נאָענט איינע צו די אַנדערע. אין אַזאַ פאַל, האָבן מיר געקאָנט אַדורכגיין סיי די באַן־ליניע און סיי דעם שאָסיי אויף איין מאָל.

מיר האָבן צוטיילט דעם אָטריאַד אויף 5 גרופּעס: דער דיסטאַנץ פון איין גרופּע צו דער צווייטער איז געווען אומגעפער אַ 10 מעטער. דערנענטערנדיק זיך צו דער באַן־ליניע איז גלייך

געגעבן געוואָרן אַ קאָמאַנדע און דאַן האָבן אַלע ספּאָנטאַן מיט אַ געשריי „הורא, הורא!״ אַריבערגעלאָפן די באַן־ליניע און אויף דעם שאָסיי.

די וואַר־פּאָסטנס און די פויערים אַרום, זיינען געוואָרן ווי געפּלעפט און צוטומלט. זיי האָבן גאָרניט פאַרשטאַנען וואָס דאָ קומט פאָר. זיי האָבן אויך ניט געקאָנט אָפּשאַצן אונדזער כוח. און ווי עס פּאַסירט אין אַזעלכע סיטואַציעס, האָבן זיי זיך פאַר־לוירן און זיי האָבן ניט רעאַגירט ווי געהעריק. מיר האָבן אויסגע־נוצט די געשאַפענע לאַגע און ביז זיי זיינען געקומען צו זיך, זיינען מיר שוין געווען אין וואַלד...

קומענדיק אין וואַלד מיט מיינע מענטשן, וועלכע איך האָב געבראַכט בשלום אויף דער באַזע, איז דער קאָמאַנדיר צייקאָ געווען געריהרט פון דעם דערפאָלג פון מיין שליחות. זיין פּנים האָט אַרויס־געוויזן צופרידנקייט. ער האָט מיך אַרומגענומען און געקושט און אויסגעדריקט זיין העכסטע אנערקענונג און דאַנק פאַר ברענגען בשלום דעם אָטריאַד אין קאָזלאָוואַ־רודער וואַלד, אָן קרבנות. פּעטראָוויטש איז אויך געווען העכסט צופרידן פון מיין שליחות און זיין ספּעציעלן דאַנק און אַנערקענונג פאַר מיר, האָט ער אויסגע־דריקט שריפטלעך...

די ערשטע פּאַרטיזאַנער, וואָס מיר האָבן געטראָפן דאָ אין וואַלד זיינען געווען די מענטשן פון קאַפּיטאַן מישקאָ, בראש מיט דעם לייטענאַנט. די דאָזיקע מענטשן זיינען שוין פריער פאַר אונדז אַריבער אַהער פון רודניצקער וואַלד. זיי האָבן אונדז איינגעלאַדן צו זיך אויף זייער באַזע אַלס געסט, און ווי עס פירט זיך שוין ביי פּאַרטיזאַנער, האָט מען אונדז מכבד געווען מיט סאַמאָגאָנקע און פאַרביסן מיט געבראָטענע גענדז... זייער „הכנסת־אורחים״ איז געווען אַ וואַרעמער, חברישער און פון דעם וואָס מיר האָבן דאָ געזען ביי זיי, האָט זיך זיי ווייזט אויס געלעבט ניט שלעכט. די דערפער אַרום זייער באַזע זיינען געווען רייכע, פול מיט כל־טוב און ס׳איז געווען ביי ווענען צו נעמען שפּייז און אַנדערע נויטיקיע זאַכן פאַרן אָטריאַד.

נאָך דעם, האָבן מיר זיך געטראָפן מיט אַלעקסאַס וואַיצעקאַוס־

קאַס און זיינע מענטשן, וועלכע זיינען אויך געקומען אַהער פון רודניצקער וואַלד. דאָס זיינען געווען יורגיסעס מענטשן און קומענ־דיק אַהער, זיינען זיי אַרונטערגעפאַלן אונטער דער קאָמאַנדע פון פעטראַוויטשן. אַלעקסאַס האָט אונדז אויך געוויזן ווו עס געפינט זיך ביעלאָוסקאַסעס אָטריאַד, וועלכער האָט זיך געפונען ניט ווייט פון דאַנעץ און איז אויך אַריין אין באַשטאַנד פון פעטראַוויטשעס בריגאַדע.

## אין פּאַרטיזאַנישער שליחות

נאָך איידער מיר האָבן אויסגעפונען פאַר זיך אַ שטענדיקע באַזע, האָט פעטראַוויטש מיר געגעבן אַן אויפגאַבע צו פאַרבינדן זיך מיטן אונטערערדישן קאָמיטעט אין קאָוונע. פון דאָרט האָט געדאַרפט קומען וואַליע פושייטע (אַנעלע זינקיעוויטשוטע) די סעקרעטאַרין פון קאָוונער קאָמוניסטישן יוגנט־פאַרבאַנד. אין אַ וועלדל וואָס געפינט זיך צווישן די דערפער פאַזשעריי און פאַג־ראמדינע, האָב איך געדאַרפט מיט איר זיך טרעפן. די טרעפונג איז מיר ניט געווען אַזוי שטאַרק צום האַרצן. דאָס וועלדל האָט זיך געפונען הינטער אַ טייכל וואָס הייסט פילוואַ און אין דאָרף פאַזשעריי האָט זיך געפונען אַ גרויסער דייטשער גאַרניזאָן; אַלעק־סאַס האָט געבעטן פעטראַוויטשן, אַז ער זאָל אים דערלויבן זיך אָנשליסן צו מיר, ווייל וואַליע פושייטע איז געווען זיין כלה און ער האָט געוואָלט זיין מיט איר צוזאַמען... צו אונדזביידן האָט זיך אויך אָנגעשלאָסן דער שעף פון שטאַב פון ביעלאוסקאַסעס אָטריאַד — שאַראַס.

מיר האָבן זיך אָפּגעטיילט פון אָטריאַד „פּאַרוויס״ און מיר האָבן אָפּגעמאַרשירט אויסצופירן אונדזער אויפגאַבע. אין וועלדל זיינען מיר געווען בלויז אייניקע שעה און מיר האָבן זיך דאָרט אויף קיינעם ניט דערוואַרט. איך האָב אַרויסגעזאָגט מיין מיינונג, אַז עס האָט ניט קיין זין צו זיצן און פאַרבלייבן ווייטער אין וועלדל, ווייל דאָ איז זייער לייכט אונדז אַרומצורינגלען און פאַרניכטן. — איך שטעל זיך ניט פאַר — האָב איך געזאָגט, אַז וואַליע פושייטע,

וועלכע איך האָב געקאָנט אַלס אַ זייער מוטיקע און קלוגע יונגע פרוי זאָל זיך דעצידירן צו קומען אין אַזאַ אָרט אויף אַ טרעפונג מיט אונדז...

מיר זיינען אַריבער איבערן טייכל פילוואַ און זיך באַהאַלטן אין פעלד צווישן די קאָרן, האַלטנדיק אין כסדרדיקער אָבסער־וואַציע דעם צוגאַנג צום וועלדל, ווו מיר האָבן זיך געפונען. פאַר־נאַכט האָבן מיר פּלוצעם דערהערט אַ שיסעריי אויפן וועלדל. דאָן איז שוין פאַר אונדז געוואָרן קלאָר, אַז מיר וועלן דאָ קיינעם ניט טרעפן און מיר זיינען אַוועק אין דאָרף אַגורקישקי, וועלכער געפינט זיך ניט ווייט פון דעם אָרט. אין דעם דאָרף האָבן מיר געטראָפן טאָמאַסן — אַ קאָמסאָמאָליעץ פון קאָוונע, וועלכער האָט אונדז געזוכט. ווייזט זיך אַרויס אַז וואַליע פושייטע האָט פאַרגעלייגט צו שיקן אַן אַנדערן פּאַרטיזאַן, אַנשטאָט צו קומען אַליין אַהער. „טאָ־מאַס" (דאָס איז געווען זיין פּסעוודאָנים, זיין אמתער נאָמען איז געווען באַלעסלאַוואַס טשעפּינסקאַס). אַלעקסאַס האָט מיר איבער־צווישנצייט דערציילט, אַז אין דאָרף ראַודאָנע, אַרבעט אַ יידישע בריגאַדע פון געטאָ אויף טאָרף־אויסגראַבונגען און עס היטן זיי בלויז עטלעכע דייטשן. ער, אַלעקסאַס, איז אַהין אָנגעקומען אין אַן אוניפאָרם פון אַ ס.ס.־מאַן און זעענדיק, אַז קיינער איז אים ניט חושד, האָט ער געעפנט אַ פייער פון זיין אַוטאָמאַט אויף די דייטשע שומרים. די דייטשן זיינען צוטומלט געוואָרן פון דעם ניט דערוואַרטעטן פייער און זיינען אין גרויס שרעק און פּאַניק אַנט־לאָפן, ניט אָפּגעבנדיק אַפילו קיין איין שאָס... לויט ווי אַלעקסאַס האָט דערציילט, האָט ער פאָרגעלייגט די יידן זיי זאָלן גיין מיט אים, אָבער זיי האָבן זיך אָפּגעזאָגט דאָס צו טאָן...

שווער צו פאַרשטיין די אמתע סיבה, פאַרוואָס די יידן האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו גיין מיט אים, אָבער אַלעקסאַס האָט מיט דעם געוואָלט דערוויזן, אַז ניט אַלע יידן זיינען גוטע קעמפערס קעגן די דייטשן... דעם אמת געזאָגט, האָב איך געצווייפלט אין דער גאַנצער מעשה. ס'האָט מיר אויסגעזען, אַז זיין גאַנצע דערציילונג איז אַן אויסגעטראַכטע. און אויב אַפילו מיר זאָלן אָננעמען, אַז דאָס וואָס ער דערציילט, שטימט מיט דער ווירקלעכקייט, איז פון וואַנען האָבן

די יידן געקאָנט וויסן, אַז דער, וואָס גייט אין אַ דייטשער אוני־פאָרם, איז גאָרניט קיין דייטש... אויף אים איז דאָך ניט געהאָנגען אַ שילד, אַז ער איז אַ פּאַרטיזאַן?... מען קאָן אויך פאַרשטיין, אַז די יידן האָבן געוויס מורא געהאַט, אַז דאָס איז אַ פּראָוואָקאַציע און זיי זיינען געווען זייער פאָרזיכטיק. זיי האָבן ניט פאַרשטאַנען זיין כוונה און זיכער ניט געוווּסט ווער ער איז פאַקטיש, האָבן זיי ניט געוואָלט בייטן „אַ שור אויף אַ לאַפּטשע"...

אויך שאַראַס האָט געוווּסט צו דערציילן, אַז מיט אים האָבן זיך פאַרבונדן יידן פון געטאָ און האָבן אים אָנגעבאָטן גאָלד, געלט און טייערע קליידער, כדי ער זאָל זיי באַהאַלטן אין וואַלד... ווען איך האָב אים אָבער געבעטן, אַז ער זאָל מיר זאָגן מיט וועמען ער האָט געפירט אונטערהאַנדלונגען פון געטאָ, האָט ער קאַנ־קרעט ניט געקאָנט מיר זאָגן ווער דאָס איז געווען...

פוןביידנס דערציילונגען איז אָבער געווען קלאָר, וואָס פאַראַ איינשטעלונג איז ביי זיי כלפּי די יידן. מיר האָבן באַשלאָסן צו נעמען מיט אונדז באַלעסלאַוואַס טשעפּינסקאַס אין אָטריאַד צו פּעטראָוויטשן. אַזוי ווי מיר האָבן, אָבער, ניט געוווּסט ווו דער אָט־ריאַד „פאָרויס" האָט געפונען אַן אָרט פאַר אַ באַזע, האָבן מיר באַשלאָסן צו גיין צו ביעלאָוסקאַס אין אָטריאַד.

## „וולאַסאָוועצעס, צי אייגענע?"

איידער מיר האָבן פאַרלאָזן דעם דאָרף אַגורקישקי, האָבן מיר אין אַ הויף פון אַ פּויער באַמערקט, ווי איינער אַ מענטש אין אַ רו־סישער מיליטערישער אוניפאָרם עסט מיטאָג. מיר האָבן אים אָנגע־נומען פאַר אַן אַנטלאָפענעם רוסישן קריגס־געפאַנגענעם און האָבן באַשלאָסן אים צו פאַרהאַלטן און נעמען אים מיט זיך אין אונדזער אָטריאַד.

ווען ער האָט אונדז דערזען, האָט ער זיך באַלד אויפגעהויבן פון אָרט און האָט אָנגעהויבן צו אַנטלויפן... איך האָב באַלד אַ געשריי געטאָן, אַז ער זאָל זיך אָפּשטעלן און גלייכצייטיק אָפּגע־געבן עטלעכע וואָרענונגס־שאָסן פון מיין אַווטאָמאַט אין דער

לופט. ער האָט זיך גלייך אָפּגעשטעלט און מיר זיינען באַלד צוגע־לאָפן צו אים. ווען איך האָב אים אַ פרעג געטאָן, צי ער איז אַ קריגס־געפאַנגענער, האָט ער מיט גרויס חוצפה און האָפערדיקייט געענטפערט: — „וואָס בין איך פאַר אַ קריגס־געפאַנגענער? — ווער זייט איר בכלל אַזעלכע?...

איך האָב אים געענטפערט ניט מיט מער ווייניקער חוצפה ווי ער, אַז קודם־כל פרעג איך אים און ער דאַרף ענטפערן אויף מיינע פראַגעס און ניט פרעגן מיר קלאָץ־פראַגעס... ער האָט מיר געזאָגט, אַז ער האָט מיר נאָר דערפאַר געשטעלט די פראַגע, כדי צו וויסן צי ער קען מיר ענטפערן אויף אַלץ וואָס איך פרעג אים. איך האָב אים געענטפערט, אַז מיר זיינען רויטע פאַרטיזאַנער און איך בין דער עלטסטער פון דער גרופע.

ערשט דאַן האָט ער דערציילט, אַז ער איז אַן עלטערער לייטענאַנט פון דער רויטער אַרמיי און ער איז אַרונטערגעוואָרפן געוואָרן פון אַ דעסאַנט צוזאַמען מיט נאָך 8 פאַראַשוטיסטן אַלס אויסשפּירערס אויף דער פיינטלעכער טעריטאָריע. נאָכן לאַנדן פון דעם אַעראָפּלאַן, האָבן זיי געטראָפן אַן עלטערן באַוואָפנטן מענטשן, וועלכער האָט זיך אָנגעגעבן אַלס אַ סאָוועטישער פאַרטיזאַן און ער האָט זיי געפירט אין אַן אָרט, ווו ס'האָבן זיך געפונען נאָך באַ־וואָפנטע פאַרטיזאַנער...

„— איך האָב פאַרשטאַנען, אַז מיר געפינען זיך צווישן אייגענע קאַמפּס־חברים — האָט פאָרגעזעצט וויטער זיין דערציילונג דער עלטערער לייטענאַנט, איך האָב געהייסן מיינע מענטשן צוזאַמענ־לייגן זייערע געווער. דער קאָמאַנדיר פון דער באַוואָפנטער גרופע פאַרטיזאַנער האָט אונדז באַלד אָנגעהויבן צו שטעלן פאַרשיידענע פראַגעס אויף אַ שלעכטן רוסיש און עס איז געווען צו זען, אַז ער האָט צו אונדז קיין צוטרוי ניט. היות, ווי מיר האָבן זיך איינער דעם צווייטן ניט פאַרשטאַנען, האָט זיך דער אומצוטרוי נאָך מער פאַרשטאַרקט...

שפּעטער זיינען געקומען נאָך אַ גרעסערע גרופע באַוואָפנטע מענטשן און דער עלטערער פון זיי, וואָס האָט געטראָגן אַ קאָ־קאַרדע אויף זיין היטל, האָט אָן שום וואָרענונגען באַלד אָנגע־




(1) די ריכטונג פון דער אַריינדרינגונג פון פּאַרט.־אָטריאַד „אַ טויט די אָקופּאַנטן"

(2) די ריכטונג פון דער אַריינדרינגונג פון פּאַרטיזאַנער־אָטריאַד „פּאַרויס"




(3) די ריכטונג פון דער אַריינדרינגונג פון פּאַרט.־אָטריאַד „וולאַדאַס באַראַנאַס"

(4) די ריכטונג פון דער אַריינדרינגונג פון אַן אויסדערוויילטער גרופּע

הויבן שיסן אויף אונדז. — איך האָב באַלד זיך געכאַפּט, אַז מיר געפינען זיך צווישן פיינטלעכע עלעמענטן און איך האָב אָנגעהויבן צו לויפן. זיי האָבן אָנגעהויבן צו מיר צו שיסן און איין קויל האָט מיך געטראָפן אין מיין רוקן"...

דאָס איז געווען די ווערסיע פון עלטערן לייטענאַנט. ווען ער האָט פאַרענדיקט זיין דערציילונג, האָט ער אויפגעהויבן זיין העמד און האָט מיר געוויזן אַ לייכטע וווּנד אין פאָרם פון אַ רינע. חוץ דעם האָט ער מיר אויך געוויזן אַ שטיק זייד פון אַ פּאַראַשוט, אויף וועלכן עס איז געווען געשריבן אויף רוסיש אויף אַ שרייב־מאַשינקע, אַז אַלע פּאַרטיזאַנער צו וועמען ער וועט זיך ווענדן, זאָלן אים דערטיילן הילף אין אויספירן זיינע אויפ־גאַבעס. אויף דער ווענדונג איז געווען אונטערגעשריבן אַ גע־נעראַל...

פון דעם אַלעם וואָס ער האָט אונדז דערציילט, איז אונדז קלאָר געוואָרן, אַז נאָכן לאַנדן פון עראָפּלאַן, האָבן זיי באַגעגנט ביעלאָוסקאָסעס פאַטער, וועלכער האָט זיי טאַקע געבראַכט אין אַטריאַד צו זיין זון ביעלאָוסקאָסן, פון וואַנען ער איז אַנטלאָפן. די איבעריקע ווערסיעס וואָס ער האָט דערציילט, האָבן ניט אַרויסגע־רופן קיין צוטרוי און זיי האָבן זיך ניט געלייגט אויפן שכל, זיי זיינען ממש געווען אומגלויבלעך. דעריבער האָבן מיר באַשלאָסן אים צו ברענגען צוריק צו ביעלאָוסקאָסן אין אַטריאַד און דאָרטן אויפן אָרט אויפקלערן וואָס האָט מיט אים ווירקלעך פּאַסירט...

דער פּאַראַשוטיסט האָט זיך אָפּגעזאָגט צו גיין מיט אונדז, טענהנדיק, אַז בעתן לויפן פון דער שיסעריי, האָט ער אויסגעלונקען אַ פוס. מיר האָבן גענומען ביי אַ פּויער אַ פור געשפּאַנט מיט צוויי פערד, אַריינגעזעצט זיך צוזאַמען מיט אים אין וואָגן און מיר זיינען אָוועקגעפאָרן צו ביעלאָוסקאָסן אין אַטריאַד. ווען מיר זיינען אָנגע־קומען ניט ווייט פון דעם אַטריאַד, האָבן מיר באַפרייט דעם פּויער מיט די פערד און וואָגן און מיר האָבן פאַרגעזעצט אונדזער גאַנג צו פוס...

ווען מיר האָבן שוין דערגרייכט דעם ערשטן פּאָסטן פון אַטריאַד, האָט דער עלטערער לייטענאַנט פּלוצלינג אָנגעכאַפּט דעם

פּאַרטיזאַן וואָס איז געשטאַנען אויפן פּאָסט און מיט ביידע הענט האָט ער אים שטאַרק אָנגעהויבן צו טרייסלען, פרעגנדיק, וואָס איז געשען מיט זיינע מענטשן ?...

מיר האָבן אים קוים אָפּגעריסן פון דעם פּאַרטיזאַן, וואָס איז געשטאַנען אויפן פּאָסט און אים געזאָגט, אַז אויב ער איז ווירקלעך, דער, פאַר וועמען ער גיט זיך אָן, דאַרף ער וויסן, אַז אַן עלטערער לייטענאַנט פון דער רויטער אַרמיי טאָר זיך ניט דערנענטערן צו אַ פּאָסטן, ווייל ער קען אים אָננעמען פאַר אַ שונא און אים דערשיסן...

ווען מיר זיינען אַריין טיפער אין דער זאָנע פון אָטריאַד, האָבן מיר ערשט דערזען די גאַנצע טראַגעדיע וואָס דאָרט האָט פּאַסירט: צוויי מענטשן פון דעם עלטערן לייטענאַנט זיינען געלעגן טויט און אַנדערע צוויי זיינען געווען שווער פאַרוווּנדעט. ביעלאָוסקאָס האָט מיר געזאָגט, אַז אין דער טרויעריקער מיספאַרשטענדעניש איז שולדיק נאָר די יידישע קאָמפּאַניע. (ער האָט ניט געוווּסט, אַז איך בין אויך אַ ייד).

די געשיכטע פון דעם טראַגישין פאַל איז געווען אַזאַ:

ווען בעלאָוסקאַסעס פאָטער האָט געבראַכט די פּאַראַשוטיסטן, וועלכע ער האָט באַגעגנט און זיי געפירט צו ביעלאָוסקאַסן אין אָטריאַד, האָט זיין זון — דער קאָמאַנדיר פון אָטריאַד דערזען, אַז זיי טראָגן עפּאָלעטן (פּאַגאָנעס) אויף זייערע גימנאַסטיאָרקעס, (ווען ביעלאָוסקאָס איז געקומען אין וואַלד פון רוסלאַנד, האָט נאָך דאַן די רויטע אַרמיי ניט געטראָגן קיין עפּאָלעטן, דעריבער האָט ער זיי אָנגענומען פאַר וולאַסאָווצעס) *... אמת די פּאַראַ־שוטיסטן האָבן זיך ניט אויפגעפירט פּראָוואָצירנד, זיי זיינען געווען גאַנץ פרידלעך. זיי האָבן אַראָפּגענומען פון זיך דאָס געווער און עס צונויפגעלייגט אין איין אָרט. דאָס האָט אָבער ניט געגעבן די גאַראַנטיע, אַז אין אַ נויטיקן מאָמענט, וועלן זיי נעמען דאָס געווער צוריק...

---

* אויפן נאָמען פון רוסישן גענעראַל וולאַסאָוו, וואָס איז אַריבער מיט זיין אַרמיי צו די דייטשן און האָט געקעמפט קעגן דער רויטער אַרמיי.

ביעלאָוסקאָס האָט גענומען זייער קאָמאַנדיר אויף אַ פאַרהער און האָט אים געשטעלט אַזוינע פראַגעס, אויף וועלכע דער קאָמאַנדיר האָט ניט געטאָרט ענטפערן, דעריבער האָט ער געגעבן אויסמיידנדיקע ענטפערס און דאָס האָט נאָך מער פאַרגרעסערט ביעלאָוסקאָסעס חשד, אַז זיי זיינען וולאַסאָווצעס... ער האָט באַלד געשיקט זיינעם אַ פאַרטיזאַן צו פעטראָוויטשן מעלדן, אַז צו אים אין אָטריאַד זיינען אָנגעקומען פרעמדע מענטשן, וועלכע ער איז חושד אַז זיי זיינען וולאַסאָווצעס און ער בעט אים, פעטראָוויטשן, אַז ער זאָל וואָס שנעלער קומען מיט זיינע מענטשן זיי אויספאָרשן. אין אונדזער אָטריאַד זיינען געווען אייניקע קריגס־געפאַנגענע, וועלכע האָבן געליטן פון די וולאַסאָווצעס און אָננעמענדיק זיי פאַר וולאַסאָווצעס, זיינען זיי שוין געווען גרייט זיי צו ליקווידירן אויפן אָרט...

ווען פעטראָוויטש איז געקומען מיט זיינע מענטשן צו ביעלאָוסקאָסן אויף דער באַזע, האָט איינער אַ קריגס־געפאַנגענער, ניט וואַרטנדיק אויף קיין באַזונדערן באַפעל, אָנגעהויבן גלייך צו שיסן אויף די פאַראַשוטיסטן, מיינענדיק, אַז זיי זיינען וולאַסאָווצעס. צו דעם קריגס־געפאַנגענעם האָבן זיך אָנגעשלאָסן נאָך עטלעכע און ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַ העפטיקע שיסעריי און דער רעזולטאַט פון דער דאָזיקער טראַגישער מיספאַרשטענדעניש איז געווען : צוויי טויטע און עטלעכע שווער פאַרווונדעטע...

מיט די פאַרווונדעטע האָט זיך פאַרנומען אונדזער קראַנקן־שוועסטער רבקה קאַגאַן. זי האָט זיי דערטיילט מעדיצינישע הילף און האָט זיך זייער גוט מיט זיי מטפל געווען. נאָר אַ דאַנק איר, האָבן די 4 פאַרווונדעטע דערלעבט די באַפרייונג דורך דער רויטער אַרמיי און דאַן האָט מען זיי איבערגעשיקט אין אַ מיליטערישן שפּיטאָל...

וועגן דאָזיקן טראַגישן פאַרפאַל, האָט מען זיך געשטעלט אין פאַרבינדונג מיט דעם מיליטערישן שטאַב און מ'האָט זיי געמאָלדן וואָס ס'האָט פּאַסירט.

דער מיליטערישער שטאַב האָט קאָמפּענסירנדיק די צאָל געהרגעטע און פאַרווונדעטע פאַראַשוטיסטן, געשיקט אויף זייער

אָרט אַנדערע 11 מענטשן, בראש מיט אַ פּאָדפּאָלקאָווניק. די דאָזיקע נייע מענטשן האָבן זיך געפונען ביי פּעטראָוויטשן אויף זיין באַזע.

די זומערדיקע פּאַרטיזאַנער־באַזעס זיינען באַשטאַנען ניט פון קיין געבויטע ערד־שטיבלעך (זיעמליאַנקעס), נאָר פון געפלאָכ־טענע ביידלעך פון צווייגן. די דאָזיקע ביידלעך זיינען געווען זייער באַקוועם פאַר די פּאַרטיזאַנער־אָטריאַדן, היות, ווי מען האָט זיי געקאָנט זייער שנעל און לייכט פאַנאַנדערנעמען, בעת מען האָט געדאַרפט אויף דער שנעל בייטן דעם אָרט.

ווען מיר האָבן זיך באַזעצט אין קאָזלאָווא־רודער וואַלד אויף דער ערשטער באַזע, האָט פּאַסירט אַ קאָמישער עפּיזאָד: מיר האָבן פלוצעם דערהערט אַרום אונדז אַ גערויש פון קנאַקנדיקע צווייגן. דער קאָמאַנדיר, קאַפּיטאַן צייקאָ, האָט גלייך געגעבן אַ קאָמאַנדע צו פאַרנעמען קאַמפּס־פּאָזיציעס אין אַ קרייז, וואָס האָט געקאָנט דערמעגלעכן אַ שיצונג פון אַלע זייטן, ווייל ער האָט אָנגענומען, אַז די דייטשן רינגלען אונדז אַרום...

מיר האָבן זיך אַלע אויסגעלייגט לויט זיין באַפעל אין אַ קרייז, פאַרנעמענדיק פּאָזיציעס און זיינען געווען גרייט צום קאַמף... עס איז אַוועק אַ היפּש ביסל צייט און דער שונא האָט זיך ניט געוויזן, אָבער דער גערויש פון די קנאַקנדיקע צווייגן האָט ניט אויפגע־הערט. איך בין געלעגן קאַמפּס־גרייט לעבן מיין חבר פּנחס קראַ־קינאָווסקי. אַזוי ווי מיר זיינען געלעגן אַ לענגערע צייט אָן אַ קאַמף, איז אונדז געוואָרן לייַנגווייליק. איך האָב שטילערהייט אָנגעהויבן דערציילן פּנחסן אַנעקדאָטן כדי צו פאַרטרייבן די לאַנגווייליקייט. פּנחס קראַקינאָווסקי האָט זיך ניט געקאָנט איינהאַלטן פון געלעכ־טער און האָט זיך הילכיק פאַנאַנדערגעלאַכט...

דערהערנדיק פלוצעם אַ הויכן געלעכטער, איז באַלד צוגע־לאָפן צו אונדז דער קאָמאַנדיר צייקאָ און האָט אָנגעהויבן געבן פּעטש פאַר שטערן די קאָנספּיראַציע, בעת מען ליגט אויף אַ קאַמפּס־פּאָזיציע. דער סוף איז געווען, אַז מיר האָבן אַלע געלאַכט, ווייל ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער „שונא" וואָס האָט „גע־קנאַקט" די צווייגן, זיינען דאָס געווען פאַרבלאָנדזשעטע בהמות,

וואָס זיינען געקראָכן צווישן די טרוקענע צווייגן דורכן וואַלד. ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אונדזער באַזע האָט זיך געפונען אינגאַנצן אַ האַלבן קילאָמעטער פון דאָרף קורינע. נאָכן דאָזיקן פאַל, האָבן מיר אונדזער באַזע אָפּגערוקט ווייטער אויף אַ מרחק פון נאָך אַ האַלבן קילאָמעטער פון דעם אויבנדערמאָנטן דאָרף...

## אויף די פרישע קברים פון חיים־דוד ראַטנער און יאַנקעלע לעווין

אין די דערפער אַרום אונדזער באַזע האָבן געלעבט פּאַרמעג־לעכע פּויערים, אַזוי אַז קיין שפּייז האָט אונדז ניט געפעלט. דעם פאַרבינדלער „טאָמאַס״, וועלכן איך האָב געבראַכט פון אַגורקישקי, האָבן מיר געהאַלטן ביי אונדז אַ פּאָר טעג אויף דער באַזע. פּעט־ראָוויטש האָט זיך מיט אים אָפּגערעדט, אַז יעדן דאָנערשטיק זאָל ער קומען פון קאָוונע צו אונדז אין וואַלד, כדי ניט צו פאַרלירן דעם קאָנטאַקט מיט דער קאָוונער שטאָטישער אונטערערדישער אָרגאַניזאַציע.

דעם קאָנטאַקט מיט „טאָמאַסן״, האָט פּעטראָוויטש אַרויפגע־לייגט אויף מיר. דער פאַרבינדונגס־אָרט, ווו מיר האָבן זיך גע־דאַרפט טרעפן, איז געווען לעבן דאָרף אַגורקישקי. אויף דער נאָענטסטער טרעפונג מיט „טאָמאַסן״, בין איך אַוועק צוזאַמען מיט חיים־דוד ראַטנער, אָבער כדי צו אָנקומען אויף דעם באַשטימטן אָרט, האָבן מיר געדאַרפט אַדורכגיין אַ גרויסן דאָרף בראַזיוקאַי. דאָס איז געווען אַ זייער לאַנגער צעצויגענער דאָרף, וועלכער האָט זיך אויסגעשפּרייט איבער דער גאַנצער ברייט פון וואַלד. אויף זיין מזרחדיקער זייט איז געשטאַנען אַ גרויסער דייטשער גאַרניזאָן.

דורכגיין דעם דאָרף האָט מען נאָר געקאָנט פון זיין מערב־דיקער זייט. פון דער דאָזיקער זייט האָבן די דייטשן ניט געקאָנט שפּירן און באַמערקן דורכגייענדיקע פּאַרטיזאַנער, היות ווי דער מרחק פון דער מערבדיקער זייט פון דאָרף ביז דער מזרחדיקער איז אַ וואָסערע 4 קילאָמעטער. איך און חיים־דוד ראַטנער זיינען אָנגעקומען צום באַשטימטן אָרט, אַזוי ווי מיר האָבן זיך אָפּגערעדט

און מיר האָבן זיך דאָרט געטראָפן מיט „טאָמאָסן". ער האָט אונדז אָפּגעגעבן אַ גענויעם דין־וחשבון פון דער טעטיקייט פון די קאָוונער קאָמסאָמאָלצעס פאַר דער פאַרגאַנגענער וואָך און מיר האָבן מיט אים אָפּגערעדט זיך צו טרעפן ווייטער דעם צווייטן דאָנערשטיק אויף דעם זעלבן אָרט.

ווען מיר האָבן זיך צוריקגעקערט אויף אונדזער באַזע, האָבן מיר שוין דאָרטן געטראָפן דער א. ד. גרופּע דעסאַנטניקעס, וועלכע האָבן געדאַרפט אויספירן פאַרשיידענע סודותדיקע אויפגאַבעס אין דער געגנט פון מיליטערישן הויפּט־שטאַב פון פראָנט און מיר האָבן זיי געדאַרפט העלפן אויספירן זייערע אויפגאַבעס. זיי צו הילף אַלס וועגווייזער, האָט פּעטראָוויטש באַשטימט מיך, היות ווי איך האָב גוט געקענט דעם וואַלד און די גאַנצע געגנט און דער פּאַרטיזאַנקע רחל בערמאַן (ירחמיאל בערמאַנס פרוי) האָט פּעטראָוויטש אויסגעטיילט פון אָטריאַד זיי צו באַדינען.

דער פּאָדפּאָלקאָווניק איז געווען פון דער רוסישער אינטעליגענץ, אַ זייער סימפּאַטישער און קולטורעלער מענטש און איך האָב זיך זייער גוט מיט אים באַפריינדעט. זיי האָבן געהאַט אַן אייגענעם ראַדיאָ־איבערגעבער מיט אַ ראַדיסט און טאָג־טעגלעך פלעגן זיי זיך פאַרבינדן מיטן שטאָב פון פראָנט און איבערגעבן שיפרירטע ראַדיאָגראַמעס. פון דאָרטן פלעגן זיי באַקומען פאַרשיידענע אָנווייזונגען און אינסטרוקציעס ווי אַזוי, ווו און ווען זיי דאַרפן אויספירן זייערע אויפגאַבעס. נאָכן אויספירן די אויפגאַבעס פלעגן זיי צוריק איבערגעבן דורכן ראַדיאָ זייערע אויספיר־ידיעות.

איך פלעג גיין צוזאַמען מיט זיי און צוקומען זייער נאָענט צו די דייטשע פאָדערשטע פּאָזיציעס פון פראָנט. זיי פלעגן אָנצייכענען אויף זייערע טאָפּאָגראַפישע קאַרטעס פאַרשיידענע קאָאָרדינאַטן וועגן דער קאָנצענטראַציע און דיסלאָקאַציע פון די דייטשע מיליטער־טיילן אויפן פראָנט; אין וועלכע ערטער עס געפינט זיך די דייטשע אַרטילעריע; זייערע טאַנקען; מעכאַניזירטע טיילן; זייערע טראַנשייען און זייערע פייער־פּאָזיציעס; די ערטער פון די דייטשע שטאָבן א.א.וו. די אַלע ידיעות פלעגן זיי גענוי יעדן

טאָג איבערגעבן דורכן ראַדיאָ אין שטאַב פון פראָנט. חוץ דעם, האָבן זיי געהאַט פאַרבינדונגען מיט פויערים אין די דערפער, וועלכע פלעגן פאַר זיי אויספירן פאַרשיידענע אויסשפּיר־אויפגאַבעס.

אַזוי ווי איך האָב אָפּגערעדט מיט „טאָמאַסן" זיך צו טרעפן דעם נאָענטסטן דאָנערשטיק, האָב איך געזאָגט פּעטראָוויטשן, אַז חוץ דער אַרבעט וואָס איך פיר אויס מיט די דעסאַנטניקעס, וועל איך זיך באַמיען צו טרעפן מיט „טאָמאַסן" אויף דעם באַשטימטן אָרט און אין דער באַשטימטער צייט. פּעטראָוויטש האָט אָבער באַשלאָסן, אַז אין פאַל ווען איך וועל ניט קענען צוליב געוויסע סיבות זיך טרעפן מיט „טאָמאַסן", וועט ער שיקן אויף דער טרעפונג חיים־דוד ראַטנער, וואָס איז שוין געגאַנגען מיט מיר אויף דער פריערדיקער טרעפונג מיט „טאָמאַסן" און מיט אים וועט אויך גיין יאַנקעלע לעווין, וועלכער וועט ראַטנערן באַגלייטן אין וועג.

פירנדיק די דעסאַנטניקעס, האָב איך זיך באַמיט צו גיין מיט אַזאַ וועג, אַז איך זאָל קענען אָנקומען צו דער באַשטימטער צייט אויף דעם אָפּגערעדטן אָרט אויף דער טרעפונג מיט „טאָמאַסן". איך האָב זיך טאַקע שפּעטער געטראָפן מיט אים און ער האָט מיר אָפּגעגעבן אַ גענויעם באַריכט וועגן זייער אונטערערדישער אַרבעט פאַר דער גאַנצער וואָך אין קאָוונע.

ווען איך האָב זיך צוריקגעקערט מיט די דעסאַנטניקעס פון אונדזער אויפגאַבע און מיר זיינען אָנגעקומען אין דעם דאָרף בראַזיזקאַי, האָבן אונדז די פויערים פון דאָרף דערציילט, אַז ניט לאַנג פאַר אונדזער אָנקומען אַהער אין דאָרף, האָבן זיי געבראַכט צו קבורה צוויי פאַרטיזאַנער, וועלכע זיינען געפאַלן אין קאַמף מיט די דייטשן. איינער פון די געפאַלענע פאַרטיזאַנער — האָבן זיי געזאָגט — איז געווען אַ גרוזין און דער צווייטער אַ קאַטאָליק, ווייל אויפן האַלדז האָט ער געטראָגן אויף אַ קייטעלע אַ צלם... זייער קבר געפינט זיך לעבן דער צערקווע פון דאָרף.

מיר האָבן זיך ניט געקאָנט פאָרשטעלן, ווער זיינען דאָס די צוויי געפאַלענע פאַרטיזאַנער. ווען מיר זיינען אָנגעקומען אויף אונדזער באַזע און איך האָב אָפּגעגעבן פּעטראָוויטשן דעם באַריכט

פון מיין טרעפונג מיט „טאָמאָסן", האָט פּעטראָוויטש זיך געזעגנט געווענ־דערט, וואָס איך האָב זיך געטראָפן מיט „טאָמאָסן". — איך האָב געמיינט — האָט געזאָגט פּעטראָוויטש, אַז דו ווייסט ניט קאָנען זיך טרעפן מיט „טאָמאָסן", האָב איך אויף דיין אָרט געשיקט צו דער באַגעגעניש אַנדערע צוויי פּאַרטיזאַנער: חיים־דוד ראַטנער און יאַנקעלע לעווין...

איך האָב באַלד דערפילט דעם גרויסן אומגליק, דאָס האַרץ האָט מיר אָנגעהויבן שטאַרק קלאַפּן. ערשט איצט האָב איך פאַר־שטאַנען אַז די צוויי געפאַלענע פּאַרטיזאַנער וועגן וועלכע די פּויערים פון דאָרף האָבן אונדז דערציילט, אַז זיי האָבן זיי מקבר געווען ביי דער דאָרפישער צערקווע, אין בראַזיוקאַי, זיינען דאָס ניט קיין אַנדערע ווי חיים־דוד ראַטנער און יאַנקעלע לעווין...

עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז יאַנקעלע לעווין האָט שטענדיק מיט זיך געטראָגן אַ צלם און ער איז דאָס געווען דער „קאַטאָליק", וועגן וועלכן די פּויערים האָבן מיר דערציילט. איך האָב דערציילט פּעטראָוויטשן גענוי וואָס מיר האָבן געהערט פון די פּויערים אין דאָרף בראַזיוקאַי. פאַר אונדז איז שוין ניט געווען קיין שום ספק, אַז די צוויי געפאַלענע פּאַרטיזאַנער: דער „גרויזין" און דער „קאַ־טאָליק" — דאָס זיינען געווען חיים־דוד ראַטנער און יאַנקעלע לעווין.

ווי עס האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן, האָבן זיי ביידע ניט געוווּסט ווי אַזוי אָנצוקומען צו דעם טייל פון דאָרף בראַזיוקאַי, ווו קיין דייטשן זיינען ניט געווען. זיי האָבן גענומען מיט זיך איינעם אַ פּויער אַלס וועגווייזער, וואָס האָט זיי געדאַרפט פירן, כדי אויס־צומיידן זיך טרעפן מיט די דייטשן. דער „וועגווייזער", וואָס איז געווען אַ פאַררעטער, זעענדיק, אַז די צוויי פּאַרטיזאַנער ווייסן ניט דעם וועג, האָט ער זיי גלייך צוגעפירט צום דייטשן גאַרניזאָן. דאָרטן האָט זיך צווישן זיי מיט די דייטשן פאַרבונדן אַ קעגנזייטיקע שיסעריי און אין דעם ניט גלייכן קאַמף זיינען זיי ביידע געפאַלן קרבנות פון אַ פאַרראַט.

דאָס איז געווען דעם 17־טן יולי 1944.




בעריכת אבא בנדויד, מערכת יד־ושם

דער פּאַרטיזאַנישער פּלאַצדאַרם אין ליטע

דער טויט פון מיינע צוויי טרייע קאַמפּס־חברים, האָט אונדז אַלעמען זייער שטאַרק געטראָפן און האָט אויף אַלעמען געמאַכט אַ דערשיטערנדיקן איינדרוק. מיר האָט באַזונדערס געוויטיקט דאָס האַרץ, וואָס מיט די דאָזיקע טייערע חברים בין איך דורכגעגאַנגען אַ לאַנגן און שווערן וועג און זיי זיינען געפאַלן, גייענדיק אויס־פירן אַן אויפגאַבע, ווען זיי זיינען געשיקט געוואָרן מיך פאַרבייטן אויף דער באַשטימטער טרעפונג מיט „טאָמאַסן". אָבער נאָך שטאַרקער איז געווען דער ווייטיק און דער פאַרלוסט, וואָס זיי זיינען געפאַלן בלויז אַ קורצע צייט פאַר דער באַפרייונג...

## די שעה פון דערלייזונג האָט געשלאָגן...

פול מיט סכנות איז געווען אויסגעבעט דער וועג צו אונדזער נאָענטער באַפרייונג. די רויטע אַרמיי האָט כסדר אָנגעגריפן די אין בהלה־אָפּטרעטנדיקע דייטשע פּאָלקן און דיוויזיעס, וועלכע האָבן זיך געצויגן אויף מערב. די רויטע אַרמיי האָט מאַרשירט פאָרויס אין זייער אַ שנעלן טעמפּאָ און מיר האָבן זיך שוין געפונען אין דער פראָנט־זאָנע.

גאָר אינגיכן האָבן מיר זיך שוין באַגעגנט מיט די ערשטע אָנגרייפנדיקע טיילן פון דער רויטער אַרמיי. די פרייד אונדזערע איז געווען ניט צו באַשרייבן. אונדזער אָטריאַד האָט זיך אָנגע־שלאָסן אין דער רויטער אַרמיי און האָט געהאָלפן אָפּרייניקן די ליטווישע טעריטאָריע פון דער נאַצישער פעסט... ווילנע איז שוין געווען באַפרייט פון דער רויטער אַרמיי דעם 13־טן יולי 1944 און די אָטריאַדן פון רודניצקער וואַלד זיינען שוין אויך געווען באַפרייט און מיר האָבן געקראָגן צוגעשיקט דורך דער לופט זייער געווער.

נאָך דעם, ווי ווילנע איז באַפרייט געוואָרן און די קעמפער האָבן זיך דערנענטערט צו קאָוונע, איז די באַוועגונג פון די דייטשן אויף דעם שאָסיי און אויף דער באַן־ליניע קאָוונע־ווילקאָווישקיס־קיבאַרטי, באַדייטנד פאַרגרעסערט געוואָרן. דעריבער האָט אונדזער אָטריאַד זיך פאַרנומען מיט אונטערלייגן מינעס אויף דעם שאָסיי־וועג און אויף דער באַן־ליניע. דאָס האָט ביי דער גרויסער און געדיכטער באַוועגונג פון דער אָפּטרעטנדיקער דייטשער אַרמיי, געגעבן גוטע רעזולטאַטן און זיי גורם געווען פיל קרבנות.

פאָרויסזעענדיק די מעגלעכקייטן פון בלאָקירן דעם וואַלד דורך די דייטשן, אין פאַל ווען דער פראָנט וועט זיך פאַרהאַלטן צוליב געוויסע סיבות אויף אַן אומבאַשטימטער צייט אין אונדזער געגנט, האָט דער אָטריאַד אָנגענומען באַדייטנדע פאַרזיכטיקייט־מיטלען.

אין דער זעלבער צייט איז ליקווידירט געוואָרן די קאָוונער געטאָ. דער גרעסטער טייל פון די איבערגעבליבענע נאָך די אַקציעס יידן פון געטאָ, זיינען אַרויסגעפירט געוואָרן אין די דייטשע פאַר־

ניכטונגס־לאַגערן. אַ קלײנער טײל פֿון די קאָוונער ײדן, װאָס האָבן זיך אויסבאַהאַלטן אין פֿאַרשײדענע „מאַלינעס״, זײנען דער־שטיקט געװאָרן פֿון רויך פֿון דער ברענענדיקער געטאָ. בלויז אײנצלנע ײדן איז געלונגען זיך ראַטעװען פֿון טויט. דאָס איז געװען אַ הײפֿעלע געראַטעװעטע ײדן, װעמען ס׳איז געלונגען צו שפּרינגען פֿון די װאַגאָנען. זײ האָבן, אָבער ניט געפֿונען דעם װעג צו די פּאַרטיזאַנער, ניט װיסנדיק װוּ זײ געפֿינען זיך...

אויך די דײטשן, װאָס האָבן געהיט די ײדן, װעלכע האָבן געאַרבעט אויף די טאָרף־גראָבונגען אין ראַודאַנע, האָבן שױן דער־שפּירט די דראָענדיקע געפֿאַר מיטן דערנענטערן זיך פֿון דער רויטער אַרמײ. זײ האָבן אין שרעק איבערגעלאָזן די ײדן אָן אַ שמירה און זײנען אַלײן אַנטלאָפֿן אין גרויס פּאַניק...

די ײדן װאָס האָבן זיך באַפֿרײט, האָבן אָנגעהויבן צו גײן איבער די דערפֿער אַרום אונדזער געגנט נאָך שפּײז און האָבן כּלל ניט געװוּסט, אַז אויך מיר גײען אויף די זעלבע װעגן אין װאַלד. מיר האָבן זיך אַלע אויסגעמישט און דאָס האָט געקאָנט זײן פֿאַר אונדז אַ גרויסע סכּנה. דאָן האָט פּעטראַװיטש אַרויסגעגעבן אַ באַפֿעל, אַז מען זאָל פֿאַרשלאָגן די בראָדיענדיקע ײדן אויף די װעגן, אַז זײ זאָלן גײן קעמפֿן קעגן דעם שונא, אָנשליסנדיק זיך אין די פּאַרטיזאַנער־אָטריאַדן. אין פֿאַל אויב די ײדן װעלן זיך אָפּזאָגן דאָס צו טאָן — װעט ניט זײן קײן אַנדער אויסװעג און זײ שיסן...

פּעטראָװיטש האָט זיך אָבער ניט פֿאַרגעשטעלט, אַז צװישן די דאָזיקע ײדן זײנען געװען פֿאַמיליעס מיט פֿרויען, עלטערע מענטשן און קינדער און אַזאַ עלעמענט איז לגמרי ניט קאַמפּס־פֿעאיק און זײ זײנען ניט קײן פּאַסיקער עלעמענט פֿאַר אונדז... פֿאַרקערט: זײער אָנקומען װאָלט נאָך מער באַשװערט די קאַמפּס־פֿעאיקײט פֿון אונדזער אָטריאַד. דערפֿאַר האָבן מיר דעם ערשטן טײל פֿון פּעטראָװיטשעס באַפֿעל אויסגעפֿירט: דאָס הײסט, מיר האָבן די קאַמפּס־פֿעאיקע פֿון די באַפֿרײטע ײדן פֿאַרגעשלאָגן צו אָנשליסן זיך אין אָטריאַד און די ניט קאַמפּס־פֿעאיקע, האָבן מיר געראַטן זיך דערװײטערן פֿון אונדזער װאַלד בכּלל. זעלבסטפֿאַרשטענדלער,

אַז מיר האָבן קיינעם פון די ניט קאָמפּס-פּעאיקע יידן ניט געשאָסן.

פון די קאָמפּספּעאיקע צווישן זיי, איז אונדז געלונגען אַריינ־צונעמען אין אונדזער אָטריאַד בלויז 5 מענטשן. די איבעריקע האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו אָנשליסן זיך צו אונדז, ניט וועלנדיק זיך אָפּרייסן פון זייערע פאַמיליעס. זיי האָבן ניט געוואָלט איבערלאָזן זיי אויף „גאָטס באַראָט" אין אַזאַ צייט...

אויך ביעלאָוסקאָסן איז געלונגען צו באַקומען אין זיין אָט־ריאַד 5 יידן פון די, וועלכע האָבן זיך באַפרייט אין ראָודאָנע ביי די טאַרף־גראָבונגען. אָבער די דאָזיקע 5 יידן, האָבן אין אָטריאַד ביי ביעלאָוסקאָסן אויסגעהאַלטן ניט מער ווי איין וואָך, און זיי זיינען אַנטלאָפן פון אָטריאַד. ביעלאָוסקאָסעס פּאַרטיזאַנער האָבן דאָן רעאַגירנדיק אויפן אַנטלויפן פון די יידן מיט איראָניע געזאָגט: — „איר זעט וואָס יידן זיינען — דאָס זיינען ניט קיין קעמפער, דאָס זיינען דעזערטירן"...

מיר האָבן זיי געענטפערט, אַז אויב זיי קאָנען זייער אַנטלויפן צושרייבן צו אונדז, ווייל מיר זיינען יידן, ווייזט נאָר זייער אַנטי־סעמיטישער איינשטעלונג קעגן יידן בכלל... און ס'איז ניט אויסגע־שלאָסן, אַז די יידן זיינען אַנטלאָפן צוליב דעם אַנטיסעמיטיזם, וואָס הערשט אין אָטריאַד. מיר האָבן אָבער קאַטעגאָריש אונטערגע־שטראָכן, אַז פאַר קיין שום פאַל באַרעכטיקן מיר ניט דעם שריט פון די אַנטלאָפענע יידן און מיר קלייבן זיך ניט זיי צו פאַרטיידיקן...

אין דער זעלבער צייט, האָבן זיך אָנגעשטויסן אויף אונדזער סעקרעטנעם פּאָסט אַ מאַן מיט אַ פרוי, וועלכע מ'האָט געבראַכט צו אונז אין אָטריאַד. דאָס איז געווען אַ פּאַרפאַלק ניט פון די באַפרייטע יידן פון ראָודאָנע. די פּאַרטיזאַנער פון אָטריאַד האָבן זיך באַצויגן צו זיי מיט חשד. זייער מזל, איז אָבער געווען, וואָס איך האָב זיך דאָן געפונען אויף דער באַזע און איך האָב באַלד זיי דערקענט. דאָס איז געווען מאיר הערצמאַן און זיין פרוי. זיי זיינען שוין פאַרשטייט זיך פאַרבליבן אין אונדזער אָטריאַד במשך פון 2 וואָכן, ביז דער באַפרייונג.

# פאַרטיזאַנישע נקמה

ס'זיינען דערגאַנגען צו אונדז ידיעות פון אונדזערע געהיימע פאַרבינדלער אין די דערפער, וועגן דער בהלה־שטימונג ביי די ליטווינער, וועלכע האָבן מיטגעאַרבעט מיט דייטשן בעת דער דייטשער אקופּאַציע און וועלכע זיינען געווען שותפים צו אויסמאָרדן די יידן אין ליטע. באַזונדערס האָבן זיך געשראָקן די ליטווינער, וועלכע האָבן פאַרנומען הויכע פּאָסטנס ביי די דייטשן. אויס מורא פאַר נקמה מצד דער אָנקומענדיקער סאָוויעטישער מאַכט, זיינען זיי אַנטלאָפן אין די וועלדער, אָדער זיך אויסבאַהאַלטן ביי זייערע קרובים אין די דערפער.

אויך אין די דערפער אַרום אונדז, האָבן זיך געפונען פיל אַזוינע פאַרדעכטיקע טיפּן. ווען שמעון בלאָך מיט זיין גרופּע האָבן זיך אומגעקערט פון אַן אויפגאַבע, האָבן זיי געבראַכט צו אונדז 4 אַזוינע ליטווינער, וואָס זיינען אַנטלאָפן פון ווילנע צו זייערע קרובים אין דאָרף, ניט ווייט פון אונדז. ער האָט זיי געבראַכט אַלס ליטווישע געסטאַפּאָווצעס.

בעתן אונטערזוכן זיי, האָט מען געפונען פּיסטאָלעטן און מען האָט זיי גענומען אויף אַ שטרענגן פאַרהער. איינעם פון זיי האָט פאַרהערט פעטראָוויטש אַליין, אַן אַנדערן האָט געפאַרשט קאַפּיטאַן צייקאָ און איינעם — זייער אַ וויכטיקן פאַרשוין, האָט געפאַרשט דער פּאָדפּאָלקאָווניק — דער קאָמאַנדיר פון דער דעסאַנטן־גרופּע. איינער פון די ליטווינער וואָס האָט ניט געקאָנט קיין רוסיש און גערעדט נאָר ליטוויש, האָט מען געגעבן מיר צו פאַרהערן.

פאַרהערט האָט מען זיי אַזוי, אַז איינער האָט ניט געקאָנט וויסן און הערן וואָס דער צווייטער רעדט. נאָך דער אויספאָרשונג, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז זיי זיינען ניט קיין געסטאַפּאָווצעס, ווי מ'האָט זיך דאָס פאַרגעשטעלט פריער, אָבער זיי זיינען ווי עס ווייזט אויס געווען נאָענט צו די דייטשן, היות ווי די דייטשן האָבן זיי אָנפאַרטרויט הויכע אַמטן און אַנדערע פון זיי זיינען געווען דירעקטאָרן פון פאַבריקן. אַזוי ווי מ'האָט זיי געבראַכט צו אונדז, האָבן מיר זיי אַלע פאַראורטיילט צום טויט. דער

אורטייל איז באַלד אויסגעפירט געוואָרן אויפן אָרט... ס'איז ניט געווען קיין צייט צו פאַרנעמען זיך מיט זיי...

פּאַר אַ צווייטער גרופּע פון אונדזער אַטריאַד, וואָס האָט זיך געפונען ניט ווייט פון פּילווישקי, האָבן די פּויערים זיך באַקלאָגט, אַז ביי זיי אין דאָרף האָט זיך באַזעצט אַ רעפּאַטריאירטער דייטש מיט זיין פאַמיליע און ער האָט ביי זיי צוגענומען דאָס בעסטע שטיק ערד פון דאָרף. אויסער דעם, האָבן זיי געזאָגט, צווינגט ער די פּויערים צו באַאַרבעטן פאַר אים זיינע חלקים ערד. דער דאָזי־קער דייטש טראָגט אַן אוניפאָרם פון אַ ס.א. און דעריבער האַלט ער, אַז ער איז דער בעל־הבית פון דאָרף... ווען די פּויערים האָבן געאַרבעט צו לאַנגזאַם, האָט ער זיי באַשטראָפט מיט שמיץ...

עס איז אויך געווען אַ פאַל, אַז ער האָט אויף טויט פאַר־פייניקט אַ פּויער פון דאָרף. די פּויערים האָבן געבעטן אונדזערע פּאַרטיזאַנער, אַז זיי זאָלן זיי באַפרייען פון דעם אכזריותדיקן דייטש. אונדזערע חברה פּאַרטיזאַנער זיינען אין מיטן דער נאַכט געקומען אין דאָרף, אַרומגערינגלט דאָס הויז וווּ ס'האָט געלעבט דער דאָזיקער דייטש. מ'האָט אים און זיין גאַנצער משפחה אַרויס־געפירט פון שטוב, אַוועקגעפירט זיי אין וואַלד און זיי דערשאָסן. די פּויערים פון דאָרף האָבן פריי אָפּגעאָטעמט און זיינען געווען דאַנקבאַר די פּאַרטיזאַנער, וואָס זיי זיינען באַפרייט געוואָרן פון דעם דייטשן סאַטראַפּ. דעם טויט־אורטייל האָבן אויסגעפירט זייצעוו מיט זיין גרופּע.

## ערב דעם סוף

ווען דער פראָנט האָט זיך דערנענטערט צו קאָוונע, האָט זיך פאַרשטאַרקט די טעטיקייט פון דער אויסשפּיר־גרופּע, דאָס הייסט פון די דעסאַנטניקעס, וועלכע האָבן זיך געפונען אויף אונדזער באַזע. די דייטשן האָבן אָנגעהויבן בויען פאַרטיפיקאַציעס ניט ווייט פון אונדזערע באַזעס, אַרום דעם דאָרף פּאַראַפּיניי. דער פּאָדפּאָל־קאָווניק מיט זיינע מענטשן — די דעסאַנטניקעס, זיינען אַוועק צו

דעם דאָזיקן דאָרף, כדי צו אויספירן אין וועלכע ערטער געפינען זיך די דייטשע פייער־פונקטן.

זיי זיינען אָנגעקומען ניט ווייט פון די דייטשע טראַנשייען און צו זייער אומגליק האָט אָנגעהויבן בילן אַ הונט. די דייטשן האָבן באַלד דערשפירט, אַז אַ גרופּע דערנענטערט זיך צו זייערע פּאָזיציעס און האָבן געעפנט אַ שטאַרקן פייער פון די טראַנשייען און פון די בונקערס. דער פייער איז געווען אַ קאָנצענטרירטער און גוט געצילטער און ס'האָט געדראָט אַ סכנה, אַז זיי זאָלן אומקומען, אָבער ס'איז זיי געלונגען צו אויסמיידן דעם פייער און זיינען ניט געטראָפן געוואָרן. די דעסאַנטניקעס האָבן זיך ניט פאַרלוירן און האָבן פאַרגעזעצט אויספירן זייער אויפגאַבע. זיי האָבן אָנגעצייכנט אויף זייערע טאָפּאָגראַפישע קאַרטעס די פייער־פּאָזיציעס פון די דייטשן, פון וואַנען די דייטשן האָבן אָן אויפהער געשאָסן אויף זיי. די אָנגעצייכנטע קאָאָרדינאַטן זיינען געווען זייער וויכטיק פאַר דער סאָוויעטישער אַרטילעריע, כדי צו פירן אַן עפעקטיוון פייער אויף די דייטשע פּאָזיציעס און פאַרניכטן זיי.

דער פּאָדפּאָלקאָווניק האָט שפּעטער געגעבן אַ קאָמאַנדע 4 פון זיינע מענטשן: וואַלאַדיאַ, איוואַן, קוזמאַ און מיטיאַ, אַז זיי זאָלן אָנגרייפן מיט אויטאָמאַטישן געווער די דייטשן אין זייערע טראַנשייען, כדי צו דעקן די איבעריקע פון דער גרופּע אָפּצוטרעטן.

די 4 דעסאַנטניקעס האָבן געעפנט אַ שטאַרקן פייער אויף די דייטשן און זיי געצוווּנגען צו פאַרלאָזן זייערע טראַנשייען און אַנטלויפן. אָבער די דייטשן האָבן צוריק געענטפערט מיט פייער און ביים אויספירן זייער אויפגאַבע זיינען זיי אַלע געפאַלן. די אַנדערע האָבן מיטגענומען די טויטע קערפּערס פון די געפאַלענע חברים און האָבן זיך געלאָזט אין וועג אין דער ריכטונג צום דאָרף קורינע.

אין דעם דאָזיקן דאָרף, האָבן זיך געפונען אונדזערע אויסשפּירערס אונטער דער קאָמאַנדע פון איוואַנאָוון. אין דעם דאָרף האָט מען אויף שנעל מאָביליזירט די פּויערים צו אויסגראָבן אַ ברודער־קבר פאַר די 4 געפאַלענע העלדן. ביים גראָבן דעם קבר, האָט זיך פּלוצעם צעבילט אַ הונט. דער קאָמאַנדיר פון אונדזערע אויספּי־

רערס איוואַנאָוו, האָט פאַר כעס, געגעבן אַ קלאַפּ דעם הונט מיטן הענטל פון זיין אַווטאָמאַט איבערן קאָפּ פון דעם הונט און דער אַווטאָמאַט האָט פּלוצעם אויסגעשאָסן און געטראָפן איוואַנאָוון אין האַלדז. די קויל איז אַרויס דורכן קאָפּ און ער איז געפאַלן טויט. ער איז געווען דער פינפטער קרבן אין דעם ברודער־קבר...

דאָס האָט פּאַסירט אַ טאָג פאַר דער באַפרייונג דורך דער רויטער אַרמיי...

אינצווישנצייט האָט זיך דער פּאַדפּאָלקאָווניק פאַרבונדן דורכן ראַדיאָ מיטן שטאַב פון פראָנט און האָט אָנגעגעבן די קאָאָרדינאַטן פון די דייטשע פייער־פּאָזיציעס. דאָס איז געווען ממש אַ רעטונג פאַר אונדזער אָטריאַד. די דייטשן האָבן נאָכגעשפּיאָנירט נאָך דער גרופּע, וואָס האָט זיך אָפּגעצויגן צו אונדזער באַזע. זיי האָבן אַרומ־גערינגלט דעם וואַלד ווו מיר האָבן זיך געפונען און אים שטאַרק באַשאָסן.

אין דער זעלבער צייט, האָבן די רוסן געעפנט אַ שטאַרקן פייער פון זייערע „קאַטיושעס". די סנאַריאַדן זיינען געפלויגן איבער אונדזערע קעפּ. די דייטשן האָבן ניט געקאָנט אויסהאַלטן דעם שטאַרקן פייער פון די „קאַטיושעס" און זיינען געווען געצווונגען צו פאַרלאָזן דעם וואַלד, פאַרנעמענדיק אַנדערע פאַרטיידיקונגס־פּאָזיציעס.

אין דער פרי האָט מיך פּעטראָוויטש אַרויסגעשיקט מיט נאָך 8 מענטשן צו זען אין וואָס פאַרא לאַגע מיר געפינען זיך. ווען מיר האָבן דערגרייכט דעם ראַנד פון וואַלד, האָבן מיר פון ווייטן דערזען אַ גרופּע רויטאַרמייער, וואָס זיינען געגאַנגען אין דער ריכטונג צו אונדזער וואַלד. דערזעענדיק זיי, האָבן מיר אַלע אויפן קול אויסגעשריען: „הורא, זאָל לעבן די רויטע אַרמיי!". די רויטאַרמייער האָבן באַלד געענטפערט אויף אונדזער באַגריסונג: „זאָלן לעבן די רויטע פּאַרטיזאַנער!".

אַזוי האָבן מיר זיך פאַראייניקט מיט דער רויטער אַרמיי.

מיר האָבן זיי באַלד אַוועקגעפירט צו אונדזער באַזע און ווי עס פירט זיך שוין צווישן קעמפערס, האָט מען די דאָזיקע לאַנג־געגאַרטע באַגעגעניש, „אָפּגעמערקט" מיט טרינקען סאַמאַגאָן...

אַ גרופּע פּאַרטיזאַנער פון קאָוונער געטאָ נאָכן אַרויסגיין פון די וועלדער.
ערשטע ריי, אונטן, פון רעכטס: מ. שערמאַן, ש. בלאָך
צווייטע ריי: ש. ברויער, ר. בלאָך, ד. טעפּער, אַלטע באָרוכאָוויטש־טעפּער, מ. ליפּקאָוויטש.
דריטע ריי: א. גאַפּאַנאָוויטש, ז. שטראָם, י. איידלמאַן
פערטע ריי: י. יוכניקאָוו, ב. שטערן, ל. זייצעוו, ל. זילבער, א. שטראָם, י. ראַטנער

אויף אַלעמענס פּנימער איז געווען אויסגעשפּרייט די פריידפון באַפרייונג, אָבער ס׳האָט געטריפט אַ ווונד, וואָס ניט אַלע אונדזערע פּאַרטיזאַנער האָבן דערלעבט די דאָזיקע לאַנגגעגאַרטע באַפרייונג. דער בלוט-דעפיציט איז געווען אַ קאָלאָסאַלער. שווער איז געווען דער וועג צו אונדזער פרייהייט. ניט ווייניק פּאַרטיזאַנער־בלוט איז פאַרגאָסן געוואָרן אויף די וועגן און וועלדער אין דער צייט פון דער אכזריותדיקער מלחמה מיטן שונא. ס׳איז זייער שווער געווען צו מקבל זיין „דעם באַוווּסטזיין פון גאולה״.

## דער זיגרייכער מאַרש אויף קאָוונע

איצט זיינען מיר שוין געווען ניט אַליין. מיר האָבן מאַרשירט צו קאָוונע צוזאַמען מיט דער רויטער אַרמיי. עס האָט געפּרייט דאָס האַרץ, זעענדיק מיט אונדזערע אויגן ווי די דייטשן ציען זיך צוריק אין אַ שרעקלעכער אומאָרדענונג. טאָג און נאַכט זיינען געגאַנגען טראַנספּאָרטן פון די דייטשן צוריק אויף... מערב. דאָס ערגסטע איז אָבער געווען, וואָס די דייטשן זיינען געגאַנגען דורך די וועלדער בעת זייער צוריקצוג... מיר האָבן מורא געהאַט, אַז דווקא איצט שוין נאָך דער באַפרייונג, וועלן פאַלן אומזיסטע קרבנות. ניט קוקנדיק אויף דעם, וואָס זיי האָבן זיך געפונען אין אַ דעפּענסיוון צושטאַנד, האָבן זיי דאָך געהאַט גענוג געווער און גענוג כוח צו אָנטאָן אונדז פיל צרות...

עס איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז מיר זאָלן מאַרשירן אויף קאָוונע, אָבער די שטאָט איז געווען אַרומגערינגלט פון דריי זייטן. די איינציקע זייט פון וועלכער ס׳האָבן געקאָנט די דייטשן אָפּציען פון שטאָט, איז געווען לענגאויס דעם ניעמאַן, דאָס איז געווען דער וועג אויף יורבאַרקאַס-ראַסייניאַי.

פּעטראַוויטש איז שוין געוואָרן אויס „פּעטראַוויטש״ און איז געוואָרן צוריק סאָלאָמין. דאָס איז געווען זיין ריכטיקע פאַמיליע. אין אַ געהויבענער שטימונג האָט ער זיך צו מיר אָנגערופן: — „דו האָסט אונדז געפירט ביז דאַנען — וועסטו אונדז אויך פירן דעם זיג-מאַרש אויף קאָוונע״. איך האָב די דאָזיקע פירונג אָנגענומען

פאַרשטייט זיך אַלס אויסדרוק פון גרויס אַנערקענונג און כבוד פאַר מיר פון פעטראָוויטשן...

איך האָב טיף איבערגעלעבט דעם דאָזיקן מאָמענט. איך קאָן זיך ניט באַפרייען פון מיינע מחשבות: זאָל עס זיין, אַז איך האָב דערלעבט די נאַצישע מפלה? זאָל איך זיין דער, פון די געציילטע, וואָס האָט דערלעבט די באַפרייונג און מאַרשיר איצט שטאָלץ צו באַפרייען אונדזער יידישע קאָוונע?... עס שווימען אויף בילדער פונעם אָפּגעגאַנגענעם פאַרטיזאַנישן וועג, וועלכער איז געווען פול מיט דערנער, אָבער דערהויבונג און העלדישקייט. ס'פּייניקן מיך די נעמען פון די חברים, וואָס זיינען געפאַלן און האָבן שוין די בלענדיקנדע זון ניט דערלעבט צו זען...

מיר האָבן זיך אויסגעשטעלט אין רייען לויט די גרופּעס און אָפּגעמאַרשירט פון דער באַזע. דער סטאַרשינאַ באַנדער האָט אויך ניט פאַרגעסן מיטצונעמען אַ פור מיט שפּייז: דער עיקר קאַרטאָפל. פאַרן אָפּמאַרשירן פון דער באַזע, האָט ווער פון אונדזערע פאַרטי־זאַנער אַריינגעשטעקט אין דער ערד וואָלאָדיעס שטעקן און אויף אים זיין הוט — דער איינציקער זכר פון אַ געפאַלענעם פאַרטיזאַן... ער איז געווען איינער פון די 4 העלדן, וואָס זיינען געפאַלן ערב דער באַפרייונג.

אונטערוועגס האָבן פויערים אונדז אָנגעוויזן אויף 4 וולאַ־סאָווצעס, וועלכע זיינען געווען איבערגעטאָן אין ציוויל און זיך אויסגעמישט מיט דער דאָרפישער באַפעלקערונג. מיר האָבן זיי תיכף אַרעסטירט און מיטגענומען מיט זיך אונטער אַ שטרענגער וואַך. די דאָזיקע וולאַסאָווצעס האָבן צווישן אונדזערע פאַרטיזאַ־נער דערקענט פּיעטושקאָוון אַלס זייערס אַ מענטש, וואָס איז געווען צו אונדז אונטערגעשיקט פון די דייטשן... צוליב אים זיינען אומגעקומען 14 פאַרטיזאַנער ביים אויספירן די אויפגאַבע פון וויעטשאָרישקי.

מיר האָבן אים גלייך אַנטוואָפנט און צוזאַמען מיט די 4 וולאַ־סאָווצעס אים געפירט מיט זיך אַלס אַרעסטירטן. מיר האָבן, וואָס אַן אמת, זייער שטאַרק חשק געהאַט זיי צו ליקווידירן אויפן אָרט און ניט שלעפּן זיך מיט זיי. מיר האָבן ניט געוואָלט, אַז אַנדערע

אַנשטאָט אונדז זאָלן מאַכן מיט זיי דעם גערעכטן חשבון. מיר האָבן געגאַרט נאָך נקמה און געוואָלט מאַכן צו זיי אַ סוף, אַז עס זאָל קיין זכר פון זיי ניט בלייבן, אָבער סאָלאָמין האָט דאָס ניט דערלויבט. ער האָט ניט געוואָלט, אַז מיר אַליין זאָלן אויספירן אַ טויט־אורטייל אויף דער אייגענער אחריות. ער האָט באַפוילן צו איבערגעבן זיי אין די הענט פון די אַנטשפּרעכנדע אָרגאַנען, וועלכע פאַרנעמען זיך מיט אַזעלכע ענינים און וועלכע זיינען באַרופן צו דעם...

אין דעם דאָרף בראַזיוקאַי, האָבן מיר אויך פאַרכאַפּט דעם פויער — דעם פאַררעטער, וועלכער האָט גורם געווען דעם טויט פון אונדזערע טייערע קאַמפּס־חברים חיים־דוד ראַטנער און יאַנ־קעלע לעווין. דאָס האָט דער דאָזיקער נידערטרעכטיקער אויסוואורף אָוועקגעפירט זיי גלייך אויף די פּאָזיציעס פון דייטשן גאַרניזאָן, ווו אין דעם ניט גלייכן קאַמף זיינען זיי דאָן געפאַלן קרבנות פון זיין פאַרראַט.

אויך דעם דאָזיקן פאַררעטער האָט סאָלאָמין ניט דערלויבט, אַז מיר זאָלן אים ליקווידירן אויפן אָרט. אויך אין דעם פאַל האָט סאָלאָמין איבערגעחזרט זיין פריערדיקע שטעלונג, ווי דאָס איז געווען מיט די 4 וולאַסאָווצעס, אַז משפּטן אַ מענטשן דאַרפן די, וועלכע זיינען באַרופן צו דעם און „ניט מיר". איבעריקנס — האָט געטענהט סאָלאָמין — איז שווער אויפצווייזן די דירעקטע שולד פון דעם דאָזיקן פויער אין דעם טויט פון חיים־דוד ראַטנער און יאַנקעלע לעווין. די אַנטשפּרעכנדע אָרגאַנען האָט ער געזאָגט, וועלן גרינטלעך אויספאָרשן דעם ענין און אויב עס וועט דערוויזן ווערן זיין שולד, וועט ער באַקומען דעם גערעכטן פּסק־דין...

כאָטש די דעציזיע פון סאָלאָמינען האָט אונדז גורם געווען גרויס ווייטיק און צער, האָבן מיר זיך געמוזט אונטערוואַרפן דעם באַשלוס פון דעם קאָמאַנדיר, אָבער טיף אין האַרצן האָבן מיר באַדויערט, וואָס מיר האָבן ניט געקאָנט נקמה־נעמען פאַר די פאַרגאָסענע בלוט פון אונדזערע געפאַלענע טייערע קאַמפּס־חברים.

## אויף דער צעגליטער ערד פון דער באַפרייטער קאָוונע

דעם ערשטן אויגוסט 1944 זיינען מיר אָנגעקומען אויף דער קאָוונער פאַרשטאָט אַלעקסאָטאָס. דער בריק אויפן ניעמאַן איז געווען אויפגעריסן, און אין שטאָט האָבן נאָך גראַסירט פיל דייטשן, וועלכע האָבן אין איילעניש אויפגעריסן וויכטיקע אָביעקטן און האָבן נאָך איינגעהאַלטן וויכטיקע סטראַטעגישע פּאָזיציעס אין שטאָט גופא און אַרום קאָוונע.

גרויסע דייטשע מיליטער־טיילן: דיוויזיעס און פּאָלקן פון פאַרשיידענע פאָרמאַציעס זיינען אָפּגעטראָטן לענגאויס די באַן־מאַגיסטראַלן און איבער די שאָסייען און שליאַכן. די רויטע אַרמיי, וואָס האָט פאָרסירט אין אַ שנעלן טעמפּאָ לענגאויס דעם גאַנצן פראָנט האָט אָן אויפהער אָנגעגריפן און אַטאַקירט דער אָפּטרעטנ־דער דייטשער אַרמיי. דער ציל פון דעם הויפּט־שטאַב פון דער רויטער אַרמיי איז געווען, וואָס שנעלער זיך אַריינרייסן אין קאָוונע, נאָך איידער די דייטשן וועלן באַווייזן צו חרוב מאַכן די שטאָט. דעריבער איז אומבאַדינגט נויטיק געווען צו באַקומען גענויע אינפאָר־מאַציעס וועגן דער דיסלאָקאַציע פון די דייטשע טיילן און זיך דערוויסן מיט וועלכע וועגן מען קאָן אָן פאַרלוסטן זיך אַריינרייסן אין שטאָט. די דאָזיקע אינפאָרמאַציעס האָבן געקענט באַקומען נאָר געניטע פּאַרטיזאַנער־אויסשפּירער.

סאָלאָמין האָט מיך אַרויסגערופן און געשטעלט פאַר מיר אַ וויכטיקע קאָנקרעטע אויפגאַבע; איך זאָל אַוועק אין אויסשפּיר, זיך איבערשיפן איבערן ניעמאַן און אויסגעפינען וועגן, וועלכע זיינען פריי פון דייטשן, אָדער אויף וועלכע וועגן ס׳געפינען זיך ווייניק דייטשן. וועגן די רעזולטאַטן פון דער אויסשפּירונג דאַרף איך מעלדן דעם פּאַרטיזאַנער־שטאַב. איך האָב גענומען צו זיך נאָך אַ פּאַרטיזאַן און זאַלבעצווייט האָבן מיר זיך איבערגעשיפט איבערן טייך און מיר זיינען בשלום אַריין אין שטאָט און גלייך אַוועק איבער די קאָוונער גאַסן.

די שטאָט איז געווען פוסט פון מענטשן.

מיט אַ שווער אָנגעלאָדענעם געמיט זיינען מיר געגאַנגען פון

גאַס צו גאַס, פון איין הויז צו אַ צווייטער. אין שטאָט זיינען דאָ ווייניק ליטווינער, מען זעט ניט קיין יידן. פיל פון די ליטווינער זיינען אַנטלאָפן מיט דער אַפּטרעטנדיקער דייטשער אַרמיי קיין דייטשלאַנד, נאָך איידער די מאָטאָריזירטע טיילן פון דער רויטער אַרמיי האָבן זיך באַוויזן אין דער געגנט. דאָס זיינען בעיקר געווען ליטווינער וואָס האָבן קאָלאַבאָרירט מיט די נאַציס און ניט ווייניק פון זיי האָבן אָנטייל גענומען אין די יידן־שחיטות. זיי אַלע האָבן, נאַטירלעך, מורא געהאַט אַריינצופאַלן אין די הענט פון דער נ.ק.וו.ד. ווייל זיי האָבן זיך אָפּגעגעבן אַ דין־וחשבון, וואָס זיי דערוואַרט...

די ליטווינער האָבן אין דער צייט פון דער דייטשער אָקופּאַציע איינגעזאַפּט אין זיך פולע לאָגלען פון יידן־האַס און האָבן גאַנץ גערן אויפגענומען די פאַרטיליקונג פון די יידן. ס׳האָבן זיך אויך געפונען אייניקע חסידי־אומות־העולם, וואָס האָבן אין דער צייט פון דער נאַצישער אָקופּאַציע אויסגעשטרעקט אַ מענטשלעכע האַנט אַ גערודפטן יידן, אָבער דאָס זיינען געווען בלויז יחידים. פיל פון די ליטווינער פון קאָוונע זיינען אויך צוליב די קריגס־אָפּעראַציעס אַנטלאָפן פון שטאָט אין דאָרף און זיי זיינען נאָך ניט צוריק־געקומען.

אַזוי זיינען מיר זאַלבעצווייט געגאַנגען איבער די פוסטע גאַסן פון קאָוונע. מיר האָבן זיך, אָבער, געהיט אַריינצוגיין אינע־ווייניק אין די הייזער, ווייל מיר האָבן געהאַט אַ חשד, אַז די דייטשן האָבן זיי מינירט, אָדער אונטערגעלייגט אויפרייס־מאַטעריאַל.

אַזוי זיינען מיר דורכגעגאַנגען די הויפּט־גאַס פון קאָוונע. די לייסוועס־אַלעע, פאַרביי דעם סאָבאָר און אַרויף אויף וויטאָוטאַ־פּראָספּעקט.

מיר זיינען דערגאַנגען ביז גרונוואַלדאַ־גאַס און ריזיקירט אַריינצוגיין אין דער ווינקל־הויז פון גרונוואַלדאַ־גאַס און וויט־אוטאַ־פּראָספּעקט. אינעווייניק איז געווען פּוסט, עס האָט זיך גע־מערקט, אַז ניט לאַנג צוריק זיינען דאָ געווען מענטשן, וועלכע האָבן אין איילעניש פאַרלאָזן דאָס הויז.

אַזוי ווי מיר זיינען געווען מיד און אויסגעמאַטערט פון וועג,

האָבן מיר באַשלאָסן זיך אַוועקלייגן אָפּרוען. מיר האָבן זיך אַוועקגעלייגט אויפֿן דיל, כאָטש עס זיינען געווען בעטן מיט בעטגעוואַנט. פֿון גרויס מידקייט זיינען מיר באַלד איינגעשלאָפֿן. מיר האָבן זיך ניט פֿאַרגעשטעלט, אַז דער אַטריאַד וועט אַריינמאַרשירן אין קאָוונע, נאָך איידער מיר וועלן זיך אומקערן און איבערגעבן דעם שטאַב די רעזולטאַטן פֿון אונדזער אויסשפּירונג.

מיר האָבן זיך אויפֿגעכאַפּט פֿון שלאָף צוליב אַ גרויסן טומל. ווייזט זיך אַרויס, אַז אונדזער אַטריאַד האָט זיך שוין אַריבערגעשיפֿט איבערן ניעמאַן, ניט דערוואַרטנדיק זיך אויף אונדז, און זיי זיינען שוין געגאַנגען זינגענדיק איבער די קאָוונער גאַסן. מיר זיינען אַרויס צו זיי און צוזאַמען זיינען מיר אַריין אין הויף גרונוואַלדאַ נומער 6. דאָרט האָבן מיר זיך צייטווייליק איינגעקוואַרטירט אין די הייזער פֿון דעם הויף.

נאָכן אויסרוען זיך די נאַכט, האָט שוין אויף מאָרגן באַלד אָנגעהויבן אַרבעטן אונדזער שטאַב. אונדזער פּאַרטיזאַנישע איינהייט איז אויפֿגעלייזט געוואָרן און מען האָט אויסגעשריבן באַשטעטיקונגען און כאַראַקטעריסטיקעס פֿאַר אַלע פּאַרטיזאַנער פֿון אַטריאַד. פֿון דאַנען האָט מען זיך פֿאַרבונדן מיטן קאָוונער שטאָטקאָמיטעט פֿון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, וועלכער האָט געזאָרגט מיט איינאָרדענען די פּאַרטיזאַנער אויף אַרבעט. דער גרעסטער טייל פּאַרטיזאַנער זיינען איינגעאָרדנט געוואָרן אין דער מיליץ. מיך האָט מען איינגעאָרדנט אין שטאָט־ראַט, אַלס פֿאַרטרעטער פֿון פֿאַרוואַלטער פֿון דער ספּעצאָפּטיילונג. מיין אַרבעט איז באַשטאַנען צו העלפֿן דעם מיליטערישן קאָמיסאַר פֿון קאָוונע צו מאָביליזירן אַ גרויסן טייל פֿון דער באַפֿעלקערונג פֿאַרן מיליטער, איבערלאָזנדיק בלויז די ספּעציאַליסטן, וועלכע זיינען געווען נויטיק פֿאַר דער שטאָט.

איידער מיר האָבן פֿאַרלאָזן דאָס הויז פֿון גרונוואַלדאַ 6, האָבן מיר באַלד אין דעם הויף ליקווידירט דעם פֿאַררעטער פּיעטושקאָוו.

ערשט איצט, געפֿינענדיק זיך אין קאָוונע האָט יעדער איינער

פון אונדז דערפילט די איינזאַמקייט און דאָס פעלן פון זיינע נאָענטסטע. אויף יעדן טריט און שריט האָבן מיר געפילט די שנאה און דעם האַס, וואָס איז געווען טיף איינגעוואָרצלט ביי די ליטווי־נער אין משך פון דער גאַנצער צייט און האָט ספּעציעל געקראָגן זיין אויסדרוק אין דער צייט פון דער דייטשער אָקופּאַציע אין ליטע.



אַ באַהעלטעניש פון געווער אין קאָוונער געטאָ

# אין ליטע נאָך דער מלחמה

אַ גרופּע חברים, געוועזענע פּאַרטיזאַנער און קעמפער פון קאָוונער געטאָ אויפן ווילנער אַעראָדראָם ערב פאַרלאָזן פון נחמיה ענדלין און זיין פרוי מאַשע, דעם ראַטנפאַרבאַנד אויפן וועג קיין ישראל

# אין פּאַרטיזאַנישער שליחות

נאָכן באַפרייען זיך פון דער פּאַרטיזאַנישער טעטיקייט, האָבן די פּאַרטיזאַנער נאָך גאָר אַ לאַנגע צייט זיך ניט געקענט באַפרייען פון דעם „פּאַרטיזאַנישן גייסט". דאָס איז זייער גוט אויסגענוצט געוואָרן פון די פּאַרטיי־אינסטאַנצן און דער אָרטיקער מאַכט. מען האָט די פּאַרטיזאַנער געשיקט אַרבעטן אין אַזוינע פּלעצער, ווו עס האָט זיך טאַקע געפאָדערט זייער „פּאַרטיזאַנישער גייסט", אָבער מ'האָט זיך בכלל ניט גערעכנט מיט זייערע פאַרמלחמהדיקע ספּעציאַליטעטן. אַזוי האָבן די מערהייט פּאַרטיזאַנער פּאַקטיש אויסגעפירט פּאָליציייאישע פונקציעס. אויך איך בין צוקאָמאַנדירט געוואָרן צום שטאָטישן מיליטערישן קאָמיסאַר ביים מאָביליזירן די מאָביליזאַציע־באַדערפטיקע אין דער סאָוויעטישער אַרמיי.

אַ גרויסער טייל פון דער קאָוונער ליטווישער באַפעלקערונג, איז אויס מורא פאַר נקמה מצד דער סאָוויעטישער מאַכט אַנטלאָפן אין פּאַניק צוזאַמען מיט די דייטשן בעת זייער צוריקצוג פון פראָנט, איבערלאָזנדיק אין איילעניש אַ גרויסן טייל פון זייער האָב און גוטס. אַ דאַנק דעם האָבן מיר, פּאַרטיזאַנער געקענט לייכטער און באַקוועמער זיך איינאָרדענען אין די ליידיקע דירות מיט אַלעם נויטיקן פאַר דער הויז־ווירטשאַפט. ניט געלייזט איז נאָר געווען די שפּייז־פּראַגע. אין יענער צייט האָט געהערשט די „קאַרטן־סיסטעם" אויף שפּייז און דאָס האָט, אָבער, ווייט ניט געקענט באַפרידיקן דעם מינימאַלן באַדאַרף פון דער באַפעלקערונג און געוויס ניט דעם באַדאַרף פון אויסגעהונגערטע פּאַרטיזאַנער...

די פּויערים פון דאָרף האָבן אַ גאַנץ לאַנגע צייט נאָך דער באַפרייונג מורא געהאַט זיך צו ווייזן אויפן מאַרק מיט פּראָדוקטן. חוץ דעם האָבן זיי ניט געהאַט קיין גרויסן צוטרוי צו דער סאָוויעטישער וואַליוטע, צו די „טשערוואָנצעס". די פּויערים, וואָס פלעגן

זיך יאָ אַנטשליסן צו פאַרקויפן פּראָדוקטן דער באַפעלקערונג, האָבן גערן געטויִשט פּראָדוקטן אויף זאַכן. אָבער פון וואַנען האָבן די פּאַרטיזאַנער געהאַט זאַכן אויף צו טויִשן?

אַזוי אַרום האָט מען די ערשטע צייט נאָך דער באַפרייונג גע־לעבט אין אַ צושטאַנד פון האַלבן הונגער. אין דער צייט איז אין קאַוונע געקומען דער פּאַדפּאָלקאָווניק פון דער דעסאַנטן־גרופּע, וואָס איז געווען צוזאַמען מיט אונדז אין קאָזלאַ־רודער וואַלד. ער האָט דאָן געקראָגן אַן אויפגאַבע פון צענטראַלן פּאַרטיזאַנער־שטאַב צו לאַנדן אויף פּאַראַשוטן מיט זיינע מענטשן אין מזרח־פּרייסן, מיטן צוועק צו פירן אַן אויסשפּיר־טעטיקייט.

אין יענער געגנט האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ געוויסע צייט דער פראָנט. היות, אָבער ווי, ניט ער און ניט זיינע מענטשן האָבן באַהערשט די אָרטיקע שפּראַך פון דער באַפעלקערונג אין מזרח־פּרייסן, האָט ער באַשלאָסן צו בעטן ביי דעם סעקרעטאַר פון שטאָ־טישן פּאַרטיי־קאָמיטעט צוקאָאָפּטירן אויך מיך צו זיינע מענטשן. דער סעקרעטאַר גריגאָלאָוויטשיוס איז ניט געווען קעגן דעם און ער האָט מיר געגעבן די אויפגאַבע, אַז איך זאָל מאָרגן פרי זיך מעלדן אין פּאַרטיי־קאָמיטעט און פון דאָרטן זאָל איך מיט זייער אויטאָ אָנקומען צום אַעראָדראָם. פון דאָרטן האָב איך געדאַרפט אָפּפליִען צום באַשטימטן אָרט צוזאַמען מיט דער אויבנדערמאָנ־טער מאַנשאַפט.

איך האָב זיך צוגעגרייט צו דער רייזע, איינגעפּאַקט מיין רוקזעקל, און צו דער באַשטימטער צייט בין איך אָנגעקומען אין בנין פון שטאָטישן פּאַרטיי־קאָמיטעט. דאָ האָט מיך אויפגענומען דער סעקרעטאַר פאַר קאַדרען — גריגענאַס און ער האָט מיר איבערגעגעבן אַ טעלעגראַמע פון צענטראַל־קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי, אַז מען זאָל מיך צושטעלן מיט זייער טראַנספּאָרט אין צ. ק. לויט דעם אויפטראָג פון סעקרעטאַר גרידין. וואָס דאָס האָט געדאַרפט באַדייטן, האָט קיינער ניט געוווּסט. מען האָט מיר צוגע־טיילט אַ לייכטע מאַשין פון שטאָט־קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי, און איך בין אַוועקגעפאָרן אין ווילנע צו דער דיספּאָזיציע פון צענטראַל־קאָמיטעט.

קיין רעגולערער באַן־פּאַרקער פון קאָוונע קיין ווילנע איז נאָך דאַן ניט געווען, ווייל די באַן־רעלסן זיינען געווען צושטערט נאָך אין דער צייט פון קריג. ווען איך בין אָנגעקומען קיין ווילנע, אין צ. ק. פון דער פּאַרטיי, האָב איך ניט געוווּסט צו וועמען איך דאַרף זיך פּאַקטיש ווענדן. איך האָב זיך פאַרבונדן טעלעפאָניש מיטן לייטער פון פּראָפּאַגאַנדע־אָפּטיילונג, אונדזער געוועזענעם בריגאַדיר־קאָמאַנדיר, זימאַנאַס. ער האָט באַלד דערקענט דורכן טעלעפאָן מיין שטים און ער האָט זיך זייער דערפרייט צו הערן אַז איך בין דאָ. ער האָט פאַר מיר באַשטעלט אַן אַריינגאַנג־דער־לויבעניש צו אים.

אונדזער באַגעגעניש איז געווען זייער אַ רירנדע. שוין אַ שטיקל צייט אַוועק אַז מיר האָבן זיך ניט געזען. ער האָט אויסגעפרעגט וועגן אַלץ, וואָס מיט מיר איז געשען נאָך זיין אַוועקגיין פון רודניצקער וואַלד. איך האָב אים, ווי ווייט מעגלעך, אַלץ אין קורצן דערציילט, אָבער ער האָט מיר קיין זאַך ניט געקענט זאָגן וועגן דעם אינהאַלט פון דער טעלעגראַמע צום קאָוונער פּאַרטיי־קאָמי־טעט. היות ווי די טעלעגראַמע האָט אונטערגעשריבן דער סעק־רעטאַר פאַר קאַדרען גרידין, האָט זימאַנאַס אָנגערופן טעלעפאָניש דעם חבר אייזענאַס, דעם לייטער פון דער קאַדרען־אָפּטיילונג און, ער האָט מיך גלייך פאַרבעטן צו זיך.

ווען איך בין צו אים געקומען, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ער איז דאָס געווען דער וואָס האָט אַרויסגעשיקט די טעלעגראַמע און ער האָט דאָס אינפאָרמירט דעם קאָוונער שטאָטישן פּאַרטיי־קאָמיטעט, אַז איך בין באַשטימט צו אַרבעטן אין צענטראַל־קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי אַלס אינסטרוקטאָר־קאָנטראָלער פון פינאַנסן און ווירטשאַפטס־סעקטאָר. די טעלעגראַמע האָט כלל ניט געהאַט קיין שום שייכות מיט מיין באַשטימונג דורך דעם קאָוונער פּאַרטיי־קאָמיטעט איינשליסן מיך אין דער מאַנשאַפט פון דעם פּאָדפּאָלקאָווניק. איך בין דאַן פּשוט, צופעליק באַשטימט געוואָרן אויף אַן אַנדער טעטיקייט.

מיין אַרבעט אין צ. ק. האָט געהאַט אַ דאָפּלטן כאַראַקטער. ד. ה. — אויסער דער אַרבעט לויט מיין ספּעציאַליטעט אַלס

Срок продлен до..................1945 г.
Зав. ОС ЦК

Срок продлен до..................1945 г.
Зав. ОС ЦК

ЦЕНТРАЛЬНЫЙ КОМИТЕТ
КП(б) ЛИТВЫ

ПРОПУСК № 8

Тов.
разрешается вход в здание ЦК КП(б) Литвы.

Действительно по 31 дек. 1944 г.

Зав. Особым сектором
ЦК КП(б) Литвы

אַן אַריינגאַנג־דערלויבעניש אין בנין פון צ.ק. פון דער ליטווישער קאָמ. פּאַרטיי
אַרויסגעגעבן פאַר נחמיה ענדלין אין יאָר 1945

פינאַנסיסט־עקאָנאָמיסט, האָב איך זיך אויך גערדאַרפט פאַרנעמען מיט געזעלשאַפטלעכער אַרבעט. איבערהויפּט איז דאָס געקומען צום אויסדרוק אין יענער צייט, ווען אין ליטע האָט געהערשט אַן אבזוריותדיקער באַוואָפנטער קלאַסן־קאַמף. די וועלדער זיינען דאַן געווען פול מיט גוט־באַוואָפנטע ליטווישע באַנדיטן, וועלכע האָבן געפירט אַ שטאַרקן קאַמף קעגן דער סאָוועטן־מאַכט. זיי האָבן זייער קאַמף ניט אויפגעגעבן און האָבן אָן אויפהער טעראַריזירט די דאָרפישע באַפעלקערונג און האָבן אומזיכער געמאַכט די וועגן פאַר באַוועגונג. אַזוי ווי מיין אַרבעט איז געווען בעיקר אויף דער פּראָווינץ, און איך האָב גערדאַרפט באַזוכן און קאָנטראָלירן די פינאַנסן און די ווירטשאַפט פון די קרייז־פּאַרטיי־קאָמיטעטן, איז אויף מיר אויך אַרויפגעלייגט געוואָרן אַ געזעלשאַפטלעכע אויפקלערונגס־אַרבעט צווישן דער באַפעלקערונג אויף דער פּראָווינץ.

ערשטנס האָט מען אויפן דאָרף גערדאַרפט אָרגאַניזירן אַ באַוואָפנטע זעלבסטשוץ צווישן די פּויערים. אין מיין קאָמפּעטענץ

איז געווען די אויפגאַבע צו אָרגאַניזירן אַן אויפקלערונגס־קאָמ־פּאַניע פון אָנשרייבן אַ בריוו צו סטאַלינען, אין וועלכן מ׳האָט געדאַרפט אויסדריקן די טריישאַפט און איבערגעבנקייט צום סאָ־וויעטישן רעזשים. אין יענער צייט האָט מען אויך געדאַרפט אַדורכ־פירן אַ וואַל־קאַמפּאַניע צו די וואַלן אין 1946־סטן יאָר און נאָך אַ סך אַנדערע אויפקלערונגס־קאַמפּאַניעס. ביי די דאָזיקע אַלע אויפקלערונגס־קאַמפּאַניעס, זיינען דאַן ניט ווייניק אַקטיוויסטן אומגעקומען. די ליטווישע באַנדיטן פלעגן באַפאַלן אויף די וועגן די פּראָפּאַגאַנדיסטן און פּאַרטיי־אינסטרוקטאָרן און פלעגן זיי דערמאָרדן. אויך צו מיר האָבן זיי צוויי מאָל געשאָסן, אָבער צו מיין מזל האָט דעם ערשטן מאָל די קויל נאָר אַראָפּגעריסן אַ קנאָפּ פון מיין שעפּסענעם פּעלצל און דעם צווייטן מאָל האָט די קויל צעריסן מיין הענטשקע (עס האָט מיר געטראָפן ליגנדיק אויף דער ערד). אין ביידע פאַלן בין איך דאַן ניצול געוואָרן פון אַ זיכערן טויט. אין דער צייט פון אַזאַ אויפקלערונגס־אַרבעט איז דאַן אויך אומגעקומען אונדזער חברטע, די פּאַרטיזאַנערין, מערע לאַן. אויף איר פרישן קבר האָב איך איר מספיד געווען און זיך געזעגנט מיט איר. בעת דער אויפקלערונגס־קאַמפּאַניע פון אונטערשרייבן דעם בריוו צו סטאַלינען, איז דאַן אויך אומגעקומען דער יידישער פּאַרטיזאַנער־קאָמאַנדיר, בוטענאַס. ער איז געווען פון די, וועלכע מיר האָבן געדאַרפט אין זיינער צייט טרעפן בעת אונדזער מאַרש אויף אַווגוסטאָווע.

## אין זכות פון מיין פּאַרטיזאַנישן עבר

די לאַגע אין לאַנד אין יענער צייט איז געווען זייער אַ שווע־רע. כדי צו פאַרשטאַרקן די פּאָליטישע אָנפירונג פון דעם ליט־ווישן צ. ק. פון דער פּאַרטיי, איז פון מאָסקווער צענטראַל־קאָ־מיטעט צוגעשיקט געוואָרן אַ גרופּע פּאָליטישע פונקציאָנאָרן, בראש מיט סוסלאָוון. די גרופּע האָט זיך גערופן „אָרג־ביוראָ צ.ק. וו.ק.פּ.ב.״ פאַר דער ליטווישער סאָוועטישער רעפּובליק. פּאַק־טיש האָבן זיי דאָס אָנגעפירט מיט דער אַרבעט פון ליטווישן צ.ק.

און אויף אַלע זיצונגען פון ביוראָ פון צ. ק. איז בראש געזעסן סוסלאָוו און ער האָט געגעבן דעם טאָן.

אויף איינער אַזאַ ביוראָ־זיצונג, האָב איך צוגעגרייט אַ באַשלוס וועגן אַדורכפירן פאַרלעצונגען פון פאַרטיי־יסוד־געזעץ אין טראָקער פאַרטיי־קרייז קאָמיטעט, ווו דער סעקרעטאַר איז געווען אַפּאַנין. דער זעלבער אַפּאַנין, וואָס האָט פון מיר אין זיינער צייט איבערגענומען די געבראַכטע אין וואַלד קריגס־געפאַנגענע קאָמאַנדירן פון מיטעלען קאָמאַנדירן באַשטאַנד. ער האָט דאָס זיי דאָן געזאָגט, אַז זיי זאָלן ניט גיין צו אונדז אין אָטריאַד, ווייל דאָרט ביי אונדז זיינען די מערהייט יידן און אין זיינע אָטריאַדן זיינען די מערהייט רוסן.

ווען איך האָב אים דאָן אויפמערקזאַם געמאַכט אויף זיין אַנטי־סעמיטישער און אַנטיסאָוויעטישער האַנדלונג און האָב זיך קאַטעגאָריש קעגנגעשטעלט זיין פּראָפּאָזיציע, האָט ער צו מיר געזאָגט: „ווער ביסטו דאָס אַזוינער? דו ביסט בכלל אַ פּיעשקע און איך בין אַ קאָמאַנדיר פון אַ בריגאַדע". צייטן בייטן זיך, און אַזוי האָט אונדז דער גורל ווידער צוזאַמענגעפירט נאָכן קריג, אָבער די „פּיעשקע" האָט אים אונטערגעטראָגן אַ זייער ניט קיין אַנגענעמען פּראָיעקט פון אַ באַשלוס פון ביוראָ צ. ק. און סוסלאָוו האָט פאַראָרדנט צו באַשטעטיקן מיין פּראָיעקט. אויף אַזאַ אופן האָב איך זיך אויך אָפּגערעכנט מיטן סעקרעטאַר פון ווילקאָוויש־קער קרייז־קאָמיטעט ביעלאוסקאַס, וועלכער האָט זיינער צייט צו מיר געזאָגט, אַז די צעשיסונג פון דער דעסאַנטן־גרופּע אין קאָזלאָ־רודער וואַלד, האָט דורכגעפירט די יידישע קאָמפּאַניע. ער האָט דאָן באַקומען אַ פאַרוווּרף פון „ביוראָ צ.ק." פאַר אַ פאַרנאַכלע־סיקונג אין אָנפירן מיט דער פאַרטיי־ווירטשאַפט.

מיט מיין אָנקומען אַרבעטן אין צ.ק. און טראָץ מיין הויכן אַמט, האָט זיך מיין מאַטעריעלע לאַגע ניט פיל פאַרבעסערט. ביי מיר איז געווען אַ דוחק אין לעבנסמיטלען. אין דער צייט איז מיין פרוי קראַנק געוואָרן אויף אַ לונגען קראַנקהייט און די קאַרטן־סיסטעם אויף פּראָדוקטן האָט מיר ניט דערמעגלעכט צו געבן איר די נויטיקע קוראַציע. כדי צו דערגענצן מיין נידעריקע געהאַלט,

פלעג איך אין די זונטיק־טעג גיין אַרבעטן אויף דער באַן־סטאַנציע ביים לאָדן און אויסלאָדן קוילן. פאַר דער דאָזיקער אַרבעט פלעגט מען באַצאָלן מיט פּראָדוקטן דורך זייערע קאָאָפּעראַטיווע מאַגאַזינען „אָ. ר. ס.״

ווען דער סעקרעטאַר פון ליטווישן צ.ק. סניעטשקוס האָט זיך דערוווּסט וועגן מיין שווערער מאַטעריעלער לאַגע, האָט ער מיר געגעבן די מעגלעכקייט איינצואָרדענען מיין פרוי אין אַ ספּעציעלן שפּיטאָל און ער האָט מיר צוגעטיילט אַ צוגאָב־קאַרטע אויף פּראָדוקטן. כדי איך זאָל, אָבער, קענען אויסקויפן די צוגאָב־קאַרטע, איז מיר צוגעשטעלט געוואָרן פון פּאַרטיזאַנער־פאָנד ביי דעם צ.ק. אַ צוגאָב צו מיין געהאַלט. חוץ דעם האָט מען מיר צוגעטיילט פון די אַמעריקאַנער מתנות וואָס זיינען געווען באַשטימט פאַר פּאַרטיזאַנער געוויסע קליידונג, פאַר מיר און פאַר מיין פרוי.

אין דער צייט ווען איך האָב אָנגעהויבן אַרבעטן אין צ.ק. פון דער פּאַרטיי, איז די מלחמה געגאַנגען אין פּולן ברען און ס'זיינען נאָך פאַרגעקומען פאַרביטערטע שלאַכטן מיט די דייטשן. אָבער דער גרעסטער טייל פון דער ליטווישער טעריטאָריע איז שוין געווען באַפרייט. דער קאַמף, דאָ אין ליטע, איז געווען ווי איך האָב שוין פריער אָנגעוויזן, מיט די ליטווישע נאַציאָנאַליסטישע באַנדעס, וועלכע האָבן גראַסירט אין די וועלדער. אין דעם קאַמף האָט זיך דאָס מיליטער ניט אַריינגעמישט. דער קאַמף איז געפירט געוואָרן אויסשליסלעך מיט די מיליץ־כוחות און אַקטיוויסטן. אויף דעם קעניגסבערגער פראָנט איז פון אַ צופעליקן גראַנאַט־אויפרייס אומגעקומען דער אַרמיי־גענעראַל טשערניכאָווסקי איוואַן דאַניַלאָוויטש (עס איז דאַן אַרומגעגאַנגען אַ קלאַנג אַז ער איז פון יידישער אָפּשטאַמונג). זיין טויטן קערפּער האָט מען געבראַכט אין ווילנע און מען האָט אים געבראַכט צו קבורה אויף דעם פּלאַץ לעבן דעם צ.ק. וועלכער איז שפּעטער אָנגערופן געוואָרן „טשערניכאָווסקי־פּלאַץ״. בעת דער צערעמאָניע פון ברענגען אים צו קבורה, האָבן אָנטייל גענומען די אָנגעזעענסטע מיליטער־לייט פון דער סאָוויעטישער אַרמיי. איך מיט נאָך אייניקע פּאַרטיזאַנער־

ליטווינער, זײַנען געשטאַנען אין דער ערן־וואַך לעבן זײַן אָפענעם קבר.

אין דעם טאָג האָב איך געהאַט אַ שאַרפֿן ויכוח מיטן סעקרעטאַר פֿון קאָוונער שטאָטישן פּאַרטיי־קאָמיטעט גריגאָלאָוויטשוס, וועגן די געוועזענע פּאַרטיזאַנער פֿון די קאָוונער אָטריאַדן, וועלכע זײַנען ניט אויסגעניצט געוואָרן לויט זייערע פֿאַרמלחמהדיקע ספּעציאַליטעטן און האָבן פֿאַרגעזעצט זייער דינסט אין די רייען פֿון מיליץ. איך האָב אים געדראָט, אַז אויב ער וועט ניט אָננעמען די געהעריקע שריט, וועל איך זיך קלאָגן אויף אים ביי סניעטשקוסן. ער האָט מיר געענטפֿערט, אַז ער וועט זיך מיט דעם פֿאַרנעמען, אָבער ניט אַזוי שנעל ווי איך פֿאָדער דאָס פֿון אים, ווייל מען קען ניט אָפּשוואַכן אויך די קאַדרען פֿון דער מיליץ. אין ווילנע זײַנען אַזעלכע פּראָבלעמען מיט די פּאַרטיזאַנער ניט געווען.

אין יענער צייט זײַנען שוין געווען טעטיק אַ רייע אונטערנעמונגען און ס'האָבן זיך געפֿאָדערט ספּעציאַליסטן אויף פֿאַרשיידענע געביטן צו דער אַרבעט אין דיווירטשאַפֿטלעכע אונטערנעמונגען. אַזעלכע ספּעציאַליסטן זײַנען געווען ניט ווייניק צווישן די געוועזענע יידישע פּאַרטיזאַנער.

## ווער דאַרף אַ יידישן קאַמפּס־מוזיי?

די יידישע פּאַרטיזאַנער פֿון די ווילנער און קאָוונער אָטריאַדן האָבן זיך געהאַלטן צוזאַמען און מען פֿלעגט זיך גאַנץ אָפֿט צוזאַמענקומען ביי גוטקאָוויטשן אויף דער דירה. דאָרטן איז אויך אויפֿגעקומען דער געדאַנק צו גרינדן אַ יידישן־קאַמפּס־מוזיי פֿון דעם קאַמף קעגן די נאַציס. עס האָט זיך אויך געפֿונען אַ פּאַסיקער בנין פֿאַר דעם דאָזיקן מוזיי, אויף סטראַשון גאַס. אַלע פּאַרטיזאַנער זײַנען געבעטן געוואָרן צוזאַמענקלייבן די נויטיקע עקספּאָנאַטן פֿאַרן מוזיי. עס איז באַשטעלט געוואָרן צו מאַכן אַ ביוסט פֿון חיים יעלין ביים באַוווּסטן ליטווישן סקולפּטאָר פּראָפֿעסאָר פּעטשוריס און אַ טאָוול פֿאַר אַלע אומגעקומענע אין די קאַמפֿן.

דער מוזיי האָט אויך געדאַרפֿט דינען פֿאַר קולטורעלע

צוזאַמענקונפטן פון דעם יידישן עולם אין ווילנע און אין ליטע. זייער פיל האָבן בייגעטראָגן ביים גרינדן דעם מוזיי, דער שפּעטער־דיקער דירעקטאָר זיינער — גוטקאָוויטש און בערל שערעשניעווסקי. אויך אַלע אַנדערע געוועזענע פּאַרטיזאַנער און יידישע אַקטיוויסטן האָבן אַקטיוו אַנטייל גענומען אין דער גרינדונגס־אַרבעט פון מוזיי. און ווען אַלץ איז שוין געווען איינגעאָרדנט איז ער פייערלעך דערעפנט געוואָרן ביי דעם אַנטייל פון אַ פּילקעפּיקן יידישן עולם. דער מוזיי איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ יידישן קולטור־צענטער ניט נאָר פאַר געוועזענע פּאַרטיזאַנער און אַנדערע קעמפערס קעגן די נאַציס, נאָר ער איז אויך געווען אַן אַלגעמיינער צענטער פון דעם איבערגעבליבענעם ליטווישן יידנטום.

דאָס הייפעלע יידישע שארית־הפליטה, פּאַרטיזאַנער און קול־טור־טוער, האָבן געגלויבט, אַז די סאָוויעטישע מאַכט וועט העלפן די על־פּי־נס אָפּגעראַטעוועטע יידן צו באַנייען אַ יידישן קולטור־לעבן אין זייער מאַמע־לשון.

אַ צוזאַמענטרעף פון געוועזענע פּאַרטיזאַנער און געטאָ־קעמפער פון קאָוונע ביי די ברידער־קברים אויפן 9־טן פאָרט

אין דעם מוזיי זיינען גאַנץ אָפּט אַרויסגעטראָטן די יידישע שרייבערס מיט זייערע ליטעראַרישע שאַפונגען. דאָ פלעגן מיר זיך אויך נוהג זיין זיך צו טרעפן אָפּצומערקן אויף די טרויער־אַקאַ־דעמיעס די יאָרצייטן פון חיים יעלין און אַנדערע וויכטיקע דאַטעס פון אונדזער טעטיקייט. אויף אַזעלכע צוזאַמענקונפטן פלעג איך, צווישן אַנדערע, אויך אַרויסטרעטן. דאָ האָט מען אויך פייערלעך אָפּגעמערקט דאָס דערשיינען פון מאיר יעלין און דימע געלפּערנס בוך וועגן דער אונטערערדישער אַנטינאַציאָנאַלער טעטיקייט פון קאָוו־נער געטאָ. אין דעם דאָזיקן אימפּאָזאַנטן אָוונט האָבן אויך אָנטייל־גענומען ליטווישע געזעלשאַפטלעכע טוערס.

דער מוזיי איז געווען אַ גרויסער דערפאָלג פון דער יידישער קולטורעלער טעטיקייט נאָך דער מלחמה. אָבער, ווי עס פּאַסירט געוויינלעך איז וואָס גרעסער דער דערפאָלג פון די יידן — אַלץ מער שטעכט דאָס די אויגן פון די שונאי־ישראל. אָבער די יידישע עקשנים, וועלכע האָבן גענומען אויף זיך די איניציאַטיוו פאַר אויפלעבן אַ יידישן קולטור־לעבן, זיינען אויך געווען די ערשטע, וועלכע האָבן אַראָפּגעשלונגען די ביטערע פּיל פון אַנטוישונג.

און אָט, איז אומדערוואַרט, געקומען אַ באַפעל פון דעם סעקרעטאַר פון פּראָפּאַגאַנדע פון צ.ק. פּרייקשאַס, צו שליסן דעם מוזיי. דער אויסרייד איז געווען, אַז דער קאַמף קעגן די נאַציס איז געווען ניט נאָר אַ יידישער, נאָר אַן אַלגעמיינער. דער מאָטיוו איז, כלל, ניט געווען קיין איבערצייגנדיקער, ווייל אויך אַלע אַנדע־רע נאַציאָנאַליטעטן און אַפילו די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן האָבן געהאַט מוזייען און אַנדערע קולטור־צענטערס. און דאָס אַפילו אויפן חשבון פון די אָרטיקע רעגירונגען. אָבער, אויב אַפילו אונדזער מוזיי איז יאָ געוואָרן געשלאָסן צוליב ריין יידישע מאָטיוון, האָט מען די עקספּאָנאַטן געדאַרפט איבערגעבן אין אַנדערע מוזייען. דאָס האָט די פּאַרטיי ניט געטאָן. דער גרעסטער טייל עקספּאָנאַטן זיינען פאַרניכטעט געוואָרן און די שערבלעך פון די געשעדיקטע עקספּאָנאַטן, צווישן זיי אויך די ביוסט פון חיים יעלין, זיינען אַריינגעוואָרפן געוואָרן אין קעלער פון שטאַטישן מוזיי. די עקס־פּאָנאַטן פון אונדזער יידישן קאַמפּס־מוזיי זיינען צעגראַמירט גע־

וואָרן מיט שנאה. דער דאָזיקער אַנטי־יידישער פּיינטלעכער אַקט מצד דער קאָמפּאַרטיי האָט אונדז שטאַרק געטראָפן.

## „סיאָניזם", אָדער קאָנטררעוואָלוציע

אומגעפּער אין דער זעלבער צייט איז אַרעסטירט געוואָרן אַ גרופּע יידן פאַר דעם פּרווו צו דינגען אַן אַעראָפּלאַן מיטן צוועק צו עולה זיין קיין ארץ־ישראל. צווישן זיי זיינען געווען אַ טייל פון דער פאַמיליע ליפּמאַן, ד"ר קאָנטאָראָוויטש און זיין פאַמיליע און אויך אַנדערע. דער גאַנצער ענין איז געווען אַן אויסגעשפּראָכענע פּראָוואָקאַציע פון דעם סאָוויעטישן פּילאָט, וועלכער האָט געפירט מיט זיי די אונטערהאַנדלונגען. אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם אַרעסט פון דער גאַנצער גרופּע יידן, איז דורכגעפירט געוואָרן אַ הויז־זוכונג ביי חיים ליפּמאַן אין שטוב און מען האָט ביי אים געפונען אַ בלעכענע קעסטל, ווו ס'האָט זיך געפונען דער אַרכיוו פון ד"ר ח. נ. שאַפּירא, דער זון פון קאָווגער רב. דאָס קעסטל האָט חיים ליפּמאַן געפונען אין געטאָ באַגראָבן אין דער ערד. דער מאַטעריאַל פון דעם אַרכיוו איז געשריבן געוואָרן אין עברית און אין דער הקדמה איז געווען אָנגעשריבן אַז: „מיר דאַרפן קעמפן קעגן דעם נאַציִשן רעזשים, אָבער ניט פאַרגעסן אַז דער גרעסערער פיינט אונדזערער איז די רויטע פּעסט".

אַזעלכע און אויך אַנדערע אויסדרוקן פון ד"ר ח. נ. שאַפּירא זיינען אָנערקענט געוואָרן פאַר קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע און חיים ליפּמאַן איז אַרעסטירט געוואָרן אונטער דער באַשולדיקונג פאַרן אויסבאַהאַלטן אַ קאָנטררעוואָלוציאָנערן מאַטעריאַל און ער ווערט באַשולדיקט לויטן 58־טן פּאַראַגראַף, פּונקט 10, פון סאָוויעטישן קרימינאַלן קאָדעקס.

היות ווי די באַשולדיקונג איז געווען זייער אַ שווערע און איז קוואַליפיצירט געוואָרן אַלס אויסגעשפּראָכענער אַנטיסאָוויעטישער מאַטעריאַל און האָט אַ קאָנטררעוואָלוציאָנערן כאַראַקטער, האָט ליפּמאַנען געדאַרפט משפּטן אַ מיליטערישער געריכט. ליפּמאַנס ברודער און זיין שוועסטער מיט איר מאַן, וועלכע האָבן געפּרווט

אומגעזעצלעך גנבענען די סאָוויעטישע גרענעץ, זיינען פאַרמשפּט געוואָרן אויף 3 יאָר תּפיסה, לויט דעם 59־טן פּאַראַגראַף פון סאָוויעטישן קרימינאַלן קאָדעקס. ד"ר קאָנטאָראָוויטש, איז לויט דעם זעלביקן פּאַראַגראַף פאַרמשפּט געוואָרן אויף 4 יאָר תּפיסה על תּנאַי, נעמענדיק אין אַכט זיינע פאַרדינסטן אין דער אַרבעט ביי די אָרגאַנען פון נ. ק. וו. ד.

אויף דעם פּראָצעס פון חיים ליפּמאַן האָט דער פּאַרטיידיקער צוגעשטעלט איינציקע עדות פון דער געטאָ־אונטערערד. דאָס זיינען געווען: מאיר גרינבערג; מאיר יעלין; פּסח שאַטער און איך. היות ווי איך האָב אין יענער צייט געאַרבעט אַלס פּאַראַנטוואָרטלעכער אַרבעטער אין צ.ק. פון דער פּאַרטיי, איז מיין עדות געווען זייער וויכטיק און, דער פּראָקוראָר צוזאַמען מיטן ריכטער האָבן זיך געגרייט צונישט מאַכן מיין עדות־זאָגן.

ערשטנס האָט מען זייער שטאַרק אויסגעברייטערט די פּראָצעדור־פראַגן. דאָס זיינען געווען פראַגן, וועלכע האָבן געדאַרפט אויפדעקן מיין גאַנצע ביאָגראַפיע. דאַן האָט מען מיר געשטעלט פראַגן צו איך ווייס וואָס איז „סיאָניזם" בכלל, און זיין קאָנטררעוואָלוציאָנערן כאַראַקטער, בפרט. און אויב איך ווייס עס ניט, זאָל איך בעטן מיין פּאַרטיי־סעקרעטאַר ער זאָל מיר אויפקלערן...

אַזעלכע און ענלעכע פראַגן האָבן געצילט מיך אויפרעגן, דענערווירן, אַרויספירן פון געדולד און צונישט מאַכן מיין עדות־זאָגן. איך האָב זיך, אָבער ניט פאַרלוירן און זיך באַמיט ניט פאַרלירן דאָס גלייכגעוויכט. אויף די זייטיקע פראַגן וואָס האָבן ניט געהאַט קיין שייכות צו דער באַשולדיקונג, האָב איך געענטפערט, אַז איך בין ניט געקומען אין געריכט האַלטן קיין עקזאַמען וועגן „סיאָניזם" און, אַז איך ווייס וואָס דאָס איז „סיאָניזם". כ'האָב אונטערגעשטראָכן, אַז איך בין דאָ אויף דעם פּראָצעס ניט קיין באַשולדיקטער, נאָר אַן עדות און אַלס אַזעלכער בעט איך מען זאָל מיר שטעלן פראַגן צו דער זאַך. אויף מיין דאָזיקער פּרינציפּיעלער און קאַטעגאָרישער דערקלערונג, האָט מיר דער ריכטער געענטפערט, אַז די פראַגע וועגן „סיאָניזם" איז שוין דווקא זייער צו דער זאַך, ווייל חיים ליפּמאַן ווערט באַשולדיקט אין „סיאָניזם". איך האָב

אויף דעם געגנטפערט, אַז אויף וויפל איך קען דעם באַשולדיקטן, האָט ער מיט „סיאָניזם" קיין שום שייכות ניט געהאַט. — „אויב אַזוי קענט איר אים ניט", איז געווען דער ענטפער פון ריכטער.

ער האָט געבעטן מען זאָל מיר פאָרלייענען אויסצוגן פון מאַטעריאַל, וואָס מען האָט געפונען בעת דער רעוויזיע ביי חיים ליפּמאַנען. איך האָב אויף דעם געענטפערט, אַז איך בין העכסט איבערצייגט, אַז ניט דער באַשולדיקטער האָט דאָס געשריבן. אויף דעם האָט מיר דער ריכטער געזאָגט, אַז ער ווערט ניט באַשולדיקט אין שרייבן דעם מאַטעריאַל — נאָר אין אויסבאַהאַלטן אים. איך האָב געטענה'ט, אַז די פראַגע איז נאָר צי ליפּמאַן האָט בכלל געוווּסט דעם אינהאַלט פון דעם אויסבאַהאַלטענעם מאַטעריאַל, ווייל אויף וויפל מיר איז באַוווּסט, קען ניט חיים ליפּמאַן בכלל קיין העברעיש און היות ווי דער מאַטעריאַל איז דאָך געשריבן אין העברעאיש, לייגט זיך ניט אויפן שכל, אַז חיים ליפּמאַן האָט בכלל געלייענט דעם מאַטעריאַל. אויף דעם האָט דער ריכטער מיר געזאָגט, אַז חיים ליפּמאַן האָט שוין פריער מודה געווען, אַז מען האָט אים שוין אויפגעקלערט, אַז דער מאַטעריאַל איז אַ קאָנטררעוואָלוציאָנערער און טראָץ דעם, האָט דער באַשולדיקטער דעם מאַטעריאַל אויסבאַהאַלטן ווייטער.

דער פאַרטיידיקער האָט דאַן געזאָגט און אונטערגעשטראָכן, אַז דער פּאַראַגראַף לויט וועלכן ליפּמאַן ווערט באַשולדיקט זעט פאָרויס אַ שטראָף פאַר אויסבאַהאַלטן אַ קאָנטררעוואָלוציאָנערן מאַטעריאַל, מיטן צוועק אויך צו פאַרשפּרייטן אים אַלס פּראָפּאַגאַנדע־מאַטעריאַל און, דאָס איז דעם באַשולדיקטן כלל ניט באַוויזן געוואָרן. אויף די געשטעלטע פראַגן פון פאַרטיידיקער צו מיר, האָב איך אונטערגעשטראָכן חיים ליפּמאַנס טעטיקייט אין דער געטאָ־אונטערערד, באַטאָנענדיק דערביי, אַז ער האָט געהערט צו דער אַנטיפאַשיסטישער אָרגאַניזאַציע און ניט אין איינער פון די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע האָבן דאַן עקזיסטירט אין געטאָ.

דער פּראָקוראָר האָט אין זיין שלוס־רעדע ווילנדיק פאַרשאַרפן די מאָטיוון פון דער באַשולדיקונג איז דערגאַנגען צו אַזאַ אַבסורדאַלע פעסטשטעלונג, אַז חיים ליפּמאַן האָט צוויי נשמות: ער האָט

געאַרבעט סיי פאַר די קאָמוניסטן און סיי פאַר די ציוניסטן. לויטן פּראָקוראָר איז אויסגעקומען, אַז מען דאַרף חיימען באַשטראָפן, כדי אַרויסצויאָגן פון אים דעם ציוניסטישן „דיבוק״...

חיים ליפּמאַנען האָט דער געריכט געפונען פאַר שולדיק און ער איז פאַרמשפּט געוואָרן אויף 10 יאָר תפיסה מיט פאַרשיקונג אין די לאַגערן און נאָך זיין אָפּקומען די שטראָף, צונעמען ביי אים אויף 5 יאָר די רעכט אַלס סאָוויעטישער בירגער און פולשטענדיקע קאָנפיסקאַציע פון זיין גאַנצן אייגנטום.

די דערקלערונגען פון די פאַרטיידיקונגס־עדות זיינען, אַפילו, ניט פּראָטאָקאָלירט געוואָרן ווי דאָס פאָדערט זיך אויף אַ פּראָצעס־פּראָצעדור. מיט דער הילף פון חיים ליפּמאַנס פאַרטיידיקער, האָב איך נאָכער געשריבן אַ בריוו צו דעם גענעראַל־פּראָקוראָר פון ראַטנפאַרבאַנד, אַז איך האַלט פאַר מיין פאַרטייאישן חוב אויפצוקלערן דעם אומשולד פון דעם באַשולדיקטן חיים ליפּמאַן און געגעבן די פולע כאַראַקטעריסטיק וועגן זיין אונטערערדישער טעטיקייט אין געטאָ.

איך האָב געקראָגן אַן ענטפער אויף מיין בריוו, אַז ליפּמאַן איז פאַרמשפּט געוואָרן אויפן סמך, פון זיין אייגענער דערקלערונג אַז ער אַליין האָט זיך מודה געווען אין זיין שולד. נעמענדיק, אָבער, אין באַטראַכט זיינע פאַרדינסטן אין דער געטאָ־אונטערערד, האָט מען אים די שטראָף פאַרקלענערט, פון 10 יאָר אויף 5 יאָר פאַרשיקונג און איבערלאָזן אים די רעכט פון אַ סאָוויעטישן בירגער, נאָכן אָפּקומען זיין שטראָף...

## סאָוויעטישע פּאַראַדאָקסן...

אָנהויב 1947, איז די קאַרטן־סיסטעם אויף פּראָדוקטן אָפּגעשאַפט געוואָרן, אָבער די פּרייזן אויף פּראָדוקטן זיינען אין רעזולטאַט פון דעם אַ סך טייערער געוואָרן. חוץ דעם זיינען אין די געשעפטן געווען זייער ווייניק פּראָדוקטן און עס האָבן זיך געשאַפן גרויסע רייען כדי צו קריגן עפּעס. היות ווי עס האָט, אָבער פאַר אַלעמען ניט געקלעקט קיין פּראָדוקטן, איז מען געווען געצוווּנגען

צו קויפן פּראָדוקטן אויפן מאַרק, אָבער דאָס איז ניט פאַר אַלעמען געווען מעגלעך און, באַזונדערס ניט פאַר די, וועלכע האָבן בלויז געלעבט נאָר פון זייער געהאַלט און האָבן ניט געהאַט וואָס צו פאַרקויפן.

אַזוי ווי מיין פרוי איז געווען קראַנק און מיר זיינען געווען מיט אַ קליין קינד, איז פאַר מיר די מאַטעריעלע לאַגע געוואָרן זייער שווער. איך האָב געבעטן דעם סעקרעטאַר פון צ.ק. ער זאָל מיך אַריבערפירן אויף אַזאַ אַרבעט אַז איך זאָל קענען זיך געפינען מער אויפן אָרט און ניט שטענדיק זיין פאַרנומען אין רייזעס איבער דער פּראָווינץ.

צו יענער צייט האָט מען גראָד באַהאַנדלט די טעטיקייט פון מיניסטעריום פאַר אָרטיקער אינדוסטריע אויף דעם „ביוראָ" פון צ.ק. און פאַר שלעכטער אַרבעט האָט מען אָראָפּגענומען פון פּאָסטן דעם מיניסטער שקאָדין און זיין ערשטן פאַרטרעטער. אַלס נייער מיניסטער איז באַשטימט געוואָרן אַ רוסיפיצירטער ליטווינער, קוריס און אַלס זיין ערשטער פאַרטרעטער — טאַמבאַווצעוו. אַ רוס, וואָס איז פריער געווען דער צווייטער סעקרעטאַר פון קאָוונער שטאָטישן פאַרטיי־קאָמיטעט. די „ביוראָ" פון צ.ק. האָט באַשלאָסן מיך צו שיקן אַרבעטן אין דעם מיניסטעריום, כדי צו פאַרשטאַרקן דעם אַפּאַראַט.

איך בין דאַן באַשטימט געוואָרן אַלס הויפּט־בוכהאַלטער פון דעם מיניסטעריום פון אָרטיקער פּראָדוקציע און צוגלייך מיט דער באַשטימונג, האָט מען מיך אויסגעקליבן אַלס פאַרטרעטער פון סעקרעטאַר פון פאַרטיי־קאָמיטעט פון מיניסטעריום. ווען איך בין אַוועק פון צ.ק. אַרבעטן אין מיניסטעריום, האָט מיר דער סעקרע־טאַר פון צ.ק. סניעטשקוס געזאָגט: „דו גייסט טאַקע אַוועק פון צ.ק., אָבער דו דאַרפסט קיינמאָל ניט פאַרגעסן, אַז דו ביסט אַ מיטאַרבעטער פון צ.ק. דו גייסט אַרבעטן אויף זייער אַ שווערן אָרט, אָבער דו דאַרפסט זיין פאַר זיי אַ ביישפּיל אַלס אַ צ.ק.־אַרבעטער. שרעק זיך ניט פאַר קיין שוועריקייטן און אויב ס׳וועט דיר זיין גאָר שווער, זאָלסט זיך ווענדן צו מיר און איך וועל דיר העלפן". איך האָב סניעטשקוסן געענטפערט: „איך בין ניט נאָר

אַ צ.ק.־אַרבעטער, אין דער ערשטער ריי בין איך אַ פּאַרטייזאַן און פֿאַר אַ פּאַרטייזאַן איז קיין שום אויפֿגאַבע ניט שווער. איך האָף, אַז איך וועל מיט די שוועריקייטן זיך אַן עצה געבן".

אין דער צייט ווען איך בין אַריבער אַרבעטן אין מיניסטעריום, איז אין לאַנד געווען זייער אַ שווערע עקאָנאָמישע לאַגע, ס'איז געווען אַ שווערער פּעריאָד נאָכן קריג. אַלע מאַטעריאַלן זיינען צוגעטיילט געוואָרן לויט זייער אַ שטרענגער נאָרמע, און ספּעציעל בענזין. פֿאַר אַ לאַסט־אויטאָ, צום ביישפּיל, איז אויסגעטיילט געוואָרן 400 (פֿיר הונדערט) ליטער בענזין אויף אַ קוואַרטאַל (דריי מאָנאַט). דאָס איז געווען זייער ווייניק און די נאָרמע האָט ניט געקלעקט אַפֿילו אויף איין מאָנאַט. ניט קוקנדיק אויף דעם, זיינען אָבער די לאַסט־אויטאָס ניט געשטאַנען, זיי זיינען געפֿאָרן נאָרמאַל. מען האָט געקויפֿט בענזין אויפֿן שוואַרצן מאַרק. שטעלט זיך, אָבער די פֿראַגע: פֿון וואַנען נעמט בענזין דער שוואַרצער מאַרק? בענזין קומט דאָך ניט פֿון אויסלאַנד? עס גייט דאָך פֿון די זעלבע בענזין־באַזעס ווי דער נאָרמאַלער בענזין — הייסט דאָס, אַז בענזין איז דאָ גענוג, טאָ צו וואָס איז נויטיק אים צוצוטיילן אין מיזערנע נאָרמעס? מיט אָט דער ווייטאָקדיקער פֿראַגע בין איך אַוועק צום מיניסטער פֿון רעגירונג־קאָנטראָל. ער האָט מיר געענטפֿערט, אַז די פֿראַגע פֿון בענזין איז ניט נאָר אַ ליטווישע, אַ לאָקאַלע שוועריקייט, נאָר דאָס איז אַ שווערער פּראָבלעם פֿון גאַנצן ראַטנ־פֿאַרבאַנד, דעריבער קען ער זיך מיט דעם ניט פֿאַרנעמען.

פֿאָרמעל איז זיין ענטפֿער געווען אַ ריכטיקער, אָבער פֿאַקטיש האָט דאָס געהייסן, אַז שוין אין דעם ווירטשאַפֿטס־פּלאַן פֿון דער רעגירונג איז געגעבן געוואָרן אַ מעגלעכקייט פֿאַר גנבה אין ברייטן מאַסשטאַב. מיסברויכן אין דער ווירטשאַפֿט פֿון ראַטנפֿאַר־באַנד איז זייער פֿאַרשפּרייט, ווייל פֿון אַ נאָרמאַלן רעגירונגס־געהאַלט איז פֿאַרן דורכשניטלעכן בירגער אוממעגלעך זיך דורכ־צולעבן. דעריבער האָבן די פֿאַבריקן און די „פּראָמקאָבינאַטן" פֿון אונדזער מיניסטעריום, ניט געמאַכט קיין אויסנאַם. אויף אונדז, פֿאַראַנטוואָרטלעכע מיטאַרבעטער פֿון מיניסטעריום, איז דעריבער אויסגעאיבט געוואָרן אַ שטענדיקער דרוק מצד די פּאַרטיי־אָרגאַ־

נען, פון פּראָקוראַטור, פון אָ.ב.כ.ס.* און פון די פינאַנס־אָרגאַ־נען, אַז מען זאָל אָננעמען קאָנקרעטע מיטלען און שטאַרק קעמפן קעגן די מיסברויכן פון פאַרשיידענע מענטשן, וועלכע גנבענען מלוכה'שן אייגנטום. מ'דאַרף שאַרף אויך באַקעמפן די פּרוּוון פון פּריוואַטער איניציאַטיוו אונטערן דעקמאַנטל פון רעגירונגס־קאָמ־בינאַטן.

אין דער זעלבער צייט זיינען ריזיקע סומעס־געלט, ממש מיליאָנען, געגאַנגען לאיבוד, און דאָס אַ דאַנק דער איניציאַטיוו פון די העכסטע פּאַרטיי און רעגירונגס־אָרגאַנען. דאָס איז אויך די סיבה וואָס מ'האָט קיינעם ניט צוגעצויגן צו געריכטלעכער פאַר־אַנטוואָרטלעכקייט. אָט האָט מען, צום ביישפּיל, אויסגעאיבט אויף אונדז אַ דרוק, אַז מיר זאָלן קומען צו הילף די קאָלכאָזן און פאַר זיי אויסאַרבעטן פאַרשידענע ספּעציעלע מאַשינען פאַר ערד־באַאַרבעטונג לויט באַשטימטע מוסטערן. אַזוי ווי דאָס איז ווי געוויינלעך, געווען פאַרבונדן מיט זייער קורצע טערמינען, ווייל אַלע ערד־אַרבעטן זיינען סעזאָננע, האָט מען באַאויפטראַגט אַלע פאַבריקן אַמשנעלסטן אויסאַרבעטן די נויטיקע צאָל מאַשינען, ניט רעכענדיק זיך מיט דעם אייגענעם אַרבעטס־פּלאַן. דאָס אַלץ האָט מען געדאַרפט דערגרייכן צו די נויטיקע טערמינען. ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די מוסטערן לויט וועלכע מען האָט אויס־געאַרבעט די באַשטעלטע מאַשינען זיינען כלל ניט געווען צוגע־פּאַסט צו אונדזער ערד. אַלס רעזולטאַט זיינען ריזיקע מיליאָנען־סומעס געגאַנגען לאיבוד, און קיינער איז פאַר דעם ניט געווען פאַראַנטוואָרטלעך. אַזעלכע פאַלן זיינען ניט געווען קיין איינצלנע. איך האָב אויף דעם רעאַגירט און ווען איך האָב איינמאָל אַרויס־געטראָטן מיט דער דאָזיקער קריטיק אויף אַ פאַראַנטוואָרטלעכער זיצונג, האָט מען מיר געזאָגט, אַז איך פאַרנעם זיך סתם מיט פּלוידערייען...

איך בין געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז אויף דעם געביט וועלן אַלע מיינע אָנשטרענגונגען קיין גרויסן נוצן ניט ברענגען,

---

* אָפּטיילונג אין מיליץ וועלכע פאַרנעמט זיך מיט קאַמף קעגן ספּעקולאַציע.

דעריבער האָב איך זיך גענומען צו אויסבילדן קאַדרען, וועלכע וועלן מיט געמיינזאַמע כוחות אין צוקונפטיקן פעריאָד, באַקעמפן די אומפאַראַנטוואָרטלעכע גלייכגילטיקייט פון פאַראַנטוואָרטלעכע רעגירונג און פאַרטיי־לייט. אויף דעם געביט איז מיין אַרבעט געווען אַ נוצלעכע.

## אויפן הויכן שטאַפּל פון מלוכהשן לייטער

אין משך פון די 10 יאָר, וואָס איך האָב געאַרבעט אין מיניס־טעריום פאַר דער אַרטיקער אינדוסטריע, איז מיר געלונגען אויס־צובילדן אַ גרויסע צאָל קאַדרען, אויף וועמענס אַרבעט מען האָט זיך גערעכנט פאַרלאָזן. אַ טייל פון זיי האָט מיט מיר מיטגעאַרבעט אויך שפּעטער, ווען מיר זיינען אַריין אין דער סיסטעם פון „סאָוו־נאַרכאָז" (סאָוויעטישע פאָלקס־ווירטשאַפט). אין דער צייט פון מיין אַרבעט אין „סאָוונאַרכאָז" האָב איך ניט איבערגעריסן מיינע פאַרבינדונגען אויך מיט די צענטראַלע פאַרטיי און רעגירונגס־אָרגאַנען. אדרבא, מיינע פאַרבינדונגען מיט זיי זיינען געוואָרן נאָך ענגער און אין אַ פיל ברייטערן מאַסשטאַב. איך האָב עס פאַרשטאַנען צו אויסנוצן ריכטיק אין פאַרנאַנדערטיילן די אַר־בעטס־קרעפטן און באַזונדערס האָב איך געלייגט אַכט אויפן געביט פון פינאַנסן. איך האָב אַלע יאָרן אַנטייל גענומען ביים באַשטעטיקן דעם בודזשעט פון דער ליטווישער רעפּובליק אין מאָסקווע. אויף די זיצונגען אין מאָסקווע האָב איך דעם בודזשעט פון אונדזער מיניסטעריום פאַרטיידיקט, צוזאַמען מיט די פאָר־שטייערס פון פינאַנס־מיניסטעריום און שטענדיק מיט גרויס דער־פאָלג.

פאַר דער צייט, וואָס איך האָב געאַרבעט אין מיניסטעריום האָבן זיך געביטן די מיניסטאָרן. ניט אַלע מיניסטאָרן זיינען געווען צוגעפּאַסט אויסצופירן די פליכטן פון אַ מיניסטער. אייניקע פון זיי האָבן בכלל קיין אַנונג ניט געהאַט אין דער סיסטעם פון אַרטיקער אינדוסטריע, און דאָס האָט זיך שלעכט אָפּגערופן אויף דער גאַנ־צער אַרבעט פון מיניסטעריום.

היות ווי די מיניסטעריומס פאַר אַרטיקער אינדוסטריע האָבן ניט אויסגעפילט זייערע אויפגאַבן, וואָס די רעגירונג האָט אויף זיי אַרויפגעלייגט, האָט מען זיי ליקווידירט און איך בין אַריבער אַר־בעטן אין דער „הויפּט־פאַרוואַלטונג פון אַרטיקער ווירטשאַפט ביים מיניסטאָרן־ראַט פון דער ליטווישער רעגירונג". אָנגעפירט מיט דער הויפּט־פאַרוואַלטונג, האָט דער געוועזענער מיניסטער פאַר קאָמונאַלער ווירטשאַפט, סווישטשאָוו. דאָס איז געווען אַ פול־שטענדיק ניט פּעאיקער און ניט צוגעפּאַסטער מענטש אויף אַזאַ פּאָסטן, וועלכער האָט בכלל קיין אַנונג ניט געהאַט אין דער עקאָ־נאָמיק און ווירטשאַפט פון דער ליטווישער רעפּובליק. ער האָט ניט אָנטשפּראָכן די פליכטן און אויפגאַבן פון אַזאַ וויכטיקן סעק־טאָר אין דער פאָלקס־ווירטשאַפט און ער האָט אַפילו ניט געוווּסט מיט וועלכע פראַגן עס פאַרנעמען זיך די אָפּטיילונגען פון זיין הויפּט־פאַרוואַלטונג.

ווען ער האָט מיך אַמאָל אַרויסגערופן צו זיך און געפרעגט אייניקע פראַגן, בין איך ממש דערשטוינט געוואָרן פון זיין ניט באַהאַוונטקייט אין די ענינים פאַר וועלכע ער איז פאָרמעל געווען פאַראַנטוואָרטלעך און בין געווען געצוווּנגען אים צו מאַכן אַ באַ־מערקונג, אַז דאָס פרעגן ביי מיר אַזעלכע פראַגן איז פּונקט ווי קומען אין אַפּטייק און בעטן פאַרקויפן טשוועקעס... ער האָט מיר דאַן אַ זאָג געטאָן: „מיט וואָס אייגנטלעך פאַרנעמט איר זיך?" איך האָב אים אויף דעם געענטפערט, אַז עס איז זייער טרויעריק, ווען דער שעף פון אַ הויפּט־פאַרוואַלטונג ווייסט ניט מיט וואָס עס פאַרנעמען זיך זיינע פאַראַנטוואָרטלעכע מיטאַרבעטער. וואָס ער האָט יאָ געקענט (און דאָס זייער גוט), איז ריידן לאַנגע רעדעס מיט גרויס פּאַטאָס...

ער האָט געקענט אָפּריידן אַ פּאָר שעה און ווען מען וואָלט געפרעגט זיינע צוהערערס, וואָס אייגנטלעך האָט ער געזאָגט? האָט קיינער ניט געקענט געפינען דעם תוכן פון זיין רעדע. ביי אַזעלכע אומשטענדן האָב איך ווייטער ניט געקענט אַרבעטן און בין אַריבער אַרבעטן אין דעם ראַט פאַר פאָלקסווירטשאַפט, אין דער אָפּטיילונג פון מאַשינען־בוי פאַרוואַלטונג. דאָרט האָב איך

אַנגעפירט מיט דער אָפּטיילונג פאַר בוכהאַלטונג, פינאַנסן, זעלבסט־קאָסטן־פרייז און פאַרקויף־פרייז. אַזוי ווי מאַשינען־בוי אין ליטע איז געווען אײַנגאַנצן אַ נייער אינדוסטריע־צווייג, איז די אַרבעט אין דער פאַרוואַלטונג געווען זייער אינטערעסאַנט.

## פּאַרטיזאַנישע סאָלידאַריטעט

פאַר דער צייט פון מיין אַרבעט אין די פאַרשידענע אָרגאַ־ניזאַציעס, בין איך געווען ענג פאַרבונדן מיט די געוועזענע פּאַר־טיזאַנער און, באַזונדערס מיט די יידישע פּאַרטיזאַנער, וועלכע זיינען געווען פאַר מיר ווי מיין אייגענע משפחה. אין דער זעלבער צייט בין איך אויך געווען ענג פאַרבונדן מיט דעם אינסטיטוט פאַר פּאַרטיי־היסטאָריע ביים צ.ק. און אויך מיט אַנדערע וויכטיקע אָרגאַניזאַציעס און זיך אינטערעסירט אין פראַגן וואָס זיינען געווען פאַרבונדן מיט אַנדערע פּאַרטיזאַנער.

די יידישע פּאַרטיזאַנער, ניט קוקנדיק אויף דעם, וואָס מען האָט אַזוי גרויזאַם און ברוטאַל ליקווידירט דעם מוזעאום, האָבן זיך זייער אָפט צוזאַמענגעטראָפן אין פאַרשיידענע פלעצער ביי אַלע מעג־לעכע געלעגנהייטן. אַזוי האָבן מיר יעדעס מאָל אָפּגעמערקט די דאַטע פון דער גרויסער פאַרניכטונגס־אַקציע, דעם 28־סטן אָקטאָ־בער אויף דעם 9־טן פאָרט, כאָטש אַזאַ צוזאַמענטרעף איז בפירוש געווען פאַרבאָטן פון די פּאַרטיי־אָרגאַנען. זיי האָבן גע־האַלטן אַז די פאַרניכטונג אויפן נײַנטן פאָרט, איז ניט געווען ספּעציעל געווענדעט קעגן די יידן — נאָר בכלל קעגן סאָוועטישע בירגער. דעריבער דאַרפן אַזעלנע מיטינגען ניט טראָגן קיין ספּע־ציעלן יידישן כאַראַקטער. מיר האָבן, אָבער, אויף דעם קיין אַכט ניט געלייגט און פלעגן זיך צוזאַמענקלייבן אַלע יאָר אויף דעם 9־טן פאָרט — נאָר יידן.

יעדן יאָר פלעגן מיר אויך אָפּמערקן די דאַטע פון חיים יעלינס אומקום, און, בכלל, האָבן מיר אויסגענוצט זייער פיל דאַטעס כדי זיך צוזאַמענטרעפן. אַזוי איז אויך אָפּגעמערקט געוואָרן די דאַטע פון אַנטלויפן פון 9־טן פאָרט און אַנדערע דאַטעס. מיר האָבן אויך

זוניע שטראַם, שרה רובינסאָן און נחמיה ענדלין
ביים ברודער־קבר פון די געפאַלענע פּאַרטיזאַנער — קאָוונע 1964

ניט אַדורכגעלאָזט קיין געלעגנהייט צו טרעפן זיך צוזאַמען ביי חברים אויף משפחה־שמחות, אָפּגעמערקט יובליי־דאַטעס א. אַ. וו.

ביי אַזעלכע צוזאַמענקונפטן פלעגן אַ סך פון אונדז אַרויס־טרעטן מיט זכרונות פון געטאָ־לעבן און דערציילן פּאַרטיזאַנישע עפּיזאָדן. אויף דעם געביט האָב איך גענומען זייער אַן אַקטיוון אָנטייל. עס איז זייער שווער צו שילדערן די איבערגעבנקייט פון די חברים־פּאַרטיזאַנער. איינער פאַרן צווייטן איז געווען גרייט צו העלפן אין אַלע פאַלן, ווען דאָס האָט זיך גענויטיקט. האָבן מיר זיך געפרייט מיט די דערפאָלגן פון אונדזערע חברים און שטאַרק איבערגעלעבט זייערע דורכפאַלן.

אָט איז צו מיר געקומען, צום ביישפּיל, די פרוי פון מאיר הערצמאַן מיט אַ קליין קינד אויפן האַנט און האָט מיט געוויין מיר דערציילט, אַז איר מאַן איז אַרעסטירט געוואָרן אונטער דער באַ־שולדיקונג, אַז ער האָט אויסגענוצט זיין פּאָסטן אַלס שטעלפאַר־טרעטער פון דירעקטאָר פון קאָאָפּעראַטיוו־ראַט אין שאַקיאַי און

האָט ספּעקולירט מיט טראָפּייען, וואָס זיינען אָנגעקומען פון מזרח־פּרייסן. פון איר דערציילונג איז מיר באַלד קלאָר געוואָרן, אַז מאיר הערצמאַן איז בלויז אויסגענוצט געוואָרן אַלס געווערקצייג פון די מאַכטהאָבערס פון שאַקייער קרייז, וועלכע זיי זיינען דאָס פּאַקטיש געווען די אמתע ספּעקולאַנטן און ער האָט נאָר אויס־געפּילט זייערע באַפעלן.

אויף דעם משפט איז מאיר הערצמאַן פאַרמשפּט געוואָרן אויף 7 יאָר תפיסה. איך האָב דאָס זייער שטאַרק איבערגעלעבט און בין אַוועק צום פּאַרזיצער פון אויבער־ראַט — פּאַלעצקיסן. ער איז גראָד אין יענער צייט ניט געווען און אים האָט פאַרטראָטן — יוסטאַס קוטשינסקאַס, געוועזענער סעקרעטאַר פון צ.ק. פאַר קאַדרען. איך האָב אים דערציילט און אויפגעוויזן ווער עס זיינען פּאַקטיש געווען די ריכטיקע שולדיקע, וועמענס נאָמען איז אויף די געריכט־פאַרהאַנדלונגען, אַפילו, ניט דערמאָנט געוואָרן און, אַז מאיר הערצמאַן איז פּאַקטיש נאָר געווען אַ מכשיר אין זייערע הענט. ער האָט מיר צוגעזאָגט צו אויספאָרשן דעם ענין און אויב עס וועט זיך אַרויסווייזן אַז מאיר הערצמאַן איז טאַקע אומשולדיק, וועט מען מאירן באַגנעדיקן. אין רעזולטאַט פון מיין אינטערווענץ איז ניט אַדורך מער ווי 10 טעג און מאיר הערצמאַן איז באַפרייט געוואָרן פון תפיסה.

## „פאַרברעכן" און שטראָף

איין מאָל האָט מען מיך אַרויסגערופן אין דער מיליטערישער אָפּטיילונג פון צ.ק. פון דער פּאַרטיי און דאָרט האָט מען מיר געשטעלט אַ פראַגע, צו מיר איז באַקאַנט, אַז שמעון בלאָך איז פאַרן קריג געווען אַ מיטגליד אין דער „רעאַקציאָנערסטער ציוניס־טישער אָרגאַניזאַציע בית"ר". איך האָב געענטפערט, אַז איך האָב שמעון בלאָכן פאַרן קריג ניט געקענט און, אויב אַפילו ער איז דאַן געווען אַ מיטגליד פון אַזאַ אָרגאַניזאַציע, איז ער נאָך דאַן געווען מינדעריאָריק און האָט זיך געווּני ניט פאַנאַנדערגעקליבן אין פּאָלי־טיק. אָבער אויף ווי ווייט מיר איז באַוווּסט, האָב איך געזאָגט, איז

שמעון בלאַך געווען אין געטאָ אַ מיטגליד פון דער קאָמוניס־טישער יוגנט־אָרגאַניזאַציע. אויף דעם האָט מען מיר געענטפערט, אַז לויט דער עדות־דערקלערונג פון דעם סעקרעטאַר פון געטאָ קאָמיוג־אָרגאַניזאַציע — משה רובינסאָן, — איז שמעון בלאַך אָפיציעל אין דער אָרגאַניזאַציע ניט אָנגענומען געוואָרן.

איך האָב דערקלערט, אַז אָפיציעל איז אויך משה רובינסאָן ניט אויסגעבקליבן געוואָרן אַלס סעקרעטאַר פון דער אָרגאַניזאַציע, אַזעלכע זיינען דאָן געווען די אומשטענדן אין געטאָ. ווי אַזוי האָט מען בכלל געקענט אין די באַדינגונגען פון געטאָ אַדורכפירן אָפיציעלע פאַרזאַמלונגען און „אָפיציעל" באַשטעטיקן אַ סעק־רעטאַר פון דער קאָמיוגישער אָרגאַניזאַציע?

מען האָט מיך נאָך געשטעלט אַ פראַגע, ווי קומט דאָס, אַז די געסטאַפּאָ האָט באַפרייט שמעון בלאַך מיט זיין פרוי פון אַרעסט, אין דער צייט ווען אַנדערע האָט מען געשיקט אויפן ניינטן פאָרט. איך האָב געענטפערט, אַז ניט נאָר שמעון בלאַך מיט זיין פרוי זיינען באַפרייט געוואָרן פון אַרעסט, נאָר אויך אַ סך אַנדערע זיינען באַפרייט געוואָרן און, בכלל, קען מען דאָס ניט אָנרופן „באַפרייט געוואָרן", ווייל מען האָט זיי פאַקטיש ניט אַרויסגעלאָזן אויף דער פריי — נאָר אַרויסגעלאָזן פון תפיסה אין געטאָ, וועל־כע איז אויך באַטראַכט געוואָרן ווי אַ טורמע, ווייל פאַקטיש זיינען די מענטשן פון געטאָ געווען פאַרמשפּט צו פאַרניכטונג.

נאָך דעם פאַרהער, איז טראָץ מיין דערקלערונג אָנערקענט געוואָרן די באַשולדיקונג קעגן שמעון בלאַך, אַז ער האָט אין זיין אַנקעטע פאַרלייקנט דעם פאַקט, אַז ער האָט געהערט צו אַ רעאַק־ציאָנערער אָרגאַניזאַציע פאַרן קריג. דאָן איז געווען דער פאַר־שאַפטער סטאַלין־פעריאָד פון 1952—1953. און אַזוי ווי שמעון בלאַך האָט דעמאָלט פאַרנומען אַ פאַראַנטוואָרטלעכן פּאָסטן (ער איז געווען אַ דירעקטאָר פון אַ גרויסער פאַבריק), האָט מען אים צו די פּאָליטישע באַשולדיקונגען, אויך „צוגעטשעפּעט" — עקאָ־נאָמישע. מיט גרויס מי איז ער דאָן אָפּגעקומען בלויז מיט די דאָזיקע באַשולדיקונגען. ער איז באַפרייט געוואָרן פון דירעקטאָר־פּאָסטן און האָט באַקומען אַ שטרענגן אויסרייד אויף דעם ביוראָ

פון קאָוונער שטאָט־קאָמיטעט. דאָס האָט אים, אָבער שפּעטער ניט געשטערט, נאָך די סטאַלינישע יאָרן, צו פאַרנעמען ניט ווייניקער וויכטיקע פּאָסטנס, — עקאָנאָמישע און פּאָליטישע.

אין דעם זעלבן פּעריאָד איז אויך אַרעסטירט געוואָרן פּרץ פּאַדיסאָן פאַר אַלטע חטאים, נאָך פון די יאָרן 1919—1918, ווען ער האָט אָנטייל גענומען אין קאַמף קעגן די קאָמוניסטן אין ליטע. פאַר זיינע פאַרדינסטן פאַר דער ליטווישער רעפּובליק, האָט ער באַקומען אַן אָרדן־אויסצייכענונג פון דער ליטווישער רעגירונג. מען האָט מיך דאַן אַרויסגערופן אין נ. ק. וו. ד. אין צוזאַמענהאַנג מיט די דאָזיקע באַשולדיקונגען קעגן פּאַדיסאָנען און מ׳האָט מיר פאַרגעוואָרפן פאַרוואָס איך האָב געגעבן פּאַדיסאָנען אַ פּאָזיטיווע כאַראַקטעריסטיק און, נאָך מער: די כאַראַקטעריסטיק איז געווען געחתמעט געוואָרן מיטן שטעמפּל פון צ.ק.

איך האָב דערקלערט, אַז איך האָב פאַקטיש פּאַדיסאָנען פאַרן קריג ניט געקענט און פון זיין טעטיקייט אַלס קעמפער קעגן קאָמוניזם כּלל ניט געוווּסט. מיין כאַראַקטעריסטיק, איז בלויז נוגע זיין טעטיקייט אין דער פּאַרטיזאַנער־באַוועגונג און ניט וועגן זיין פאַרגאַנגענהייט — ביז צו דער מלחמה. איך האָב דער־קלערט אַז אַלץ וואָס איך האָב געשריבן וועגן פּאַדיסאָנען ווען ער איז געווען טעטיק אין דער פּאַרטיזאַנער־באַוועגונג און נאָך דער צייט — איז אַלץ אמת. דער אויספאָרשער האָט מיר געפּרוּווט אויפווייזן, אַז פּאַדיסאָן איז געווען מיטשולדיק אין אַרויספירן מיין פאָטער פון קאָוונער געטאָ קיין ריגע. איך האָב אויף דעם געענט־פערט, אַז ווען דער פאַל וואָלט געווען אמת, וואָלט איך זיך וועגן דעם דערוווּסט פריער פון זיי און איך וואָלט זיך מיט אים דער פאַר אָפּגערעכנט, אָן זייער אַריינמישונג. דאַן האָט ער מיר גע־פרעגט, פון וואַנען האָב איך דאָס געוווּסט אַזוי גענוי וועגן פּאַדי־סאָנס טעטיקייט אין דער פּאַרטיזאַנער־באַוועגונג, אין דער צייט ווען איך האָב, לויט מיינע אויפגאַבן אַלס פּאַרטיזאַנער־פאַרבינד־לער זיך געפונען ווייניק צייט צוזאַמען מיט אים. איך האָב אים דערקלערט, אַז איך פלעג קריגן פון קאָמאַנדיר און פון קאָמיסאַר פון אָטריאַד פולע כאַראַקטעריסטיקעס וועגן אַלע קעמפערס, כּדי,

איך זאָל זייענדיק אין געטאָ קענען אָפּגעבן אַ פולן באַריכט פאַר דער געטאָ־אָרגאַניזאַציע וועגן יעדן פּאַרטיזאַן. הייסט דאָס, אַז מיין כאַראַקטעריסטיק, וואָס איך האָב געגעבן פּאַדיסאָנען איז געגעבן געוואָרן בלויז פון הערן און ניט פון אייגענער איבער־צייגונג.

אַזוי האָט ער אַריינגעשריבן אין פּראָטאָקאָל, אַז דער פראַגע מיטן ענטפער. דאָס האָט שוין פּאַקטיש בטל געמאַכט מיין כאַראַק־טעריסטיק. ער האָט זיך, אָבער, אויף דעם ניט אָפּגעשטעלט און האָט מיך געפרעגט, צו איך האָב געהערט פון משה פּאַרט, אַז ער האָט זיך באַקלאָגט אויף פּאַדיסאָנען, אַז אַ דאַנק אים איז איינע פון זיינע טעכטער אַוועקגעשיקט געוואָרן אין קאָשעדאַרער לאַגער און, אַז פּאַדיסאָן האָט זיך באַצויגן צו איר מיט אכזריות. איך האָב אים געענטפערט, אַז ער אַליין האָט אָקאָרשט געזאָגט, אַז „געהערט — איז ניט געזען" און, אַז מען קען זיך ניט שטיצן אויף דעם, וואָס מען האָט נאָר געהערט... פון מיין ענטפער האָט ער פאַרשטאַנען אַז האָב איך יאָ געהערט פון משה פּאַרט און אַזוי האָט ער אַריינ־געשריבן אין פּראָטאָקאָל.

די אויספאָרשער פון נ. ק. וו. ד. זיינען געווען קינסטלער צו איבערדרייען די רייד פון אַן עדות צו זייער גונסטן. אַזוי האָבן זיי צונישט געמאַכט מיין פּאָזיטיווע כאַראַקטעריסטיק פאַר פּאַדיסאָנען. דער געריכט האָט פּאַדיסאָנען אָנערקענט פאַר שולדיק און אים פאַרמשפּט אויף זייער אַ לאַנגע תפיסה־שטראָף און בלויז נאָך סטאַלינס טויט, איז ער באַפרייט געוואָרן אין רעזולטאַט פון אַן אַמנעסטיע.

## ווען איז אומגעקומען חיים יעלין?

איין טאָג האָט מען מיך אַרויסגערופן אין אינסטיטוט פאַר פּאַרטייאישער היסטאָריע, ווו עס זיינען געזעסן סאָלאָמין מיט פּאָווילאַס שטאַראַס (אַ פאַראַנטוואָרטלעכער מיטאַרבעטער פון אינסטיטוט און צו יענער צייט שטעלפאַרטרעטער פון דירעקטאָר שאַרמייטיס), ביידע האָבן מיר געפרעגט צו איך קען זיי אָנגעבן די

דאַטע ווען עס איז אומגעקומען חיים יעלין? איך האָב זיי געענט־פערט, אַז געגנוי אָנגעבן די דאַטע פון זיין אומקום קען איך ניט, ווייל אין דער צייט ווען חיים איז אומגעקומען, בין איך ניט געווען אין קאָוונע, אָבער מיר — זיינע געוועזענע מיטקעמפער אין דער אונטער־ערד, מערקן אָפּ יעדעס יאָר די דאַטע פון זיין אומקום דעם 6־טן אַפּריל, אַזוי ווי דאָס איז אָנגעגעבן אין בוך פון מאיר יעלין און דימע געלפערן.

זיי האָבן מיר דאַן געזאָגט, אַז חיים יעלין איז לויט די דאָקו־מענטן פון דער געסטאַפּאָ, ניט אומגעקומען אין קאָוונע, נאָר אין ווילנע און, ניט דעם 6־טן אַפּריל, נאָר דעם 25־טן מאַי 1944. אַלס באַשטעטיקונג צו דעם האָט מען מיר באַוויזן פאָטאָקאָפּיעס פון דאָקומענטן, לויט וועלכע חיים יעלין איזווירקלעך פאַרכאַפּט גע־וואָרן פון דער ליטווישער „סאוגומאַס״ (זיכערהייטס־דינסט) דעם 6־טן אַפּריל.

אין זייער בריוו צו דעם שעף פון דער דייטשער זיכערהייטס־דינסט האופטשטורמפירער שמיץ, וואָס איז דאַטירט דעם 8־טן אַפּ־ריל 1944, שרייבן זיי, אַז דעם 6־טן אַפּריל האָבן זיי פאַרכאַפּט אַ יידישן פּאַראַשוטיסט חיים געלמאַן, וועלכער איז אַראָפּגעלאָזן געוואָרן אין רודניצקער וואַלד און איז פון דאָרטן אָנגעקומען אין קאָוונע. ער ווייסט צו דערציילן, אַז עס גרייט זיך אַן אַטענטאַט אויף דעם דייטשן גענעראַל־קאָמיסאַר אין קאָוונע, פאָן רענטעלין וואָס דאַרף אויסגעפירט ווערן דורך דריי באַנדיטן פון רודניצקער וואַלד: יורקע, מישקע און קאָלקע. די דריי באַנדיטן זיינען שוין אין קאָוונע געווען און האָבן זיך דאָ אַ לענגערע צייט פאַרנומען מיט פלינדערייען און דערפאַר האָט מען זיי אין וואַלד פאַראורטיילט צו טויט־שטראָף. מען האָט זיי אָבער באַגנעדיקט, ווייל זיי האָבן זיך אונטערגענומען אויסצוקויפן זייער שולד מיט דורכפירן אַ פּאָ־ליטישן אַטענטאַט אויף דעם גענעראַל־קאָמיסאַר.

ווייטער איז אין בריוו געשריבן געוואָרן, אַז מען קען דעם פּאַל גלויבן, ווייל זיי איז ווירקלעך באַוווּסט וועגן דער פאַרברע־כערישער טעטיקייט פון די דריי דערמאָנטע באַנדיטן אין קאָוונע

און, אַז מיט דער הילף פון זייער רעזידענט — פּיעטיאַ טראָפּימאָוו, קענען זיי אַזאַ אַטענטאַט אויספירן.

אויסער דעם איז אויך געווען אַ פאָטאָקאָפּיע פון אַ בריוו פון דער דייטשער זיכערהייטס־ דינסט צום ס.ס.־אָבערפירער אין ווילנע (זיין פאַמיליע געדענק איך ניט). דאַטירט דעם 14־טן אַפּריל. אין דעם דאָזיקן בריוו איז אָנגעגעבן דאָס זעלבע, וואָס אין בריוו פון דער ליטווישער „סאַוגומאַס" און, אויסער דעם נאָך, אַז דעם פּאַר־כאַפּטן זיינען באַקאַנט די ערטער וווּ עס געפינען זיך די יידן־באַזעס אין רודניקי־האַרסט, און זיי האַלטן פאַר ווינשנסווערט אים אַרי־בערפירן „צור פערפיגונג דעם ווילנער זיכערהייטס־דינסט".

אויף דעם איז אָנגעקומען אַ טעלעגראַמע פון ווילנע אַז מען זאָל דעם העפטלינג אַריבערפירן צו זיי, ווייל וועגן „דער יודן־באַזיס אין רודניקי־האַרסט איז זיי שוין לאַנג באַקאַנט און זיי גרייטן אַ גרויסע אַקציע די באַזיס צו פערניכטן".

איך האָב אַרויסגעזאָגט סאָלאָמינען און שטאַראָסן מיין מיינונג וועגן דעם אינהאַלט פון די דאָקומענטן. ערשטנס איז קלאָר און באַוווּסט, אַז חיים יעלין האָט קיינעם ניט אַרויסגעגעבן. די נעמען יורקע, מישקע און קאָלקע זאָגן קיין זאַך ניט, ווייל אַזעלכע רוסישע נעמען זיינען דאָ אַ סך און, אויסער דעם, האָבן זיי זיך צו דער צייט אין קאָוונע, בכלל, ניט געפונען. דער נאָמען פּיעטיאַ טראָפּי־מאָוו, ווערט דערמאָנט אין בריוו פון „סאַוגומאַס" ניט אין צוזאַ־מענהאַנג מיט חיימ'ס פאַרהער, נאָר פון זייערע פריערדיקע פאַר־שונגען. צווייטנס — איז פון דעם בריוו קלאָר, אַז חיים יעלין האָט געזוכט יעדע מעגלעכקייט אויסצומיידן מען זאָל אים ניט פאַר־בינדן מיט דער אונטערערד פון קאָוונער געטאָ. דעריבער האָט ער דאָס זיי דערציילט, אַז ער איז אַ פּאַראַשוטיסט חיים געלמאַן, און איז אַרונטערגעוואָרפן געוואָרן אין רודניצקער וועלדער, בכדי מען זאָל אים פון קאָוונע אַריבערפירן אין ווילנע. דאָרטן איז געווען זיין פּלאַן מען זאָל אים פירן כלומרשט אין וואַלד, כדי ער זאָל ווייזן די באַזעס פון די פאַרטיזאַנער און דאָרטן אין וואַלד וועט ער פּרובירן פון זיי אַנטלויפן.

חיים האָט גאַנץ גוט פאַרשטאַנען, אַז דאָס אָנגעבן זיך אַלס

פּאַראַשוטיסט וועט אים קיין גוטס מצד דער געסטאַפּאָ ניט ברענגען. פונדעסטוועגן האָט ער באַשלאָסן אויף אַזאַ אופן צו געווינען זייער צוטרוי און אויסנוצן אַלע מעגלעכקייטן צו אַנטלויפן. סאָלאָמין האָט צו מיין דערקלערונג צוגעשטימט און איז מסכים געווען מיט מיינע אויספירן, אָבער שטאַראַס האָט זיך איינגעשפּאַרט אויף דאָס זייניקע, אַז חיים האָט פאַרענדיקט זיין טעטיקייט נעגאַטיוו...

אַלע אונדזערע פּאַרטיזאַנער, און איך צווישן זיי, זיינען געווען טיף איבערצייגט, אַז חיים איז דורכגעגאַנגען זיין טעטיקייט פון אָנפאַנג ביזן סוף אַלס אַ גרויסער העלד. איך באַצייכן „אַלס אַ גרויסער העלד", ווייל העלדן זיינען אויך אָנגערופן געוואָרן אַזעלכע, וועלכע האָבן דורכגעפירט נאָר איינצלנע העלד־טאַטן, אָבער חיים׳ס אונטערערדישע טעטיקייט, איז געווען אַ העלדישע פון אָנהויב ביזן סוף. ווער עס האָט נאָר געקענט חיימען, אָן אונטערשייד פון פּאָליטישער איבערצייגונג, רופן זיך אָפּ וועגן אים מיט גרויס אַכטונג, ליבע און אָנערקענונג.

## אמתע און פאַלשע העלדן...

און איצט וועגן פּאָווילאַס שטאַראַס, וועלכער האָט באַצייכנט חיים׳ס סוף אַלס נעגאַטיוון. לויט זיין בוך וועגן דער קאָמיוגיס־טישער אונטערערדישער טעטיקייט אין קאָוונער שטאָט און געגנט, זיינען די קאָמיוגיסטן טשעפּאַניס, באַריסאָ און אַלעקסאַניס אויסגע־צייכנט געוואָרן מיט לענין־אָרדנס און מיט גאָלדענע שטערנס און באַקומען דעם טיטל — „העלד פון ראַטנפאַרבאַנד" נאָך זייער טויט. זייערע פאָטאָגראַפיעס זיינען, ווי געוויינלעך, אַרויסגעשטעלט גע־וואָרן אין אַלע שוי־פענצטער און אין אַלע עפנטלעכע פּלעצער. דערביי איז כדאי אונטערצושטרייכן, אַז איינע אַ ליטווישע פרוי האָט אין דער פאָטאָגראַפיע פון טשעפּאַניסן דערקענט דעם וואָס האָט פאַרגוואַלדיקט און דערמאָרדעט אירע צוויי אומשולדיקע טעכטער. זי האָט דאָס דערציילט אירע שכנים און אויך דעם גלח אין קלויסטער און עס האָט זיך פאַרקאָכט יענע קאַשע...

דער גלח האָט צוזאַמענגעקליבן אייניקע הונדערט אונטער־

שריפטן, בייגעלייגט אַן אויסצוג פון אַ ליטווינער צייטונג (I laisve) * פון 3.1.1944 ווו עס איז געווען באַשריבן דער גרויזאַמער פאַל און, דאָס אַלץ, אַוועקגעשיקט צו כרושטשאָוון מיט דעם פאָרוואורף — ווי קען מען אַזאַ מענטשן ווי טשעפּאַניס אָנרופן „העלד פון ראַטנ־פאַרבאַנד״? די מוטער פון די אומגעקומענע טעכטער האָט גענוי באַשריבן טשעפּאַניסן און זיינע דריי באַגלייטער, וועלכע האָבן זיך אַרויסגעוויזן אַלס יורקע, קאַלקע און מישקע, וואָס האָבן זיך פאַרנומען אין קאָוונע מיט פינצטערע עסקים...

דעם בריוו פון כרושטשאָווס קאַנצעלאַריע האָט מען איבער־געשיקט אין דער ק.ג.ב. פון דער ליטווישער רעפּובליק, כדי גענוי אויפצוקלערן דעם פאַל. און אַזוי ווי דעם טיטל „העלד פון ראַטנ־פאַרבאַנד״, האָט מען טשעפּאַניסן געגעבן אויפן סמך פון פּאָווילאַס שטאַראַסעס בוך, האָט מען באַאויפטראַגט דעם אינסטיטוט פון פּאַרטיי־היסטאָריע, וועלכער האָט אַרויסגעלאָזן דאָס בוך, ווו פּאָווי־לאָס שטאַראַס האָט פאַרנומען אַ פאַראַנטוואָרטלעכן פּאָסטן צו געבן אַ גרינטלעכע אויפקלערונג אין דאָזיקן ענין.

אַזוי ווי דאָס איז געווען פאַרבונדן מיט דער טעטיקייט פון קאָוונער אונטערערד, האָט מען מיך געשיקט רופן, ווייל איך האָב געהאַט די פאַרבינדונג מיט קאָוונע און האָב געהאַט די מעג־לעכקייט זיך צו באַקענען מיטן גאַנצן מאַטעריאַל און גלייב־צייטיק געבעטן, אַז איך זאָל מיט אַלע מעגלעכקייטן זען צו „פאַר־גלעטן״ דעם ענין, ווייל דאָס קען ברענגען שאָדן דעם פּרעסטיזש פון דער ליטווישער רעפּובליק.

איך האָב זיך פאַרבונדן מיט דער פאַרבינדלערין פון געטאָ אידאַ ווילענטשוק. זי האָט געוווּסט צו דערציילן, אַז טשעפּאַניס איז די נאַכט פון 25־טן דעצעמבער 1943 געווען צוזאַמען מיט יורקען, מישקען און קאַלקען ניט ווייט פון נײַנטן פאָרט. די זעלבע נאַכט זיינען פון דאָרטן אַנטלאָפן די אסירים, צווישן זיי, אויך איר מאַן אַראָנטשיק ווילענטשוק.

די נאַכט, ווען ס׳איז פאָרגעקומען דאָס אַנטלויפן פון נײַנטן

---

* אין פרייהייט.

פּאַרט, האָבן די דייטשן, נאָכיאָגנדיק אַ טייל פון די אַנטלאָפענע, געעפנט אַ שטאַרקע שיסעריי. טשעפּאַניס, יורקע, מישקע און קאַלקע האָבן געמיינט, אַז די שיסעריי איז געווענדעט אויף זיי, האָבן זיי גענומען לויפן באַרג־אַראָפּ און, לויפנדיק, האָט טשעפּאַניס זיך אָן עפּעס פאַרטשעפּעט און האָט צעבראָכן אַ פוס. יורקע, מישקע און קאַלקע האָבן אים איינגעוויקלט אין אַ רעגן־מאַנטל און געבראַכט אים צוטראָגן מיט דער צעבראָכענער פוס צו זיינע עלטערן אין שאַנץ. אַזוי אַרום איז טשעפּאַניס דעם 3־טן יאַנואַר 1944 ניט געווען פעאיק אויסצופירן די גרויזאַמקייטן וועגן וועלכע עס האָבן זיך געקלאָגט די ליטווינער און די מוטער פון די אומגעקומענע טעכטער. אמת, די צייטונג פון 3־טן יאַנואַר 1944, האָט געקענט באַשרייבן אַ פאַל, וואָס איז געווען אויסגעפירט אויך פריער, אָבער פאַר דער ק. ג. ב. איז דאָס עדות־זאָגן פון אידאַ ווילענטשוק געווען גענוג, כדי צו ליקווידירן דעם פאַרפלאָנטערטן ענין. שאַרמייטיס, דער דירעקטאָר פון אינסטיטוט פאַר פאַרטייהיסטאָריע איז געבליבן צופרידן און האָט מיר אויסגעדריקט זיין דאַנק.

ניט צופרידן איז, אָבער, געבליבן פּאַווילאַס שטאַראַס, וועלכער האָט אין זיין בוך געשריבן, אַז דעם 27־טן דעצעמבער 1943, האָט ער מיט אַ גרופּע קאָמיוגיסטן, צווישן זיי אויך טשעפּאַניס, אָנגעפאַלן ביינאַכט אויף אַ געפאַנגען־לאַגער און באַפרייט פון דאָרט די סאָוויעטישע קריגס־געפאַנגענע. בעת דער דאָזיקער אָפּעראַציע איז טשעפּאַניס פאַרוווּנדעט געוואָרן אין פוס און זיינע חברים האָבן אים פריער אויסבאַהאַלטן אַ פאַרוווּנדעטן, עפּעס אין אַן אַנדער אָרט און, ערשט מיט אַ צייט שפּעטער האָט מען אים אַריבערגעפירט צו זיינע עלטערן.

דאָס עדות־זאָגן פון אידאַ ווילענטשוק איז געשטאַנען אין דירעקטן ווידערשפּרוך מיט די באַשרייבונגען אין שטאַראַסעס בוך און ער האָט געפּרוּווט פּראָטעסטירן. מען האָט אים אָבער באַרויִקט. דאָס איז ער, דער שרייבער פון דער „אויטענטישער געשיכטע”, וועלכער האָט זיך געגרויסט מיט אויסגעטראַכטע העלדן־טאַטן און

געפּרוּווט קריטיקירן אַן אמתן העלד, ווי דאָס איז געווען חיים יעלין.

## דער אַנטי-יידישער פּאַדעם וויקלט זיך...

אויך לייב סאָלאָמין, וועלכער איז געווען אַ הונדערטפּראָצענ־טיקער קאָמוניסט, איז ניט געבליבן אומבאַרירט. עס איז אָנגעקומען אין צ. ק. אַ באַשולדיקונגס־בריוו קעגן אים פון דעם געוועזענעם אָנפירער פון דער גרופּע פּאַראַשוטיסטן, וועלכע איז אָנגעקומען אין קאָזלאָ־רודער וואַלד, צו ביעלאָוסקאַסן אין אָטריאַד און צוליב טעכנישע מיספאַרשטענדענישן זיינען זיי אָנגענומען געוואָרן דורך ביעלאָוסקאַסן אַלס אַ פיינטלעכע גרופּע. אין רעזולטאַט פון דער מיספאַרשטענדעניש האָט ביעלאָוסקאַס אַרויסגערופן אַ פאַר־שטאַרקונג פון סאָלאָמינס אָטריאַד און מען האָט געעפנט אַ שטאַרקן פייער אויף די אָנגעקומענע פּאַראַשוטיסטן און צוויי פון זיי דערהרגעט און נאָך צוויי שווער פאַרוואונדעט.

דער אָנפירער פון דער פּאַראַשוטיסטן־גרופּע (דאָן אַן עלטע־רער לייטענאַנט און שפּעטער שוין אַ מאַיאָר), האָט אין זיין אָנקלאַגע אַריינגעלאָזן דעם גאַנצן גיפט אין סאָלאָמינען און ניט אין ביעלאָוסקאַסן. אויסער דעם, איז די אָנקלאַגע אָנגעגעבן גע־וואָרן ערשט, כמעט 15 יאָר נאָך דעם, ווי דער פאַל איז פאַרגע־קומען. דאָס פּרובירט דער אויטאָר פון דער אָנקלאַגע צו פאַר־בינדן מיט סאָלאָמינס טעטיקייט פון נאָך דעם קריג אַלס לייטער פון דער אָרג־אָפּטיילונג אין קאָוונער פּאַרטיי־שטאָט־קאָמיטעט.

אין דער אָנקלאַגע שרייבט דער אויטאָר, אַז סאָלאָמין שטייט פאַקטיש בראש פון דער יידישער אונטערערד אין קאָוונע און פאַרנעמענדיק אַ הויכן פּאַרטיי־פּאָסטן, נוצט ער אויס זיין פּאָזי־ציע, כדי צו פאַרטיילן די יידן די בעסטע דירות פון שטאָט און נאָך אַזעלכע ענלעכע אַנטיסעמיטישע גיפטיקע באַשולדיקונגען. אינ־טערעסאַנט איז, אַז אין דער אָנקלאַגע איז דווקא סאָלאָמין, וועל־כער האָט אין דער צייט פון זיין פּאַרטיזאַנער טעטיקייט, שטרענג פאַרבאָטן די יידן צו ריידן צווישן זיך יידיש — דווקא ער איז באַ־

צייכנט געוואָרן אַלס ראש פון אַ יידישער אונטערערד אין קאָוונע. אין צ. ק. האָט מען סאַלאָמינען גוט געקענט (ער איז ניט געווען קיין צופעליקער קאָמוניסט, נאָר אַ וועטעראַן פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי). דער פאַל מיט די פּאַראַשוטיסטן איז שוין געווען אויסגעפאָרשט גענוי גלייך נאָכן קריג, אַזוי דורך די מיליטערישע און אַזוי אויך דורך די פּאַרטייאישע אָרגאַנען.

לויט דער לאָגיק האָט מען אַזאַ אָנקלאַגע, בכלל, ניט באַדאַרפט נעמען אין באַטראַכט, אָדער ווייניקסטנס אָנווענדן די אויספאָרשונג קעגן דעם אָנקלאַגער אַליין. פאַרגעקומען איז, אָבער, דאָס פאַרקערטע: דער לייטער פון דער אָרג־אָפּטיילונג פון צ. ק. נאָוויצקאַס, וועלכער האָט באַקומען די אָנקלאַגע, האָט, נאָך פאַר דער אויספאָרשונג זיך אויסגעדריקט קעגן סאַלאָמינען בזה הלשון: „מיר וועלן אים ניט נאָר אַרויסוואַרפן פון דער פּאַרטיי, נאָר מיר וועלן אים נאָך צוציען צו געריכטלעכער פאַראַנטוואָרטלעכקייט".

סאַלאָמין, וועלכער האָט פון אָנפאַנג ניט שטאַרק געלייגט קיין אַכט אויף דער אָנקלאַגע, האָט צולעצט אָנגעהויבן עפּעס צו אונטערנעמען. אַזוי האָט ער אויך מיך געבעטן זיך אַריינמישן אין דעם ענין און געבעטן אַז איך זאָל געבן די ריכטיקע אויפקלערונג וועגן דעם פאַל פון די פּאַראַשוטיסטן. איך האָב אָנגעשריבן אַ לאַנגן בריוו צו דעם ערשטן סעקרעטאַר פון צ. ק. סניעטשקוסן, אין וועלכן איך האָב גאַנץ גענוי באַשריבן די היסטאָריע פון דעם פאַל מיט די פּאַראַשוטיסטן. איך האָב אויך געגעבן אַ גענויע כאַראַקטעריסטיק אויף דעם אָנקלאַגער גופא און זיין אָנקלאַגע און געבעטן אַריבערפירן די אָנקלאַגע פון נאָוויצקאַסן צום אויספאָרשן דורך דעם אינסטיטוט פון פּאַרטיי־היסטאָריע.

איידער איך האָב אַרויסגעשיקט מיין בריוו צו סניעטשקוסן, האָב איך זיך טעלעפאָניש פאַרבונדן מיט זימאַנאַסן און זיך באַראַטן מיט אים וואָס צו טאָן. ער האָט מיר ניט געראָטן זיך אַריינמישן אין דעם ענין. אַזוי ווי איך האָב, אָבער, געזען אין דער אָנקלאַגע, ניט נאָר אַ באַשולדיקונג קעגן סאַלאָמינען אַליין, נאָר בכלל קעגן דער יידישער קבוצה אין קאָוונע — האָב איך דעם

בריוו יאַ אָפּגעשיקט און ס׳איז מיר געלונגען די אָנקלאַגע אַרויס־צונעמען פון נאָוויצקאַסן און מען האָט דעם ענין איבערגעגעבן צו אויספאָרשן צו דעם אינסטיטוט פון פּאַרטיי־היסטאָריע.

נאָך אייניקע מאָנאַטן פון אויספאָרשונגען, איז סאָלאָמינס אומשולד דערוויזן געוואָרן און דער אָנקלאַגער האָט ענדלעך געקראָגן אַ פּאַרטייאישן אויסרייד פאַר זיין ניט באַזירטער אָנ־קלאַגע. פון אַזאַ אויסגאַנג, איז דער איינציקער ניט קיין צופרי־דענער געבליבן נאָר נאָוויצקאַס.

## דער ביטערער טעם פון אַ קאָמאַנדיראָווקע קיין פינלאַנד

צו יענער צייט בין איך געווען דער סעקרעטאַר פון אַ פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע אַלס אַזעלכער איז מיר געגעבן געוואָרן די דערלויבעניש צו פאָרן אַלס טוריסט קיין פינלאַנד מיט אַ גרופּע ספּאָרטלער. אין פינלאַנד האָבן מיר געוויילט אין משך פון דריי וואָכן. פאָרן געלט, וואָס איך האָב באַקומען אויפן וועג, האָב איך געקויפט אין העלסינקי אַ מאַנטל פאַר זיך און אויך פאַר מיין פרוי.

ווען איך האָב זיך צוריקגעקערט פון פינלאַנד אין ווילנע, האָט מען מיך אַרויסגערופן אין פּאַרטיי־קאָמיטעט פון פאָלקסווירט־שאַפט־ראַט ווו דער סעקרעטאַר קאָזלאַוסקאַס האָט מיר פאָרגע־שלאָגן צו שרייבן אַן אויפקלערונג וועגן מיין אויפפירונג אַלס קאָמוניסט, אין אַ קאַפּיטאַליסטיש לאַנד. ווייזט זיך אַרויס, אַז מען האָט מיך באַשולדיקט, ניט מער און ניט ווייניקער, ווי אין „אַנטי־סאָוויעטישער פּראָפּאַגאַנדע אין אַ קאַפּיטאַליסטיש לאַנד". דאָס הייסט, אַז מיט דעם וואָס איך האָב געקויפט די מאַנטלען פאַר זיך און פאַר מיין פרוי אין העלסינקי, האָב איך אומדירעקט געפירט „אַנטיסאָוויעטישע פּראָפּאַגאַנדע". דאָס האָט געדאַרפט באַווייזן, אַז אין ראַטנפאַרבאַנד איז ניט מעגלעך צו קויפן קיין מאַנטלען און מען מוז דאָס אומבאַדינגט קויפן נאָר אין אַ קאַפּיטאַליסטיש לאַנד...

נאָכדעם ווי איך האָב אָנגעשריבן מיין דערקלערונג, האָט מען מיך געשטעלט צום פאַרהער אויף אַ זיצונג פון פּאַרטיי־

קאָמיטעט. פאַר דעם, האָט מען מיר שוין באַפרייט פון דעם אַמט אַלס סעקרעטאַר אין אונדזער פאַרטיי־אָרגאַניזאַציע.

אויף דעם פאַרהער פאַר די מיטגלידער פון פאַרטיי־קאָמיטעט, האָב איך דערקלערט, אַז ווען איך בין אַריין אין געשעפט קויפן די מאַנטלען איז אויף מיר ניט געווען קיין שילד, אַז איך בין אַ קאָמוניסט פון ראַטנפאַרבאַנד. קיינער האָט זיך אויך מיט מיין פּערזאָן ניט אינטערעסירט. גערעדט האָב איך מיט זיי דייטש און ניט רוסיש. איך בין זיכער אַז ווען איך האָב פאַרלאָזן דאָס געשעפט האָבן זיי, די פאַרקויפער געוויס גלייך פאַרגעסן וועגן מיר. טאָ וואָס פאַרא „אַנטיסאָוועטישע פּראָפּאַגאַנדע”, אויב אַפילו אַן אומדירעקטע, האָט געקענט זיין פאַרבונדן מיט מיין קויפן מאַנטלען?

די אַלע, וואָס האָבן אַרויסגעטראָטן אויף דעם פאַרהער מיט אַן אָפּהאַנדלונג וועגן מיין ניט עטישן, אַנטיפּאַרטייאישן טאַט, האָבן מיך פאַראורטיילט. עס האָבן זיך געהערט אַזעלכע אויסדרוקן, ווי: „איך האָב פאַרלוירן דעם כבוד פון אַ קאָמוניסט”. מען האָט מיר אויך פאַרגעוואָרפן דאָס, וואָס איך בין אין אַ שטענדיקער פאַרבינדונג מיט מיין ברודער אין אויסלאַנד און אַז איך באַקום פון אים אַפילו שטיצע. אויך דאָס איז אַנטיסאָוויעטישע פּראָפּאַגאַנדע, היות ווי מען קען דאָס אויסטייטשן, אַז אין ראַטנפאַרבאַנד קען מען ניט עקזיסטירן אָן דער שטיצע פון אויסלאַנד. איך האָב דערקלערט, אַז דאָס וואָס איך באַקום פון מיין ברודער, קען מען דאָס ניט אָנרופן שטיצע, נאָר אַ מתנה.

מיינע דערקלערונגען זיינען פאַר זיי ניט געווען איבערצייגנד און זיי זיינען ניט גענומען געוואָרן אין אַכט. דער סעקרעטאַר קאָזלאָוסקאָס האָט געזאָגט, אַז ס'איז דאָ אַ פאַרשלאָג פון די העכסטע פאַרטיי־אינסטאַנצן אויסצושליסן מיך פון דער פאַרטיי. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז דער פאַרשלאָג איז געקומען פון נאָוויצקאַסן. ווען ס'איז געשטעלט געוואָרן דער פאַרשלאָג צו דער אָפּשטימונג, האָט קיינער, חוץ דעם סעקרעטאַר אַליין, פאַר אים ניט געשטימט. דאַן איז געשטעלט געוואָרן צום אָפּשטימונג דער פאַרשלאָג מיר צו געבן אַ שאַרפן פאַרטיי־אויסרייד און איינשרייבן דאָס אין מיין פערזענלעכן אַקט. פאַר דעם פאַרשלאָג האָבן גע־

שטימט אַלע מיטגלידער פון פּאַרטיי־קאָמיטעט. דאָן איז ווידער געשטעלט געוואָרן צום אָפּשטימונג דער פּאַרשלאָג צי מען זאָל מיך איבערלאָזן אויף מיין אַרבעטס־פּאָסטן, האָבנדיק אַ שאַרפן פּאַרטיי־אויסרייד. קעגן דעם איז אַרויסגעטראָטן דער פּאַרזיצער פון פּאָלקסווירטשאַפט־ראַט־קאָמיטעט און געזאָגט: „ווען מען ווילט איר דערמיט באַשטראָפן, ענדלינאָסן? ער וועט אומעטום קריגן אַרבעט און וועט דעם שטראָף אַפילו ניט שפּירן, אָבער די מאַשי־נען־בוי־פּאַרוואַלטונג, ווו ענדלינאָס אַרבעט וועט דערפון ליידן". נאָך אַזאַ אַרויסטרעטונג פון קאָלוויעטיסן, האָבן אַלע געשטימט קעגן דעם פּאַרשלאָג מיך צו באַפרייען פון דער אַרבעט.

די רעזאָלוציע פון פּאַרטיי־קאָמיטעט האָט נאָך געדאַרפט באַשטעטיקן דאָס ביוראָ פון ראַיאָן פּאַרטיי־קאָמיטעט. דאָ האָט זיך ווידער אָנגעהויבן אַלץ פון דאָס ניי. איין מיטגליד פון ביוראָ האָט זיך אויסגעדריקט, אַז „איך האָב פּאַרביטן די פּאַרטיי אויף שמאַטעס"... אַ צווייטער ביוראָ־מיטגליד האָט מיך געפרעגט: „פון וואַנען איז דאָס באַוווּסט, אַז די פּאַקעטן וואָס איך באַקום פון אויסלאַנד, שיקט מיר מיין ברודער? אפשר שיקט דאָס גאָר אַ שפּיאָנאַזש־אָרגאַניזאַציע, וואָס באַנוצט זיך נאָר מיט דיין ברודערס אַדרעס" ?!

אייניקע האָבן געשטעלט נאָך אַ סך אַזעלכע באַנאַלע־לעבער־לעכע און פּראָוואָקאַטיווע פראַגן. איך האָב אויף דער ביוראָ־זיצונג געזאָגט, אַז געוויס בין איך שולדיק, וואָס איך האָב ניט אַזוי ווייט דערטראַכט זיך, ווי דאָס האָבן מיר אָנגעוויזן די מיטגלידער פון ביוראָ, אָבער איך האַלט, אַז די ביוראָ דאַרף זיך רעכענען מיט מיינע פּאַרדינסטן פאַר דער פּאַרטיי, אַזוי ווי אין דער צייט פון אונ־טערערדישן קאַמף, אַזוי אויך נאָך דעם קריג, ווו איך האָב אין משך פון פערצן יאָר אָן איבעררייס אויסגעפילט דעם פּאָסטן פון אַ סעקרעטאַר און שטעלפּאַרטרעטער פון סעקרעטאַר פון דער פּאַר־טיי־אָרגאַניזאַציע אויף מיין אַרבעטס־אָרט. דריי יאָר האָב איך גע־אַרבעט אין צ.ק. פון דער פּאַרטיי און שטענדיק אַקטיוו אָנטייל־גענומען אין אַלע פּאַרטיי אונטערנעמונגען. מען האָט זיך, אָבער,

מיט דעם אַלעם ניט גערעכנט און איינשטימיק באַשטעטיקט דעם באַשלוס פון פּאַרטיי־קאָמיטעט.

איך האָב פּראָטעסטירט קעגן דער רעזאָלוציע פון ראַיאָן־פּאַרטיי־קאָמיטעט און מיין פּראָטעסט בריוו אַוועקגעשיקט צום צענטראַל־קאָמיטעט. ערשט אין אַ האַלב יאָר שפּעטער, האָט מען איבערגעגעבן אַ גרופּע קאָמוניסטן־פּענסיאָנערן דורכצוקוקן מיין ענין און צוגרייטן צו אַ זיצונג פון ביוראָ פון ראַיאָן־קאָמיטעט, נאָך אַ מאָל באַהאַנדלען די פריערדיקע רעזאָלוציע.

דאָס מאָל, האָט מען אויף דעם ביוראָ ניט לאַנג זיך פאַרנומען מיט מיר און די אַלע, וואָס האָבן פריער געשטימט פאַר דערקלערן מיר אַ שטרענגן פּאַרטיי־אויסרייד מיטן אַריינשרייבן דאָס אין מיין פּאַרטיי־אַקט, האָבן איצטער געשטימט פאַרן אַראָפּנעמען דעם פּאַרטיי־אויסרייד. דאָס מאָל האָט מען זיך שוין „גערעכנט" מיט מיינע אויבנדערמאָנטע פאַרדינסטן פאַר דער פּאַרטיי. אַזאַ פאַר־מעלער צוגאַנג פון פּאַרטיי־קאָמיטעט צו אַ קאָמוניסט, האָט זייער שטאַרק צעטרייסלט מיין געמיט, עס האָט גענאָגט דער פאַרדרוס און איך האָב דעם גאַנצן ענין שווער אַדורכגעלעבט. אין רעזול־טאַט פון דעם גרויסן עגמת־נפש האָב איך זייער אָפט אָנגעהויבן צו ליידן פון האַרץ־אַטאַקן.

## אַ סיורפּריז צו מיין 50 יאָריקן יוביליי

דאָס אַלץ איז פאָרגעקומען צו מיין 50 יאָריקן יוביליי. אמת, מיינע נאָענטע און גוטע אַרבעטס־פריינט, האָבן אָפּגעמערקט מיין יוביליי מיט אַ באַגריסונג־גראַמאָטע און מיט מתנות, אָבער מיין שטימונג איז שוין געווען אַ דערדריקטע...

אַן אָנגענעמע איבערראַשונג האָבן מיר אָבער געמאַכט מיינע קאַמף־חברים אין קאָוונע. ווען איך בין איינמאָל אָנגעקומען אין קאָוונע מיט פאַרשיידענע אַרבעטס־אויפגאַבן בין איך, ווי געווייג־לעך, אַריינגעפאָרן צו שמעון און רבקה בלאָך. איך האָב זיך ביי זיי שטענדיק געפילט ווי ביי זיך אין דער היים. נאָך אַ טאָג שווערע

אַ באַגעגעניש פון אַ גרופּע געוועזענע פּאַרטיזאַנער פון קאָוונער געטאָ
לכבוד דעם 50 יאָריקן יובילײ פון נחמיה ענדלין — קאָוונע 1961

אַרבעט, בין איך געקומען צו זײ זיך אויסרוען און, זײענדיק זײער מיד, בין איך איינגעשלאָפן אויף אַ קורצע צײט.

אין דער צײט ווען איך האָב זיך געפונען בײ זײ, האָבן זײ געגעבן צו וויסן אַלע נאָענטע חברים, אַז איך געפין זיך בײ זײ אין שטוב און אַלע צוזאַמען האָבן געגרייט אַ שיינעם יום־טובדיקן טיש לכבוד מײן 50 יאָריקן יובילײ. און זײ האָבן באַשלאָסן מיר צוגרייטן אַ סיורפּריז. ווען איך האָב זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף, האָב איך גאָרניט „חושד" געווען און אַלטעלע טעפּער האָט געשמועסט מיט מיר אַ קורצע צײט און דאַן, לויט אַ צייכן, אַז אַלץ איז שוין פאַרטיק, האָט מען מיך אַרײנגעפירט אין סאַלאָן, ווו עס זיינען שוין געזעסן די חברה בײ דעם געדעקטן טיש און מען האָט מיך אויפגענומען „מיט גרויס פּאַראַד". חברים האָבן געהאַלטן רעדעס, סימעלע פּײטלסאָן האָט געלייענט זײער אַ שיינעם געדיכט, וועלכן זי האָט אַליין פאַרפאַסט, געווידמעט מיר. זי האָט אויך פאַרגעלייענט צוויי בריוו פון ארץ־ישראל מיט

באַגריסונגען צו מיין יובילײ. איין באַגריסונג איז געווען פון בערל לעווין און די צווייטע פון מלכה׳לע שמאלי. פון אַזאַ אומגעריכ־טער איבערראַשונג, בין איך געווען זייער גערירט. דעם זעלבן אָוונט האָט אונדז משה׳לע שערמאַן אַלע צוזאַמען פאָטאָגראַפירט און דאָס איז געבליבן פאַר מיר און פאַר אונדז אַלעמען זייער אַן אַנגענעמע אָנדענקונג.

## די אויסצייכענונג פון דער פוילישער רעגירונג

עס איז ניט לאַנג אַוועק פון יענער צייט, נאָך דעם ענין מיטן שטרענגן פּאַרטיי־אויסרייד און עס איז געקומען אַ מעלדונג אין צייטונג, אַז 13 מענטשן פון דער ליטווישער רעפּובליק זיינען באַלוינט געוואָרן מיט הויכע אָרדנס פון דער פוילישער רעגירונג פאַר זייער פּאַרטיזאַנישער טעטיקייט אין קאַמף קעגן די נאַציס און



אַ גרופּע געוו. פּאַרטיזאַנער פון ליטע וועלכע זיינען אויסגעצייכנט געוואָרן מיט פּוילישע אָרדנס צוזאַמען מיט מיטגלידער פון דער ליטווישער רעגירונג און דעם מיליטערישן אַטאַשע פון פּוילן אין ראַטנפאַרבאַנד

אויבן לינקס (דריטע שורה): נחמיה ענדלין, רעכטס: פּרץ קליאַטשקאַ

נחמיה ענדלין און דער געוועזענער שטעלפאַרטרעטער פון בריגאַדע־קאָמאַנדיר
פון די פּאַרטיזאַנער אין דרום־ליטע מיצייקאַ (גאַבריס) נאָכן באַקומען
די אויסצייכענונג פון דער פּוילישער רעגירונג

פאַר די פאַרדינסטן פאַר דער פּוילישער רעפּובליק. צווישן די באַ־לוינטע זיינען געווען דריי יידן: זימאַנאַס — דער געוועזענער קאָ־מאַנדיר פון דער דרומדיקער בריגאַדע; פּרץ קלאַטשקאָ און איך — מירביידע, פּאַרטיזאַנער פון קאָוונער געטאָ. מיר איז דער אָרדן צוגעטיילט געוואָרן פאַר מיין טעטיקייט אין די אַווגוסטאָווער וועל־דער אין נאָוועמבער 1943. דער דאָזיקער אַקט פון באַלוינען מיך מיט אַ פּוילישן אָרדן האָט בלי־ספק געגעבן אַ פּאָזיטיווע אָפּשאַ־צונג פון דעם מאַרש פון קאָוונער געטאָ אויף אַווגוסטאָווע בכלל.

צו דער פייערליכקייט פון איבערגעבן די אָרדנס, איז געקומען קיין ווילנע דער פוילישער געזאַנדטער פון דער פוילישער רעפּובליק אין מאָסקווע צוזאַמען מיטן מיליטערישן אַטאַשע פון דער פוילישער אַמבאַסאַדע. היות ווי צווישן די 13 באַלוינטע זיינען געווען אַזעלכע הויכע מלוכה און פּאַרטיי־לייט ווי שומאַוסקאַס, דער פּרעמיער־מיניסטער פון דער ליטווישער רעפּובליק און זימאַנאַס, דער רעדאַקטאָר פון פּאַרטיי־אָרגאַן „טיעסאַ" און מיטגליד פון ביוראָ צ. ק. באַראַוסקאַס אַלעקאַס און אַנדערע, האָט מען די אָרדנס פּאַרטיילט מיט גרויס פּאַראַד.

נאָכן אָפיציעלן צערעמאָניאַל־אַקט, האָט מען ווי עס פירט זיך אין רוסלאַנד, דאָס „אָפּגעמערקט" ביי געדעקטע טישן. מען איז נאָך דעם געפאָרן אין רודניצקער וואַלד צוזאַמען מיט די געסט אויף די געוועזענע פּאַרטיזאַנער־באַזעס און דאָרטן האָט מען ווידער דאָס „אָפּגעמערקט" ביי געדעקטע טישן אין אַ פריילעכער אַטמאָספער. מען האָט געמאַכט פאָטאָגראַפיעס צוזאַמען מיט די געסט און, אַן זיי. דאָס איז, בלי ספק געווען פאַר מיר אַ פּאַרדינטע אָנערקענונג און איז אויך געבליבן זייער אַן אָנגענעמער אָנדענק. דאָס איז, געווען אַ ניט געוויינלעכע דערשיינונג אין ליטע. די גאַנצע פּרעסע האָט וועגן דעם געשריבן און אויך אין די אָפיציעלע אווידיציעס אין ראַדיאָ האָט מען איבערגעגעבן וועגן דעם.

דער פאַקט, וואָס 3 יידן און, צווישן זיי 2 פּאַרטיזאַנער פון קאָוונער געטאָ זיינען באַלוינט געוואָרן מיט פוילישע אָרדנס, האָט בלי ספק, געשטעלט אין אַ פּאָזיטיוון ליכט די טעטיקייט פון די פּאַרטיזאַנער פון קאָוונער געטאָ אַלס אַן אָרגאַניזירטע אונטערערדישע קאַמף־אָרגאַניזאַציע אין געטאָ גופא, וואָס האָט געהאַט איר המשך אין דער אַלגעמיינער פּאַרטיזאַנישער באַוועגונג אין ליטע. איך און פּרץ קליאַטשקאָ זיינען געווען בלויז די 2 פּאַרטיזאַנער פון דער אונטערערד פון קאָוונער געטאָ, וועמען די פּאַרטיי האָט אויסגעקליבן, אַז זיי זיינען ראוי צו קריגן אַן אויסצייכענונג פון דער פוילישער רעגירונג.

ס'איז זיך לייכט פאָרצושטעלן, אַז די רשימה פון די 13 באַלוינטע, וואָס די פוילישע רעגירונג האָט געפונען פאַר נויטיק

צו אויסצייכענען מיט זייערע אָרדנס, איז צונויפגעשטעלט געוואָרן מיט דער הסכמה פון די העכסטע ליטווישע פּאַרטיי־אינסטאַנצן און מיט דער צושטימונג, אָדער באַשטעטיקונג, פון ק. ג. ב.

דער עצם פאַקט, וואָס מ׳האָט געפונען פאַר נויטיק אַריינ־צושטעלן מיך אין דער רשימה פון די באַלוינטע מיט די פּוילישע אָרדנס ניט קיין לאַנגע צייט נאָך דעם, ווי מ׳האָט אין משך פון לאַנגע חדשים געצאַפּט פון מיר דאָס בלוט, האָט באַוויזן אויף אַן ענדערונג מצד די העכסטע פּאַרטיי־אינסטאַנצן כלפּי מיר.עמעצער האָט, ווייזט אויס, „פאַרשטאַנען״, אַז די אַלע ניט באַגרינדעטע פאַר־ווורפן צו אַ פאַרדינסטפולן פּאַרטיזאַן און קאָמוניסט האָט ניט קיין באַגרינדונג און איך האָב דאָס אָנגענומען אַלס געוויסע רעהאַ־ביליטאַציע מצד דער אָנפירונג פון דער פּאַרטיי פאַר די פריער־דיקע ניט באַגרינדעטע באַשולדיקונגען. דאָס האָט אויך געוויזן אויף אַ געוויסן קערפונקט כלפּי מיר מצד די העכסטע פּאַרטיי־אינסטאַנצן.

## „זוכט ביי אונדז ניט קיין לאָגיק״

אינצווישן איז מען אין מאָסקווע געקומען צו דער איבער־צייגונג, אַז די אָנפירונג פון דער אינדוסטריע פון ראַטנפאַרבאַנד דורך די פאָלקסווירטשאַפטס־ראַטן האָט זיך ניט באַרעכטיקט און מען האָט באַשלאָסן זיך צוריקצוקערן צו דער אַלטער סיסטעם פון מיניסטעריומס. צו דער איבערצייגונג איז מען געקומען נאָך דעם, ווי די פאָלקס־ווירטשאַפטס־ראַטן האָבן עקזיסטירט 7 יאָר.

איך בין באַשטימט געוואָרן אַלס שטעלפאַרטרעטער פון די־רעקטאָר פאַר עקאָנאָמיע פון שלייף־מאַשינען־בוי־פאַבריק. דעם פּאָסטן האָב איך, ליידער, ניט געקענט אָננעמען ווייל איך האָב צו דער צייט דורכגעמאַכט אַ שווערע האַרץ־קראַנקהייט, (אינ־פאַרקט). שפּעטער בין איך פון אַ מעדיצינישער קאָמיסיע אָנער־קענט געוואָרן אַלס אינוואַליד פון דער 2־טער גרופּע און האָב בכלל ניט געקענט אַרבעטן אויף קיין פאַראַנטוואָרטלעכע פּאָסטנס. דאָס האָט זיך אויך נעגאַטיוו אָפּגערופן אויף מיין עקאָנאָמישער

לאַגע. איך בין געווען געצוווּנגען אַריבערצוגיין אויף פּענסיאַ־נעלער אונטערשטיצונג פון דער רעגירונג.

נעמענדיק אין אַכט מיינע פאַרדינסטן פאַר דער פאַרטיי אין דער צייט פון קריג און נאָך דעם קריג, האָב איך געהאַט דאָס רעכט צו פּרעטענדירן אויף אַ פּערסאָנעלער פּענסיע. און אַזוי ווי פּערסאָנעלע פּענסיעס זיינען דאָ אַרטיקע און רעפּובליקאַנישע, האָב איך פּרעטענדירט אויף אַ רעפּובליקאַנישער פּענסיע, ווייל אַפילו פון אַ מאַקסימאַלער אַרטיקער פּענסיע איז שווער געווען דורכצוקומען — האָבנדיק פאַרלוירן מיין אַרבעטס־פעאיקייט.

דאָס איז מיר אָבער אָנגעקומען מיט גרויסע שוועריקייטן און צום סוף האָט מען מיר באַשטימט נאָר אַן אַרטיקע פּערסאָנעלע פּענסיע. מען האָט זיך בכלל ניט גערעכנט מיט דעם, וואָס איך האָב צו אַלע אַנדערע רעקאָמענדאַציעס וואָס איך האָב באַקומען פון זימאַנאַסן, פון אינסטיטוט פון פאַרטיי־היסטאָריע, אויך צוגע־שטעלט רעקאָמענדאַציעס און אויך אַ בריוו פון ערשטן סעקרעטאַר פון צ. ק. סניעטשקוסן און אויך אַ רעקאָמענדאַציע פון ביוראָ פון ווילנער פאַרטיי־שטאָט־קאָמיטעט. אין דעם באַשלוס פון דער קאָמיסיע פאַר פּענסיע־אָפּטיילונג זיינען געווען אָנגעגעבן דריי מאָטיוון פאַרוואָס מען האָט מיר ניט צוגעטיילט קיין רעפּובליקאַ־נישע פּענסיע: 1) איך האָב נאָך ניט דערגרייכט די עלטער פון 60 יאָר (איך בין דעמאָלט אַלט געווען 55 יאָר), 2) איך האָב נאָך ניט קיין 30־יאָריקן פאַרטיי־סטאַזש, (מיין פאַרטיי־סטאַזש אין דאַן געווען נאָר 27 יאָר). 3) איך בין ניט געווען קיין פּאָלי־טישער אַרעסטירטער אין דער צייט פון דער אונטערערד.

ווען איך בין געקומען מיט אַן אָנקלאַגע אין מיניסטאָרן־ראַט אָנווייזנדיק, אַז אַלע דריי מאָטיוון זיינען אומלאָגיש ווייל: 1) היות ווי אַ מעדיצינישע קאָמיסיע האָט פעסטגעשטעלט, אַז איך האָב פאַרלוירן מיין אַרבעטס־פעאיקייט און האָט מיך אָנערקענט פאַר אַן אינוואַליד פון 2־טער גרופּע, האָט דאָס ניט צוטאָן מיט מיין עלטער, 2) רעפּובליקאַנישע פּערסאָנעלע פּענסיעס ווערן צוגע־טיילט ניט נאָר פאַרטיי־מיטגלידער, נאָר אויך אומפּאַרטייאישע, טאָ, פאַרוואָס איז דאָס נוגע מיין פאַרטייאישן סטאַזש? 3) איך

ביןווירקלער אין דער אונטערערד ניט געווען קיין פּאָליטישער אַרעסטאַנט, אָבער איך בין דאָך געווען טעטיק און געהאַט פאַרדינסטן פאַר דער פאַרטיי. צו דעם, ווען איך וואָלט געווען אַ פּאָליטישער אַרעסטאַנט און דאָס וואָלט פאַראַליזירט מיין טעטיקייט, וואָלט דאָס געווען אַ גרעסערער פאַרדינסט פאַר דער פאַרטיי? אויף דעם האָט מען מיר געענטפערט: „זוכט ביי אונדז ניט קיין לאָגיק, אַז עס וועט קומען אייער צייט, וועט מען אייך צוטיילן אַ רעפּובליקאַנישע פּענסיע, דערווייל באַגנוגנט זיך מיט דעם, וואָס מען האָט אייך צוגעטיילט".

## דער אָפּקלאַנג פון 6־טאָגיקן קריג אין ישראל

אומגעפער אין דער זעלבער צייט האָט זיך אָנגעהויבן דער 6־טאָגיקער קריג צווישן ישראל און די אַראַבישע לענדער. דער ראַטנפאַרבאַנד איז געווען, פאַרשטענדלעך, אויף דער זייט פון די אַראַבער. אין די ערשטע טעג פון קריג האָט מען געמעלדעט דורכן ראַדיאָ וועגן גאָר גרויסע נצחונות פון די אַראַבער. זיי האָבן אויך ניט געלייקנט, אַז די אַראַבער קעמפן קעגן ישראל אויסשליסלעך מיט סאָוויעטיש געווער. שפּעטער, ווען מען האָט שוין ניט געקענט פאַרלייקענען דעם אמת וועגן דעם נצחון פון ישראל און די מפּלה פון די אַראַבער, ווייל דער עולם האָט דאָך געהערט אויך די אויסלענדישע אוידיציעס פון ראַדיאָ, האָט זיך אָנגעהויבן אַ שאַרפע אַנטי־ישראל־קאַמפּאַניע אין ראַטנפאַרבאַנד, אָנרופנדיק די ישראלים „אַגרעסאָרס" און נאָך אַ סך אַנדערע באַליידיקנדיקע נעמען. מען האָט זיך דערמיט ניט באַגנוגנט און מען האָט אָרגאַניזירט אויף די אַרבעטספּלעצער מיטינגען אויף וועלכע מ'האָט געשטעמפּלט די „פאַרכאַפּערישע צילן פון ישראל"...

אין טעלעוויזיע האָט מען געוויזן פילמען מיט גרויליקע מעשים פון די ישראל־זעלנער קעגן דער אַראַבישער ציווילער באַפעלקערונג. אויף די מיטינגען האָט מען אַרויסגעשטעלט ספּעציעל יידישע רעדנערס, וועלכע האָבן געדאַרפט אַרויסטרעטן מיט פון פאָרויס אָנגעשריבענע רעדעס צוגעשטעלטע פון דער פאַרטיי־

אָרגאַניזאַציע און טאַדלען די „ישראל־אַגרעסיע" קעגן די אַראַ־בישע מדינות. מען האָט אויך פאַרפאַסט בריוו, וועלכע עס האָבן געדאַרפט אונטערשרייבן יידישע פּערזענלעכקייטן.

אויך מיר האָט מען פאַרגעלייגט אַרויסצוטרעטן אויף איינעם פון די מיטינגען קעגן ישראל, און געדאַרפט שטעמפּלען די ישראל רעגירונג, וועלכע האָט אָנגעהויבן אַן אַגרעסיע קעגן די אַראַבישע פרידלעכע מדינות. ס'האָבן זיך דאַן איבערגעחזרט די זעלבע שאַבלאָן־רעדעס און די זעלבע אַנטי־ישראלדיקע העצע ווי דאָס איז געווען בעת דער סיני־מלחמה אין 1956. כ'האָב זיך, אָבער, דערפון אָנטזאָגט מאָטיווירנדיק מיט מיין האַרץ־קראַנקהייט. אויך די פּרעסע איז געווען פול מיט גיפטיקע אַרטיקלען קעגן ישראל. מען האָט אויך דאַן דורכגעפירט ספּעציעלע קאָנפערענצן מיטן אָנטייל פון וויכטיקע יידישע פערזענלעכקייטן און זיי אַלע האָבן זיך אַרויס־געזאָגט קעגן די גוואַלט־טאַטן און קעגן דער אַגרעסיע פון ישראל. דאָס אַלץ איז אָרגאַניזירט געוואָרן פון אויבן כדי צו פאַרטומלען די מוחות פון די סאָוויעטישע בירגער, זיי זאָלן ניט זוכן די סיבות, וואָס האָבן געבראַכט צו דער ישראל־אַראַבישער מלחמה און מען זאָל זיך ניט פונאַנדערקלייבן אין דער ריכטיקער סיבה, וואָס האָט געצוווּנגען ישראל אָנצוהויבן די מלחמה.

ערשטנס — שוין דער פאַקט אַליין, אַז מען האָט געמאַכט אַזאַ גרויסן טומל אַרום דער פראַגע און, דאָס אַזוי אינטענסיוו — האָט שוין געוויזן, אַז עפּעס איז דאָ ניט גלאַט. אויב מען האָט שפּע־טער מודה געווען, אַז די אַראַבער האָבן געקעמפט קעגן ישראל אויסשליסלעך מיט סאָוויעטיש געווער, איז דאָך קלאָר, אַז די גרויסע קוואַנטומס געווער האָט מען דאָך געליפערט צו די אַראַבער ניט אין איין טאָג, נאָר שוין אַ צייט פריער, נאָך איידער ישראל איז אָנגעפאַלן אויף די אַראַבער. הייסט דאָך דאָס אויך, אַז דעם קריג האָבן די סאָוויעטן געגרייט צוזאַמען מיט די אַראַבער קעגן ישראל. אויב ישראל האָט באַזיגט די אַראַבער, טראָץ די מאַסן געווער, וואָס די סאָוויעטן האָבן זיי צוגעשטעלט, דערווייזט דאָס נאָר, אַז דאָס סאָוויעטישע געווער טויג אויף כפרות און, אַז די ישראלדיקע

סטראַטעגיע איז פיל אַ העכערע פאַר דער סאָוויעטישער מיליטע־רישער סטראַטעגיע. עס איז דאָך קלאָר, אַז אויב מען האָט די אַראַבער געגעבן מאַסן געווער, האָט מען דאָס ניט געוואָרפן סתם אין דער לופט, נאָר מען האָט אויך צו זיי געשיקט סאָוויעטישע ספּע־ציאַליסטן און סטראַטעגן, וועלכע האָבן געדאַרפט אָנפירן מיט די אַראַבישע חילות. עס האָט זיך ביי די לאַגיש־טראַכטנדיקע גע־שטעלט אַ גאַנץ פּשוטע פראַגע: וואָס פאַרא צילן האָבן די סאָ־וויעטן אין מיטעלן מזרח? די דאָזיקע גיפטיקע אַנטי־ישראל־פּראָפּאַגאַנדע האָט אָבער געהאַט איר פאַרקערטע ווירקונג: וואָס מער די פּראָפּאַגאַנדע איז געווען געווענדעט קעגן ישראל, אַלץ מער האָט עס דערנענטערט דעם יידישן עולם צו מדינת ישראל.

דער אויטאָריטעט פון ישראל איז געוואַקסן פון טאָג צו טאָג. די יידן האָבן דערזען, אַז עס איז דאָ אויף וועמען זיך צו פאַרלאָזן, עס איז דאָ אַ לאַנד וואָס איז מסוגל צו פאַרטיידיקן די יידישע אינטערעסן אין גלות און, אויך די יידישע אינטערעסן אין ראַטנ־פאַרבאַנד. עס האָט זיך ספּאָנטאַן אָנגעהויבן אַ כוואַליע פון יידן, וועלכע האָבן באַלד אָנגעגעבן ביטעס מען זאָל זיי אַרויסלאָזן אין זייער פאָטערלאַנד — ישראל. צוגלייך איז אויך דער אויטאָריטעט פון ישראל שטאַרק געוואַקסן אין די מערב־לענדער פון אייראָפּע און אויך אין אַמעריקע. אויך דאָרטן האָט זיך אויפגעהויבן אַ שטאַרקע באַוועגונג קעגן דעם ראַטנפאַרבאַנד און זיין פּאָליטיק קעגן די יידן. דאָס אַלץ האָט געבראַכט דערצו, אַז דער ראַטנ־פאַרבאַנד איז געווען געצוווּנגען אַרויסצולאָזן אַ סך אַ גרעסערע צאָל יידן קיין ישראל, ווי דאָס איז געווען ביז דעם 6־טאָגיקן קריג. אַפילו די קאָמוניסטישע פאַרטייען פון פראַנקרייך און איטאַליע האָבן זיך איינגעשטעלט פאַר די יידן אין ראַטנפאַרבאַנד, וועלכע האָבן אַרויסגעבראַכט זייער ווילן צו עמיגרירן קיין ישראל.

## צווישן „רויטן שטערן" און מגן־דוד

צווישן די וועלכע האָבן אָנגעגעבן ביטעס צו עמיגרירן קיין ישראל בין איך אויך געווען מיט מיין פאַמיליע. דאָס אָנגעבן אַ

ביטע אויף אַרויסצופֿאָרן פֿון ראַטנפֿאַרבאַנד איז ניט אַזוי פּשוט און באַזונדערס שווער איז עס פֿאַר אַ פּאַרטיי־מיטגליד. אַזוי ווי מיין פֿרוי און איך, זיינען ביידע געווען פּאַרטיי־מיטגלידער, האָבן מיר געדאַרפֿט אויסשטיין פֿיל צרות און עינויים נאָך פֿאָרן אָנגעבן די ביטעס. צו די ביטעס האָט מען געפֿאָדערט כאַראַקטעריסטיקעס פֿון דער פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע. ווען מיין פֿרוי האָט געבעטן אַ כאַראַקטעריסטיק פֿון איר פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע, האָבן זיי זיך

נחמיה און מאַשע ענדלין אין ישראל

זייער פֿאַרוווּנדערט צו וואָס דאָס איז איר נויטיק? און כּדי צו זיין פּטור פֿון אַזאַ ניט אָנגענעמער פֿאַר זיי פּראָצעדור, האָט מען בעסער באַשלאָסן איר אויסצושליסן פֿון דער פּאַרטיי.

זי האָט אויך געדאַרפֿט קריגן אַ כאַראַקטעריסטיק פֿון פּראָפֿעסיאָנעלן פֿאַראיין, אָבער אַזוי ווי זי האָט שוין דאַן ניט געאַרבעט און איז געווען אַ פּענסיאָנערקע, האָט אויך דער פּראָפֿ־פֿאַראיין

איר אַנטזאָגט צו געבן אַזאַ כאַראַקטעריסטיק. דאַן האָט מען איר געהייסן ברענגען אַ כאַראַקטעריסטיק פון הויז־פאַרוואַלטונג. דאָרטן האָט מען איר געזאָגט, אַז מען קען איר ניט פערזענלעך, כדי צו געבן איר אַ כאַראַקטעריסטיק... אַזוי האָבן מיר פאַרלוירן צייט אין לויפעניש פון איין אַמט צום צווייטן, ביז מען האָט אונדז געגעבן אַ בריוו פון אינערן־מיניסטעריום צו דער הויז־פאַרוואַלטונג, אַז זיי דאַרפן געבן אַ כאַראַקטעריסטיק. ניט געקוקט אויף דעם, האָט דער הויז־פאַרוואַלטער פונדעסטוועגן קיין כאַראַקטעריסטיק ניט געגעבן, ווייל ער האָט ניט געוווּסט וואָס צו שרייבן וועגן אַ מענטשן, וואָס ער... „קען ניט". איך בין אַוועק אין אינערן־מיניסטעריום און געמעלדעט, אַז מען אַנטזאָגט זיך אין דער הויז־פאַרוואַלטונג צו געבן מיין פרוי אַ כאַראַקטעריסטיק, אַפילו אויף זייער שריפטלעכער פאָדערונג. ערשט דאַן האָט מען מיר געהייסן אָנגעבן די ביטע פאַר מיין פרוי, אָן דער כאַראַקטעריסטיק און זיי האָבן פאַרזיכערט אַז זיי וועלן דאָס אַליין אַרויספאָדערן פון דער הויז־פאַרוואַטלטונג.

ווען איך אַליין האָב אָנגעגעבן אין מיין פאַרטיי־אָרגאַניזאַציע אַ ביטע מען זאָל מיר אַרויסגעבן אַ כאַראַקטעריסטיק מיטן צוועק צו עמיגרירן פון ראַטנפאַרבאַנד קיין ישראל, איז זיי דער ענין געוואָרן קשה'דיק און מען איז אַוועק זיך באַראַטן אין צ.ק. ווי אַזוי צו האַנדלען מיט מיר. דאָרטן האָט מען זיי געגעבן די נויטיקע אויפקלערונג און מען האָט מיך איינגעלאַדן אויף אַ זיצונג אין ביוראָ פון פאַרטיי־קאָמיטעט. אויף דער ביוראָ־זיצונג האָב איך געדאַרפט דערקלערן, די סיבות „וואָס האָבן מיר באַוויגן צו פאַר־לאָזן דעם ראַטנפאַרבאַנד און פאַרוואָס איך האָב באַשלאָסן זיך באַזעצן אין אַ קאַפּיטאַליסטיש לאַנד, וואָס פירט אַ פאַרכאַפּעריש־ע פּאָליטיק קעגן די אַראַבער. שוין ניט רײדנדיק וועגן דער פּאָלי־טישער זייט פון דעם ענין, פאַר איך דאָך אַוועק פון אַ פרידלעכע לאַנד אין אַ לאַנד, וואָס פירט אַ שטענדיקן קריג, ווו עס דראָט אַ געפאַר אויף די פרידלעכע בירגער". איך האָב דערקלערט, אַז איך בין אַ קאָמוניסט פון באַוווּסטזיין און ניט אַ קאָניוקטור־מענטש און אַזאַ וועל איך זיין, ווו איך זאָל ניט לעבן, צו דאָס איז אין ראַטנ־

פאַרבאַנד, אָדער אין אַ קאַפּיטאַליסטיש לאַנד. פאַר קיין קריג האָב איך זיך ניט איבערגעשראָקן אין ראַטנפאַרבאַנד, בעת עס האָבן אונדז פאַרכאַפּט די נאַציס און איך שרעק זיך אויך ניט פאַר אַ קריג אין ישראל. דער אונטערשיד איז נאָר, וואָס דאָ האָב איך אַקטיוו אָנטיילגענומען אין דעם קריג און דאָרטן וועל איך עס שוין ניט קענען, צוליב מיין עלטער און שוואַכן געזונט־צושטאַנד. און אַוועקפאָרן וויל איך אַהין, ווייל דאָ האָב איך אויף דער עלטער ניט קיין קרובים און דאָרטן וועל איך זיין צווישן אייגענע. קיין נוצן פון מיר — האָב איך געטענהט — קען שוין דער ראַטנפאַרבאַנד ניט האָבן, און דעריבער האַלט איך, אַז מען וועט מיר ניט מאַכן קיין שוועריקייטן צו עמיגרירן...

ביים באַהאַנדלען מיין פראַגע איז אַרויסגעטראָטן איינער אַ מיטאַרבעטער וואָס האָט פריער געאַרבעט אין די אָרגאַנען פון מ. ג. ב. און געזאָגט, אַז ער פאַרשטייט ניט פאַרוואָס מען פאַרנעמט זיך נאָך מיט מיר און מ׳פירט מיט מיר געשפּרעכן. מען דאַרף מיך דערקלערן אַלס פאַררעטער פון ראַטנפאַרבאַנד, אויסשליסן פון דער פאַרטיי און זאָלן זיך פאַרנעמען מיט מיר די אָרגאַנען פון ק. ג. ב. אויף דעם האָט אים געענטפערט דער סעקרעטאַר פון פאַרטיי־קאָמיטעט, אַז ער האָט פאַר דער זיצונג זיך באַראַטן מיט די נויטיקע פאַרטיי־אינסטאַנצן און מען האָט אים געזאָגט, אַז מיטן אויסשליסן מיך פון דער פאַרטיי זאָל מען זיך ניט איילן און אַ כאַראַקטעריסטיק דאַרף מען געבן ענדלינעז. אין דער זעלבער צייט וועט מען מיט מיר פירן אַן „אויפקלערערישע אַרבעט״. ערשט דאַן האָט מען באַשלאָסן מיר צו געבן אַ כאַראַקטעריסטיק, אָבער ניט דירעקט מיר אין האַנט, נאָר מען האָט דאָס געדאַרפט דירעקט איבערגעבן אין אינערן־מיניסטעריום.

אַן ענטפער אויף מיין ביטע איז געקומען ערשט אין אַ פאָר מאָנאַט אַרום און, פאַרשטייט זיך — אַ נעגאַטיווער. איך האָב אָנגעשריבן אַ בריוו אין צענטראַל־קאָמיטעט פון דער פאַרטיי און געבעטן מען זאָל נאָכאַמאָל איבערקוקן מיין ביטע. מיין בריוו איז אָפּגעשיקט געוואָרן אין שטאָטישן פאַרטיי־קאָמיטעט. פון דאָרטן האָט מען מיך אַרויסגערופן צו קומען אויף אַ שמועס.

ווען איך בין געקומען, האָט מיט מיר זיך אָוועקגעזעצט ריידן דער סעקרעטאַר פון פּראָפּאַגאַנדע. ער האָט מיר שטאַרק אויסגערעדט פאַרן אָנגעבן אַזאַ ביטע. „אויב איך וויל — זאָגט ער — קענען זיי מיר העלפן קריגן אַ בעסערע דירה און פאַרגרעסערן מיין פּערסאָנעלע פּענסיע. מען באַציט זיך דאָך צו מיר מיט דעם גרעסטן כבוד פאַר מיינע פאַרדינסטן. וואָס קען איך זוכן אין אַ קאַפּיטאַליסטיש לאַנד, וועלכע איז פיינטלעך דעם ראַטנפאַרבאַנד, פאַר וועלכן איך האָב געקעמפט?" איך האָב געזאָגט דאָס זעלבע, וואָס אויף דער ביוראָ־זיצונג פון פּאַרטיי־קאָמיטעט פון אונדזער פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע. איך האָב געזאָגט קלאָר און אָפן, אַז אויף קיין נייע דירה און אויף קיין גרעסערע פּענסיע פּרעטענדיר איך ניט. ער האָט מיר געזאָגט, אַז עס איז אומזיסט מיין מי, מען וועט מיר, אַזוי צו אַזוי, ניט אַרויסלאָזן פון ראַטנפאַרבאַנד. דערמיט האָט זיך אונדזער געשפּרעך אין שטאָטישן פּאַרטיי־קאָמיטעט פאַרענדיקט. מיין בריוו האָט מען אַריבערגעשיקט אין אינערן־מיניסטעריום און פון דאָרטן האָב איך, זייער שנעל, געקראָגן ווידעראַמאָל אַ נעגאַטיוון ענטפער...

איך האָב ניט לאַנג געוואַרט און ווידער אָנגעשריבן אַ נייעם בריוו צום ערשטן סעקרעטאַר פון צ. ק. סניעטשקוסן. איך האָב דעם בריוו אַליין אַוועקגעטראָגן און געבעטן מען זאָל מיך דערלויבן צו אים פּערזענלעך און אים איבערגעבן מיין בריוו. מען האָט מיך צום ערשטן סעקרעטאַר ניט צוגעלאָזן און איבערגעשיקט צו פּאַראַדאַוסקאַסן, דעם סעקרעטאַר פון אָרג־אָפּטיילונג. איך האָב לאַנג געוואַרט ביז ער האָט מיך אויפגענומען. ער האָט מיר אָנגעהויבן צו „זאָגן מוסר". איך האָב זיך, אָבער, געהאַלטן ביי מייניקע, אַז איך וויל מיין ביטע זאָל איבערגעגעבן ווערן דעם חבר סניעטשקוס, אַזוי ווי זי איז אַדרעסירט. צום סוף האָט ער מיר צוגעזאָגט איבערצוגעבן מיין ביטע דעם סעקרעטאַר, וואָס פאַרנעמט זיך דערמיט, אָבער ניט סניעטשקוסן. איך האָב אים העפלעך באַדאַנקט דערפאַר.

## „דיין פֿאָטערלאַנד איז דער ראַטנפֿאַרבאַנד"

אין אייניקע וואָכן אַרום האָב איך ווידער געקראָגן אַ נעגאַ־טיוון ענטפֿער. צו מיר אין שטוב איז געקומען אַ מיטגליד פֿון פּאַרטקאָם זיך דורכריידן מיט מיר חבריש, מיטן צוועק מיך אָפּצו־ריידן פֿון אָנגעבן ווייטערדיקע ביטעס. ער האָט זיך צו מיר גע־ווענדעט בזה הלשון: „דו ביסט דאָך אַ קאָמוניסט און דיין פֿאָטער־לאַנד איז דאָך דער ראַטנפֿאַרבאַנד, דאָ ביסטו צווישן אייגענע לויט דיין אידעע מען האַלט דיר דאָ אַלס אַ פֿאַרדינסטפֿולן מענטשן, וואָס זוכסטו אין אַ פֿיינטלעכער לאַנד, וואָס דו האָסט מיט איר קיין געמיינזאַמעס ניט?"

איך האָב אים געענטפֿערט: „אויב דו ביסט געקומען צו מיר זיך דורכריידן חבריש, וועל איך דיר חבריש דערקלערן, אַז דו מאַכסט אַ טעאָרעטישן טעות, ווען דו רופֿסט אָן דעם ראַטנפֿאַר־באַנד מיין „פֿאָטערלאַנד". דער ראַטנפֿאַרבאַנד קען קיין פֿאָ־טערלאַנד ניט זיין, ניט פֿאַר מיר און ניט פֿאַר דיר און, ניט פֿאַר קיינעם. דער ראַטנפֿאַרבאַנד איז ניט קיין לאַנד אָן־און־פֿאַר־זיך, דאָס איז אַ רעגירונגס־פֿאָרם, וואָס פֿאַראייניקט אין איר באַשטאַנד 16 רעפּובליקן און 20 אויטאָנאָמע רעפּובליקן פֿון וועלכע יעדערע פֿון זיי, איז אַ פֿאָטערלאַנד פֿאַר וועלכער־עס־איז נאַציע, אָבער קיין איינע פֿון זיי איז ניט קיין פֿאָטערלאַנד פֿאַר דער יידישער נאַציע. רוסלאַנד — איז אַ פֿאָטערלאַנד פֿאַר רוסן; אַרמעניע — פֿאַר אַרמענער; ליטע — פֿאַר ליטווינער און, אַזוי ווייטער. אַ פֿאָטערלאַנד איז ניט אָפּהענגיק פֿון דעם רעגירונגס־רעזשים, וואָס הערשט אין לאַנד. רוסלאַנד, איז צום ביישפּיל, געווען אַ פֿאָטער־לאַנד פֿאַר די רוסן אויך דאַן ווען דאָרטן האָט געהערשט די צאַ־רישע דינאַסטיע און, ליטע איז געווען אַ פֿאָטערלאַנד פֿאַר די ליטווינער, ווען דאָרטן האָט געהערשט דער קאַפּיטאַליסטישער רעזשים פֿון סמעטאָנאַס. אַ פֿאָטערלאַנד הייסט אויך ניט דאָס לאַנד וווּ מען איז געבוירן געוואָרן. ליטע, צום ביישפּיל, איז דאָס פֿאָ־טערלאַנד אויך פֿאַר די ליטווינער, וואָס זיינען געבוירן געוואָרן אין

אַמעריקע, אָדער אין אַנדערע לענדער פון דער וועלט און, טאַקע דערפאַר, הייסט דאָס פאַטערלאַנד...

...דער ראַטנפאַרבאַנד אַליין, ווענדעט זיך צו די אַרמענער, ליטווינער און די רוסן אין דער גאַרער וועלט, זיי זאָלן זיך אומקערן אין זייער פאַטערלאַנד, כאָטש דער גרעסטער טייל פון זיי זיינען שוין געבוירן געוואָרן ניט אין ראַטנפאַרבאַנד. ווען דו זאָגסט צו מיר, אַז מיין פאַטערלאַנד איז דער ראַטנפאַרבאַנד, איז דאָס די זעלבע, ווי דו וואָלסט צו מיר געזאָגט, אַז איך האָב בכלל קיין פאַטערלאַנד ניט. אָבער, דאָס איז ניט ריכטיק — איך האָב יאָ, אַ פאַטערלאַנד, פונקט ווי יעדע נאַציע, ניט וויכטיק וואָס פאַר אַ רעגירונגס־רעזשים עס הערשט אין אים. און אויך מיין פאַטערלאַנד רופט מיך איצטער. אויב אַפילו דער ראַטנפאַרבאַנד איז אַ פאַטערלאַנד ווי דו זאָגסט צו מיר, קען ער ניט זיין פאַר מיר קיין פאַטערלאַנד, שוין פון דעם ריין טעכנישן שטאַנדפונקט, וואָס איך בין עלטער פאַר דעם ראַטנפאַרבאַנד אויף 6 יאָר".

ווען דער חבר איז אַוועק פון מיר, האָט ער צו מיר געזאָגט, אַז איך האָב אים געגעבן אַ געדאַנק וועגן וואָס זיך צו פאַרטראַכטן. ער האָט זיך טאַקע „פאַרטראַכט" און געפינט זיך שוין היינט אין ישראל...

## זיי געזונט, לאַנד פון מיין פאַרגאַנגענהייט...

איך האָב געשריבן בריוו אין אויסערן־מיניסטעריום פון ראַטנפאַרבאַנד צום חבר גראָמיקאָ און פון דאָרטן האָב איך בכלל קיין ענטפער ניט געקראָגן.

איך האָב אויך געשריבן אין העכסטן ראַט פון ראַטנפאַרבאַנד און פון דאָרטן האָב איך אויך ניט באַקומען קיין ענטפער.

איך האָב זיך שפּעטער דערוווּסט, אַז דער ערשטער סעקרעטאַר פון צ.ק., דער חבר סניעטשקוס, דאַרף קומען אויף איינער פון די פאַבריקן, וועלכע האָט פריער געהערט צו דער מאַשין־בוי־פאַרוואַלטונג פון ווירטשאַפטס־ראַט, כדי זיך טרעפן מיט די אַר־

בעטער, זיינע וויילער. איך האָב אָנגעשריבן צו אים אַ ביטע און אַוועק אויף דער פאַבריק אים אָפּוואַרטן, כדי צו אָפּגעבן מיין ביטע, אים פערזענלעך.

סניעטשקוס איז געקומען ניט אַליין, נאָר מיט אַ גאַנצער סוויטע. איך האָב, פונדעסטוועגן, זיך אָנגענומען מיט מוט און צוגעגאַנגען צו אים און געזאָגט: „חבר סעקרעטאַר, איר קאָנט דאָך מיר, נעמט צו פון מיר מיין ביטע". ער האָט מיר געענטפערט: „אַ יאָ, איך קען דיך, וואָס פאַראַ ביטע איז דאָס? דו ווילסט קריגן אַ נייע דירה?" איך האָב אים געענטפערט, אַז ווען ער וועט דורכלייענען מיין ביטע, וועט ער וויסן וואָס איך בעט...

זיינע באַגלייטערס האָבן אויף מיר געוואָרפן פיינטלעכע בליקן פאַר מיין „חוצפה" אָפּצוהאַלטן דעם סעקרעטאַר פון דער פאַרטיי בעת זיין באַזוך ביי די פאַבריק־אַרבעטער. סניעטשקוס האָט מיר, אָבער, אָנגענומען פאַרן אָרעם און זיך נאָכגעפרעגט וועגן מיין

אַ גרופּע געוועזענע פּאַרטיזאַנער פון קאָוונער געטאָ
בעת אַ באַגעגעניש אין קיבוץ יגור 1954
זיצן: חיים גלעין (גכטל), מיכאל יצחקי (געלבטרנק)
שטייען: יוסף מלמד, אליעזר מאָזעס, פּרופ' צבי בראון, יוסף ראָזען, גיטאָ פאָגער, אפרים סניאון (סעניאָר), ברוך גופר (גראָדניק), צבי שפר, ד"ר דב לעווין

געזונטצושטאַנד, וואָס איך מאַך און, אויך צו מיין פרוי איז געזונט און נאָך אַזעלכע פראַגן. מיר האָבן זיך מיט אים זייער האַרציק געזעגנט און איך בין אַוועק פון אים מיט דער האָפנונג, אַז ער וועט געוויס לייזן מיין ביטע פּאָזיטיוו. ווי פאַרוווּנדערט בין איך, אָבער, געוואָרן, ווען מען האָט מיר אויך דאָס מאָל אָנטזאָגט...

אין דער צייט האָט אין מאָסקווע געדאַרפט זיך עפענען דער 24־טער פאַרטיי־צוזאַמענפאָר, אויף וועלכן עס האָבן געדאַרפט אָנטיילנעמען אויך דעלעגאַטן פון אויסלענדישע קאָמוניסטישע פאַרטייען. אַ גרויסער טייל פון די יידן, וואָס האָבן אָנגעגעבן ביטעס אַרויסצופאָרן קיין ישראל, און וועלכע מען האָט אָנטזאָגט, האָבן זיך געווענדעט נאָך דער הילף צו די דעלעגאַטן פון דער פראַנצויזישער און איטאַליענישער קאָמוניסטישער פאַרטיי, היות ווי זיי זיינען די גרעסטע קאָמוניסטישע פאַרטייען אין אייראָפּע און אין די דאָזיקע קאַפּיטאַליסטישע לענדער, האָבן זיי אַ געוויסן איינפלוס.

די דאָזיקע פאַרטייען האָבן אויך אַ ריזיקן איינפלוס אויף דער

אַ גרופּע געוועזענע פאַרטיזאַנער פון קאָוונער געטאָ־קעמפער אויף אַ געזעגענונג־אָוונט פאַר נחמיה ענדלין און זיין פרוי מאַשע ערב זייער אַרויספאָר קיין ישראל

סאָוויעטישער קאָמפּאַרטיי, כאָטש ניט אין פּרינציפּיעלע פראַגן. דער צענטראַל־קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי האָט געוואָלט אויסמיידן אומאַנגענעמלעכקייטן, וואָס זיינען פאַרבונדן מיט די „אָטקאַזטשי־קעס" (אָטקאַזטשיקעס רופט מען די, וועלכע האָבן באַקומען אַן אָפּזאָג אַרויסצופאָרן קיין ישראל), דעריבער האָט די סאָוויעטישע רעגירונג באַשלאָסן צו ווייזן פאַר זיי אַ זשעסט און האָט געשיקט פאַרשטייערס פון אינערן־מיניסטעריום אין די הויפּטשטעט פון די סאָוויעטישע רעפּובליקן מיטן צוועק צו רעווידירן די ביטעס פון די יידן, וואָס ווילן אַרויספאָרן קיין ישראל...

ווען דער פאַרשטייער פון אינערן־מיניסטעריום האָט דורכגעקוקט מיין ביטע, האָט ער דערזען, אַז איך בין אַן אינוואַליד פון דער צווייטער גרופּע און איך אַרבעט ניט, און אויך אַז מיין פרוי און איך זיינען ביידע פּענסיאָנערן. מיין טאָכטער איז אַ מוטער פון צוויי קליינע קינדער און אַרבעט אויך ניט. דער מאַן אירער פאַרנעמט ניט קיין וויכטיקן אַרבעטס־פּאָסטן — האָט ער אָנגעשריבן אויף מיין ביטע אַ פּאָזיטיווע רעזאָלוציע. וועגן דעם האָט מען מיר זייער שנעל געגעבן צו וויסן און מען האָט מיר געגעבן בלויז 16 טעג זיך צוצוגרייטן צו דער רייזע. מ'האָט געדאַרפט באַשטעלן קאָסטנס און איינפּאַקן די זאַכן, קריגן די נויטיקע וויזעס אין מאָסקווע און ליקווידירן אַלעס אומנויטיקעס. מ'האָט אויך געדאַרפט דערליידיקן אַלע פאָרמאַליטעטן, וואָס ס'איז פאַרבונדן מיט איבערגעבן מיין דירה און נאָך אַ סך זאַכן...

איך האָב פאַרשטאַנען, אַז צופיל פאַרלירן צייט אויף די אויבנדערמאָנטע ענינים דאַרף איך ניט, ווייל מען קען נאָך, חס וחלילה, האָבן „חרטה", האָב איך אַלץ געמאַכט „בקיצור"; באַשטעלט פלעצער אין אַעראָפּלאַן און אַרויסגעפלויגן פון ווילנע קיין מאָסקווע און פון דאָרט קיין ווין, שוין נאָך 7 טעג נאָך דעם ווי מיר האָבן באַקומען די דערלויבעניש אַרויסצופאָרן.

די שטימונג צו דער רייזע איז געווען אַ געהויבענע, כאָטש די רייזע אַליין, מיט צוויי קליינע קינדער, איז געווען אַ שווערע.

אַזוי זיינען מיר ענדלעך אָנגעקומען אין אונדזער געווונטשענעם לאַנד אין אַפּריל 1971.

# זוכצעטל פון נעמען


א

אַנטאַנינאַ, אַנטאַנאַוונאַ 18, 22
אַלכאַוו, פּירשט 19, 21
אַנאַ, באַריסאַוונאַ 19, 21, 22
אסתר, שוועסטער 24
אַקלאַנסקי, רב, אבנר 35, 41, 42
אַרדמאַן 36
אַגינסקי, פּירשט 37
אייזיק, רב 43
אַסאַווסקי, יודל 44
אַלשוואַנגער 64
אַלקין, לוסקע 98, 111, 162, 170, 172,
אינדיכשטיין, יוסף 83, 88, 111, 258
אינגעל, שמואל 111, 119, 120, 121, 127
130, 131, 133, 136, 137, 138, 159
איידלסאָן, שמעון 119, 120, 121, 240
איידלמאַן, יודל 121, 241, 330
אַראַן, חיים 125
אופּניצקי, משה 161, 162, 170, 171, 172
איינפּאַנט 170
אַבראַמאַוויטש, שלמה 176, 291
איליא (קאַמאַנדיר פון אַטריאַד „סוואַ־
באַדנאַיאַ ליטוואַ") 183
אַנאַטאַלי 190
אַלעקאַס („באַקטיס") 193
אַרלאַוו 199, 243
אַבראַמאַוויטש, פייגע־לאה 213
איציקסאַן, נתן 214
אַנצעל, יהושע 230
איצקוטיס 255, 257, 258 (זע מיקלי־
שאַנסקי)
אוריאַש, ריווע 260, 262
אַפּאַנין 272, 346
אַרלאַוואַ, ליזאַ 302, 303, 305
איוואַנאַוו 328, 329
אייזענאַס 343
אַלעקסאַניס 368

ב

בליאַנקעט 24
בורבאַ 34
בלאַך, יוסף־לייב, רב 35
בלאַך, יצחק, רב 35
בלאַך, אליהו־מאיר 36
בלאַך, שמעון 127, 128, 130, 132, 143
162, 213, 281, 283, 285, 290, 302,
326, 330, 362, 363, 376
בלאַך, רבקה 127, 140, 143, 162, 213,
215, 330, 376
באַמבערגער 36
באַקשפּאַן, חיים 36
באַלין, יצחק 37, 38
באַריס, ברודער 43
באַלין, מאַשע 37
ברוין, שלמה 97
בערמאַן, ירחמיאל 102, 103, 260, 262,
286
בירגער, שלמה 180, 214, 240
בלאַשטיין, בריינקע 109, 210, 230,
247, 250
„בוטענאַס" 111, 163, 345
באַלעניונאַס, פּראַנאַס 111, 112, 258,
285
בערמאַן, חיים 176, 240
ביעלאַקאַוו, סאַשאַ 117, 178, 278, 279
באַרוכאַוויטש, יצחק 180
ברויער, שלמה 180, 330
באַריס, (דער קליינער) 221
ברענער, זלמן 230
באַראַן, שלמה 230, 280, 285, 288, 296
בראַוואַ, משה 230, 300, 301
בראַון, אברהם־צבי ה, 13, 230, 392
בוריק, מאַטל 230
בעלקין, מישאַ 237
בערמאַן, רחל 250, 319
ביעלאַוסקאַס 314, 315, 316, 325, 346,
371
באַנדער, סטאַרשינאַ 332
באַריסאַ 368
באַראַוסקאַס, אַלעקאַס 380

ג

גאַרעליק 23
גאָלדשמידט, שלמה 31, 37

גראַדזענסקי, אברהם, רב 43
גאָלדפוס, חיים 53
געלפערן, דימע 93, 94, 95, 106, 107, 205, 206, 350
גלעזעריטע („אַלבינע״) 95, 110, 165, 169, 206, 214, 222, 223
גאָלדין, דוד 104, 119, 120, 127, 137, 138, 140, 142, 162, 180, 273
גאָלדבלאַט, ישראל ח, 104, 121, 180, 214, 215, 222, 223, 231, 232, 241, 243, 244, 249, 250
געמפעל, לייב 104, 180, 194, 195
געמפעל, שרה 230
גאָרדאָן, פסח 107, 111, 163, 176, 188, 189
גלעין (געכטל), חיים ח, 13, 121, 214, 392
גליקמאַן, ראובן 121, 230
גערבער, משה 127, 128, 130, 131, 133, 136, 137, 138, 162, 214, 215, 220, 221
גען, הירש 127, 137, 138, 162
גריגאָניס („וואַנאַגאַסאַס״) 163
גאַפאַנאָוויטש, אהרון 176, 330
גאָלדשטיין, קלמן 180
„געניס״ (פושאַקאָוו) 233, 236
גאָרדאָן, רבקה 190
גראָסמאַן 205
געגוזשינסקי 207
געקע 211
גיטלין, ישראל 214
גופר, ברוך (גרודניק) ח, 214, 230, 292
גאַנעלין,ביילע 230
גאַבריס (מיצייקאַ) 234, 236, 273, 379
גרייטאַס (באַראוסקאַס) 234, 273
גאָלדבערג, מאָטיס 250, 291
גריגאָלאָוויטשיוס 342, 348
גריגענאַס 342
גרידין 342, 343
גוטקאָוויטש 348, 349
גרינבערג, מאיר 352

## ד

דוניא 22
דאָמב, משה 45
דוריצקיס, דוריס 48
דימיטרי (וואַסילי) 88, 91
דרוליא 129, 130, 158, 285
דאַווידאָוו, דימקע (פּאַרפּיאַנאָוו) 184, 185, 192, 219, 276, 278
דיסקאַנט, רבקה 230, 233
דיסקאַנט, אבא 126, 241, 243, 244, 249, 250, 260, 261, 262
„דיאַליס״, איסער שמידט 233
דייטש, מענדל 239

## ה

העלמאַן, רב 24
האָלצבערג, מאָניק 35, 180, 182
האָלצבערג, יוסף און בענאַ 35
העלפאַנט, פּנחס און אפרים 36
הירשאָוויטש, נחמן, רב 36, 73
האָלצמאַן, יעקב 180, 240
הערצמאַן, מאיר 325, 361, 362

## ו

ווילענסקי 18
וועסלער 35
וואָלאָדיאַ 20
וויגדער, חיים 36
וואַסיאַ 89
וויינער 106, 204, 213
וואָלסאָנאָק, ד״ר 113, 118, 161
ווילענטשוק, אַראָנטשיק 121, 369
וואַסיאַ (סטודענט) 179, 180, 181
וואָלבע, חיים און פסח 180
ווינאָגראַדאָוו, קאַלקע 194, 195
וויינער, מידע 213
ווילענטשוק, אידע 213, 216, 369, 370
ווערשאַווסקי, שיקע 215
וויינער, פאַניאַ 230
וואָלק 240
ווינישעסקי, טייבעלע 240
וואיצעקאוסקאַס, אַלעקסאַס 307, 308, 309

## ז

זאָלאָטאַריעוו 23
זילבערשטיין, מאיר 81, 82
„זיעלאָנאַיאַ, וויעראַ״ 25
זימאַנאַס (יורגיס) 108, 169, 343, 379, 380, 382

זימילעוויטש, משה (דער „פּאַק") 111, 119, 120, 121, 124, 372
זאַלינגער 124, 125, 131, 137
זילבער, לייזער 176, 189, 330
זיג, ישראל 180, 194
זשווירבליס (מאַנאַטשינסקאַס) 182, 185
זופּאָוויטש, יודל 212, 248
זומעריס, פייגעלע 215
זילבערמאַן, פייגעלע 215
זייצעוו, ל. 220, 230
זעלצער, ראובן 248

## ח

חיים־ראובן, דער טראַגינער 44, 45, 71

## ט

טווערסקי, שורקע 19
טשערייקין 22
טאַראַנדאַ, לאַזאַר 24, 27, 28
טראַצקי, לעוו 26
טראָפימאָוו, פּיאָטר (איגנאַס) 96, 184, 207, 208, 216, 226, 231, 245, 250, 252, 258, 266, 269, 270, 284, 366
טעטשנער 96, 100
טייגאָוויטש, רחל 101, 102
טעפּער, אַלטע (באָרוכאָוויטש) ח. 107, 125, 213, 216, 238, 250, 330, 377
טינט, זאַיאַ 176
טייגאָוויטש, מאיר 176, 239
טעפּער, דוד 180, 183, 238, 330
טרושין, מישאַ (לייטענאַנט) 188, 252
טאַליק 194, 195
טשעפּאַניס 208, 368, 369, 370
טאַראַטאַצקי, מאָטל 230, 240
„טאָמאַס" (באַלעסלאָוואַס טשעפּינסקאַס) 309, 310, 318, 319, 320, 321, 322
טשערניכאָווסקי, איוואַן (גענעראַל) 347
טאַמבאַוועצע 355

## י

יפה, יצחק 34, 36
יפל, משה 36
יאַושיץ, רבקה 36
יאַרדאַן 84
יוסף 43
יעלין, חיים 91, 94, 98, 105, 107, 111, 112, 117, 122, 127, 129, 159, 161, 162, 173, 176, 178, 180, 203, 204, 206, 214, 215, 221, 222, 223, 224, 225, 226, 227, 235, 245, 246, 249, 250, 252, 260, 272, 273, 348, 350, 360, 365, 366, 367
יודעלעוויטש, שלמה 99, 101
יאָסעלעוויטש, אסתר 100
יודעלעוויטש, אַרטשיק 101, 108
יאַנוקאַס 141
יאַקאָבסאָן, שמאי (סיאַמקע) 165
יוכניקאָוו, יצחק 176, 187, 330
יורקע 177, 178, 253, 254, 255, 256, 257, 274, 275, 276, 366, 369, 370
יורגיס (זע זימאַנאַס) 192, 193, 206, 208, 217, 220, 222, 234, 235, 236, 245, 246, 252, 253, 254, 258, 259, 268, 277
יאַראָש, דוד 230
יורגעלעוויטש 238, 239
יעלין, מאיר 30, 352, 366
יצחקי (געלבטרונק), מיכאל ח. 392

## כ

כ"ץ, מאָטל, רב 35
כ"ץ, רחל 104
כאַנענאָוויטש, איצקע 204

## ל

לאה 30
לאַן, חיים 180, 194, 195
לאַן, מערע 107, 238, 268, 270, 345
לאַפּיאַנסקי, ברוך 176, 193, 208, 214, 215, 234, 241, 243, 244, 249, 291
לאַפּייקאַ 110, 102
לאַפּיאַנסקי, רחל 213
לוי, יאנקל 226
לוי, עזריאל 127, 137, 138, 140, 143, 162
לוי, שיינע 230
לוקיאַנאָוו, מישקע 280, 281, 282

ליסאוסקייטע 269
ליפמאַן, חיים 103, 351, 352, 353, 354
ליפקאָוויטש, מאָטל 230, 330
ליפצער 103, 106, 123, 163, 202, 204, 248
ליפשיץ, יצחק 180
ליפשיץ, יהודה 230
ליפשיץ, רחל 230
למדן, רב 30
לעווין, בערל (דב) ח, 230, 278, 392
לעווין, הירש 106
לעווין, יאַנקל (אַנטאַנאַס) 250, 253, 255, 257, 258, 260, 263, 265, 269, 285, 287, 296, 318, 320, 321, 333
לעווין, משה 106, 212, 248
לעווין שיינע 297
לערנער, שולמית 250
לעשצינסקיענע, מאַריאַ 258, 263, 265, 285

## מ

מאַכנאַ, אַטאַמאַן 25
מרים 43
מענדעלאָוויטש, יצחק 44
מאַלאַטער, אליהו 45
מאַרקאָווסקי, דוד 50, 106
מינץ, פּראָפעסאָר 55
מילונציק 71
מעססיע, יאַשע 76
מיטיאַ 89, 328
מאַרקאָוו 90
מוסעליס, משה 98, 110, 173, 206
מאַרגאַליס 106, 128, 204, 225
מאַרדקאָווסקי, שמואל 123, 124, 126, 127, 130, 131, 132, 135, 140, 144, 146, 150, 152, 159, 169, 176, 177, 186, 193, 203, 214, 222, 236, 291
מעשקופּ, חנא 127, 133, 137, 139, 143, 162
מיקלישאַנסקי, יצחק (איצקוטיס) 129, 291
מאַיאוסקאַס 142, 143, 144, 145, 148, 151
מאַרקאָווסקי, מיכאל 165
מעסקופּ, איציק 165
מילנער, משה 176, 211, 220
מישקע 177, 178, 366, 369, 370
מאַגידאָוויטש, משה 180, 187
מאַיראָוו, מישקע 194
מאַשקאָוויטש 297
מייסטער 214
מישקאַ (קאַפּיטאַן) 216, 218, 307
מאַזעס, לייזער 230, 392
מלמד, יוסף 230, 392
מאַנייסקין 240
מאַרשאַק 249, 260, 262
מאַנייסקי 260, 261
מאַלינאַוסקאַס 290

## נ

נתן, ברודער 19, 30, 43
נוימאַן, ווילהעלם, פּראָפעסאָר 55
נאַגעוויטשיוס, גענעראַל 112
„נאַקטיס" (אַלעקאַס) 193, 234, 273
נעמזער, יצחק 230, 237
נאַדעל, חיים 230
נאַגאַראַטאַניס 243
נאַזאַראַוו, פעדיאַ 294
נאַוויצקאַס 371, 373, 374

## ס

סידזיקאַוסקאַס 62
סוכאָוו, פּאַלקאָווניק 62
סעניאַר, אפרים 92, 214, 392
סאָפּאָזשניקאָוו, מנשה 103, 249, 260, 262
סאַלאַנסקי, משה 158, 161
סאַלאַמין (זע פּעטראָוויטש) 170, 333, 334, 365, 367, 368, 371, 372
סעגאַל, יצחק 176, 189, 203, 210
סעמיאַנאָוו, קאַרפּ 194
סענקעוויטש 198
סאַנקין 203
סטערליץ, אסתר 213
סאַדאָווסקי, פסח 214
סופר, גרישאַ 214
סטאַנקעוויטש 220
סיסניצקי, יאַנקל 230, 240
סעניאַר, לאה 230
סעריאָזשאַ 239
סאַנדלער 240
סטאוגייטיס 255
סוסלאָוו 245, 346
סניעטשקוס 347, 355, 372, 382, 389, 391, 392
סווישטשאָוו 359

## ע

ענדלין, יעקב 27
ענדלין, נחמיה 33, 124, 125, 126, 127, 180, 205, 214, 344, 361, 377, 378, 379, 386, 393, 394
ענדלין, מאַשע (זע יאָווישיץ מאַשע) 36, 51, 53, 54, 176, 179, 180, 188, 189, 191, 202, 218, 294, 296, 386, 387, 393
עזראַכאָוויטש, בן־ציון 45
עלקין, אברהם 99, 100
עדיק 194, 195
עזראַכאָוויטש, מערי 202
עקמאַן, לאַלאַ 230, 240

## פ

פשעדמייסקי, רב 30
פאַליוניק, לייבע 34
פאַליוניק, משה, רב 34
פרידמאַן, משה, רב 34
פאַגרעמאַנסקי, יוסף און מאַטל 36
פערסקי, בערע־מוישקע 53
פישער 75
פערציקאָוויטש, ד״ר 84
פינקעל, שואל 91, 98, 111
פייטלסאַן, אלתר 104, 128
פייטלסאַן, סימאַ 230, 232, 377
פאַדיסאַן, פרץ 106, 190, 252, 364, 365
פאַרט, לאה 111, 119, 120, 121, 127, 136, 137, 138, 159
פאַרט, משה 120, 121, 365
פערלשטיין, ד״ר 121, 123
פיטלער 141, 142, 151
פענאַגען 170
פאַליאַ 179, 180, 181, 240
פאַדיסאַן, חנא 180
פעטראַס (יוזאַפאַוויטשוס) 193, 234
פאַווילאַוויטשוס, 206, 207, 231, 250
פאַגער, גיטה 213, 392
פילאַוואַניק, אידא 213
פאַסטערנאַק, מיכאל 214
פעלדמאַן, פישל 214
פרידמאַן, טוביה 214
פיין 214
פושייטע (זינקיעוויטשוטע), וואַליאַ 222, 223, 224, 226, 235, 308
פוטשקאַרניק, משה 230
פעדיונין (לייטענאַנט) 237
פאַבראַווסקי 240
פעטושקאָוו 240, 336
פעטראַוויטש (זע סאַלאַמין) 252, 266, 267, 268, 269, 270, 271, 273, 277, 280, 287, 294, 295, 296, 298, 301, 304, 307, 308, 316, 318, 319, 320, 321, 324, 326, 329, 331
פיאַדאַראַוויטש, איוואַן 269, 270
פוסטעלניקאָוו 270
פראַסילענקאַ, סאַשקע 280
פעטשוריס, פראָפעסאָר 348
פרייקשאַס 350
פאַלעצקיס 362
פאַראַדאוסקאַס 389

## צ

צפנת, אהרון (קוזמיצער) 44
צאַדיקאָוו, לייזער 111, 121, 124, 176, 186, 291, 302
צייקאַ, קאַפיטאַן 237, 294, 295, 301, 303, 307, 317, 326

## ק

קאַפיסקאַי 18, 23
קאַכאַנאַווסקי 22
קאַראַק 24
קאַפיסקאַי, ראַזאַ 266
קאַפלאַן 36
קורקלער, בנימין, רב 43
קוסעלעווסקי, אליהו 45
קיירוקשטיס, פראָפעסאָר 50
קאַסאַקייטיס 51
קנעבל, ראובן 96
קאַדישקע 99
קאַפלאַן, משה 108
קאַגאַן, חנא 110, 159, 161, 190, 214, 224
קאַטיאַ 170
קרוגליאַקאָוו, גרישע 170, 184, 214, 221, 222, 223, 224, 226, 235, 245, 246
קאַלקע 177, 178, 366, 369, 370
קליבאַנסקי, לייזער 180, 181, 194, 236
קאַווע, יאַנקל 214, 236
קאַבעלאַנץ, כתריאל 230
קאַט, בערל 230
קאַמאַי, צביה 230
קאַגאַן, רבקה 234, 316
קראַוויץ 240
קאַפלאַן, דניאל 250
קאַרעצקי, מישקע 277, 278
קאַפיט, צביה 280, 285, 296
קראַקינאַווסקי, פיניע 303, 317
קוזמא 328
קאַנטאַראַוויטש, ד״ר 351, 352
קוריס 355
קוטשינקאַס, יוסטאַס 362
קאַזלאַוסקאַס 373, 374
קולוויעטיס 375
קליאַטשקאַ, פרץ 378, 379, 380

## ר

ראַבינאַוויטש 18
ראַבינאַוויטש, יוסף 34
ראַבינאַוויטש, חיים, רב 34, 35
ראַבינאַוויטש, עזריאל, רב 35
ראַזין, חיים 36
ראַפאַפאַרט, דוד, רב 43, 44
ראודאַנסקי 64
רובינסאַן, שרה 102, 176, 177, 193, 197, 198, 206, 214, 222, 361
רובינסאַן, משה 102, 176, 189, 191, 192, 193, 363
ראַטנער שמעון 106, 260, 261
ראַטנער, חיים־דוד 106, 111, 126, 179, 206, 227, 230, 232, 234, 235, 236, 237, 294, 318, 320, 321, 233

ראָם, חיים 108
ראָם, אליהו 108
ראַדיאָנאָוו, קאָסטיאַ 161, 162, 169,
170, 173, 178, 184, 185, 193, 216,
234, 238
ראָסטאָווסקי 202, 203
ראַטנער, יאַנקל 214, 330
רייכמאַן, משה 214
ראָזין, יוסף 214, 219, 392
ראָזין, שמואל 214
ראַטנער, אסתר 233
רייכמאַן 240
רוטאַ 302, 305
רענטעלין 366

## ש

שקורא, גענעראַל 24
שוואַרצמאַן 24, 26
שמשון, משה, רב 34
שוואַרץ, בלומע 34
שור, יוסף, רב 34
שור, מרים 37
שער, אייזיק, רב 43
שולמאַן, מאָטל (טיקטינער) 44
שקאָפּ, גדליה (מאַלאָטער) 45
שלאָמאָוויטש, משה 45
שלאָמאָוו, שמואל 45
שערף, ד"ר 55
שטאַרק, יהודה 57
שאָטער, פסח 82, 91, 244, 285, 352
שאָוולאָן, וועלוול 83, 92, 96, 202,
203
שומאוסקאָס 90
שערמאַן, משה 107, 176, 238, 330,
378
שלמה'קע 102
שאָטער, אירא 109
שמואלוב, חיה 121, 180, 188
שוסטער, וועלוול 127, 133, 139, 143,
157, 163
שטראָם, זוניע ח, 176, 193, 206, 208,
214, 330, 361
שטראָם, אסתר 213, 330
שטערן, בערל 180
שמוליאקאָוו, הירש 180
שער, ליאָווע 190
שערמאַן, אידעלקע 194, 236
שפּיכאַלסקי 198
שאַפּיראָ 205
שפּערלינג, זשאָן 207, 214, 235, 278,
279
שייפּער 210
שולמאַן, איטע 213
שטראָם, מיכאל 214
שילין, שכנא 230
שניידער, באָריס 253
שוואַרץ, ליבעלע 260, 262
שאַראָס 308, 309
שטערן, ב 330
שערעשניעווסקי, בערל 349
שאַפּירא, ח. נ. ד"ר 351
שפר, צבי 392
שקאָדין 355
שטאַראַס, פּאַווילאַס 365, 367, 368,
369, 370
שאַרמייטיס 365, 270
שמיץ, האופּטשטורמפירער 366
שמאלי, מלכה 378

## ת

תלפּית, שאָצע 34